STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02593

# ALE VERK

## Sholem Aleichem

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by David Bern*
*in memory of*
*Israel Bernbaum*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַלע ווערק

פון

# שלום עליכם

פאַרלאַג

בוענאס אירעס

1956

OBRAS COMPLETAS DE

# SCHOLEM ALEIJEM

TOMO XI

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
E D I T O R I A L "I C U F"
BUENOS AIRES, 1956

Queda hecho el depósito que marca la ley.

*Copyright by the*
*Estate of Olga Rabinowitz*
*New York*

# אַלע ווערק
פון
# שלום עליכם

*

## באַנד XI

ע ר ש ט ע  ב ו ך
**ז ו מ ע ר ־ ל ע ב ן**

צ ו ו י י ט  ב ו ך
**מעשיות און פֿאַנטאַזיעס**

# זומער־לעבן

# אינהאַלט

גלות דאַטשע — — — — — — — — — — — — 11
אין די וואַרעמבעדער — — — — — — — — — — 64
מאַריענבאַד — — — — — — — — — — — — — 101

# גלות דאַטשע

## א.

(מע כאַפּט מיט אַ מאָל די גראָבע עטלעכע טויזנטער, מע טרײַבט אַרויס דעם קבצן,
און דאָקטוירים הייסן פאָרן קיין בױבעריק אױף אַ דאַטשע.)

פרעגט מיך נישט, ווי אַזוי, ווי אַרום, מיט וואָסער זכות־אבות, מיט וועלכע צרות און אַנגסטן, מיט וויפל דולעניש און קאָפּ־דרייעניש, — נאָר איך האָב ערשט הײַנטיקן פאַר־פּסח, געלויבט איז השם־יתברך, דורכגעשלאָגן אַ געשעפטל און געכאַפּט אַ שיין פאַרדינסטל, מיט אַ מאָל גראָבע עטלעכע טויזנטער.

אַז מע כאַפּט מיט אַ מאָל די גראָבע עטלעכע טויזנטער, נעמט מען זיך קודם־כּל צום דלות, אַרויסטרײַבן דעם קבצן פון שטוב; מע וואַרפט אים אין קאָפּ אַרײַן אַ בענקל, אַ נײַע קאַפּאָטע, אַ קישן, אַ פּאָר קאָלדרעס, אַ טוץ טעלער, אַ שטיק מאַטעריע, אַ פּאָרטעפּיאַן, — וואָס עס קומט אין האַנט, פליט אים אין קאָפּ אַרײַן! הכּלל, איך האָב מיט גאָטס הילף אַרויסגעטריבן דעם קבצן צו אַלדי שוואַרצע יאָר, זיך אַרומגעצאָלט מיטן קצב, מיטן קלייטל, מיטן מלמד און מיט אַלע איבעריקע קרעדיטאָרן אַרום און אַרום, און מיר האָבן געהאַט אַ פּסח — אױף אַלע מײַנע ליבע געזאָגט געוואָרן! די שענסטע מצות, די בעסטע פיש, די טײַערסטע ווײַנען, די נײַסטע מלבושים, די פעטסטע קניידלעך (און אין שול די פעטסטע עליה) איז געווען בײַ מיר! עס האָט אונדז אָבער גיך פאַרשאַדט, לא עליכם, אַ כאַפּ געטאָן דער מאָגן. האָט מען אָנגעהויבן רופן דאָקטוירים. האָבן די דאָקטוירים אָנגעהויבן שרײַבן רעצעפּטן. נעמען געלט און געבן עצות, אַז איך און מײַן ווײַב און מײַנע קינדער באַדאַרפן האָבן „לופט",

אַן לופט קאָן אַ מענטש ניט אויסקומען אַפּילו אַ שעה (אַזוי זאָגן די דאָקטוירים), און ס'איז געבליבן, אַז תיכּף נאָך שבועות, ווען עס הייבט זיך אָן דער זומער, פאָרן מיר אַרויס קיין בויבעריק אויף אַ דאַטשע שעפּן לופט.

דעם אמת זאָגנדיק, נישט אַזוי די „לופט" האָט אונדז געצויגן קיין בויבעריק, ווי דאָס בויבעריק אַליין. פאָרן קיין בויבעריק און זיצן אויף אַ דאַטשע איז בײַ אונדז אין יעהופּעץ אַ גאַנצער עסק און אַ גדלות, כּמו ווי, למשל, ווײַבע פאָטעלן מיט האַרטע „ספּרינזשינעס", וואָס קיינער זיצט נישט אויף זיי, און אַ פאָרטעפּיאַן זאָל שטיין אין זאַל, כאָטש ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל שפּילן אויף אים, וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס הײַנט איז דאָס די גאַנצע מאָדע. בײַ אונדז אין יעהופּעץ, אַז צוויי באַגעגענען זיך תּחילת זומער, איז דאָס ערשטע:

— ווּהין פאָרט איר הײַנטיקן זומער?

— קיין בויבעריק, ווּהין דען זאָל מען פאָרן? נו, און איר?

— קיין בויבעריק, ווּהין דען זאָל מען פאָרן? האָט איר שוין אַ דאַטשע?

— נאָך אַ מין דאַטשע! נו, און איר?

— נאָך אַ מין דאַטשע! ווּ איז אײַער דאַטשע?

— אויפן קרעשטשאַטיק, געזווײַנטלעך! נו, און אײַערע?

— געוויינטלעך, אויפן קרעשטשאַטיק...

און אַזוי ווײַטער.

## ב.

(אַרײַן אין גן־עדן. — די מעקלערס פאַרשטערן אונדז אַביסל דעם גן־עדן.)

תּיכּף נאָך שבועות האָבן מיר זיך אויפגעזעצט מיט מײַן ווײַב אין באַן און געקומען קיין בויבעריק דינגען אַ דאַטשע. דער גרינער וואַלד, די פרישע לופט, דאָס פישטשען פון די פייגעלעך און די צוגעקליבענע דאַטשעס, וואָס איטלעכע פון זיי זעט־אויס ווי אַן אויסגעפּוצטע כּלה, וואָס קוקט אַרויס אויף אַ חתן, האָט אונדז פאַרכשופט, אַז עס האָט זיך אונדז שוין כּמעט נישט געגלוסט אָוועקצופאָרן פון דאַנען צוריק, אין

דעם טומלדיקן יעהופּעץ מיט די ברענענדיקע שטיינער, מיט די שיינע ריחות, צום מיינסטן — באנאכט.

— וואָס זאָגסטו, חיה־עטל, דערויף? — רוף איך זיך אָן צו מײַן ווײַב.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — מאַכט צו מיר מײַן ווײַב. — אַ רוח אין געלטס טאַטן אַרײַן!

— אפּגים, — זאָג איך — אַז אונדזערע יעהופּעצער אַריסטאָקראַטן וויסן טאַקע וואָס גוט איז? ממש אַ גן־עדן!

— עס זאָל זיי נאָר פאַרשטערט ווערן! — זאָגט זי אין גוטן מוט, און מיר שפּאַצירן אַרום אין גן־עדן, ווי אדם הראשון מיט דער מוטער חוה, איידער זיי האָבן פאַרזוכט פונעם עץ־הדעת...

נאָר אביסל האָבן אונדז פאַרשטערט דעם דאָזיקן גן־עדן די בויבע־ריקער מעקלערס, וואָס האָבן אונדז געפּירט אָנקוקן דאַטשעס. איטלע־כער האָט אונדז געשלעפּט צו זיך אָנקוקן זײַן דאַטשע; זײַנע איז בעסער, זײַנע איז שענער, זײַנע איז וועלוועלער. צווישן די דאָזיקע מעקלערס איז געווען איינער אַ שוואַרצער מיט אַ בײַטש און מיט אַן אונטערגעשלאָגן אויג, און איינער אַ בחור אַ רויטער מיט אַן אויסגעקרימט פּנים. האָט אונדז דאָס רויטע בחורל מיטן אויסגעקרימטן פּנים געכאַפּט פאַר די פּאָ־לעס און שלעפּט אונדז. רופט זיך אָן צו אונדז דער שוואַרצער, וואָס מיטן אונטערגעשלאָגענעם אויג, און כאַפּט אונדז אָן בײַ די הענט:

— מיט וועמען ווילט איר גיין? מיט איוואַן פּאַפּעריליע? ער וועט אײַך פאַרפירן אין דער שאול תחתיה אַרײַן!

— דו וועסט נישט אנשטומט ווערן, דו שוואַרצער קאָטער? — מאַכט צו אים דאָס רויטע בחורל. — אָט מאַך איך דיר צורעכט דאָס אַנדערע אויג!

און נישט לאַנג געטראַכט, טוט ער אַ שפּרונג צום שוואַרצן גלײַך אין פּנים אַרײַן. פאַלט אָן אַף אים דער שוואַרצער מיט דער בײַטש און צעבלוטיקט אים, און שרײַט, אַז ער וועט אײַנגעבן אַף אים צום אוראַד־ניק, און אונדז וועט ער שטעלן פאַר עדות. דערהערט דאָס וואָרט „אור־ראַדניק", מאַכן מיר זיך אוועק פון זייערע הענט און אַנטלויפן, ווו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט.

## ג.

(דאָס אַריבערפֿאָרן פֿון יעהופּעץ קיין בויבעריק. — קלײנע צרות און גרויסע בזיונות.)

דאָס פֿאָרן פֿון יעהופּעץ קיין בויבעריק איז אַ קלײניקייט; עס געדויערט סך־הכּל אַ האַלבע שעה. נאָר דאָס אַריבערפֿאָרן פֿון יעהופּעץ קיין בויבעריק אויף דער דאַטשע מיט װײַב און קינדער, מיטן בעטגעוואַנט, מיטן פֿלײשיקן און מילכיקן געפֿעס און מיט אַלע איבעריקע בעבעכעס — װינטש איך װי איך האָב ערגעץ אַ שונא! פֿון דער ערשטער מינוט, װאָס איר הייבט אָן צונויפֿלייגן זיך אין װעג אַרײַן, װערט דאָס װײַב צעטראָגן, נערװעז מיט סכּנת־נפֿשות! טשעפּעט זי ניט דעמאָלט, װעט איר בעסער מאַכן. אָט האַלט זי, דאַכט זיך, די שליסעלעך אין האַנט, דרייט זיך אַרום און שטייט אויף איין אָרט און שרײַט: „װוּ זײַנען ערגעץ מײַנע שליסעלעך? די שליסעלעך? װאָס איז דאָס פֿאַר אַ שטוב, װאָס מע לייגט נישט אַוועק, סטײַעט עס ניט! מע זאָל נאָר באַהיט און באַוואָרנט װערן פֿון אַזאַ שטוב און פֿון אַזעלכע קינדער! ס'איז דען קינדער? טײַוואָלים איז דאָס, רוחות, שדים, ניט קיין קינדער!"...

און די קינדער האָבן אַ טבע, טאָמער דערזעען זיי, אַז מע איז שטאַרק פֿאַרנומען, אַזוי הייבן זיי זיך אָן פּלאָנטען פֿאַר די פֿיס, — כאַפּן זיי אַ שטורך, אַ װאָרף, אַ זעץ; װערט אַ געװיין, אַ געשריי, אַ געפּילדער — אַ ריינער גיהנום! הײַנט דאָס פּאַקעװען זיך! אַ װערטעלע אויסצורײדן — קיין עין־הרע, אַ גאַנץ בעל־הבתּישקייט צונויפֿלייגן, אײַנפּאַקעװען, אײַנבינדן, נישט פֿאַרגעסן קיין קלײניקייט! און װי אויף צו להכעיס, דעמאָלט װען ס'איז שױן אַלצדינג אָפּגעשיקט געװאָרן אין באַגאַזש, קוקט מען זיך אַרום, אַז מע האָט פֿאַרגעסן אַרײַנלייגן דעם װײַבס היטעלע מיט די קװייטן, דאָס שטײַגל מיטן קאַנאַריק, דאָס טינטערל פֿונעם טיש, שטעקלעך און זאָנטיקלעך, וכדומה אַזעלכע נאַרישקייטן, װאָס בלײַבן תּמיד אויפֿן סוף, און דעם קוימען פֿונעם סאַמאָװאַר אויך בתוכם.

— װאָס װעלן מיר טאָן אָן אַ קוימען? — שרײַט דאָס װײַב. — װוּ װעל איך נעמען אַ היטעלע אויף דער דאַטשע, און װאָס װעט זײַן מיטן פֿייגעלע נעבעך, — עס װעט אַ כּפּרה װערן?!

בקיצור, מע מוז דאָס אַלצדינג נעמען מיט זיך אין די הענט אַרײַן.

נאָר ווער איז דער נעמער, אַז אַלע הענט זײַנען פאַרנומען, אַלע זײַנען אָנגעלאָדן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט קוישלעך, פּודלעך, פּעקלעך און בינטלעך? מוזט איר זיך שוין אַליין מטריח זײַן (אַ ברירה האָט איר?) און נעמען, איך בעט איבער אײַער כבוד, דעם קוימען פונעם סאַמאָוואַר אין איין האַנט, און דאָס שטײַגל מיטן פייגעלע אין דער אַנדערער האַנט. וואָס זשע טוט מען מיטן היטעלע און מיט די איבעריקע שאַלעמויזן? פאַלט איר אַף אַן עצה און נעמט מחילה דעם קוימען אונטער דער האַנט און דאָס היטעלע אין האַנט אַרײַן, אַזוי עס זאָל זיך נישט צעקנייטשן; און דאָס טינטערל? דאָס טינטערל רוקט איר אַרײַן אין קעשענע, און איר זעצט זיך אויף מיט צרות אַף דער פור, און איר פאָרט מיט אַנגסטן צו דער באַן.

געקומען צו דער באַן, הייבט זיך אָן אַ סדרה: בילעטן. בשום אופן קאָנט איר ניט אויסרעכענען, וויפל איר באַדאַרפט האָבן בילעטן? שטעלט איר זיך ציילן אַף די פינגער: דאָס ווײַב איז נישט אײנס, קיין עין־הרע, אַכט קינדער, זעקס גרויסע — זעקס גאַנצע בילעטן — איז ניט זיבן, צוויי קליינע קינדער — צוויי האַלבע בילעטן — איז ניט אַכט, די באָבע — איז ניט נײַן, דרײַ דינסטן איז צוועלף. פּונקט צוועלף. גוט, וואָס ניט קיין דרײַצן — דרײַצן איז ניט קיין גוטער מספּר... (זיך פאַרגעסט איר רעכענען אין צעטל). — דזין, דזין, דזין! — דער עולם שטופּט זיך, דאָס ווײַב רופט אײַך: „ווּ ביסטו ערגעץ? וואָס באַברעסטו זיך אַזוי לאַנג? מע באַדאַרף נאָך איבער אים פאַרשפּעטיקן!”... און די קינדער העלפן איר שרײַען: „פּאַפּאַשאַ! סקאָריי, סקאָריי! אָפּאָזדאַיעש!”*
איר לויפט אַ פאַרטומלטער אין וואַגאָן אַרײַן און פאַרטשעפּעט זיך מיטן קוימען פונעם סאַמאָוואַר בא דער טיר. פאַלט אַראָפּ דאָס היטעלע מיט די קווייטן. בייגט איר זיך אָן און ווילט דאָס אויפהייבן. גיסט זיך אויס אַף דעם דאָס טינטערל. הייבט אָן דאָס ווײַב צו פײַערן (און איז גע־רעכט): „אַ ריר געטאָן, ווי אַ בלײַען פייגעלע! ווער האָט דיך געבעטן, זאָלסט זײַן אַ גוטער און טראָגן זיך מיט מײַן היטעלע? וואָס וועל איך איצט טאָן אָן אַ היטעלע?”... זאָגט איר דאָך, אַז איר וועט איר קויפן צען היטעלעך, אַבי ס'זאָל זײַן שטיל. זאָגט זי, אַז זי איז אײַך מוחל די

*) טאַטע, גיכער, גיכער, וועסט פאַרשפּעטיקן!

טובות, זי באדארף אײַך אף יניין און נײַנציק כפּרות מיט אײַערע הי־טעלעך! ווערט איר רויט ווי פֿײַער און הייבט אָן צו שוויצן פֿאַר בזיון, וואָרעם עס קוקן אף אײַך פּופֿציק פּאָר אויגן. און אײַערע קינדער אין וואַגאָן צעשלאָגן זיך איבער א פֿענצטער; אַלע ווילן שטיין און קוקן אין איין פֿענצטער! זייער גליק, וואָס ס'איז אין וואַגאָן; איר זאָלט זיך ניט שעמען פֿאַר לײַטן, וואָלט איר זיך מיט זיי גוט אָפּגערעכנט!... גייט־צו־פּלוצעם דאָס קלענערע קינד און זאָגט אײַך: — „פּאַפּאַשאַ! א גדיע סאַנאַלייקאַ?"...*

איר טוט זיך א כאַפּ צום שטײַגל — טרוקן, נישטאָ קיין פֿייגעלע!

איר הייבט אויף, איר זוכט דאָס צווישן די פֿיס, און אַלע קעשענעס: „ווו האָט געקאָנט אַהינקומען דאָס פֿייגעלע? ווען האָט דאָס געקאָנט ארויספֿליִען?"

איינער פֿרעגט: וואָס איז דאָס געווען פֿאַר א פֿייגעלע? און דער אַנדערער פֿרעגט: וויפֿל האָט דאָס געקאָסט? אַנדערע ריידן צווישן זיך שטילערהייט, און אַנדערע שטיקן זיך פֿאַר געלעכטער. איינער א יונגער־מאַן מיט ווײַסע ציין גיט אײַך אַן עצה, אַז תּיכף ווי איר וועט קומען קיין בויבעריק, זאָלט איר קלאַפּן א דעפּעש קיין יעהופּעץ, מע זאָל זוכן דאָס פֿייגעלע, און דער איבעריקער עולם שיסט־אויס א געלעכטער. איר האָט שטאַרק חשק אָננעמען דעם דאָזיקן חכם מיט די ווײַסע ציין פֿאַרן גאָרגל און ארויסשמײַסן אים דורכן פֿענצטער! א גליק, וואָס עס קומט ארײַן דער קאָנדוקטאָר מיטן קאָנטראָליאָר, און אַלע נעמען זיך צו די בילעטן.

אַז עס קומט צו אײַך, פֿרעגט אײַך דער קאָנטראָליאָר, פֿאַר וועמען זײַנען דאָס די צוועלף בילעטן? רעכנט איר אים אויס אף די פֿינגער: דאָס ווײַב, זעקס קינדער גרויסע, צוויי קליינע, איינע אַן אַלטע און דרײַ דינסטן.

— נו, א וואַש־בילעט?* — פֿרעגט ער אײַך און קוקט אף אײַך, ווי אף א רעכטן גנב, וואָס האָט געוואָלט זיך דורכשליטלען קיין בוי־בעריק אָן א בילעט. — גדיע־זשע וואַש, וואַש בילעט??...

---

*) טאַטע, ווו איז דאָס קאַנאַריקל?

*) נו, ווו איז אײַער בילעט?

איך ווער נאָך מער פאַרטומלט. איך זוך דעם בילעט אומעטום. איך קוק איבער קוימען פונעם סאַמאָוואַר און טאַפּ זיך אין דער אונטערשטער קעשענע — ניטאָ מער קיין בילעט! דערזעט דאָס ווייב, אַז איך זוך עפּעס, טוט זי אַ ייך אַ פרעג:

— וואָס איז שוין ווייטער? וואָס האָסטו שוין ווידער פאַרלאָרן? טו נאָר אַ קוק צום גאָלדענעם זייגער? האָסט נאָך אַ זייגער? צי דו האָסט שוין אַ פייג, ניט קיין גאָלדענעם זייגער?!...

— איך האָב נישט פאַרלאָרן גאָרנישט! — זאָגט איך מיט כעס און איך כאַפּ דעם קוימען פונעם סאַמאָוואַר און איך טוט אים אַ שליידער פון זיך דורכן פענצטער:

— אין דער ערד אַריין מיטן קאָפּ!!..

אָט אַזוי, אָדער בדומה אַזוי, איז געווען אויך אונדזער אַריבערפאָרן דאָס ערשטע מאָל פון יעהופּעץ קיין בויבעריק אַף דער דאַטשע.

ד.

(מע ברענגט אונדז צו טראָגן אַף דער דאַטשע פון כל טוב. — עס שטעלן זיך פאַר ייִדן לרוב. — איך ווער באַקאַנט מיטן שוחטס זון.)

מיר האָבן נאָך נישט אויפגעבונדן די פּעקלעך און נישט אַרומגעקוקט זיך, ווי מיר זיינען אין דער וועלט, האָט מען אָנגעהויבן צו טראָגן אונדז אַף דער דאַטשע פון כל טוב: פון עופות און פון אייער און פון קאַטשקעס, פון גאָרטנוואַרג און פון מילכיקס, פון געזאַלצנס און פון געדייכערטס און פון כל מיני סחורות: באַקאַליי, גאַלאַנטעריי און רויכוואַרג, און פון וואָס אַ מויל קאָן אויסריידן.

— וואָס זאָגסטו, חיה־עטל, דערוויף? — רוף איך מיך אָן צו מיין ווייב.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — מאַכט זי — אַ רוח אין געלטס טאַטן אַריין!...

נאָכדעם האָבן אָנגעהויבן צו גיין ייִדן אָן סחורה, איינער אַריין, דער אַנדערער אַרויס, און מיר האָבן גענומען שליסן קענטשאַפט.

— שלום עליכם, אין א גוטער שעה! — רופט זיך אָן א ייִד.

— עליכם שלום. וואָס וועט איר זאָגן?

— גאָרנישט, איך בין א ייִד פון האַליץ. אפשר וועט איר דאַרפן האַליץ, בין איך געקומען צו גיין.

נאָך די ייִדן האָבן אָנגעהויבן גיין ווײַבער זיך פאָרשטעלן: די ייִדענע פון דער מילך, די ייִדענע פון קעז און פוטער, די ייִדענע פון די עופות און די ייִדענע פון די בולקעס, איטלעכע מיט אן אַנדער רעקאָמענדאַציע. און נאָכדעם האָבן זיך א לאָז געטאָן אָרעמע לײַט, פאַרלעך און איינציקווײַז, גבאים און גבאיטעס, כמעט ווי אין באַרדיטשעוו.

— אפנים, — זאָג איך — בא אײַך אין בוּיבעריק איז פאַראַן א היפּש ביסל ייִדן?

— קיין עין־הרע ניט. — רופט זיך אָן צו מיר מיט א שלעפעריק קול אַן אויסגעצויגענער יונגערמאַנטשיק מיט א בלאַס פּנים און מיט א לאַנג זעקל, וואָס ער רופט דאָס „נאַקידקע“, ווי איינער רעדט: ווילט איר, רופט מיך חסיד, ווילט איר, רופט מיך אַריסטאָקראַט...

— וויפל — זאָג איך אים — קאָנען זיך דאָ, למשל, געפינען ייִדן?

— פרעגט בעסער, — זאָגט ער — וויפל קאָנען זיך דאָ געפינען, להבדיל, ניט קיין ייִדן?

— אפנים, — זאָג איך — ס'איז דאָ בא אײַך ארץ־ישראל? ייִדן מעגן דאָ זיצן פראַנק און פרײַ?

— אדרבה, — זאָגט ער — ייִדן טאָרן דאָ ניט זיצן בשום אופן!

— ווי אַזוי־זשע — זאָג איך — זיצט מען דאָ, אז מע טאָר ניט?

— אָט זעט איר דאָך! — מאַכט ער צו מיר.

— וואָס זײַט איר? — טו איך א פרעג דעם יונגנמאַנטשיק.

— וואָס איך בין? — מאַכט ער צו מיר — א ייִד.

— דאָס זעט מען, — זאָג איך — אז איר זײַט חלילה ניט קיין קריסט. איך מיין, ווער זײַט איר?

— ווער איך בין? — זאָגט ער. — איך בין, הייסט דאָס, דעם היגן שוחטס זון.

— מיט וואָס האַנדלט איר? — פרעג איך אים.

— מיט וואָס איך האַנדל? — זאָגט ער. — אפשר וועל איך נאָך אמאָל האַנדלען; לעת־עתה, הייסט דאָס, האַנדל איך נאָך מיט גאָרנישט.

— וואָס־זשע דאַרפט איר?

— וואָס איך דאַרף? איך בין געקומען, הייסט דאָס, אײַך בעטן, אפשר וועט איר עפּעס שענקען אונדזער תלמוד־תורה?

— איר האָט דאָ, — זאָג איך — אין בויבעריק, אַ תלמוד־תורה אויך?

— ע! — מאַכט ער — מיר זאָלן דאָ האָבן אַ תלמוד־תורה, וואָלט געווען גוט!

— האָט איר, — זאָג איך — הייסט דאָס, ניט קיין תלמוד־תורה? אַף וואָס־זשע קלײַבט איר געלט?

— אַף וואָס מיר קלײַבן געלט? אַף דער היגער תלמוד־תורה.

— אַז איר האָט נישט קיין געלט, וואָ־זשע האָט זיך צו אײַך גענומען אַ תלמוד־תורה?

— נו, זעט איר דאָך!...

---

— וואָס האָסטו זיך באַזעצט דאָרטן אויסטענהן מיטן שלום־מזל? — שרײַט צו מיר מײַן ווײַב פון שטוב. — מאָמער וואָלט בעסער געווען אַ סברה, דו זאָלסט זיך ממריה זײַן אַהערצו העלפן אויספּאַקעווען די זאַכן, אויסשטעלן דאָס מעבל אַף דער דאַטשע, אַרײַנשלאָגן צוועקעס אין די ווענט.

איך געזעגן זיך אַפּ מיטן שוהטס זון און לאָז מיך גיין אין שטוב אַרײַן שלאָגן צוועקעס אין די ווענט.

## ח.

(איך שלאָג צוועקעס אין די ווענט. — מײַן ווײַב מאַכט מיך אַביסל באַקאַנט מיט אונדזערע שכנים.)

שלאָגן צוועקעס אין די ווענט — דאָס איז מײַן לעבן! דערזע איך אַ ליידיקע וואַנט, אַזוי מוז איך זי באַשלאָגן מיט צוועקעס פון אויבן ביז אַראָפּ. וואָס זאָל איך טאָן? ס'איז בײַ מיר, אַפּנים, אַזאַ חולאת: איך קאָן ניט זען קיין וואַנט אָן צוועקעס.

— ווער קלאַפּט דאָס דאָרטן? — הער איך אַ קול פֿון יענער זײַט וואַנט.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קלאַפּן וואָס? — הערט זיך אַ קול פֿון דער אַנדערער זײַט.

— אַ גאַנצן טאָג זאָל אַ ייִד האַלטן אין איין קלאַפּן צוועקעס אין די ווענט! — הערט זיך פֿון דער דריטער וואַנט.

— מיטן קאָפּ אין וואַנט! — הערט זיך פֿון דער פֿערטער וואַנט אַ קול פֿון אַ נקבה.

— היהי־עטל! — רוף איך מיך אָן צו מײַן ווײַב. — דו ווייסט ניט, ווער קוויטשעט דאָס דאָרטן?

— פֿאַרוואָס זאָל איך ניט ווייסן? — זאָגט מײַן ווײַב — דאָס באַדאַרף זײַן דאָס ווײַבל פֿון גריידיק, וואָס דער מאַן האָט זי אַוועקגעוואָרפֿן און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. זי האָט קאַליע אויגן, פֿאָרט זי צוויי מאָל אין דער וואָך אין שטאָט אַרײַן צו מאַנדעלשטאַם דעם דאָקטער, און ער ברענט איר מיט ליאַפּעס.

— פֿון וואַנען ווייסטו דאָס אַזוי אַלצדינג? — פֿרעג איך בײַ מײַן ווײַב.

— פֿאַרוואָס זאָל איך ניט ווייסן? — זאָגט זי — איך האָב מיך שוין באַקאַנט כּמעט מיט אַלע אונדזערע שכנות, — די קיכן זײַנען דאָ אַלע אינאיינעם. מיר האָבן דאָ אויף דער דאַטשע פֿון כּל־מאַמינים־שהוא: יעהופּעצער „סטיקראַטען”, נגידים און געמיינע בעלי־בתּים; דו געפֿינסט דאָ אַ שניט־קרעמער פֿונעם פּאָדאָל, אַ שקאָנטיסט פֿונעם קרעשטשאַטיק, אַ מעקלער פֿון בערלינעס, אַ לערער פֿון שטונדן, אַ קאַסיר פֿון אַ מיל, אַן אַגענט פֿון פֿײַער, אַ זינגער פֿון כאָרשול, צוויי סטודענטלעך, דרײַ ווײַבלעך און איינע אַ ליטוויטשקע.

— אַ גאַנצער „זווערינעץ”! — זאָג איך שטילערהייט.

— די ווײַבלעך זײַנען זייער פֿײַנע, לײַטישע ווײַבלעך, פֿרעמדע, ניט קיין היגע, געקומען אַהער זיך קורירן. איינע איז אַ זוועניראָדקער, דאַר ווי אַ שטעקן, הוסט נעבעך גאַנצע נעכט. די אַנדערע איז אַ רעסטאָפּאָליער מיט אַ צוגעמאַכטן פּוס. די דריטע איז דאָס ווײַבל פֿון גריידיק, די וואָס מאַנדעלשטאַם דער דאָקטער ברענגט איר די אויגן מיט ליאַפּעס. און

די ליטוויטשקע איז אויך זייער אַ פֿײַן ווײַבל, האָט צו טאָן, ניט פֿאַר מיר געדאַכט, מיט די ציין, רײַסט זיך אַף די גלײַכע ווענט.

— באַ איר בלײַב עס.

— באַ איר בלײַב עס? וואָס האָסטו צו איר? דו קענסט זי? דו ווייסט זי? זי איז דווקא זייער אַ פֿײַנע, אַ לײַטישע, אַן ערלעכע.

— מעגלעך, — זאָג איך — סע קאָן זייער זײַן.

— וואָס הייסט, — זאָגט זי — סע קאָן זײַן? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שפּראַך „סע קאָן זײַן"?

— שאַ, שאַ!, — זאָג איך, — שרײַ ניט אַזוי. אָן גייט אַהער עפּעס אַ יידענע, שפּרינגט אַף אַ פּוס.

— דאָס איז די רעסטאָפּאַליער מיט דעם צוגעמאַכטן פּוס — מאַכט צו מיר מײַן ווײַב און גייט איר אַקעגן מיט זייער אַ פֿרײַנטלעך פּנים.

## ד.

(אַ ווײַבל מיט אַ צוגעמאַכטן פּוס און מיט אַ סך שלאַפֿקייטן. — זי שיט מיט אַף מיט ווערטער. — איך אַנטלויף אין וואַלד.)

— זיצט, זעצט זיך צו, פֿאַר וואָס זיצט איר ניט? — זאָגט מײַן ווײַב צו יענער, וואָס מיט דעם צוגעמאַכטן פּוס, און טראָגט איר אונטער אַ בענקל.

— אַ דאַנק, איך קאָן באַשטיין! — זאָגט יענע און זעצט זיך אַנידער און שטעלט אַרויס דעם צוגעמאַכטן פּוס און רופֿט זיך אָן מיט אַ זיפֿצל: — איך ווייס ניט, ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אָט דאָס בוי־בעריק? לופֿט־שמופֿט, נעכטיקע טעג! אָט זיץ איך שוין דאָ באַלד אַ וואָך, עס זאָל דאָס מיר אָנהייבן אַפֿילו גרינגער ווערן אַף אָט אַזוי פֿיל! (זי באַווײַזט מיטן קליינעם פֿינגערל, אַף וויפֿל ס'איז איר ניט גרינגער געוואָרן.) די דאָקטוירים זאָלן אַזוי וויסן פֿון זייער געזונט, ווי זיי ווייסן, וואָס מיר איז!

— וואָס־זשע איז אײַער שלאַפֿקייט? — זאָגט דאָס ווײַבל און מאַכט צורעכט דעם צוגעמאַכטן פּוס, — איך זאָל האָבן נאָר איין

שלאפקייט, וואָלט געווען גוט! די צרה איז, וואָס ס'איז ניטאָ די שלאָפ־קייט אָף דער וועלט, וואָס איך זאָל זי ניט האָבן, און פרעגט מיך, וואָס טוט מיר ווי — ווייס איך אַליין ניט! אָט שטיי איך אינאיינעם מיט אַ ווײַבל פון זווענירואַדקע, האָט זי צו טאָן מיט דער לונג. גאָרנישט! ווייסט זי כאָטש, וואָס איר פעלט! צי, אַשטייגער, נעמט דאָס ווײַבל פון גריידיק מיט די קאַליע־אויגן: זי ווייסט, אַז זי באַדאַרף פאָרן צוויי מאָל אין דער וואָך צו מאַנדעלשטאַם דעם דאָקטער, און מאַנדעלשטאַם דער דאָקטער ברענט איר מיט ליאַפּעס, און אַן עק! צי, למשל, די ליטוויטש־קע, וואָס רײַסט זיך אָף די ציין. ס'איז טאַקע אוודאי זייער ניט גוט, אַז ס'טוט ווי אַ צאָן, ובפרט נאָך, אַז עס רײַסט איר, ניט אין מײַן מאָס, אָט דער גאַנצער קאַסטן! ס'איז גאָר אַ סברה, אַז ס'איז באַ איר אַ רע־מאַטיז אַזעלכער, ניט פאַר מיר געדאַכט. פון אַ פאַרקילונג איז דאָס איר געקומען. אין באָד האָט זי דאָס געכאַפּט. און איצט רײַסט זי זיך אָף די גלײַכע ווענט. איך בין שטאַרקער פון אײַזן, אַז איך האַלט אויס אירע געשרייען, וואָס זי שרײַט! און ווער איז שולדיק, אַז ניט די מאַנצבילן? (באַ די ווערטער טוט זי אַ בייזן קוק אין מײַן ווינקל אַרײַן.) ווען איך האָב אַזאַ ציינווייטיק, רײַס איך אַרויס אַלע ציין מײַן מאַן פונעם מויל!

— וואָס האָט דער מאַן, — זאָג איך, — געזינדיקט, אַז דעם ווײַב טוען ווי די ציין?

— אַזוי? טאַקע באמת? — זאָגט דאָס ווײַבל, שטעלט אַרויס דעם צוגעמאַכטן פּוס און טוט אַ סמאַרע מיט דער נאָז. — און קינדער האָבן אײַך — דאָס איז גאָרניט? טראָגן און זייגן און אַנטוויינען און פּאָקן און מאָזלען און ציינדלעך און קאַשקעלעך קאָכן און ווינדעלעך וואַשן און העמדלעך נייען און זעקלעך פאַרריכטן און צוואָגן און וואַשן און קעמען און פאַרקעמען?... איאַ, דאָס ווילט איר ניט האָרכן? איר האָט, זאָגט איר, קיין צײַט ניט? איר ווילט, זאָגט איר, גיין שפּאַצירן מיט די קינדער אין וואַלד? דאָס, וואָס עס פּאַסט אײַך ניט, דאָס הערט איר ניט? מיר קענען אײַך! מיר זײַנען קלאָר אין אײַך! איר מעגט אָנרוקן דאָס היטל נאָך בעסער! נישקשה, דעם אמת מעג מען זאָגן דעם אייגענעם מאַטן...

## ז.

(מײַן „חברה" איטלעכער מיט זײַן גן-עדן. — דער סמאַרגאָנער שדכן גיט מיר אַן עצה.)

מײַן חברה באַשטייט, ווי אויבן איז געשטאַנען, פון קיין עין־הרע אַכט פּאַרשוין: דרײַ מיידלעך, עלטערע שוין, צו לײַטן, צוויי קלענערע און דרײַ ייִנגלעך. אַלע האָבן זיך אין די ביטערע יאָרן געגוג אָנגעהונגערט נעבעך, גוט אָנגעגעסן מיט צרות, און אַלע ווילן איצט לעבן אַ גוטן טאָג, געניסן גלײַך מיט אונדז פונעם גן־עדן! נאָר איטלעכער פון זיי שטעלט זיך פאָר זײַן גן־עדן נאָך זײַן פאַרשטאַנד. למשל, מײַן עלטערער טאָכטערס גן־עדן איז אַ דאָקטער, און דווקא פון יעהופּעץ, די אַנדערע טאָכטער וויל אַ יוריסט, און דווקא פון אָדעס, און די דריטע — אַ אינזשעניער מיט אַ קנעפּל (ער מעג זיך זײַן פון וואָסער אַ שטאָט ער וויל). דער גן־עדן פון מײַנע דרײַ ייִנגלעך איז שוין ווידער גאָר אַן אַנדער גן־עדן, דהיינו: איינער גייט מיט דעם גאַנג, אַז קיין בעסערע זאַך, ווי פאָרן רײַטנדיק אויף אַ פערדל, קאָן שוין, דאַכט זיך, גאָר ניט זײַן אויף דער וועלט. דער אַנדערער האָט שטאַרק חשק צו האָבן אַ וועלאָסיפּעד. „ווען דער פּאַפּאַשאַ, זאָגט ער, קויפט מיר אַ וועלאָסיפּעד אויף דער דאַטשע, בין איך איינער אַ גליקלעכער!"... און דער דריטער באַגנוגנט זיך מיט אַ רויט העמדל, מיט גלאַנצנדיקע שטיוול, די הויזן אַרײַנגעלאָזט אין די כאָליעוועס, און אַ הינטל זאָל אים נאָכלויפן פון הינטן. און מע מוז דאָס אַלצדינג קויפן, וואָרעם בײַ מײַן ווײַב, זאָל לעבן, איז איטלעכס קינד אַזוי טײַער, אַזוי ציטעריק, אַז זיי פירן אויס בײַ איר וואָס זיי ווילן; ובפרט איצט, אַז גאָט האָט געהאָלפן, מע קאָן אויספירן, — פאַר וואָס זאָל מען זשאַלעווען? דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט געוואָרן פון די זאַכן, וואָס מע קאָן קויפן פאַר געלט. אָבער שידוכים פאַר די טעכטער? וואָס טוט מען מיט שידוכים? אַ דאָקטער, און דווקא פון יעהופּעץ? אַ יוריסט, און דווקא פון אָדעס? און אַ אינזשעניער מיט אַ קנעפּל? דאָס הייסט אַפילו, אַז מע זאָל שמועסן דאָס אייגענע ווידער צוריק, איז פאַר געלט קריגט מען דאָקטוירים מיט יוריסטן מיט אינזשעניערן וויפל איר ווילט! זינט מען איז געוואָר געוואָרן, אַז איך האָב געכאַפּט די גראָבע עטלעכע טויזנטער,

האָבן מיר שדכנים באַוואָרפֿן מיט בריוולעך פֿון דער גאָרער וועלט; דער סמאַרגאָנער שדכן האָט מיר שוין אָפּגעשלאָגן די טירן; ער האָט כּמעט מיר אויפֿגעגעבן אַפשר זיבן און צוואַנציק שידוכים און האָט מיך שוין אָפּגעזידלט אויך.

— וואָס בין איך שולדיק, — טענה איך צו אים — אַז מײַנע טעכטער ווילן נישט חתונה האָבן דורך קיין שדכן בשום ענין ואופֿן?

— וואָס דען — זאָגט ער — ווילן זיי?

— זיי ווילן, — זאָגט ער, — עס זאָל זיך מאַכן עפּעס דורך אַ... אַ... באַגעגעניש... אַ... אַ... ליבע.

— אַזוי? — זאָגט ער, — זיי זײַנען בײַ אײַך אַנדערש נישט געווינט געוואָרן? ליבעס גלוסט זיך זיי? וועל איך אײַך געבן אַן עצה, זיי זאָלן בײַ אײַך שלאָפֿן אויף די פֿענצטער, וועט מען זיך אויף אײַך דערבאַרעמען, מע וועט זיי אַרויסגנבֿענען און מע וועט מיט זיי אַנטלויפֿן...

אין אַן אַנדער צײַט וואָלט בײַ מיר דער סמאַרגאָנער שדכן געגעפֿנט מיטן קאָפּ די טיר; נאָר אַז מע האָט אונטערגעוואַקסענע טעכטער, און נאָך דרײַ שטיק מיט אַ מאָל, מוז מען אַראָפּשלינגען און מאַכן אַ שווײַג.

בסוד־סודות מוז איך אײַך זאָגן, אַז נײַן און נײַנציק פּראָצענט זײַנען מיר אַרויסגעפֿאָרן קיין בויבעריק אויף אַ דאַטשע נאָר צוליב די טעכטער: אפֿשר וועט גאָט רחמנות האָבן, עס וועט זיך צושלאָגן אַ גלײַכע זאַך. מחמת דאָ אין בויבעריק ווערן געשלאָסן אַלע זומער די פֿײַנסטע שידוכים פֿון יעהופּעץ. דער שׂכל איז מחייבֿ, ווײַל אויף אַ דאַטשע איז די וועלט אָפֿן. דער וואַלד איז געגונג גרויס. דער וואָקזאַל איז תּמיד פֿול מיט מענטשן. פֿאַראַן אויך אַ גאָרטן, אַ טעאַטער. בחורים און מיידלעך באַגעגענען זיך צען מאָל אין טאָג, קוקן מיט אויגן, שמייכלען איינס צום אַנדערן, וואַרפֿן זיך דורך מיט אַ פּאָר ווערטער. נאָכדעם ווערט מען באַקענט, מע גייט אַביסל שפּאַצירן אין וואַלד, אַביסל שיפֿט מען זיך אויף אַ שיפֿל און מע זינגט לידלעך... און באַנאַכט זיצט מען אַקעגן דער לבֿנה, מע ציילט די שטערן און מע זיפֿצט — און טעלער ברעכט מען אין יעהופּעץ.

## ח.

(דער בויבעריקער וואַלד מיט אַלע זײַנע באַשעפענישן. — פאַרשיידענע פאַרלעך. — די ביימער האַלטן סוד.)

אויב איר מיינט, אַז דער בויבעריקער וואַלד איז אַ וואַלד, ווי אַלע וועלדער — האָט איר אַ טעות. איר קאָנט דאָ שפּאַצירן איינער אַליין וויפל איר ווילט — איר האָט נישט וואָס איבערצוטראַכטן: עס וועלן אַף אייַך ניט אָנפאַלן חלילה קיין גזלנים; איר וועט נישט באַגעגענען נישט קיין וואָלף, נישט קיין ווילדע ציג און נישט קיין חיה־רעה. איר קאָנט דאָ באַגעגענען אַנדערע מינים באַשעפענישן: אַ יאַדעשלעוון ייִדן, וואָס גייט אַרום פראַנק און פרײַ איבערן וואַלד און כראַקעט און שפּײַט; אַ קראַנקע ייִדענע נעבעך, וואָס האַלט זיך אָן אַ בוים און הוסט און הוסט געשמאַק, אָדער זי ליגט אַף דער ערד און פּאָכט מיט דער נשמה; וכדומה נאָך אַזעלכע מינים באַשעפענישן, וואָס מוטשען זיך און ווילן נישט שטאַרבן, וואָס גלויבן אין כשוף, דאָקטוירים, רעצעפּטן, וועלדער, לופט, וכדומה אַזעלכע חלומות... אַנדערע קראַנקע, די וואָס האָבן געלט, ליגן אויסגעצויגן אין „האַמאַקן", אַזעלכע וויגלעך, וואָס זײַנען צוגעבונדן צו די ביימער און זעען אויס ווי הענגענדיקע קברים.

ייִדן האָבן ליב אחדות; זיי מעגן זײַן ווי אַזוי קראַנק, האָבן זיי פּײַנט זיצן איטלעכער באַזונדער, נאָר אַלע צוזאַמען — „וואָס גאָט גיט, אַבי אינאיינעם". פאַראַן ערטער אינעם בויבעריקער וואַלד, וואָס דינען פאַר אַ קלוב, אָדער, להבדיל, אַ בית־המדרש, וווּ די שלאָפע נעבעך קאָנען זיך צונויפקומען אַביסל זיצן. אַביסל זיצן הייסט — אַביסל ריידן, און אַביסל ריידן הייסט — אַביסל באַריידן...

דורכגעגאַנגען זיך מיט מײַנע אין וואַלד אַביסל שפּאַצירן, דערזעען מיר פון דער ווײַטן אַ גאַנץ רעדל ייִדן און ווײַבער זיצן אין פאַרשיידענע פּאָזעס און זעען אויס ווי די מתים.

— משה, דו ווייסט ניט, ווער דאָס איז? — רופט זיך אָן איינער און ווײַזט־אָן אַף אונדז מיט די אויגן.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? לאָמיך אַזוי וויסן בייז! — ענטפערט משה און פאַרהוסט זיך.

— שאַ! — רופט זיך אָן אַ דריטער, — עס געהער זײַן די נײַע דאַטשניקעס, וואָס זײַנען הײַנט אין דער פרי אַריבערגעפאָרן קיין בוי־בעריק אַף דער גרויסער דאַטשע.

— אויב אַזוי, — רופט זיך אָן נאָך איינער און זעצט זיך אויף פון דער ערד אַף די אויסגעדאַרטע הענט, וואָס זעען אויס ווי צוויי שטעקלעך, — אויב ס'איז די דאָזיקע, וואָס איר מיינט, וועל איך אײַך עפּעס דערציילן אַ שיינס...

דערהערט, אַז מע וויל עפּעס דערציילן אַ „שיינס", ווערן אַלע מתים לעבעדיק, און יענער, וואָס האָט זיך אויפגעזעצט אַף די דאַרע הענט, הוסט זיך גוט אויס און דערציילט עפּעס שטילערהייט דער גאַנ־צער קאָמפּאַניע, און אַלע הערן זיך צו מיט גרויס פאַרגעניגן, קוקן בשעת מעשה אַף מיר און אַף מײַנע טעכטער.

— ברײַנע — רופט זיך אָן איין ייִדענע צו דער אַנדערער גאַנץ הויך אַף אַ קול — וואָסער מיידל געפעלט אײַך בעסער פון די דרײַ?

— די מיטלסטע! — ענטפערט איר ברײַנע אויך אַף אַ קול.

— איאַ, די מיטלסטע, שרה־זיסל?

—ניין, — זאָגט שרה־זיסל — די מיטלסטע האָט גאָר שיינע האָר, און ווײַטער גאָרניט. מיר געפעלט די קלענערע. די קלענערע זאָל נישט האָבן די נאָז, וואָלט זי גאָר געווען אַ „קראַסאַוויצע"!

— ששששאַ! — שרײַט־אָן אַף די ווײַבער איינער פון די מאַנצ־בילן. — האָסטו געזען אַביסל, ווי די גענדז האָבן זיך צעגאַגנערט?!...

מיר לאָזן זיך גיין ווײַטער און באַגעגענען אין וואַלד אַנדערע מיני ברואים; זיי זיצן אַרום גרינע טישלעך, האַקן אין „אָקע" און אין „זעקס־און־זעכציק" און שמײַסן מיט די קאָרטן:

— אַ דרײַערל אַף דרײַ?

— נו?

— און אַ דרײַערל אַף דרײַ?

— נו?

— און נאָך אַ דרײַערל אַף דרײַ, ווי אַף אַלע?

— געענטפערט! וואָס האָט איר?

— דרײַ שקצים.

— בלאָטע! און איר וואָס האָט?

— דרײַ שיקסעס!
— שפּײַט זיי אָן אין פּנים! מלכּים זײַנען בילכער!...

---

— הונדערט דרײַסיס?
— מײַנע!
— הונדערט פינף און דרײַסיק!
— פּאַס! לאָז אײַך גאָט העלפן! וואָס איז קאָזיר?
— קאָזיר איז טרעף. (גיך, אין איין אָטעם): פּערציק און פון די פערציק און בא די פערציק און אריבער די פערציק און פון יענער זײַט פערציק.
— און דער קעניג פּיק אין א הונט? א קנאַק איבער דער מאָרדע!
— רעמיז!
— פאַרניצט געזונט!

---

אָט די נפשות, ווי עס ווײַזט אויס, טראַכטן אפילו נישט פונעם טויט. צווישן זיי איז פאַראַן אַזעלכע, וואָס קומען פון יעהופּעץ קיין בויבעריק נישט צוליב דעם שיינעם וואַלד, און נישט צוליב דער גע־זונטער לופט, נאָר לכתחילה לשם „אָקע", אָדער לשם „זעקס־און־זעכציק".

נאָך ווײַטער הייבן מיר אָן באַגעגענען פּאָרלעך, בחורים און מיידלעך, וואָס גייען שפּאַצירן אף אַלערליי אופנים. איין פּאָרל גייט אונטער די הענט, האַלט זיך גאָר פרײַנטלעך; זי קוקט אף אים, און ער קוקט אף איר, און ביידע זינגען זיי צו עפּעס א מאָדנע לידל און טאַנצן צום טאַקט:

ליובליו קאַפּוסטו, ריעדקו, קוואַס —
נאַ באַלשע ווסיעך ליובליו יאַ וואַס!
וואַס אַבאַזשאַיו!
וואַס אַבאַזשאַיו!...*

---

*) איך האָב ליב קרויט און רעטעך און קוואַס — נאָר מער פון אַלץ ליב איך אײַך! איך האָב אײַך ליב, איך האָב אײַך ליב!

דאָס אַנדערע פּאָרל לערנט זיך, אַפּנים, לויפֿן, אָדער מע שפּילט זיך אין „כאַפּערלעך": זי לויפֿט, און ער לויפֿט איר נאָך; ער וויל זי כאַפּן, אַנטלויפֿט זי. דאָס דריטע פּאָרל האָט זיך פֿאַרביטן מיט די יוצרות: ער האָט אָנגעטאָן איר מאַנטעלע, און זי האָט אָנגעטאָן זײַן קאַפּעלוש — און גיי טו זיי עפּעס!... אַנדערע גייען ווידער משוגענער־ווײַז און שרײַען אויף קולי־קולות: „אַ — או! אַ — או"! און זיי ענט־פֿערט דאָס ווידערקול פֿונעם ווײַטן וואַלד: „אַ — או!"...

שטיל, פֿאַרשטאַרבן שטייט דער וואַלד. ס'איז ניט זײַן עסק. שטיל, אויסגעצויגן, מיט גדלות, שטייען די הויכע סאָסנעס מיט די גרינע שמעקנדיקע נאָדלען און קוקן אַרויף אין לויטערן בלויען הימל אַרײַן — זײַט זיכער, איר וועט בײַ זיי נישט געוואָר ווערן גאָרנישט.

ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? איך האָב מורא, אַז דער בויבעריקער וואַלד איז מער שדכן פֿונעם סמאַרגאָנער שדכן און פֿון אַלע שדכנים אויף דער וועלט.

ט.

(דאָס עסן אויף דער פֿרײַער לופֿט. — אָרעמע לײַט שפּעקולירן. — דעם רעסטאָראַטערס ווײַבלס מאַן. — די דאַמען מיט זייער שפּראַך.)

געקומען אַהיים פֿונעם וואַלד, האָבן מיר געטראָפֿן אַ גרייטן טיש אויף דער ווערענדע, וואָס איז באַוואַקסן פֿון אַלע זײַטן מיט גרינע בלע־טער, און מיר האָבן זיך געזעצט עסן דאָס ערשטע מאָל אויף דער פֿרײַער לופֿט. אַ גאַנצער כאָר פֿון פֿייגעלעך, אומזיסטיקע כלי־זמר, האָבן אונדז צוגעזונגען צום עסן, געפֿישטשעט, געטשעריקעט און געטערעלייקעט אויף טויזנטערליי אופֿנים, און צוגעשפּרונגען אַלע מאָל אײַנציקווײַז צום טיש: ציץ־ציץ, פּיק־פּיק! געכאַפּט אַ ברעקל — און אַוועקגעפֿלויגן ווײַטער.

— חיה־עטל! — רוף איך מיך אָן צו מײַן ווײַב. — וואָס זאָגסטו דערויף? נאָך אַזאַ שפּאַצירגאַנג אין וואַלד עסן אויף דער פֿרײַער לופֿט איז, אַפּנים, נישט שלעכט?

— וואָס זאָל איך זאָגן? — ענטפֿערט מיר מײַן ווײַב, ווי איר שטייגער איז, — איך האָב דאָך דיר שוין לאַנג געזאָגט: אַ רוח אין געלטס

טאַטן אַרײַן! איין שטיקל חסרון נאָר, וואָס ס׳איז שוין דאָ צו פרײַ, צו אָפן, מע ווייס איינס באַם אַנדערן וואָס סע קאָכט זיך. דאָס גריידיקער ווײַבל, וואָס מאַנדעלשטאַם דער דאָקטער ברענט איר די אויגן מיט ליאַ־פּיס, איז שוין געוועזן באַ אונדז אין קיך אין אַלע טעפּלעך, און דאָס רעסט־אַפּאָליער ווײַבל האָט אויסגעפּרעגט באַ די דינסטן אַלצדינג, וואָס באַ אונדז טוט זיך פון דער ערשטער שעה נאָך אונדזער חתונה...

— יידן, גיט עפּעס אַ נדבה! — רופן זיך אָן עטלעכע אָרעמע לײַט מיט אַ מאָל, וואָס ציִען זיך איינס נאָכן אַנדערן אַ גאַנצע שורה.

— פון וואַנען זײַט איר? — טו איך אַ פרעג איינעם פון זיי.

— פון יעהופּעץ, — ענטפערט ער מיר.

— זיצט איר, הייסט דאָס, הי?

— חלילה! — מאַכט ער, — מיר קומען צו פאָרן אַלע מאָל אַהער מיט דער באַן.

— קאָסט דאָך אײַך הוצאות — זאָג איך, — מאַכט איר כאָטש אָפּ וואָס עס קאָסט אײַך?

— ווי אַמאָל, — זאָגט ער: — אַמאָל שלאָגט מען אויס די **הוצאות**, און אַמאָל דערלייגט מען. איטלעכס געשעפט איז אַזוי. ס׳איז אַ „שפּעגע־לאַציע"; מיר „שפּעגעלירן"...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— שלום עליכם אײַך, ברוכים היושבים! — רופט זיך אָן אַ געלער יונגערמאַן מיט אַ זײַדן קאַשקעטל און מיט אַ ברייטן טלית־קטן, און שטעלט זיך אוועק אַקעגן אונדז און קוקט, ווי מיר עסן, און רייכערט אַ פּאַפּיראָס.

— עליכם שלום, — זאָג איך צו אים — קומט עסן.

— עסט געזונט, — מאַכט ער צו מיר און רייכערט דעם פּאַפּיראָס.

— פון וואַנען איז אַ ייד? — פרעג איך אים.

— איך בין, — זאָגט ער — פון רעסטאָפּאָליע, איך בין געקומען אַהער, הייסט דאָס, צו מײַן ווײַב מבקר־חולה זײַן. זי זיצט טאַקע דאָ מיט אײַך אַף איין דאַטשע.

— זײַט איר, הייסט דאָס, דעם רעסטאָפּאָליערס ווײַבלס מאַן? מה שמכם?

— חיים־וואָלף.

— איר האט מיר עפעס געוואלט זאגן, רב חיים־וואלף?

— ניין, — מאכט ער צו מיר גאנץ ערנסט, — איך האב דערזען פון דער ווייטן, אז איר עסט, בין איך צוגעגאנגען אומיסטן זען, ווי אזוי עסט א ייד אן א היטל?...

— פונקט, — זאג איך צו אים — די אייגענע מעשה, וואס האט זיך געטראפן אין קאנאטאפ. קיין קאנאטאפ איז ניט לאנג געקומען צו פארן דער רעסטאפאליער רבי אײַערער. איז אַרײַנגעקומען צו אים איינער א גע ויסער מתנגד, רב משה קאנאטאפער, וואס האלט גישט פון קיין רבין, און לייגט אים אנידער א קערבל און שווײַגט. פרעגט אים דער רבי: „וואס ווערסטו זאגן?" ענטפערט ער ניט דאס אנדערע ווארט, נעמט ארויס און לעגט אנידער דעם רבין נאך א קערבל. פרעגט אים דער רבי נאך א מאל: „וואס איז דײַן באגער?" רופט זיך אן דער משה: „גארניט. איך האב נאר געוואלט זען, ווי אזוי נעמט א ייד אומזיסט געלט"...

דער רעסטאפאליערס ווײַבלס מאן דרייט זיך אוים מיטן פנים אהין, מוט א שפײַ און טרעט אפ.

— וואס זאגסטו, חיה־עטל, אף דײַן רעסטאפאליערס ווײַבלס מאן?

— וואס זאל איך זאגן? — מאכט זי, — דײַנע יעהופּעצער אריסטאקראטקעס מיט די ברילִיאנטענע אוירינגלעך, וואס זיצן דא אף דער דאטשע, זײַנען נישט בעסער. א גאנצן טאג הערט מען פון זיי נאר „כא־כא"! און „כא־כא־כא!" פאראן דא בא אונדז איינע א דאמע מיט בריליאנטן, דווקא אזעלכע, וואס זיצט כסדר איבער א בוך, — זאלסטו זען, וואס זי האט דערארבעט איבער א הינדל! עס האט זיך איר אויסגעדאכט, אז איר שכנה, אויך א דאמע מיט בריליאנטן, האט בא איר אוועקגע...

— כא־כא־כא! כא־כא־כא! — הערט זיך א קוויטשיק געלעכטער פון א דאמע, און מע פילט, אז זי לאכט מיט יאשטשערקעס.

און די אנדערע דאמע שרײַט און שילט, און עס ווארפן זיך דורך בא איר מאדנע ווערטער: פיסקאטע, מארדאטע, קארפאטע, הארבאטע, פארכאטע, סמארקאטע...

— אהא! — רוף איך מיך אן, — זי באזיצט גוט די שפראך!

— זאלסטו אבער זען, — זאגט צו מיר מײַן ווײַב — ווי צו מיר וויל

זי נישט ריידן קיין ייִדיש; נאָר אַף רוסיש, און נאָר אַף דײַטש, כאָטש גיב איר אַ קרענק!...

ו.

(אַ הייסע וואַנט אַף דער דאַטשע. — דאָס ליד פֿון אַ סאָלאָווייטשיק און די מחשבות פֿון אַ סוחר.)

אײַנגעמידט, אויסגעמוטשעט פֿונעם טאָג, זײַנען מיר אַנידערגעפֿאַלן אַלע, ווי די סנאָפּעס, און האָבן זיך געליגט שלאָפֿן. אָפּגעשלאָפֿן אַקעגן אַ פּאָר שעה, חלומט זיך מיר, אַז איך בין אין אַ שוויץ־באָד, העט־העט צוף דער אייבערשטער באַנק, און מע שמײַסט מיך מיט אַ ווייך בעזעמל, כּיחיה נפֿשות!

— דאַוואַי פּאַרע! — שרײַ איך פֿונעם שלאָף מיט אַלע כּחות. — פּאַרע! פּאַרע! פּאַרע!*

— גאָט איז מיט דיר! וואָס שרײַסטו? וואָס איז דיר? — זאָגט מײַן ווײַב און וועקט מיך פֿונעם שלאָף.

— עפּעס אַ מאָדנע היץ, — זאָג איך — באַ אונדז אַף דער דאַטשע! איך בין אָפּגענאָסן מיט שוויים! טו נאָר אַ טאַפּ, חיה־עטל, די וואַנט — סע פּאַרעט פֿון איר, ווי פֿון אַן אויוון.

— אוי, אַ דונער איז מיר! — שרײַט אויס מײַן חיה־עטל און טוט אַ כאַפּ די האַנט צוריק. — די וואַנט איז הייס, ווי פֿײַער!

— אַפּנים, — זאָג איך — באַ זיי זײַנען די דאַטשעס מיט הרובעס?

— אַ חכם אַ ייִד! — זאָגט מײַן ווײַב, — האָסט געהערט אַמאָל אַ דאַטשע זאָל גאָר זײַן מיט הרובעס? משוגע מײַנע שונאים? עס געהער מסתּמאַ ארײַנגיין צו אונדז די וואַנט פֿונעם אויוון, וואָס פֿאַרשטייסטו דאָ נישט?

— וואָס קומט אַרויס פֿון דעם, וואָס איך פֿאַרשטיי? ס'איז אַזוי הייס, אַז מע קאָן צעגאַנגען ווערן, ווי פּוטער!...

איך בין זיך מטריח און עפֿן־אויף דאָס פֿענצטער, רײַסט זיך ארײַן

---

*) גיב היץ, היץ! היץ! היץ!

צו אונדז אין שטוב אַ קיל ווינטל און טראָגט אונדז אונטער גלײַך אין נאָז אַרײַן אַ געשמאַקן ריח פון בלומען און מיני בשמים אַזעלכע, וואָס מיר זײַנען צו זיי גאָר נישט געווינט געוואָרן. איך שטעק־אַרויס דעם קאָפּ דורכן אָפענעם פענצטער און בלײַב שטיין אַ פאַרכשופטער פון דער זעלטענער שיינער שמעקנדיקער זומער־נאַכט.

דער טונקל־בלויער הימל איז אויסגעשטערנט, באַזעצט מיט בריליאַנטן, וואָס שעמערירן אין די אויגן. דורך די גרינע בלעטער פון די ביימער קוקט־דורך די זילבער־ווײַסע לבנה, וואָס טוקט זיך אין שטיקער גרויע כמאַרע; די שטיקער גרויע כמאַרע ווערן אַלע מאָל שיטערער און שיטערער, ביז זיי צעגייען זיך, ווי רויך, און די זילבער־ווײַסע לבנה בלײַבט ווידער ריין און גאַנץ, אָן אַ שום פּגם. און פון דאָרטן ערגעץ, פונעם וואַלד, לאָזט זיך הערן אַ מאָדנע געזאַנג: „טשרי — טשהערי — קטי — טיו — טיו — טיוך — טיוך"... איך הער זיך צו, איך וויל דעם אָטעם ניט כאַפּן, איך ווער פאַרשטאַרבן: איך האָב שוין לאַנג, לאַנג נישט געהערט אַזאַ מין זינגען! דאָס איז ער, דער זיסער סאָלאָווייטשיק, דער נאַכט־משורר, וואָס לאָזט זיך הערן איבערן גאַנצן וואַלד, וואָס שלאָפט אַליין ניט און לאָזט ניט יענעם שלאָפן, וואָס וועקט אין אײַך טיף־פאַרבאָרגענע, לאַנג־געשטאָרבענע געפילן, וואָס רופט אַרויס משונה־ביאָדנע מחשבות, אַזעלכע מחשבות, וואָס געהערן זיך כלל וכלל נישט אָן מיט קיין געשעפטל, מיט קיין פאַרדינסטל און מיט קיין קערבל.

איך טראָג מיך איבער מיט מײַנע מחשבות אין אַן אַנדער וועלט, אַהין ווײַט־ווײַט, אין מײַנע קינדערשע, ייִנגלשע, נאַרישע, נאָר גליקלעכע, גליקלעכע יאָרן, וואָס וועלן זיך שוין קיינמאָל, קיינמאָל ניט אומקערן, — און איך ווער אַף אַ ווײַלע אַן אַנדערער מענטש, עס גלוסט זיך מיר ניט אָפּטרעטן פון דאַנען. איך וואָלט אַזוי געשטאַנען דאָ אַ גאַנצע נאַכט. נאָר פּלוצעם קערן זיך אום צו מיר צוריק די פריִעריקע, די שטענדיקע, וואָכעדיקע מחשבות: ווײַב און קינדער, דערוואַקסענע טעכטער, קאָפּדרייעניש, אַ געשעפטל, אַ קערבל...

„מע קאָן ניט לייקענען, — קלער איך מיר — ער זינגט ניט שלעכט, דער חברה־מאַן; נאָר אַ פאַרנומענער מענטש, וואָס האָט אין זינען אַ געשעפטל און אַ קערבל, זאָל זיך אוועקזעצן אַף אַ גאַנצער נאַכט קוקן אַף

דער לבנה, ציילן די שטערן און האָרכן דעם סאָלאָוויטשיק, ווי ער זינגט, — פּע!"...

איך מאַך־צו דאָס פענצטער און לייג מיך שלאָפן.

## יא.

(ראַזניך גאַלאַנטערייניך טאָוואַראָוו*. — אַ קאַלטע באָד. — דעם רעסטאָפּאַליערס ווייבלס מאַן מאַכט אַ פּשרה.)

— ראַזניך גאַלאַנטערייניך טאָוואַראָוו! — הער איך עמעצער שרייט מיר גלייך אין אויער אַריין. — מילאָ ווערע־וויאָלעט! זייף גוטע! אפשר דאַרפט איר גוטע זייף?

— זייף? וואָסערע זייף? — רוף איך מיך אָן דערשראָקן, זעץ מיך אויף אָפּן געלעגער און רייב דורך די אויגן און דערזע פאַר זיך אַ שוואַרץ הינטיש פּנימל מיט אַ פּאַררויסן נעזל.

— וואָסערע איר ווילט, — מאַכט צו מיר דאָס שוואַרצע פּנימל: — ווערע־וויאָלעט, בראָקאַר, פּולס, אָדער גאָר — פּאַטשולי? גוטע, שמעקנדיקע? קלייבט אייך אויס, קויפט, וואָלוול!

— ווער איז דאָ? וואָס איז דאָ? גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד! — כאַפּט זיך אויף מיין ווייב מיט אַ געשריי און דערזעט דאָס שוואַרצע פּנימל אין פענצטער, פאַלט זי חלשות.

— גאָט איז מיט דיר! — זאָג איך צו איר און מינטער זי. — ס'איז גאָרניט, ס'איז גאָרניט! ס'איז אַ גאַלאַנטערייִשטשיק!

— מאַדאַם! — רופט זיך אָן דער גאַלאַנטערייִשטשיק צו מיין ווייב מיט אַ געלעכטערל. — וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן פאַר מיר? איך בין דען מיט הערנער?

— ווי אַזוי קריכט דאָס אַ ייִד — זאָג איך צו אים — אין אַ פרעמדן פענצטער בשעת יענער שלאָפט?

---

*) כל מיני גאַלאַנטעריי־סחורה.

— אז מע זיצט אַף אַ דאַטשע, — מאַכט ער — באַדאַרף מען אויפשטיין פרי.

— אפשר, — זאָג איך — זײַנען מיר ניט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט?

— וואָס דען האָט איר געטאָן?

— ס'איז נישט אײַער טאַטנס עסק! — זאָג איך, — גייט אײַך געזונטערהייט!

— אַז איך וועל דאַרפן גיין, — מאַכט ער — וועל איך מיך בײַ אײַך ניט אָנפרעגן. גאַנצע פּריצים! קומען צו פאָרן קיין בויבעריק, צע־לייגן זיך ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן! ניט גענוג, וואָס מע ברענגט זיי צו טראָגן אין שטוב אַרײַן אַלדאָס בייז, זײַנען זיי נאָך ניט צופרידן!

— איר זײַט, — זאָג איך — אַ גרויסער נאַבאַל!

— נאַבאַל? — מאַכט ער מיט אַ שמייכעלע — וואָס הייסט דאָס נאַבאַל? וואָס איז דער טײַטש נאַבאַל? איך זע, איר זײַט אַ בייזער ייִד. מאַדאַם, גיט עפּעס צו לייזן! קויפט אײַך, מאַדאַם, אַ שפּילקע אַן אַנטיק, מע טראָגט הײַנט פון הינטן.

איך קאָן שוין מער נישט איבערטראָגן. איך כאַפּ דעם קרוג מיט וואַסער און גיס אים אויס אָפן קאָפּ. מאַכט ער אַ גוואַלד, אַ געשריי. לויפן זיך צונויף אַלע שכנים מיט אַלע שכנות מיט אַלע דינסטן, און עס ווערט אַ יריד מיט אַ געפּילדער. דער עולם גיט מיר אָנצוהערעניש, אַז ניט אַזוי באַדאַרף מען זיך באַגיין מיט אַ ייִדן אַן אָרעמאַן.

— ממה נפשך, — זאָגן זיי — איר ווילט ניט קויפן, קויפט ניט; אָבער נעמען באַליידיקן אַן אָרעמען גאַלאַנטערייִשטשיק אומזיסט־אומ־נישט, אָפּגיסן אים מיט אַ פּאָמוינעצע — פע, דאָס טוט ניט קיין לײַטי־שער מענטש!...

דערהערט אַזעלכע דבורים, רופט זיך אָן דער גאַלאַנטערייִשטשיק, אַז ער גייט גלײַך צום אוריאַדניק — און גענוג; לאָז דער אוריאַדניק טאָן, וואָס ער וויל זיך...

מישט זיך אַרײַן דעם רעסטאָפּאָליערס ווײַבלס מאַן און מאַכט צווישן אונדז אַ פּשרה, אַז איך זאָל באַם גאַלאַנטערייִשטשיק בעטן מחילה און טאַקע עפּעס קויפן אויך בײַ אים, געבן צו לייזן.

— ס'איז אַ יושר, — זאָגט דעם רעסטאָפּאָליערס ווײַבלס מאַן —

ס'איז א גרויסער יושר! געבן צו לייזן א ייִדן, הערט איר, איז א סך מער מצווה, ווי עסן אָן א היטל...

— א יושר! א יושר! — העלפּט אונטער דער גאַנצער עולם.

— טאָמער ווערסטו זיך דערוועגן — זאָגט צו מיר מײַן ווײַב — עפּעס קויפן בא דעם ייִדן אַף צוויי גראָשן, וועט זיך טאָן חושך!

נו, זאָגט שוין איר, וועמען זאָל איך פאָלגן?...

## יב.

(דער בויבעריקער וואַלד אין דער פרי. — ייִדן און ווײַבער פון דער „סענאַטאָריע". — מע לאָזט נישט שפּײַען און מע גייט־אויס נאָך א ביסל באָרשטש.)

דער בויבעריקער וואַלד אין דער פרי, ווען די וועלט שלאָפט נאָך, איז באמת א פאַרגעניגן. ער זעט אויס, ווי א חתן, א שיינער, א ריינער, אָן אויסגעצוואָגענער און אויסגעפּוצטער. מע זעט נישט די ברואים מיט די נפשות, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום דעם גאַנצן טאָג. מע הערט נאָר א פּישטשען און פּײַפּן פון טויזנטער קליינע באַשעפענישלעך, וואָס זינגען, זשומען און טרעליקען, שפּרינגען פון איין צווײַגל אַפן אַנדערן, פליען פון איין בוים אַפן אַנדערן, טוקען זיך און באָדן זיך אין די טראָפּנס טוי, וואָס הענגען נאָך אַף די בלעטער און בלישטשען אַף דער ליכטיקער וואַרעמער זון, ווי בריליאַנטן. פּלוצעם ווערט א געשריי צווישן א גאַנצער טיטשקע פייגעלעך, א געשלעגעריי מיט א קוויטשעריי — סכנת־נפשות! וואָס איז די מעשה? מע האָט זיך צעאַמפּערט איבער א ווערעמל. איין פייגעלע האָט געפונען א ווערעמל און האָט זיך פאַרקליבן אין דער זײַט אַף א צווײַגעלע, געדרייט דאָס קעפּעלע אַף אַלע זײַטן, זיך געוואָלט מאַכן אָן אָנבײַסן. האָט דערזען דאָס אַנדערע פייגעלע און איז צוגעשפּרונגען:

— ציף־ציף! ווו האָסטו דערטאַפּט אַזוי פרי א ווערעמל?

— ציף־ציף! ווו איך האָב דערטאַפּט, אבי איך האָב שוין דערטאַפּט.

— ציף־ציף! גיב מיר אויך א פּיצעלע!

— ציף־ציף־ציף! גיי, זוך, נישטער, געפין, כאַפּ, וועסטו האָבן!...

— ציף־ציף, ציף־ציף! קומט אהער, וועט איר עפּעס זעען! — צע־שרייט זיך דאָס אַנדערע פֿייגעלע צו די איבעריקע פֿייגעלעך און ציט־אויס דאָס קעפּעלע.

— ציף־ציף־ציף! וואָס טוט זיך דאָ? — פֿרעגן די איבעריקע פֿיי־געלעך, וואָס פֿליִען זיך צונויף אַף דעם געשריי.

— ציף־ציף־ציף! אַ ווערעמל! — שרייַט דאָס אַנדערע פֿייגעלע.

— ציף־ציף־ציף! ציף־ציף־ציף! אַ ווערעמל, אַ ווערעמל, ווערעמל!

— שרייַען אַלע מיטאַמאָל.

און עטלעכע מיטאַמאָל באַפֿאַלן דאָס פֿייגעלע, וואָס מיטן ווערעמל, און אַנדערע שטעלן זיך אייַן פֿאַרן פֿייגעלע, וואָס מיטן ווערעמל, און דאָס פֿייגעלע לאָזט אַרויס דאָס ווערעמל, פֿליט אונטער אַ ווילד פֿרעמד פֿייגעלע און כאַפּט דאָס אונטער און פֿליט אַוועק, און דאָס אָרעמע פֿיי־געלע בלייַבט נעבעך שטיין באַטריבט, לאָזט אַראָפּ די פֿליגעלעך, בלאָזט זיך אָן, ציטערט און פֿלאַטערט. קע־קע־קע! — שאַרפֿט זיך אויס דאָס פּיסקעלע באַ אַ צווייגעלע הין און צוריק עטלעכע מאָל, הייבט־אויף די פֿליגעלעך און — פֿררררר! — לאָזט זיך זוכן אַן אַנדער מין שפּייַז, אַבי איבערכאַפּן עפּעס אַפֿן ניכטערן האַרצן.

אויך פֿון אונטן, אַף דער ערד, איז ניט שטיל; עס שפּרינגען, לויפֿן, קריכן און פּויזען אַרום טויזנטערליי מינים באַשעפֿענישן, פֿליגעלעך, זשוקלעך, ווערעמלעך, שלענגעלעך און יאַשטשערקעלעך פֿון אַלערליי פֿאַר־בן, שפּינען און מערעשקעס אַלפֿי־אַלפֿים; דער טראָגט אַ טויטע פֿליג צו זיך אין נעסט אַרייַן, די קליינע קינדער אַף אָנבייַסן; דער — אַ גרעזעלע, דער — אַ שטיקל סכך אַף דער סוכּה, און דער שלעפּט אַ גאַנצן שטרוי צען מאָל אַזוי גרויס, ווי ער אַליין — אַלע זייַנען אַרויסגעגאַנגען אַף דער אַרבעט, זיך באַוואָרענען מיט וואָס איבערצוקומען דעם טאָג. און אויך די לופֿט איז פֿול מיט קאָמאַרעס, גרויסע עזות־פּנימער, וואָס שפּרינגען אין פּנים אַרייַן, און אַלערליי פֿאַרביקע פֿאַרבעס און פֿערבלעך, וואָס לעבן פֿונעם ווינט. דרייען זיך אַרום אַהין און אַהער, טוען גאָרנישט, נאָר זיי זשומען און ברומען, טאַנצן־אַרום אַף פֿרעמדע חתונות, רוימען־אייַן אַ סוד אין אויער און טוען אַ ביס פֿון הינטן זויגן אויס אַ ביסל בלוט און פֿליִען ווייַטער... אַלצדינג לעבט אין דער נאַטור, אַלצדינג איז באַשעפֿ־טיקט, פֿאַרטאַראַמט מיט זיך, מיט זייַן אייגענעם מאָגן...

נאָר שפּעטער־שפּעטער הייבן־אָן ביסלעכווײַז באַווײַזן זיך אין וואַלד אויך מענטשן; ווידער די זעלבע ברואים, ווידער די אייגענע ייִדן מיט די אייגענע פּלעשלעך, מיט די אייגענע הענגענדיקע קברים (האַמאַקן), וואָס אַלע מאָל.

— איר זיצט דאָ אין בויבעריק אַף אַ דאַטשע? — טו איך אַ פרעג אַף אַ ציקאַוועסט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע אָרעמע, קראַנקע, יאַדישלעווע ייִדן מיט אָרעמע, קראַנקע, אויסגעטריקנטע ווײַבער, וואָס האַלטן זיך צו בײַ אַ בוים און הוסטן.

— אַ משל! — ענטפערן מיר עטלעכע מיט אַ מאָל, — ווי קומט צו אונדז אַ דאַטשע? מיר זײַנען אָרעמע בעלי־מלאכות פון יעהופּעץ.

— וואָס־זשע טוט איר הי, אין בויבעריק? — פרעג איך זיי.

— אַז אַך און ווײ איז אונדז! — זאָגן זיי — מיר האַלטן זיך אויף דאָ אין דעם היגן בקור־חולים, וואָס מע רופט דאָס „סענאַטאָריע".

— אומזיסט? — פרעג איך.

— וואָס־זשע, פאַר געצאָלט?

— ווער־זשע גיט דערויף געלט?

— ווער זאָל געבן? — זאָגן זיי — קראַנק זײַנען די יעדהופּעצער נגידים געבן געלט? זיי האָבן קאַרג? גאָט זאָל העלפן, זיי זאָלן אַריבער אַף אונדזער שטאַנד, וואָלטן מיר זיי בעסער אויסגעהאַלטן, ווי זיי אונדז.

— וואָס איז דען? — פרעג איך — ס׳איז אײַך דאָ נישט גוט?

— אַ מאָדנער ייִד איר זײַט! — מאַכן זיי צו מיר. — וואָס־זשע, ס׳איז אונדז גוט?

— דהיינו, וואָס פעלט אײַך?

— ס׳זאָל אונדז צוקומען וואָס אונדז פעלט! ערשטנס, האָט מען אונדז אָפּגעריסן פון דער היים, פון ווײַב און קינדער, און באַזעצט אָט דאָ אַף אַ דאַטשע, און מע האָדעוועט אונדז, ווי די גענדז, מע שטאָפּט אונדז מיט רפואות און מיט מילך און מיט „קאַפיר", וואָס דער טאָטער מאַכט פאַר אונדזערטוועגן, און מע הייסט אונדז ליגן אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד, אַף דער „לופט", און נישט טראָגן קיין שום דאגות אָפּן קאָפּ. ס׳איז גרינג צו זאָגן.

— אָט דאָס איז גאָר? — זאָג איך.

— און דאָס שפּײַען? — דופּט זיך אָן צו מיר אַ ייִד מיט שוואַרצע ברילן און פּאַרהוסט זיך — און דאָס שפּײַען איז בײַ אײַך גאָרנישט?

— וואָסער שפּײַען? — פרעג איך אים.

— דאָס שפּײַען, — מאַכט ער — וואָס מע טאָר נישט שפּײַען! אַ ייִד הוסט און וויל אַ שפּײַ טאָן, לאָזט מען אים נישט! דער דאָקטער האָט אײַנגעפירט אַזעלכע שיסעלעך, און איטלעכער קראַנקער מוז זיך אַרומטראָגן מיט זײַן שיסעלע, און זאָל ער שפּײַען. נו, טוט דאָס אַ קלאָרער?...

— הײַנט די לײַלעכער מיטן בעטגעוואַנט, מיטן גרעט — רופט זיך אָן אַ קראַנקע ייִדענע מיט טויטע ליפּן — האָט דער דאָקטער אָנגעזאָגט, מע זאָל בײַטן אַלע מינוט. האָט איר געהערט אַ משוגעת? איך פרעג אַ קשיא: וואָס געהער זיך אָן, אַ שטייגער, אַ ווײַסער לײַלעך מיט מײַן הוסטן, וואָס איך הוסט? אַז איך וועל בײַטן צען מאָל אין טאָג דאָס העמד, וועל איך אויפהערן הוסטן?

— הײַנט דאָס עסן, וואָס מע גיט אונדז! — רופט זיך אָן אַ ייִדל מיט ברענענדיקע אויגן.

— מע גיט אײַך נישט קיין עסן? — פרעג איך אים.

— וואָס האָט איר געוואָלט? מע זאָל אונדז שוין גאָר נישט געבן קיין עסן? — מאַכט צו מיר דאָס ייִדל מיט די ברענענדיקע אויגן. — עסן גיט מען, נאָר אַלץ הייסט בײַ אײַך עסן? מיר געפינען זיך דאָ אינעם היגן בקור־חולים שוין, ברוך־השם, אַזוי גרויס ווי דרײַ זומערן, און מיר גייען־אויס פאַר אַ ביסל באָרשטש. דרײַ זומערן כסדר האָדעוועט מען אונדז מיט יאַיכלעך, מיט הינדלעך געבראָטענע, מיט מילך און מיט לייזע אייער. אַלע טאָג ווידער אַ מאָל אַ הינדל און ווידער אַ מאָל אַ יאַיכל, און אָבער אַ מאָל מילך און אָבער אַ מאָל לייזע אייער! קרעפּ־לעך עסן, זאָגט מען, קאָן אויך נמאס ווערן! מיר בעטן, מע זאָל אונדז אָפּקאָכן אַ מאָל אַ ראָסל־פלײשל מיט קנאָבל, מאַכן אַ ציבעלקע מיט שמאַלץ, אַ שטיקל רעטעך פאַר אַ נאָווינע, געבן אַ מאָל אַ ביסל באָרשטש צו דערקוויקן די נשמה, — זאָגן זיי: דער דאָקטער הייסט נישט. איר זײַט ניט קראַנק, זאָגן זיי, עסן „קאָטלעטן" גוטע, אַ „בעשטעק" אַ פרישן, אַ געבראָטן הינדל, אַ בוליאָן מיט פּענעצלעך, און פּאַרטרינקען מיט מילך, אָדער מיט „קאַפיר", וואָס דער טאַטער מאַכט! — וואָס טויגן

אונדז די דאָזיקע מאכלים? — טענהן מיר. — איר גיט אונדז דאָס, וואָס מיר האָבן ליב! ממה־נפשך, האָט איר זיך אונטערגענומען אונדז אויס־האַלטן מיט א דירה און מיט דינסטן און מיט רפואות און מיט אַלדאָס־דינג, באַדאַרפט איר אונדז פרעגן, וואָס מיר האָבן ליב, ניט דאָס, וואָס דער קלוגער דאָקטער וועט אויסטראַכטן! ווי באַלד ס'איז באַ אײַך אַ בקור־חלים, — טענהן מיר, — איז דאָך עס אַ בקור־חולים פון אונדזערט־וועגן! אַנו, לאָז פּרוּוון זײַן אַ בקור־חולים אָן אָרעמע־לײַט, אָרעמע קראַנ־קע, מיט נאָר דאָקטוירים אַליין! וואָס, אפשר ניט אַזוי?...

— פּאַפּאַשאַ, יאַוורעאי!* — שרײַען צו מיר די קלענערע קינדער און רופן מיך פון וואַלד אַרויס.

פון זינט איך האָב „געכאַפּט" די גראָבע עטלעכע טויזנט און עס האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען צו מיר אין שטוב אַרײַן סטודענטן, האָט מען באַ מיר אויפגעהערט צו ריידן יִדיש. כאָטש די סטודענטן (זיי הייסן כאַצקילעוויטש, קנאָבעלמאַן און פּײַטעלזאָן) קומען אַרויס פון יִדן, און ס'איז גאָר אַ סברא, אַז זיי זײַנען אַליין אויך יִדן... אָט זיי קוקנדיק, ריידן שוין אונדזערע קינדער מיט אונדז אויך ניט קיין יִדיש. זיי זאָגן, אַז מע רעדט שוין הײַנט אין ערגעץ נישט „פּאַ־יעווריייסקאָמו" — און גיי טו זיי עפּעס!

## יג.

(בויבעריקער בעלי־בתים. — ותלמוד תורה כנגד כולם!)

געקומען פונעם וואַלד, טרעף איך צוויי יִדן, איינער איז אַ נידער־ריטשקער, אַ גראָבלעכער, דער אַנדערער אַ הויכער, אַ דינלעכער.

— ווער זײַט איר? — פרעג איך זיי.

— מיר זײַנען טאַקע היגע, הייסט דאָס, בעלי־בתים זײַנען מיר.

— וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

— גאָרנישט, מיר האָבן אײַך נאָר געוואָלט אַ פרעג טאָן, צי איז נישט געווען באַ אײַך אונדזער שוחטס זון?

---

*) טאַטע, יִדן!

— אַ יונגעהמאַנטשיק, — זאָג איך — מיט אַ לאַנגן פּידזשאַק, מיט אַ גרינעם זשילעט און מיט אַ ווײַסער מאַנישקע?

— יאָ, יאָ, יאָ! — זאָגן זיי. — האָט ער אײַך געבעטן, איר זאָלט זיך פֿאַרשרײַבן אויף דער תּלמוד־תּורה?

— געבעטן — זאָג איך.

— נו, איר האָט זיך פֿאַרשריבן?

— פֿאַר וואָס נישט? — זאָג איך.

— נו, מהיכי־תּיתי, פֿאַרשריבן איז פֿאַרשריבן! — מאַכן זיי און קוקן איינס אויף דאָס אַנדערע. — אַ קאָמעדיע מיט די דאַטשניקעס, אַ ריינע קאָמעדיע! ווער עס זאָל נישט קומען צו זיי נאָך געלט, גיבן זיי. נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן!

— וואָס איז דען? — זאָג איך — איר האַלט דען נישט פֿון דער היגער תּלמוד־תּורה?

— וואָסער תּלמוד־תּורה? — זאָגן זיי — וואָסערע לאָקשן? עס הייבט זיך גאָר נישט אָן! פֿאַראַן דען בײַ אונדז אָרעמע קינדער אין בויבעריק, וואָס מיר זאָלן דאַרפֿן האָבן אַ תּלמוד־תּורה? טוט אַ פֿרעג אויף ציקאַוועסט דעם יעהופּעצער מלמד, וואָס שרײַבט אויף די בלעטער, וועט איר הערן...

— געפֿינט איר, הייסט דאָס, אַז איך דאַרף, — זאָג איך — אויף דער תּלמוד־תּורה גאָרנישט געבן?

— וואָס איז שײַך, — זאָגן זיי — מיר געפֿינען? מיר קאָנען אײַך דען זאָגן אַ דעה אויף אײַער קעשענע? און אַז איר וועט וועלן אײַער געלט אַרויסוואַרפֿן אין דער בלאָטע, קאָנען מיר אײַך פֿאַרווערן? מיר זײַנען חלילה נישט אַזעלכע מענטשן, וואָס מיר זאָלן יענעם באַריידן. נאָר איר זאָלט וויסן, ווער אונדזער שוחטס זון איז און וואָס ער איז, וואָלט איר אַרויס פֿון די כּלים... האָט קיין פֿאַראיבל ניט, וואָס מיר האָבן אײַך אפֿשר דעקוטשעט. אַ גוטן טאָג!

זיי לאָזן זיך גיין און קערן זיך אום צוריק:

— וואָס האָבן מיר אײַך געוואָלט בעטן? איר זאָלט נישט זאָגן קיינעם, אַז מיר האָבן אײַך דערציילט מכּח דער תּלמוד־תּורה, דעם שוחטס זון, דאָס, יענץ... דאָס האָבן מיר נאָר אײַך געזאָגט גלאַט אַזוי, איר זאָלט וויסן... איר פֿאַרשטייט?... אַ גוטן!

— א גוטן!

תיכף נאָך די צוויי ייִדן קומען צו גיין אַנדערע צוויי ייִדן: איינער מיט אַ קאַפּעלוש, דער אַנדערער מיט אַ קאַשקעט.

— ווער זייט איר? — פרעג איך זיי.

— מיר זיינען טאַקע היגע, הייסט דאָס, בעלי־בתּים זיינען מיר.

— וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

— גאָרנישט! מיר האָבן אייך נאָר געוואָלט אַ פרעג טאָן, צי זייַ־נען נישט געווען בײַ אײַך נאָר־וואָס צוויי ייִדן?

— איינער אַ נידעריקער, — זאָג איך — און אַ גראָבלעכער, דער אַנדערער אַ הויכער און אַ דינלעכער?

— יאָ, יאָ, יאָ! — זאָגן זיי. — האָבן זיי אייך נישט דערציילט פונעם שוחטס זון און פון דער היגער תּלמוד־תּורה?

— וואָסער תּלמוד־תּורה? — זאָג איך — ס'איז דען בײַ אײַך פאַראַן אַ תּלמוד־תּורה אין בויבעריק?

— נאָך אַ מין תּלמוד־תּורה! — זאָגן זיי — אַזאַ שטיק גאָלד זאָלן מיר האָבן! די ייִדן האָבן אײַך אפשר געזאָגט, אַז ניין?

— ס'איז דען פאַראַן בײַ אײַך אָרעמע קינדער? — זאָג איך זיי.

—נאָך אַ מין אָרעמע קינדער! — זאָגן זיי — אַזוי פיל טויזנטער זאָלן מיר פאַרמאָגן מיט אײַך אינאיינעם, וויפל אָרעמע קינדער עס גייען אַרום בײַ אונדז נאַקעט און באָרוועס! יענע צוויי ייִדן האָבן אײַך אפשר געזאָגט, אַז ניין? ס'איז דיר אַן אַקציע מיט אַ ייִדן! הערט איר, ס'איז ניט שײַך צו דיידן, איר זייט דאָך נישט מער ווי אַ פרעמדער מענטש, נאָר מיר זאָלן אײַך דערציילן אַ צענט־חלק פון דעם, וואָס בײַ אונדז אין שטעטל טוט זיך אָפּ, וואָלט איר געשפרונגען אין דער לופטן! איר מעגט אונדז זיכער גלייבן, אַז מיר קערן זיך אָן מיטן שוחטס זון גאָר ווייניק מחותּנים, און מיר דאַרפן אים אויף ניין און נײַנציק כּפּרות... נאָר וואָס דען? דער דאָזיקער יונגערמאַן, הערט איר, איז דווקא אַ לײַטישער יונגערמאַן; איר קאָנט פאַרשטיין פון דעם אַליין, אַז ער גיט זיך אָפּ מיט אַזאַ זאַך. כּלעבן, אַזאַ גרויסע, אַזאַ הייליקע זאַך, ווי תּלמוד־תּורה! אַ קלייניקייט — תּלמוד־תּורה! עס שטייט בײַ אונדז געשריבן, מסתּמא ווייסט איר דאָך, ותלמוד תּורה כּנגד כּולם — וואָס קאָן שוין זײַן גרעסער דערפון?

קומען צוגיין צוויי ייִדן און זײַנען מבטל, גאַרנישט! די גאַל קאָן דאָך נאָר צעזעצט ווערן! באשר וואָס? באשר בא אונדז זײַנען דאָ צוויי שוחטים, צוויי בתי־מדרשים, צוויי פּאַרטיעס, — איז וואָס איינער טוט, טוט דער אַנדערער קאַפּויר! און דערצו האָט זיך נאָך אַרײַנגעמישט דער מלמד פון יעהופּעץ, וואָס שרײַבט אויף די בלעטער, למאי מע האָט גענעפנט א תלמוד־תורה אָן אים...

— געפינט איר, הייסט דאָס, אַז איך דאַרף ניט שטעלן אויף זייערע רייד, — זאָג איך — און איך זאָל דווקא יאָ געבן אויף דער תלמוד־תורה?

— וואָס איז שײַך? — זאָגן זיי — מיר קאָנען אײַך דען זאָגן א דעה? אוודאי איז דאָס אַ גרויסע מצווה אונטערהאַלטן אָרעמע קינדער, וואָס גייען אָרום בטל, נאַקעט און באָרוועס. און שטעלן דערויף, וואָס יענע וועלן אײַך דערציילן לשון־הרע, זײַט איר נישט מחויב, וואָרעם אונדזער שטעטל איז, ווי איר קוקט דאָס אָן, אַ קליין שטעטל און אַן אָרעמס, נאָר פול מיט אינטריגעס, רכילות, קנאה, שנאה, און וואָס איר ווילט! מיר ווילן דאָ חלילה קיינעם ניט באַריידן; נאָר גאָרנישט, ס'איז געקומען צו רייד — רעדט מען. האָט קיין פּאַראיבל ניט, וואָס מיר האָבן אײַך אפשר דעקוטשעט. אַ גוטן טאָג!

זיי לאָזן זיך גיין און קערן זיך אום צוריק.

— מיר האָבן צו אײַך אַ קליינע בקשה, איר זאָלט נישט זאָגן קיינעם, אַז מיר האָבן אײַך דאָ דערציילט מכח צוויי שוחטים, צוויי בתי־מדרשים, אינטריגעס, דאָס, יענץ, לאָקש, בווידעם... דאָס האָבן מיר נאָר אײַך געזאָגט גלאַט אַזוי, איר זאָלט וויסן. איר פאַרשטייט?... אַ גוטן!

— אַ גוטן!

נאָך די צוויי ייִדן קומען אָן אַנדערע צוויי ייִדן, איינער מיט אַ פּאַרעסאָל, דער אַנדערער מיט אַ שטעקל, און ווידער אייגענע געשיכטע פון „מה טובו":

— ווער זײַט איר? וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

— מיר זײַנען טאַקע היגע, הייסט דאָס, בעלי־בתים זײַנען מיר, און אַרײַנגעגאַנגען זײַנען מיר צו אײַך גאָרנישט, גלאַט אַזוי, אַ פרעג טאָן, צי זײַנען נישט געווען דאָ נאָר־וואָס צוויי ייִדן, איינער מיט אַ קאַפּע־

לוש, דער אַנדערער מיט אַ קאַשקעט? זיי האָבן מסתּמא דערציילט גוזמאות פון דער היגער תּלמוד־תּורה מיט די זיבן און זיבעציק תּלמי־דים, און האָבן פאַרענטפערט דעם שוחטס זון, אַז ס'איז באַ אונדז פאַראַן צוויי שוחטים, צוויי בתּי־מדרשים, צוויי פּאַרטיעס, און האָבן מסתּמא באַרעדט דעם מלמד פון יעהופּעץ, וואָס שרײַבט אויף די בלע־טער, געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט ליב כּבֿוד, מאַכן אינטריגעס? איאָ, גלײַך ווי מיר זײַנען געוועזן דערבײַ? עך—עך—עך! וואָס ווייסט איר, וואָס באַ אונדז טוט זיך אויף! מיר זאָלן אײַך וועלן דערציילן מכּח אונדז־זערע „מעות־חטין", מכּח אונדזער חבֿרה „גמילות־חסדים", וואָס מיר האָבן געוואָלט אײַנפירן, און מכּח דער היגער באָד, וואָס מיר האָבן גע־וואָלט מאַכן, וואָלט איר משוגע געוואָרן...

איך האָב זיי אויף און זאָג זיי, אַז איך בין זיי מוחל דאָס „מעות־חטין" מיטן „גמילות־חסדים" מיט דער באָד, און אפילו מיטן מלמד פון יעהופּעץ, וואָס שרײַבט אויף די בלעטער, — און איך וויל נישט משוגע ווערן... געזעגנען זיי זיך אויף מיט מיר און גייען אַוועק, נאָר עס קומען באַלד אָן אַנדערע צוויי ייִדן, ביידע נידעריקע און ביידע מיט קאַשקעטלעך און ביידע מיט שטעקלעך.

דערזען ווידער אַ מאָל צוויי ייִדן, לאָז איך מיך שוין גיין אַקעגן זיי און וואַרט שוין ניט אויף קיין כּבֿוד און רוף מיך אָן צו זיי:

— זײַט־זשע מוחל, מײַנע ליבע ייִדן, איר זײַט דאָך מסתּמא היגע בעלי־בתּים און דאַרפֿט דאָרפֿן איר גאָרנישט, נאָר גלאַט אַזוי, איר ווילט וויסן, צי זײַנען דאָ ניט געוועזן באַ מיר נאָר־וואָס קיין צוויי ייִדן, איינער מיט אַ פּאַרעסאָל, דער אַנדערער מיט אַ שטעקל? זאָג איך אײַך, אַז ס'איז נישט געוועזן באַ מיר קיינער, און איך ווייס ניט גאָר־נישט, ניט פון קיין שוחטים, ניט פון קיין יעהופּעצער מלמדים, וואָס שרײַבן אויף די בלעטער, ניט פון קיין אינטריגעס, ניט פון קיין תּלמוד־תּורה, ניט פון קיין מעות־חטין, ניט פון קיין באָד, און האָט אײַך אַ גוטן תּמיד!... חיה־עטל, היים געבן דעם סאַמאָוואַר!

## יד.

(אפגערעדט די מויד. — ניטא קיין טראפן וואסער. — מיר צעקריגן זיך מיט אלע שכנים. — איך לויף אין שטאט ארײַן.)

— דעם סאמאוואר ווילסטו, זאל מען דיר געבן? — זאגט צו מיר מײַן ווײַב — נו־נו, וועסט שוין מעגן ווארטן אף א סאמאוואר! מיר זײַנען געבליבן אן א מענטשן, אן א טראפן וואסער, אן לײַב און אן לעבן! דײַנע יעהופּעצער אריסטאקראטקעס, ברענען זאלן זיי דיר אפן פײַער, האבן הײַנטיקע נאכט אפגערעדט אונדזער מויד!

— וואס הייסט, — זאג איך — זיי האבן אפגערעדט די מויד?

— וואס זאגט איר אף דעם תם? ער ווייס ניט, ווי אזוי מע רעדט אפ א מויד? געבעך, א רחמנות אף אים! — מאכט חיה־עטל. — לאמיר גיין באטש אפשפּילן זיי א בייזן, א וויסטן, א פינצטערן...

— שא! — זאג איך צו איר — חיה־עטל, פאלג מיך, לאז זײַן שטיל! מיר זײַנען דאך נישט בא זיך אין דער היים! מיר זיצן דאך עפּעס אין בויבעריק, אף א דאטשע!

— א דאטשע? — זאגט מײַן ווײַב. — א גליק האט מיך געטראפן! זי וואלט דיר געמעגט פארברענט ווערן מיט גאנץ בויבעריק, איידער מיר האבן זי געדונגען! איך האב אים אבער געזאגט, מע דארף ניט קיין דאטשעס! האט זיך אים אבער פארגלוסט נאכשטופּן די קארעטע! אלע יידן פארן קיין בויבעריק, דעריבער דארפן מיר אויך פארן! וואס וואלסטו געטאן, אשטייגער, ווען אלע יידן זאלן זיך אפשנײַדן די נעז?...

מײַן ווײַב זאל לעבן איז געגליכן, להבדיל, צו א מאשינע: אז זי הייבט־אן ריידן, זאלט איר זיך ניט פּרוּוון זי איבערשלאגן; זי וועט אזוי לאנג ריידן, ביז זי וועט זיך אליין אפשטעלן... בשעת זי האט זיך דא אויסגעטעהנט מיט די אריסטאקראטקעס פאר דער מויד, בין איך מיך דערווײַל דורכגעגאנגען צו דער קעכן, טאמער וועל איך בא איר פועלן, אז זי זאל שטעלן דעם סאמאוואר; האט זי מיר געגעבן א רעכטן פעטשאטעק: „איך וועל מעגן ווארטן, זאגט זי, ביז זי וועט אויפשטעלן דעם סאמאוואר! דער סאמאוואר איז ניט איר ארבעט.

ס'איז אזוי אויך געווען, זאָגט זי, אַז זי באַדאַרף זיך וואַלגערן, ווי אַ הונט, אין דרויסן, אויף דער שיינער דאַטשע זייערער! דאַטשעס האָט זיך זיי פאַרוואָלט! זיי ווייסן שוין גאָרנישט וואָס אויסצוטראַכטן פאַר גרויס ראַסקאָש!"

— דאָס איז איינמאָל אַוועק, — זאָגט די קעכן — און דאָס אַנדערע, פאַר וואָס פרעגט איר מיך ניט, ווו וועל איך אייך נעמען וואַסער?

— וואָס הייסט, — זאָג איך — ווו? מיר האָבן דען ניט קיין ברונעם אויף דער דאַטשע?

— זאָל איך אייך — זאָגט זי — גיין, הייסט דאָס, ציִען וואַסער? אַ ניט דערלעבן וועלן דאָס מײַנע שונאים, אַז בתיה־ביילע די שמשטע זאָל ווערן אַ וואַסער־טרעגערן! געווען, אַז איך באַדאַרף דינען אויף דער עלטער! אַז אַך און וויי איז מיר, אויף וואָס איך בין איבערגעקומען! מײַן רפאל, עליו־השלום, זאָל איצטער אויפשטיין און אַ קוק טאָן אויף זײַן בתיה־ביילען, וואָלט ער נאָך אַ מאָל געשטאָרבן!...

בתיה־ביילע צעוויינט זיך, ווי אַ קליין קינד. עס פאַרקלעמט מיר באַם האַרצן, און איך רוף מיך אָן צו איר:

— ווייסט איר וואָס? — גיט מיר דעם עמער מיטן שטריק, וועל איך מיך פרוּוון אַליין אָנציִען אַן עמער וואַסער.

איך נעם דעם עמער, גיי צום ברונען, דריי מיטן שטריק אַהער און אַהין אויף אַלע זײַטן — עס גייט נישט! „אַפּנים, ס'איז גרינגער דורכשלאָגן צען געשעפטן אין יעהופּעץ, ווי אָנשעפּן איין עמער וואַסער אין בויבעריק"... — אַזוי טראַכט איך מיר און טו אַ וואָרף דעם עמער. גליטשט זיך אַרויס די שטריק און פּויץ אין ברונען — ניטאָ ניט קיין עמער, ניט קיין שטריק, ניט קיין וואַסער!

— וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט! — זאָגט בתיה־ביילע — ס'איז אַ פרעמדער עמער מיט אַ פרעמדער שטריק! ווער האָט אייך געבעטן, איר זאָלט אַליין ציִען וואַסער? זינט איך לעב, זינט איך שטיי אויף מײַנע פיס! אַ בעל־הבית זאָל זיך ליב האָבן מישן אומעטום, אין אַלע טעפּלעך! ווו וועל איך איצטער נעמען אַן עמער? מיט וואָס וועל איך זיך שטעלן קאָכן?

איך אַנטלויף פון קיך, באַגעגנט מיך מײַן ווײַב מיט אַ געוויין.

— גאָט איז מיט דיר, חיה־עטל, וואָס וויינסטו?

— אַ דאַטשע האָט זיך אים, — זאָגט זי — פאַרגלוסט! „לופט" האָט זיך אים געוואָלט אין בויבעריק! זאָלסט געווען הערן, וואָס פאַר אַ „לופט" איך האָב דאָ געהאַט פון דיינע שיינע אַריסטאָקראַטקעס! זיי האָבן מיך אָפּגעזידלט, ווי מע זידלט אַ דינסט! טאַקע כּדאַי געווען, כּלעבן, אַרויספאָרן צוליב דעם קיין בויבעריק אויף אַ דאַטשע! איך האָב געמיינט, אַז די הקדש־ווייבער וועלן זיך פאַר מיר איינשטעלן, צום סוף האָט מיר די רעסטאָפּאַליער אויסגעוואָרפן, אַז ס'איז בײַ אונדז אַ טרפה קיך, מילכיקס מיט פליישיקס איז בײַ אונדז, זאָגט זי, יהדיו... נאָר מער פון אַלעמען פאַרדריסט מיך אויף דער בלינדער, וואָס מאַנדעלשטאַם דער דאָקטער ברענט איר מיט ליאַפּעס, עס זאָלן איר נאָר אַרויס די אויגן, ליבער גאָט!

— אַז איר וועט נישט אַנשטומט ווערן, — לאָזט זיך הערן אַ קול פון יענער זייט וואַנט — וועט מען אייַך צעפּאַטשען די פּיסקעס! מע וועט ניט קוקן אויף אײַערע איבערגעוואַקסענע טעכטער, וואָס איר זײַט געקומען מיט זיי אַהער כאַפּן חתנים, און אויף אײַער מאַן, וואָס האָט געמאַכט אַן אָפּרעלע און „געכאַפּט" עטלעכע טויזנטער! מאַלט אײַך, זיי וועלן גערדויערן בײַ אײַך, ניט מער זאָל דער יידישער גלות גערדויערן, פון אסתּר־תּענית ביז פּורים! מע האָט שוין געזען אַזעלכע גבירים אין יעהופּעץ, וואָס הײַנט פאָרן זיי אויף גומעלאַסטיקענע רעדער און מאָרגן גייען זיי אָן שטיוול צו פוס!...

„יאָ, — קלער איך מיר — דער פרימאָרגן אויף דער דאַטשע האָט זיך אָנגעהויבן ניט אין בעסטן. אַ שלעכטער סימן!"

איך זוך־אויס פאַר מײַן ווײַב אַ תירוץ, אַז איך באַדאַרף האָבן נייטיק אין שטאָט אַרײַן, און לויף צו דער באַן.

## טו.

(דאַס אַפּקומעניש. — חידושים פון „זעקס־און־זעכציק" און פון „סטוקלקע". — ווי אַזוי עס ווערט געמאַכט אַן „אַפּיס" פון אַ „אימעניע". — דער יעהופּעצער טראַמוואַי.)

די בויבעריקער דאַטשניקעס, וואָס פאָרן אַלע טאָג אין שטאָט אַרײַן, האָבן, אַפּנים, שטאַרק פאַרזינדיקט פאַרן רבונו־של־עולם, מחמת

זיי זײַנען פֿאַרמשפּט געוואָרן, זיי זאָלן פֿאַר זייערע גרויסע זינד אָפּ־קומען אָף דער וועלט, לעבעדיקערהייט זיך פּרעגלען אין גיהנום, זיך בראָטן און ברענען אַ גאַנצן טאָג אין שטאָט אָף דער היץ, אַרומלויפֿן, ווי די פֿאַרסמטע מײַז, הין און צוריק, אָנגעלאָדן מיט פּעקלעך, בינטלעך און פּאַפּירענע פּודעלעך, עסן מכות, ניט שלאָפֿן, שטענדיק קוקן אָפֿן זייגער, לעבן אין פּחדים, ציטערן, מע זאָל חלילה ניטש פֿאַרשפּעטיקן די באַן...

נאָר אַז מע קומט זיך צענויף צווישן מענטשן, באַדאַרף מען זיך באַרימען מיט דער דאַטשע, אַז ס'איז גאָר אַן אַנטיק אין דער וועלט; דער עיקר איז די „לופֿט": די „לופֿט" איז מחיה נפֿשות, אַן אמתער גן־עדן!

און זיי זײַנען אַזוי געוווינט געוואָרן מיטן דאָזיקן „גן־עדן", אַז זיי מיינען שוין, אַז סע קומט זיי טאַקע... זיי באַקלאָגן זיך שוין גאָר ניט, זיי זײַנען ווי די פֿאַרמשפּטע אַרעסטאַנטן, וואָס ווייסן, אַז זיי מוזן אָפּזיצן זייער שטיקל צײַט, איבערקומען דעם זומער, — וואָס זאָל מען טאָן? זיי זײַנען דעריבער צופֿרידן, אַז גאָט העלפֿט זיי, זיי פֿאַר־באַפֿן כאָטש אַן אָרט אין וואַגאָן — דאָס איז אַזאַ גליק, וואָס ניט איט־לעכער קאָן דערצו גרייכן. מע באַדאַרף זיך שלאָגן איבער אַן אָרט און מע באַדאַרף טאַקע האָבן אַ שטיקל הצלחה אויך; וואָרעם אַ מאָל מאַכט זיך, איר האָט שוין גוט מלחמה געהאַלטן, קוים מיט צרות אײַנגענומען דעם אָרט, קומט צו גיין איינער אַ גלוח מיט לאַנגע וואָנצעס, איר ווייסט ניט, צי ס'איז אַ יִיד, צי אַ קריסט, און בעט אײַך, איר זאָלט זיך מטריח זײַן — „פּאַזוואָלטי וואָס בעזפּאָקאָאיט!"...*

דער וואַגאָן, וווּהין איך האָב מיך אַרײַנגעכאַפּט, איז געווען אָנגע־שטויסן מיט בויבעריקער דאַטשניקעס; אַ סך זײַנען געזעסן, און נאָך מער זײַנען געשטאַנען מחילה אָף די פֿיס. דער עולם האָט זיך צעשלאָגן אָף רעדלעך און מע האָט געשמועסט פֿון געשעפֿט: דער פֿון די בענק — די בענק זעצן־אָן; דער פֿון וועקסעלעך — ער האָט אַ גוט וועקסעלע.

— וואָס ווערט אָנגערופֿן בײַ אײַך אַ גוט וועקסעלע? — פֿרעגט איינער.

---

*) זײַט־זשע מוחל.

— ׳א גוט וועקסעלע — ענטפערט אים דער אנדערער — הייסט אזא וועקסעלע, וואָס האָט געחתמעט א „בטוח", נאָר אזא „בטוח", וואָס האַלט בא אַנזעצן, איר פארשטייט?... בא אזא וועקסעלע קאָן מען גוט פאַרדינען!... אָט האָב איך ערשט נעכטן געהאַט צוויי וועקסעלעך אזעלכע, און דווקא אין וואַלד, ליגנדיק אין האַמאַק!

— ס׳איז בלאָטע! — ענטפערט אים יענער — וואָס פאַרדינט מען בא וועקסעלעך? פאַרדינען פאַרדינט מען בא צוקער! אָט האָט נעכטן יענקעלע „געמאַכט" הונדערט טויזנט פוד צוקער? —

— יענקעלע האָט „געמאַכט" הונדערט טויזנט פוד צוקער? — טוען א פרעג עטלעכע מיטאַמאָל, ווי דערשראָקן. — ווי טײַער? ווער האָט געקויפט? ווער האָט פאַרקויפט?...

און עס גייט אַוועק א לאַנגער שמועס פון צוקער, און מע רעכנט אויס, וויפל יענקעלע מיט דער באַליאַסטרע האָבן הײַנטיקן חודש „געמאַכט" צוקער.

— איך האָב מורא, אויב ניט זעקס מאָל הונדערט טויזנט פוד, דער רוח זאָל זיי נעמען! — זאָגט איינער.

— איך האָב מורא, אויב ניט מער! — זאָגט דער אַנדערער מיט א זיפץ. — זיי זאָלן דאָס נאָר אויסקרענקען, רבונו של עולם!...

און דאָרט, א ביסל העכער, זיצן די „מאַכערס" אליין, און שמועסן פון צוקער, צי ס׳וועט זײַן טײַער, צי ס׳וועט זײַן וואָלוול. איטלעכער זאָגט זײַן מיינונג, געוויינטלעך, פונקט דעם היפך, וואָס יענער זאָגט, און מע הייבט אָן קריטיקירן דעם מיניסטער, וואָס ער לאָזט ארויס אזוי ווייניק צוקער אָפן מאַרק. איטלעכער באַווײַזט זײַן חשבון, און איטלעכער זאָגט, אז ווען ער זאָל זײַן מיניסטער, וואָלט ער בעסער געמאַכט...

* * *

נאָר נישט אַלע, וואָס זיצן אין וואַגאָן, אינטערעסירן זיך מיט וועקסעלעך, מיט בענק און מיט צוקער; פאַראַן אַזעלכע, וואָס ריידן נאָר פון עפּעס אַנדערש.

— אָט וועל איך אײַך דערציילן ׳א שיינע זאַך — זאָגט איינער.

— מיר האָבן נעכטן געשפּילט אין „זעקס־און־זעכציק" פון גאַנץ פרי ביז זייגער צוויי באַנאַכט; ס׳איז מיר נישט געגאַנגען די קאָרט, זאָל

גאָט שומר ומרחם זיין! קויף איך, ווער איך באַגראָבן! קויף איך ניט, ליגט גאָלד! דערווייל טרעפט זיך, עס קומט מיר אָן דאָס קערטל, דינג איך מיך אין טאָג אַריין! הקיצור, מע האָט מיך אַריינגעטריבן אין אלף הששי אַריין, אַזוי גרוים ווי הונדערט פינף און פערציק! וואָס האָב איך געהאַט? איך האָב געהאַט, הערט־זשע, מלך, אויבער, מלכה, ניינטל — פּיק, און טויז, אויבער, מלכה — טרעף. איז זיך מיישב די „ער־שטע האַנט", דער רוח זאָל זי נעמען, און גייט אַרוים מיטן קעניג טרעף. ליג איך דאָס צענטל, שלאָגט מען איבער מיין וואָלעט קאָזיר, און איך בלייב אָן איינס, און שטעל אַ רעמיז! ווי געפעלט אייך אַזאַ שלאַק? איך האָב געמיינט, איך וועל זיך אַ מעשה אָנטאָן! פּונקט הונדערט פיר און פערציק, ווי אין אַפּטייק!

— שאַט! איך וועל אייך בעסער דערציילן, וואָס איך האָב געהאַט! — רופט זיך אָן נאָך איינער. — מיר זיצן אַמאָל בקאָמפּאַניע און מיר שפּילן אין „סטוקלקע". ווינטער איז דאָס געווען, אום חנוכה, פּונקט צום פינפטן ליכטל. פאַרגלוסט זיך מיר גיין „בלינד", „א־לאַ לייב", און קויף מסתמא „שרגא", און ווער באַגראָבן. איז, דאַכט זיך, גוט? ווער איך אין כעס און גיי נאָך אַ מאָל „א־לאַ לייב", און קויף ווידער אַ מאָל „שרגא" אַף אַ רעמיז! בקיצור, איך האָב זיך צעהיצט און האָב געפּטרט אַ קערבל זעכציק, און האָב דעמאָלט אָנגעשאָלטן רב לייבלען, ס'זאָל נאָר פאַלן אין ים אַריין!...

— זייט זשע מוחל, וואָס איך וועל אייך פרעגן — רופט זיך אָן אַ יידל מן הצד: — איך בין אליין אַ זוועניראָדקער; מע שפּילט באַ אונדז אין זוועניראָדקע אויך אָפטלעך אין „סטוקלקע"; דאָס הייסט, מיר שפּילן אין אַלע שפּילן, נאָר מערסטנטייל שפּילן מיר אין „סטו־קלקע"; איך בעט אייך, מאַכט מיך קלאָר, וואָס הייסט דאָס געגאַנגען „א־לאַ לייב"?

— „א־לאַ לייב" ווייסט איר ניט וואָס הייסט? — גיט אים צו פאַרשטיין איינער פון דער קאָמפּאַניע. — אָט וועל איך אייך קלאָר מאַכן: באַ אונדז אין יעהופּעץ איז פאַראַן איינער אַ געוויסער לייב, „אַ גוטער ברודער", אַ קאַכלעפל אין שטאָט; האָט ער געמאַכט אַ תקנה, אַז מע שפּילט אין „סטוקלקע", און איינער, למשל, גייט „בלינד", און דער אַנדערער — „געזען", גייט די לעצטע האַנט אויך „בלינד",

ווערט דאָס אָנגערופֿן „אַ־לאַ ליוב”. הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין דעם שכל?

— נו? — פֿרעגט דער זוועניראַדקער און ציט אויס דעם האַלדז.

— איז דאָס טאַקע עפּעס אַ סגולה?

— אַזאַ יאָר אַף ליובן! — ענטפֿערט אים יענער, און דער גאַנצער עולם לאַכט.

* * *

שטיל אין אַ ווינקל האָבן זיך פֿאַרקליבן צוויי ייִדן, איינער אַ רויטער, דער אַנדערער אַ שוואַרצער. דער רויטער האָט פֿאַרריסן דאָס היטעלע אַרויף, די אַרבל פֿאַרקאַטשעט, קוקט אַף אַ בריל, שוויצט און רעדט. דער שוואַרצער האַלט אַ שטיפֿטל מיט אַ ביכעלע און שרײַבט.

דער רויטער: פֿאַרשרײַבט, זײַט מוחל, אַז אימעניע אין בערסאַנער גובערניע...

דער שוואַרצער: איך באַדאַרף האָבן אין פּאָדאָליער גובערניע.

דער רויטער: שרײַבט אין פּאָדאָליער גובערניע אַזוי גרויס ווי דרײַצנהונדערט דעסיאַטין ערד.

דער שוואַרצער: דרײַצנהונדערט דעסיאַטין איז ווינציק.

דער רויטער: שרײַבט־זשע אַכצנהונדערט דעסיאַטין.

דער שוואַרצער: אַכצנהונדערט איז אויך ווינציק. איך באַדאַרף האָבן, ס'זאָל זײַן כאָטש דרײַ טויזנט.

דער רויטער: שרײַבט־זשע דרײַ טויזנט פֿיר הונדערט דעסיאַטין ערד „טשערנאָזיאָם”...

דער שוואַרצער: הוילע ערד טויג מיר נישט. איך באַדאַרף האָבן אַביסל וואַלד אויך.

דער רויטער: בתוכם איז פֿאַראַן זעקס הונדערט דעסיאַטין וואַלד.

דער שוואַרצער: זעקס הונדערט איז ווינציק. איך באַדאַרף, לכל הפּחות, טויזנט דעסיאַטין וואַלד. מײַן פּריץ, פֿאַרשטייט איר, האָט ליב וואַלד.

דער רויטער: מיין איך — טויזנט צוויי הונדערט דעסיאטין וואלד...

דער שווארצער: וואסער וואלד זאל איך שרייבן?

דער רויטער: וואסער וואלד? סאסנע־וואלד, דער אמתער סאסנע־וואלד, וואס מע פרעגט אף אים! סאסנעס גרויסע, גלייכע, איינס און איינס! איר האט נאך אזעלכע סאסנעס, גלייבט מיר, ניט געזען!

דער שווארצער: סאסנעס טויג מיר ניט; איך באדארף האבן דעמב.

דער רויטער: טפו! איך מיין טאקע דעמב! די בעסטע, די גרעסטע דעמבעס! ארזי לבנון! יעדער דעמב איז אזוי גרויס, אז ס'איז אומעגלעך אים צו האקן.

דער שווארצער: און א הויף איז פאראן אין דער אימעניע? מיין פריץ באדארף א הויף, און א שיינעם הויף.

דער רויטער: נאך א מין הויף! א הויף צו א הויף איז נישט גלייך. פארשרייבט, זייט מוחל, א פאלאץ פון עטלעכע און צוואנציק חדרים — וואס זאג איך? פון עטלעכע און דרייסיק! איר מעגט שרייבן אלע פעריציק — עלי זעל צוארי.

דער שווארצער: און א טייך? מיין פריץ האט ליב, ס'זאל זיין בא דער אימעניע א טייך.

דער רויטער: נאך א מין טייך! א גרויסער, א טיפער, מיט פיש א סך! אט איז די אימעניע, אט איז דער טייך! (ער באווייזט אים אף דער האנט, וווּ איז די אימעניע און וווּ איז דער טייך).

דער שווארצער: ווי אזוי פארט מען אהין? מיין פריץ וויל, עס זאל זיין נאענט צו א באן.

דער רויטער: נאך א מין נאענט! שרייבט א האלב ווערסט — וואס זאג איך א האלב ווערסט? א פערטל ווערסט, עטלעכע טריט פון דער סטאנציע; אט איז די סטאנציע, אט איז די אימעניע (ער באווייזט אים אף דער דלאניע וווּ די אימעניע איז און וווּ איז די סטאנציע)...

— שאט, מיר זיינען שוין באלד אין יעהופעץ! — רופט זיך אן איינער פון דער „חברה” און כאפט זיך אויף פונעם ארט און איז אנגע-

ברייט לויפן פאַרכאַפּן אַן אָרט אינעם טראַמווייַ. און נאָך אים — דער גאַנצער עולם.

פאַרכאַפּן אַן אָרט אינעם טראַמווייַ איז נאָך מער בריהשאַפט, וו' פאַרכאַפּן אַן אָרט אַף דער באַן. דאָ ווערט אַ געלויפערייַ מיט אַ גע' שפּרינגערייַ איבער קעפּ — ,ערדציטערניש! דאָ קוקט מען שוין ניט אַ' קיין כבוד. אַ ייִד, אַ קריסט, מיט וואָנצעס, אָן וואָנצעס, עס מעג זײַ' אַפילו אַ דאַמע — שטיקט מען זי און מע קוועטשט זי אַזוי צענויף, אַז עס גייט איר שיער ניט אַרויס די נשמה; אָדער אויב זי זיצט, זעצט מען זיך איר אַפן שויס, און לאָז זי פּרוּוון זאָגן, אַז זי וויל ניט... באַדאַרף מען היטן די קעשענעס, און דעם זייגער איז גלייַכער לאָזן אין דער היים. אַז איר וועט פאָרן אין יעהופּעץ אַפן טראַמווייַ מיט אַ גאָל' דענעם זייגער (ער מעג זײַן אַ זילבערנער, איז אויך נישקשה), וועט איי' האָבן, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַ פײַג, ניט קיין זייגער...

## טז.

(געסט. — אַ לײַבלעכער פעטער. — יענטל דער מומע זלאַטעס. — אומזיסטע טרערן.)

געקומען צו פאָרן פון שטאָט אַ פאַרברענטער, אַ פאַרשרפהטער, אַן אויסגעמוטשעטער, אַ הונגעריקער, לויפן מיר אַקעגן די קלענערע קינדער מיט אַ גדולה:

— פּאַפּאַשאַ! גאָסטי! אָו נאַם גאָסטי!*

— גאָט ליב דיר מיט דײַנע געסט, סקאָצל קומט! — זאָגט צו מיר מײַן ווייַב. — די משפחה דײַנע! געוואָרע געוואָרן, אַז דו האָסט פאַר' דינט געלט, האָבן זיי זיך צעלאָזט פון דער גאָרער וועלט! ווו זײַנען זיי געוועזן פריִער, ניט היינט געדאַכט, אַז דער דלות האָט געפּײַפט אין אַלעווינקעלעך?...

„שוין לאַנג שטיל געוועזן!" — טראַכט איך מיר און לאָז מיך גיין אַף דער דאַטשע, קומט מיר אַקעגן אַן אַלטער ייִד מיט אַ טויט פּנים,

---

*) טאַטע, געסטן!

מיט אײַנגעפאַלענע באַקן און מיט אַ גרויסער באָרד, און נעבן אים שטייט אַ נידעריק ווײַבל מיט אַ רויטער נאָז און מיט אַ געלער זײַדע־נער פאַטשיילע, פאַרלייגט אַרונטער די אויערן, און מיט אַ וואַרעמער שאַל אַף די פּלייצעס, כאָטש אין דרויסן איז ניט אַזוי קאַלט. דאָס ווײַבל טוט זיך מיר אַ מאָדנעם בייג, אַ וויש די נאָז מיט צוויי פינגער און אַ זאָג מיט אַ זיס שמייכעלע:

— האָסט מיך נישט דערקענט? גיי שוין, גיי! איך בין דאָך יענטל דער מומע זלאַטעס! און דאָס איז דער טאַטע מײַנער, דײַן פעטער זלמן. ער איז שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, איאָ? איך האָב זיך שוין באַקענט דאָ מיט אַלע דײַנע קינדערלעך, איינס שענער פונעם אַנדערן, קיין עין־הרע ניט!

— שלום־עליכם, פעטער! — זאָג איך צום פעטער זלמן. — פון וואַנען קומט איר יאָ?

— מחיה נפשות! — ענטפערט מיר דער פעטער זלמן אַף אַ הויך קול און מאַכט מיט די ליפּן, ווי אַ מענטש בשעת ער עסט און האָט הנאה. — בעסער, הערסטו, קאָן שוין גאָרנישט זײַן! וואָס־זשע מאַכסטו גוטס? האַ? שוין לאַנג, הערסטו, ניט געזען זיך? אוודאי אַ יאָר צוויי און צוואַנציק, האַ? און אפשר מער? שאַ, שאַ, איך וועל דיר באַלד זאָגן! וויפל האָבן מיר פון יענטעלס חתונה? האַ? פונקט פון איר חתונה אָן האָבן מיר זיך ניט געזען! וואָס־זשע מאַכסטו עפּעס אין געזונט, האַ? ווי גייט דאָס דיר אין די געשעפטן, האַ?

— דאַנקען גאָט, — זאָג איך, — נו, און איר וואָס מאַכט?

— גלײַך פון אוריטש, פון דער היים, הייסט דאָס! — מאַכט ער צו מיר אַף אַ קול. — געווען בײַ דיר אין שטאָט, געקלאַפּט אין דער טיר, מע עפנט ניט! הקיצור, מע זאָגט, דו ביסט אין בויבעריק. וואָס טוסטו אין בויבעריק, האַ? אַף זומער, הייסט דאָס, האַ? זאָגסט עפּעס?

— ער דערהערט ניט, — מאַכט צו מיר יענטל, — זינט די מאַמע, מיר צו לענגערע יאָר, איז געשטאָרבן, איז ער, ניט פאַר דיר גערעדט, געוואָרן טויב, אָבער ווי אַזוי מיינסטו טויב? ווי די וואַנט!

— ס'איז דאָ, הערסטו, אויסגעצייכנט גוט! האַ? — שרײַט צו מיר דער פעטער זלמן אַף אַ קול, גלײַך ווי איך וואָלט דאָ געווען דער טויבער, ניט ער. — איך זאָג דיר, הערסטו, ס'איז דאָ אַן אַנטיק! ממש

א גן־עדן! האָ? איך רעכן דאָ, אם־ירצה־השם, פאַרברענגען א וואָך צוויי אָדער דריַי, האָ?

— מיר האָבן געוואָלט פאָרפאָרן אַף א סטאַנציע, — זאָגט יענטל און פאַרענטפערט זיך — האָט זיך דער טאַטע איַינגעשפאַרט — נאָר אהער; דו וועסט זיך באַליידיקן, זאָגט ער, טאָמער שטייען מיר באַ א פרעמדן; איך בין דאָך אים, זאָגט ער, א ליַיבלעכער פעטער, עס פאַסט נישט!

— און ווער איז יענץ פאָרפאָלק? — זאָג איך און וויַיז אָן אַף א ייִדן מיט א ייִדענע, וואָס זיצן אַף דער וועראַנדע און טרינקען טיי פון די שאָלן, בלאָזן און קוויִקן זיך.

— לאָמיר אַזוי וויסן בייז! — זאָגט צו מיר יענטל שטילערהייט און ווישט זיך די ליפּן און קוקט אַפן פאָרפאָלק. — ס׳איז, וויַיזט אויס, מאַן און וויַיב; זיי זיַינען געפאָרן מיט אונדז פון כוואַסטעווו אין איין וואַגאָן, האָבן מיר זיך צערעדט, ווי געוויינטלעך, אונטערוועגנס: ווּהין פאָרט איר? ווּהין פאָרט איר? אַהין־אַהער — בקיצור, זיי זיַינען געוואָר געוואָרן, אַז מיר פאָרן צו דיר, און אַז דיר איז איצטער, קיין עין־הרע, די צייַט גוט, דו פאַרשטייסט?... זיי זיַינען, זאָגן זיי, מיט דיר קרובים, און נאָענטע קרובים. פרעג איך: ווי אַזוי? זאָגן זיי: „ס׳איז געקניפּט און געבונדן". נאָר ווי אַרום און ווי אַזוי — קאָן מען באַ זיי ניט וויסן; הייבט ער אָן דערציילן, שלאָגט זי אים איבער; הייבט זי אָן דערציילן, שלאָגט ער זי איבער — א מעשה אָן אָן עק! דו הער בעסער אויס מיך; מיר זיַינען דאָך יאָ אייגענע געשוועסטערקינדער!

און יענטל דערציילט מיר אויס איר ביטער הארץ, ווי אַזוי ס׳איז איר נעבעך איצט זייער ניט גוט די צייַט, דאָס הייסט, גוט איז איר קיינמאָל ניט געווען, פון דער ערשטער מינוט אָן נאָך איר חופּה האָט זי נאָך, זאָגט זי, קיין גוטן טאָג ניט פאַרזוכט; נאָר גאָרנישט, ווי זאָגט מען, ס׳איז געווען „נומער ערגער". נאָר פון א צייַט, זאָגט זי, אַז סע גייט איר אַלע מאָל ערגער און ערגער, און איצט איז איר אַזוי שלעכט, אַזוי שלעכט! אַז פאַרדינען, זאָגט זי, פאַרדינט זי גאָרנישט, און דאַרפן דאַרף מען א סך! און דערצו איז פאַראַן, זאָגט זי, זיַיטיקע צרות און ווייטיקן: דאָס איז א פריזיוו, און דאָס איז א קינד אַף חתונה מאַכן, און דאָס פאַלט א בהמה, און דאָס ברענט־אָפּ די קלייט. מע ראַטעוועט

נית אַרויס, זאָלסט זאָגן — אַ פּאָדעם! איז שוין, דאַכט זיך, גוט אַרום און אַרום, איאָ? ליגט זיך אַוועק אַ מויד פֿון קרוב דרײַצן יאָר, אַ שיינע, אַ ריינע, אַ גלאַטע, אַ מחיהדיקע, און שטאַרבט אַוועק! סאָסל האָט זי געהייסן, טאַקע נאָך דער מומע סאָסיע, געווען תמיד געזונט און שטאַרק, קיינמאָל נית געוווּסט אַ פֿינגער זאָל ווײ טאָן, און פּלוצעם קומט זי צו גיין פֿונעם מאַרק, שטעלט אַוועק דעם קאָשיק, דאָס פּנים טויט, ווי די וואַנט. „ווי איז מיר, טאָכטער, וואָס איז דיר?" — „גאָרנישט — זאָגט זי — דער קאָפּ טוט מיר עפּעס וויי". איך טו זי אַ טאַפּ באַם קאָפּ — אַ העליש פֿײַער! „לייג זיך צו, טאָכטער, אויף אַ ווײַלע, איך וועל אַ לויף טאָן צום דאָקטער". — „וואָס טויג דיר, זאָגט זי, מאַמע, דער דאָקטער? אַן עבירה אַ צווייער, ס'וועט מיר איבערגיין! לאָמיך בעסער, זאָגט זי, אויסזאַלצן דאָס פֿלייש און אָנשיילן קאָרטאָפֿליעס"... איך זע אָבער, אַז דאָס קינד עקט זיך, הער איך זי נית און לייג זי אַרײַן מיט גוואַלד אין בעט אַרײַן, ווי איז מיר, און לויף אַוועק צום דאָקטער; ווו איז דער דאָקטער? דאָקטער — דאָקטער! דאָקטער — דאָקטער! דער דאָקטער איז ערגעץ אין אַלדי שוואַרצע יאָר, הינטערן שטעטל! נאָר ס'איז עפּעס אַ תירוץ? דער דאָקטער זאָל מיר זײַן! איך האָב אים אַראָפּגעבראַכט, דעם שיינעם דאָקטער, און אַז איך בין געקומען מיטן דאָקטער, האָב איך זי שוין געטראָפֿן — ווו איך האָב ערגעץ אַ שונא — אָן לשון, די אויגן אַרויף. „טאָכטערל, האָסט מיך דערקענט?" — ווער? וואָס? וועמען? רייד צו דער וואַנט! און ביז טאָג איז זי נית געוואָרן! אַן אויסכאַפּעניש, משטיינס געזאָגט, געקומען אויף איר! אַ שיינע, אַ געזונטע, אַ ליכטיקע, ווי אַזוי לייגט מען אַזעלכעס אין דער ערד אַרײַן?!...

און יענטל דער מומע זלאַטעס צעוויינט זיך, ווי אַ קליין קינד, און איך, אויף איר קוקנדיק, פֿיל, אַז עס שטיקן מיר די טרערן.

— וואָס איז? וואָס איז דער געוויין? — רופֿט זיך אָן צו מיר מײַן היה־עטל און גייט־צו צו מיר.

איך וויל איר ענטפֿערן, קאָן איך נית אויסריידן קיין וואָרט. איך שלינג די טרערן. איך נעם זיך אָן מיט כּח און זאָג:

— נעבעך אַ קינד באַ איר געשטאָ... אַ מיידל פֿון דרײַצן יאָר...

— שוין לאַנג? — פֿרעגט חיה־עטל ווי דערשראָקן.

— שוין אַ יאָר נײַן, אָדער צען, — זאָגט יענטל און רופט זיך אָן צום פעטער זלמן: — טאַטע, וויפל איז שוין, אַז סאָפל איז געשטאָרבן? דו באַדאַרפסט וויסן אַקוראַט.

— פון אווריטש? — זאָגט דער פעטער זלמן, — פון אווריטש אַהער מיט דער אַקס רעכנט זיך אַ ווערסט דריטהאַלבן הונדערט, און אפשר טאַקע אַלע דרײַ הונדערט, האַ?...

בכדי איך זאָל ניט אויסשיסן קיין געלעכטער, פאַרליר איך די בריל, בייג זיך אָן און לאָז מיך גיין אַף דער וועראַנדע מקבל־פּנים זײַן די איבעריקע געסט, וואָס זיצן און טרינקען טיי פון די שאָלן, בלאָזן און קוויקן זיך.

## יז.

(דאָס פּאַרפּאַלק. — „געקניפּט און געבונדן". — אַ מעשה אַז אַז עס.)

איך גיי־צו צום פּאַרפּאָלק און טרעף זיי זיצן שטאַרק פאַרשוויצט פון דעם טיי. ער טראָגט אַ סאַמעטענעם קאַשקעט מיט אַ גאַנץ ברייטן דעניק, און זי — אַ פּאַריק מיט אַ ווײַסן שרונט. ביידע זײַנען זיי גוט געפּאַקט, וועגן אינאיינעם בלאַ־גוזמא אַ פּוד פופצן אָדער זעכצן. איך זעץ מיך צו צו זיי, איך פאַרבינד מיט זיי אַ שמועס: דאָס, יענץ, פון וואַנען פאָרט איר און ווער זײַט איר?

— ווער מיר זײַנען? — מאַכט צו מיר דער מאַן און ווישט זיך דעם שוויים מיט דער קאַפּאָטע, — אָט וועט איר באַלד הערן. נאָר קודם־כּל זאָגט מיר, וואָס איך וועל אײַך פרעגן: ווי אַזוי האָט געהייסן דער זיידע אײַערער פון דער מאַמעס צד, ניט רב מרדכילע?

— רב מרדכילע, — זאָג איך.

—שוין געשטאָרבן? — פרעגט ער.

— אָהאָ! — זאָג איך, — שוין לאַנג געשטאָרבן!

— ברוך דיין אמת! — מאַכט ער און שאָקלט מיטן קאָפּ. — טפו־פו־פו! אַן ערלעכער ייִד, אײַך צו לענגערע יאָר, און אַ מופלג בתורה! אַף אים מעג מען טאַקע זאָגן: זכר צדיק לברכה! נו, און די באָבע חנהלע וואָס מאַכט?

— אויך געשטאָרבן.

— לאָז זי האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, אויך געווען אַ כשרע יידענע!

— זאָגט ער און דרייט זיך אויס מיטן פנים צום ווייב: — דו האָסט זיי נישט געקענט, ווייסטו ניט, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ רב מרדכילע און פאַר אַ חנהלע! הערט איר (ער דרייט זיך אויס מיטן פנים צו מיר), איר האָט געהאַט אַ זיידן מיט אַ באָבע, וואָס ווייסט איר? וואָס ווייסט איר, וואָס פאַר אַ זיידן מיט אַ באָבע איר האָט געהאַט!

— איך ווייס, — זאָג איך — אַז איך האָב געהאַט אַ זיידן מיט אַ באָבע. זאָגט, ווער זייט איר?

— אָט וועט איר באַלד האָרכן, — מאַכט ער און פאַרקאַטשעט די אַרבל כמעט ביז די עלנבויגנס און נעמט זיך אָן באַ דער באָרד און שאָקלט זיך און רעדט מיט אַ ניגון און מיט אַ שמייכעלע: — אייער זיידע רב מרדכילע איז אַליין געווען אַ קאָרסישעווער, פון קאָרסישעוו, און האָט געהאַט אין קאָרסישעוו צוויי שוועסטער האָט ער געהאַט: נחמהלע און זיסעלע; האָט די נחמהלע געהאַט צוויי מאַנען, צוויי מאָל, הייסט דאָס, חתונה געהאַט; דאָס ערשטע מאָל טאַקע פון קאָרסישעוו פאַר ליי־בעלע קאָרסישעווער, אַזוי האָט מען אים גערופן; און דאָס אַנדערע מאָל האָט זי חתונה געהאַט פאַר רב שמחהלען, טאַקע ווידער פון קאָרסישעוו; און דער רב שמחהלע קאָרסישעווער, אַז ער האָט חתונה געהאַט, הייסט דאָס, פאַר דער מומע נחמהלע, איז ער געווען אַן אַלמן איז ער געווען, — הערט זיך נאָר צו מיט קאָפּ! דאָס ערשטע ווייב זיינס איז אויך געווען אַ קאָרסישעווער, זי האָט געהייסן דבורהלע, און זי איז געווען, דבורהלע הייסט דאָס, טאַקע דעם זיידנס אַן אייגענע, איר פאַרשטייט? האָט זי דער זיידע אייערער חתונה געמאַכט, איר הערט צי ניין, פאַר זיינעם אַ שוואָ־גער, טאַקע רב שמחהלע, בשעת ער איז ניט געווען זיינער אַ שוואָגער; און ערשט נאָכדעם, אַז די דבורהלע איז געשטאָרבן, האָט דער שמחהלע גענומען אייער זיידנס שוועסטער, די מומע נחמהלע, און האָט געהאַט אַ טאָכטער, האָט ער איר אַ נאָמען געגעבן רייזעלע, נאָך זיין מאַמע רייזע, וואָס זי איז געווען טאַקע אייער זיידנס אַ מומע; האָט די רייזעלע רב שמחהלעס נאָכדעם חתונה געהאַט פון מאַנעסטרישטש, טאַקע פאַר אַן אייגענעם פון דער באָבעס צד, מאירל האָט ער געהייסן, — איר פאַר־שטייט, ווי דאָס גייט? ס'איז געקניפּט און געבונדן!

— ס'איז געקניפּט און געבונדן! — שלאָגט אים איבער דאָס ווייַב.

— ער האָט אָבער פאַרגעסן זאָגן, ווי אַזוי געהער זיך אָן רייזעלע מיט איר מאַן אַ קרוב? אָט וועל איך אייַך דערציילן! אײַער באָבע חנהלע פון קאָרסישעוו האָט געהאַט אַ פעטער אין מעזביזש, האָט ער געהייסן נח...

— סקאָצל קומט! — שלאָגט זי איבער דער מאַן, — זי איז פאַר־פאָרן אַזש קיין מעזשביזש צום פעטער נח! לאָז מיך, וועל איך זיי קלאָר מאַכן די משפּחה אַקוראַט. הקיצור, אײַער זיידנס אַנדערע שוועסטער זי־בעלע האָט געהאַט אַ מאַן פון האָלייפּאָלי, רב לוויניו האָט מען אים גע־רופן; האָט זי ניט געהאַט קיין קינדער, האָט זי זיך מיט אים געגט, און האָט חתונה געהאַט דאָס אַנדערע מאָל, פון מאַנעסטרישטש, פאַר איינעם אַ געוויסן רב נפתלי מאַנעסטרישטשער, און האָט געהאַט מיט אים אַזוי גרוים ווי פינף זין מיט זיבן טעכטער...

— פּונקט קאַפּויר! — שלאָגט אים איבער דאָס ווייַב. — זיבן זין מיט פינף טעכטער.

— מיין איך זיבן זין מיט פינף טעכטער (ער ציילט אויף די פינגער): ברוכל, חיימל, יענקעלע, הערצעלע, בערישל, פישעלע, יוסעלע, און עטע־לע, רבקהלע, האָדעלע, פייגעלע, קריינדעלע, — אַזוי דאַכט זיך? איז ברוכל געשטאָרבן, און יענקעלע האָט חתונה געהאַט קיין קאָרסישעוו, גע־נומען רייזעלע דער מומע נחמהלעס, וואָס געהער זיך אָן אײַער זיידן רב מרדכילע אָן אייגענע פּלימעניצע; האָבן זיך, הייסט דאָס, דער זיידע מיט דער באָבע משדך געווען, — איר פאַרשטייט, ווי עס קייטלט זיך? ס'איז געקניפּט און געבונדן! זאָגט אפשר, אַז ניין?

— יאָ, — זאָג איך — ס'איז געקניפּט און געבונדן. וואָס געהער עס זיך אָבער אָן מיט אייַך? ווער זייט איר?

— הערט־זשע ווייטער! — מאַכט ער צו מיר. — אָט דער נפתלי מאַנעסטרישטשער, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט, האָט דאָך געהאַט די על־טערע צוויי טעכטער: עטעלע און רבקהלע. האָט עטעלע חתונה געהאַט פון ראַדאָמישל פאַר רב משה לייב ראַדאָמישלערס אַ זון, וואָס געהער זיך אָן מיט נפתלי מאַנעסטרישטשער טאַקע אָן אייגענער, מחמת נפתלים אַ שוועסטער האָט חתונה געהאַט פאַר משה לייבס אַ ברודער, — איר פאַר־שטייט, וואָס דאָ טוט זיך?

— און ווי האָסטו אַהינגעטאָן רבקהלען? — רופט זיך אָן דאָס ווײַב און וויל אָנהייבן דערציילן פון רבקהלען, דערלאָזט זי ניט דער מאַן; ער פאַרשטעלט איר דאָס מויל מיט דער האַנט און שרײַט:

— האָב צײַט מיט רבקהלען! וואָס האָסטו קיין צײַט ניט? זי וועט זײַן גאַנץ! איך וועל זי אין קעשענע ניט באַהאַלטן! יאָ, ווי זשע האַלט איך? — בּא עטעלען, אַפּנים. האָט עטעלע פון מאַנעסטרישטש, הייסט דאָס, חתונה געהאַט פון ראַדאָמישל, ווי איר ווייסט שוין, טאַקע פאַר אַן אייגענעם, און רבקהלע האָט גענומען אַ מאַן אַ פּליאַסק פון מאַנעס־טרישטש, האָט ער געהייסן הענעך, און האָט געהאַט מיט אים אַ טאָכטער גנענדל.

— גוט יום־טוב דיר! — זאָגט דאָס ווײַב. — פון וואַנען האָט זיך צו דיר גענומען גנענדל? גנענדל איז דאָך גאָר עטעלעס טאָכטער פון ראַדאָמישל!

— און איך וואָס האָב געזאָגט?

— דו האָסט געזאָגט — דער מומע רבקהלעס טאָכטער.

— עס האָט זיך דיר געחלומט! איך האַלט נאָך גאָר אַפילו נישט בּא רבקהלען.

— אוי! — מאַכט דאָס ווײַב און טוט אַ טאַנץ־אונטער. — מע קאָן דאָך פון אים דעם שלאָג באַקומען! דו האָסט דאָך נאָרוואָס אויסגערעכנט דעם יחוס פון דער מומע רבקהלע, אַז זי האָט חתונה געהאַט פון מאַנעס־טרישטש, אַפילו אַ סימן, זי האָט גענומען אַ מאַן אַ פּליאַסק, הענעך האָט ער געהייסן...

— זי פאַרדולט מיר דעם קאָפּ! — מאַכט דער מאַן. — ווי־זשע האַלט איך? יאָ, האָט רבקהלע פון מאַנעסטרישטש, הייסט דאָס, געהאַט אַ טאָכטער, מיין איך אַ זון, האָט ער געהייסן מענדל, און עטעלע פון ראַדאָמישל האָט געהאַט אַ זון, מיין איך אַ טאָכטער, גנענדל, האָבן זיי צווישן זיך אַ שידוך געטאָן, דאָס הייסט, רבקהלעס טאָכטער מענדל פון ראַדאָמישל האָט חתונה געהאַט פאַר עטעלעס זון גנענדל פון מאַנעס־טרישטש, מיין איך פאַרקערט, רבקהלעס זון גנענדל פון מאַנעסטרישטש האָט גענומען עטעלעס טאָכטער מענדל פון ראַדאָמישל פאַר אַ ווײַב...

— טפו זאָלסטו ווערן פאַר אַלע יידן! — רופט זיך אָן דאָס ווײַב צום מאַן, כאַפּט זיך אויף, טוט אַ פּלעסק מיט די הענט. — איר האָט

אמאָל געהערט, אַז אַ זון זאָל הייסן גנענדל און אַ טאָכטער מענדל, אַז גנענדל זאָל נעמען מענדלען פאַר אַ ווײַב?

— אַז דו פאַרדולסט מיר דעם קאָפּ! — זאָגט צו איר דער מאַן און וויל דערציילן ווײַטער, קומט אָן מײַן חיה־עטל:

— שוין געגרייט צום טיש, קומט עסן! רוף, ליובעניו, די געסט צום טיש, זיי גערן אַוודאי הונגעריק!

בײַם טיש קערט זיך איבער דער קרוב מײַנער צו דער באָבע נחמה־לעס פעטער פון מעזשביזש, וואָס האָט געהייסן נח, און דער נח האָט גע־האַט, ווי יענער נח פונעם חומש, דרײַ זין; נאָר יענעם נחס דרײַ זין האָבן געהייסן שם, חם און יפת, און דעם נחס דרײַ זין האָבן געהייסן שימעלע, בעמעלע און יאָקל — און ערשט דאָ ציט זיך אַוועק אַ לאַנגער פּאָדעם פון קרובים און שידוכים צווישן זיך, געדרייט און געקייטלט, געקניפּט און געבונדן — אַ מעשה אָן אַן עק! אַ שטיקל גליק, וואָס דער פעטער זלמן (מאַריך ימים זאָל ער זײַן!) מישט זיך אַרײַן אין מיטן:

— ווי טײַער איז בײַ אײַך פליש אין בויבעריק, האַ? בײַ אונדז אין אורימטש איז פליש ביוקר גדול. ווייסטו פאַרוואָס? איבער דער טאַקסע. מיר האָבן אונדזער אייגנס אַ בעל־טאַקסע, איז ער אַ גרויסער הולטײַ! און אײַער בעל־טאַקסע איז אויך אַזאַ הולטײַ, האַ? אַלע בעלי־טאַקסעס זײַנען גרויסע הולטײַעס, ממזרים, ימח שמם! אפשר ניין! האַ?...

מײַן קרוב מיטן סאַמעטענעם קאַשקעט הערט אויף צו עסן, האַלט דעם גאָפּל אין דער לופטן און קוקט אָפּן פעטער זלמן, ווי אַ גזלן, למאַי ער האָט אים איבערגעשלאָגן סאַמע אין מיטן. נאָר דער פעטער זלמן הערט אים, ווי דעם קאָטער; ער טוט זיך זײַנס: ער דערציילט מעשיות פון־נעם אורימטשער בעל־טאַקסע און פון אורימטשער קהל און עסט בשעת מעשה גאַנץ געשמאַק.

## יח.

(מע באַלייגט די משפּחה. — מיר פאָרן קיין אויסלאַנד אין די בעדער אַרײַן.)

— ווי באַלייגט מען די „משפּחה"? — רופט זיך אָן צו מיר נאָכן עסן מײַן חיה־עטל פאַרזאָרגט. — זיי זײַנען טאַקע זייער אַנגעלייגטע געסט, נאָר פונדעסטוועגן אין דרויסן קאָן מען זיי ניט לייגן.

— פּרעג מיך עפּעס גרינגערס! — זאָג איך. — דעם פּעטער זלמן רעכן איך אויסבעטן אַט־דאָ, אַף דער וועראַנדע; יענטל וועט שלאָפן מיט די קינדער; און דאָס פּאָרפּאָלק, וואָס ס'איז „געקניפּט און געבונדן", מעג ליגן בײַ דער הײסער וואַנט; לאָזן זײ כאַטש הנאה האָבן פֿון דער דאַ־טשע... ווי געפֿעלט דיר, חיה־עטל, דאָס ווינטעלע, וואָס האָט אַ בלאָז געטאָן? עס כמארעט זיך. מיר דאַכט, עס וועט גײן אַ רעגן.

— אָמן הלוואי! — זאָגט חיה־עטל — די זון האָט אַזױ אָנגעבראָטן דורכן טאָג, אַז עס וואָלט שוין געמעגט, כלעבן, אונטערפּרישן אַ ביסל אַף דער שײנער דאַטשע! נאַ דיר אַ דאַטשע! נאַ דיר „לופט"! גאָט זאָל העלפֿן, עס זאָל אַ גאַס טאָן אַ רעגן און פֿאַרטרינקען די דאַטשעס מיט די דאַטשניקעס מיט גאַנץ בױבעריק, רבונו של עולם!

עס געדויערט נישט לאַנג, און דער הימל ציט זיך איבער מיט געדיכ־טע וואָלקנס. עס ווערט מיטאָמאָל פֿינצטער־חושך, גלײַך ווי עמעצער האָט פֿאַרלאָשן די זון. די פֿײגעלעך האָבן זיך באַהאַלטן אין די נעסטן. די לופֿט ווערט אַלע מינוט געדיכטער און שווערער. מיטאָמאָל שנײַדט־דורך אַ בליץ און פֿאַרבלענדט די אויגן, און באַלד טוט אַ זעץ אַ דונער, וואָס קנאַלט, הילכט און קאַטשעט זיך פֿון אײן עק וואַלד ביזן אַנדערן.

— איך האָב מורא, עס וועט גײן אַ רעגן! — רופֿט זיך אָן דער פּעטער זלמן און קוקט אין הימל אַרײַן. — און גלײַך ווי ער האָט גע־טראָפֿן; ער האָט נאָר אויסגערעדט, האָט אָנגעהויבן צו גיסן אַ שלאַקס־רעגן, אַלעמאָל געשמאַקער, געדיכטער און שטאַרקער, און אַלע מאָל טוט אַ בלישטש אַ נײַער בליץ, וואָס באַלײַכט דאָס געדיכטע בלויע פֿינצטער־ניש, און אַ זעץ אַ דונער, אַ פּאָר איבערן גאַנצן וואַלד — טר־ר־ר־ר־ר!

— מיר דאַכט, אַז דער רעגן האָט זיך פֿאַרקאַטשעט נישט אַף אַ װײַלע — זאָגט דער פּעטער זלמן — ער וועט, אם־ירצה־השם, גײן און גײן און גײן.

— איר זאָלט דערלעבן אָנזאָגן בעסערע בשורות! — מאַכט חיה־עטל דערשראָקן און כאַפּט אַ קוק אַלע מאָל אין שטוב אַרײַן.

— וואָס קוקסטו זיך אַרום אַלע מינוט? — רוף איך מיך אָן צו איר.

— איך קוק, — זאָגט זי — צי סע קאַפּעט נישט פֿון דער סטעליע. יאָ, סע קאַפּעט גלײַך אין בעט אַרײַן! מע דאַרף אונטערשטעלן אַ שיסל.

— באַ אונדז אין אָווריטש — זאָגט דער פעטער זלמן — איז אויך געווען אַזאַ מבול, שוין דרינען אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, און אַפשר, האַ? אַלע דרייסיק! עס האָט פאַרטרונקען דעמאָלט די גאַנצע שטאָט האָט דאָס פאַרטרונקען! מע האָט זיך געשיפט אַף שיפלעך האָט מען זיך גע־שיפט! ס'איז געווען חושך איז געווען!

— וווּ זייט איר ערגעץ? — הער איך אַ קול פון שטוב. — קומט אַהער! העלפט טראָגן! ראַטעוועט!...

איך טו זיך אַ וואָרף אין שטוב אַריין — אַ צרה! אַן אומגליק! דער רעגן שמייסט דורך די פענצטער, און סע גיסט פון דער סטעליע, און מיין חיה־עטל פאַרקאַטשעט דאָס קליידל אין וואַסער. אין איין האַנט האַלט זי אַ קאָפּן־קישעלע, אין דער אַנדערער — אַ פאַן, וואָס מע פּרעגלט איינגעמאַכטס, און שרייט אין איין קול:

— גוואַלד! העלפט טראָגן! ראַטעוועט! ראַטעוועט!

— וואָס טוסטו? — זאָג איך צו איר, — וואָס שלעפּסטו פון שטוב? לאָמיר אַנטלויפן, זיך אַרויסראַטעווען מיט די נפשות! וווּ זיינען ערגעץ די קלענערע קינדער?

— פּאַפּאַשאַ! אידי־קאַ סיודאַ! (טאַטע, קום נאָר אַהער!) — שרייען צו מיר די קליינע חברה־לייט פונעם אַנדערן חדר, שטייען מלא־שמחה כמעט ביז די קנעכלעך אין וואַסער און טאַנצן און פּאַליאַסקען זיך, מאַכן בולבעלעך און זינגען:

דאָזשדיק, דאָזשדיק, פּערעסטאַן!
מי פּאָיעדיעם נאַ יאָרדאַן!...*

— גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד! ראַטעוועט! מיר זיינען פאַרביי! — שרייט מיין היה־עטל און צעלאָזט די הענט און בלייבט שטיין אין וואַ־סער, ווי פאַרגליווערט.

— די קינדער, די קינדער ראַטעוועט אַרויס! — שרייט יענטל אַף אַ קוויטש און שטייט אַף איין אָרט.

— פאַר וואָס ראַטעוועט מען ניט די קינדער? — שרייט דאָס פאָר־פאָלק און רירט זיך ניט פונעם אָרט.

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אייך זאָגן? — שרייט דער פעטער

---

*) רעגן, רעגן, הער שוין אויף! מירן פאָרן אַפן ירדן!

זלמן, — עס וואָלט גלייכער געווען, אַז זאָלט די קלענערע קינדער ערגעץ אַריבערטראָגן, וואָרעם עס וועט, שיינט מיר, זיין אַ מבול...

* * *

איך אייל מיך און פאַרשליס מיין באַשרייבונג פון גלות דאַטשע, מחמת מיר האַלטן, איך און מיין חיה־עטל, הייסט דאָס, בא אָװעקפאָרן קיין אייסלאַנד, אין די „װאַרעמע בעדער" אַריין. די דאָקטוירים געפי־נען, אַז מיר באַדאַרפן ביידע טרינקען אַזעלכע מינים וואַסערן און באָדן זיך אין די וואַרעמע בעדער. און אגב ווילט זיך אונדז טאַקע אַביסל אָנ־קוקן אַ וועלט; מהיכי־תיתי, אַז גאָט העלפט, מע קאָן, פאַר וואָס ניט?... די קינדער לאָזן מיר איבער אין בויבעריק אויף דער דאַטשע, חלילה ניט אַליין; יענטל דעם פעטער זלמנס האָבן מיר געמאַכט פאַר בעל־הביתטע אין שטוב, און צוליב איר איז שוין פאַרבליבן דער פעטער זלמן אויך. דאָס פאַרפאָלק, וואָס איז „געקניפּט און געבונדן", האָט אַפילו אויך שטאַרק חשק געהאַט איבערצובלייבן בא אונדז איבערן זומער, האָט זיי מיין ווייב געגעבן אָנצוהערעניש, אַז עס וועט אין בויבעריק אָן זיי, אם ירצה השם, אויך זיין פריילעך, און זיי האָבן גענומען דעם וועג. וווהין פאָרן מיר — ווייס איך נאָך אַליין נישט; מסתמא וועט אונדז שוין דער דאָקטער אָפּשיקן אַהין, ווו מע באַדאַרף. און מחמת מיר האַלטן בא אָפּ־פאָרן אין אַזאַ לאַנד, ווו מע רעדט דייטש, באַדאַרף מען זיך אָנהייבן געוויינען מיט זייער שפּראַך און געזעגענען זיך מיט אייך אויף דייטש און זאָגן: „אַדיע! צום ווידערזעעניש!"...

געשריבן אין יאָר 1901

# אין די װאַרעמבעדער

(בילדער, טיפּן, באַגעגענישן, צרות און פאַרגעניגן.)

## א.

(אַ װײַב מיט „נערװן“. — די באָברויסקער דאַמע. — מיר פרעגלען אײַנגעמאַכטס.)

„איטלעכער נעמען אַ װײַב, איז גלײַכער זאָלסט זיך אויסברעכן אַ פוס“. — אַזוי האָט געזאָגט איינער אַ פילאָזאָף (איך האָב מורא, אויב נישט סאָקראַט?). און איך זאָג: איטלעכער האָבן אַ װײַב מיט „נערװן“, איז גלײַכער גאָרנישט געבוירן װערן אױף דער װעלט.

דאָס זאָגט אײַך נישט קיין פילאָזאָף, נישט קיין שרײַבער, װאָס זיצט בײַם שרײַבטיש און טראַכט אויס מעשיות פונעם קאָפּ; דאָס זאָגט אַ פּראָסטער בשר־ודם, אַ ייִד אַ בעל־הבית, װאָס גאָט האָט אים געהאָלפן, ער האָט געכאַפּט די גראָבע עטלעכע קליינגערס, אַרויסגעטריבן דעם קבצן פון שטוב, אַריבערגעפאָרן מיט װײַב און קינדער קיין בויבעריק אױף דאַטשע, באַקענט זיך מיט דאָקטוירים, מיט רעצעפּטן, אַפּטייקן, הידראָפּאַטיע, מאַסאַזש, צרות, שלעק — חי געלעבט!

דער גרעסטער אומגליק פון אַלע אומגליקן אױף דער װעלט איז דער דאָקטער, און נישט אַזוי דער דאָקטער, װי דעם דאָקטערס קאַבינעט, װאָס מע דאַרף דאָרטן זיצן און שװיצן, בלעטערן די גאַזעטן, װאָס ליגן אָנגעגרייט אױפן טיש, און אָנקוקן נישט קיין באַקאַנטע פּנימער אַלערליי, װאָס קוקן אױף אײַך, און איר קוקט אױף זיי, און פון נישט האָבן װאָס צו טאָן הייבט איר אָן דורכצוװאַרפן זיך מיט רייד: „שוין לאַנג, אַז איר

קורירט זיך? וואָס איז אײַער שלאָפקייט? וווּהין רעכנט איר צו פאָרן אַף דער קור?" און אַזוי ווײַטער.

מײַן חיה־עטל, זאָל געזונט זײַן, איז אַ מענטש, וואָס האָט פײַנט זיצן און שווײַגן. האָט זי זיך צערעדט מיט עפּעס אַ דאַמע, אַ ליט־ווישטשע, דאַכט זיך, פון באָברויסק, און איז געוואָרן צו איר צוגעקלעפּט. וואָס האָט זי אַזעלכעס דערזען אַף דער באָברויסקער דאַמע — ווייס איך נישט; נאָר מע איז געוואָרן גיך נפש־אחת. מײַן חיה־עטל האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז בײַ זיי בײדן איין חולאת. און וואָס באַשטייט זייער חולאת? אין גאָרנישט. וואָס זיי זאָלן נישט דערהערן אַף יענעם, דאַכט זיך זיי אויס, אַז בײַ זיי איז אויך דאָס אייגענע. לאָז עמעצן אָנהייבן שטעכן אין זײַט, שטעכט זיי אויך; אַ צאָן — איז אַ צאָן; אַן אויער — איז אַן אויער; אַ פוס — איז אַ פוס. אַז מע שמועסט אַלצדינג, וואָס בײַ יע־נעם, איז בײַ זיי! זי איז שוין אויסגעווען, די באָברויסקער דאַמע, ווו די וועלט האָט אַן עק און איבערגעטאָן כל המיטלען שבעולם — עס העלפט נישט!

— וואָס־זשע זאָגט דערויף דער דאָקטער? — פרעגט בײַ איר מײַן חיה־עטל מיט גרויס מיטלײַד צו דער באָברויסקער דאַמע.

— וואָס זאָל ער זאָגן? ער ווייס אַליין נישט. ער זאָגט, אַז ס'איז נערוון, און הייסט מיר פאָרן קיין אויסלאַנד אין די וואַרעמבעדער.

פון דעמאָלט אָן האָט מײַן חיה־עטל באַקומען „נערוון". נאָר איר מיינט גלאַט נערוון? נערוון צו נערוון איז נישט גלײַך. די נעכט, וואָס איך בין געבן איר אויסגעזעסן, זאָל מיר גאָט נישט רעכענען! וואָס טויג אײַך, ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז איך האָב נישט געטאָרט אַ טריט טאָן, אַ הוסט טאָן, אַ ריר טאָן זיך; אַ מינדסט נאַרישקייט, אַ וואָרט, אַז איך האָב אויסגערעדט — „וואָס האָסטו צו מײַנע נערוון?"

בקיצור, סאיז געבליבן, אַז מיר פאָרן קיין אויסלאַנד אַף דער קור. וווּהין? דאָס וועט מען אונדז שוין אַ ידיעה געבן באַם פּראָפעסאָר אין ווין אָדער אין בערלין. און איך האָב גענומען מאַכן זיך אַ פּאַס קיין אויסלאַנד, און מײַן חיה־עטל האָט זיך דערווײַל צוגעגרייט אַביסל מלבושים מיט היטלעך אין וועג אַרײַן, גענומען אײַנקויפן טשעמאָ־דאַנעס, קאָרזינעס און קוישלעך, און פרעגלען אײַנגעמאַכטס. איז, דאַכט זיך, וואָס געהערן זיך אָן מיט מיר, מאַנצביל, היטלעך, מלבו־

שים, קווישלעך און איינגעמאַכטס? „ניין, עס געהער זיך, זאָגט זי, אָן: דו פּאַרסט, זאָגט זי, גלײַך מיט מיר, מעגסטו זיך, זאָגט זי אַביסל אָנטאָן אַ מי, זיך מטריח זײַן". די ווערטער „זיך מטריח זײַן" זײַנען געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ טאָן און מיט אַזאַ ניגון, וואָס ס'איז שווער אַרויסצוגעבן דאָס אױף פּאַפּיר — אויב איר האָט אַ ווײַב, און זי האָט „נערוון", באַדאַרפט איר זײַן אַביסל באַקאַנט מיט דעם טאָן און מיט דעם ניגון.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ חתונה פון מלבושים, מאַגאַזינען, קלייטן, שנײַדערס, מאָדיסטקעס, מאָהעס, זשורנאַלן — אַז איך האָב איבערגעלעבט בשלום די דאָזיקע דרײַ וואָכן, וועל איך שוין, אַפּנים, לאַנג לעבן! מײַן חיה־עטל האָט זיך גענומען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, איבערשטשעגאָליאַיען ווין און בערלין און פּאַרשעמען מאַריענבאַד און פראַנצענסבאַד און באַדענבאַד און אַלע איבעריקע בעדער. מע איז געשטאַנען און מע האָט געפּאַקט אין די קאַסטנס, און איך האָב באַצאָלט חשבונות פון די קלייטן און זיך גערעכנט מיט די מאָדיסטקעס: קאַלענקאַר און קנעפּלעך און העקלעך און בערשטלעך און גאַז, און נאָך אַ מאָל קאַלענקאַר און סטעקליאַרוסן און פּראַשוועס און טאַשמעס און שפּיצלעך, און ווידער אַ מאָל קאַלענקאַר און סאַמעט און זײַד און מאַרליע און שפּילקעס, און ווײַטער אַ מאָל קאַלענקאַר און ריוש און פּוליאַר און פעדערלעך און מאַנטשעסטער, און אָבער אַ מאָל קאַלענקאַר. אַ גליק, וואָס ס'איז פאַראַן בײַ מיר אַ טעלעפאָן און עמעצער האָט אָנגעקלונגען, מיך אָוועקגערופן — לאַנג לעבן זאָל ער.

— ווער קלינגט?

— אינטענדאַנטסקאַיע פּראַווליעניע?

„לעבן זאָלסטו אַזוי, ווי איך בין אינטענדאַנטסקאַיע פּראַוולעניע!"

— טראַכט איך מיר, נאָר איך טרעט נישט אָפּ פון טעלעפאָן; איך האַלט אין האַנט דאָס טרײַבל פון טעלעפאָן און מיט דער אַנדערער צאָל איך אָפּ דער מאָדיסטקע און בין זיך מחיה, וואָס איך בין פּטור געוואָרן פון איר און פון איר חשבון.

— וואָס פאַר אַן איינגעמאַכטס, זאָגט זי, זאָל איך פּרעגלען אין וועג אַרײַן?

— וואָסערע דו ווילסט.

— וואָס הייסט, איך וויל? און ווו ביסטו?

— איך קאָן מיך באַגיין, זאָג איך, אָן אײַנגעמאַכטס.

— וואָס זאָגט איר אױף אים? ער קאָן זיך באַגיין אָן אײַנגעמאַכטס! קומט אויס, הייסט דאָס, אַז אַלצדינג איז נאָר פון מײַנעטוועגן! וואָרעם איך בין די גרויסע פרעסערן, די גרויסע נאַשערן...

— אָבער לאָז זײַן שטיל, חיה־עטל, אין גאָטעס ווילן! פּרעגל רויזן־אײַנגעמאַכטס — אַן עק!

ס'זאָל ווערן געצוקערט און מע זאָל דאָס דאַרפן אַרויסוואַרפן?

— נו, לאָז זײַן ווײַנשל — פּרעגל ווײַנשל.

— איך האָב טאַקע מער נישט וואָס צו טאָן, נאָר אַנידערזעצן זיך איצט אַרויסנעמען די קערלעך.

— ווייסטו וואָס? פּרעגל שוואַרצע יאַגדעס!

— זיי זאָלן צעקראַכן ווערן, חכם איינער?

— פּרעגל מאַלינעס!

— ס'זאָל זײַן צום שוויצן? ריכסט זיך, אַפּנים, אַז איך זאָל דאַרטן גוט קרענקען?

— פּרעגל פּערשקעס! פּרעגל פלאָמען! פּרעגל עפּל! פּרעגל פּאָדעש־וועס! זאַנטיקעס! לאָמפּן! האַקמעסערס! ריקבעטלעך!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס סע קומט פאַר צווישן אונדז נאָכדעם, נאָך דער סצענע פונעם אײַנגעמאַכטס, קלערט אײַך, ווי איר פאַרשטייט. איך בין אײַך נישט מחויב צו דערציילן אַלצדינג.

## ב.

(וואָס הייסט „חבוט־הקבר"?)

אונדזערע חכמים באַשרײַבן חבוט־הקבר מיט אַלערליי שרעקלעכע פאַרבן, און דעם גיהנום — נאָך מוראדיקער. סע ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין ווײַבער מיט „נערוון" און זײַנען קיינמאָל נישט געפאָרן קיין אויסלאַנד אין די וואַרעמבעדער, נישט געפירט מיט זיך קיין צוועלף פוד באַגאַזש, א חוץ טשעמאָדאַנעס, קױשלעך, בינטלעך

און פּעקלעך אַלערליי, און האָבן נישט מיטגענומען מיט זיך אַהין קיין איינגעמאַכטס. מיר, אויב ס'איז מיר באַשערט אָפּקומען חבוט־הקבר. האָב איך אים געהאַט אין בויבעריק אַפּן וואָקזאַל, באַם אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, און דער גיהנם האָט זיך פאַר מיר געעפנט שוין זיצנדיק מיט מיין חיה־עטלן אין וואַגאָן. איך איז גרינג צו שטיין און קוקן בשעת עס ווערט אַ טומל, דער קוריער־צוג קומט־אָן, שטייט אינגאַנצן אַזעלכע פינף מינוט, און מע דאַרף כאַפּן נעמען בילעטן, אויפגעבן דעם גאַנצן באַגאַזש, אָפּגעזעגענען און צעקושן זיך מיט אַלע קינדער, קיין עין־הרע, אַריינכאַפּן זיך מיטן ווייב און מיט אַלע פּעקלעך און טשעמאָ־דאַנעס און קוישלעך אין וואַגאָן אַרײַן און פאַרכאַפּן ערטער, און קיין ערטער איז נישטאָ. איך פריי מיך, וואָס איך האָב פאַרכאַפּט אַן אָרט פאַר מיין חיה־עטלן, און זי איז נאָך נישט צופרידן. נישט צופרידן דער־מיט, וואָס איר אָרט קומט אוים אַקוראַט אַקעגן אַ גראָבן גלח, וואָס אַז מע טוט אַף אים אַ קוק, ווערט שוין היים אַף צו חלשן, און נישט צו־פרידן דערמיט, וואָס איך האָב נישט ווו צו זיצן און דאַרף מיך האַלטן מיט די פּעקלעך, און נישט צופרידן דערמיט, וואָס פון איילעניש האָב איך פאַרגעסן אָנזאָגן די קינדער און די דינסטן אַ סך נייטיקע זאַכן. אַ דאַנק דעם גלח, וואָס ער האָט רחמנות געהאַט אַף מיר, זיך אַביסל אַ רוק געטאָן און געמאַכט מיר כאָטש אַ שטיקל אָרט, און איך קאָן זיך צוזעצן כאָטש אַף אַן עק באַנק און אַרומקוקן זיך, ווו איך בין אין דער וועלט. פונעם אָנהאָרעווען זיך, פונעם לויפן מיטן טאַרעראַם, דרייט זיך מיר דער קאָפּ, און איך פיל, אַז איך האָב עפּעס, דאַכט זיך, פאַרגעסן, נאָר וואָס — ווייס איך נישט, און דערפאַר, אַפּנים, בין איך אַזוי פאַרטראַכט און הער נישט וואָס מע רעדט צו מיר.

— זע נאָר, האָסט כאָטש גוט באַהאַלטן די קוויטאַנציעס? — מאַכט צו מיר מיין חיה־עטל.

— וואָסערע קוויטאַנציעס?

— פונעם באַגאַזש.

— מזל טוב!

— וואָס איז דאָס מיט דיר? דו ביסט אַזוי פאַרטראַגן, אַז דו ווייסט שוין גאָרנישט, וואָס מע רעדט צו דיר?

ערשט דאָ דערמאָן איך מיך, אַז איך האָב פאַרגעסן אָפּנעמען באַם

ארטעלשטשיק די קוויטאנציעס פונעם באגאזש, און נישט באקלערט, וואס איך טו, לאז איך מיך לויפן, וווהין — ווייס איך אליין נישט. מיין ווייבס נערוון האלטן דאס נישט אויס, און זי פארווארפט דעם קאפ אף צו חלשן. עס ווערט א שטיקל הארמידער אין וואגאן. די פאסאזשירן רינגלען אונדז ארום, ווערן געוואר פון דער מעשה מיט דער קוויטאנציע, גיט מען מיר אלערליי עצות, וואס איך זאל טאן, ווי אזוי און וווהין איך זאל טעלעגראפירן, ווי אזוי איך זאל זיך נוהג זיין אף דער גרע־נעץ, און אונדזער נסיעה ווערט שוין פונעם ערשטן ארויספאר פאר־גיפטעט מיט סם־המות, און איך האב חרטה אפן גאנצן פלאן פון דער נסיעה. דאס געזונט, וואס מיך קאסט דאס, וועט מיר געווים נישט אומ־געקערט ווערן פאר די דריי חדשים קורירן זיך, און דאס בלוט, וואס מיר ווערט פארצאפט, וועט מיר זיכער נישט צוקומען פאר די דריי חדשים באדן זיך. און איך פארשילט מיר דאס געביין מיטן אויסלאנד, מיט די ווארעמבעדער און מיט אלע דאקטוירים. וואס איך ווינטש זיי, מעג זיי אנקומען כאטש האלב.

נאר צו וואסערע צרות ווערט א מענטש נישט געווינט; די באן וועט צוריק, צוליב מיין באגאזש, נישט פארן, און קיינער איז נישט מחויב טראגן אף זיך מיינע יסורים. איך בין געוועזן צופרידן, וואס מיין חיה־עטל האט זיך כאטש אפגעזוכט אין וואגאן צוויי דאמען, וואס זי האט זיך גיך מיט זיי באקענט און געוואר געווארן, אז זיי פארן אויך קיין אויסלאנד אין די ווארעמבעדער, און אף אלע דריי איז געווארן אזא שמחה, גלייך ווי זיי וואלטן געוווגען דאס גרויסע געווינס און האלטן שוין באם טיילן זיך.

די צוויי דאמען זיינען געוועזן: איינע פון אומאן, א דאמע מיט א הוט און מיט א סך פודער אפן פנים. מחמת זי פארט שוין קיין אויסלאנד דאס אנדערע מאל, דעריבער רעדט זי שוין העכער האלב דייטש און איז קלאר, זאגט זי, דארטן אין אלע ווינקעלעך. און די אנדערע — א יונג ווייבל פון יעהופעץ, וואס פארט אהין דאס ערשטע מאל, האלט זי זיך אן דער אומאנער דאמע, ווי א ברעקעלע קינד, לאזט זי נישט אפ אף קיין טריט.

— ווער זייט איר פון יעהופעץ? — פרעג איך דאס יונגע ווייבל, — און ווער איז אייער מאן?

— איך ווייס נישט, — זאָגט זי — אויב איר וועט אים קענען. מײַן מאַן הייסט בראָדסקי.

דערהערט דעם נאָמען בראָדסקי פֿון יעהופּעץ, האָט דאָס מיך גע־געבן אַ טראָג־אונטער, גלײַך ווי אונטער חער באַנק וואָלט געלעגן באַ־האַלטן דינאַמיט, און דאָס ווײַבל איז מיט אַ מאָל באַ מיר אין די אויגן אויסגעוואַקסן מיט נײַן־און־נײַנציק פּראָצענט.

— וואָס הייסט, — זאָג איך — בראָדסקין וועל איך נישט וויסן? ווער ווייס דאָס נישט בראָדסקין? וועלכן בראָדסקיס זײַט איר: לאַזאַרס, צי ליאָווס?

— נישט לאַזאַרס און נישט ליאָווס, — מאַכט זי צו מיר, — מיר זײַנען טאַקע בראָדסקיס, נאָר נישט פֿון די; מײַן מאַן איז אַ מעקלער פֿון הײַזער.

דאָס יעהופּעצער ווײַבל האָט מיט אַ מאָל פֿאַרלוירן באַ מיר אַלע נײַן־און־נײַנציק פּראָצענט, און איך האָב שוין מער נישט געוואָלט הערן, וואָס זי רעדט.

נישט אַזוי איז אָבער געווען מײַן חיה־עטל: זי האָט זיך מיט דער קאָמפּאַניע גאָר מחיה געווען. ערשטנס, האָט זי באַ דער אומאַנער דאַמע אויסגעטאַפּט אַלצדינג, וואָס אין אויסלאַנד טוט זיך, און דאָס איז גע־ווען פֿאַר אונדז ביידן ווי געפֿונען; און, צווייטנס, איז זי געוואָר גע־וואָרן פֿון אַזעלכע נײַע מינים שלאַפֿקייטן, וואָס זי האָט נאָך פֿון זיי קיינמאָל ביז אַהער נישט געהערט. שטעלט אײַך פֿאָר, אַז דאָס ווײַבל, וואָס זי הייסט בראָדסקי און איר מאַן איז אַ מעקלער פֿון הײַזער, האָט געהאַט אַ מאָדנע חולאת: עס האָט זיך איר געחלומט, אַז זי האָט אײַנגעשלונגען אַ גאַנצן קאַסטן מיט אַרײַנגעשטעלטע ציין. פֿון דע־מאָלט אָן פֿילט זי אינעווייניק באַ זיך אין בויך די ציין, און קיינער קאָן איר נישט אײַנריידן, אַז עס דאַכט זיך איר נאָר אַזוי, מחמת זי פֿילט גאַנץ גוט, מער פֿון אַלע דאָקטוירים, אַז די ציין ליגן באַ איר אי־נעווייניק. פֿאָרט זי איצט קיין ווין, און פֿון דאָרטן — וווהין דער פּראָ־פֿעסאָר וועט זאָגן.

סע פֿאַרשטייט זיך, אַז מײַן חיה־עטל האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז ס'איז באַ איר אַמאָל באַנאַכט אַרויסגעפֿאַלן אַ צאָן, מע ווייס נישט, ווו ער איז אַהינגעקומען, — איז נישט אַנדערש, אַז זי האָט אים דער־

מאלט איינגעשלונגען; זי פילט טאקע, זאגט זי, גאנץ אפט א מאדנע שטעכעניש אינעווייניק, זי פארשטייט נישט פון וואנען.

— א שטיקל גליק, — זאג איך — וואס דא פארט נישט קיינער מיט קיין אפגעביסענער נאז...

נאר קיינער וויל אפילו נישט קיין שמייכל טאן אף מיין חכמה; אדרבה, איך זע, אז די ווייבער זיינען אלע דריי ווי אנגעדרולט אף מיר; זיי האבן צווישן זיך ווי עפעס אפגעמאכט א מין יד אחת אקעגן מיר, אז מע זאל מיט מיר נישטריידן און מיר אפילו נישט ענטפערן. איך האב אבער גיך דערלעבט אין זיי אלע א נקמה. די אומאנער דאמע מיטן הוט האט מיטאמאל זיך אויפגעהויבן מיט אזא אימפעט און מיט אזא גוואלד, גלייך ווי עס וואלטן זיך אנגעצונדן אף איר די מלבושים. דער גאנצער וואגאן מיט פאסאזשירן זיינען זיך צענויפגעלאפן מיט א געשריי:

— וואס איז? וואס איז? וואס האט דא געטראפן?

און געטראפן האט זיך א קלייניקייט: א סלוי איינגעמאכטס, וואס מיין חיה־עטל האט געפירט מיט זיך קיין אויסלאנד, האט זיך אינע־ווייניק, אין דער קארזינקע, פאוואלינקע, אויבן אף דער פאליצע, צע־בראכן, אויסגעגאסן זיך און דורכגערונען דורך דער שטרוי פון אויבן אראפ, גלייך אפן הוט און אף דער זיידענער בלוזע און אף די איבע־ריקע מלבושים פון דער אומאנער דאמע, וואס איז ווי צוגעפרעסט גע־ווארן צו דער באנק. פון די היזקות, וואס מיר אליין האבן געהאט אין דער קארניזע גופא, רייד איך שוין נישט. איך שמועס נאר פונעם בזיון פאר דעם גאנצן פרעמדן עולם, וואס אין וואגאן, וואס איטלעכער פון זיי האט געזאגט אן אנדער ווערטל. איינס פלאטשיקער פונעם אנ־דערן. איינער א יונגערמאן מיט בלויע ברילן, מיט א שאפן קעפל פון גאלע ליסענע און מיט גראבע ליפן, וואס האט זיך געהאלטן פאר א גרויסן פארשוין, מחמת ער האט נישט אויפגעהערט צו גלעטן די וואנ־צעס און קוקן בשעת מעשה אין א קליין שפיגעלע, האט א זאג געטאן, אז די דאזיקע דאמע באדארף איצטער זיין זיס, ווי טייגעכץ מיט האנ־ניק, און האט אליין זיך צעלאכט פון דער חכמה. דער אנדערער, דווקא אן אלטער ייִד, א גראבער, מיט א מאסיווער גאלדענער קייט אפן בויך און מיט א גראבער שמעקנדיקער ציגאר אין די ציין, האט געזאגט נאך

גרעבער פון יענעם יונגן מאַן, און דער גאַנצער וואָגאָן האָט אויסגע־שאָסן אַ געלעכטער. נישט געלאַכט האָבן נאָר די דאַמען, וואָס מיט אַ מאָל האָט די גוט־פּרײַנטשאַפֿט צווישן זיי געפּלאַצט, ווי אַ גלאָז, צעד־זעצט געוואָרן, ווי אַ רויך, אַוועק, ווי אַ חלום. די אומאַנער דאַמע נעד־בעך, וואָס האָט געפּײַערט, ווי אַ גזלן, און האָט געמוזט נאָך אײַנהאַלטן זיך פֿאַר בושה, האָט בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווער קאָן דאָס זײַן אַ בעלן פֿירן מיט זיך אײַנגעמאַכטס קיין אויסלאַנד? דערויף האָט איר מײַן חיה־עטל, וואָס האָט געפּײַערט נישט ווייניקער פֿון איר, זייער גלײַך אָפּגעענטפֿערט, אַז איטלעכער האָט זיך זײַן גוסט: איינער פֿירט מיט זיך אײַנגעמאַכטס, דער אַנדערער קרײַד...

איך מיין, אַז די אומאַנער דאַמע האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס מײַן חיה־עטל מיינט, מחמת אויף דער ערשטער סטאַנציע האָבן זיי ביידע מיטן יעהופּעצער ווײַבל צענויפֿגענומען זייערע זאַכן און האָבן אָן אַ „זײַ־געזונט" זיך איבערגעפּעקלט אין אַן אַנדער וואָגאָן און האָבן אונדז באַפֿרײַט צוויי ערטער.

— און ווער איז שולדיק, אַז נישט דו?...

איך לאָז איבער דעם לעזער, ער זאָל אַליין טרעפֿן, וועמען געהער די דאָזיקע פֿראַגע: מיר, צי מײַן חיה־עטלען?

## ג.

(אַ מין הקדמה. — דער שכל פֿון מאַריענבאַד. — אַ דאַמע פֿון יעקאַטערינאָסלאַוו. — סטאַנציע אין וואָלאָטשיסק. — איך האַנדל אַ מציאה און ווער פֿון איר פּטור.)

מײַן ווײַב איז, ברוך השם, אַ מענטש, וואָס האָט פֿײַנט זיצן אַליין, ווי זי רופֿט דאָס אָן, „מיט די פֿיר ווענט". זי האָט ליב הערן, ווי מע רעדט, און האָט אַליין אויך ליב ריידן. אַז ס'איז שטיל אין שטוב, זשומעט איר דעמאָלט אין די אויערן, און אירע „נערוון" קאָנען דאָס נישט איבערטראָגן. אַז עס מאַכט זיך, זי בלײַבט אַליין מיט מיר און עס גייט אויס רייד (צווישן מאַן און ווײַב — וואָס קאָן זײַן פֿאַר אַ רייד?), פֿרעגט זי מיך, וואָס איך שווײַג? פֿאַר וואָס רייד איך נישט?

— וואָס זאָל איך מיט דיר ריידן? — פרעג איך זי. — שוין עט־לעבע און צוואַנציק יאָר זינט מיר ריידן... אויסגעגאַנגען שטאָף...

— פאַר וואָס־זשע געפינט זיך בא דיר שטאָף פאַר פרעמדע? לאָז זיך דיר דאַכטן, על־פּי איך בין אויך אַ פרעמדע?

נו, גייט פאַרענטפערט זיך, געפינט אַ תירוץ!...

דאָס איז אַ מין הקדמה אָדער אַ פירוש צו דעם, עס זאָל אײַך נישט זײַן קיין חידוש, וואָס געפאָרן מיט מײַן חיה־עטלען קיין אויסלאַנד אין די וואַרעמבעדער, בין איך געוועזן צופרידן, אַז גאָט האָט איר צוגעשיקט מיט וועמען צו ריידן. איך אַליין האָב איר געזוכט אַ קאָמפּאַ־ניע און האָב איר געפונען אין צווייטן וואַגאָן אַ מאַסיווע דאַמע פון יעקאַטערינאָסלאַוו מיט איר אַ טאָכטער, אַ כּלה, דאָס הייסט, אַזעל־בע, וואָס מעג שוין זײַן אַ כּלה — און צוליב דעם טאַקע פאָרט זי קיין מאַריענבאַד.

דערהערט דאָס וואָרט „מאַריענבאַד", האָט זיך מײַן חיה־עטל ממש מחיה געווען, מחמת עס האָט זי געצויגן כּסדר קיין מאַריענבאַד! וואָס עפּעס גראָד קיין מאַריענבאַד? — דעם שׂכל קאָן קיינער נישט וויסן, פּונקט אַזוי ווי עס איז שווער צו טרעפן דעם שׂכל, פאַר וואָס איינעם געפעלט ווײַס, דעם אַנדערן שוואַרץ. עס ווענדעט זיך אינעם גוסט. עס איז אַ געשמאַק־זאַך: איינעם געפעלט אַזוינס, דעם אַנדערן — אַזעל־כעס. ווען אַלע מענטשן זאָלן פאָרן אין איין אָרט אַרײַן, וואָלטן דאָך אַלע איבעריקע ערטער געבליבן ליידיק...

— פאָרט איר, הייסט דאָס, אויך קיין מאַריענבאַד? — האָט זיך מײַן חיה־עטל געווענדעט צו איר מיט אַ שׂמחה און בשעת מעשׂה באַ־טראַכט די מאַסיווע יעקאַטערינאָסלאַווער דאַמע און געחידושט זיך, צו וואָס פאָרט אַזעלכע אין די וואַרעמבעדער? וואָס פעלט איר, למשל?... די יעקאַטערינאָסלאַווער דאַמע האָט זיך, אַפּנים, אָנגעשטויסן, וואָס בא דײַט דער דאָזיקער קוק, און האָט זיך פאַרענטפערט:

— איך פאָר קיין מאַריענבאַד אַלע זומער, נישט, חלילה, אַף דער קור; איך בין, דאַנקען גאָט, געזונט און שטאַרק אַף אַלע אבֿרים (מע זעט דאָס!), הלוואַי ווײַטער נישט ערגער (אָמן!); נאָר וואָס פאָר איך קיין מאַריענבאַד? איך פאָר אַהינצו זיך „אָפּצוּיען"; אַז איך בין אָפּ אַ וואָך זעקס אין מאַריענבאַד, לאָז איך איבער דאָרטן אַ פונט עטלעכע

און דרייסיק (אהא!), און מאריענבאד איז דערצו א רפואה. דער חסרון איז, וואס אז איך קום אהיים קיין יעקאטערינאסלאוו, נעם איך אן אף זיך צוריק די עטלעכע און דרייסיק פונט, וואס איך האב אי־בערגעלאזט אין מאריענבאד, מיט נאך א פונט צוואנציק (קיין עין־הרע נישט!), מחמת הער אפעטיט, וואס איך באקום נאכהער צום עסן, הרגעט מיך אוועק!...

— איז דאך גלייכער, — זאג איך — איר זאלט בעסער אויפהערן פארן קיין מאריענבאד?

— וואס הייסט? — זאגט זי, — איך מוז דאך פארן זיך אפציען, אוועקגעבן די עטלעכע און דרייסיק פונט!

— קומט דאך אייך צו, — זאג איך — צוריק עטלעכע און דרייסיק פונט מיט נאך צוואנציק פונט, הייסט דאך עס אלע צוויי יאר א פוד!

— איך האב גארנישט געוווסט, אז איר זייט אזא בעל־חשבון! — מאכט זי צו מיר מיט א שמאך, און מיין חיה־עטל קוקט אף מיר, ווי אף א גזלן, למאי איך מיש מיך אריין, און איך בייס די צונג. איך זיץ און קוק אף דער יעקאטערינאסלאווער דאמע און טראכט מיר, וואס וועט זיין פון איר, כדומה למשל, טאמער לעבט זי נאך א יאר צוואנציק און פארט אלע יאר קיין מאריענבאד און לאזט איבער עטלעכע און דרייסיק פונט און נעמט זיי אפ צוריק מיט רוחים? הייסט דאס צוואנ־ציק מאל צוואנציק, האבן מיר א קיימא־לן פון פיר הונדערט פונט און פיר הונדערט פונט האבן מיר אזוי גרוים, אפנים, ווי צען פוד.

— סטאנציע וואלאטשיסק! — זאגט אונדז אן דער קאנדוקטאר א בשורה און נעמט אפ בא אונדז די בילעטן, און אלע פאסאזשירן טוען זיך א כאפ צו די פעקלעך, און עס לאזט זיך הערן מיט שמחה:

— די גרענעץ! די גרענעץ!

פאר וועמען ס'איז א שמחה — פאר מיר נישט. גאט ווייס, צי מע וועט מיר אפגעבן דעם באגאזש, ווארעם איך האב דאך פארגעסן אפ־נעמען באם ארטעלשטשיק די קוויטאנציע און האב געמוזט פון וועגן טעלעגראפירן וועגן דעם קיין בויבעריק.

— וואס וועלן מיר טאן, — זאגט צו מיר מיין חיה־עטל — טאמער חלילה, גיט מען אונדז נישט ארוים אונדזער באגאזש?

— למאי — זאג איך — זאלסטו איבערקלערן אף נייַן? טאָמער יאָ?

כך הוה. מיר זײַנען געקומען אף דער סטאַנציע, האָט זיך אָנגע־הויבן א לויפעניש פון איינעם צום אנדערן. דער יונגערער האָט אונדז אָפּגעשיקט צום עלטערן, און הער עלטערער צו נאָך א עלטערן. דער זאָגט: ס׳איז פאראן א דעפעש; דער זאָגט: ס׳איז נישטאָ קיין דעפעש. דער זאָגט: ס׳איז דאָ א דעפעש, מע זאָל ארויסגעבן; דער זאָגט: ס׳איז דאָ א דעפעש, מע זאָל נישט ארויסגעבן. בקיצור, מיר האָבן געמוזט געבן פון דאַנען נאָך א מאָל א דעפעש און אליין זײַנען מיר געבליבן ווארטן.

מײַן חיה־עטל... וואָס? איר ווילט טאָקע וויסן, וואָס איך האָב גע־האַט פון איר? אז גאָט וועט אײַך העלפן, איר וועט פאָרן אין די וואַ־רעמבעדער, בחפזונדיק, מיט אײַער ווײַב, אזוי ווי איך, און איר וועט פארגעסן די קוויטאַנציע פונעם באַגאַזש, ווי איך, און וועט דארפן ווארטן בא דער גרענעץ אַ איבעריקן טאָג, ווי איך, וועט איר דעמאָלט וויסן, וואָס מע קאָן האָבן פון א ווײַב... איין שטיקל גליק כאָטש, וואָס די יעקאַטערינאָסלאַווער דאַמע מיט דער טאָכטער, די כלה, זײַנען אויך געבליבן ווארטן ביזן צווייטן צוג איבער אַ אנדער טעם: פון אָדעם האָט באַדאַרפט אָנקומען אירע א שוועסטער, וואָס פאָרט אויך קיין מאַ־ריענבאַד און האָט פארשפעטיקט דעם צוג, וועט זי אָנקומען מיטן אַנ־דערן צוג.

— אויך אזאַ... — וויל איך פרעגן און בלײַב שטיין אין מיטן.

— אזאַ וואָס?

— אזאַ... מײַן איך... וואָס פאָרט זיך אָפּציִען?

— פארקערט, — זאָגט זי — מײַן שוועסטער איז שוין צו אַן איידעלע; פאָרט זי זיך פארריכטן, און עס קומט איר צו אלע יאָר א פונט פופצן. נאָר אז זי קומט אהיים, פארלירט זי פופצן מיט נאָך פופצן. זי עסט נישט כמעט גאָרנישט. זייער אַן איידעלע.

— קומט דאָך אויס, — זאָג איך — אַז אין צען יאָר פארלירט זי הונדערט פופציק פונט, הייסט דאָס אזוי גרויס, ווי דריי פוד מיט דרײַ־סיק פונט, הײַנט וואָס וועט שוין איר איבערבלײַבן?

— ווער בעט דיך, דו זאָלסט מאַכן חשבונות? — פאַלט שוין אַן

אַף מיר מײַן װײַב און איז גערעכט. — ער האָט זיך אַביסל צעחשבונט, דער בעל־חשבון מײַנער! באַרעכן בעסער, װאָס דיך קאָסט־אָפּ דער באַ־גאַזש איבער דעם, װאָס דו ביסט אַ צעטראָגענער מלאך, װעסטו בעסער מאַכן! גײ נאָר, װער געװאָר, צי ס׳איז שױן דאָ אַן ענטפער אַף אונדזער דעפּעש?

פאַרשטײט זיך, אַז קײן ענטפער איז נישטאָ, און עס קאָן נאָך אַזױ גיך נישט זײַן. און נישט האָבנדיק װאָס צו טאָן, גײ איך מיר אַרױס אַביסל אַף דער גאַס שפּאַצירן.

דאָס שטעטל װאָלאָטשיסק, כאָטש סע ליגט באַ דער גרענעץ, איז אַ קלײן שטעטל, װי אַלע שטעטלעך בכל תפוצות ישראל, מיט אַ מאַרק, מיט קלײטלעך, מיט ייִדן, װאָס דרײען זיך אַרום מיט די שטעקעלעך אין די הענט און האָבן נישט װאָס צו טאָן. און מחמת קײנער קען מיך נישט, קױף איך מיר אַ פֿונט אַגרעסן און גײ מיר אַרום אין מאַרק און עס מיר די אַגרעסן פֿונעם שקאָרמעץ. און פּלוצעם דערזע איך פֿאַר מײַנע אױגן װאָקסט אױס אַ מאָדנע חיה, װאָס איך האָב אַזעלכעס אַף מײַן לעבן נישט געזען. אַ מין פערד אַ הױכס, מיט געלע מאַכנאַטע האָר, ערטערװײַז מיט פּליכעס, אַ ליפּ אַ צעשפּאָלטענע, צװײ האָרבעס אַף די פּלײצעס, איך װאָלט געמעגט שװערן — אַ װערבליוד!* און אַ שװאַרצער ציגײַנער זיצט אַף דער ערד, אײַנגעװיקלט אין אַ װײַסער װאָ־רעמער סװיטע, און קוקט מיט אַזעלכע אױגן, גלײַך װי ס׳איז אים נמאס די גאַנצע װעלט.

איך גײ־צו צו אים נאָענט און באַטראַכט אים און באַטראַכט די היה מיט דער צעשפּאָלטענער ליפּ און מיט די צװײ האָרבעס.

— װאָס איז דאָס באַ דיר? — פרעג איך אים, — אַ װערבליוד?

— אַ װערבליוד, — ענטפערט ער מיר און קוקט נישט אין די אױגן אַרײַן.

— װאָס קאָסט עס? — טו איך אים אַ פרעג און גײ־צו נאָך נענטער.

פּלוצעם הײבט זיך אױף מײַן ציגײַנער, ציט זיך אױס אין דער

---

*) אַ קעמל.

הייך, ווי עוג מלך הבשן, טוט א גלאנץ מיט די אויגן גלייך צו מיר אין פנים אריין און א פרעג:

— פאקופאיעש? (דו קויפסט?)

— פאר וואס נישט? — ענטפער איך אים אף קאטאוועס. — וואס ווילסטו פאר אים?

— הונדערט מיט צען קארבן! — ענטפערט ער מיר. — וויפל גיסטו?

—א פינף־און־צוואנציקער, — זאג איך צו אים אף קאטאוועס.

— דאוואי דיענגי! (גיב געלט!) — מאכט ער צו מיר און טוט מיך א נעם בא דער האנט אזוי פריינטלעך, אז איך האב מורא זיך אויסדרייען פון זיינע הענט. איך קוק מיך ארום פון אלע זייטן און טראכט מיר: „וואס טוט מען דא? קויפן? — וואס טויג מיר א ווער־בליוד? נישט קויפן? — האב איך מורא פאר פעטש”... און איך וויים נישט וואס מיט מיר איז געווען: איך האב ארויסגענומען, במחילת כבודי, א פינף־און־צוואנציקער און האב אוועקגעקויפט דעם ווערבליוד.

און מערקווירדיק! אזוי ווי ס'איז פריער נישט געווען קיין נפש, אזוי איז מיט א מאל אויסגעוואקסן נעבן מיר א גאנץ רעדל און מע האט מיך גענומען באטראכטן מיט דער מציאה, וואס איך האב איינ־געהאנדלט.

— פעטער, וואס וועט איר זיך הייסן געבן פאר דער נבלה?

איך האב געוואלט, מע זאל מיר אומקערן מיין געלט, איך האב געוואלט אנווערן פריער א פינפערל, נאכדעם א צענערל — עס גייט נישט! איך האב אים געוואלט אוועקגעבן אומזיסט, אוועקשענקען, האט מען מיר געזאגט:

— האלט זיך געזונטערהייט!

וואס טוט מען? איבערלאזן אים אין מיטן מארק און אליין אוועק־גיין? איז מיר געווען א בזיון, און אביסל האב איך טאקע מורא געהאט אויך, טאמער גייט מען מיר נאך ביזן וואקזאל און עס ווערט געוואר מיין ווייב...

בקיצור, איך וועל אייך לאנג נישט מאריך זיין — איך האב צוגע־צאלט א פאר קערבלעך און בין פטור געווארן פון א צרה!

געקומען אהיים, האב איך געטראפן מיין חיה־עטלען אין טרערן.

וואָס איז די מעשה? ס'איז שוין לאַנג פאַראַן אַ דעפּעש פון בויבעריק, די דעפּעש איז געווען נאָך איידער מיר זײַנען געקומען, אומזיסט טע־לעגראַפירט, און דער באַגאַזש וועט זײַן אַף דער נאַכט.

— וווּ ביסטו אַהינגעקומען? — פרעגט זי מיך. — ווי אַזוי נעמט דאָס אַ מענטש און ווערט פאַרפאַלן אַף אַ גאַנצן טאָג און דרייט זיך אַרום איך ווייס נישט וווּ און ווייס נישט וואָס!

„דאַנקען גאָט, — טראַכט איך מיר — וואָס דו ווייסט נישט, הלוואַי זאָלסטו טאַקע נישט וויסן”...

אַז מיר זײַנען אַריבערגעפאָרן פון פּאָדוואָלאָטשיסק, איז באַ מיר אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. איך האָב מיך אַלע מינוט אַרומגעקוקט, צי מע פירט מיר נישט צוריק די מציאה, וואָס איך האָב אײַנגעהאַנדלט. די יסורים, וואָס איך האָב געהאַט באַם וויזירן די פּעסער, די צרות, וואָס איך האָב געהאַט פון מײַן ווײַב פאַר דעם אײַנגעמאַכטס, וואָס מע האָט אַרויפגעלייגט פאַר אים אַ שטראָף, און פאַר די פּאַפּירן, וואָס מע האָט מיר אַרויסגעוואָרפן, און באַם געלט־וועקסלען, וואָס די חלפנים האָבן מיר פאַרדרייט צווישן יאָ־און־ניין נײַן קערבלעך, — דאָס אַלץ איז געווען בלאָטע אַקעגן דעם נאַרישן ווערבליוד, וואָס איז מיר נישט אַרויסגעקראָכן פון קאָפּ אַ גאַנצן וועג, ביז גאָט האָט מיר באַ־שערט אַ נײַעם אומגליק אונטער קראַקוי, וואָס ווערט באַשריבן אָט דאָ — אַ ביסל ווײַטער.

ד.

(אַ פסק פון אַ ווײַב. — ייִדן אין קאַפּעלושלעך. — ווײַבער מיט פּאַריקן. — מע שמועסט פון צירונג, און חיה־עטל פאַלט חלשות.)

וווּ זײַנען אַהינגעקומען די יעקאַטערינאָסלאַווער מאַסיווע דאַמע, וואָס פאָרט קיין מאַריענבאַד פאַרלירן דרײַסיק פונט, מיט דער טאָכ־טער, די כלה, מיט דער איידעלער שוועסטער, וואָס זיי האָבן דערוואַר־טעט פון אָדעס, — ווייס איך נישט; זיי זײַנען ווי אין וואַסער אַרײַן. עס קאָן זײַן, זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַן אַנדער וואַגאָן, און איך האָב

זיי געוואָלט גיין זוכן, האָט מיר מיין חיה־עטל געגעבן אַ פּסק און איז דווקא געווען נישט אומגערעכט.

— וואָס הייסט? — זאָגט זי צו מיר, — מיר זיינען נאָר־וואָס אַריבער די גרענעץ, ווילסטו מיך שוין איבערלאָזן איינע אַליין אין אַ פרעמד לאַנד און גיין זוכן פרעמדע ווייבער?

— טאַקע פון דיין טובה וועגן, — וויל איך מיך פאַרענטפערן, נאָר איך מאַך ערגער. „זי דאַרף נישט, זאָגט זי, מיינע טובות, זי קאָן זיך, זאָגט זי, באַגיין אָן זיי; און צווייטנס, אַז עס וועט איר זיין שטאַרק בקוטשנע, וועט זי זיך, נישקשה, אַליין אָפּזוכן אַ קאָמפּאַניע"... און כך הווה: מיר זיינען נאָר געקומען אונטער לעמבערג, האָט אונדזער וואַגאָן אָנגעהויבן אָנגעפילט ווערן מיט יידן און ווייבער — און וואָסערע יידן! וואָסערע ווייבער! וואָסערע קאַפּעלושלעך, וואָסערע קאַפּאָטעס מיט וואָסערע גאַרטעלעך און מיט וואָסערע שיך־און־זאָקן! און די ווייבער — צנועות! טראָגן מושקעס, גאַנצע שלייערס אַף די קעפּ — רביצנס! היינט די שפּראַך זייערע! זייער אַרט ריידן אַלע אינאיינעם, און פונעם גאָרגל! און מיט די הענט, און מיט אַ ניגון!

— אָט דאָס זיינען „דייטשן"? — מאַכט צו מיר חיה־עטל מיט די אויגן.

— וואָס זאָגסטו דערויף? — ענטפער איך איר אָפּן ווונק.

— ארץ־ישראל! — מאַכט צו מיר מיין ווייב.

קיינמאָל האָט נאָך מיין ווייב אַזוי גלייך נישט געזאָגט, כּלעבן. ארץ־ישראל, ווי איך בין אַ ייד.

מיר האָבן זיך ביידע געפילט עפּעס אַזוי היימיש, גלייך ווי מיר וואָלטן געקומען נישט קיין אויסלאַנד, נאָר קיין בערדיטשעוו, אָדער קיין יאַרמעלינעץ אַפן יריד. דער חילוק איז נאָר געווען דאָס, וואָס בײַ אונדז אַף דער באַן, אַז עס מאַכט זיך אַזאַ קאָמפּאַניע, האָט מען בזיונות פון די אַלע איבעריקע פּאַסאַזשירן; עס ווערט אַ שמועס וועגן יידן, וואָס זיינען אומעטום פול און וואָס האָבן שוין איינגענומען כּמעט דאָס גאַנצע לאַנד, און עס לאָזן זיך הערן די באַקאַנטע ווערטער: „קאַהאַל", „זשידי", „עקספּלאָאַטאַטאָרי", וכדומה זיסע נעמען, וואָס מע איז שוין מיט זיי בײַ אונדז, ברוך השם, געוווינט געוואָרן.

געוויינלעך, האָבן מיר זיך מיט דער דאָזיקער קאָמפּאַניע גיך באַ־

קאַנט און גאַנץ געשמאַק צערעדט זיך. דערהערט פון אונדז, אַז מיר זײַנען פון „רוסלאַנד", האָבן די דאָזיקע „דײַטשן" געקוקט אויף אונדז מיט משוגה־מאָדנע אויגן, אונדז באַטראַכט, ווי מע באַטראַכט, אַשטייגער, מאַלפּעס: דאַכט זיך, מענטש, און פּאָרט נישט מענטש... זיי האָבן בײַ אונדז אויסגעפרעגט איטלעכס ברעקעלע, געוואָלט אויסטאַפּן, וואָס בײַ אונדז אונטער די נעגל טוט זיך. זיי האָבן זיך אַלץ נאָכגעפרעגט בײַ אונדז, וואָס מיר עסן? צו וועלכן רבין פאָרן מיר? און צי זײַנען מיר געווען אין „פּעטערסבורג"? און צי האָבן מיר געזען „מאָסקווי"?

קוקנדיק אויף זיי, האָט מען געקאָנט זיכער מיינען, אַז די דאָזיקע „דײַטשן" טוען גאָרנישט, נאָר זיי פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק. צום סוף, אַז איך האָב מיך גוט צוגעהערט צו זייערע שמועסן, האָב איך מער נישט געהערט פון זיי אַ חוץ „באַקפּיש", „אַ געפּיטערט גענדזל", „קאַלבסבראַטן" וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס זײַנען שײַך צו דער קישקע.

דאָס איז געווען בײַ מיר, צווישן די מאַנצבילן, און דאָרט בײַ מײַן ווײַב, צווישן די דײַטשע צנועות, איז געגאַנגען גאָר אַן אַנדער שמועס: די ווײַבער פון ביידע צדדים האָבן גערעדט פון דער „מאָדע", וואָס מע טראָגט „בײַ אונדז" און וואָס מע טראָגט „בײַ זיי", און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז כאָטש זיי זײַנען „דײַטשן" און מיר זײַנען „רוסען", פונדעסטוועגן האַלט מען בײַ אונדז פון דער הײַנטיקער מאָדע אַ סך מער, ווי בײַ זיי.

—אַ סימן האָט איר, — זאָגט צו זיי מײַן חיה־עטל — נעמט, אַשטייגער, אײַער צירונג און אונדזער צירונג. בײַ אונדז אַ „פּרווי" (מײַן חיה־עטל האָט זיך שוין אָנגענומען פון זיי און האָט שוין אָנגעהויבן „שפּרעכן אויף דײַטש") — בײַ אונדז אַ „פּרווי" זאָל אָנטאָן אַזעלכע צוויי באָמבעס אין די אויערן, וואָלט מען איר נאָכגעלאָפן אין גאַס...

די ווערטער זײַנען געזאָגט צו אַ לעמבערגער דאַמע מיט אַ פּאַריק און מיט צוויי גאָלדענע אויירינגען, וואָס האָבן זיך מאָדנע געבאָמבלט אַהין און אַהער.

— און וואָסערע אויירינגלעך טראָגט מען בײַ אײַך אין רוסלאַנד?

— האָט זיך אָנגערופן פון דער זײַט נאָך אַ דאַמע מיט אַ רויט פּנים

און מיט נאַסע אייגעלעך, וואָס איז ביז אַהער געזעסן אַליין אין אַ ווינ־קעלע און האָט געשוויגן.

— באַ אונדז טראָגט מען שוין איין מאָל אוירינגלעך! — רופט זיך אָן צו איר מײַן חיה־עטל און פוילט זיך נישט און עפנט אויף דעם גרויסן „קאָפּער” (איך הייב שוין אויך אָן שפּרעכן אַף דײַטש) און נעמט אַרויס פון דאָרט דאָס קליינע רענצעלע מיט דער צירונג, וואָס איך האָב איר געקויפט דורך דער גאַנצער צײַט, זינט באַ מיר האָט זיך באַוויזן געלט.

עס ווײַזט אויס, אַז די צירונג איז דעם עולם שטאַרק געפעלן, וואָ־רעם אַלע ווײַבער, אויך אַ פּאָר מאַנצבילן, האָבן שטאַרק אַרײַנגעקוקט אין די קעסטעלעך אַרײַן, באַטראַכט מײַן ווײַבס שיינע אוירינגלעך מיט די גוטע פינגערלעך מיט די פּערל, און מיטן גאַנצן איבעריקן שמוק, וואָס זי האָט זיך נישט געוואָלט מיט דעם צעשיידן אפילו אַף איין טאָג.

— וואָס טויג דיר צירונג אין די וואַרעמבעדער? — טענה איך מיט איר נאָך אין דער היים פאַרן אַוועקפאָר, — אַ קשיא אַף אַ מעשה, טאָ־מער, חלילה, גנבעט מען דאָס באַ דיר אַוועק?

— און ווו בין איך? בײַס זיך אַף די צונג! — ענטפערט זי מיר.

— דו דאַרפסט אָבער תמיד אויסליגן צו בייזן!

„מילא, אַ דאגה! — טראַכט איך מיר, — דײַן צירונג, דײַן דעה!”

דערווײַל האָב איך מיך מיט מײַנע „דײַטשן” אַזוי פאַררעדט וועגן פּאָליטיק און אַנדערע ענינים, אַז (כ'בין זיך מודה ומתודה!) איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז ס'איז פאַראַן ערגעץ אַ חיה־עטל אַף דער וועלט... און ערשט ווען האָב איך מיך דערמאָנט? ערשט העט־העט, אַז דער גראָ־בער דײַטשער קאָנדוקטאָר מיטן מאָדנע היטל אַפן קאָפּ און מיט אַן אומגעלומפּערט גרויסן שליסל אין די הענט איז דורכגעגאַנגען פאַרבײַ אונדז און האָט אויסגערופן דווקא הויך אַף אַ קול, מיט אַזאַ שפּראַך, וואָס איז שווער צו פאַרשטיין, געקראַקעט, ווי אַ וואָראָנע: — „קראַ־קאַ־ו! קראַ־קאַ־ו!” און דאָס איבעריקע — זאָל איך אַזוי וויסן פון אים!

— אָט דאָ — זאָגט צו מיר מײַן חיה־עטל — וועלן מיר עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן.

און זי נעמט מיך אונטער דער האַנט אַף דעם אַריסטאָקראַטישן

אופן, און מיר מאַכן בײדע אַ שפּאַציר איבערן שײנעם גרױסן װאָקזאַל גאַנץ אױפֿגעלעבט, װי אַ יונג פּאָרל נאָר־װאָס נאָך דער חתונה.

אינעם לעבן פֿון מאַן און װײַב טרעפֿן זיך זעלטן אַזעלכע גליקלעכע מינוטן, אַזעלכע שײנע טעג מיט אַזאַ לױטערן הימל. מערסטנטײל איז אָדער כמאַרנע, אָדער עס רעגנט, אָדער גרױסע קעלטן, אָדער עס ברענט די זון אומברחמנותדיק, בריט און סמאַלעט מיט סכנת־נפֿשות, אָדער עס ברעכט אױס פּלוצעם אַ װאָלקנבראָך, נאָכדעם באַװײַזט זיך די זון אַף אַ װײַלע, טוט אַ שמײכל און װערט פֿאַרשװוּנדן.

אויב בא אײַך קומט דאָס פּאָר אַנדערש, זײַנט איר אַוודאי אַ מוצלח, געבוירן, װי מע זאָגט, אין אַ הײַבל; בא מיר מיט מײַן חיה־עטלען, בין איך זיך מודה, קומען־פֿאָר זעלטן אַזעלכע גליקלעכע לױטערע זונענדיקע טעג. װער פֿון אונדז איז דאָ מער חײב — קאָן איך אײַך נישט זאָגן. איך בין בטבע אַ ייִד אַ צו־להכעיסניק, און מײַן װײַב איז אַ דאַמע מיט נערװן. צו־להכעיס מיט נערװן — איז פֿײַער מיט װאַסער, סאָדע מיט קרעמעטאַר־טערום; קומען זײ זיך צענויף אינאײנעם — קאָכט עס...

דערפֿאַר אָבער, אַז עס גיט זיך אױס בא אונדז אַ שײנער טאָג און די זון טוט אַ שײַן, באַנוצן מיר זיך דערמיט װי װײַט מעגלעך און שעפּן פֿאַרגעניגן מיטן פֿולן מױל.

— חיה־עטל קרױן, װאָס זאָגסטו אַף דעם לאַנד, װי פֿרײַ, װי גוט דאָ איז!

— אַ גן־עדן! — זאָגט זי צו מיר, װי איר שטײגער איז, און טוט מיר אַ קוק אין די אױגן אַרײַן אַזױ פֿרײַנטלעך, אַז עס װײַזט זיך מיר אױס, אַז קײן שענערס פֿון איר איז נישטאָ אַף דער װעלט. און איך רוף זיך אָן צו איר:

— װי מײנסטו, נשמה מײַנע, װאָלסט װעלן, אַשטײגער, זיך דאָ באַזעצן אַף שטענדיק?

— מיט דיר? אַך, פֿאַר װאָס נישט?

— מיט דעם, װאָס איז ליב, אַפֿילו אין אַ שאַלאַש! — זאָג איך צו איר מיט דעם נוסח, װאָס אין די ביכלעך שטײט געשריבן.

דערױף ענטפֿערט זי מיר נאָר מיט אַ זיס שמײכעלע, אײנס פֿון די שמײכעלעך, װאָס מאַכט פֿרײלעך דעם הימל, די ערד, די גאַנצע װעלט.

אלע מענטשן באַקומען דעמאָלט גאָר אַן אַנדער פּנים — אַפילו דער קאָנדוקטאָר, וואָס גייט פאַרביי, אַפילו דער זשאַנדאַרם מיט דער גרויסער פעדער, אַפילו דער אָרעמער דייטש, וואָס שטייט אַפּגעריסן און וואַרט אַף אַ נדבה — אַלץ, אַלץ באַקומט אַן אַנדער פּנים מיט אַן אַנדער געשטאַלט, אַלץ שמייכלט, אַלץ זינגט, אַלץ טאַנצט, אַלץ גריסט צו אונדז גאָר פריינטלעך!

— חיה־עטל!...

— וואָס איז, מיין טייערער?

— לאָמיר זיך געבן איינס דאָס אַנדערע דאָס ערן־וואָרט, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָלן מיר זיין שטענדיק שלום, שטענדיק גוט, קיינמאָל זיך נישט קריגן, קיינמאָל זיך נישט...

פּלוצעם רייסט זי אַרויס באַ מיר איר האַנט, טוט זיך אַ וואָרף צוריק און שרייט־אויס נישט מיט איר קול:

— דאָס קוישל! דאָס קוישל!

— גאָט איז מיט דיר! וואָסער קוישל?

— דאָס קוישל מיטן צירונג! — שרייט זי אויס און פאַלט חלשות.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וויפל מענטשן עס זיינען געווען אַפן וואָקזאַל — זיינען זיך אַלע צונויפגעלאָפן. עס איז אויסגעוואַקסן אין דער מינוט אַ דאָקטער מיט אַן אַפּטייק, און מע האָט חיה־עטלען אָפּגעמינטערט. און אַז מע האָט זי אָפּגעמינטערט, האָט זי זיך ערשט דעמאָלט רעכט צעוויינט.

— ווי איז מיר, ווינד איז מיר! מיין צירונג! מיין צירונג!!!

עס האָט נישט געהאָלפן מער קיין גוטע רייד, קיין טרייסטן, קיין צוזאָגן איר קויפן אַנדערע צירונג — זי וויל נישט הערן, זי ברעכט די הענט, זי וויינט, זי חלשט, זי עקט זיך.

— אוי ווי, מיין צירונג! נישטאָ קיין צירונג; פאַרפאַלן דאָס צירונג!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די צירונג איז פאַרפאַלן, און די מאַסיווע דאַמע מיט דער טאָכטער, דער כלה, האָבן זיך געפונען.

— וואָס איז אייך געשען, ווי איז מיר? — פרעגט אונדז די מאַ־

סיווע דאַמע, און אַז זי ווערט געוואָר פון אונדזער שאָדן, ברעכט זי די הענט און פרעגט, ווי אַזוי פירט מען דאָס אָט אַזוי צירונג פון אויבן־אויף? און אַלע, וואָס דערהערן פונעם שאָדן, ברעכן די הענט און פרעגן, ווי קומט דאָס, מע זאָל פירן צירונג אַזוי אויבן־אויף?

— ס'איז אַלץ ער, ער מיט זײַן צונג! — זאָגט חיה־עטל. און איר ווייסט דאָך שוין, װ ע מ ע ן זי מיינט!...

## ה.

(ווידער נערוועז. — אַ גרינער לולב פון אָדעס. — חיה־עטל בלאָזט זיך. — אַ רפואה צו דער מכּה. — די מומע נחמה פון אַצעלעס.)

ביז מיר זײַנען געקומען קיין ווין איז מײַן חיה־עטל (פאַר צרות, אַפּנים) קראַנק געוואָרן אַפן רעכטן אמת און האָט מיר פאַרשטערט די נסיעה צום ערשטן אַרויספאָר. וואָס איר איז געווען — איז שווער צו זאָגן; די נערוון האָבן זיך איר אַזוי צעשפּילט, אַז מע האָט דאָס געקאָנט אַרויסזען אַף מיר. לאַכט נישט: אַ מענטש וואָס האָט אַ ווײַב מיט נערוון, דערקענט מען דאָס באַ אים אַפן פּנים. ווײַזט מיר וועמען איר ווילט דאָס ערשטע מאָל, און לאָם איך מיט אים ריידן אַ צוויי ווערטער, וועל איך אײַך באַלד זאָגן, צי זײַן ווײַב האָט נערוון, צי ניין. מע דאַרף הערצו האָבן אַ געניט אויג!

מיטלען צו נערוון זײַנען פאַראַן אַ סך, און אַלע טויגן אַף כּפּרות. דאָס בעסטע פון אַלע מיטלען — מע זאָל לאָזן צורו, און אַזוי טו איך טאַקע. וואָס זי זאָל מיר נישט זאָגן, ענטפער איך איר נישט דאָס אַנדערע וואָרט. איך נעם אָן אַ פול מויל מיט וואַסער און שווײַג. פון איר ריידן מיט מײַן שווײַגן לאָזט זיך אַ מאָל אויס גאַנץ מיאוס, נאָר דאָ אין וואַגאָן האָב איך דערפאַר קיין מורא נישט, וואָרעם אַקעגן אונדז זײַנען געזעסן די יעקאַטערינאָסלאַווער מאַסיווע דאַמע, וואָס האָט נאָך אויפגעהערט צו קײַען, און די טאָכטער, די כּלה, וואָס האָט געקוקט כּסדר אין שפּיגעלע און געזען, אַז זי האָט פרישטשעס אַפן פּנים, און די איידעלע שוועסטער פון אָדעס, וואָס איז געווען אַזוי גרין און איידל, אַז זי האָט אויסגעזען, ווי אַן איבערגעבונדענער לולב ערב סוכות.

אַף וויפל חיה־עטל איז געוועזן מיט זיי פריִער נאָענט, אַף אַזוי פיל האָט זי זיך נאָכדעם פון זיי דערווײַטערט און כמעט גאָר אויפגעהערט מיט זיי צו ריידן, און האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אויך מיט זיי נישט ריידן; נאָר ווי אַף צו־להכעיס, האָבן זיך אַלע דרײַ דאַמען אַלע מאָל געווענדעט צו מיר מיט אַן אַנדער בקשה. איך זאָל זיך מטריח זײַן אַראָפּ־נעמען דאָס רענצל, אויפבינדן דאָס פּעקל, צומאַכן דאָס פענצטער, אַ לויף טאָן אַפן וואָקזאַל עפּעס קויפן, וכדומה אַזעלכע קאָמיסיעס, וואָס מע מוז אַף זיך טראָגן, בשעת מע נעמט אַף זיך דעם גלות פון דאַמען. מער פון אַלע האָט מיך דעקוטשעט דער „גרינער לולב" פון אַדעס. אַף וויפל זי איז מיאוס, אַף אַזוי פיל האָט זי זיך פאַר מיר געבראָכן און געברעקלט, און האַלט זיך פאַר אַ פאַרשוין איינע אין דער וועלט. מיר האָט זיך געגלוסט אַלע מינוט איר זאָגן דעם אמת, און דווקא צום גראַם: מאַדאַם! איר זײַנט גרין ווי גראָז, און האָט אַ לאַנגע נאָז...

אײַך האָט זיך קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז אַף דער צונג זאָל בײַ אײַך ליגן אַ נאַרישקייט און עס זאָל זיך רײַסן ארויסצוזאָגן? איך האָב אַמאָל פאַר אַזאַ מעשה געכאַפּט פּעטש, נישט פאַר אײַך געדאַכט, און אַ סך... נאָר איך האָב פאַרגעסן, אַז מיר שמועסן פון דער נסיעה אין די וואַרעמבעדער און מע טאָר נישט ריידן פון זײַטיקע ענינים.

בקיצור, די דאַמען האָבן זיך מיט מיר געשאַפט, און מײַן ווײַב האָט זיך געבלאָזן און געפײַערט אַף זיי און אַף מיר און אַף דער גאַנ־צער וועלט מיט סכנת־נפשות! איך האָב געפילט, אַז עס בלאָזט אַ שלעכט ווינטל, אַז אָט־אָט רוקט זיך אָן אַף מיר אַ כמאַרע און עס ברעכט אויס אַן אומגליק, רחמנא לצלן... דער אייבערשטער איז דאָך אָבער אַן אל ארך אפּים ורב חסד, שיקט ער צו די רפואה פאַר דער מכה. האָט ער אַף מיר רחמנות געהאַט און צוגעשיקט מיר צו הילף אַ נײַע דאַמע, דאָס הייסט, דאָרט אין דער היים איז זי אַ „יִידענע", נאָר דאָ, און ווײַל זי פאָרט אין די וואַרעמבעדער, רוף איך זי „דאַמע". דורכגעגאַנגען דורך אונדזער וואַגאָן און דערזען מײַן ווײַב, איז זי צוגעלאָפן צו איר, איז איר געפאַלן אַפן האַלדז, און מע האָט זיך גענומען איינס דאָס אַנדערע קושן אַזוי שטאַרק, אַז דער גאַנצער עולם האָט אַף זיי געקוקט און געשמייכלט.

— אוי, חיה־עטל, ס'איז דו? אָט וועל איך מיר אַ מעשה אָנטאָן!

— מומעניו, ווי קומט איר אהער?

— וווּהין פאָרסטו דאָס, חיה־עטל, נשמה מײַנע האַרציקע? אפשר אין די וואַרעמבעדער?

— געוויינלעך, אין די וואַרעמבעדער; נו, און איר, מומעניו, וווּהין פאָרט?

— אויך אין די וואַרעמבעדער. אָט דאָס איז אפשר דער מאַן דײַנער? איך וועל מיר אַ מעשׂה אָנטאָן!

און אַזוי האָבן מיר זיך באַקענט, דאָס הייסט, פאַרגעשטעלט אַן נע־מען און אָן ווערטער: איך בין געוואָר געוואָרן, אַז זי איז מײַן חיה־עטלס אַ מומע פון אַ קליין שטעטל מיט אַ מאָדנעם נאָמען — אַצע־לעס. דאָס הייסט, שרײַבן שרײַבט זיך עס וואָלאָצעגאָלאָוואַ, נאָר ייִדן, וואָס האָבן פײַנט לאַנגע נעמען, האָבן דאָס פאַרקירצט אויף אַצעלעס, און מע רופט זי: די מומע נחמה פון אַצעלעס.

— וווּהין־זשע פאָרט איר, מומעניו, אין וואָסער אָרט אַרײַן?

— פרעגט זי חיה־עטל.

— לאָז מיך אַזוי וויסן בייז מיט דיר אינאיינעם, ווי איך ווייס, וואָס פאַר אַ נאָמען דאָס האָט! דאָס הייסט, איך האָב אפילו יאָ געוווּסט דעם נאָמען, נאָר איך האָב שוין פאַרגעסן. געדענקען געדענק איך, אַז עס לאָזט זיך אויס מיט אַ „באָד".

— אפשר מאַריענבאַד?

— סע קאָן זײַן, אַז מאַריענבאָד.

— צי אפשר קאַרלסבאַד?

— האָסט געפּועלט בײַ מיר אַזוי אויך, לאָז זײַן קאַרלסבאָד.

— צי אפשר פראַנצענסבאַד? אָדער באַדענבאַד?

— לאָז זײַן פראַנצענסבאָד, הייסע באָד, קאַלטע באָד, אַבי אַ באָד...

דער דאָקטער האָט מיר געהייסן פאָרן אין די וואַרעמבעדער, פאָר איך. איך פיר מיט זיך אַ בריוו פון אים צום פּראָפעסאָר, מסתּמא שרײַבט ער שוין דאָרטן אין וואָסערע בעדער.

אונדזער מומע נחמה האָט, נישקשה, פאַרדינט, איך זאָל אײַך זי באַשרײַבן ווי סע געהער צו זײַן, איבערגעבן אין קורצן איר ביאָגראַפיע: ערשטנס, איז זי דאָך מײַן חיה־עטלס אַן אייגענע מומע, דאָס הייסט, מײַן שווינגערס אַן אייגענע שוועסטער, און מײַן ווײַבס מומע געהער דאָך

מיר אויך אָן אַ מומע. און צווייטנס, איז זי אַזאַ פּאַרשוין, וואָס ס'איז, כ'לעבן, כדאַי זיך מיט איר צו באַקענען אַביסל פון דער נאָענט.

אין דער יוגנט, ווייזט אויס, האָט זי באַדאַרפט זיין אַ גאַנץ שיינע, און בטבע איז זי נאָך היינט אויך אַ לעבעדיקע, אַ פריילעכע נשמה, און האָט ליב לעבן אַ גוטן טאָג. דעם ערשטן מאַן האָט זי געהאַט אַן אַלטן שטורמאַק, פאַרשוואַרצט געוואָרן מיט אים נישט לאַנג, געבליבן נאָך אים אַ יונגע אַלמנה אָן קינדער, נאָר מיט געלט — ביידע זאַכן דווקא נישט קיין חסרונות אַף צו חתונה האָבן דאָס אַנדערע מאָל און נעמען אַ מאַן נאָך איר באַגער און אָנהייבן פירן אַ לעבן איבעראַנייס. וואָס פאַר אַ מין נפש איז איר צווייטער מאַן, וואָס זי האָט אים גענומען „נאָך איר באַגער", קאָן איך אייך נישט זאָגן; איך ווייס נאָר, אַז ער אַליין זיצט אין אַצעלעס, און זי האָט ער אַרויסגעשיקט אין די וואַרעמבעדער אַף אַ וואָך זעקס, זי זאָל זיך אָנטאָן „כל הפערגעניגן שבעולם", נישט זשאַלעווען קיין געלט, און וואָס איר האַרץ גלוסט — דאָס זאָל זי טאָן, און וואָס אירע אויגן זעען — דאָס זאָל זי קויפן.

אַזוי זאָגט די מומע נחמה פון אַצעלעס, און איך זע, אַז אַלע מיינע דאַמען זיינען איר מקנא, וואָס זי איז אַזוי פריי און האָט אַזאַ גליקלעך לעבן בא איר מאַן, און — אוי וויי! — איך מוז מיך מודה זיין, אַז אפילו מיין חיה־עטל אַליין קוקט אַף דער מומע און אַף מיר, און איך ווייס, וואָס איר קוק באַדייט; איר קוק באַדייט: „אָט וואָס ס'הייסט אַ מאַן אַף דער וועלט!"...

און די מומע נחמה פון אַצעלעס האַלט אין איין ריידן; דאָס מויל מאַכט זיך איר נישט צו אַף קיין מינוט. אַליין איז זי אַ קליינינטשקע, אַ ווייסינקע, אַ קיילעכיקע, מיט אַ ווייס קיילעכיק גוידערל, מיט אַ נעזל ווי אַ פּאַסאָלקע, מיט גרויע אייגעלעך, און אַ קול האָט זי אַ הייזעריקס, און אַז זי רעדט, טאַנצט זי אונטער, דרייט זיך אַף אַלע זייטן, פאַרגעסט אַלע מינוט, ווו זי האַלט אין די יוצרות, מישט צענויף קאַשע מיט באָרשט מיט נעכטיקע טעג, טוט זיך אַ פּאַטש מיט ביידע הענטלעך איבער די פיילעכיקע קלובעס: „איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטאָן!" און צעלאַכט זיך אַזוי, אַז אַלע מוזן לאַכן מיט איר אינאיינעם.

— מומעניו, — פרעג איך זי — באַ וואָסער פּראָפעסאָר האָט אייך דער דאָקטער געהייסן זיין?

— לאָם איך אַזוי וויסן פון אים! — זאָגט די מומע נחמה. — ער האָט מיר דאָרט פאַרשריבן, דער שיינער דאָקטער פון אַצעלעס, אויף אַ שטיקל פּאַפּיר דעם נאָמען זיינעם, נאָר איך געדענק שוין נישט אין וואָסער אַ שטאָט: צי אין ווין, צי אין בערלין? איך וועל מיר נאָר אַ מעשׂה אָנטאָן!

און די מומע נחמה זוכט — זוכט אין אַלע קעשענעס און קאָן נישט געפינען דאָס שטיקל פּאַפּיר, וואָס דער שיינער דאָקטער פון אַצעלעס האָט איר פאַרשריבן.

—ווייסט איר כאָטש, לכל־הפּחות, דאָס חולאת אייערס? — פרעג איך זי אויף אַ ציקאַוועסט.

— אָט וועל איך דיר באַלד גיין דערציילן מיין חולאת! — מאַכט די מומע נחמה און צעלאַכט זיך, און אַלע דאַמען שיסן־אויס אַזאַ געלעכטער, גלייך ווי איך וואָלט דאָ געזאָגט מי יודע וואָס פאַר אַ נאַרישקייט. נאָר איך בין צופרידן און דאַנקבאַר דער מומע נחמה פון אַצעלעס און וועל איר קיינמאָל נישט פאַרגעסן די טובה, וואָס זי האָט זיך באַציִיטנס אונטערגעכאַפּט און אויסגעלייזט מיך נישט איינמאָל פון אַ סך, אַ סך צרות, אי בשעת נסיעה, אי דאָרט, אין די וואַרעמבעדער. זי איז, קאָן מען זאָגן, געווען די אמתע רפואה צו מיין ווייבס נערוון. קיינער האָט אַזוי נישט געקאָנט אויפמונטערן מיין חיה־עטלען, ווי די מומע נחמה, זי מאַכן באַרעדעוודיק, בשעת זי שוויַיגט, און זי מאַכן לאַכנדיק, בשעת זי איז פאַרזאָרגט, מרה־שחורהדיק.

איך ווינטש אייך, לעזער, אויב איר האָט אַ ווייב, און דאָס ווייב האָט נערוון, און איר פאָרט מיט איר אין די וואַרעמבעדער, זאָל אייך גאָט צושיקן אַ מומע נחמה פון אַצעלעס, וועט איר געזונט זיין און אויסגעלייזט ווערן, אם ירצה השם, פון אַ סך צרות און אומגליקן, וואָס אַ באַווייבטער מענטש קאָן אויף זיך האָבן.

## ז.

(אַ בהלה אין ווין. — אַן אומגליק מיט דער שפּראַך. — נישטאָ וואָס צו עסן.)

ביז ווין האָבן מיר זיך אַלע געהאַלטן איינס, אָפּגערעדט, מיר זאָלן אַלע פֿאַרפֿאָרן אַף איין סטאַנציע, אַלע גיין צו איין פּראָפֿעסאָר — הכלל, אומעטום אינאיינעם. נאָר פֿון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס מיר זײַנען געקומען קיין ווין, איז געקומען אַף אונדז אַלעמען אַ טומל, אַ לויפֿעניש מיט אַן אויסכאַפּעניש. דער ערשטער אומגליק האָט זיך גענומען פֿון די ווינער אַרטעלשטשיקעס, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אונדז, ווי די מלאכי־חבלה, עפּעס גערעדט צו אונדז מיט אַ מאָדנעם לשון, נישט גע־קוקט אין די אויגן אַרײַן, געכאַפּט אונדזער באַגאַזש אונטער די הענט און אַ זאָג געטאָן:

— געפּעק! געפּעק!

וואָס געפּעק? ווער געפּעק? — ווייס איך נישט. מײַן חיה־עטל וויל זיי אײַנהאַלטן, קוקט אַף מיר, ווי איינער רעדט: „וואָס שווייגסטו?” נאָר די מלאכי־חבלה הערן אונדז ביידן, ווי המן דעם גראַגער; זיי האָבן פֿאַרנומען אונדזערע פּעקלעך און מאַרש, איך ווייס אַליין נישט וווהין, און מיר נאָך זיי.

— וואָס לאָזטו זיי? — שרײַט צו מיר מײַן חיה־עטל און לויפֿט מיט מיר אינאיינעם נאָך די מלאכי־חבלה. — פּאַר וואָס פֿרעגסטו זיי כאָטש נישט, וווהין טראָגן זיי אונדזערע זאַכן? דו קאָנסט דאָך מיט זיי רײדן אַף דײַטש!

— מסתמא אַפֿן וואָקזאַל, — זאָג איך, — וואָס האָסטו מורא?

— אַזוי? וואָס איך האָב מורא? ס׳איז דיר דאָס אַנדערע קוישל מיטן צירונג? — און מײַן חיה־עטל איז שוין פֿאַרטיק מיר אָפּשפּילן אַ וויוואַט, ווי איך בין ווערט. ערשט מיר דערזעען די מומע נחמה פֿון אַצעלעם ליגן אַף דער ערד אויסגעצויגן און פֿאַרשפּרייט ביידע הענט אַף אירע פּעקלעך, ווי אַ געטרײַע מוטער, וואָס באַשיצט אירע קינדער, אָדער ווי אַן אָדלער, וואָס מע וויל בײַ אים אַוועקרויבן זײַנע קליינע אָדלערלעך. איינער פֿון די מלאכה־חבלה שטייט איבער איר און וויל נעמען טראָגן די זאַכן, לאָזט זי אים נישט און שרײַט אַף אַ קול:

— טשעפּעט נישט די וועשטשעס, איך וועל מיר אַ מעשה אָנטאָן!

אַזוי קאַמיש און לוסטיק האָט אויסגעזען די דאָזיקע סצענע, אַז מיר האָבן זיך ביידע נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָבן זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

— מומעניו, גאָט איז מיט אייַך! — מאַכט צו איר חיה־עטל — וואָס האָט איר מורא? אָט טראָגט מען דאָך אונדזערע וועשטשעס אויך, און מיר האָבן קיין מורא נישט...

בתוך כך האָבן מיר אין דער בהלה פאַרלוירן די יעקאַטערינאָסלאַווער דאַמע מיט דער טאָכטער און מיט דער שוועסטער, און אַ דאַנק גאָט, וואָס מיר האָבן זיך כאָטש געהאַלטן אין דרייַען מיט דער מומע נחמה, וואָס האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן מייַן חיה־עטלען באַם קליידל, נישט אָפּגעלאָזט זי אַף קיין טריט, און חיה־עטל האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן מיר, און אַזוי זייַנען מיר געווען אַלע דרייַ שוין נישט צעשיידט.

אויסגעגרוזעט מיט גרויסע צרות דעם באַגאַזש, דערציילט מיר איינער פון די מלאכי־חבלה, אַ רויטער דייַטש מיט אַ ווייַסן פאַרטעך, עפּעס אַ גאַנצע מעשה אַף זייַן געמוטשעט לשון, וואָס מע פאַרשטייט נישט אַ וואָרט, מחמת ער רעדט נישט מיטן מויל, נאָר מיטן האַלדז, און מיט אַזאַ מהירות, קוים וואָס מע כאַפּט מיטן אויער. איינציקע ווערטער נאָר האָב איך געכאַפּט: „האָטעל"... „פערד"... „וואַגן"...

— וואָס וויל ער, כ'וועל מיר אַ מעשה אָנטאָן!? — מאַכט די מומע נחמה צו חיה־עטלען.

— פרעג אים, וואָס וויל ער? — מאַכט צו מיר מייַן חיה־עטל.

— פרעג אים אַף דייַטש: וואָס זאָגט ער?

— ער פרעגט, — זאָג איך — ווי אַזוי מיר ווילן פאָרן אין שטאָט אַרייַן? צי מיט פערד, צי מיטן טראַמווייַ?

— מיט סוסים! — מאַכט צו אים די מומע נחמה, און אַף מיר און אַף חיה־עטלען פאַלט אָן אַ געלעכטער.

— גענוג שוין לאַכן! — זאָגט צו מיר חיה־עטל, — זאָג אים אַף דייַטש, אַז מיר ברויכן אַן איזוואָשטשיק.

— פיואיט! — מאַך איך צו אים און טו אַ פייַף און ווי אַ שמייַס מיט דער בייַטש, ער זאָל מיך פאַרשטיין. און שטעלט אייַך פאָר, אַז ער האָט מיך באַלד פאַרשטאַנען!

— יאָ וואָהל! — מאַכט ער צו מיר, און אין צוויי מינוט אַרום זיצן מיר שוין אַלע דרײַ אין אַ גרויסאַרטיקן פּאַיעטאָן מיט אָזעלכע געזונטע סוסים, וואָס באַ אונדז זעט מען דאָס גאָרנישט. אויך דעם באַגאַזש האָט ער אונדז אַרויפגעפּעקלט, דער רויטער דײַטש מיט די געזונטע פּלייצעס. איך רוק אים אַרײַן אין יד אַרײַן אַ שיינע מטבע, כאַפּט ער אַראָפּ דאָס היטל און דאַנקט אונדז אָן אַ פולן קאָפּ. דער קוטשער פון די סוסים, אַ גאַנצער דײַטש מיט אַ לולקע־ציבעק, נעמט זיך פּאַוואָלינקע אַראָפּ פון די פערד די קאָלדרעס (דאָ גייען אַלע פּערד צוגעדעקט מיט קאָלדרעס, זיי זאָלן זיך, חלילה, נישט צוקילן), זעצט זיך אַנידער און דרייט־אויס צו אונדז דעם קאָפּ און לאָזט אַרויס אויך פונעם האַלדז, נישט פונעם מויל (אַזוי ריידן זיי דאָ אַלע), עפּעס אַ מינים ווערטער מיט אַ ניגון, וואָס ס'איז שווער צו פאַרשטיין.

— וואָס וויל ער? — מאַכט די מומע נחמה צו חיה־עטלען.

— פרעג אים וואָס ער וויל? — מאַכט חיה־עטל צו מיר.

— וואָס איז, דײַטש? וואָס ווילסטו? — מאַך איך צו אים, מער מיט די הענט, געוויינלעך, און די מומע נחמה העלפט מיר אונטער:

— מכח אַן אכסניא פרעגט איר?

— האָדיעט שוין, מומעניו! — זאָגט צו איר מײַן חיה־עטל. — דײַטש — לאָזט אים! מײַן מאַן וועט אים שוין זאָגן אַף דײַטש.

מײַן חיה־עטלס ווערטער גיבן מיר צו אַזוי פיל קוראַזש, אַז איך הייב שוין אָן צו ריידן אַף צוויי לשונות מיט אַ מאָל — אַף דײַטש און אַף פראַנצויז:

— גראַנד האָטעל בעסטע קוואַליטעט פראַנטע מאַאַשיקאַ! — און בשעת מעשה טו איך אים אַ קנאַק מיט דער צונג. פאַרשטייט ער מיך, דער דײַטש, און רופט זיך אָן צו מיר:

— יאָ וואָהל! יאָ וואָהל!

און עס געדויערט נישט לאַנג, פירט ער אונדז צו צו זייער אַ גרויס־אַרטיק הויז מיט שפּיגלדיקע פענצטער, און עס לויפן־אַרויס אַקעגן אונדז נײַע מלאכי־חבלה מיט שוואַרצע פרעק, און מע כאַפּט אונדז אונטער די הענט און מע פירט אונדז גלײַך אַרויף, און עס קומט אונדז אַקעגן איי־נער מיט צוויי באַקנבערד, איך וואָלט געמעגט שווערן — אַ גראַף, אַ

מאגנאט. צום סוף איז דאָס אַ שווייצאַר. כאַפּט אַראָפּ דאָס היטל און טראָגט אונדז אָקעגן זייער אַ שיינעם גוט־מאָרגן.

— פיל צימער ווינטשען זיע? — מאַכט ער צו די דאַמען.

— וואָס ווינטשט ער אונדז, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטאָן?

— זאָגט די מומע נחמה, און מיר ביידע לאַכן.

— ער פרעגט, וויפל נומערן, — זאָג איך.

זאָג אים אויף דײַטש, אַז צוויי — מאַכט צו מיר חיה־עטל, און איך באַווײַז אים אויף דײַטש צוויי פינגער און לייג אים צו אויף פראַנצויזיש:

— פראַנטע מאַאשיקאַ באָנזשור!

— יאַ וואָהל! — מאַכט ער צו מיר, — אם ערשטען שטאָק! — און פירט אונדז אַרײַן אין גרויסאַרטיקע חדרים.

— ווי טײַער איז באַ אײַך — זאָגט די מומע נחמה — אַ מעטלעת?

שטייט ער, דער דײַטש, און קוקט אויף איר, ווי אַ זינדיקער מענטש; ער הייבט נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס מע רעדט צו אים, און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכעלע זיס, ווי צוקער:

— פילײַכט וואָלען מיר בעסער דײַטש שפּרעכען?

— זאָג אים אויף דײַטש, — רופט זיך אָן צו מיר מײַן חיה־עטל. און איך מאַך צו אים מיט די הענט, ווי איינער רעדט: מה יקר? פאַרשטייט ער מיך נישט און פינטלט מיט די אויגן... אַן אומגליק מיט זייער שפּראַך! באַ אונדז רעדט מען אויך דײַטש, נאָר ס'איז גאָרנישט דאָס דײַטש, וואָס באַ זיי. איך באַגעגן מיך אַמאָל באַ אונדז אין יעהופּעץ מיט דײַטשן, איך מאַך מיט זיי געשעפטן. איך רייד מיט זיי האַלב יידיש, האַלב דײַטש, מיר פאַרשטייען איינס דאָס אַנדערע. דאָ זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! אַלע ציין קאָן מען זיך אויסברעכן.

דאָס איז אָבער נאָר די ערשטע צײַט. וואָס ווײַטער ווערן מיר אַלץ מער געוווינט מיט דער שפּראַך, און מיר הייבן אָן פאַרשטיין איינס דאָס אַנדערע מיטן קוק! אויפן אַנדערן טאָג איז שוין מײַן חיה־עטל אַליין געגאַנגען מיט דער מומע נחמה אין די קלייטן, און זיי האָבן שוין אײַנגעהאַנדלט סחורה, און מע האָט זיי שוין אָפּגענאַרט, ווי די אמתע בראָדער סוחרים.

— געפעלט דיר, חיה־עטל, די שטאָט ווין? — זאָג איך צו מײַן ווײַב נאָכדעם, אַז מיר האָבן זיך שוין אײַנגעוואַשן און איבערגעטאָן פֿון וועג און אָפּגעטרונקען טיי און אָנגעקוקט די שטאָט ווין.

— אָנצינדן לאָז זי זיך דיר אָפּן פֿײַער! — זאָגט חיה־עטל. — אין אַזאַ גרויסער שטאָט זאָל נישט זײַן וווּ צו עסן!

וואָס־זשע איז די מעשה? מיר זײַנען געגאַנגען זוכן אַ יִדישן רעסטאָראַן, האָבן מיר זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטאָט אַ שעה זעקס און נישט געקאָנט געפֿינען. ווען מיר האָבן געפֿרעגט, איז אָדער מע האָט אונדז נישט פֿאַרשטאַנען, אָדער מיר האָבן יענעם נישט פֿאַרשטאַנען... אָט ווײַזט ער אָן, דאַכט זיך, זייער גוט: רעכטס! לינקס! פֿאָרווערטס!... און קומסט צו עפּעס, לאָזט זיך אויס, אַז עס הייבט זיך גאָרנישט אָן... האָבן מיר דעם ערשטן טאָג טאַקע געגעסן מכּות, געלעבט מיט קאַווע און מיט לייזע אייער און מיט ווינער פּוטערגעבעקס־לעך, וואָס צעגייען זיך אין מויל, ווי שניי אויף דער זון.

ערשט אויפֿן צווייטן טאָג האָבן מיר דערטאַפּט אַ יִדישן רעסטאָראַן מיטן נאָמען „כּשר". און נאָך וואָס פֿאַר אַ מין כּשר! כּשר צו כּשר איז נישט גלײַך! דער רעסטאָראַטאָר, כאָטש ער „שפּרעכט דײַטש", נאָר ער גייט מיט אַ יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ, און צום עסן וואַשט מען זיך, און די געסט גייען־צו איינס צום אַנדערן און מע גיט זיך אָפּ שלום און מע פֿרעגט זיך אויס, פֿון וואַנען פֿאָרט אַ ייִד? און וווּהין? און וואָס? און ווען? און אויב געשעפֿט, איז צוליב וואָס פֿאַר אַ געשעפֿט? און אויב צום דאָקטער, איז צו וואָסער דאָקטער? — מיט איינעם וואָרט, גאַנץ יִדישלעך, פּונקט ווי אין וואַרשע.

ז.

(צווישן יִדן ווערט מען נישט פֿאַרפֿאַלן. — אַן עצה פֿון אַ רעסטאָראַטאָר. — אַ קאָמיסיאָנער פֿון לאַמפּנגלעזער אונטערזוכט מײַנע דאַמען.)

„צווישן יִדן, זאָגט די וועלט, ווערט מען נישט פֿאַרפֿאַלן"... זאָלט איר טאַקע וויסן, אַז ס'איז אמת. וואָס וואָלטן מיר געטאָן, למשל, ווען

מיר שלאָגן זיך נישט צו צו קיין ייִדישן רעסטאָראַן, וווּ דער רעסטאָ־ראַטאָר אַליין איז אַזוי פּריינטלעך און שלאָגט זיך אָן מיט זיינע עצות, צו וואָסער דאָקטער מיר זאָלן גיין? ווערליק די דייטשן מיט זייער שטומ־פּיקער שווערער שפּראַך, וואָלטן מיר זיך אַרומגעדרייט אין ווין ימים ושנים. וואָס גייט דאָס אָן, אַשטייגער, דעם שווייצאַר פון האָטעל, וואָס מיר טוען אין ווין? פון זיינעטוועגן וואָלטן מיר געמעגט דאָרט האַלטן ראָש־השנה, און אפילו די אַנדערע טעג סוכות, אַבי מיר זאָלן שטיין באַ אים אין זיין גרויסאַרטיקן האָטעל, טרינקען די שיינע טיי, וואָס מע דערלאַנגט אונדז פונעם קעסל, און צאָלן אים פאַר איטלעכן טרונק וואַסער און פאַר דער מאַשינע, וואָס מע הייבט אונדז אויף און מע לאָזט אונדז אַראָפּ צוואַנציק מאָל אַ טאָג, וואָס מיין חיה־עטל איז דער־פון ווינציק־וואָס צופרידן. זי זאָגט, אַז עס דרייט זיך איר דער קאָפּ אָף צו חלשן. און די מומע נחמה פון אַצעלעס האָט דאָס ערשטע מאָל דערפון אַזוי זיך צעשריִען, אַז מיר זיינען געווען שטאַרקער פון אייזן, אַז מיר האָבן נישט געפּלאַצט פאַר געלעכטער!

נישט אַזוי איז אָבער צווישן ייִדן; דער בעל־הבית פון דער ייִדי־שער רעסטאָראַציע האָט אונדז באַלד גענומען אָפּן צימבל: ווער זיינען מיר? פון וואַנען? ווהין פאָרן מיר? וואָס איז אונדזער שלאַפקייט? און צו וואָסער פּראָפעסאָר דאַרפן מיר? דערהערט, אַז מיר פאָרן אין די וואַרעמבעדער, און אָנגעשמעקט, אַז ס'איז פאַראַן געלט, האָט ער אונדז אַנידערגעלייגט אַ צעטל, אַז מיר מוזן זיך פריִער זען מיטן פּראָפעסאָר, וואָרעם מיר קאָנען ווערן אומגליקלעך, טאָמער חלילה פאָרן מיר אין די וואַרעמבעדער אָן אַ פּראָפעסאָר! בלייבט די קשיא: וואָסער פּראָפעסאָר? — דאָס קאָן אונדז זאָגן נאָר דער דאָקטער. און וואָסער דאָקטער? — דאָס קאָן אונדז זאָגן נאָר דער שוואָגער זיינער; דער שוואָגער זיינער איז אויסגעבונדן מיט אַלע דאָקטוירים. אויב מיר ווילן, זאָלן מיר וואַרטן אָף זיין שוואָגער.

איז דאָך מסתמא מיר די געשיכטע נישט געפעלן.

— אפשר וואָלט געווען אַ סברא, — זאָג איך — מיר זאָלן זיך דורכשלאָגן גלייך צום פּראָפעסאָר? מיר זיינען, חלילה, נישט פון די מסוכנע קראַנקע. מיר זיינען, ברוך השם, געזונטע מענטשן, אייגנטלעך; מיר ווילן נאָר וויסן אין וואָסער באָד מיר זאָלן פאָרן.

— איר מיינט, אפנים, אז איר זײַט אין רוסלאנד? — מאכט דער רעסטאראטאר, — איר ווילט גיין גלײַך צום פראפעסאר? גייט אײַך גע־זונטערהייט, נאר זעט, איר זאלט קיין חרטה נישט האבן.

— דארפסט עפּעס אנארבעטן א חתונה! — מאכט צו מיר שטילער־הייט מײַן חיה־עטל, און די מומע נחמה האלט זי אונטער:

— וואס וועט דיך ארן, אז מיר וועלן פריִער זײַן באם דאקטער?

בקיצור, ס'איז געבליבן, מיר זאלן זיך זען פריִער מיטן דאקטער, דאס הייסט, מיר זאלן גיין אהיים אוןווארטן, ביז עס וועט קומען צו אונדז דער שוואגער פונעם רעסטאראטאר; נאכדעם וועט אונדז דער שוואגער ברענגען דעם דאקטער, און דער דאקטער וועט אונדז שוין פירן צום פראפעסאר.

געפעלט אײַך נאר, וויפל פּראטעקציעס מע באדארף האבן אין ווין, ביז מע דערשלאגט זיך צו א פראפעסאר!

א גאנצן טאג זײַנען מיר אפגעזעסן אין האטעל און געווארט אפן רעסטאראטארס שוואגער. די זון האט שוין געהאלטן בא זעצן זיך, און מיר זײַנען געזעסן אלע דרײַ בא איין פענצטער און געקוקט אף דער כומעלדיקער שטאט מיט די נארישע דײַטשן, וואס דרייען זיך ארום הין און צוריק אלע אין צילינדערס.. פלוצעם הערן מיר, עמעצער קלאפט אין טיר ארײַן: איינס, צוויי, דרײַ — און עס קומט ארײַן א דײַטש מיט א טענדעוועהענדע, מיט א צילינדער, מיט א גרויסן שטעקן און מיט הענטשקעלעך, און כאטש ס'איז שוין געווען שטאק־נאכט, מאכט ער צו אונדז מיט א ניגון:

— גוטען טאאאאאג!

— אלע בייזע וויסטע חלומות אף מײַנע שונאימס קעפּ! איך וועל מיר נאר א מעשה אנטאן! — רופט זיך אפ די מומע נחמה, און מיר קאנען זיך נישט אײַנהאלטן און שיסן אויס א געלעכטער.

איז דאס דעם דײַטש, אפנים, שטארק נישט געפעלן, ווארעם ער האט זיך שטארק צעבייזערט אף אונדז וואס מיר לאכן און געקלאפט מיטן שטעקן אין טיש ארײַן און אלץ געשריִען:

—אונפארשעמט!... רוסישע שווײַנען!...

אפנים, חזירים הייסט דאס?... ביז איך האב געמוזט אויפשטיין

און צוגיין צו אים און געבן אים צו פארשטיין, אז נישט פון אים לאכן מיר, נאָר פון דער מומע נחמה.

— זי איז פארריקט? — מאַכט ער צו מיר און גיט מיר צו פאַר־שטיין אַף יידיש, אַז דאָס הייסט משוגע. פונעם וואָרט „משוגע" פאַר־שטייען מיר, אַז ער איז אַ ייִד, און איך ווער געוואָר, אַז ער איז דעם רעסטאָראַטאָרס שוואָגער, און ס'איז גאָר אַ סברא, אַז ער קאָן ריידן אַף אונדזער לשון. און עס ווערט אַף אונדז אַלעמען אַ שמחה. גיך ווערט באַשאַפן טיי (פונעם קעסל, געוויינטלעך), און מיר טרעטן־צו צו אונד־זער געשעפט.

— אַלזאָ, וואָס איז אייער שלאַפקייט? — צעפרעגט ער זיך בא אונדז.

וואָס קאָנען מיר אים זאָגן דערויף, אַז אייגנטלעך ווייסן מיר אַליין נישט? איך פרווו אים געפינען אַ תירוץ, אַז אים קאָנען מיר נישט זאָגן, מיר קאָנען דאָס זאָגן נאָר דעם פּראָפעסאָר אַליין; לאָזט ער זיך נישט איינריידן און זאָגט, אַז פּראָפעסאָרן זיינען פאַראַן אין ווין וויפל שטערן אין הימל (קיין עין־הרע נישט!), און אַף איטלעכער שלאַפקייט איז פאַראַן אַ באַזונדערער פּראָפעסאָר. „וואָס טוט מען? — קלער איך מיר. — וואָס פאַר אַ שלאַפקייט זאָל איך אים אויסטראַכטן?" בין איך מיך מיישב און דריי זיך אויס, ווי אַף אַ טעלער, און זאָג אים דעם ריי־נעם ריכטיקן אמת, אַז איך בין געזונט און שטאַרק אַף אַלע אברים, און די שלאַפע זיינען זיי. איך ווייז אים אָן אַף מיין חיה־עטלען מיט דער מומע נחמה און לאָז אוים אַף דייטש:

— האָבן זיי פאַרשטאַנד?

— זייער שיין! — מאַכט ער צו מיר מיט אַ שטרענגן קוק און רופט זיך אָן צו מיינע דאַמען: — זאָגט־זשע מיר, איך בעט אייך זייער, וואָס פעלט אייך, אייגנטלעך?

— אוי, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטאָן, לאָז ער ארויסגיין!

— מאַכט די מומע נחמה צו מיין חיה־עטלען, און מע משלחט מיך ארוים אין קאָרידאָר ארוים אַף עטלעכע מינוט, און אַז איך קום אריין צוריק, ווער איך געוואָר, אַז דער פּראָפעסאָר הייסט רויטנאַגעל און דער דאָקטער הייסט זילבערשטערן.

— און וואָס זייט איר? — פרעג איך אים.

— א קאָמיסיאָנער פון לאַמפּנגלעזער און אבאזשורן — מאַכט ער גאַנץ קאַלטבלוטיק.

— וואָס סע האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר! איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטאָן! — זאָגט די מומע נחמה און טוט אַ פּלעסק מיט די הענט, און מײַן חיה־עטל ווערט רויט ווי פײַער, און אויף מיר פאַלט אָן אַ פרישער געלעכטער, און בכדי דער קאָמיסיאָנער פון לאַמפּנגלעזער און אבאַ־זשורן זאָל זיך נישט געפינען באַליידיקט, געפין איך אַ תירוץ און זאָג, אַז איך האָב מיך דערמאָנט אַ מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפן בײַ אונדז אין יעהופּעץ נאָך פאַר־אַ־יאָרן, און איך לאָז אויס ווידער אויף דײַטש:

— האָבען זיי פאַרשטאַנד?

— צי איך האָב פאַרשטאַנד, צי ניין — דאָס איז קיין ספק נישט, נאָר צי איר האָט פאַרשטאַנד — „דאָס איז איינע פראַגע!“ — מאַכט ער צו מיר אויך אויף דײַטש, נעמט די טענדעווערענדע מיטן שטעקן און מיטן צילינדער און גייט אַוועק שטאַרק אָנגעברוגזט, און צווישן אונדז, פּיל איך, ווערט אַ שנאה, שנאת־מות!

## ח.

(דער פּראָפעסאָר רויטנאַגעל וויל אונדז צעשיידן. — מיר צעקריגן זיך מיט ווין. — די מומע נחמה ווײַזט זיך אַרויס, ווער זי איז.)

גרינגער איז בײַ אונדז אַרײַנגעבן אַ קינד אין גימנאַזיע אָדער אַרויסנעמען פונעם פּריזיוו, ווי זען זיך אין ווין מיטן פּראָפעסאָר רויטנאַגעל. פריִער האָט אונדז דער דאָקטער זילבערשטערן געטאָן טובות, געגעבן עצות, געשריבן רעצעפּטן, אי דאָס — צוליב דעם קאָ־מיסיאָנער פון די לאַמפּנגלעזער און אבאַזשורן, וואָס האָט אונדז געטאָן צוליב זײַן שוואָגער דעם רעסטאָראַטאָר; און ערשט אויפן דריטן טאָג האָבן מיר זיך דערשלאָגן צום פּראָפעסאָר רויטנאַגעל, וואָס איז געווען אַזוי פרײַנטלעך און האָט אונדז צוגענומען איטלעכן באַזונדער און האָט

אונדז פֿאַרשריבן איטלעכן אַן אַנדער באָד. מײַן חיה־עטלען האָט ער אָפּגעשיקט קיין פֿראַנצענסבאַד, די מומע נחמה — קיין מאַריענבאַד, און מיך — קיין קאַרלסבאַד.

אַרוים פֿונעם פּראָפֿעסאָר רויטנאַגעל, זײַנען מיר געבליבן שטיין אַלע דרײַ, געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע און ווערטער, ווי איינער רעדט: „וואָס טוט מען איצטער?" און ס'איז געבליבן, מיר זאָלן זיך אַן עצה האַלטן מיטן דאָקטער זילבערשטערן. און אַזוי ווי דער דאָקטער זילבערשטערן נעמט איצטער נישט צו, באַדאַרף מען אָנקומען צום קאָמיסיאָנער פֿון לאָמפּענגלעזער און אַבאַזשורן. נאָר אַזוי ווי מיר ווייסן ניט, ווו ער זיצט, איז געבליבן, מיר זאָלן זיך דורכגיין צום רעסטאָראַטאָר.

— נו, וואָס הערט זיך? — מאַכט ער צו אונדז.

— וואָס זאָל זיך הערן? — זאָגן מיר, — אײַער שוואָגער האָט אונדז געקוילעט, אַלע דרײַ געקוילעט!

און מיר האָבן אים דערציילט, אַז דער פּראָפֿעסאָר האָט אונדז געשיקט איטלעכן באַזונדער אין אַן אַנדער באָד.

— דאָס איז גאָר? נו, וואָס־זשע איז? — זאָגט זיך דער רעסטאָראַטאָר גאַנץ קאַלטבלוטיק.

— אַ חכם איר זײַט! — מאַכט צו אים חיה־עטל — דערויף בין איך געקומען אַהער מיט מײַן מאַן, מע זאָל אונדז צעשיידן, מיך קיין ליסי, אים קיין סטריסי!

— באַרוהיקן זי זיך, מאַדאַם! — מאַכט ער צו איר, — פֿון פֿראַנצענסבאַד קיין קאַרלסבאַד איז גאָר נישט אַזאַ ווײַטע שטרעקע; צוויי־דרײַ שטונדן רײַזע, נישט מער. ווילט איר, פֿאָרט איר זיך דורך צו אײַער מאַן; ווילט איר, פֿאָרט זיך דורך אײַער מאַן צו אײַך.

—אַ דאַנק אײַך פֿאַר דער עצה! — זאָגט צו אים חיה־עטל שוין מיט כעס — איר זאָלט דערלעבן אָנזאָגן בעסערע בשורות און געבן קליגערע עצות.

— דאָרט אין קיך, בײַ די לאָקשן! — לייגט־צו אַ קנויטל די מומע נחמה. און דער רעסטאָראַטאָר איז זי מכבד און זאָגט צו איר, אַז „מיט מאַרק־ווײַבער איז ער קיין מחותן נישט"... פֿאַרדריסט דאָס מײַן חיה־עטלען, און זי זאָגט צו אים, אַז די דאָזיקע מאַרק־ייִדינע איז אירע אַן אייגענע מומע און קומט אַרוים פֿון אַ סך אַ שענערן יחוס, ווי ער מיט

זיין רעסטאָראַן, און אפילו מיט דעם שיינעם שוואָגער זיינעם, וואָס טראָגט אַרום לאָמפּנגלעזלעך מיט אבאזשורן איבער די הייזער אַף צו פּאַרקויפן...

— קום! — זאָגט זי צו מיר, — לאָמיר בעסער עסן לייזע אייער, איידער זיך באַגעגענען מיט אַזעלכע גראָבע לייט, וואָס ריידן כלומרשט אַף דייטש און נאַרן אויס אונדזערע רוסישע קערבלעך.

די גאַנצע צייט, וואָס מיין חיה־עטל האָט אים געזידלט, האָט אים נישט געאַרט; נאָר די לעצטע ווערטער „רוסישע קערבלעך" האָבן אים אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ העליש פייער, אָנגעפאַלן אַף אונדז, ווי אַ ווילדע חיה, געוואָלט גרייט אונדז דורס צו זיין. וואָס טויג אייך, מיר זיינען פונעם רעסטאָראַן קוים אַרויס מיטן לעבן, און מע האָט אונדז אַרויסבאַגלייט שיין, מיט כבוד, נאָכגעשריִען אַף דער גאַס און געמאַכט מיט קולאַקעס: — „רוסישע שווייַנען! רוסישע שווייַנען!"

נאָר דאָס בעסטע האָבן מיר געהאַט דערנאָך, שפּעטער, אינעם האָמעל. דאָרט האָבן מיר געהאַט אַ פאַרבייסונג פונעם שוואָגער זיינעם. דער קאָמיסיאָנער פון לאָמפּנגלעזער און אבאזשורן האָט אָנגעקלאַפּט צו אונדז אין דער טיר אַריין, אַריינגעקומען מיט נאָך איינעם אַ דייטש, אויך מיט אַ צילינדער, נאָר אָן אַ טענדעווערענדע, און האָט אונדז געפרעגט: „אַף וואָס פאַר אַן אופן האָבן מיר זיך דערלויבט אים צו באַליידיקן הינטער די אויגן?"... בשעת מעשה האָט ער געקלאַפּט מיטן שטעקן אין טיש אַריין און איז געוואָרן אַזוי רויט, אַז איך האָב מיך דערשראָקן, אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר קלעפּ, אַ קשיא אַף אַ מעשה: וואָס אַ דייטש קאָן באַ זיך אין ווין?

נישט אַזוי האָט אָבער באַקלערט די זאַך די מומע נחמה פון אָצעלעם. זי האָט זיך, אַפּנים, ווינציק־וואָס איבערגעשראָקן פאַרן דאָזיקן דייטש. האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פונעם אָרט און איז צוגעשפּרונגען צו אים גלייך אין פּנים אַריין, זיך גענומען מיט ביידע הענט באַ די זייטן און האָט אים אויסגעלומרט אַ צעטל, און דווקא אַף פּראָסט יידיש:

— הער נאָר אויס, דו קירע־דייטש, דו שוטה בן פּיקהאָלף, דו לאָמפּנגלאָז, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטאָן! דו מיינסט דאָך אוודאי, אַז מע האָט זיך דערשראָקן פאַר דיין טענדעווערענדע מיטן

שווארצן קוימען, וואָס דו טראָגסט אַפן קאָפּ? סך הכל האָסטו דאָך בײַ אונדז אויסגענאַרט די עטלעכע פּאָר גילדן אומזיסט און אומנישט, ווי אַ פּראָסטער מאַשעניק! דו מיינסט, מע ווייס נישט, ווער דו ביסט, דו אָפּגעריסענער דלפון, דו נאַקעטער כתריליק? גייסט נישט אַוועק? אָט פּאַר איך אַרײַן צו דיר אין פּנים אַרײַן און פּליק דיר אויס דאָס בערדל עד פּרוטה אחת, פּאַרשטייסטו מיך, וואָרעם איך האָב שוין אָפּ מײַן לעבן געפּאַטשט אַזעלכע לײַט, הערסטו, וואָס דו ווערסט זיך בײַ זיי באַהאַלטן אין קעשענע! וואָס זאָגט איר, איך בעט אײַך, אָפּ דעם משוגענעם דײַטש מיט דעם לאָקשן־טאָפּ, איך וועל מיר נאָר אַ מעשה אָנטאָן?!... פּאָלג מיך, נעם דעם וועג, וועסטו בעסער מאַכן!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך ווייס נישט, צי ער האָט זיך טאַקע איבערגעשראָקן פֿאַר דער מומע נחמה, וועלכע האָט אויסגעזען אין דער מינוט, ווי אַ צערייצטע פּאָלאָשעטע הון, וואָס איז גרייט אויסגראַבלען אײַך די אויגן, צי ער האָט גלאַט נישט געוואָלט האָבן צו טאָן אין ווין מיט אַ ייִדענע פֿון אַזעלעם — מײַן דײַטש מיט דער טענדעווערענדיע האָט גענומען דעם צילינדער אין די הענט און די פּיס אויף די פּלייצעס און האָט געמאַכט פּליטה גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן, אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און אויף יענער זײַט שוועל געבענטשט אונדז מיטן געוויסן נאָמען „רוסישע שווײַנען", וואָס מיר זײַנען צו דעם שוין אַזוי צוגעוווינט געוואָרן, אַשטייגער, ווי מיר זײַנען געוווינט צו אַ „גוט מאָרגן, גוט יאָר".

פֿון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן פֿאַר דער מומע נחמה פֿון אַזעלעם האָבן דרך־ארץ. זי איז בײַ אונדז ביידן געוואָרן אין די אויגן העכער מיט ניין־און־נײַנציק פּראָצענט, און ס'איז בײַ אונדז געבליבן, מיר זאָלן זיך מיט איר אונטערוועגנס שוין טאַקע מער נישט צעשיידן.

געשריבן אין יאָר 1903

# מאַריענבאַד

ניש קיין ראָמאַן, נאָר אַ פֿאַרפּלאָנטעניש צווישן צוויי שטעט: וואַרשע און מאַריענבאַד, דורך 36 בריוולעך, 14 ליבעצעטלעך און 46 דעפּעשן.

## 1.

(בעלצע קורלענדער פון בערלין צו איר מאַן שלמה קורלענדער אַף די נאַלעווקעס אין וואַרשע.)

לבעלי היקר מוהר״ר שלמה נ״י.

איך קום דיר צו מעלדן, אַז דערווײַל בין איך נאָך אין בערלין און וועל ערשט קאָנען אַרויספאָרן קיין מאַריענבאַד הלוואי נאָך שבת. איך דאַרף מיך פאַר דיר נישט פאַרענטפערן, נאָר דו קאָנסט מיר גלייבן, אַז איך בין כלל נישט שולדיק, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך זאָל מיך פאַרהאַלטן אין בערלין אַ גאַנצע וואָך צײַט. אַז דו וועסט אויסהערן ביזן סוף אַלצדינג, וואָס איך האָב דאָ איבערגעטראָגן, וועסטו אַליין זאָגן, אַז מע קאָן נישט אויסרעכענען אַ זאַך אַף צופריער. „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט״. אַזוי איז די מעשה:

איך האָב גערעכנט צו פאַרברענגען אין בערלין מער נישט, אַז איין טאָג, העכסטנס — צוויי. וואָרעם וואָס דאַרף געדויערן זײַן באַם פּראָפעסאָר? וואָלט געווען גוט, ווען איך ברענג אַראָפּ דעם פּראָפעסאָר צו זיך. האָב איך מיר אָבער איבערגעלייגט: צו וואָס זאָל איך דיר אויסברענגען איבעריקע דרײַסיק מאַרק, וואָס קאָנען צונויץ קומען אַף עפּעס אַנדערש? איך הער אַזוי אויך אָפּטמאָל פון דיר, אַז עס גייט אַוועק אַ סך געלט, און די צײַט, זאָגסטו, איז איצט אויך נישט אין בעסטן, און נאָך כדומה

אַזעלכע אָנצוהערענישן הער איך פֿון דיר... און מחמת דעריבער האָב איך שוין נישט געוואָלט פֿאַרפֿאָרן אין יענעם האָטעל אױף דער פֿרידריכשטראַסע, וואָס מײַן קרובה חוהלע האָט מיר געהאַט אױפֿגעשריבן. ווי קאָן איך מיך גלײַכן צו חוהלע טשאַפּניק? חוהלע מעג אױסברענגען וויפֿל זי וויל, וועט איר קײנער נישט זאָגן, וואָרום חוהלע איז נישט דאָס צווייטע ווײַב בײַ איר מאַן, אַזוי ווי איך, און איר מאַן האָט נישט קײן קינדער פֿונעם ערשטן ווײַב, אַזוי ווי מײַן מאַן, און בערל טשאַפּניק ציטערט נישט אַזוי איבערן גראָשן, ווי דו, און האָט נישט מורא בלײַבן אַן אָרעמאַן אױף דער עלטער, ווי דו האָסט מורא. איך מײן נישט, חלילה, קײן זאַך, איך זאָג עס גאַנץ ערנסט, אַז איך וויל דיר נישט אױסברענגען קײן איבעריקס, און מחמת דעריבער האָב איך מיך אָפּגעשטעלט דאָרט, וווּ אַלע אונדזערע נאָלעוווקער שטעלן זיך אָפּ, בײַ דער פֿערעלצווײַג. דאָס איז אַ ייִדענע אַן אַלמנה, זײער אַ וווילע בעל־הביתטע און אַן ערלעכע, קאָכט אױסגעצײכנט און נעמט נישט טײַער, און ס׳איז נישט ווײַט פֿון אומעטום. פֿאַר צען פֿעניג ביסטו אױף דער לײַפּציגער שטראַסע, בײַ ווערטהײמערן. און ווי איז דאָס מעגלעך זײַן אין בערלין און נישט אַרײַנגײן אױף אַ מינוט צו ווערטהײמערן? דו זאָלסט זײַן אײן מאָל בײַ ווערטהײמערן, וואָלסטו אַלײן געזאָגט, אַז ס׳איז אומעגלעך. דעם נאָמען ווערטהײמער האָב איך געהערט נאָך אין וואַרשע. נאָר כ׳האָב מיר קײנמאָל ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז ס׳קאָן זײַן אױף דער וועלט אַזאַ מין געוועלב. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, בעלי היקר? עס לאָזט זיך גאָרנישט באַשרײַבן! וואָס אַן אױג קאָן זען און וואָס אַ מויל קאָן רײדן! און מענטשן — אַ שפּילקע נישט דורכצוּוואַרפֿן! און אַלצדינג בזיל הזול, פּונקט די העלפֿט קעגן די מקחים, וואָס בײַ אונדז אױף די נאַלעווקעס. שטעל דיר פֿאָר: צוויי מאַרק אַ טוץ נאָזטיכלעך! אָדער פֿאַר אַכט און נײַנציק פֿעניג אַ פּאָר זאָקן זײַדענע, וואָס דו וועסט זײ נישט קויפֿן בײַ אונדז פֿאַר קײן רובל מיט צוואַנציק. צי, אַשטײגער, פֿאַר אַכט און זעכציק פֿעניג אַ וואַנטזײגער — נו, קאָן מען לעבן? איך רעכן, אַז גאָט וועט העלפֿן, איך וועל פֿאָרן צוריק אַהײם געזונטערהײט, זאָל איך פֿאָרן ווידער איבער בערלין, נישט איבער ווין, — ווין איז, זאָגט מען, אַ העק, אַ פּוסטקע אַקעגן בערלין — און ערשט דעמאָלט זיך אַרײַנכאַפּן צו ווערטהײמערן און מיט אַ רײנעם קאָפּ זיך אַ נעם טאָן אײַנקויפֿן אין בעל־הבתישקײט אַרײַן אַלצדינג, וואָס מע דאַרף: אַביסל גלאָזוואַרג און

אַביסל פּאַיאַנס און אַנדערע שטוב־זאַכן. הײַנט זײַדנשטאָף און מעבל און פּערפומען. פֿאַר דער גרענעץ זאָלסטו קיין יסורים נישט האָבן. איך וועל מיר שוין מסתמא אַן עצה געבן. חוהלע טשאַפּניק פּירט־אַריבער אַלע יאָר גאַנצע קאַסטנס. דערווײַל האָב איך מיר נאָך כמעט גאָרנישט געקויפט, אויסער אַביסל וועש, אַ פּאָר זומערדיקע שיך, נאָך אַ היטעלע, און אַ שלאָפראָק פֿון הוילע סטענגעס, אַ האַלב טוץ אונטערשטע קליידלעך, אַ גרינעם זײַדנשירם, הענטשקעלעך, שפּיצלעך און פּריזלעך מיט נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס איך מוז עס האָבן קיין מאַריענבאַד. און ווײַל איך בין שוין געווען באַ ווערטהיימערן, האָב איך מיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און געהייסן אין אײנוועגס אַרײַנפּאַקן אַ האַלב טוץ טיש־מעכער מיט צוויי טוץ סערוועטלעך מיט אַ מאַשינדל אַף צו שלאָגן פּוטער. איך האָב חרטה, ווי הינט עסן מיך, וואָס איך האָב דיר נישט געפֿאָלגט און נישט מיטגענומען נאָך אַ פּאָר הונדערטער. אַ גרויסע נאַרישקייט פֿון מיר, וואָס איך האָב מיך געוואָלט אויסשפּײַנען פֿאַר דיר, אַז איך בין נישט אַזאַ גרויסע אויסברענגערן, ווי דו מיינסט. אַ סך מער מצווה געווען אין ווערטהיימערן, איידער אינעם דאָקטער, אויסקרענקען זאָל ער דאָס! נאָך אין בערלין האָט מיר געפֿעלט אַ דאָקטער! קאַרג האָבן מיר דאָקטוירים אין וואַרשע! מאָל דיר, די בערלינער דאָקטוירים וואָלטן שוין געמעגט וואַרטן, ביז איך וועל זיי שיקן רופֿן. איז אָבער באַשערט אַן אומגליק, ווערסטו הערן.

איך בין נאָר געקומען צו פֿאָרן אַף דער סטאַנציע, וואָס איך זאָג דיר, באַ דער פֿערעלצווײַג, נאָך נישט צײַט געהאַט זיך אַרומצוואַשן און אָנטאָן, ווי עס געהער צו זײַן, האָט מען מיך שוין אַ נעם געגעבן: וואָס פֿאַר אַ דאָקטער איך וועל מיר הייסן ברענגען? זאָג איך: „ערשטנס, ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז איך דאַרף אַ דאָקטער? זע איך דען אויס אַזוי שלעכט, וואָס מע דערקענט עס אַפֿן פּנים? און צווייטנס, זאָג איך, האָב איך פֿון דער היים אַן אַדרעס צום פּראָפֿעסאָר". רופֿט זיך אָן צו מיר איינער עפּעס אַן אַלטער בחור מיט אַ נאָז, וואָס סע וואַקסט אַף איר ווײַמפּערלעך: „האָט קיין פּאַראיבל נישט, זאָגט ער, מאַדאַם, וואָס איך וועל אײַך זאָגן. אָט ווײַל, זאָגט ער, איר האָט אַן אַדרעס צום פּראָ־פֿעסאָר, מוזט איר זיך פֿריִער זען, זאָגט ער, מיטן דאָקטער. וואָרעם ס'איז אַ גרויסע נפֿקא־מינה, זאָגט ער, פֿון דעם וואָס א י ר וועט זאָגן דעם

פּראָפעסאָר, ביז, זאָגט ער, דער דאָקטער וועט אים, זאָגט ער, זאָגן אַף זײַן דאָקטער־לשון". לאָזט זיך אויס, אַז אָט דער אַלטער בחור מיט דער רויטער נאָז ווײנט טאַקע בײַ אָט דער אַלמנה פּערעלצווײַג, וואָס איך זאָג דיר, און ער איז אַ קאָמיסיאָנער פון דאָקטוירים, דאָס הייסט, ער פאַרנעמט זיך דערמיט, וואָס ער ברענגט־אַראָפּ אַ דאָקטער, אַז מע דאַרף, און דער דאָקטער ברענגט שוין אַראָפּ דעם פּראָפעסאָר, אָדער ער פירט שוין אָפּ צום פּראָפעסאָר אַהיים. גיב איך זײ אָנצוהערעניש, אַז מיך פירט מען נישט. „איך בין נאָך, זאָג איך, גאָט זײ דאַנק, אַף אַזוי פיל קרעפּטיק, אַז איך קאָן נאָך גיין אַ מײַל צו־פוס". רופט זיך אָן צו מיר דער קאָמיסיאָנער מיט די ווײַמפּערלעך: „מאַדאַם! בײַ מיר האָט איר, זאָגט ער, געפּועלט, אַז איר קאָנט גיין דרײַ מײַל צו־פוס. נאָר איך דאַרף אײַך זאָגן פּריִער, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן, זאָגט ער, אײַער טרחה. אַ בערלינער פּראָפעסאָר, זאָגט ער, אַז איר קומט צו אים אַליין אָן אַ דאָקטער, האַלט ער אײַך נישט מער, זאָגט ער, ווי אַ האַלבע מינוט, פּי־פּו־פּאַ, אַ קלאַפּ מיטן פינגער, איינס־צוויי־דרײַ, און — אַראָפּ פון מאַרק. פאַרטיק. און אַז איר קומט, זאָגט ער, מיט אײַער דאָקטער, איז גאָר אַנדערע ווערטער. אַ דאָקטער קאָן ער נישט אָפּזאָגן. אַ דאָקטער מוז ער אויסהערן. האָט איר שוין, זאָגט ער, פאַרשטאַנען, צי נאָך נישט?"...

אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ער האָט מיר אַראָפּגעבראַכט דעם דאָקטער. איז מיר דער דאָקטער אַפילו באַלד נישט געפעלן אין שלייער. ער קוקט נישט אין די אויגן אַרײַן, האָט קיין צײַט נישט, און רעדט מיט אַ קוויטש. האָסט עפּעס ליב אַ דאָקטער, וואָס קוקט נישט אין די אויגן אַרײַן און רעדט מיט אַ קוויטש?

אויסגעפרעגט זיך בײַ מיר, ווער און וואָס און ווען, און גוט באַטראַכט מיך פון אַלע זײַטן, איז ער אַ בעלן געווען, דער קלוגער דאָקטער, מיך אַוועקלייגן אין בעט, איך זאָל אים ליגן ביז מאָרגן. מאָרגן וועט ער מיך, זאָגט ער, נאָך אַ מאָל באַטראַכטן. און ערשט דעמאָלט וועט ער מיר, הייסט עס, זאָגן, צו וואָס פאַר אַ פּראָפעסאָר ער זאָל מיך מעלדן. דערהערט, אַז ער וויל מיך אַוועקלייגן, האָב איך אים אויפגעקלערט, אַז פון אַוועקלייגן מיך זאָל ער פאַרגעסן. איך בין נישט געקומען, זאָג איך, קיין בערלין ליגן. איך דאַרף זײַן, זאָג איך, בײַ ווערט־

היימערן, און דאַרף זײַן בײַ טיטצן, און ווײַל, זאָג איך, זײַן אומעטום. אויב ער וויל, זאָג איך, קומען מאָרגן, מעג ער קומען, נאָר מיך אוועקלייגן אין בעט — דאָס, זאָג איך, וועט נישט גיין!... ער האָט געמיינט, אַז ער האָט אָנגעטראָפֿן אױף אַ יאַכנע פֿון די נאַלעווקיס און וועט בײַ איר ציִען מאַרקן! איך האָב באַלד אַרויסגעזען, אַז ס׳איז נישט קיין דאָקטער, נאָר אַ פּיאַווקע. והראיה, אַט וועסטו הערן, וואָס אַ בלוטצאַפּער קאָן! די האָר שטעלן זיך קאַפּויר!

אױף אין דער פֿרי, איך קום מיט אים צום פּראָפֿעסאָר, לאָזט זיך אויס, אַז ס׳איז גאָרנישט דער פּראָפֿעסאָר, וואָס חוהלע טשאַפּניק האָט מיר פֿאַרשריבן. ס׳איז גאָר אַן אַנדער פּראָפֿעסאָר אױף גאָר אַנדערע שלאָפֿקייטן. דאָס בין איך געוואָר געוואָרן ערשט נאָכדעם, אַז מע האָט מיך גוט אָנגעמוטשעט, און מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון דאָרטן און געזעצט זיך פֿאָרן. האָב איך געמיינט, מיר פֿאָרן אַהיים; צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז מיר פֿאָרן צו נאָך אַ פּראָפֿעסאָר, און ווידער נישט צו דעם פּראָפֿעסאָר, וואָס איך מיין. צו אַ פּראָפֿעסאָר אַן אָקושער האָט ער מיך גאָר געבראַכט צו פֿירן! וועך איך דאָך מסתמא רעכט אויפֿגעבראַכט און הייב אָן צו גוואַלדעווען. ענטפֿערט מיר דער דאָקטער מיט זײַן קווי־טשיק קולכל, אַז איך בין נישט אין וואַרשע אױף די נאַלעווקיס, איך בין אין בערלין, און אַז איך זאָל נישט מאַכן קיין לאַנגע טענות, און אַז ער האָט קיין צײַט נישט, און אַז ער וויים בעסער, צו וואָס פֿאַר אַ פּראָפֿעסאָר איך דאַרף! האָסטו עפּעס צו אים? און אַט אַזוי, ווי איך זאָג דיר, זײַנען מיר אויסגעווען, לאָז זיך דיר דאַכטן, בײַ דרײַ פּראָ־פֿעסאָרן, און אַלע דרײַ פּראָפֿעסאָרן, גלײַך ווי זיי וואָלטן זיך אויפֿ־געריעדט, האָבן געזאָגט אַלע אין איין קול: „מאַריענבאַד!“ — ווי באַלד אַזוי, צו וואָסער אַ כּפּרה האָב איך באַדאַרפֿט די פּראָפֿעסאָרן, און נאָך דרײַ דערצו? מאַריענבאַד האָב איך דאָך געהערט נאָך אין וואַר־שע. קורץ, שולדיק געווען דעם רוח אַ גאַנג — פֿאַרפֿאַלן.

געקומען אַהיים בין איך געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז איך האָב מיך קוים געהאַלטן אױף די פֿיס, און איך האָב מיך שוין, נישט ווילנדיק, געמוזט אַרײַנלייגן אין בעט אַרײַן. מיינסטו דאָך, אַז לאַנג בין איך געלעגן? נישט מער זאָל דער דאָקטער לעבן אױף דער וועלט. עס האָט מיך אין דער גיך געגעבן אַ טראָג־אויף פֿון בעט, גלײַך ווי אַ

דונער וואָלט מיך דערשלאָגן. שטעל דיר פֿאָר א חשבון פֿון א פֿעלד־גזלן: איך זאָל אים באַצאָלן, זאָגט ער, אַכציק מאַרק! פֿאַר וואָס אַכ־ציק מאַרק? „אַ פּראָסטער חשבון, זאָגט ער: צוויי וויזיטן צו צען — איז צוואַנציק. דריי קאָנסוליומס בײַ דרײַ פּראָפעסאָרן צו צוואַנציק — איז זעכציק. און זעכציק מיט צוואַנציק איז, זאָגט ער, אַלע מאָל און אומע־טום אַכציק". האָב איך אויפגעהויבן מסתמא אַזאַ סקאַנדאַל, אַז מע איז זיך צענויפגעלאָפן אַלע: די בעל־הביתטע די אַלמנה, דער אַלטער בחור דער שלים־מזל און אַלע איבעריקע געסט. „ווּ זײַנען מיר? — האָב איך מיך צושריִען אויף זיי, — אין בערלין, צי אין סדום? עס איז בײַ אײַך ערגער, זאָג איך, טויזנט מאָל, ווי בײַ אונדז אין רוסלאַנד! נישט קיין דאָקטוירים זײַנען בײַ אײַך, זאָג איך, נאָר כוליגאַנעס! פּאָג־ראָמשטשיקעס!" מיט איינעם וואָרט, וואָס מיר איז געקומען אויפן מויל, דאָס האָב איך זיי געזאָגט. און לאָז זיך דיר דאַכטן, עס האָבן זיך אַרײַנגעלייגט מענטשן, און מע האָט אונדז קוים מיט צרות אויסגע־גלײַכט פֿאַר פֿינף און פֿופֿציק מאַרק. פֿינף און פֿופֿציק מכות זאָלן זיך אים זעצן, דעם שיינעם דאָקטער, אויפן פּנים! ביסטו שוין פֿאַרטיק? האָב צײַט. ס'איז נאָך פֿאַראַן אַן אַלטער בחור מיט אַ רויטער נאָז מיט ווײַמ־פּערלעך, הייסט ער זיך אַ חוץ באַצאָלן פֿופֿצן מאַרק. וואָס איז דאָס? דאָס איז, זאָגט ער, זײַן קאָמיסיאָן פֿאַרן דאָקטער, וואָס ער האָט מיר, זאָגט ער, רעקאָמענדירט. וואָס זאָגסטו צו אַזאַ פּרא־אדם? עס האָט מיך אַזוי פֿאַרקאָכט באַם האַרצן, אַז עס האָט זיך מיר אָפּגערופֿן מײַן אומ־גליק, און איך בין געבליבן ליגן מיט אַ מיגרען ביזן אַנדערן טאָג. אַ קלייניקייט — אַזוי פֿיל געלט אַרויסצוּוואַרפֿן, און פֿרעג — אויף וואָס? אויף ווען? וואָלט נישט גלײַכער געווען צען טויזנט מאָל דאָס איבערלאָזן בעסער בײַ ווערטהיימערן? איך עס מיך אויף אַ לעבעדיקע, וואָס איך בין נישט געקומען אַהער מיט איין וואָך פֿריִער, וואָלט איך געטראָפֿן דאָ מײַן חוה'לע — פֿאָרט אַ קרובה, און וואָלט נישט אַרײַנגעפֿאַלן צו אָט די פּיאַווקעס אין די הענט אַרײַן. אַ שטיקל גליק, וואָס בערלין איז אַ שטאָט, וואָס איז פֿאַראַן וואָס צו זען; אַנישט, וואָלט איך קראַנק געוואָרן פֿאַר דאָסאַדע. און צו זען איז דאָ אין בערלין אין איין טאָג אַזוי פֿיל, וואָס דו וועסט דאָס נישט זען בײַ אונדז אין וואַרשע אין דרײַ־סיק יאָר אַפֿילו. אַ חוץ ווערטהיימערן און טיטץ און נאָך אַזעלכע גע־

וועלבן, איז פֿאַראַן אין בערלין אַ „ווינטערגאָרטן" מיט אַן „אַפּאָלאָ־טעאַטער", מיט אַ צירק „שומאַן" און מיט אַ צירק „בוש". הײַנט איז דאָ, זאָגט מען, אַ „לבנה־פּאַרק" — איז דאָס גאָרנישט צו באַשרײַבן. איך קלײַב מיך רשט גיין אַהינצן, אם ירצהע השם, מאָרגן, וועל איך דיר שוין מאָרגן באַשרײַבן. דערווײַלע זײַ געזונט און זאָג שבע־רחלען, זי זאָל אַכטונג געבן נישט בלויז אין קיך, נאָר אַף דער גאַנצער שטוב זאָל זי אַכטונג געבן. איך האָב פֿאַרן אַוועקפֿאָר פֿאַרגעסן פֿאַר־שרײַבן אַ קעלנערל מיט צוויי ציכעלעך אין קויטיקן גרעט. און אַ כלאָי אײַנגעמאַכטס האָב איך אָנגעהויבן אַ טאָג פֿאַרן אַוועקפֿאָר, איז פֿון אים זאָל זי נוצן אין קיך אַרײַן און נישט אָנרירן מער פֿון די אײַנגעמאַכטסן, וואָס אַפֿן באַלקאָן אונטערן קאַסטן. און בריוו זאָלסטו מיר שרײַבן, למען השם, קיין מאַריענבאַד פּאָסט רעסטאַנט, ווי מיר האָבן אָפּגעשמועסט.

פֿון מיר דײַן פֿרוי בעלצע קורלענדער.

.2

(שלמה קורלענדער פֿון די נאַלעווקים אין וואַרשע צו זײַן פֿרײַנט כאַים סאָראָקער אין מאַריענבאַד.)

ליבער פֿרײַנט חיים.

איך האָב צו דיר, ידידי, אַ קליינע בקשה, דאָס הייסט, נישט קיין קליינע, נאָר טאַקע אַ גרויסע בקשה. אַ גאַנץ גרויסע! עס האָט מיך גע־טראָפֿן, ליבער פֿרײַנט, אַן אומגליק: מײַן בעלצע פֿאָרט קיין מאַריענ־באַד. וואָס עפּעס פּלוצעם קיין מאַריענבאַד? פֿרעג מיך עפּעס גרינגערס. זי זאָגט, אַז זי איז נישט געזונט און מוז האָבן מאַריענבאַד. און דער דאָקטער זאָגט אויך, אַז זי איז נישט געזונט און מוז האָבן מאַריענבאַד. און אַז צוויי זאָגן שכור, דאַרף דער דריטער גיין שלאָפֿן... נאָר בסוד וועל איך דיר איבערגעבן — און איך בעט דיך, אַז צווישן אונדז זאָל עס טאַקע בלײַבן, — איך פֿאַרשטיי דעם שכל פֿון מאַריענבאַד. אַז די מאַדאַם טשאַפּניק פֿאָרט קיין מאַריענבאַד, הײַנט פֿאַר וואָס זאָל די

מאדאם קורלענדער אויך נישט פארן קיין מאריענבאד? זי גלייכט מיך צו בערל טשאפניק! זי ווייס נישט, אפנים, אז דאס, וואס טשאפניק קאן — קאן נישט איך, נישט דו, נישט קיינער. טשאפניק קאן אפזיצן א קיילעכיק יאר אין דער שענסטער דירה, ווי א מאנארך, און גאר פארגעסן, אז פאר א דירה דארף מען צאלן דירה־געלט. נישט היינט געדאכט, אז טשאפניק איז בא מיר געזעסן אין שכנות, האב איך געמיינט, אז איך וועל פון אים באקומען די טשאכאטקע. אלע טאג פלעגט ער זיך הייסן מאכן רעמאנט, און מיט מיר פלעגט ער זיך שאפן, ווי מיט א סטרוזש. אן אנדערן וואלט איך ארויסגעווארפן אף דריי שפענדלעך, און מיט אים האב איך געמוזט אננעמען א פולן מויל מיט וואסער און מאכן א שוויַיג — צוליב בעלצען. באשר וואס? באשר וויַיל זיַין חוהלע געהער זיך אן מיט מיַין בעלצען גליד־געשוועסטערקינדער, דעם פערדם בייטש־שטעקעלעס־א־פאדקעווע! וואס איך האב מיך אין דעם יאר אנגעזען אף דעם בערל טשאפניק, איז דאס אף א וואך צו דערציילן. צו בערל טשאפניק, אז עס קומט דער קצב מאנען פאר פלייש, עפנט ער אים מיטן קאפ די טיר: א העזה פון א קצב — גאר מאנען פאר פלייש! און צו דער מאדאם טשאפניק, אז מע קומט מיט א חשבון פון געוועלב, גייט מען אזוי לאנג, ביז מע צערייסט צוויי פאר שיך און מע הערט אויף צו גיין. פון שניַידערס און פון שוסטערס רעדט מען נישט; מע ווייס שוין, אז צו טשאפניקן נאך געלט גייט מען נישט, ווארעם מע וועט ניט נתנען. וואס דארפסטו מער? אט איז דא נישט לאנג געוועזן בא זיי א וועטשערינקע. די מאדאם טשאפניק איז געוועזן אן אימעניניצע, סאמע פארן אפפארן קיין מאריענבאד, — האסטו געדארפט זען, וואס דארט האט זיך אפגעטאן! איך בין נישט געוועזן, נאר מיַין בעלצע דערציילט, אז מיט אזא קאלאציע וואלט מען שוין געקאנט חתונה מאכן צוויי טעכטער. דאס עסן האט מען באשטעלט בא העקסעלמאנען אין רעסטאראן, און וועטשערע איז געוועזן כיד המלך: פיש, און פלייש, און געבראטנס, און וויַין, און ביר, און וואס דו ווילסט. די פלעשלעך האבן געקנאקט, משרתים האבן באדינט, ס'איז געוועזן „ליהודים", און, ווי געווינטלעך, האט מען פארלייגט א „בענקל", און דער באנקיר איז געוועזן טאקע טשאפניק, און געוווּנען האט טאקע ווידער טשאפניק — ער קאן די מלאכה! גאנצע הונדערטערס, זאגט בעלצע, זיַינען געוועזן אין

באַנק. פֿונדעסטוועגן, אַז העקסעלמאַן איז געקומען אַף מאָרגן מיט אַ רעכענונג, האָט מען פֿון אים געמאַכט אַזאַ געלעכטער, אַז ער שעמט זיך שוין גאָר אויסצוזאָגן... נאָר איך האָב מיך פֿאַררעדט פֿון טשאַפּניקן און כמעט פֿאַרגעסן אָן מײַן בקשה.

מײַן בקשה איז אָט וואָס: אַזוי ווי מײַן בעלצע פֿאָרט, הייסט עס, קיין אויסלאַנד דאָס ערשטע מאָל אַף איר לעבן, זי ווייס נישט, ווו אַ טיר עפֿנט זיך און קען נישט די שפּראַך, לכן זאָלסטו זײַן אַזוי פֿרײַנטלעך איר קומען צו הילף, רעקאָמענדירן אַ רעכטע סטאַנציע, אַ גוטן דאָקטער, אַ כשרן רעסטאָראַן, — מיט איינעם וואָרט, זאָלסט זײַן פֿאַר איר וואָס מע רופֿט אַ וועגווײַזער. אגב, וועל איך דיך בעטן, זאָלסט נאָכקוקן, מיט וועמען זי באַגעגנט זיך דאָרט, און מיט וועמען זי קומט זיך צענויף. איך וויל, פֿאַרשטייסטו מיך, זי זאָל זײַן אַביסל ווײַט אָפּגעשיידט פֿון דער מאַדאַם טשאַפּניק. וואָס האָב איך, אייגנטלעך, צו דער מאַדאַם טשאַפּניק? זי האָט מיר קיין געשעפֿט נישט קאַליע געמאַכט; נאָר איך וויל נישט, מײַן בעלצע זאָל זײַן קנעפּל שבקנעפּל מיט דער מאַדאַם טשאַפּניק, כאָטש זיי זײַנען גליד־געשוועסטערקינדער. איך וויל נישט, אַז זי זאָל זײַן איר אַפּיטראָפּס, אַז וואָס די מאַדאַם טשאַפּניק זאָגט — איז גוט, און וואָס די מאַדאַם טשאַפּניק טוט־אָן — איז שיין, און וואָס זי דערזעט אַף דער מאַדאַם טשאַפּניק — דאָס ווילט זיך איר. גלייב מיר, ליבער פֿרײַנט, עס גייט מיר נישט אין געלט. דו ווייסט, אַז איך בין, הלילה, נישט אַזאַ קמצן, און מײַן בעלצע פֿירט באַ מיר אויס, ווי מע זאָגט, דאָס טעלערל פֿונעם הימל — פֿאָרט דאָס צווייטע ווײַב. דאָס צווייטע ווײַב, זאָגט מען, און אַ בת־יחידה פֿירן־אויס אַלצדינג. נאָר וואָס דען? איך וויל נישט, אַז ווו צוויי זאָל מײַן ווײַב זײַן אַ דריטע... וואָס קומט מיר דערפֿאַר? איך האָב אַזוי אויך געניג שונאים אַף די נאַלעוו־קיס, וואָס וואָלטן מיך דערטרונקען אין אַ לעפֿל וואַסער. און ווער שמועסט, זינט איך האָב חתונה געהאַט פֿאַר בעלצע, וואָלטן זיי זיך וועלן נוקם זײַן אָן מיר, איך ווייס נישט פֿאַר וואָס, גלײַך ווי איך וואָלט עמעצן אָנגערירט אין כבוד אָדער אין פּרנסה. באַשר, זאָגן זיי, זי וואָלט געקאָנט זײַן מײַנע אַ שנור. טאָמער ווייסטו, וואָס גייט זיך עס אָן מיט זיי? עס זײַנען שוין געווען שטיגוטערעס, וואָס האָבן זיך געפּרוּווט מאַכן צווישן אונדז אַ בייז לעבן. פֿרעג, וואָס האָב איך זיי געטאָן? דער גאַנצער

גוואַלד, למאַי זי איז אַ שיינע! אַ רוח זיי אין פֿאָטער און מוטער אַרײַן — און אַז איך זאָל געווען חתונה האָבן דאָס אַנדערע מאָל און נעמען אַ מיאוסניצע, וואָלט זיי שוין געווען בעסער?

הכּלל, ליבער פֿרײַנט, קיין סך דאַרף איך מיט דיר נישט שמועסן. איך מיין, אַז דו פֿאַרשטייסט שוין דעם מיין, וואָס איך מיין... איך וויל, אַז דו זאָלסט זי האַלטן אַפֿן אויג און זאָלסט מיר אַרײַנשרײַבן אַמאָל אַ בריוול פֿון דײַן מאַכן, וואָס דו מאַכסט, און פֿון מײַן בעלצען, וואָס זי מאַכט. און אַז זי וועט זיך ווענדן צו דיר נאָך געלט, — איך האָב איר געגעבן דײַן אַדרעס — זאָלסטו איר אַרויסגעבן אויף מײַן רעכע־נונג וויפֿל זי וויל, געוויינטלעך, נישט אויף אַ מאָל, נאָר ביסלעכווײַז, ווײַל בײַ איר געלט — צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן — האָט גאָר קיין ממשות נישט. איך האָב געוווסט פֿריִער, אַז ווען איך זאָל איר מיט־געבן, למשל, פֿון דאַנען איך ווייס אַליין נישט וויפֿל, איז אַזוי ווי זי פֿאָרט איבער בערלין, וועט דאָס דאָרט מסתּמא אַוועקגיין בײַ איר מיטן ווינט און מיטן רויך. און כּך הווה, אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט מיר גע־זאָגט. איך האָב שוין באַקומען פֿון איר אַ בריוול פֿון בערלין (פֿאַרנדיק קיין מאַריענבאַד, האָט זי זיך אַראָפּגעכאַפּט קיין בערלין), שרײַבט זי מיר אַ גרוס, מײַן בעלצע הייסט עס, פֿון עפּעס איינעם מיטן נאָמען ווערטהיימער, וואָס מע געפֿינט, זאָגט זי, בײַ אים פֿון פֿויגל־מילך. איז זי שוין געווען דאָרט, שרײַבט זי מיר, מיט אַ וויזיט, און ווערליק איך פֿאַר־שטיי, האָט זיך דער ווערטהיימער פֿון איר נישט געגאַרט. זי גלײַכט זיך צו דער מאַדאַם טשאַפּניק. בערל טשאַפּניק באַרימט זיך, אַז ער האָט געהאַט מיטגעגעבן זײַן חוהלען קיין אויסלאַנד אַ תּקער אויף דער נסיעה. און אַז זי איז געקומען קיין בערלין, האָט זי שוין געשריבן, מע זאָל איר שיקן נאָך געלט, האָט ער איר געמוזט אויף דער צווייטער וואָך אַרויס־שיקן נאָך אַ תּק'ער. ער וואַרפֿט זיך עס מיט תּק'ערס, אָט דער טשאַפּניק! מאָמער ווייסטו די געשעפֿטן, וואָס ער טרײַבט? אַ מענטש זיצט אין וואַרשע שוין אפֿשר צוואַנציק יאָר, און לאָז מיר עמעצער זאָגן, מיט וואָס האַנדלט בערל טשאַפּניק? עס איז זיך אַן אָפּגעפּוצט ייִדל, מיט אַ שיין בײַכל, מיט אַ פּײַנעם חתוך־הדיבור, און עס רעדט נישט אַן איבע־ריק וואָרט; איין אייגל קוקט בײַ אים כּלומרשט קיין פּצון־זײַט, און דאָס

אנדערע טראכט, ווי אזוי מע צעשפּילעט דיך און מע באקומט בא דיר ארויס א גמילות־חסד אף צו פארפאלן...

הקיצור, ער איז גארנישט ווערט, אט דער טשאפּניק, מיר זאלן פון אים אזוי פילריידן. איך בעט דיך נאך א מאל, חיים, דו ווייסט, ווי מיין בעלצע איז בא מיר טייער. איך האב גרויס עגמת־נפש, וואס זי פארט אליין. איך וואלט אויך מיטגעפארן — נאר ווי קאן איך אוועקווארפן דאס געשעפט? ס'איז בא מיר סאמע סעזאן. איך האלט אין בויען, און צו גאט א האפענונג: א יאר וועל איך, דאכט מיר, האבן גאר נישט קיין שלעכטס. ווערליק עס ווייזט זיך, דארף זיך מיט דירות אוועקשטעלן, מיטן אייבערשטנס הילף, א סך העכער ווי פאראיארן. נאר פאר מיין בעלצען איז נישט נייטיק, זי זאל עס ווי‌סן. אדרבה, אויב עס וועט דיר אויסקומען, מעגסטו איר זאגן פארקערט... ווי אזוי צו ריידן — דארף מען דיך נישט לערנען. דו ווייסט שוין. און ווייטער איז נישטא קיין באזונדערע נייעס. אונדזערע צייטונגען לייענסטו דאך דארטן אויך, ווייסטו שוין מסתמא, אז בא אונדז איז עפּעס נישט אזוי פריילעך. א גרוס קאן איך דיר אפּגעבן פון דיין אסתרן. איך האב זי געזען פון דערווייטן. זי שיינט מיר גאנץ נאענט אף דער צייט צו זיין. הייַנטמארגן... טאמער א יינגל, ווי אזוי וועט דאס זיין אן דיר א ברית? זעזשע למען השם, ידידי, טו ווי איך בעט דיך, און שרייב מיר באלד א תשובה.

פון מיר דיין בעסטער פריינט **שלמה קורלענדער**.

## 3.

(בעלצע קורלענדער פון בערלין צו איר מאן שלמה קורלענדער אף די נאלעווקים אין ווארשע.)

לבעלי היקר מוהר"ר שלמה נ"י.

איך האב דיר צוגעזאגט נעכטן, אז איך וועל דיר באשרייבן דעם בערלינער „לבנה־פּארק", ווייבאלד איך וועל נאר קומען פון דארט, — טו איך דיר צוליב, כאטש אפילו דאס איז א זאך, וואס עס איז אומגע־

לעך, וואָרעם אַז איך זאָל דיר אַ גאַנצע נאַכט זיצן און שרײַבן, וועל איך דיר דען באַשרײַבן אַפילו אַ צענט־חלק פון דעם, וואָס מע זעט זיך אָן אין דעם „לבנה־פּאַרק"? ס'איז שוין איין מאָל אַ פּאַרק! שטעל דיר פֿאָר אַ גרויסן פּאַרק פון סאַמע פײַער, אַרום און אַרום פײַער, אַלע שטיבער זײַנען באַגאָסן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט פײַער. און גלײַך ווי דו קומסט, טרעטסטו אַרײַן אין אַ „לאַך־זאַל", דאָס איז אַ מין זאַל, וואָס אַז דו קומסט אַרײַן, פאַלט אָן אָף דיר אַ געלעכטער, און דו לאַכסט אַזוי לאַנג, ביז דו ווערסט שיר צעפּלאַצט פאַר געלעכטער — וואָרעם וווהין דו גיסט זיך אַ קער, זעסטו, אַז דו האָסט אַ פּנים פון אַ שוואַרץ יאָר. הערנאָך באַצאָלסטו און זעצסט זיך אויף אָף אַזאַ מין משוגענער באַן, וואָס פליט משוגענערווײַז איבער בערג און איבער טאָלן. אָט טוט עס דיך אַ הייב־אויף העכער הײַזער, און אָט טוט עס דיך אַ מאָר־דעווע אַראָפּ אין אַלדי שוואַרצע יאָר, אין דער שאול תחתיה אַרײַן, אַז דו ווערסט שיר נישט צעפאַלן אָף שטיקער. און עס ווערט אַ קוויטשערײַ מיט אַ געפּילדער. און באַלד נאָך דעם הייבט עס דיך אויף ווידער אַרויף אָף אַ באַרג, און ווידער אַראָפּגעלאָזט דיך אין דער ערד אַרײַן. ביז דו קומסט צוריק אָפן אייגענעם אָרט און בלײַבסט שטיין, ווי אַ נאַר. הייסט דיר דער דײַטש אויסשטײַגן, אַרויסגיין הייסט עס. גייסטו אַראָפּ, ווי אַ נעכטיקער. און נאָכדעם קומסטו צו צו אַ טײַך, זעסטו, ווי מענטשן גליטשען זיך אָף שיפלעך באַרג־אַראָפּ און פאַלן אַרײַן גלײַך אין וואַסער אַרײַן און ווערן נישט דערטרונקען; נעמט דיך אָן אַ יצר־הרע און דו קריכסט אַרויף אָף טרעפּ אָפן באַרג און קויפסט ווידער אַ בילעט און זעצסט זיך אַרײַן אין שיפל און פליסט, ווי אַ משוגענער, אין וואַסער אַרײַן, און גייסט אַרויס פון דאָרט אַ פאַרשפּריצטער פיטש־נאַס, און דו בלײַבסט שטיין און קוקסט זיך אַרום, פאַר וואָס אַ דײַטש נעמט געלט? פון דאָרט גייסטו אַביסל ווײַטער, זעסטו ווילדע מענטשן און שוואַרצע ציגײַנער פון מצרים, וואָס טאַנצן און זינגען, דרייען זיך און שפּרינגען, לעקן מיט דער צונג געגליטע אײַזנס, שטעכן זיך מיט שפּיזן, מאַכן מיט די בײַכער, און פאַר דעם אַלצדינג צאַפּט מען בײַ דיר געלט. און אַז דו ווילסט, פירט מען דיך נאָך אַרײַן גלײַך אין גיהנום אַרײַן און מע ווײַזט דיר מתים מיט רוחות מיט שדים, שלענג און עקדישן מיט צרות, מיט שלעק, — און דו בענטשסט גומל, וואָס מע האָט דיך אַרויסגעלאָזט

א לעבעדיקן. פון קאפעס, רעסטאראנען, מוזיק, שפּיל־קעסטלעך, קינע־מאטאגראפן, קאמעדיעס, פאטאגראפיעס און נאך אזעלכע זאכן — פון דעם שמועסט מען נישט. דאס איז דארט פאראן, ווי שטערן אין הימל, און ווען דו זאלסט זיך נאר וועלן צולאזן צו די דייטשן און גיין אומעטום ווו מע רופט דיך, קאנסטו ארויס פון דארטן א קדיש. מיך האט די גאנצע חתונה געקאסט ארום און ארום א נישט, א צעבראכענער פעניג. וועסטו דאך פרעגן, ווי אזוי איז דאס מעגלעך? וועסטו הערן א שיינס.

אט דער בחור דער פרא־אדם מיט די ווײַמפּערלעך, וואס האט בא מיר ארויסגעפרעסט פופצן מארק דערפאר, וואס ער האט מיר גערעקאמענדירט דעם שיינעם דאקטער, האט ער מיך דאס גענומען אין דעם „לבנה־פארק" אף זײַנע הוצאות, און נאך מכבד געווען מיך מיט זעלצער־וואסער און מיט שאקאלאד און מיט וואס דו ווילסט. געזען, אפּנים, אז ס'איז מיר איבער דער טבע, מאכט ער צו מיר אזוי: „פאר שיינע ווײַבלעך, וואס דארפן האבן צום דאקטער, בין איך, זאגט ער, אויס קאמיסיאנער, נאר א קאוואליער און א דזשענטעלמען". האסטו עפּעס צו אזא שלים־מזל? שוין גייענדיק צוריקוועגס, רופט ער זיך אן צו מיר, דער חכם, און דאס פּנים לויכט אים, ווי די זון אין תמוז: „מאדאם! איך וועט קיין פאראיבל נישט האבן, וועל איך אײַך עפּעס זאגן". זאג איך: „אבי א קלוגס". זאגט ער: „א קלוגס ווייס איך נישט, נאר פאר אײַך וועט עס, זאגט ער, זײַן זייער אינטערעסאנט". זאג איך: „אויב אינטערעסאנט, פאר וואס נישט?"... מאכט ער צו מיר: „נאר מיט א תנאי, מאדאם, אז איר זאלט מיר דערנאך זאגן, זאגט ער, אײַער מיינונג". זאג איך: פאר וואס זאל איך אײַך נישט זאגן?"... זאגט ער: „ניין, איך מיין, איר זאלט מיר, זאגט ער, זאגן אויפריכטיק, נישט פארלייקענען". זאג איך: „למאי זאל איך לייקענען?"... זאגט ער: „ניין, איך מיין, טאמער געפעלט דאס אײַך נישט, זאלט איר מיר, זאגט ער, זאגן, אז עס געפעלט אײַך נישט". זאג איך: „זאגט, וואס נודעט איר?"... שטעלט ער זיך אפּ און מאכט צו מיר אזוי: „הערט־זשע אויס, מאדאם, עס איז אזוי די געשיכטע. איר וועט מיר גלייבן, צי ניין? אפשר וועט איר מיר גלייבן, און אפשר ניין. כאטש איך ווייס נישט, זאגט ער, פאר וואס איר זאלט מיר נישט גלייבן. איך בין א מענטש, זאגט ער, אן אויפריכטיקער, וואס איך האב — דאס, זאגט ער, זאג איך. איך האב

פּײַנט, זאָגט ער, האַלבע װערטער. בײַ מיר איז אײנס־צװײ־דרײַ — און פּאַרטיק. איך דאַרף אײַך זאָגן, זאָגט ער, מאַדאַם, אַז איך בין אַזאַ מענטש, זאָגט ער, װאָס האָב איך עפּעס, מוז איך עס אַרױסגעבן. האַלטן דאָס לאַנג בײַ זיך קאָן איך נישט. איך האָב אײַך שױן לאַנג, זאָגט ער, געװאָלט זאָגן, אַז איר זײַט מיר געפעלן געװאָרן, זאָגט ער, פון דער ערשטער מינוט, זאָגט ער, װאָס איך האָב אײַך דערזען. װאָס װעט איר, זאָגט ער, זאָגן הערויף?"... „װאָס זאָל איך, זאָג איך, זאָגן? ס'איז אײַער גליק, זאָג איך, װאָס מיר זײַנען אין בערלין אויף דער פרידריכשטראַסע. װײַטער װאָלט איך אײַך, זאָג איך, באַװיזן, װי אַזױ צו זײַן אַ נאַכאַל!"... דערהמיט האָט זיך אונדזער שמועס געענדיקט, און פון דעמאָלט אָן בין איך געבליבן אָן אַ קאַװאַליער און מוז גײן אַלײן אומעטום. נאָר אָן אָן אומגליק. בערלין איז נישט קײן װאַלד, און די דײַטשן זײַנען אַזעלכע מענטשן, װאָס זײ פּוילן זיך נישט, שטעלן זיך אָפּ און הערן דיך אויס אַלצדינג, און װײַזן דיר אָן אַלצדינג, װאָס דו פרעגסט בײַ זײ. און פאַרקערט, טאָמער פרעגסטו בײַ זײ עפּעס אַ זאַך, װאָס זײ װײסן נישט, זעט מען, אַז ממש עס עקט זיך זײ דאָס חיות. אַ דײַטש בלײַבט אַ דײַטש.

האָב איך דיר שױן אַרױסגעשריבן אַלצדינג, װי איך האָב דיר צוגעזאָגט. גיב גאָט, איך זאָל שױן קומען געזונטערהײט קײן מאַריענבאַד, װעל איך דיר פון דאָרט שרײַבן מער נײַס. דערװײַל זײַ געזונט און שרײַב מיר קײן מאַריענבאַד, װאָס הערט זיך בײַ אונדז אין װאַרשע? װאָס מאַכט אסתר סאָראָקער? צי איז זי שױן געלעגן געװאָרן, צי נאָך נישט? און אויב יאָ, װאָס האָט זי געהאַט: אַ ייִנגל, צי אַ מײדל? אַ שײנער יושר פון אַ מאַן. איך מײן טאַקע חיים סאָראָקער. איבערלאָזן אַ װײַב אויף דער צײַט און אַלײן אַװעקפאָרן קײן מאַריענבאַד — װאָס איז? ער װיל „אָפּנעמען", פאַרלירן דעם בויך. װען דאָס זאָל זײַן אויף מיר, װאָלט ער שױן צוריק אויף די נאַלעװוקים נישט געקומען. איך װאָלט אים געלאָזט, ער זאָל שױן בלײַבן זיצן דאָרטן, אין מאַריענבאַד, אויף שטענדיק. ער װאָלט שױן בײַ מיר „אָפּגענומען" און פאַרלױרן נישט נאָר דעם בויך אַלײן. זאָג דיר, װאָס דו װילסט, — ער איז דײַנער אַ גוטער פרײַנט — נאָר מע טוט נישט אַזױ. עס האָט מיר אויסגעריסן אַ שטיק האַרץ, אַז איך בין געװען בײַ איר זיך געזעגנען. זי איז נישט אַזעלכע,

וואָס זאָל זיך באַקלאָגן, נאָר מע זעט. זיי האָבן שוין אזא מזל, ביידע שוועסטער: סײַ אסתר, סײַ חנצע. חנצע זאָגט מען, ווערט נאָך מער אויסגעריסן באַ איר מאַירן. מע האָט מיר געזאָגט דאָ אין בערלין, אַז מאיר מאַריאַמטשיק איז אויך אין מאַריענבאַד. און בראָניע ליוּפּערמאַן, און לאַהצע ברוויכשטול, און די יאַמאַיטשיכע מיט אירע טעכטער זײַנען שוין אויך אין מאַריענבאַד! אַלע נאַלעווקים אין מאַריענבאַד. קיין עין־הרע נישט! — איך האָף צו טרעפן פון דיר בריוו אין מאַריענבאַד, נאָר פאַרגעס נישט מיר שרײַבן פון אַלצדינג, וואָס אין דערהיים טוט זיך. זאָלסט נישט פאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אַף שבע־רחלען. זאָלסט אַליין איבערקוקן אַלע טאָג, וואָס זי ברענגט פון מאַרק, און איבערוועגן דאָס פלייש פון קצב, און למען השם נישט נעמען אָן געלט קיין זאַך, וואָרעם די קרעמער, די ערלעכסטע אפילו, האָבן אַ טבע — זיי שרײַבן צו. און טאָמער וועט זײַן באַ דיר לאַה די מאָדניצע מיט טענות, אַז איך האָב איר אָפּגעריסן פאַר דער ארבעט, און וועט זיך וועלן פאַרלאָזן אַף דײַן יושר, זאָלסטו איר נישט ענטפערן. דערפאַר, וואָס זי האָט געמטראַשעט מיטן סאָנד. זאָל זי גיין אין סאָנד! און פאַרגעס נישט, למען השם, אַרויסשיקן מיר געלט קיין מאַריענבאַד. איך וועל דיר געבן צו וויסן מײַן אַדרעס באַלד, ווי איך וועל קומען צו פאָרן. גאָט זאָל העלפן, איך זאָל שוין קומען געזונטערהייט.

פון מיר דײַן פרוי בעלצע קורלענדער.

## 4.

(שלמה קורלענדער פון די נאַלעווקים אין וואַרשע צו זײַן ווײַב בעלצע קורלענדער אין מאַריענבאַד)

לזוגתי היקרה מרת בעלצע שתחי'.

איך האָב דײַנע ביידע בריוו פון בערלין דערהאַלטן און קום דיר צו מעלדן, בעלצע היקרה, אַז איך בין, ברוך השם, געזונט, און אַז אין דער היים איז אַלצדינג אין בעסטער אָרדענונג. הלוואי וואָלטן נאָר אַלע לאָקאַטאָרן וועלן צאָלן צו דער צײַט, מע זאָל נישט דאַרפן האָבן מיט זיי

צו טאָן. ווארעם א חוץ וואָס עס גייט פאַרלוירן געלט, קאָסט נאָך די הוצאות, אַדוואָקאַטן מיט פאַפּירן מיט שלעק. און דערצו נאָך די בזיונות, וואָס מע האָט, ווארעם עס זיינען דאָ אַזעלכע לאָבוסעס, וואָס באַרימען זיך, אַז טאָמער ווארפט מען זיי ארויס פון דער דירה, וועלן זיי דיך באַשרייבן אויף די גאַזעטן. און איך וויל נישט, מע זאָל מיך באַשרייבן אויף די גאַזעטן. איך האָב עס פיינט. היינט דאָס בויען, וואָס איך בוי, שלינגט־איין אַזוי פיל געלט, אַז איך ווייס גאָרנישט, ווי אַזוי איך וועל זיך אַמאָל אויסבאָדן, און דערצו האָט מען צו טאָן מיט גראָבע מענטשן, בעלי־מלאכות און אַרבעטער, וואָס קריכן אויפן קאָפּ, האָבן ניט קיין טראָפּן דרך־ארץ פאַר אַ בעל־הבית. הכלל, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, בעלצע היקרה, ס'איז צרות מיט צרות מיט צרות! און דאָ קומט־סטו מיט דיינע בריוולעך פון בערלין, קאָנסטו זיך גאָרנישט משער זיין דעם עגמת־נפש, וואָס איך האָב געהאַט, וואָס דו ביסט נישט געפאָרן אויף ווין, אַיידער אויף בערלין. מילא, דו ווילסט זיך זיין באַם פּראָפעסאָר אַן עצה האַלטן — מהכתיתי. איך וועל דיר, חס ושלום, נישט פאַרווערן, און קיין געלט, ווייסטו גאַנץ גוט, אַז איך וועל דיר נישט זשאַלעווען דאָרט, ווו עס גייט אין דיין געזונט, פּקוח־נפש, נאָר אַריינלאָזן זיך מיט דאָקטוירים־פּיאַווקעס און האָבן צו טאָן מיט דריי פּראָפעסאָרן, וועלן זיי דיר סוף־כל־סוף פאַרדרייען דעם קאָפּ, אַז דו וועסט, חס ושלום, קראַנק ווערן פון זיי. איז איין מאָל אַוועק. והשנית, פרעג איך דיך, בעלצע היקרה, ווי שאַנעוועסטו נישט דיין געזונט און גייסט אַרום צו ווערטהיימערן און צו טיטצן האַנדלען מציאות? איך גלייב דיר, אַז ס'איז באַ זיי אַלצדינג בחצי־חנם. איז, ערשטנס, באַ מיר דיין געזונט טייערער, און צווייטנס, מיין איך, אַז מע קריגט אין ווארשע אויך די מציאה. פאַר געלט קריגט מען אַלצדינג, זאָגט מען, נאָר נישט קיין קדחת. אוודאי איז טאַקע כדאי, זאָג איך דיר, זיך שטופּן אין אַן ענגשאַפט — וואָס איז? טאָמער וועט מען קויפן אַ פּאָר זאַקן מיט אַ וואַנטזייגער? דאַרף מען איינשטעלן דאָס לעבן דערויף? איך פרעג דיך, בעלצע, ביסט דאָך עפּעס נישט פון די נאַלעווקער יענטעס, כ'לעבן, ווי קומט דאָס, דו זאָלסט טאָן אַזאַ נאַרישקייט? היינט דאָס אַרומגיין אָנקוקן בערלין — דאַרף איך דיר זאָגן, בעלצע היקרה, אַז איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס, אייגנטלעך, איז דאָ וואָס צו זען אין בערלין? איך שטעל

מיר פּאַר — אַ גרויסע שטאָט, דריי מאָל, פינף מאָל, צען מאָל אַזוי גרויס ,ווי וואַרשע, און מויערן שיינע, גרויסע, אַ סך שענער און אַ סך גרעסער, ווי וואַרשע, — נו, וואָס־זשע האָב איך דערפון? צי, אַשטייגער, דו שרייבסט, אַז דו ביסט געווען אין טעאַטער און אין צירק און אין נאָך אַזעלכע ערטער — אַרט עס מיך נישט. פּאַרקערט, ביסטו אין אויס־לאַנד, דאַרפסטו אומעטום זיין און אַלצדינג זען. פּאַר וואָס נישט? מיך אַרט נאָר איין זאַך: למאַי זאָלסטו נישט היטן דיין כבוד און דיין שטאַט און לאָזן זיך פירן פון יעדן ליידיקגייער, וואָס דו קענסט אים נישט און ווייסט אים נישט? גוט, וואָס דו האָסט אָנגעטראָפן אויף אַ פלאָכט, אַ פּרא־אדם, וואָס האָט געלייגט אויף דיר כבוד. וואָס טוט מען, אַז מע טרעפט אָן אויף אַ כוליגאַן, אָדער אַזוי אַ שאַרלאַטאַן? אין דער פרעמד, בעלצע, דאַרף מען זיין געהיט נאָך מער ווי אין דער היים. מע קאָן אַמאָל האָבן דעם גרעסטן בזיון מיטן גרעסטן אומגליק, חלילה. איך האָב דע־ריבער געשריבן אַ בריוו צו מיין גוטן פריינט חיים סאָראָקער קיין מאַ־ריענבאַד, ער זאָל דיר באַהילפיק זיין אַ מאָל מיט אַן עצה, אַ מאָל מיט אַ גוט וואָרט. ער איז אַ מענטש, וואָס איז שוין געווען אין אויסלאַנד עט־לעכע מאָל און איז באַקאַנט מיט זייערע גענג און מיט זייערע מנהגים. און אגב, אַזוי ווי איך האָב מיט אים חשבונות, האָב איך צו אים אָנ־געוויזן, ער זאָל דיר אַרויסגעבן געלט, וויפל דו וועסט באַדאַרפן האָבן, וואָרעם דאָס שיקן פּער פּאָסט קאָסט טייער, היינט פאַרלירט מען אָפט־מאָל אויפן קורס, אַז ס'איז נישט כדאַי דאָס שיקעכץ. לכן זאָלסטו זיך זען דאָרט מיט חיים סאָראָקער און זאָלסט אים לאָזן גריסן און זאָלסט אים זאָגן, אַז איך וואַרט פון אים אַן ענטפער אויף מיין בריוו, וואָס איך האָב אים די טעג געשריבן. און דו זאָלסט אים איבערגעבן, אַז בא אים אין דער היים איז נאָך דערווייל קיין שום נייס נישט פאָרגעקומען. זיין אסתר האַלט זיך נאָך. און נאָך אַ זאַך וועל איך דיך בעטן, בעלצע היקרה, אַז דו זאָלסט זיך האַלטן אַביסל ווייטער פון דיין קרובה, חוהלע טשאַפּניק. נישט מחמת דעם, וואָס זי האָט נישט קיין שיינעם נאָמען בא אונדז אויף די נאַלעווקים, — איך לאַך מיך אויס פון אַזעלכע זאַכן — נאָר גלאַט אַזוי, איך וויל נישט, מע זאָל דיך האַלטן אין מויל יעדער באַזונדער און מע זאָל אויף דיר טייטלען מיט די פינגער. ווייל אין מאַ־ריענבאַד, זאָגסטו דאָך אַליין, איז איצט אַ שטיק וואַרשע. די גאַנצע נאַ־

לעווקים האָבן זיך היינטיקן זומער, זאָגסטו, איבערגעטראָגן קיין מאַריענבאַד. קאָנסט פאַרשטיין, אַז בראָניע לויפערמאַן און לאהצע ברויכשטול, און אפילו יאַמאַיטשיכע מיט אירע טעכטער, זאָגסטו, זיינען שוין אויך אין מאַריענבאַד. הײַנט וואָס ווילסטו נאָך? באַדאַרפסטו דיך היטן פאַר זיי, ווי אין אַן אויג אַ שטאָך, וואָרעם זיי זיינען מסוכנע באַרייִדערנס! איידער אַרײַנפאַלן צו דער יאַמאַיטשיכע אין מויל אַרײַן, איז שוין בעסער אויסברעכן זיך אַ פּוס. אש־להבה! און וואָס גייט־אָפּ בראָניע־לויפערמאַן? און לאהצע ברויכשטול? וואָס איז מיט זיי די גדולה, וואָס זיי האָבן זיך אַוועקגעשלעפּט קיין מאַריענבאַד — ווייס איך ניט. מילא, לויפערמאַן האָט, זאָגט מען, געוווּנען הײַנטיקן יאָר אין דער לאָטעריע ,ווילט זיך אים פּטרן די עטלעכע רובל, אָבער ברויכשטול? ערשטענע וואָך איז ער געווען בא מיר נאָך אַ גמילות חסד, האָב איך אים אָפּגעזאָגט, ווי אַ טויטן. לײַען גמילות־חסדים און שיקן דאָס ווײַב קיין מאַריענבאַד — דערויף דאַרף מען שוין האָבן אַן עזות! און וואָס דו שרײַבסט מיר, בעלצע היקרה, איך זאָל אַכטונג געבן אין שטוב, זאָלסטו זײַן גאַנץ רויִק. דו דאַרפסט זען זיך נאָר קורירן און קומען אַהיים בשלום. ווײַטער וועט שוין אַלץ זײַן רעכט. און וואָס דו האָסט מורא פאַר שבע־רחלען, איז דאָס אַן איבעריקע זאַך. ערשטנס, האָסטו זי שוין וויפל מאָל אויסגעפּרוּווט, אַז זי איז אַן ערלעכע, עס מעג ליגן גאָלד. און צווייטנס, גיב איך טאַקע אַכטונג אויף איטלעכס ברעקל. נישט נאָר די צוקערפּושקע, אפילו דאָס ברויט איז בא מיר אונטערן שלאָס. און אָן געלט האָב איך אַליין אויך פײַנט נעמען אין די קלייטן. מיר האַנדלען טאַקע מיט ערלעכע לײַט, אָרנטלעכע מענטשן, נאָר פונדעסטוועגן זאָל זיך זיי זעצן אַזוי פיל מכות, וואָסערע גנבים זיי זײַנען. און ווײַטער בעט איך דיך, בעלצע היקרה, זאָלסט נישט זשאַלעווען קיין געלט און זאָלסט זיך דאָרטן אָנטאָן כל הפאַרגעניגנס מיט כל הוווילטאָגן אין דער וועלט, נאָר איין זאַך וועל איך דיך בעטן — אין די געוועלבן זאָלסטו נישט גיין און קיין מציאות זאָלסטו נישט האַנדלען. אַז דו וועסט קומען, אם ירצה השם, בשלום אַהיים, זאָג איך דיר צו, אַז איך וועל דיר קויפן אַלצדינג, וואָס דײַן האַרץ געלוסט. צו וואָס טויג דיר שמאַטעס, טישטעכער, נאָזטיכלעך — דו האָסט זיי קאַרג? צו וואָס דאַרפסטו אַ מאַשין אָפּ פּוטער שלאָגן? און ווו וועסטו זיך אַהינטאָן מיט אַ וואַנטזייגער? איך האָב מורא, בעל־

צע, אַז דו זאָלסט אַף דער גרענעץ נישט אַוועקלייגן, חלילה, דאָס גאַנצע געזונט, וואָס דו וועסט אָנזאַמלען אין מאַריענבאַד, און עס וועט זײַן אַרויסגעוואָרפן מײַן געלט, אַ חוץ וואָס דו וועסט נאָך האָבן בזיונות, ווי פאַר דרײַ יאָרן די מאַדאַם קאַראַלניק פון די נאַלעווקיס, וואָס האָט אויסגעזען אַף דער גרענעץ אַביסל צו גראָב, האָט מען זי געבעטן, מחילה, אין אַ באַזונדער חדר און אויסגעטאָן ביז דעם העמד און אָפּגעוויקלט פון איר העכער פיר הונדערט איילן זיידענע בענדער. פון דעמאָלט אָן האָט זי דאָס באַקומען באַ אונדז אַף די נאַלעווקיס דעם שיינעם נאָמען „די קאַראַלניטשקע מיט די סטענגעס".

זײַ געזונט און זע, למען השם, זאָלסט זיך מיר פאַרריכטן און קומען אם ירצה השם, געזונטערהייט אַהיים, ווי עס ווינטשט דיר באמת

בעלך שלמה קורלענדער.

.5

(חיים סאַראַקער פון מאַריענבאַד צו זײַן פרײַנט שלמה קורלענדער אַף די נאַלעווקעס אין וואַרשע.)

ליבער פרײַנט שלמה!

איך האָב דײַן ליבן בריוו דערהאַלטן. עס פרייט מיך זייער, וואָס דו שרײַבסט צו מיר אַזוי אָפּנטלעך, ווי צו אַן אמתן פרײַנט, און עס וועט מיך נאָך מער פרייען, אַז איך וועל דיר באַהילפיק זײַן מיט וואָס איך וועל נאָר קאָנען. אַז דײַן בעלצע קומט קיין מאַריענבאַד — דאָס האָב איך געוווסט נאָך איידער דײַן בריוו איז צו מיר אָנגעקומען. ווי אַרום און פון וועמען בין איך עס געוואָר געוואָרן? טאַקע פון דער מאַדאַם טשאַפּניק. ווי אַזוי? לאָס איך דיר אויסשרײַבן די גאַנצע מעשה אקוראַט, ווי אַזוי ס'איז געווען. ס'איז במילא נישטאָ וואָס צו טאָן, מע ווערט דאָ שיער נישט משוגע, וועל איך ווערן אַף אַ מינוט אַ שרײַבער. נאָר איין זאַך וועל איך דיך בעטן, שלמה, אַז אַלצדינג, וואָס איך וועל דיר שרײַבן פון דאַנען, זאָל זײַן בסוד. דערפאַר, וואָס דו האָסט זיך מיט דײַן בריוו פאַרטרויט אַף מיר, ווײַל דו האַלטסט מיך פאַר אַ בעל־סוד, פאַרטרוי איך פאַר דיר

אַזעלכע זאַכן, וואָס איך וואָלט זיי פאַר אַן אַנדערן נישט געטרויט, אַפילו פאַר מײַן אייגן ווײַב, און איך בין זיכער, אַז צווישן אונדז וועט דאָס בלײַבן.

קודם דאַרף מען דיר באַשרײַבן דאָס מאַריענבאַד, זאָלסט וויסן, מיט וואָס מע עסט דאָס און וואָס דאָס איז. אַהער קומען צו פאָרן מענטשן, וואָס גאָט האָט זיי געבענטשט מיט אַ סך פלייש. אַזעלכע מענטשן זײַנען די סאַמע אומגליקלעכסטע אויף דער וועלט. זיי ווילן עסן און טאָרן נישט. זיי ווילן גיין און קאָנען נישט. זיי ווילן ליגן, לאָזט מען זיי נישט! „איר דאַרפט גיין, וואָס מער גיין, מאַכן מאָציאָן — זאָגן די דאָקטוירים — איר דאַרפט אָפּנעמען, זאָגן זיי, וואָס מער אָפּנעמען"... „אָפּנעמען" הייסט אויף אונדזער לשון — פאַרלירן דאָס בײַכל, אַביסל אײַנדאַרן הייסט עס. און אויף „אָפּנעמען" איז פאַראַן איין מיטל — מאַריענבאַד. עס נעמט אָפּ, ווי מיט די הענט נעמט עס אָפּ! און וואָס איז דער חידוש? אַז עסן עסט מען דאָ מכות מיט בכורות, — דער דאָקטער לאָזט נישט עסן — און מע לעבט נאָר פון דעם, וואָס מע טרינקט אין דער פרי דאָס ביסל מים המאָררים, וואָס מע רופט דאָס „קרייצברונען". אַ טעם האָט דאָס וואַרע־מערהייט אַפּן ניכטערן האַרצן פון צען חלשותן, און אַז דו טרינקסט, דאַרפסטו שפּאַצירן, מאַכן מאָציאָן, ווי דער דאָקטער רופט עס אָן. און נאָך אַזאַ טרינקעכץ מיט אַזאַ מאָציאָן גלוסט זיך עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן; גייסטו אַהיים עסן, דערלאַנגט מען דיר „פרישטיק", נישט קיין עסן. וואָס איז דאָס פאַר אַן עסעניש, איך בעט דיך, אַז פלייש — נישט, אייער — נישט, זעמעלעך — נישט; אַ שאָל „קאַקע" מיט אַ סוכערל — אָט דאָס איז דער גאַנצער פרישטיק. און נאָכן פרישטיק הייסט ערשט דער אָדקטער גיין, מאַכן מאָציאָן, און ערשט דעמאָלסט באַקומסטו דעם רעכטן אַפּעטיט, און אַז עס קומט די צײַט פון וואַרעמעס, דאַכט זיך דיר אויס, אַז דו וואָלסט אײַנגעשלונגען אַן אָקס מיט די הערנער. זאָגט אָבער דער חכם, דער דאָקטער: „לאַ, פעטערשי! אַז איר וועט אַזוי אַכלען, זאָגט ער, וועט איר, זאָגט ער, אָפּנעמען אַ פײַג, נישט קיין פונט שמאַלץ, און וועט נישט פטור ווערן, זאָגט ער, פון אײַער טשעמאָדאַן ווי לאַנג איר וועט לעבן!"

הקיצור, ס'איז אַ גיהנם, וואָס זאָלסטו קלערן? איין שטיקל גליק, וואָס מע קאָן אָנפּײַפן דעם דאָקטער. ער הייסט עסן קדחת — קדחת עס

אַליין. ער הייסט גיין — גיי. מיר וועלן זיך בעסער אָוועקזעצן מאַכן אַ פּרעפערענסל. איז אָבער דער חסרון, וואָס נישט אַלע מאָל איז דאָ אַ דריטע האַנט. מוז מען מאַכן אין צווייען אַ זעקס־און־זעכציק. דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב עס נישט פֿײַנט. נאָר מיט וועמען קאָן מען דאָ שפּילן אין זעקס־און־זעכציק, אַז נישט מיט דער מאַדאַם טשאַפּניק? אוי, איז דאָס אַ מאַדאַם! וויפֿל דו קענסט בערל טשאַפּניק, איז ער אַ הונט אַקעגן זײַן ווײַב. ס׳איז, זאָג איך דיר, אַ מאַדאַם פֿון גאָט! שפּילן שפּילט זי דווקא נישקשהדיק. זי וועט פֿאַרשטעקן אין גאַרטל דרײַ מאַנצבילן. נאָר וואָס דען? זי האָט פֿײַנט פֿאַרשפּילן מיט סכנת־נפשות! און אַז זי פֿאַרשפּילט, צאָלט זי נישט: „נישקשה, זאָגט זי, איך בין, זאָגט זי, אַ בטוח, און פֿאַר נויט, זאָגט זי, וועט אײַך מײַן מאַן, זאָגט זי, באַצאָלן”. וואָס זאָגסטו אויף דעם צאָלער? וואָלט זי נאָר ליב געהאַט שפּילן אין זעקס־און־זעכציק, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה! איז אָבער דער חסרון — זי האָט ליב, מע זאָל מיט איר גיין שפּאַצירן איבער מאַריענבאַד. וואָלט דאָס שפּאַצירן אויך געווען נאָך צו דערלײַדן; איז אָבער דער חסרון, וואָס זי האָט פֿײַנט גלאַט אַזוי צו שפּאַצירן. שפּאַצירן הייסט בײַ איר — גיין איבער די געוועלבן, האַנדלען מציאות, אָפּנאַרן די דײַטשן — שמעקט דאָס שוין מיט אַ גמילות־חסד אויף אַ קורצע צײַט, דאָס הייסט, אויף צו פֿאַרפֿאַלן. אַ שלאַק, זאָג איך דיר, פֿון זײַן ליבן נאָמען! מע קאָן זיך גאָר פֿון איר נישט אויסבאַהאַלטן. און ווי אויף צו־להכעיס, בין איך דאָ איינער אַפֿן יריד. נישטאָ איין מאַנצביל פֿון די נאַלעווקים. סאַמע נקבות. דו האָסט דאָ בראָניע ליפּערמאַן, און לאַהצע ברויכשטול, די מאַדאַם שערענצים מיט דער מאַדאַם פּעקעלים. היינט די יאַמאַיטשיכע מיט אירע דרײַ איבערגעוואַקסענע מאַמזעלן, וואָס האָבן אַ שם אין מאַריענבאַד מיט זייערע יאָרן. זיי וואָלטן געווען גאַנץ פֿײַנע מאַמזעלן, ווען זיי זאָלן נישט האָבן די נעזער. אַ גערעט הײַנטיקן סעזאָן אין מאַריענבאַד אויף נאַלעווקער ווײַבער, און גלאַט אַזוי ווײַבער, ווײַבלעך, דאַמען, אָן אַ שיעור דאַמען! על־פּי־רוב זײַנען דאָס גראָבע ווײַבער פֿון ביאַליסטאָק, פֿון קעשענעוו, פֿון יעקאַטערינאָסלאַוו, פֿון קיעוו, פֿון ראָסטאָוו און פֿון אָדעס און פֿון דער גאָרער וועלט, וואָס קומען אַהער כלומרשט אויף דער „קור”, נאָר זייער גאַנצער מיין איז חתנים פֿאַר זייערע טעכטער, די צייטיקע מאַמזעלן. אָנגעטאָן גייען זיי אין זײַד און אין סאַמעט, טראָגן

העלדזער פּערל און פירן ארויס זייערע מאַמזעלן אַף דער אויסשטעלונג. ריידן ריידן זיי „קאַמעניצער דײַטש" און וואַרפן מיט אויגן אַף יעדן מאַנצביל, ווי איינער רעדט: „ביסטו אַ בחור, קום אַהער. ביסטו אַ באַ־ווײַבטער, זאָלסטו גיין אַהין, פון וואַנען דו ביסט געקומען"... ארום די דאָזיקע „מאַמעס" דרייט זיך אַרום, ווי אַ בין ארום האָניק, איינער אַ פּאַרשוין מיט אַ צילינדער, וואָס מע רופט אים סווירסקי. אָט דער סווירסקי — דאָס איז אַ ייִד אַ שדכן, אַ לאַנד־שדכן. אַליין איז ער אַפילו אַ אונדזעריקער, נאָר ער רעדט נישט קיין זשאַרגאָן, כאָטש גיב אים אַ קרענק. נאָר דײַטש. אַ שידוך איז בא אים — אַ „פּאַרטי", אַ חתן איז אַ „ברויטיגאַם"; „אײַער ווײַב" וועט ער דיר קיינמאָל נישט זאָגן, נאָר „אײַער פרוי געמאַהלין". איך זאָג דיר, דעם זיבעטן חן אָנצוקוקן, ווי די גראָבע מאַמעס מיט די העלדזער פּערל יאָגן זיך נאָך נאָך דעם הער סווירסקי, ריידן מיט אים „קאַמעניצער דײַטש", און ער באַרימט זיך פאַר זיי, וויפל „פּאַרטיען" ער האָט שוין אויסגעפירט אַף דער קור, און אַלע דורך ליבע! אונדזער יאַמאַיטשיכע פון די נאַלעווקים מיט אירע דרײַ טעכטער האָב איך באַגעגנט שוין עטלעכע מאָל אַרומשפּאַצירן מיט דעם הער סווירסקי, וואָס טוט נישט אויס דעם צילינדערהוט נישט שבת, ניט וואָך. גאָט מעג איר העלפן, מהכתיתי, איך ווינטש איר פונעם גאַנצן האַרצן, אַז סווירסקי זאָל איר קריגן אַ „פּאַרטי", דרײַ „פּאַרטיען" מיט דרײַ „ברויטיגאַמס", פאַר אַלע אירע דרײַ נעזער, עס מעג זײַן אָן ליבע, אַבי גיכער, וואָרעם ס'איז אַ סברא, אַז די ייִנגערע מעג זיך שוין אָפּ־שערן, וואָרעם זי איז שוין אריבער שלשים... און אַז מע זאָל צולייגן צו אירע יאָרן די יאָרן פון אירע צוויי עלטערע שוועסטער, וועט אינאיינעם, האָב איך מורא, כאַפּן עפּעס מער ווי אַ מאה... נאָר כאַפּט זיי בעניע. איך זע, ווי ווײַט מעגלעך, די יאַמאַיטשיכע אויסמײַדן, וואָרעם דו קענסט דאָך זי, וואָס פאַר אַ באַריידערן דאָס איז, אַ וואַנט מיט אַ וואַנט קאָן זי דיר צענויפפירן!

אצינד, אַז איך האָב דיר שוין אַביסל באַשריבן מאַריענבאַד, מעג איך דיר שוין באַשרײַבן, ווי אַזוי איך בין געוואָרן געוואָר, אַז דײַן בעלצע קומט צו פאָרן.

איך קום אַרויס נעכטן אין דער פרי צום „וואַדאָפּאָי", טרעף איך די מאַדאַם טשאַפּניק, מיט דער מאַדאַם לויפּערמאַן, מיט דער מאַדאַם

ברוויכשטול, מיט דער מאַדאַם שערענציס, מיט דער מאַדאַם פּעקעלים, מיט דער יאַמאַיטשיכע מיט אַלע אירע דריי נעזער, און נאָך ווייבער — הכלל, די גאַנצע מאַריענבאַדער נאַלעווקים. „גוט מאָרגן”, „גוט יאָר”. „ווי גייט עס?” „וואָס הערט זיך נייעס?” דערוויייל רופט זיך אָן צו מיר הווהלע טשאַפּניק: „ווייסט איר שוין, אַז מיר האָבן מאָרגן אַ גאַסט באַ אונדז אין מאַריענבאַד?” זאָג איך: „גאָט ליב אייך מיט אייער גאַסט. ווער איז?” זאָגט זי צו מיר: „אַנו, זייט אַ חכם און טרעפט”. „זאָג איך: „וואָס בין איך אייך פאַר אַ טרעפער?” זאָגט זי: „איך וועל אייך זאָגן אַ סימן”. זאָג איך: „אדרבה, לאָמיר הערן, זאָג איך, אייער סימן”. זאָגט זי: „נישט איין סימן, נאָר עטלעכע סימנים. ערשטנס, איז זי, זאָגט זי, אַ שיינע, דאָס שענסטע ווייבל פון אַלע נאַלעווקער ווייבלעך”. דאָס האָט שוין פאַרדראָסן, ווי איך האָב פאַרשטאַנען, אַלע איבעריקע דאַמען, וואָרעם זיי האָבן אַלע פיר זיך איבערגעקוקט מיט מאָדנע אויגן און גע־וואָרפן אַזאַ פייעריקן קוק אויף דער מאַדאַם טשאַפּניק, וואָס קאָן פאַר־ברענען אַ קליין שטעטל אין פּוילן; און די מאַדאַם טשאַפּניק מאַכט זיך, ווי זי זעט נישט, און רעכנט אויס די מעלות פונעם שיינעם ווייבל, וואָס קומט צו פאָרן צו אונדז קיין מאַריענבאַד. „טאָמער וואָלט געווען גענוג, זאָג איך צו איר, אויסרעכענען מעלות? אפשר ווייסט איר, זאָג איך, נאָך אַ סימן?” „דער אַנדערער סימן, זאָגט זי, — זי האָט אַ מאַן, וואָס איז עפּעס מער ווי צוויי מאָל עלטער פון איר, וואָרעם זי איז נאָך נישט אַלט, זאָגט זי, קיין צוואַנציק יאָר אפילו”.

דאָ האָבן אַלע איבעריקע דאַמען אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער: „אַ חוץ גויישע שבתים און יום־טובים!”... זע איך, אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק, רוף איך מיך אָן צו דער טשאַפּניק: „אפשר וואָלט גענוג געווען, זאָג איך, שאַרפן די צינגלעך, און זאָגן, זאָג איך, ווער איז דאָס ווייבל, וואָס קומט צו אונדז קיין מאַריענבאַד?” מאַכט צו מיר די טשאַפּניק: „שאַט, נאָך איין סימן, זאָגט זי, און אַן עק! זי איז, זאָגט זי, טאַקע מיינע אַ קרובה”. „אַזוי? — זאָג איך, — וואָס זשע דרייט איר אַ מוח? זאָגט, זאָג איך, אַז עס קומט צו פאָרן בעלצע קורלענדער קיין מאַריענ־באַד — און אַ סוף!” און עס גייט אַוועק אַ שמועס צווישן די דאָזיקע ווייבער וועגן דיין בעלצען, און מער פון אַלע, געוויינטלעך, יאַמאַיטשיכע. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, שלמה? איך קאָן עס גאָר אַזוי פיל נישט אַרויס־

שרײַבן און וויל עס גאָר אַפילו נישט איבערחזרן. דו דאַרפסט שוין אַליין פאַרשטיין, וואָס אַ יאַמאַיטשיכע קאָן זאָגן אַף דײַן בעלצען, און נישט אַזוי נאָך אַף בעלצען, ווי אַף דיר! עמעצער זאָל הערן, וואָלט ער זיכער מיינען, אַז דו האָסט איר קאַליע געמאַכט אַ יריד, אָדער אַ שידוך. אַ גליק, וואָס ס'איז אונטערגעקומען דער הער סווירסקי מיטן צילינדער און האָט אַוועקגערופן די יאַמאַיטשיכע אַף אַ סאָד, מסתמא וועגן אַ „פאַרטי" מיט אַ „ברויטיגאַם".

אָט אַזוי בין איך געוואָר געוואָרן פון דײַן בעלצען, אַז זי קומט צו פאָרן קיין מאַריענבאַד. און ערשט אַף דער נאַכט, אַז איך בין געקומען אַהיים, האָב איך געטראָפן דײַן בריוו. זייער רעכט, וואָס דו האָסט מיר געשריבן. זײַ זיכער, ליבער פרײַנט, אַז איך וועל מסתמא זען טאָן פון דײַנעטוועגן און פון אירעטוועגן אַלצדינג, וואָס דו בעטסט מיך. קאָנסט זיך שוין אַף מיר פאַרלאָזן. איך וועל נישט זשאַלעווען קיין טרחה און קיין צײַט צו שרײַבן דיר אַלע מאָל וואָס און ווען... דערפאַר דאַרפסטו אויך נישט פוילן זיך און שרײַבן אָפטער בריוולעך, וואָס הערט זיך עפּעס נײַס באַ אונדז אין וואַרשע. נאָר עפּעס פריילעכע נײַס זאָלסטו מיר שרײַבן. איך האָב פײַנט טרויעריקע בריוו. ממה נפשך: בין איך אַף דער קור, דאַרף איך פאַרגעסן פון אַלע צרות און פון אַלע אומגליקן. ס'איז גענוג די צרות, וואָס מע טראָגט אַ גאַנץ יאָר אין דער היים. וועסט מיר גלויבן, צי ניין? איך, אַז איך בין אין אויסלאַנד, לייען איך אַפילו נישט קיין בלאַט־צײַטונג. איך טו מיר מײַן זאַך בשלמות: איך עס און טרינק און שלאָף און גיי אַפּן שפּאַציר און „נעם־אָפּ" און שפּיל אַ פּרעפעראַנסל, אויב ס'איז דאָ אַ דריטע האַנט, אַנישט — איז אין צווייען אַ זעקס־און־זעכציק. און ווײַטער זיי געזונט. אם ירצה השם, מאָרגן, אַז דײַן בעלצע וועט קומען, וועל איך דיר מסתמא באַלד געבן צו וויסן פון אַלץ נאָך מער באַריכות. זיי נאָך אַ מאָל געזונט און מאַך גוטע געשעפטן, ווי עס ווינטשט דיר

דײַן בעסטער פרײַנט ח יי ם ס אָ ר אָ ק ע ר.

## 6.

(בעלצע קורלענדער פון מאריענבאד צו איר מאן שלמה קורלענדער אף די נאלעווקעס אין ווארשע.)

לבעלי היקר מוהר"ר שלמה נ"י.

איך קום דיר צו מעלדן, אז איך בין געקומען בשלום קיין מאריענבאד און האב געמיינט, איך וועל טרעפן אפן באנהויף חוהלע טשאפניק. לסוף לאזט זיך אויס, אז מיין קרובה האט מיין לעצטן בריוו פון בערלין נישט דערהאלטן. אזוי זאגט זי, נאר איך מיין, אז ס'א ליגן. זי האט מיין בריוו זייער גוט דערהאלטן, נאר זי האט קיין צייט נישט געהאט גיין מיך אפנעמען פון דער באן. זי איז פארנומען; זי שפילט גאנצע טעג אין זעקס און זעכציק. טרעף מיט וועמען? — וועסט קיינמאל נישט טרעפן, אפילו ווען דו זאלסט זיין מיט אכצן קעפ — מיט דיין גוטן פריינט חיים סאראקער. אך, ווען זיין אסתר זאל דאס וויסן! א פגירה וואלט איך זיך געריכט אף דיין גוטן פריינט! ער לעבט דאס דא א גוטן טאג, זאגט מען, ער באדט זיך דא, זאגט מען, ווי א קעז אין פוטער. דאס בין איך געוואר געווארן באלד, ווי איך בין געקומען, פון דער יאמאיטשיכע. איך האב געהאט די ערע זי צו באגעגענען אפן וואקזאל מיט אלע אירע דריי נעזעלעך. זיי האבן ארויסבאגלייט עפעס א יונגן מאן. אפנים, א חתן האט מען געפאנגען, מחמת עס האט זיך געשארט ארום זיי עפעס א בלאזנע פארשוין מיט א הויכן קוימען אפן קאפ, ווייזט אויס, א שדכן. קיין סך האט זי מיט מיר נישט געקאנט ריידן; פונדעסטוועגן האט זי צייט געהאט מיר איבערצוגעבן פעק מיט נייס פון אונדזערע נאלעווקער לייט אין מאריענבאד, וועלכע איך לאז איבער אף אן אנדער מאל. דערווייל וועל איך דיר באשרייבן די נסיעה פון בערלין קיין מאריענבאד.

נישט קיין גוטע נסיעה האב איך געהאט, און אלץ איבער וועמען? איבער דיר און איבער דיין קלאגן זיך, וואס דו באקלאגסט זיך אף די שלעכטע געשעפטן. איך האב געזשאלעוועט נעמען צווייטע קלאס און בין געפארן דעם גאנצן וועג דריטע קלאס, איז זייער נישט איינגענעמען. ערשטנס, איז ענג, נישטא וווּ צו זיצן, פון צוליגן זיך איז אפגערעדט. און אנגערויכערט איז ווי אין א באד. די דייטשן רויכערן אזעלכע מסו־

בענע ציגאַרן, וואָס פאַרהרגענען דעם קאָפּ. און צווייטנס, קוקט מען אַף דער גרענעץ אין צווייטן קלאַס גאָר אַנדערש, ווי אין דריטן קלאַס, כאָטש איך קאָן מיך נישט באַקלאָגן, אַז מע זאָל האָבן באַ מיר עפּעס אויסגעטרייסלט. נאָר פּחדים האָב איך געהאַט, וואָס איך קאָן דיר גאָר אַזוי פיל נישט אַרויסגעבן. איך האָב געמיינט, אַז צווישן בערלין און מאַריענבאַד איז נישטאָ קיין שום גרענעץ. זיי ריידן דאָך אַלע אַף איין שפּראַך, צו וואָס באַדאַרפן זיי אַ גרענעץ? צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז באַ זיי איז אויך דאָ אַ גרענעץ. און די דײַטשן האָבן אויך ליב קוקן און זוכן און נישטערן. האָב איך מיך איבערגעשראָקן ניט אַף קאַטאָוועס. און געשראָקן האָב איך מיך נישט אַזוי פאַר די איבעריקע זאַכן, ווי פאַר די שפּיצן. ווען איך וויים, אַז פון בערלין קיין מאַריענבאַד איז דאָ אַ גרענעץ, וואָלט איך מיך שוין מיט די שפּיצן אַנדערש באַוואָרנט. איך וואָלט זיי אַרײַנגעגייט אין דער געשטעפּטער קאָלדרע, אַזוי ווי די טשאַפּניק טוט אַלע יאָר. און איך, שטיא, בין געגאַנגען און האָב זיי פון דער גרינג אָנגעגייט אַף מײַנע אַלטע קליידלעך און אַרײַנגעלייגט זיי אין קויטיקן גרעט. פרעגט מיך דער דײַטש: „וואָס האַבען זיי היער?“ איז מיר אַנטלאָפן דאָס געזונט. גיי איך און עפן אים אויף דעם טשעמאָדאַן און זאָג אים: „אַלטע קליידער און קויטיקע גרעט“. הערט ער מיך אויס און ווײַזט מיר אָפּן צווייטן טשעמאָדאַן: „אונד וואַס האַבען זיי היער?“ גיי איך און עפן אים אויף דעם צווייטן טשעמאָדאַן, שפּרינגט נישט אַרויס דײַן שטרויענער קאַפּעלוש? איך האָב גאָר פאַרגעסן דיר שרײַבן, אַז איך האָב דיר געקויפט אַ שטרויענעם קאַפּעלוש באַ ווערטהיימערן אין בערלין, אַן עכטע פּאַנאַמע. טרעף, וואָס קאָסט זי? איך וועל דיר נישט אויסזאָגן, ביז איך וועל נישט קומען אַהיים. דו מוזט אַליין טרעפן, וויפל איך האָב באַצאָלט פאַר דײַן פּאַנאַמע. קורץ, אַז ס׳איז אַרויסגעשפּרונגען די פּאַנאַמע, בין איך געבליבן אַ געשטאָרבענע: ווי קומט יצו מיר אַ מאַנצבילשער קאַפּעלוש? פאַל איך אַף אַן עצה — איך וויים, אַז אַ דײַטש איז נישט איבעריק קלוג — און איך רוף מיך אָן צו אים אַף דײַטש: „דאָס איזט מײַן פּאַנאַמע, באַ אונדז אין ריסענלאַנד טראָגן אַלע דאַמען מאַנצבילשע פּאַנאַמעס“. ענטפערט ער מיר דערויף גאָרנישט ניט, און מאַכט צו מיר: „פירן זיי רוססישען טיי? האַבען זיי סיגאַרעטען?“ טראַכט איך מיר: „מײַנע צרות אַף דײַן קאָפּ! און

רופֿ מיך אָן צו אים, אַז מיט קיין טיי האַנדל איך נישט, און קיין סיגאַרעטן רייכער איך נישט. נעמט דער דײַטש און טוט אַ שטרײַך־איבער מיט אַ קרײַדל איבער אַלע מײַנע טשעמאָדאַנעס, פּעקלעך און קוישלעך, ווי איינער רעדט: כשר! דורכגעלאָזט הייסט עס. הײַנט גיי זײַ אַ נביא און טרעף, אַז דער דײַטש וועט בײַ מיר זוכן גאָר רוסישן טיי מיט רוכישע פּאַפּיראָסן! באַשערט געווען אומזיסטע פּחדים מיט אומזיסטע יסורים. ווען איך פֿאָר אָבער צווייט קלאַס, וואָלט דער איבערשרעק אויך נישט געווען, וואָרעם אין צווייטן קלאַס, זאָגט מען, גייט דער דײַטש נאָר דורך פֿאַרבײַ דעם וואַגאָן און פֿרעגט זיך נאָך, אויב ס'איז נישט פֿאַראַן בײַ עמעצן עפּעס צו צאָלן. און ווער איז שולדיק? טאַקע איך אַליין. אַז איך ציטער אויסברעכנגען דיר אַן איבעריקן גראָשן. זאָגן זאָגסטו מיר טאַקע גאָרנישט, נאָר אַז ס'קומט צום חשבון, האָסטו אַ טבע זיפֿצן און קרעכצן און געבן אָנצוהערענישן, אַז עס גייט אַוועק אַ סך געלט... איך בין מיך מחיה, וואָס איך האָב כאָטש אָנגעטראָפֿן אין בערלין אַ ביליקע סטאַנציע מיט אַן ערלעכער בעל־הביתטע. די פֿערלצווײַג האָט מיר דערלאַנגט פֿאַרן אָוועקפֿאָר, זאָלסט אָנקוקן, אַ חשבון, האָב איך געמיינט, איינס פֿון די צוויי: אָדער ס'איז אַ חלום, אָדער זי איז פֿונעם זינען. שטעל דיר פֿאָר: קיין גלאָז מילך רעכנט זי נישט. טיי און צוקער האָט זי פֿאַרגעסן. הערינג, רעטעכלעך, ציבעלקעס, לעבערלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן — דאָס ווערט אָנגערופֿן, זאָגט זי, „פֿאָרשמאַק". רעכענען רעכנט זי נאָר פֿאַרן עסן און פֿאַרן שלאָפֿן. ווײַטער גאָרנישט. און איבערלאָזן טרינקגעלט, ווי עס פֿירט זיך אין די האָטעלן, איז מען בײַ איר אויך פּטור, וואָרעם זי איז דאָך אַליין די דינסט און אַליין די בעל־הביתטע. איך זאָג דיר, נישט קיין האָטעל, נאָר אַ גן־עדן! נישט אומזיסט שטייען בײַ איר אַלע אונדזערע נאַלעווקער דאַמען... הײַנט דאָס ארויסבאַגלייטן מיך אַפֿן וואָקזאַל! נישט געלאָזט מיך אַפֿילו אַ געפּעק־טרעגער נעמען. אַלצדינג אַליין! און טאָמער איז דיר קאַרג, האָט מען מיר נאָך אונטערגעטראָגן אַ בוקעט פֿון פֿרישע בלומען! דאָס איז שוין געווען נישט פֿון איר, נאָר פֿונעם קאָמיסיאָנער, דעם אַלטן בחור דעם פּראָ־אָדם מיט די ווײַמפּערלעך, וואָס איך האָב דיר געהאַט געשריבן אין מײַן פֿריערדיקן בריוו. אָט אַ אידיאָט! גאָר פֿאַרגעסן דעם פּסק, וואָס ער האָט געכאַפּט פֿון מיר אַף דער פֿרידריכשטראַסע, טשעפּעט ער זיך צו מיר אַף מאָרגן,

איך זאָל אים זאָגן, אויפריכטיק, אויב ס׳איז אמת, וואָס ער האָט געהערט, אַז איך האָב אַ מאַן אַ זקן פון עטלעכע און אַכציק יאָר. פרעג איך אים: „אין אָדעס זײַט איר קיינמאָל נישט געווען?״ רופט ער זיך אָן צו מיר אויף ליטוויש (ער איז נאָך אַ ליטוואַק אויך צו די צרות): „וואָסי?״ זאָג איך: „אין אָדעס, זאָג איך, איז דאָ אַ טאָלמאַטשאָוו מיט אַ חלירע. איינס פון די צוויי וואָלט פאַר אײַך געווען, זאָג איך, נישט איבעריק״... מיינסטו אפשר, אַז ער האָט זיך געפונען באַליידיקט? זינט גאָט האַנדלט מיט שלים־מזלען האָט ער נאָך אַזאַ שלים־מזל נישט באַשאַפן. אַ סך ערגער פון די צוויי שלים־מזלען, וואָס דער אייבערשטער האָט מיר צוגעשיקט דערנאָך אין וועג, שוין זיצנדיק אין וואַגאָן דריטן קלאַס. נאָר פון זיי האָב איך כאָטש געהאַט אַ שטיקל נוץ. זיי האָבן מיר ביידע אָפּגעטראָטן זייערע פּלעצער, און איך האָב געקאָנט נישט נאָר זיצן, נאָר אַפילו לייגן זיך שלאָפן. האָב איך אָבער מורא געהאַט, טאָמער זײַנען זיי זשוליקעס. אַ קשיא אויף אַ מעשה? אַרויסגעגעבן האָבן זיי זיך אַפילו פאַר זייער פײַנע מענטשן. איינער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס לאָדזשער קאָמיוואָיאַזשער פון דרײַ פאַבריקן, און דער אַנדערער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ „סקלאַד אַפּטעטשנע״ אין לאָמזשע. רעכטע צוויי שלים־מזלען! מיך האָבן זיי נישט געוואָלט רופן „מאַדאַם״, כאָטש גיב זיי אַ קרענק, נאָר „פריילין״ און נאָר „מאַמזעל״! זאָג איך צו זיי: „פּשעפּראַשאַם, איך האָב שוין אַ מאַן״. זאָגן זיי: „פּשעפּראַשאַם, מיט וואָס וועט איר אונדז איבערצייגן?״ נעם איך און ווײַז זיי דאָס קידושין־פינגערל און רוף מיך אָן: „אָט דאָס איז אײַך ווינציק?״ נעמט איינער, דער וואָס איז אַ קאָמיוואָיאַזשער פון דרײַ פאַבריקן, בייגט זיך צו צו מיר, באַטראַכט דאָס פינגערל און טוט מיר אַ קוש אין האַנט. נעם איך און וואַרף אים אויף אַ פּאַטש. האָט דאָס געהאַט, זאָג איך דיר, דעם זיבעטן חן! פונדעסטוועגן מיינסטו, אַז זיי האָבן מיר נישט געהאָלפן אַרויסוואַרפן דאָס געפּעק פון וואַגאָן אין מאַריענבאַד? זיי האָבן אַפילו שטאַרק חשק געהאַט, איך זאָל זיי אויפגעבן מײַן אַדרעס אין מאַריענבאַד, האָב איך זיי געזאָגט, זיי זאָלן אַביסל צודאַרן. „אַז איך וועל מיך נאָך אײַך פאַרבענקען, זאָג איך, וועל איך אײַך געבן צו וויסן, זאָג איך, דורך אַ דעפּעש, אָדער דורך אַ שליח״...

אָט אַזוי, ווי דו זעסט, האָב איך געהאַט נישט קיין גליקלעכע רײַזע.

א רייזע פון פחדים מיט שרעק מיט בייזע באגעגענישן, א חוץ וואס איך בין א נאכט נישט געשלאפן, און דער קאפ טוט מיר ווי נאך איצט, און בין צעלאמעט, צעבראכן און מיד, און מחמת דעריבער שרייב איך דיר נאך פון מאריענבאד גארנישט. אז איך וועל מיך אויסרוען און ארומקוקן, ווו איך בין אין דער וועלט, וועל איך דיר שוין שרייבן פון אלצדינג. דערוויילי זיי געזונט, און גיב אכטונג אין שטוב, פארלאז דיך נישט אף שבע־רחלען. היים, זי זאל נאך א מאל ארויסנעמען אלע טעפי־כער מיט אלע מיינע ווינטערדיקע מלבושים מיטן רויכווארג, גוט דורכ־ליפטערן, נאך א מאל איבערשיטן מיט נאפטאלין. און איך שיק דיר דא מיין אדרעס, און זאלסט נישט פארגעסן, למען השם, מיר באלד ארויסשיקן געלט.

פון מיר דיין פרוי ב ע ל צ ע ק ו ר ל ע נ ד ע ר.

## 7.

חיים סאראקער פון מאריענבאד צו זיין ווייב אסתר סאראקער אף די נאלעווקעס אין ווארשע.

טייערע אסתר!

איך דאנק דיר פיל מאל, וואס דו שרייבסט מיר אזעלכע אפטע און גוטע בריוו. דו דארפסט וויסן, אז בא מיר איז נישטא קיין גרעסערער יום־טוב, ווי אז איך האב פון דיר א בריוו. די פאסט — דאס איז דאס איינ־ציקע שטיקל פארגעניגן דא, אין דעם וויסטן מאריענבאד. ווען נישט די פאסט, וואלט מען גאר משוגע געווארן. נישטא וואס צו טאן. נישטא מיט וועמען זיך צו באגעגענען. נישטא מיט וועמען א ווארט אויסצורעדן. און דאס מאריענבאד אליין, אזוי ווי עס איז געווען עטלעכע יאר צוריק, אזוי איז דאס פארבליבן. די אייגענע גראבע פעמפעקעס, וואס קומען אהער מיט זייערע פולע טשעמאדאנעס „אפנעמען", ווער א פוד און ווער צוויי. די אייגענע גראבע ווייבער מיט די העלדזער פערל, וואס קומען אהער מיט זייערע צייטיקע מאמזעלן זוכן חתנים, כאפן איידעמס. די אייגענע אפגעפוצטע דייטשן, וואס האלטן זיך פרימער פאר דער גאנצער וועלט

דערמיט, וואָס זיי טוען אָן דעם קאַפּעלוש צום עסן און גאָלן נישט די בערד אום ספירה. איין גאָט ווייס דעם אמת, ווי איך האָב זיי פֿײַנט, די דאָזיקע האַלבע ייִדן! אַפּנים, אַז אַ האַרץ פֿילט אַ האַרץ. אונדז, רוסישע, האָבן זיי פֿײַנט טאַקע נאָר אַזוי ווי חזיר, און אונדזערן אַן אָרעמאַן, אַ „שנאָרער" הייסט ער באַ זיי, וואָלטן זיי צעריסן אויף שטיק־שטיקלעך. דערפֿאַר האָבן זיי ליב אונדזער רוסיש געלט דאָס חיות. פֿאַר אַ רוסישן הונדערטער וועט דיר אַ דײַטש אָראָפּנעמען דאָס היטל פֿאַר אַ מײַל. אַ דײַטשער ייִד פֿאַרשטייט נישט, וואָס האָבן מיר זיך צו באַקלאָגן אויף „אונדזער לאַנד", וועלכע פֿאַרמאָגט אַזעלכע רובלען, וואָס מיר באַקומען פֿאַר זיי דרײַטהאַלבן קרוין, און אַ מאָל נאָך מיט אַ פּאָר העלער צוגאָב?...

אַן עבירה, אסתּר, וואָס איך בין נישט קיין שרײַבער. איך וואָלט דאָ געהאַט שטאָף צו שרײַבן און צו שרײַבן. און מער פֿון אַלעמען וואָלט איך באַשריבן אונדזערע נאַלעווקער ווײַבער, וואָס קומען פֿאָרן זיי אַריבער די גרענעץ, אַזוי ווערן זיי דאַמען און פֿאַרגעסן אונדזער וואַרשעווער לשון און הייבן אָן צו ריידן אויף דײַטש, אויף קאָמעניצער דײַטש. אַ סך, די וואָס פֿון אָדעס, ריידן נאָר אויף רוסיש. נאָר דאָס איז שוין איין מאָל אַ רוסיש!... הײַנט דאָס אָנטאָן זיך זייערס, דאָס וועלן זיך אויספּײַגען איינע פֿאַר דער אַנדערער מיטן הוט, מיטן שמוק און מיט די ברילאַנטן! זאָלסט זען, וואָס דאָ טוט זיך מיט זיי. די וועלט איז מיט זיי פֿול. די גאַנצע וועלט. אַז זיי קומען אַרויס אויפֿן פּראָמענאַד, אָדער אַז זיי קלײַבן זיך צענויף אין קאַפֿע „ענגערלענדער", טײַטן מען אויף זיי מיט די פֿינגער, וואָרעם זיי הייבן אויף אַזאַ געפּילדער און לאַכן אַזוי הויך, און קוויטשען אַזוי שטאַרק, גלײַך ווי זיי וואָלטן געווען באַ זיך אויף די נאַלעווקים.

מיט איינעם וואָרט, אסתּר, מאַריענבאַד האָט זיך אין די עטלעכע יאָר נישט אַ רוק געגעבן, זאָלסט זאָגן אויף אַ האָר. נאָך מײַן מיינונג, איז דאָס ייִדישע מאַריענבאַד אַביסל געפֿאַלן, זינט דער ענגלישער קעניג עדוואַרד איז נפֿטר געוואָרן. פֿאַר עטלעכע יאָרן, אַז איך בין געווען אין מאַריענבאַד, געדענק איך, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן מיט דעם עדוואַרדן, וואָס האָט געגעסן געפֿילטע פֿיש אין דעם גרעסטן ייִדישן רעסטאָראַן. ניט נאָר דער בעל־הבית פֿונעם רעסטאָראַן, אַ פֿעטער אויסגעפּאַשעטער דײַטש מיט אַ נאָז ווי אַן אוגערקע, האָט געהאַלטן פֿאַר אַ גדלות דאָס, וואָס ער

האָט זוכה געווען, אַז דער ענגלישער קעניג זאָל באַ אים עסן פיש, נאָר יעדער קורגאַסט, איטלעכער ייִד, האָט זיך געהאַלטן גרויס דערמיט, וואָס ער עסט דאָרט, ווו דער ענגלישער מלכות האָט געגעסן. עס זײַנען געווען ייִדן, וואָס האָבן געשריבן אַהיים און באַרימט זיך פאַר זייערע ווײַבער, אַז זיי עסן באַ איין טיש און כמעט פון איין טעלער מיטן ענגלישן מלכות, דעם באַרימטן אוהב־ישׂראל.. איצט איז אין מאַריענבאַד גאָר נישט דאָס. מע קאָן זאָגן, אַז עדוואַרד עליו השלום איז אָפּגעשטאָרבן פאַר די מאַריענבאַדער ייִדן אַ סך מער, ווי פאַר דער גאַנצער איבעריקער וועלט.

און ווײַטער, וואָס זאָל איך דיר שרײַבן נאָך, טײַערע אסתּר? איך שיק דיר דאָ אַ בריוו פון מײַן פרײַנט שלמה קורלענדער. געפעלט דיר, ווי דער שוטה ציטערט עס אַביסל איבער זײַן בעלצען? און וואָס זאָגסטו, וואָס ער צערעדט אַף בערל טשאַפּניק? אַז מע זאָגט, אַז די קורלענדער זײַנען אַביסל נישט דערזאָלצן, איז דאָס, אַפּנים, טאַקע אַן אמת. אָט אַ שוטה! ער מיינט, אַז איך האָב דאָ טאַקע נישט מער וואָס צו טאָן, נאָר אַכטונג געבן אַף זײַן בעלצען. טאָמער זײַנען דאָ קאַרג נאַלעווקער ווײַבער, נאַ דיר נאָך איינע! מיר דאַכט, אַז איין יאַמאַיטשיכע מיט אירע דרײַ טעכטער איז גענוג פאַר מאַריענבאַד, און באַשטייט שוין פאַר אַלע נאַלעווקער ווײַבער. מײַן גאַנץ גליק, וואָס איך האַלט מיך מיט די נאַלעווקער ווײַבער, און איבערהויפּט מיט ווײַבער, פון דער ווײַטן. איך האָב זיי איבערגעלאָזט פאַר דײַן שוואָגעריק. ער איז אַ קאַוואַליער. פאַר אים איז דאָס אַ שטיקל עסק... נאָר איך ווייס, דו האָסט פײַנט, אַז מע רעדט פון דײַן מאַירן, איז שאַ! כאַטש פּאָקרישקע!... הכלל, איך ווייס נאָר איין זאַך: בין איך אַף דער קור, דאַרף איך מיך קורירן, אנישט — וואָס האָב איך צו טאָן אין מאַריענבאַד? עס איז גענוג דאָס נודען וואָס מע נודעט זיך, און דאָס בענקען וואָס מע בענקט אַהיים. גאָט זאָל העלפן, עס זאָל שוין אַריבערלויפן די צײַט און איך זאָל שוין קומען אַהיים. דערווײַל קאָן איך דיר זאָגן, אַז איך טו נאָר דאָס, וואָס דער דאָקטער הייסט, אפילו אַף אַ האָר טרעט איך נישט אָפּ, ווי אַן ערלעכער ייִד פון שלחן־ערוך. און דער דאָקטער איז מיט מיר זייער צופרידן. ער האָפט, אַז איך זאָל איצטיקס מאָל אָפּנעמען נישט ווינציקער, און אפשר נאָך מער, ווי פאַר עטלעכע יאָרן. און וואָס איז דאָס חידוש? מיר דאַכט, אַז וואָס איך גיי־אויס דאָ אין איין טאָג, וועל איך נישט אויסגיין אין דער היים אין אַ

יאָר. אַ חוזק, וואָס איך ליג מיך צו אַמאָל נאָכן עסן אױף אַ האַלבע שעה, זײַ איך נישט אַפילו אַ מינוט. פון קאָרטן שמועסט מען נישט. איך האָב שוין נישט אָנגעקוקט קיין קאָרט אין די אויגן זינט איך בין פון וואַרשע. און עסן עס איך כמעט גאָרנישט. איך היט די דיעט אַזוי שטרענג, אַז דער דאָקטער אַליין וווּנדערט זיך. ער זאָגט, אַז די אַלע פעטע פּאַציענטן זײַנען, אויסער איך איינער, לײַדן פון דער אכילה. איך גיי מיט דעם גאַנג, אַז מע איז אױף דער קור, טאָר מען נישט נאָכגעבן דעם יצר־הרע. מיר זײַנען דיקן געווינט מיטן עסן אַ גאַנץ יאָר אין דער היים. וואָס? נישט אַזוי?

דו פרעגסט מיך, אסתר, וואָס איך טו גאַנצע טעג און מיט וואָס איך פאַרברענג די צײַט? וואָס זאָל מען טאָן אין דעם וויסטן מאַריענבאַד? אָדער מען איז באָס ברוגעז, אָדער מע מאַכט מאָציאָן, אָדער מע זיצט אין דער היים און מע לייענט אַ בוך. איך האָב קיינמאָל אַזוי פיל נישט געלייענט, וויפל איך לייען דאָ אין מאַריענבאַד. זעלטן־זעלטן מאַכט זיך, אַז איך קום אַרויס אין קאַפע „עגערלענדער", טרינקען אַ גלעזל טיי און לייענען אַ בלאַט־צײַטונג. קאָן איך אָבער דאָרט לאַנג נישט זיצן, איבער די גראָבע ווײַבער מיט זייערע טעכטער, וואָס די מאַמעס האָבן געבראַכט אַהער אױף דער אויסשטעלונג. איך דאַנק גאָט, וואָס מיר האָבן זין, נישט קיין טעכטער, וועלן מיר פאַרשפאָרן פירן זיי אַהער אױף דער אויסשטעלונג, אַז זיי וועלן אויסוואַקסן. קוש די קינדער, אסתר, און, למען השם, זאָלסט זיך זען מיטן דאָקטער נאָך אַ מאָל, ער צאָל דיר זאָגן אַקוראַט, ווען דו דאַרפסט אָפּוואַרטן... און זײַ מיר געזונט, און איך קוש דיך פיל מאָל, און לאָז גאָט געבן, זאָלסט מיך באַגליקן אין גיכן מיט אַ גוטער דעפּעש.

דײַן איבערגעגעבענסטער מאַן חיים סאַראַקער.

## 8.

(די יאַמאַיטשיכע פון מאַריענבאַד צו איר מאַן וועלוול יאַמאַיקער אױף די נאַלעווקיס אין וואַרשע.)

וועלוול! דו שרײַבסט, איך זאָל דיר שרײַבן נײַעס, שרײַב איך דיר, אַז ס'איז נאָך דערווײַל גאָרנישטאָ, וואָס צו שרײַבן. אָבער גאָרנישט

מיט גאָרנישט. און איך שרײַב דיר, וועלוול, אַז איך האָב מורא, אַז פון דעם מאַריענבאַד וועט נישט זײַן גאָרנישט. איך האָב די גאַנצע צײַט געטענהט, מע זאָל פאָרן קיין קאַרלסבאַד, נישט קיין מאַריענבאַד, וואָרעם אין קאַרלסבאַד, זאָגט מען, קומט צו פאָרן די גאַנצע וועלט. אין קאַרלסבאַד ווערן געשלאָסן, זאָגט מען, די גרעסטע שידוכים אין די טויזנטער. און דו האָסט דיך אָבער אײַנגעשפּאַרט, ווי אַ גוי, מאַריענבאַד, און דו, אַז דו שפּאַרסט זיך אײַן אַ זאַך, איז דען מעגלעך דיך איבערצושפּאָרן אַפילו מיט דרײַ פּאָר אָקסן? און איך שרײַב דיר, וועלוול, נאָך אַ מאָל, צו וואָס האָט מיר געטויגט אָט דאָס מאַריענבאַד, אַז מע זעט דאָ נישט קיין מאַנצביל אַף אַ רפואה? ווו מען וואַרפט אַ שטעקן, טרעפט מען אַ הונט, און ווו מע טוט זיך אַ קער, טרעפט מען אַ מאַדאַם מיט אַ מאַמזעל אַף חתונה צו מאַכן. און אַז מיך האָט גאָט געבענטשט, קיין עין־הרע, מיט דרײַ מאַמזעלן, וואָלט איך, דאַכט מיר, געמעגט זײַן אַף אַן אַנדער פּלאַץ, נישט אויסשטיין אַזאַ ביטערע קאָנקורענץ? און ווי אַף צו להכעיס, האָבן זיך הײַנטיקן זומער אַ לאָז געטאָן אַהער אַלע מיט זייערע מאַמזעלן, און אַלע שיטן זיי מיט נדן: צוואַנציק טויזנט, דרײַסיק טויזנט, פערציק טויזנט. מיט צען טויזנט וויל מען דאָ גאָרנישט הערן. אַ ליאַדע דאָקטערל, וואָס באַ אונדז אַף די נאַלעווקים וואָלט ער גענומען מיט בײדע הענט צען־פופצן טויזנט, הייסט זיך דאָ אָפּגילטן. און פון סוחרישן שטאַנד זײַנען אַצינד אויך געוואָרן מיט גאָלד גלײַך. און איך שרײַב דיר, וועלוול, אַז ס'איז דערווײַלע זייער נישט פריילעך, וואָרעם אָט דער כווירסקי, וואָס איך האָב דיר געשריבן, אָט דער לאַנד־שדכן מיין איך, האָט מיר געהאַט געבראַכט צו פירן דרײַ שטיקלעך סחורה. איינער פון זיי איז אַ לאָדזער פון לאָדז, זעט אויסעט אַ קראַנקער צו זײַן, וואָרעם אַז ער רעדט, רעדט ער ווי מיט אַ זאַדישקע, כאָטש אַזוי אַפן קוק איז ער אַפילו גאַנץ פײַן געקליידט, און האַלט זיך שיין, און ער זאָגט, אַז זײַן פאָטער האָט אַ פאַבריק אין לאָדז, דאָס הייסט, נישט קיין פאַבריק, נאָר אַ קליין פאַבריקל. און נדן גיט מען אים, זאָגט ער, צען טויזנט, און אַקעגן פאַרלאַנגט ער פינף און צוואַנציק טויזנט. און איך טענה מיט אים, מיטן וועלט־שדכן: „פאַר וואָסערע מעשים־טובים קומט אים דרײַ מאָל אַזוי פיל? דערפאַר וואָס ער זינגט אַזוי שיין?“ און ער ענטפערט מיר, דער וועלט־שדכן: „ערשטנס, איז פינף און צוואַנציק, זאָגט ער, נאָר דריט־

האלבן מאָל אזוי פיל, נישט דריַי מאָל אזוי פיל, און צווייטנס, זאָגט ער, דאַרפט איר בענטשן גומל, וואָס ער הייסט זיך נישט געבן, זאָגט ער, פינף מאָל אזוי פיל. איר זעט דאָך, זאָגט ער, וואָס היַינט טוט זיך מיט חתנים אין מאַריענבאַד! גיט מיר, זאָגט ער, דריַי טויז אזעלכע לאָדזער יונגע לײַט, וועט איר זען, זאָגט ער, אויב איך וועל זיי נישט פאַרצוקערן". האָסטו דיר איין מאָל אוועק. און איך שריַיב דיר, וועלוול, אז דער אַנ־דערער איז אַ ביאַליסטאָקער פון ביאַליסטאָק, אויך זייער אַ לײַטישער יונגערמאַן און אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער, נאָר שוין אַן אַלמן. דאָס הייסט, נישט קיין אַלמן, נאָר אַ גרוש, וואָרעם ער האָט ערשט נישט לאַנג, זאָגט ער, געגט זיך מיט אַ וויַיב. און אַז איך וויל מיך צעפרעגן: פאַר וואָס האָט ער זיך געגט? לאָזט ער מיך נישט ריידן, דער וועלט־שדכן, וואָרעם ער זיצט אקעגן מיר, דער וועלט־שדכן, פאַרבײַסט אַ ליפּ און ווינקט צו מיר, ווי אַ גזלן. און איך זאָג אים נאָכדעם, דעם וועלט־שדכן: „אין גאָ־טעס ווילן, זאָג איך, ווי קאָן איך אָנהייבן ריידן מיט אַ מענטשן, אַז איך ווייס נישט, זאָג איך, פאַר וואָס האָט ער זיך געגט? אפשר, זאָג איך, האָט זי אים געגט, נישט ער זי?" און ער ענטפערט מיר, דער וועלט־שדכן, אַז „ערשטנס זעט מען נאָכן יונגנמאַן, אַז ער האָט זי געגט, נישט זי אים. וואָרעם נישט אַזאַ יונגנמאַן, זאָגט ער, גט מען; און צווייטנס, זאָגט ער, אַז איר וועט אָנהייבן, זאָגט ער, אזוי צו גריבלען זיך, טאָמער אזוי און טאָמער אַזוי, קאָנט איר, זאָגט ער, פאָרן מיט אײַער סחורה, זאָגט ער, צוריק קיין וואַרשע אַף די גאַלעוווקיס". און איך זאָג צו אים: „זאָגט מיר, זאָג איך, וואָס וואַרפט איר מיר אויף, זאָג איך, די וואַרשע־ווער גאַלעוווקיס? איר מיינט, זאָג איך, בײַ אונדז קריגט מען נישט די סחורה?" „אַז מע קריגט, זאָגט ער, בײַ אײַך די סחורה, צו וואָס־זשע האָט איר באַדאַרפט זיך מטריח זיַין אזוי וויַיט, און נאָך מיט דריַי טעכ־טער דערצו?" אַ שייגעץ קאָן! בײַ אונדז אין וואַרשע וואָלט אַזאַ ייִד, ווי אָט דער סווירסקי, בײַ מיר געפלויגן פון די טרעפּ אראָפּ פיַיל אויסן בויגן, און דאָ האָט ער אָנגעטאָן אַ שוואַרצן קוימען אַפן קאָפּ מיט געלע הענטשקעס אַף די הענט און רופט זיך לאַנד־שדכן, און מע צערײַסט אים אַף שטיקלעך. און איך שריַיב דיר, וועלוול, אַז קיין סך ריידן טאָר מען דאָ נישט מיט אים, מיטן לאַנד־שדכן, וואָרעם ער איז בײַ זיך אַ גרויסער פּריץ. ער זאָגט, אַז בײַ אים גייען די שידוכים נישט אַפן שדכנישן אָרט,

נאָר דורך באַקאַנטשאַפט און דורך ליבעס. דאָס הייסט, פריִער טרעפט מען זיך אויף אין קאַפע „ענגערלענדער", אַזאַ גאָרטן מיט מוזיק און מיט טישלעך אַ סך. דאָרט ווערט געשלאָסן דאָס באַקאַנטשאַפט כלומרשט גאַנץ אומגערן, טאַקע דורך אים, דורכן לאַנד־שדכן. נאָכדעם באַגעגנט מען זיך באַם ברונעם, ווו מע טרינקט וואַסער, שוין אָן דעם לאַנד־שדכן. דערנאָך גייט מען אין טעאַטער אָדער אַף קאָנצערט, און קיין לאַנד־שדכן זעט מען אַליין נישט. און דאָרטן, אין טעאַטער אָדער אַפן קאָנצערט, קומט שוין דאָס פאַרליבעניש, און נאָכן פאַרליבעניש אַ פאַרלאָבעניש, און ערשט אַפן פאַרלאָבעניש וואַקסט־אויס דער לאַנד־שדכן און נעמט־אָפּ זײַן רח"ש. נאָר ווי דערלעבט מען דאָס שוין, רבונו של עולם? האָסטו דיר שוין צוויי חתנים. און איך שרײַב דיר, וועלוול, אַז דער דריטער איז אַ קעשענעיעווער פון קעשעניעוו. נאָר מיר האָבן אים נאָך רעכט נישט אָנגעקוקט, ווײַל ס'איז געווען באַנאַכט, און ער האָט זיך באַקאַנט מיט די קינדער אין טעאַטער. וועל איך דיר שוין שרײַבן פון אים אַן אַנדערס מאָל. און איך שרײַב דיר, וועלוול, קאָנסט דיר זאָגן וואָס דו ווילסט, מיר האָבן צו שידוכים קיין גליק נישט. אָט דער לאָדזער, וואָס פון לאָדז, האָט זיך מיישב געווען און איז פּלוצעם אָפּגעפאָרן פון מאַריענבאַד. דער פאָטער האָט אים, זאָגט ער, אַרויסגערופן קיין לאָדז. אַזוי זאָגט ער, דער לאַנד־שדכן. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ס'אַ ליגן. ער איז גאָר אַוועקגעפאָרן ערגעץ אין אַ סאַנאַטאָריע. און איך שרײַב דיר, וועלוול, ווי אַזוי איך בין געוואָר געוואָרן, אַז ער פאָרט אין אַ סאַנאַטאָריע, ניט קיין לאָדז. מיר זײַנען אַלע אַרויסגעקומען צו דער באַן, איך און די קינדער און דער לאַנד־שדכן, אים צו באַגלייטן, און גוט נאָכגעקוקט, אפשר פאָרט מיט אים דער לאַנד־שדכן אָנקוקן אַ כלה, אַ קשיא אַף אַ לאַנד־שדכן? און איך שרײַב דיר, וועלוול, אַז איך האָב גוט נאָכגעקוקט, ווי ער נעמט אים אַ בילעט, דער לאַנד־שדכן, האָב איך געהערט, ווי ער זאָגט צום קאַסיר: „באַדענוויילער". דאָס האָב איך גאַנץ גוט געהערט, איך בין נישט טויב. און איך זאָג צו אים נאָכדעם, צום לאַנד־שדכן: „איר האָט דאָך געזאָגט, זאָג איך, אַז ער פאָרט קיין לאָדז, צום סוף האָט איר אים, זאָג איך, גענומען אַ בילעט גאָר קיין באַדענוויילער?" און ער זאָגט צו מיר: „וואָסערע פלאָמען? וואָסער באַדענוויילער?" און איך זאָג צו אים: „איך האָב גוט געהערט, ווי איר האָט געזאָגט, זאָג איך, באַדענוויילער, איך בין

נישט קיין טויבע". און ער זאָגט צו מיר, דער לאַנד־שרכן: „אַ מאָדנע ייִדענע איר זײַט! ווייסט איר דען נישט, זאָגט ער, אַז באַדענווייַלער איז אַף יענער זײַט לאָדז?" און איך זאָג צו אים: „איר זאָלט שוין אַזוי זײַן, זאָג איך, מיט דער נאָז, ווי לאָדז האָט אַרום זיך אַ באַדענווייַלער. מסתמא האָט איר אים, זאָג איך, אָוועקגעשיקט, זאָג איך, קיין באַדענ־ווייַלער אָנקוקן אַ כלה, זאָג איך, זײַט זיך, זאָג איך, מודה, וואָס טויג אײַך הינטישע גענגג?" און ער צעלאָזט זיך, דער לאַנד־שדכן, און רופט מיך אוועק אַף אַ זײַט און דערציילט מיר דעם גאַנצן אמת, און שווערט זיך מיט אַזעלכע שבועות, אַז מע מעג גלייבן אַ משומד! אַז דער בחור איז נישט מיט אַלעמען, דאָס הייסט, חלילה, ניט קראַנק, נאָר אַזוי, זאָגט ער, אַביסל פיבער. האָבן אים די דאָקטוירים, זאָגט ער, אַפּגעשיקט אַף אַ קורצע צײַט קיין באַדענווייַלער אין אַ סאַנאַטאָריע, זאָגט ער. און איך שרײַב דיר, וועלוול, אַז איך האָב מיך נישט באַרויִקט ביז איך האָב מיך נישט צעפרעגט אַקוראַט דאָ אין מאַריענבאַד, אויב ס'איז אמת, אַז אין באַדענווייַלער איז פאַראַן אַ סאַנאַטאָריע. און עס לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז טאַקע אַן אמת. נאָר וואָס קומט אַרויס? דערווײַל איז געבליבן אין מאַריענבאַד מיט אַ חתן ווינציקער. און איך שרײַב דיר, וועלוול, אַז איך האָב באַגעגנט דאָ אַפּן באַנהויף הײַנט אין דער פרי אונדזער שלמה קור־לענדערס ווײַבעלע בעלצע, אויסגעסטראָצלט, ווי אַ כלה צום שלייער־וואַרעמעס. און אַפּן וואָקזאַל האָט זי אָפּגעוואַרט אונדזער מאַריאַמטשיקס זונדל פון אַדעס, מאַירל שאַרלאַטאַן; איך האָב אַליין געזען מיט מײַנע אויגן, איך בין נישט בלינד, ווי ער האָט זי אַרויפגעזעצט אַף דער פור. און איך האָב אַליין געזען מיט מײַנע אויגן, איך בין נישט קיין בלינדע, ווי זיי האָבן זיך א ו י פ ג ע ז ע צ ט ביידע אַף איין פור פאָרן אין שטאָט אַרײַן, איך זאָל שוין אַזוי זען מײַנע קינ־דער צו דער חופּה אין גיכע צײַטן, אָמן. און איך שרײַב דיר, וועלוול, אַז פון צווייטן חתן, דעם ביאַליסטאָקער פון ביאַליסטאָק, האָב איך דיר נאָך לעת־עתה גאָרנישט וואָס צו שרײַבן, ווײַל ער געפעלט מיר נישט דער־מיט, וואָס ער איז שוין באַקאַנט מיט דער טשאַפּניטשקע. ווי קומט ער צו דער טשאַפּניטשקע? מילא, אַז אונדזער חיים סאָראָקער פון די נאַ־לעווקים איז מיט איר אַ נאָענטער מחותן, שפּילט ער באָטש מיט איר אין זעקס־און־זעכציק גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט, אַז אַך און ווײ איז

צו חיימס ווייב, אסתרן מיין איך. אָבער וואָס גייט זיך אָן ער, א ביאַ־ליסטאָקער יונגערמאַן פון ביאַליסטאָק, מיט דער מאַדאַם טשאַפּניק? און איך שרייב דיר, ווערל, אַז איך קוק נאָך אַקוראַט נאָכן ביאַליסטאָקער פון ביאַליסטאָק, און וואָס איך וועל געוואָר ווערן, וועל איך דיר מסתמא שרייבן. דערווייל שרייב מיר, פאַר וואָס שרייבסטו מיר נישט פון דער היים, וואָס הערט זיך אין דער היים? און זייַ געזונט, און עס לאָזן דיר גריסן די קינדער גאָר פריינטלעך, און לאָז גריסן די איבעריקע קינדער גאָר פריינטלעך.

פון מיר דיין געטרייַע פרוי פּערל יאַמאַיקער.

.9

(שלמה קורלענדער פון די נאַלעווקיס אין וואַרשע צו זיין ווייב בעלצע קורלענדער אין מאַריענבאַד.)

לזוגתי היקרה מרת בעלצע שתחי'.

דיין בריוו, אַז דו ביסט געקומען בשלום קיין מאַריענבאַד, האָב איך מקבל געווען. א דאַנק גאָט, וואָס דו האָסט זיך אַרויסגעריסן פון דעם פאַרשאָלטענעם בערלין מיט די ווערטהיימערס מיט די שמייגערס די אַלטע בחורים מיט נאָך אַזעלכע לצים און ביסט אַריבערגעפאָרן גליקלעכערהייט די גרענעץ און ביסט דערפאָרן געזונטערהייט ביז מאַריענבאַד. טאַקע ממש נסים ונפלאות. אַלע יידן פאָרן קיין מאַריענבאַד — און מיט קיי־נעם טרעפן זיך נישט אַזעלכע גליקן, ווי מיט דיר. ערשטנס, וואָס האָסטו באַדאַרפט פאָרן דריטן קלאַס? דו זאָגסט, אַז דער גאַנצער חייב בין איך. פאַרשטייט איך נישט, ווי קאָנסטו זאָגן אַזאַ זאַך, אַז איך האָב דיר אָנגע־זאָגט אפשר טויזנט מאָל, אַז דו זאָלסט נישט זשאַלעווען קיין געלט אַף זיך. איך, אַז איך באַקלאָג זיך אַמאָל, למאַי עס גייט אַוועק איבעריקס, איז נאָר דעמאָלט, ווען מע ברענט געלט אַפן פייער, ווען מע ברענגט־אויס אַף דער רוח ווייס וואָס, אַף שמאַטעס, אָבער דאָרט, וווּ ס'איז שייך צו געזונט, שפּילט באַ מיר געלט לחלוטין קיין ראָלע נישט. א סימן, איך האָב דיך פאָרן אַוועקפּאָר, שוין אַפן וואָקזאַל אין וואַרשע, כמעט מיט גוואַלד

אָנגעהאָנגען אַז איבעריקן הונדערטער. קוים איינגעבעטן, זאָלסט אים נע־מען, הייַנט ווי קאָנסטו זיך אַף מיר באַקלאָגן, אַז איך זשאַלעווע דיר, חס ושלום, אַן איבעריקן גראָשן, אָדער אַז איך קוק דיר אַרייַן צו־שטאַרק אין חשבון אַרייַן? דו ווייסט גאַנץ גוט, בעלצע היקרה, ווי מיר איז טייַער דייַן געזונט, אַז איך קוק נישט אַף קיין זאַך, צי די לאָקאַטאָרן צאָלן דיהה־געלט צי נישט, צי איך בוי, צי איך בוי נישט, דאָס וואָס דו דאַרפסט — דאָס איז תמיד פאַראַן און דאָס וועט, אם ירצה השם, תמיד זייַן. און נאָך באַדאַרף איך דיר זאָגן, בעלצע היקרה, אַז איך בין דיך נישט חושד, חלילה, אַף אַ האָר. דו ביסט באַ מיר באַגלויבט פון דער ער־שטער שעה, וואָס איך האָב דיך דערקענט, און איך ווייס, אַז די אַלע שטיגוטערעס, מיט די שמייגערס, מיט די שאַרלאַטאַנעס, וואָס דרייען זיך אַרום סייַ דאָ אין וואַרשע (געדענקסט פאַראַיאָרן אין פאַלעניצע?), סייַ די, וואָס אין בערלין און אין וועג און אין מאַריענבאַד, וואָס זייַנען נאָך דיר די כפּרה, באַדאַרפן מיר אָנגיין, אַיינגעטלעך, פונקט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. איך ווייס, אַז דו האָסט זיי אַלעמען אין דער ערד, וואָרעם דו ביסט אַ ריינע כשרע נשמה און ביסט געטרייַ צו דייַן מאַן, צו וועלכן דו האָסט זיך איבערגעגעבן, ווייַל דו ווייסט, אַז ער איז דיר געטרייַ און איבערגעגעבן מיט לייַב און לעבן. על־כן קאָנסטו מיך נישט חושד זייַן אין קיין זאַך, אַז איך טראַג אַף דיר, חלילה, אַ שלעכטע מחשבה. גלייב מיר, איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז דער שאַרלאַטאַן, וואָס האָט געהאַט אַ פּאַטעפּאַלנאָסט אַ קוש געבן אין האַנט אַרייַן אַ פרעמד ווייַב, האָט דיך דערמיט נישט אָפּגענוצט, אַזוי ווי עס האָט דיר נישט געשאַדט דער פאַלעניצער שלים־מזל, וואָס האָט זיך מיר מודה געווען, אַז ער איז נאָך דיר די כפּרה.. אוודאי, ווען איך פאָר מיט דיר אין וואַ־גאָן, וואָלט איך מיט דעם לאָדזער קאָמיוואָיאַזשער פון דרייַ פאַבריקן אָפּגערעכנט נישט אַזוי ווי דו: איך וואָלט אים געבראָכן אַ ביין, אַז דער רוח וואָלט אים צוגענומען. ער וואָלט באַ מיר פאַרזוכט דעם טעם פון הלכות אשת־איש. עס איז מיר גאָר אַ חידוש אַף דיר, וואָס דו האָסט נישט אַרייַנגערופן דעם קאָנדוקטאָר און געהייסן אים אַרויספירן צו אַלדי שוואַרצע יאָר; נישט דערלאָזן, אַז אַזאַ עזות־מחוצף־פּנים זאָל דיר נאָך העלפן אַרויסוואַרפן די פּעקלעך פון וואַגאָן, אַז דו ביסט געקומען אַפן אָרט. צי, אַשטייגער, ווי דערלאָזטו, אַז אַזאַ שמייגער, ווי דער אַלטער

בחור פון בערלין, נאָכדעם וואָס ער האָט מיט דיר גערעדט אַזעלכע קלאָרע דבורים, אויף דער פרידריכשטראַסע, זאָל דיר אונטערטראָגן בלומען אַפּן וואָקזאַל? בײַ מיר וואָלט אַזאַ לעקיש געכאַפּט מיט די בלומען גלײַך אין פּנים אַרײַן. וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט דיר צו שענקען מתנות, אונטערטראָגן בוקעטן? פאַראַן בײַ אונדז אַ שפּריכוואָרט: „ווי דער מענטש נעמט זיך פאָר, אַזוי העלפט אים גאָט". איך מיין נישט, חס־ושלום, דיך באַליידיקן דערמיט. איך זאָג נאָר, אַז יעדער מענטש דאַרף זיך האַלטן אין דער מראה, היטן זײַן שטאַט, נישט דערלאָזן צו אַזעלכע סקאַנדאַלן, נישט דערלעבן זאָל בײַ מיר יענער שאַרלאַטאַן פון לאָדז, ער זאָל גאָר האָבן אַ השגה מיר צו געבן אַ קוש אין האַנט אַרײַן, אין אַ וואַגאָן, צווישן אַזוי פיל מענטשן! דאַנקען גאָט נאָך, וואָס ס'איז נישט געזעסן דערבײַ קיין היימישער פון די נאַלעווקיס, און גוט האָסטו געטאָן, וואָס דו האָסט זיי נישט געזאָגט דעם נאָמען דײַנעם, לאָזן די כּלבים כאָטש אַ מכּה וויסן, ווער דו ביסט. נאָר דאָס איז אַלץ פון די זאַכן, וואָס האָבן בײַ מיר קיין ווערדע. איך האָב דיר געוואָלט שרײַבן, בעלצע היקרה, וועגן אַן אַנדער זאַך. נאָר איך וועל דיך בעטן, אַז צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן. קיין פויגל טאָר נישט וויסן, וואָס איך שרײַב דיר דאָ. ס'איז אַ הייליקער סוד. מע האָט בײַ מיר כּמעט גענומען תּקיעת־כּף, אַז איך זאָל דיר וועגן דעם קיין חצי־דבור נישט שרײַבן. אַזוי איז די מעשה:

דו שרײַבסט, אַז אַפּן באַנהויף אין מאַריענבאַד האָסטו דיך באַגעגנט מיט אונדזער יאַמאַיטשיכע פון די נאַלעווקיס. הלוואַי וואָלסטו דיך מיט איר בעסער נישט באַגעגנט, וואָלט איך איצטער געוועזן אַ סך רויִקער און נישט געהאַט קיין חרפּות־בושות פאַר לײַטן. יאַמאַיטשיכעס מאַן באַגעגנט מיך הײַנט אויף גענשאַ־גאַס און מאַכט צו מיר אַזוי: „איך קאָן אײַך, זאָגט ער, אָפּגעבן, רב שלמה, אַ גרוס פון אײַער פרוי פון מאַריענבאַד". זאָג איך: „אַ דאַנק פאַר אַ גרוס. ווי קומט איר קיין מאַריענבאַד?" זאָגט ער: „נישט איך, זאָגט ער, מײַן פרוי איז איצט אין מאַריענבאַד, זאָגט ער, אויף דער קור, זאָגט ער, עס גייט איר, זאָגט ער, גאַנץ נישקשהדיק". „געלויבט דער אייבערשטער, זאָג איך; וואָס־זשע, זאָג איך, שרײַבט אײַך עפּעס אײַער פרוי פון מאַריענבאַד?" גייט ער און נעמט אַרויס אַ גרויסן בריוו, באַשווערט מיך פריִער מיט כּל השבועות, פאַר־

בייגט פון אויבן און באווייזט מיר, וואס אונטן שטייט, עטלעכע שורות, — איז מיר פינצטער געווארן אין די אויגן. זי שרייבט אים, יאמאיטשיכע הייסט עס, מיט דעם דאזיקן לשון (איך גיב דיר איבער אירע אייגענע ווערטער): „און איך שרייב דיר, וועלוול, אז איך האב באגעגנט דא אין מאריענבאד אפן באנהויף, שרייבט זי, הײַנט אינדערפרי אונדזער שלמה קורלענדערס צווייטע פרוי, בעלצע, אויסגעפוצט, שרייבט זי, ווי א כלה צו באדעקנס. און אפן וואקזאל האט זי אפגעווארט, שרייבט זי, אונדזער מאריאמטשיקס זונדל, מאירל שארלאטאן, און איך האב אליין געזען, שרייבט זי, מיט מײַנע אויגן, ווי זיי האבן זיך אויפגעזעצט ביידע, מאירל מיט בעלצען, אף איין פור, איך זאל אזוי זען, שרייבט זי, מײַנע קינדער צו דער חופה גיין“... נו, ווי געפעלט דיר אזא זאך? פארשטייט זיך, אז איך האב אים געזאגט, אז ס'א ליגן. „עס האט זיך אײַער ווײַב, זאג איך אים, אויסגעוויזן א קוצע קו פאר א בארנבוים. דאס האט געמוזט זײַן, זאג איך, נישט מאירל מאריאמטשיק, זאג איך, נאר מײַן פרײַנט חיים סאראקער, זאג איך, וואָרעם איך האב געשריבן, זאג איך, צו היימען, אז מײַן בעלצע, זאג איך, פארט די טעג קיין מאריענבאד“. אזוי האב איך געזאגט דער יאמאיטשיכעס מאן און אזוי האב איך טאקע בא מיר אליין אפגעפסקנט. נאר אז איך בין געקומען אהיים און האב איבערגעלייענט דײַן בריוו, ווו דו שרייבסט, אז דו האסט דיך טאקע באגעגנט מיט דער יאמאיטשיכע אין מאריענבאד אפן וואקזאל, און אז דײַן קרובה, הוהלע טשאפניק, זאגסטו, איז נישט ארויסגעקומען דיר אקעגן, וואָרעם זי איז געזעסן, זאגסטו, מיט חיים סאראקער, זאגסטו, און געשפילט, זאגסטו, אין זעקס־און־זעכציק, — ווײַבאלד אזוי, איז דאך יאוונע ויאסנע, אז דאס איז נישט געווען חיים, און ווי באלד נישט חיים, ווער־זשע דען איז דאס געווען?

איך קאן מיר גארנישט פארשטעלן, בעלצע היקרה, אז דאס זאל זײַן געווען מאירל מאריאמטשיק, וואָרעם דו ביסט מיט אים, האבט מיר, גארנישט אזוי נאענט באקענט. ובפרט דו אליין שרײַבסט, אז ער איז א שארלאטאן און זײַן חנצע ווערט בא אים אויסגעריסן. סײַדן דו האסט זיך מיט אים באקענט נאענט די לעצטע צײַט, טאקע בא חיים סאראקערס ווײַב אסתר? וואלסטו, האבט מיר, געמעגט דערציילן מיר אויך, אז דו האסט זיך באקענט מיט דעם תכשיט? אלא, אז דו האסט מיר נישט דער־

ציילט, איז א סימן, אז דו האסט זיך מיט אים נישט באקענט. און ווי־באלד דו האסט זיך מיט אים נישט באקענט, איז עס דאך געווען נישט ער. ווי באלד אזוי, פרעגט זיך נאך א מאל די אייגענע קשיא: ווער־זשע איז דאס געווען אט דער יונגערמאן, וואס האט דיך אפגעווארט אין מא־ריענבאד אפן וואקזאל, און פון וואנען האט ער געוווּסט, ווען דו קומסט צו פארן? איך מיין אבער, אז די גאנצע מעשה איז שקר וכזב, ווײַל עס שטאמט פון דער יאמאיטשיכע, על־כן בעט איך דיך, בעלצע היקרה, אויב ס'איז א ליגן, זאלסטו אף מיר קיין פאראיבל נישט האבן, וואס איך שרײַב דיר אזעלכע זאכן, וואס נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. און איך בעט דיר נאכאמאל און נאכאמאל, זאלסט זיך זען מיט מײַן גוטן פרײַנט חיים סאראקער און זאלסט בא אים נעמען געלט, ווען דו דארפסט און וויפל דו דארפסט, און למען־השם נישט זשאלעווען אף זיך און אף דײַן געזונט קיין שום געלט, און זאלסט דיר אנטאן כל הפארגעניגנס מיט כל הוווילטאגן שבעולם, און זאלסט מיר קומען, אם ירצה השם, אהיים געזונט און שטארק, ווי עס ווינטשט דיר

בעלך שלמה קורלענדער.

## 10.

(חיים סאראקער פון מאריענבאד צו זײַן פרײַנט שלמה קורלענדער אף די נאלעווקים אין ווארשע.)

ליבער פרײַנט שלמה!

אציגנד קאן איך דיר שוין שרײַבן נײַס פון דײַן בעלצען. זי איז שוין, ברוך־השם, אין מאריענבאד, און איך האב מיך שוין מיט איר געזען, אבער איך האב נישט זוכה געווען צו ריידן מיט איר מער, ווי צוויי מינוט, איבער אן אורזאכע, וואס ניט מײַן שולד איז געווען דערינען. נאר לאם איך דיר דערציילן אקוראט, ווי אזוי ס'איז געווען די מעשה. דו ווייסט דאך, אז איך האב ליב דערציילן א זאך, זאל עס זײַן דערציילט מיט אלע פישטשעווקעס.

ווי איך האב דיר שוין באשריבן אין מײַן פריערדיקן בריוו, איז מען

דאָ, אין מאַריענבאַד, כמעט דעם גאַנצן טאָג אין דרויסן אױפֿן שפּאַציר. טאָן טוט מען דאָך, ברוך־השם, קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, נאָר מע שפּאַנט אַרום הין און צוריק איבער די גאַסן, מע זעט דעם, מע זעט יענעם, מע גיט זיך אָפּ דעם גוטמאָרגן און מע גייט ווײַטער, גלאַט אַזוי, אָן אַ שום צוועק, נאָר מיט איין כּונה — מע זאָל „אָפּנעמען".

דערווײַל, אַזוי ווי איך גיי מיר הײַנט נאָכן וואַרעמעס איבער מאַריענבאַד און נעם־אָפּ, איך טו אַ קוק — מײַן ווײַבס שוואָגעריק, מאיר מאַריאַמטשיק, גייט מיר מיט עפּעס אַ שיין ווײַבל אונטער אַ מוראַדיק ברייטן הוט, גאָר חבר, מעשה קאַוואַליער, אונטער די הענט. מילא, וואָס מײַן ווײַבס שוואָגער קאָן גיין מיט ווײַבלעך — באַדאַרף איך דיר נישט דערציילן. מע קאָן אים אָף די נאַלעווקיס אויסגעבונדן. ווער ווייס נישט מאיר'ל שאַרלאַטאַן? מײַן שוועגער האָט זיך נעבעך געגנוג אויסגעבראַכט, ביז ער האָט קוים געקראָגן די מציאה פֿאַר זײַן מיזינקע. איך האָב באַלד געזאָגט צו מײַן אסתרן: „הערסטו, זאָג איך, אסתר, אָט דער בחור, זאָג איך, געפֿעלט מיר נישט. צופֿיל פֿראַנט, זאָג איך, און צו אַ גרויסער קנאַקער פֿאַר דײַן חנצען". איז זי דאָך אַ ייִדענע, זאָגט זי צו מיר: „אַז דו ביסט געוועזן, זאָגט זי, אַ בחור, ביסטו דען נישט געווען, זאָגט זי, אַזאַ קנאַקער? דו וואָלסט נאָך איצטער אויך געוועזן, זאָגט זי, דער אייגענער, נאָר..." „נאָר וואָס, זאָג איך?" „נאָר גאָר נישט, זאָגט זי, כאַטאַ פּאָקרישקע". און אַזוי ווײַטער, האַלבע ווערטער, ווי געוויינטלעך אַ ווײַב.

הקיצור, איך זע, מײַן שוואָגעריק גייט מיט אַ יפֿהפֿיה עפּעס זייער נאָענט, טראַכט איך מיר: רבונו של עולם! ווער זאָל זײַן אָט דאָס ווײַבל? עפּעס איז זי מיר אַזוי קענטלעך, נאָר בשום אופֿן קאָן איך מיך נישט דערמאָנען, ווער דאָס איז? פּלוצעם פֿליט מיר דורך אַ געדאַנק: שאַ, אפֿשר איז דאָס בעלצע? נעכטן איז דאָך געווען דער טאָג, וואָס דײַן בעלצע האָט באַדאַרפֿט קומען צו פֿאָרן פֿון בערלין. נאָר ערשטנס — וואָס פֿאַר אַ מחותן איז מיט איר מאיר'ל מאַריאַמטשיק? והשנית, וואָס עפּעס אונטער די הענט? ווען האָבן זיי זיך עס אַזוי גיך באַפֿרײַנדעט, אַז מע זאָל שוין גיין געאָרעמט? דערווײַל, אַזוי ווי איך שטיי און טראַכט — ויבוא המן: די יאַמאַיטשיכע מיט אירע אַלע דרײַ מאַמזעלן. „גוט מאָרגן". „גוט יאָר". „געפֿעלט אײַך דאָס פּאָרל?" „וואָסער פּאָרל?" „אײַער מאיר'ל מאַריאַמטשיק מיט שלמה קורלענדערס ווײַבל. אַ לעבן, ווי אונטערן באָד!" זאָג

איך: „ווי קומט ער צו איר?" זאָגט זי: „אַהאַ! איך האָב זיי נעכטן, זאָגט זי, געזעןביידן אַפן באַנהויף. עס ווייזט אויס, זאָגט זי, אַז ס'איז בא זיי געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך, וואָרעם פון וואַנען, זאָגט זי, ווייס איַער שוואָגער, ווען שלמה קורלענדערס ווייבעלע קומט צו פאָרן?"...
אזוי זאָגט יאַמאַיטשיכע און שיט, און שיט, ווי איר שטייגער איז. נאָר איך מיין, אַז דאָס איז מיין שוואָגעריק געוואָר געוואָרן פון דער טשאַפּ־ניק. די טשאַפּניק האָט אויסגעפּויקט איבער גאַנץ מאַריענבאַד, אַז דיין בעלצע קומט צו פאָרן, און באַוויזן אַלעמען די בריוו, וואָס בעלצע שרייבט צו איר פון בערלין. האָב איך אפילו חשק געהאַט אַרויספאָרן אַפן באַנהויף אָפּנעמען דיין בעלצען, נאָר איך האָב נישט געוווּסט, מיט וואָסער אַ צוג זי קומט אָן. און אגב האָט מיר די טשאַפּניק אַזוי פאַרדולט דעם קאָפּ נעכטן מיט איר זעקס־און־זעכציק, אַז אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געפּלאָנטערט דער „פּערציק" מיטן „צוואַנציק", און איך דעק און דעק... דערווייל האָב איך דורכגעלאָזט דיין בעלצעס אָנקומען, און מיין שוואָגעריק, ווייזט אויס, האָט דאָס דווקא נישט דורכגעלאָזט, וואָרעם ס'איז אַ סברה, אַז ס'איז טאַקע אַן אמת, אַז ער האָט זי געבראַכט צו פירן פון דער באַן. אַזוי ווייזט דאָס אויס. נאָר לאָמיר גיין כסדר, ווו מיר האַלטן. מיר האַלטן בא דער יאַמאַיטשיכע.

דערהערט פון דער יאַמאַיטשיכע, אַז דאָס איז בעלצע, האָב איך מיך באַלד גענומען פאַרענטפערן, אַז איך האָב קיין צייט נישט הערן לשון־הרע. איך באַדאַרף, זאָג איך, גיין, זאָג איך. דער דאָקטער האָט מיר געהייסן, זאָג איך, גיין. און לאָז מיך שוין אַביסל גיכער, גלייך נאָך זיי פון הינטן, און יאָג זיי מסתמא אָנעט שוין באַם אַריינגיין אין האָטעל אַריין — שטעל דיר פאָר, אַז זי שטייט טאַקע מיט אים אין איין האָטעל! דערויף האָב איך מיך שוין נישט געריכט... גלייב מיר, שלמה, ס'איז בלאָטע שבבלאָטע און אַלצדינג; מע שטייט אַמאָל אין איין האָטעל דער שוואַרץ יאָר ווייס מיט וועמען... נאָר פונדעסטוועגן איז דאָס מיר נישט געפעלן... ס'איז געזינטער, זי זאָל שטיין ערגעץ אַנדערש...

הקיצור. איך האָב דורכגעלאָזט אַ פּאָר מינוט, ביז זיי וועלן זיך אָפּ־געזעגענען און צעגיין. קום איך אַריין אין האָטעל גלייך צו דיין בעלצען, און מאַך מיך, גלייך איך ווייס גאָרנישט, גלייך ווי דו האָסט מיר גאָרניט געשריבן, אַז זי פאָרט קיין מאַריענבאַד: „ברוך־הבא, זאָג איך, אַ גאַסט!

וואָס מאַכסטו, זאָג איך, וואָס מאַכט דײַן שלמה? וואָס טוסטו, זאָג איך, באַ אונדז אין מאַריענבאַד? מאַכט זי צו מיר: „דאָס אייגענע, וואָס איר". זאָג איך: „אַף דער קור?" זאָגט זי: „אַף וואָס דען?" זאָג איך: „מיט אַזאַ פּנים?" זאָגט זי: „קיינער ווייס נישט, ווּעמען דער שוך קוועטשט". „ווּעלן מיר אפשר גיין, זאָג איך, אַביסל אָנקוקן מאַריענבאַד?" זאָגט זי: „אַ דאַנק, איך האָב שוין געזען גאַנץ מאַריענבאַד". זאָג איך איר: „אפשר ווילסטו עסן? אפשר דאַרפסטו אַ כשרן רעסטאָראַן? וועל איך דיך פירן". זאָגט זי: „אַ דאַנק, מע האָט מיך שוין געפירט". זאָג איך: „ווער?" זאָגט זי: „מאיר מאַריאַמטשיק". האָט דאָס מיר דערלאַנגט, ווי מיט אַ שאַרף פון אַ מעסער, גלײַך אין האַרצן אַרײַן: וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט דײַן בעלצען? ער באַדאַרף האָבן אַ זכיה, אַזאַ שאַרלאַטאַן, אַז זי ענטפערט אים אַף אַ גוט־מאָרגן, נישט אַרומגיין מיט איר איבער מאַריענבאַד, אַז ער זאָל זי פירן אין רעסטאָראַנען. פאַר מיר מאַכט נישט אויס. איך קען דײַן בעלצען, פאַרשטייסטו מיך, נישט פון נעכטן, און איך ווייס, אַז דײַן בעלצע קען אים. ווער קען נישט מאירל שאַרלאַטאַן? די גאַנצע מעשה — וואָס וועט די וועלט זאָגן? דאָ אין מאַריענבאַד, דאַרפסטו וויסן, קומען זיך צענויף מענטשן פון דער גאָרער וועלט, צום מיינסטן ליידיקגייער, וואָס קומען אַהער, ווי איך האָב דיר שוין געהאַט געשריבן, נישט מער נאָר אָפּנעמען. מע ווערט אויסגעריסן אין עושר און אין כבוד. דאָס הייסט, מע עסט און מע טרינקט און מע שלאָפט און מע פּוצט זיך אויס, און מע גייט שפּאַצירן, און מע קוקט, ווער מיט וועמען עס גייט, ווער מיט וועמען עס זיצט און ווער מיט וועמען עס לאַכט. דערזעט מען אַ שיין ווײַבל מיט אַן אויסגעפּוצטן יונגן מאַן, הייבט מען זיך אָן צו פרעגן: „ווער איז דער? און ווער איז די?" און מע הייבט אָן צו דערציילן מעשיות, מיט היסטאָריעס, מיט געשיכטעס, פונקט ווי באַ אונדז, אַף די נאַלעווקים: נעמט מען אַרײַן עמעצן אין מויל אַרײַן, מעג זיך שוין יענער אָפּגעזעגענען... און ווער שמועסט, אַז די יאַמאַיטשיבע איז דאָ אין מיטן — גו־נו! איך מיין נישט, חלילה, קיין זאַך; איך וואָלט נאָר וועלן, זי זאָל אויסמײַדן נישט קיין געווינטשטע באַקאַנטשאַפט מיט אַזעלכע לײַט, וואָס קאָן שאַדן איר און דיר און אײַךביידן... ובפרט נאָך דײַן בריוו, וואָס דו שרײַבסט מיר, איך זאָל אַף איר השגחה האָבן, האָב איך מיר געזאָגט: לאָז זיך זײַן, וואָס סע וויל זיך. ראשית

חכמה, דאַרף מען זען פאַר דײַן בעלצען אַן אַנדער סטאַנציע. פאַראַן אין מאַריענבאַד געגוג האָטעלס און געגוג מעבלירטע צימערן. זײַ זיכער, איך וועל זי שוין באַזאָרגן מיט אַ סטאַנציע, מיט אַ דאָקטער און מיט אַלעם. און געלט טאָמער וועט זי דאַרפן, וועל איך איר מיט פאַרגעניגן אויסלײַען, אַזוי ווי דו שרײַבסט מיר, נישט מיט אַ מאָל, נאָר צו ביסלעך. מעגסט זיך שוין פאַרלאָזן אַף מיר. איך האָב אויך אַ ווײַב און פאַרשטיי גאַנץ גוט. אַלע ווײַבער זײַנען אויסגעקנאָטן פון איין טייג. אַ ווײַב, זי מעג זײַן די קליגסטע, קוים גייט זי דורך פאַרבײַ אַ גרויסן פענצטער מיט אַן אויסשטעלונג פון שמאַטעס, גייט פאַרלוירן אינגאַנצן איר חכמה. דו דאַרפסט דײַן בעלצען דערפון, אייגנטלעך, גאָרנישט שרײַבן. מײַנע בריוו דאַרפן זײַן בא דיר, ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, אַ הייליקער סוד. זי באַדאַרף אפילו נישט וויסן, אַז מיר שרײַבן זיך דורך וועגן איר. פאַרלאָז דיך שוין אַף מיר, שלמה, דו האָסט דאָ אַ גוטן שומר אין מאַריענבאַד, וואָס ווייס ווו אײַן און ווו אויס, און וואָס זײַן נאָמען איז —

חיים סאָראָקער

.11

(וועלוועל יאַמאַיקער פון די נאַלעווקיס אין וואַרשע צו זײַן ווײַב פערל יאַמאַיטשיכע אין מאַריענבאַד).

לאשתי החשובה מרת פערל שתחי'.

דײַן מכתב האָב איך מקבל געווען. די טענה וואָס דו טענהסט אדות קאַרלסבאַד, אַז קאַרלסבאַד איז בעסער פאַר מאַריענבאַד, האָב איך דיר כמה וכמה מאָל געזאָגט, אַז קאַרלסבאַד טויג נישט איבער כמה וכמה טעמים. ראשית, איז קאַרלסבאַד, כפי איך פאַרשטיי מיט מײַן שכל הישר, אַ מקום פון חולאים, קראַנקע מענטשן מיט אמתע חולאתן, על־פי־רוב אַזעלכע, וואָס לײַדן על המאָגן. און דער שכל איז דאָך מתחייב, אַז דאָר־טן קאָנען נישט זײַן קיין חתנים, כי איך בין משער, אַז עס המאָגן האָבן צו טאָן עלטערע מענטשן, נישט קיין בחורים. והשנית, האָב איך גלאַט

נישט געהערט, אַז בקאַרלסבאַד זאָלן געשלאָסן ווערן שידוכים נכבדים, ווי דו זאָגסט. און דער, וואָס האָט דיר געזאָגט, אַז לקאַרלסבאַד קומט די גאַנצע וועלט, איז אָדער אַ שקרן אָדער אַ שוטה. און אַז איך האָב געזאָגט מאַריענבאַד, האָב איך געזאָגט מיט אַ טעם און מיט אַ שכל, כּי איך בין נישט משוגע און ווייס וואָס איך רייד. און הגם איך בין במאַריענבאַד בעצמי נאָך נישט געווען קיינמאָל, פאַרשטיי איך פונדעסטוועגן על פּי סברה, אַז דאָס מאַריענבאַד איז אַ מקום פון תענוג און פון מותרות. אהינצו פאָרן, הייסט עס, אַזעלכע מינים מענטשן, וואָס אָדער זיי פילן זיך, אַז זיי זיינען עטוואָס נישט בקו הבריאה, אָדער להיפך, זיי זיינען שוין צופיל בקו הבריאה, און זייער גאַנצע כוונה איז נישט מער, ווי אַ ביסל אָפּצערעווען זיך, ווי למשל אונדזער חיים סאַראָקער, וואָס איז אַ גרויסער בעל־בשר, אָדער אַזעלכע מינים מענטשן, וואָס ווילן גלאַט האָבן אַ נחת־רוח, אָנקוקן אַ וועלט וכדומה אַזעלכע תענוגי עולם. על־כן איז צווישן אַזעלכע מינים מענטשן בנקל צו געפינען אַ שידוך הגון אַ סך מער ווי במקום אחר.

און דאָס וואָס דו שרייבסט בנידון הדאָקטוירימלעך, אַז על הנאַלעווקים זיינען זיי בנמצא צו קריגן פאַר עשרת אלפים רו"כ, האָסטו, במחילה, אַ טעות גדול. די דאָזיקע סחורה איז אצלנו בוואַרשע די לעצטע צייט ווידער בחשיבות גדול, און אַזאַ דאָקטערל, ווי דו זאָגסט, הייסט זיך בזמן הזה משלם זיין כ' אלפים און ל' אלפים נישט ווייניקער, כּי דער שכל איז מתחייב: וואָס מער גזירות עס ווערן אַרויסגעגעבן, בעונותינו הרבים, אַף יידישע קינדער בהגימנאַזיעס והאוניווערזיטעטן וכו' וכו', ווערן דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן אַלץ טייערער און טייערער, און אויב די גזירות וועלן, חלילה, גיין נאָך ווייטער, — איז מי יודע ביז וואַנען עס קאָן דערגרייכן!

און וואָס דו שרייבסט מיר בנידון סוחרישע שידוכים, בין איך גם כן נישט מסכים מיט דיר, אַז ס'איז געוואָרן טייערער, רק איך מיין אדרבא דעם היפך, און דאָס איז אויך על־פי סברה און על־פי דרך הטבע, כּי ס'איז דאָ סוחרים לרוב בכל תפוצות ישראל. על כן זע איך נישט אַרויס מיט מיין שכל הישר, וואָס דו האָסט געהאַט צו יאָגן זיך אחר השידוך עם הלאָדזער פאַבריקאַנטל. לאָדזער פאַבריקאַנטלעך קאָן מען קריגן בכאן אויך. מע דאַרף נישט פאָרן נאָך אים למאַריענבאַד.

ובפרט, אַז ער איז נאָך נישט בקו הבריאה, איז אוודאי נישט כדאי דער גאַנצער ענין.

און וואָס שרײַבט מיר בנידון הביאַליסטאָקער, פּארשטיי איך גם כן נישט, וואָס דו ביסט זיך מפקפּק און קווײַנקלסט זיך. ממה נפשך, ווילסטו ווינסן, ווער האָט וועמען געגט: צי ער זי, צי זי אים, קאָנסטו דאָך מיר שרײַבן דעם נאָמען זײַנעם, וועל איך אַוועקשרײַבן אַ מכתב להקאָמיטעטן שלי בביאַליסטאָק, וועל איך געוואָר ווערן מכל דבר שורש. ס'איז מיר אַ חידוש, וואָס דו ביסט בעצמו נישט געפֿאַלן דער־רויף, כי די וועלט איז אָפֿן און וואַרשע מיט ביאַליסטאָק איז כמו ווי איין שטאָט.

אחרון אחרון חביב. וואָס דו שרײַבסט מיר בנידון הקעשעניעוו מקעשעניעוו, איז דאָס שוין אַף אַ שטיקל דרך, כי מבעסעראַביע געפֿעלט מיר בעסער, ווי פֿון דער ליטע. איך בין בעצמי אַ בעסעראַביער און עס ווילט זיך מיר אַ שידוך טאָן אויך מבעסעראַביע, ובפרט מקעשעניעוו, וואָס איז נישט ווײַט מכפר יאַמאַיקע, קאָן איך שרײַבן אַ בריוו צו מײַנע קרובים ביאַמאַיקע, זיי זאָלן חוקר ודורש זײַן אָפּן קעשעניעווער שדוך מקעשעניעוו. על־כן אבקש, דו זאָלסט מיר למען השם אַרויסשרײַבן דעם נאָמען מיט דער משפחה מיט כל דבר שורש, און דער אייבערשטער זאָל העלפֿן, ס'זאָל זײַן מיט הצלחה, כי ס'איז שוין צײַט... השם יתברך זאָל רחמנות האָבן און מיר זאָלן אַ שידוך טאָן מיט די טעכטער, וואָלט מען געקאָנט אינזינען האָבן די איבעריקע קינדער. לעת־עתה לערנט בני יעקב שיחי' זייער געשמאַק. ער איז זיך מכין צום עקזאַמען עם הרעפּעטיטער שלו, גאָט זאָל מיר העלפֿן, ער זאָל שוין איבערקומען בשלום, כי ער זעט אויס ווי אַ רוח. הגם איך ווייס נישט, וואָס וועט זײַן ווײַטער, אפילו אַז גאָט וועט העלפֿן, ער וועט שוין אָפּגעבן העקזאַמען שלו? נאָר איך שיהיה, אַז לערנען אין חדר נישט, און יִדישקייט נישט, לאָז ער האָבן, לפּחות, אַ שטיקל אַטעסטאַט, אפשר וועט דאָס אים צונוץ קומען. איך וואָלט אוו־דאי וועלן בעסער, אַז בני יעקב שיחי' זאָל זײַן אַ סוחר ווי כל ישראל. נאָר אַז ס'איז הײַנט אַזאַ וועלט פֿון סאַמע אַטעסטאַטן ודיפּלאָמען, לאָז ער אויך האָבן אַ שטיקל דיפּלאָם, לפּחות, פֿון זעקס קלאַסן. און בני מענדל שיחי' וויל שוין אויך נישט גיין אין חדר, און דאַוונען מאַן דבר שמהי! האָב איך גערעדט עם הלערער, זאָגט דער לערער, אַז ער נעמט

זיך אונטער פֿאַר צוויי יאָר אים מכין זײַן על ג׳ קלאַסן. ווייס איך נישט וואָס מע טוט, כי עס ווילט זיך מיר נישט אָפּרײַסן בני מענדל שיחי׳ פֿונעם חדר.

און וואָס דו שרײַבסט מיר בנידון שלמה קורלענדערס פּלוגית, האָב איך דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז לפֿי דעתי איז שלמה אַ משוגענער, וואָס האָט גענומען אַף דער עלטער אַ בתולה, און חוץ לזה איז ער אַ גרויסער בעל־עוולה אַקעגן די קינדער פֿונעם ערשטן ווײַב. רק איך וויל מיך נישט מישן אין פֿרעמדע ענינים. געגנוג די אייגענע צרות די והותר. דער פּדיון איז כעת זייער געשלאָגן מחמת ההיצן, וואָס זײַנען בכאן אַזוי גרויס, אַז ס׳איז אין לשער.

און וואָס דו שרײַבסט מיר בנידון דער טשאַפּניטשקע עם חיים סאָראָקער, האָב איך דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז חיים פֿאָרט למאַריענבאַד נישט לשם קוראַציע, נאָר לשם לעבן אַ גוטן טאָג און לשם אַ קערטל, כי ס׳איז ידוע, אַז ער האָט ליב אַ קערטל. און בערל טשאַפּניק איז שוין ווידער געווען אצלי וועגן אַ גמילות־חסד, און האָט מיר געגעבן אָנצוהערעניש וועגן שידוכים, אַז מע פֿרעגט זיך אָן אצלו פֿון כמה וכמה שטעט אַף אונדזערע טעכטער. גם ער האָט מיר איבערגעגעבן בסוד סודות, אַז ער האָט אַ צד בנוגע צום עקזאַמען פֿון בני יעקב שיחי׳, און ס׳איז ניכר פֿון זײַנע רייד, אַז ס׳איז דווקא קרוב לאמת, רק עס דאַרף קאָסטן געלט. האָב איך אים געזאָגט אַ תירוץ, אַז איך וועל דיר שרײַבן אַ מכתב און וועל אים געבן אַ תשובה אין עטלעכע טעג אַרום. דערווײַל האָב איך אים געפּטרט אָן אַ גמילות־חסד.

געדענק־זשע, וואָס איך שרײַב דיר בנידון הקעשעניעווער מקעשעניעוו, זאָלסט שרײַבן, למען השם, ווו עס האַלט, און דער עיקר — דעם נאָמען זײַנעם מיט דער משפּחה. און מחמת די היצן זײַנען זייער גרויס און קיין איבעריקע צײַט איז נישטאָ, על־כן בין איך מקצר. רק חיים ושלום. און איך לאָז דיר גריסן מיט די קינדער שיחי׳ גאָר פֿרײַנטלעך, און זאָלסט מיר שרײַבן אָפּטע בריוו מכל דבר שורש.

מאתי בעלך זאב וואָלף בר׳ מענדל יאַמאָיקער.

## .12

(בעלצע קורלענדער פון מאַריענבאַד צו איר מאַן שלמה קורלענדער אַף די נאַלעווקים אין וואַרשע.)

לבעלי היקר מוהר"ר שלמה נ"י.

דײַן בריוו האָב איך נאָר וואָס דערהאַלטן, און האָב אים צוויי מאָל דורכגעלייענט און האָב נישט געוווּסט, וואָס זאָל איך טאָן: צי זאָל איך לאַכן פון דײַנע נאַרישקייטן, צי זאָל איך וויינען אַף מײַן פינצטער מזל? זאָג אַליין, שלמה, דו ביסט דאָך עפּעס אַ ייִד אַ באַיאָרטער, אויב ס'איז נישט קיין געלעכטער די אַלע זאַכן, וואָס דו שרײַבסט מיר? מילא דאָס, וואָס דו זאָגסט מיר מוסר פאַר די „שמאַטעס", וואָס איך האָב אײַנגעהאַנדלט באַ ווערטהיימערן, לאַך איך פון דיר. באַ דיר איז אַלצדינג „שמאַטעס". פּאַראַיאָרן, געדענק איך, אַז איך האָב געקויפט אַף אַ ליציטאַציע אַ קאָלנער פון שוואַרצע פּיקס מיט אַ גריזשעטקע פון סויבלען, האָסטו אויך געזאָגט „שמאַטעס", ביז אַלע רויכווערגער האָבן דיר אים געשאַצט און געזאָגט, אַז ס'איז אַ מציאה פון אַ גנב דרײַ מאָל אַזוי פיל, האָסטו שוין אַליין דעמאָלט אויך מודה געווען. לאָם איך נאָר קומען געזונטערהייט אַהיים, וועסטו אַ קוק טאָן אַף די „שמאַטעס", וואָס איך האָב אײַנגעהאַנדלט, וועסטו אַליין זאָגן, אַז ס'איז אַ מציאה. נישמער, דו דאַרפסט מיר פריִער אויסקאָכן דאָס וואַסער. שוין אַזאַ טבע באַ דיר. און ווײַטער, וואָס דו האַלטסט מיך פאָר, לְמַאי איך האָב ניט אַ שמיץ געגעבן דעם בוקעט מיט בלומען דעם בערלינער בחור, אָדער דעם „שמייגער", ווי דו רופסט אים, אין פּנים אַרײַן, איז דאָס אויך נישט אַזאַ גרויסע חכמה, ווי דו מיינסט. דו ביסט, זאָלסט מיר קיין פאַראיבל נישט האָבן, אין די זאַכן שוין אַביסל אויסגעוועבט. דו ווייסט נישט, וואָס אין דער גרויסער וועלט טוט זיך. דאָ, אין אויסלאַנד, איז אײַנגעפירט, אַז אַ גאַסט פאָרט אַוועק, ער מעג זיך זײַן יאָ צופרידן, נישט צופרידן, אַפן וואָקזאַל אַרויסבאַגלייטן אים מיט בלומען — דאָס מוז מען. אין האַרצן מעג זיך יענער טראַכטן: „מיטן קאָפּ אין דער ערד", נאָר אַ בוקעט נאַ דיר. און אַז יענער איז אַזוי פײַן און איידל און טראָגט דיר אונטער אַ בוקעט, ער מעג זיך זײַן אַ שמייגער און אַ פּרא אדם און וואָס דו ווילסט, קאָנסטו

אבער נישט זיין קיין גרעסערער פרא־אדם און קיין גרעסערער שמייגער פון אים און דארפסט דעם בוקעט אננעמען, און מיט א שמייכל דערצו, און נאך זאגן: „דאנקע שען"... יא, שלמה, אט אזוי פירט זיך עס אף דער וועלט; מע קאן שוין היינטיקע יארן נישט אויסקומען מיט דעם שכל, וואס אמאל.

און ווייטער, וואס דו זאגסט, אז דו וואלסט געבראכן א ביין דעם שלים־מזל דעם קאמיוואיאזשער, וואס אף דער באן, האב איך שוין טאקע גאר גוט געלאכט. פאר וואס, אייגנטלעך, קומט אים, מע זאל אים ברעכן די ביינער? מיט וואס האט ער דא אזוי חוטא בעגל געווען? דערמיט, וואס ער האט זיך אנגערירט מיט די ליפן צו א שפיץ פינגער פון מיין האנט, האט ער מיר אפגעביסן? ובפרט, אז איך האב דיר אליין געשריבן, אז ער האט געכאפט פון מיר א פאטש, היינט וואס נאך ווילסטו? דער גאנצער עיקר בלייבט איבער איין זאך: למאי איך בין געפארן מיט מאיר מאריאמטשיקן איבער מאריענבאד, איך וויים נישט אויב פופצן מינוט, פונעם באנהויף ביז דער שטאט? ווי איז מיר, וואס דא טוט זיך! וואס וואלסטו שוין געזאגט, זאלסט זען, ווי אונדזערע נאלעווקער צנועות, די שערענצים מיט דער פעקעלים, שפאצירן דא ארום פראנק און פריי מיט ווילד־פרעמדע יונגע לייט, און נאך באנאכט דערצו? אדער, אשטייגער, למשל כדומה, וואס וואלסטו געזאגט, ווען דו זאלסט הערן, וואס מיין קרובה, חוהלע טשאפניק, דערציילט זיך אן פון אסטענדע, — זי איז שוין געוועזן צוויי מאל אין אסטענדע — ווי אזוי דאמען באדן זיך דארטן אינאיינעם מיט מאנצבילן אין איין ים, אפילו ניט איבערגעצאמט פון יוצא וועגן מיט ברעטלעך, ווי בא אונדז, נאר טאקע פראסט און פשוט, אינאיינעם געפאליאסקעט זיך, אינאיינעם געשווומען און אפילו פאר די הענט געהאלטן זיך? מער נישט, מע ציט ארויף, זאגט זי, אף זיך אזעלכע קאסטיומען, קורצע לייבקאלירענע הויזלעך, וואס זיינען געמאכט געווארן, זאגט זי, פאר מאנצפארשוינען און פאר פרויענצימערס לכתחילה אף צו באדן זיך אין זיי? ס'איז היינט אן אנדער וועלט, שלמה, א וועלט אן אפענע און א פרייע. דו אליין האסט מיר געזאגט וויפל מאל, אז נישט די איז א צנועה, וואס טראגט א פאריק, און נישט די איז א הולטייקע, וואס גייט אין אייגענע האר. היינט ווי קומט דאס, אז דו זאלסט אזעלכעס שרייבן?

דו פרעגסט אַ קשיא: ווי קומט אָט דער שאַרלאַטאַן מאַריאַמטשיק אַפֿן וואָקזאַל אין מאַריענבאַד, און פֿון וואַנעט האָט ער געוווּסט, אַז איך קום צו פֿאָרן? אַוודאי איז דאָס אַ קלאָץ־קשיא. נאָר וואָס דען? איך זע, אַז דו ווייסט נישט, וואָס הייסט מאַריענבאַד. דו מיינסט, אַז מאַריענבאַד איז מאַריענבאַד? מאַריענבאַד איז באַרדיטשעוו, מאַריענבאַד איז וואַרשע, מאַריענבאַד איז די נאַלעווקים. מע ווייסט דאָ איטלעכער, וואָס באַ יענעם קאָכט זיך. וואָלסט הערן, וואָס די יאַמאַיטשיכע דערציילט זיך אָן פֿון בראָניע לויפֿערמאַן, פֿון לאַהצע ברויכשטול, און פֿון דער שערענצים, און פֿון די פּעקעלים; צי, אַשטייגער, דו זאָלסט הערן, וואָס זיי אַלע ריידן־אויס אַף דער יאַמאַיטשיכע מיט אירע טעכטער און מיט די שדוכים און מיט די חתנים — די האָר שטעלן זיך קאַפּויר! אַנו, לאָז עמעצער אַרויסלאָזן אַ וואָרט ערגעץ באַם ברונען, אָדער אין אַ קאַפּע, אָדער אין רעסטאָראַן, אַזוי ווערט עס צעטראָגן איבער גאַנץ מאַריענבאַד. אַשטייגער, אַז איך בין געווען אין בערלין, האָב איך געהאַט געשריבן צו מײַן חווהלע טשאַפּניק, אַז איך פֿאָר קיין מאַריענבאַד, האָט אַפֿן אַנדערן טאָג געוווּסט גאַנץ מאַריענבאַד פֿון איין עק ביזן אַנדערן, ווען איך קום, מיט וואָסער אַ צוג, אין וואָסער אַ שעה, און אַפּילו וואָסער אַ היטעלע איך וועל טראָגן. ער שפּילט זיך מיט מאַריענבאַד! און אַזוי ווי מײַן קרובה איז געווען יענעם טאָג, ווי איך האָב דיר שוין געשריבן, שטאַרק באַשעפֿטיקט מיט דײַן גוטן פֿרײַנט חיים סאָראָקער (זיי האָבן געשפּילט אין זעקס־און־זעכציק), און אַזוי ווי מאיר מאַריאַמטשיק איז יענעם טאָג גראָד געווען אַפֿן וואָקזאַל, אַרויסגעשיקט, זאָגט ער, זייער אַ נייטיקן בריוו קיין אָדעס, דערווײַל האָט ער דערזען אַ באַקאַנטע דאַמע (מיך טאַקע) שטייט מיט פּעקלעך, מיט פֿידעלעך און מיט טשעמאָדאַנעס איינע אַליין אַפֿן וואָקזאַל, — איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און רופֿט זיך אָנעט אַף זײַן אָדעסער לשון, האַלב גוייִש, האַלב ייִדיש: „אויב איך אָשיבאַיע זיך ניט, זײַט איר, דאַכט זיך, מײַנע אַ זעמליאַטשקע, אַ וואַרשעווערן פֿון די נאַלעווקים?” ענטפֿער איך אים אַף זײַן לשון: „עס קאָן זײַן, אַז איר אָשיבאַיעט זיך נישט”... ווערט ער פֿריילעך און מאַכט צו מיר: „אויב איך אָשיבאַיע זיך נישט, האָב איך אײַך ווסטרעטשאַיעט באַ דער מאַדאַם סאָראָקער אַף די נאַלעווקים?” זאָג איך אים נאָך אַ מאָל: „עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז איר אָשיבאַיעט זיך נישט”. פֿוילט ער זיך נישט און מאַכט

צו מיר נאך א מאל: „אויב איך אשיבאיע זיך נישט, דארפט איר זיין די צווייטע פרוי פונעם הערר קורלענדער?״ ווער איך שוין בייזלעך און רוף מיך אן צו אים: „וואס טויג מיר, צי איר אשיבאיעט זיך יא, צי איר אשיבאיעט זיך נישט? איר טוט בעסער א קוק, זאג איך, ווי איך שטיי דא מיטן געפעק אין דרויסן, אין מיטן מאריענבאד, נישטא קיין טרעגער, נישט קיין רוח און נישט קיין שווארץ יאר״... איז ווי איך האב נאר אויסגערעדט די דאזיקע ווערטער, אז מיין חברה־מאן טוט זיך נישט א ווארף, פירט מיר צו א טרעגער, דינגט א פיאקער און זעצט מיך ארויף, און אליין זעצט ער זיך אויך אוועק מיט מיר פארן אין שטאט אריין, — זאל איך אים זאגן: „פעטער, גייט צו־פוס?״... נישמער איין זאך, איך האב געמיינט, אז די יאמאיטשיכע, וואס איז דעמאלט געווען, ווי איך האב דיר געשריבן, אפן וואקזאל, זעט נישט — ארויס זאלן איר די אויגן! נאר לאמיר שוין זאגן אפילו, אז גאנץ מאריענבאד, דאס הייסט אלע וואַרשעווער נאלעווקים, האבן אונגדיז געזען פארן — נו, איז וואס? ווי וואלט געווען, למשל כדומה, ווען אפן באנהויף זאל געווען זיין, ווי דו האסט געוואלט, דיין פריינט סאראקער, נישט מאריאמטשיק, און איך וואלט מיך אויפגעזעצט מיט אים פארן אין שטאט אריין, וואלט דיר שוין געווען גרינגער? חיים סאראקער איז נישט קיין וואַרשעווער און ניט קיין באוויַבטער? וואס־זשע האט עס דיר אזוי אויפגעקאכט, אז דו זאלסט מיר פארצאפן דאס בלוט אומזיסט־אומנישט און מאכן אזוי, אז איך זאל איבער דיר זיך אוועקזעצן וויינען און אפוויינען דריי שעה דורכאנאנד? דערויף בין איך געפארן קיין מאריענבאד, אויסגעבראכט אזוי פיל געלט, איך זאל אוועקלייגן דא דאס איבעריקע ביסל געזונט איבער דעם, וואס דיר וועלן זיך פלאנטען אין קאפ נארישע מחשבות און געדאנקען?

ניין, שלמה, פון דיין בריוו באדארף מען נישט וויינען, נאר לאכן, אזוי ווי איך האב געלאכט פאראיארן אין פאלעניצע — בעת דו ביסט אנגעפאלן אף דעם מאנופאקטוריסט דערפאר, וואס ער האט זיך ארויסגעכאפט מיט א ווארט און געזאגט, אז ער געפינט, אז איך בין שענער פון אלע וואַרשעווער וויַבלעך אין פאלעניצע. דו ביסט דאך גרייט געווען, געדענקסטו, דעמאלט אים דורס זיין. פאר וואס? פאר ווען? האסטו דען אליין נישט מודה געווען נאכדעם, אז ס'איז געווען פון דיר א גרויס נארישקייט? און איצט אין בריוו שרייבסטו דען נישט, אז דו

הערסט זיי, ווי דעם פּאַראַפּאַריקן שניי? בײַ דיר איז תּמיד אַזוי: פריִער זאָגסטו, און דערנאָך האָסטו חרטה. דו אַליין שרײַבסט מיר, אַז איך זאָל נישט איבעררײַסן קיין זאַך, אַז דו האָסט נישט, חלילה, אויף מיר קיין זײַטיקע מחשבות, און נאָך אַזעלכע זאַכן, און וואַרפסט מיר אויס אַלע מאָל אָן אַנדער הטא, און פאַרשאַפסט מיר דערמיט נאָר עגמת־נפש, אַזוי, אַז עס גייט מיר נישט אײַן די קור, און צום סוף זאָגסטו נאָך, איך זאָל זען למען השם זיך פאַרריכטן און קומען בשלום אַהיים. ווי קאָן מען זיך פאַרריכטן, אַז מע האָט אַזעלכע בריוו פון דיר? עס גייט מיר דען אײַן, וואָס איך עס און וואָס איך טרינק און וואָס איך קויף מיר, אַז דו ציילסט יעדן גראָשן, און וואַרפסט מיר אויס שמאַ־מעס מיט שמאַטעס?

איך בין אַזוי אויפגערעגט און נערוועז פון דײַן בריוו, שלמה, אַז איך קאָן דיר מער נישט שרײַבן. און די בערלינער פּראָפעסאָרן האָבן מיר אָנגעזאָגט אויסדריקלעך, אפשר הונדערט מאָל, איך זאָל מיך נישט ערגערן. איך זאָל עסן, זאָגן זיי, און טרינקען און שפּאַ־צירן גיין און זײַן רויִק. אין מאַריענבאַד דאַרף מען זײַן, זאָגן זיי, רויִק, נישט נערוועז, אַנישט איז אַרויסגעוואָרפן, זאָגן זיי, די גאַנצע קוראַציע מיטן גאַנצן מאַריענבאַד.

מער קיין נײַעס איז נישטאָ צו שרײַבן. מאָרגן־איבערמאָרגן וועל איך דיר מסתמא שרײַבן נאָך. דערווײַל זײַ געזונט און זאָג שבע־רחלען, אַז זי זאָל נישט פאַרגעסן, אַז זומער איז נישט ווינטער. זומער דאַרף מען איבערשלאָגן דאָס ווייכע מעבל אַלע טאָג, און די פענצטער האַלטן צו, ס'זאָל זיך אַזוי נישט זעצן קיין שטויב און קיין פליגן, און די לאָדן אויך, ס'זאָל אַזוי נישט בראָטן די זון און נישט בליאַקעווען. איך רעכן, אַז איך וועל פאָרן געזונטערהייט צוריק איבער בערלין, וועל איך איר אויך עפּעס קויפן אַ מתנה, אַ קאָפּטל, אַנישט וועל איך איר אויסזוכן פון מײַנע אַלטע קאָפּטלעך אַ קאָפּטל. און הער אויף, שלמה, צו זײַן אַ קלאָג־מוטער, און שרײַב שוין אַמאָל עפּעס פריילעכערע בריוולעך.

פון מיר דײַן פרוי בעלצע קורלענדער.

## 13.

(מאיר מאַריאַמטשיק פון מאַריענבאַד צו זײַן פרוי חנצע מאַריאַמטשיק אױף די נאַלעװקים אין װאַרשע.)

אומזיסט אױפֿרעקאַיעסט דו מיך, דושינקע, אַז איך שרײַב דיר, בודטאָ בי, אײן מאָל אין צװײ װאָכן. מיר דאַכט, אַז איך שרײַב דיר פּאַטשטי אַ טאָג איבער אַ טאָג. איך האָב דען עפּעס אַנדערש װאָס צו טאָן דאָ אין דעם מאַריענבאַד, װוּ די סקוקע איז גרױס און מע זעט נישט קײן לעבעדיקע סושטשעסטװאָ, אױסער אונדזער װאַרשעװער אַריסטאָקראַטקעס, װאָס איך איזביעגאַיע זײ װי די טשומאַ, װאָרעם דו װײסט, װי אַזױ איך אָטנאָסע זיך צו זשענשטשינעס װאָאָבשטשע, און װי אַזױ איך פּרעזיראַיע אײַערע װאַרשעװער נאַלעװקים מיט די נאַלעװקער ספּלעטניצעס. באַ אונדז אין אַדעם האָט מען פֿײַנט ספּלעטנים. באַ אונדז אין אַדעם קאָנסטו דיר גײן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרױף — קאַקאָיע קאָמו דיעלאָ? נאַפּרימער, פֿאַר װאָס אַרט מיך נישט, װאָס דײַן שװאָגער חיים אָבאַזשעװעט נאָך שלמה קורלענדערס קראַסאַװיצע? און װי אַזױ, מײנסטו, אָבאַזשעװעט? ער פּרעדלאַגאַיעט איר דאַזשע געלט אױף שלמהס קאָנטע. ער זאָגט, אַז שלמה קורלענדער האָט אים, בודטאָ בי, אָנגעװיזן, ער זאָל איר דאָ געבן געלט אױף זײַן רעכענונג. נאָר קאַקאָיע מניע דיעלאָ? צי, אַשטײגער, װאָס געהער זיך אָן מיט מיר, װאָס ער שפּילט, דײַן שװאָגער מאַקע, מיט דער מאַדאַם טשאַפּניק אַלע טאָג אין זעקס-און-זעכציק? נאַפּרימער, װאָס װאָלסטו געזאָגט, דושינקע, װען דו זעסט מיך שפּילן מיט אַ פֿרעמדער זשענשטשינע אין זעקס-און-זעכציק? נאָר קאַקאָיע מניע דיעלאָ? אָדער, נאַפּרימער, װאָס גײט מיך אָן, װאָס די שערענצים מיט דער פּעקעלים, אַזעלכע רעליגיאָזנע צװײ װײַבלעך, װאָס אױף די נאַלעװקים סמעיען זײ נישט רײדן מיט אַ מוזשטשינע אַ הויך װאָרט, האָבן זײ דאָ אַראָפּגעװאָרפֿן די פּאַריקלעך און גײען פּאָדרוטשקע מיט עפּעס אײנעם אַ קעשענױעװער פּראָנט, אַ דאַנטיסט, װאָס אָבאַזשעװעט נאָך אַלע דרײַ יאַמאַימישיכעס טעכטער, און יאַמאַיטשיכע אָבאַזשעװעט נאָך אים, גײט אױס, ס'זאָל זײַן אַ שידוך, כאָטיאַ עס װעט אַזױ זײַן אַ שידוך, אַזױ װי איך

וועל זײַן אַ רב, וואָרעם דער קעשעניעווער פּראַנט פּירט, וואָפּערהוויך, אַ ליובאָוו מיט בעלצע קורלענדער, אָבער גאַנץ סעריאָזנע. איך האָב אַ דאָקאַזאַטעלסטווע, אַז ער האָט זיך איר שוין אָביאַסנאַיעט, און זי האָט אים מכבד געווען מיט אַ שיינעם אָטקאַז. דאָס ווייס איך פֿון אַ דאָסטאָווערנע איסטאָטשניק, טאַקע פֿון דער יאַמאַיטשיכע אַליין. זי איז דאָך פֿאַרט מײַנע אַ דאַלני ראָדסטווענניצע. איז איין מאָל אַוועק. וואָוטאָריך, ווייס איך פֿון דעם זנאַמעניטן וועלט־שדכן סווירסקי, אַז מע פֿרעדלאַלאַיעט אים אַ סך אַנדערע פֿאַרטיעס, און וואָס פֿאַר אַ פֿאַרטיע מע זאָל אים נישט פֿרעדלאָזשען, איז גוט, האָט מען זיך אָנגעפֿרעגט אַף אים אין קעשעניעוו באַ עטלעכע מענטשן, און מע וואַרט אַף אַן אָטוויעט. נאָר קאַקאָיע מניע דיעלאָ? איך האָב מיר אין זינען מײַן זאַך: איך דאַרף מיך פֿאָפּראַווען און קומען אַהיים טשעם סקאָרעיע צו מײַן חנצען, וואָס איז באַ מיר ווישע וסיעוואָ! איך בעט דיך, ליובעניו, זאָלסט דיר נישט צוהערן צו די נאַלעווקער ספּלעטנים און זאָלסט אויפֿהערן איבערצוקלערן, וואָרעם דאָס וואָליאַעט אַף דײַנע נערוון, און דו ווערסט אומזיסט ראַזסטראָיעט, און סע אָטראַזשאַיעט זיך אַף דײַן געזונט, און אַף מיר מאַכט דאָס אויך נישט קיין גוטע ווּפּעטשאַטלעניע.

און וואָס דו שרײַבסט מיר, דושינקע, וועגן דער אימושטשעסטווע, סאָוועטעווע איך דיר, אַז דו זאָלסט זיך בעסער סאָגלאַסען אַף אַ ראַזדיעל. מײַן פֿאַפּאַשע זאָגט אויך דאָס אייגענע. מעגסט זיך אָביזשאַיען, וויפֿל דו ווילסט. איך האָב געזאָגט און זאָג אַלע מאָל, אַז איך דאָוויעראַיע נישט דײַן שוואָגערס חשבונות מיט זײַנע ראַסכאָדן, וואָרעם דײַן שוואָגער איז אַ מאַשעניק. מײַן פֿאַפּאַשע זאָגט אויך דאָס אייגענע. אַ סך געזינטער וואָלט געווען פֿאַר אונדז אַלעמען, ווען ער צאָלט דיר אויס דײַן טשאַסט, און לאָז ער בלײַבן באַ דער אימושטשעסטווע. אַזוי איז מײַן מניעניע, און אַזוי איז די מניעניע פֿון מײַן פֿאַפּאַשע, און דו טו דיר, ווי דו פֿאַרשטייסט. קאַקאָיע מניע דיעלאָ?

און ווײַטער זײַ געזונט, ליובעניו, איך וויל דיר קויפֿן, איך האָב געזען דאָ אין מאַריענבאַד, אַ „קימאָנע". עס איז הײַנט די גאַנצע מאָדע, מיט ברייטע אַרבל, קורצע, און פֿון הינטן מיט אַ קאַפּיושאָן. איך ווייס נאָר נישט, וואָסער אַ צוויעט דיר געפֿעלט בעסער: שוואַרץ מיט רויטע פֿאָדקלאַדקע? אָדער גאָר אַ פּערסידסקי קאָליר? פֿון אונדזערע אָדעסיטן

האָב איך דאָ וסטרעטשאיעט זייער ווינציק באַקאַנטע. און דאָס — מער זשענשטשינעס, וואָרעם זייערע מאַנען זײַנען אין באַזעל אָפּן קאָנגרעס. און אַזוי ווי איך האָב פֿײַנט זיך וסטרעטשאיען מיט זשענשטשינעס, ווײַל די זשענשטשינעס פֿון די קוראָרטן זײַנען באָלשי טשאַסטי ספּלעטניצעס, גיי איך דאָ אַרום איינער אַליין און סקוטשאַיע אַזוי, אַז איך צייל שוין די טעג, ווען עס וועט זיך קאָנטשען דער סראָק לעטשעניע און איך וועל קאָנען פֿאָרן אַהיים צו מײַן טײַערער דושינקע חנצע. און ווײַל איך האָב נישט וואָס צו טאָן, האָב איך דאָ סאָטשינאַיעט אַ באַסניע אױף מײַן יאַמאַיטשיכעס טעכטער, וואָס קלײַבן און קלײַבן און קאָנען זיך נישט צוקלײַבן קיין חתנים. די באַסני הייסט בײַ מיר מיטן נאָמען „ד י פ א ר ר י ס ע נ ע כ ל ה" און הייבט זיך אָן אַזוי:

„אַמאָל איז געווען אין וואַרשע אַ מיידל,
שטאַרק אָבראַזאָוועט, געלערנט און איידל;
געשפּילט האָט זי פּיאַנע,
פֿראַנצוויזיש גערעדט,
געלייענט ראָמאַנען,
שיין — אַ פּאָטרעט,
זומער זאַגראַניצע געפֿאָרן,
געהאַט נאָר טשוט־טשוט אַ חסרון. —
איר מיינט דאָך, קאָניעטשנאָ, אָן אַ קאָפּיקע געלט,
ווי עס ביוואַיעט הײַנט אױף דער וועלט?
האָט איר קאַק ראַז נישט געטראָפֿן:
געלט איז געווען, חתנים געלאָפֿן,
נאָר איין זאַך דאַרפֿט איר וויסן —
די כלה איז געווען, איזווינִיטע, פֿאַררִיסן,
ראַזבאָרטשיווע, הייסט עס, אַ שרעק,
פּריווערעדליווע און קאַפּריזנע אָן אָן עק:
„איך בין דאָך, זאָגט זי, רב וועלוולס אַ טאָכטער,
ווײַל איך אַ חתן, פּאָ קראַיני מיער, אַ דאָקטער,
נישט קיין דאַנטיסט,
קיין פֿאַרמאַצעווט, קיין שלים־מזל,

אָדער אַ דאָקטער אַ ציוניסט,
וואָס זאָל פאָרן קיין באַזל.
ניין! אַ דאָקטער מעדיצין, אַ הויכן ברונעט,
וואָס זאָל האָבן אַף די נאַלעווקים אַ רייַכן קאַבינעט,
און אַרויספאָרן מיטן קנאַק,
און היימן זאָל ער פאָל אָדער זשאַק!"...
אָדנים סלאָוואָס, ס'איז געגאַנגען אַ גאַנג,
און געצויגן זיך לאַנג,
שדכנים האָבן געאַרבעט, טעריאַיעט די כחות,
געקלאַפּט טעלעגראַמעס, געלאָמעט די מוחות.
נאָר אַ דאָקטער מעדיצין, אַ הויכן ברונעט,
וואָס זאָל האָבן אַף די נאַלעווקים אַ רייַכן קאַבינעט,
און אַרויספאָרן מיטן קנאַק,
און זאָל היימן פאָל אָדער זשאַק —
האָבן זיי, ק'נעסטשאַסטיו, נישט געפונען,
כאָטש לייג זיך און שטאַרב, גיי אַראָפּ פונעם זינען!
דער איז איר צו יונג, דער איז צו שיין,
דער איז צו הויך, דער איז צו קליין.
און דער וואָס געפעלט,
האָט אין זיך קאַפּריזן:
ער ליעטשעט אָן געלט,
געכאַפּט אין ציוניזם.
מעזשדו טיעם לויפן די יאָרן:
מיידלעך ווערן עלטער,
חתנים ווערן קעלטער.
און אַ באַרישני איז נישט קיין ווייַן:
זי מעג זיין ווי אָבראַזאָוועט, ווי פיין,
נאָר קוים ווערט זי אַלט, ראַז האָט זי צרות,
פאַרלירט זי — דאָס ווייסט איר אַליין —
איר גאַנצע סימפּאַטיע, איר מיידלשן חן,
און טויג שוין אַף אַ טישטשע כפרות"...
* * *

נו, ווי געפעלט דיר מײַן באסניע? אלע טראָגן זיך ארום מיט איר אין מאריענבאד. א סך האָבן זי אויסגעלערנט אף אויסווייניק. און וואָס קאסאיעט זיך דער יאמאיטשיכע אליין, האָט מען מיר פערעדאיעט פון איר נאָמען, אז מײַן ראָדסטוועניצע סאָביראיעט זיך דיר שרײַבן א בריוו וועגן מיר. א פּאָטאָמו זאָלסטו ווּיסן, אז וואָס זי וועט דיר שרײַבן אף מיר, איז שוא ושקר. און אויב עס וועט זיך דיר מאכן, וועסט זײַן אף דער בלאָדנע אוליצע, כאַפּ זיך אַרײַן אין דער רעדאקציע און גיב זיי איבער די באסניע לאָזן זיי זי נאפּעטשאטעווען, נאָר מיט איין אוסלאָוויע: מײַן נאָמען זאָלן זיי נישט ארויסשטעלן. ס'איז מיר נישט לאָווקע, ווײַל ס'איז אף זשארגאָן...

דײַנער, דושאָי אי טיעלאָם,

מארק דאווידאָוויטש מאריאמטשיק.

## 14.

(חוהלע טשאפּניק פון מאריענבאד צו איר מאן בערל טשאפּניק אף די נאלעווקים אין ווארשע)

ליבער בערנארד!

דו דארפסט מיר פארצײַען, וואָס איך האָב דיר די גאנצע צײַט געשריבן נאָר געלט און געלט. איך בין שולדיק געוועזן, אז די האָר זײַנען נישט מײַנע. איצט האָב איך מיך שוין אביסל ארומגעצאָלט און דאנק דיר פיל מאָל, וואָס דו האָסט זיך געשטויסן מיר ארויסשיקן דאָס געלט טעלעגראפיש. אנישט, ווייס איך נישט, וואָס איך וואָלט געטאָן. מאריענבאד איז א פּוסטקע. אָן א שיעור ווארשעווער דאמען, מייסטנס פון די נאלעווקים, און ס'איז נישטאָ, באַ וועמען זיך די הענט צעפּירן. אויך מיר דאמען! איינס און איינס. איך האָב שוין, גלייב מיר, קיין זײַטן פון זיי. זאָלסט זען זייערע פירעכטסן דאָ, זייער אָנטאָן זיך, זייער ארט לעבן. זאָלסט הערן זייערע געשפּרעכן, זאָג איך דיר, אז מע קאָן מאכן פון זיי א בוך. וואָס זאָג איך א בוך? צען ביכער! ווו זײַנען אָט די אלע שרײַבערס, וואָס שרײַבן אזוי שיין אף די גאזעטן? פאר וואָס קומען זיי נישט

אַהער, אין די קוראָרטן, אין די בעדער: קיין מאַריענבאַד, קיין קאַרלסבאַד, פֿראַנצעסבאַד, קיין וויסבאַדען, עמס, קראַנץ אָדער אָסטענדע, כאָטש אַף איין זומער, וואָלטן זיי דאָך געהאַט שטאָף נאָכדעם אַף דרײַ ווינטערן!

אַשטייגער, נעם מײַן קרובה, בעלצע קורלענדער. כלומרשט אַ גבירטע און אַ ציטעריקע באַ איר מאַן, דעם קורלענדער שוטה. זי וואָלט געקאָנט, דאַכט מיר, שטיין אין מאַריענבאַד ווי אַ מענטש, און לעבן ווי אַ מענטש, און עסן ווי אַ מענטש. זאָלסטו זען, האָט זי זיך געדונגען אַ צימערל אין האָטעל — אַ שטײַג, ווו מע דאַרף האַלטן עופֿות, אונטערן כאַמע דאַך. עס באַקט אַזוי אָן דורכן טאָג די זון, אַז מע דאַרף דרײַ מאָל אַ נאַכט חלשן פֿאַר היץ. עס קאָסט אָבער וואָלוול. דערפֿאַר, אַז זי קומט־אַרויס אין דער פֿרי צום ברונען, גייט זי אָנגעטאָן אַזוי שרײַענדיק שיין, מיט אַזוי פֿיל שמוק און בריליאַנטן, אַז די דײַטשן מיינען, אַז דאָס איז אָדער אַ רוסישע פֿירשטן, אָדער אַ שאַנסאָנעטן. הײַנט זאָלסטו זען איר עסן אין כשרן רעסטאָראַן. פֿון אַ פֿערטל עוף הייסט זי זיך באַהאַלטן אַ שטיקל אַף דער נאַכט. עס פֿלאַמט מיר פּשוט דאָס פּנים פֿאַרן קעלנער. אַנומעלטן האָט זי זיך געהייסן דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער, האָט מען איר אויפֿגעעפֿנט אַ פֿלעשל „ניסהילבער". אַז ס'איז געקומען צו דער רעכענונג און זי האָט דערהערט, אַז מע הייסט זיך באַצאָלן פֿאַר דאָס גלאָז וואַסער, איז זי געוואָרן אָנגעצונדן! אַ גליק, וואָס איך בין מיט איר געזעסן באַ איין טישל, האָב איך איר אַף פּויליש אויפֿגעקלערט, זי זאָל באַצאָלן און מאַכן אַ שווײַג, וואָרעם עס קאָן דערפֿון אַרויס אַ סקאַנדאַל. וויפֿל מאָל מיר זיצן אין קאַפֿע „עגערלענדער", האָט זיך נאָך נישט געטראָפֿן, אַז זי זאָל באַצאָלן פֿאַר דער טיי. אָדער חיים סאָראָקער צאָלט, אָדער אונדזער אַדעסיט מאירל מאַריאַמטשיק. די ביידע קאַוואַליערסטוועווען מיט איר אַף וואָס די וועלט שטייט, און זי נעמט דאָס אָן פֿאַר גוט געלט, און מאַכט זיי ביידן אַזעלכע חנדלעך, אַז מע קאָן שטאַרבן! אַצינד איז שוין דאָ אַ דריטער, וואָס צאָלט. עפּעס איינער אַ קעשעניעווער דאַנטיסט, וואָס שדכנט זיך צו יאַמאַיטשיכעס טעכטער. די יאַמאַיטשיכע איז דאָ אין מאַריענבאַד מיט אַלע דרײַ טעכטער און זוכט חתנים מיט ליכט, יאָגט זיך נאָך זיי אין די גאַסן און שלעפּט זיי פֿאַר די פּאָלעס. דער קעשעניעווער פֿראַנט איז אָבער קיין נאַר נישט. נדן וויל ער טאַקע זאָל אים געבן די יאַמאַיטשיכע,

און שמייכלען זאָל צו אים בעלצע. יאַמאַיטשיכע אָבער גיט אַכטונג. יאַמאַיטשיכע איז נישט אַזאַ ייִדענע, וואָס מע נאַרט זי. זי האָט אַן אויג, וואָס זעט, און אַ נאָז, וואָס שמעקט. זי שמעקט אָן אַ זאַך פֿאַר אַ מײַל. זי ווייסט אַקוראַט פֿון דער ערשטער מינוט, וועלכער בחור ס'איז אַ חתן און וועלכער נישט. איך האָב געוואָלט זיך אַרײַנלייגן אין אַ שידוך פֿאַר איר עלטערער טאָכטער מיט איינעם אַ מאָסקווער יובע־לירער, זייער אַ רײַכער יונגערמאַן און וואַרפֿט מיט געלט. האָט זי מיר באַלד געזאָגט: „נשמהניו, זאָגט זי, ס'איז נישט פֿאַר מיר קיין חתן, זאָגט זי; זײַן כּלה, זאָגט זי, איז אין קיעוו; אָט וועט איר זען, זאָגט זי, אַז הײַנט־מאָרגן איז אַ וואָרט". און אַזוי ווי זי איז געווען דערבײַ. דער שדכן סווירסקי האָט זיך שוין באַרימט פֿאַר מיר, אַז ער האָט הײַנט אין דער פֿרי צונויפֿגעפֿירט צוויי שטעט, מאָסקווע מיט קיעוו, און פֿאַר־דינט דערבײַ אַ שיינע מטבע. אָט דער סווירסקי פֿאַרדינט דאָ שטיקער גאָלד! זאָלסט זיך נישט בייזערן אַף מיר, טײַערער, וואָס איך בין גע־וואָרן אַ שדכנטע אַף אַ ווײַלע. איך ווייס, אַז עס קומט דיר אָן נישט גרינג. עס טריקנט דיר גוט דער מוח, ביז דו שיקסט מיר אַרויס געלט, האָב איך געוואָלט דיר קומען צו הילף. און אגב ווילט זיך מיר טאַקע אַ טובה טאָן דער יאַמאַיטשיכע. פֿאַר וואָס נישט? יענע חלשט, גייט־אויס אַ שידוך! און ס'איז טאַקע אַ מצווה אויך. שוין צײַט... כּלעבן, די יאַמאַיטשיכע איז, ווי דו קוקסט זי אָן, אַ סך לײַטישער פֿון איר קרוב, דעם אָדעסער שאַרלאַטאַן מאירל מאַריאַמטשיק, און אַפֿילו פֿון מײַן קרובה די גבירטע, איך מיין טאַקע בעלצע. איך ווײַז איר דײַן בריוו, ווו דו שרײַבסט מיר, אַז נאָך שבת שיקסטו מיר אַרויס געלט, ווערט זי רויט, דערנאָך בלאַס, און שווערט זיך, אַז זי האָט נישט אַפֿילו קיין צען קרוין, ווערנד איך ווייס, — חיים סאַראָקער אַליין האָט מיר געזאָגט — אַז ער האָט איר ערשט נעכטן אַרויסגעגעבן אַף איר מאַנס רעכענונג פֿינף הונדערט קרוין נאָך מיט עפּעס. פֿון די לײַט קאָן מען זיך דערוואַרעמען. בראָניע לויפֿערמאַן, אַז זי דערזעט מיך נאָר, הייבט זי שוין אָן צו באַקלאָגן זיך אַף איר מאַן, אַז ער שיקט איר קיין געלט נישט. זאָג איך צו איר: „ווער פֿרעגט אײַך, און אַקעגן וואָס דער־ציילט איר עס מיר?" זאָגט זי, אַז זי דערציילט עס גלאַט אַזוי, אַקעגן איר מאַן, וואָס די גאַנצע וועלט ווייס, אַז ער האָט געוווּנען אַף דער

לאַטעריע, פאַר וואָס־זשע זאָל ער איר נישט שיקן געלט צו דער צײַט?... איך ווייס, און אַלע ווייסן, אַז ס'איז שוא ושקר. איר חברטאָרן און איר פרײַנדן לאהצע ברויכשטול האָט מיר איבערגעגעבן בסוד סודות, אַז זי האָט אַליין געזען בײַ בראָניען אַ פול בײַטעלע מיט גאָלד, און שווערט מיט שבועות. אוודאי דאַרף זי מיר דערציילן, און אַז נישט, הייסט עס, ווייס איך נישט!... פרעג איך דיך, איז נישט גלײַכער, אַז די יאַמאַיטשי־כע האָט מיר אָפּגעענטפערט גלײַך, אָן חנדלעך און אָן חכמות: „נשמהניו, זאָגט זי מיר, זאָלט איר מיר געזונט זײַן, זאָגט זי, בײַ מיר וועט איר, זאָגט זי, קיין געלט, זאָגט זי, נישט לײַען, וואָרעם איך וועל אײַך נישט לײַען, זאָגט זי. איר ווייסט אַליין, זאָגט זי, אַז אײַער מאַן, זאָגט זי, זאָל געזונט זײַן, איז געגוג שולדיק מײַן מאַן. אויב איר ווילט, זאָגט זי, פאַרדינען שיינע עטלעכע הונדערט קרוין, העלפט מיר צו מיטן קעשעניעווער שידוך". העלף איך איר, ווי ווײַט איך קאָן. איך רייד אים צו, דעם קעשעניעווער דאַנטיסט, ער זאָל זיך שוין דערקלערן צו יאַמאַי־טשיכעס טאָכטער, און אַן עק זאָל עס האָבן! זאָגט ער: „עס האָט נאָך צײַט. לאָזן זיי נאָך אַביסל צוּוואַקסן"... אַ ריינער אומגליק: אַלע ווייסן, אַז יאַמאַיטשיכעס טעכטער זײַנען נישט זשעדנע אין קיין יאָרן...

דערווײַל שאַרט זיך אָט דער קעשעניעווער פויגל אַרום מײַן בעלצע און מיינט, אַז דאָ כאַפּט ער דעם טאָטער. האָב איך אים געגעבן אָנצו־הערעניש, אַז ס'איז אומזיסט זײַן טרחה, וואָרעם אָט דאָס שיינע ווײַ־בעלע, זאָג איך אים, וואָס פּיסקלט זיך, און חנט זיך, בענטשט, נישט דאָ געדאַכט, אַלע ערב שבת ליכט און טראָגט, נישט פאַר מיר געדאַכט, זאָג איך, אַ פרעמדן שיניאָן אויפן קאָפּ... איז ער אָבער אַזוי פאַרברענט אין איר, אַז ס'איז אים גאָרנישט אָפּצוּווענדן! איך ווייס נישט, וואָס מיט איר איז, מיט אָט דער בעלצען: ווי ערגעץ אַ מאַנצפאַרשוין איז ער נאָך איר די כפרה, און מער פון אַלעמען, דאַכט מיר, אָט די צוויי שוואָגערס: חיים סאַראָקער און דער אַדעסיט מאַריאַמטשיק. מילא, מאַריאַמטשיק איז געווען אַ שאַרלאַטאַן, אַז ער איז נאָך געווען אין אַדעס. אָבער חיים סאַראָקער, אַ ייִד אַ סוחר, האָט שוין דערוואַקסענע קינדער! דו מיינסט, איך האָב אים נישט געפרעגט? „ווי שעמט איר זיך נישט, זאָג איך אים, אַ ייִד, אַ טאַטע פון קינדער, נאָכלויפן, ווי אײַער שוואָגער, דער אַדעסער שאַרלאַטאַן, נאָך שיינע ווײַבלעך? דערויף איז

ער דאָך, זאָג איך, אַז אַדעסיט און הייסט, זאָג איך, מאַרק דאַווידאָ־וויטש"...

אַ שיינעם נאָמען האָט דאָ אָט דער מאַרק דאַווידאָוויטש. ער מעג זיך באַגראָבן, און עס וואָלט געווען אַ מצווה, אַז זײַן חנצע זאָל עס וויסן. איך וואָלט זייער געוואָלט דערלעבן אַז דעם אַדעסיט אַ נקמה, נאָר דערפאַר, וואָס ער באַרעדט דיך פון קאָפּ ביז פיס. ער שווערט, אַז זײַן חנצע שרײַבט אים, אַז זי האָט געזען בײַ אסתר סאַראָקער אַ בריוול, וואָס חיים סאַראָקער האָט איר צוגעשיקט פון מאַריענבאַד. דאָס בריוול איז געשריבן פון שלמה קורלענדער פון וואַרשע צו חיים סאַראָקער קיין מאַריענבאַד. שטייט דאָרט געשריבן המנם מסירות אויף דיר, בערנאַרד, און אויף מיר און אויף אונדז ביידן. עס שטייט דאָרט באַשריבן אַפילו די וועטשערינקע, וואָס צו מײַן געבורטסטאָג, און אַז דו האָסט נישט באַצאָלט העקסעלמאַנען פאַר דער וועטשערע, און אַז דו ביסט געזעסן בײַ שלמהן אין דער דירה און נישט אָפּגעצאָלט אים קיין דירה־געלט פאַר אַ גאַנץ יאָר, און אַז דו זיצסט שוין צוואַנציק יאָר אין וואַרשע און קיינער ווייס נישט, ווער דו ביסט און וואָס דו ביסט און מיט וואָס דו באַשעפטיקסט זיך. און נאָך אַזעלכע זאַכן שרײַבט ער אויף דיר. און מאַרק דאַווידאָוויטש פוילט זיך נישט און ווײַזט אַלעמען זײַן חנצעס בריוול. דערפאַר וואָס אָט דער אַדעסער שאַרלאַטאַן גייט דאָ אַרום און קלאַפּט מיט דער צונג אויף דיר און אויף מיר און אויף אונדז ביידן, וואָלט געווען אַ גרויסער יושר, אַז דו זאָלסט אים דאָרט צושטעלן אַ בענקעלע פאַר זײַן חנצען, עס זאָל אים אַזעלכעס פאַרגיין, אַז ער זאָל פאַרגעסן אַן אונדז. און אַ בענקעלע קאָנסטו אים צושטעלן זייער אַ שיינס. איך שיק דיר דאָ זײַנע אַ פּאָר ליבע־צעטעלעך, וואָס ער האָט געהאַט געשריבן דאָ אין מאַריענבאַד צו צוויי נאַלעווקער ווײַבלעך, צו דער שערענציס און צו דער פּעקעלים. נעבעך כשרע נשמות. בײַ אונדז אויף די נאַלעוו־קיס גייען זיי אַלע שבת אין דער פרי אין שול אַרײַן דאַווענען, און באַמאָג אין זאַקסישן גאָרטן, נישט אַליין, מיט זייערע איטשע־מייערס; נאָר די איטשע־מייערס בלײַבן אויף יענער זײַט, וואָרעם מע לאָזט זיי נישט אַרײַן איבער די לאַנגע קאַפּאָטקעלעך. דאָ האָבן די דאָזיקע צנועות אַראָפּגעוואָרפן, זאָלסט זען, די פּאַריקלעך און ווילן געניסן מאַריענ־באַדער. פאַרגעניגן און וויסן נישט ווי אַזוי. מיר האָבן זיי זיך פאַר־

טרויט, ווי פאר אן אייגענער שוועסטער, און מעגסט זיי גלייבן אף נאמנות, אז ווייטער פון די בריוולעך איז בא זיי נישט געגאנגען. איך בין דיר ערב פאר זיי, ווי פאר זיך אליין, און טאקע די בריוולעך אליין זיינען דער בעסטער באווייז. נאר איינס צום אנדערן געהער זיך נישט אן. ס'איז נייטיק, ווי אין לעבן אריין, אז מאירלס ווייב, חנצע, זאל די דאזיקע ליבע־צעטעלעך זען און אביסל קלייבן נחת פון איר תכשיט... איך מיין, אז זי וועט באלד דערקענען איר מארק דאווידאוויטשעס האנטשריפט מיט זיין אדעסער יידיש, און לאז זי זיך נאר גוט צוקוקן צום דאטום, אז די צעטעלעך זיינען געשריבן געווארן נישט פאר כמעל־ניצקים ציטן חלילה, און נישט אין אדעס אפן לימאן, נאר היינטיקן זומער, טאקע דא אין מאריענבאד. זאלסט נאר זען אזוי, אז אויסער חנצען זאל קיינער דערפון נישט וויסן, ווארעם די צעטעלעך זיינען פאר־טרויט געווארן נאר מיר, און איך האב זיי געגעבן מיין ערנווארט, אז קיין פויגל וועט נישט וויסן. זיי מיר געזונט, בערנארד. איך דערווארט פון דיר גוטע נאכריכטן און פארבלייב דיין ליבנדע פרוי

חוה טשאפניק.

## .15

(מאיר מאריאמטשיק פון מאריענבאד צו דער מאדאם שערענציס און מאדאם פעקעלים אין מאריענבאד.)

אויב איך אשיבאיע מיך נישט, האבן מיר זיך מיט אייך ווסטרע־טעט פאראיארן אין ווארשע אין שווייצארסקי דאלינע אף א יידישן ליטעראטורנע וועטשער. א סימן: איר זיינט געזעסן אין צווייען מיט אייער פאדרוגע און האט זיך געשמאלצן פאר געלעכטער. ס'איז געוועז דעמאלט דער „זיידע" פון אונדזער אדעס, און ווארשע האט אים גע־כישעסטעוועט. נאך א סימן: איך בין צוגעגאנגען צו אייך דעמאלט און האב אייך א פרעג געגעבן אף רוסיש: „פאזוואלטע אוזנאט פריטשינו וואשיי ראדאסטי?" האט איר מיר געענטפערט האלב אף פויליש, האלב אף רוסיש: „דליא טעגא טשטא נאם וועסאלא". און איר האט זיך אי־בערגעקוקט מיט אייער פאדרוגע, און אך! איך וועל קיינמאל נישט

פארגעסן דעם בלעסק פון אײַערע שיינע אויגן!... נאָכדעם זײַנען מיר געגאַנגען אין דרײַען — געדענקט איר — פון די לאָזענקים ביז יערוסאַלימסקי אַלעע און אביסל ווײַטער. איך האָב געבאַלטאַיעט, דערציילט אַנעקדאָטן, און איר האָט געלאַכט... און נאָכדעם האָט איר מיך געבעטן, איך זאָל אײַך אַסטאַווען. האָב איך אײַך אַסטאַוועט, נאָר מיט אַן אוסלאָוויע, אַז מיר זאָלן זיך ווסטרעטשאַיען נאָך אַ מאָל. איצט, אַז מיר האָבן זיך ווסטרעטעט באַם קרייצבערון, האָט איר זיך געמאַכט גלײַך ווי מיר זײַנען גאָרנישט זנאַקאָמע... איך האָב זיך באַלד געשטויסן, אַז עס פּאַסט אײַך נישט מסתמא פּאַר פּאַסטאָראָני. און דאָס איז די פּריטשינע, וואָס איך אָבראַשטשאַיע זיך צו אײַך דורך אַ זאַפּיסקע. איר קאָנט אײַך גאָרנישט פּרעדסטאַווען, ווי ווײַט איר האָט זיך ביידע איזמעניאַיעט, קאָניעטשנאָ, צו גוטן. איך זאָל וויסן, אַז מײַנע ווערטער וועלן נישט קלינגען ווי אַ קאָמפּלימענט, וואָלט איך אײַך געזאָגט פּאָ סעקרעטו, אַז איך וויים נישט, ווער פון אײַך ביידע איז יינגער און ווער איז שענער. עס איז באַשערט געווען, אַז אונדזער צווייטע ווסרעטשע זאָל זײַן זאַגראַניצע, און איך בין זייער ראַד. וואָרעם זאַגראַניצע איז נישט וואַרשע, און מאַריענבאַד איז נישט די נאַלעווקיס. איך פּאָזדראַווע אײַך און אײַער פּאָדרוגע מאַדאַם פּעקעלים מיט אײַער פּריִעזד קיין מאַריענבאַד. און איך בעט אײַך, איר זאָלט זײַן אַזוי ליובעזנע צונעמען פון מיר דעם בוקעט פון פרישע ראָזעס אינאיינעם מיט מײַנע בעסטע פּאָזשעלאַניעס.

אײַער פּאָקאָרני סלוגאַ

מאַרק דאַווידאָוויטש מאַריאַמטשיק.

## 16.

(מאיר מאַריאַמטשיק פון מאַריענבאַד צו דער מאַדאַם שערענציס און מאַדאַם פּעקעלים אין מאַריענבאַד.)

אָטשען ראַד, וואָס איר האָט מיך פאַרשטאַנען, נאָר איר אָשיבאַיעט זיך, אויב איר פּרינימאַיעט עס פּאַר אַ קאָמפּלימענט. איך אוּווערײַע

איַיך, אַז איך בין וואָבשטשע אַ מענטש אַ איסקרענער. אַלע אַדרעסיטן זייַנען אַזוי. באַ אונדז אין אַדעס זייַנען נישט פאַראַן קיין דוווּליטשנאָסטן. און וואָס איר נאַמיעקעוועט אַף מייַן דאַילני ראַדסטוועניצע, אַף דער יאַמאַיטשיבע און אַף דער מאַדאַם טשאַפּניק און נאָך אַזעלכע... (דאָ איז אויסגעמעקט אַ וואָרט), איז באַ מיר נאַפּליעוואַט! אַ קוראָרט איז נאַזנאַטשעט געוואָרן אַף ראַזווליעטשעניעס, נישט אַף מאָראַל. איך זע נישט אייַן אין דעם קיין שום פּרעסטופּלעניע, וואָס איר וסטרעטשאַיעט זיך מיט אַן אַבראַזאָוועטן מענטשן. זאָגט מיר, פּאַזשאַלאַסטאַ, פאַר וואָס קומט איַיך, איר זאָלט סטראַדאַיען מער פאַר דער גאַנצער וועלט? פאַר וואָס איז באַ אונדז אין אַדעס יעדע זשענשטשינע סוואָבאָדנע און ווייס נישט פון קיין ראַבסטוואָ? איך בין וואַזמושטשאָן, זאָג איך איַיך, דאָ גלוביני דושי אי אָבראַטנאָ! נאָר אויב איר ווילט, מיר זאָלן ראַזסוזשדאַיען וועגן דעם מער פּאָדראָבנע, זייַט היַינט פון דריַי ביז פיר אין „קאַפּע מיניאָן", וואָרעם אין „קאַפּע־עגערלענדער" איז צופיל האַרמידער, נאָך ערגער ווי באַ איַיך אין וואַרשע אַף די נאַלעווקים. וועמען האָט איר דאָרט נישט געזען?

מיט דער גרעסטער ניעטערפּעניע וואַרט איך אַף איַיך ביידן. גריסט דער מאַדאַם פּעקעלים.

מ. ד. מ.

.17

(מאיר מאַריאַמטשיק פון מאַריענבאַד צו דער מאַדאַם שערענצים און מאַדאַם פּעקעלים אין מאַריענבאַד.)

נאַפּראַסנע האָט איר מיך פּאָדאָזרעוואַיעט. איך פאַרזיכער איַיך, אַז דאָס, וואָס איך האָב איַיך געזאָגט היַינט באַם ברונען, איז וויַיט פון אַ קאָמפּלימענט. איר מעגט מיר גלייבן פּאָסאָוועסטי. איך ציעניווע אין יעדער זשענשטשינע וואָפּערוויך שכל, וואָווטאָריך טאַקט, און ווטרעטיך אָבראַזאָוואַניע. איך האָב מיט איַיך ווינציק גערעדט, אָבער גלייבט מיר: איך קען איַיך ביידן אַזוי אָסנאָוואַטעלנע, גלייַך ווי מיר וואָלטן זייַן זנאַקאָמע פון יאָרן. און דאָס, וואָס איר מיינט, אַז איך

בין רעוּניוּוע, — די מאַדאַם פּעקעלים האָט מיר דאָס צוויי מאָל נאָ־מיעקנוועט — שווער איך אײַך, אַז איר אָשיבאַיעט זיך. איך האָב נאָר געזאָגט: וואָס האָט אַזאַ קעשעניעווער גאוס, אַזאַ פּראָווינציאַל, צו אוכאַזשעוועןנ נאָך אונדזערע נאַלעווקער ווײַבלעך? און דאָס, וואָס איך בין אַזוי ליובעזנע מיט דער מאַדאַם קורלענדער, באַדאַרף אײַך נישט אָדיוּוֹליאַען. איך אוּווערייע אײַך, אַז איך בין צו יעדער זשענשטשינע אַזוי. ס'איז בא מיר אַזאַ פּריוויטשקע. אַלע אַדעסיטן זײַנען וואָבשטשע וועזשליווע און אַטקראָווענע. און איך זאָג אײַך אַטקראָווענע, אַז די מאַדאַם קורלענדער איז נישט ווערט אײַער מיזיניעץ. אײַך ווייס איך, פּאַקראַיני מיעריע, אַז מע האָט אײַך נאַוויאַזעווע צוויי „איטשי־מאַיערס", און איר סטראַדאַיעט נעבעך און קומט־אָפּ פאַר פרעמדע זינד. די מאַדאַם קורלענדער אָבער האָט זיך אַליין פאַרקויפט צוליב געלט. און דאָס, וואָס די מאַדאַם פּעקעלים נאַפּאָמינאַיעט מיר אַלע מאָל, אַז איך בין אַ זשענאַטער, איז דאָס, פּאַ מאַיעמו, אַן איבעריקער טרוד. איך אָטריצאַיע דען, אַז איך האָב אַ פרוי? איך זאָג נאָר, אַז דאָס מע־שאַיעט מיר נישט צו זײַן דרוזשנע מיט שיינע קלוגע אָבראַזאָוועטע דאַמאָטשקעס, אַף וויפל ס'איז נאָר וואָזמאָזשנע. פּאָלגט מיך, אַ גוטן פרײַנט, און פּאָזוועט זיך מיט אײַער פרעבוואַניע דאָ אין מאַריענ־באַד... מעזשדו פּראָטשים, ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז איך שרײַב באַס־ניעס? די מאַדאַם טשאַפּניק, צי די מאַדאַם קורלענדער? און וואָס האָבן זיי אײַך געזאָגט? ווו זעען מיר זיך הײַנט?

אײַער מ. מ.

## 18.

(מאיר מאַריאַמטשיק פון מאַריענבאַד צו דער מאַדאַם שערענצים און מאַדאַם פּעקעלים אין מאַריענבאַד.)

אונדזער קרוזשאָק אין מאַריענבאַד האָט גערעשעט יעדינאָגלאַסנע, אַז אײַער פּריסוטסטוויע איז אַזוי פּריאַטנע, אַז מיר אָסמעליוועןן זיך צו פּריגלאַשען אײַך אינאַיינעם מיט אײַער פּאָדרוגע, מאַדאַם פּעקעלים, אַף אונדזער פּראָגולקע מאָרגן קיין עגער. דאָרט וועלן זײַן אַלע אונדזערע

אינטימע באַקאַנטע, און מיר וועלן פאַרברענגען די צייט זייער פריאַטנע. מיר וועלן זיך קאַטאַיען אַף אַ לאָדקע, און איך וועל לייענען מיינע אַ באַסניע, וואָס איך האָב סאָטשיניאַיעט אַף יאַמאַיטשיכעס טעכטער, און איך נאַדעיע זיך, אַז איך וועל אייך דאָסטאַווען אַן אמתע אודאָוואָל־סטוויע. איך מיין, אַז ווי באַלד די מאַדאַם קורלענדער סאָגלאַסעט זיך, דאַרפט איר און אייער פאָדרוגע זיך אויך סאָגלאַסען. מיר געפינען זיך אין מאַריענבאַד, נישט אין וואַרשע אַף די נאַלעווקיס, און דאַרפן זיין ווייט פון אַלערליי פרעדראַזסודקעס.

איך גריס אייךביידן גאָר פריינטלעך.

אייער מאַרק דאַווידאָוויטש מ.

.19

(שלמה קורלענדער פון די נאַלעווקיס אין וואַרשע צו זיין ווייב בעלצע קורלענדער אין מאַריענבאַד.)

לזוגתי היקרה מרת בעלצע שתחי'.

איך האָב דיין בריוו מקבל געווען און אים דורכגעלייענט פון אָנהייב ביזן סוף און געטראַכט זיך, אפשר ביסטו גערעכט? אפשר בין איך טאַקע, ווי דו זאָגסט, אין די זאַכן אויסגעוועבט? אפשר בין איך טאַקע, ווי דו זאָגסט, אַ מענטש פון דער אַלטער וועלט און ווייס נישט, וואו איין און וואו אויס? מעגלעך, אַז איך בין נישט שטאַרק איבערגעשפּיצט, כאָטש אפילו די וועלט האַלט מיך, דאַכט זיך, נישט פאַר אַזאַ גרויסן נאַר. מעגלעך, אַז דו ביסט גערעכט, אַז יעדער פלאָכט און יעדער שמייגער, ער מעג זיין אַן אַלטער בחור, און מעג האָבן וויינפערלעך אַף דער נאָז, און מעג רייסן פון טויט און פון לעבעדיק, נאָר קוים זיצט ער אין בערלין, איז ער שוין אַ קאַוואַליער און מעג דערציילן פרעמדע ווייבלעך, אַז זיי זיינען אים פון דעם ערשטן טאָג אָן געפעלן, און כאָטש מע זאָגט אים אין די אויגן, אַז ער איז אַ אידיאָט און אַ נאַבאַל, פונדעסטוועגן איז ער מיך מכבד אַף מאָרגן מיט בוקעטן און מיט בלומען, און איך דאַרף עס אָננעמען פאַר ליב, און איך טאָר זיי אים

נישט וואַרפן אין פּנים אַרײַן. מעגלעך, אַז דו ביסט גערעכט: אַז איך פאָר אין וואַגאָן, דער רוח ווייסט מיט וועמען, און איך ווײַז זיי דאָס קידושין־פינגערל און זיי כאַפּן מיר קושן די האַנט, טאָר איך זיי נישט ברעכן די ביינער, אָדער אַרויסוואַרפן פון וואַגאָן, אָדער, לכל הפחות, אַרײַנרופן דעם קאָנדוקטאָר און הייסן אַרויספירן, נאָר איך דאַרף זיי נאָך, אַדרבה, אויסנוצן, זיי זאָלן מיר העלפן אַרויסוואַרפן די פּעקלעך פון וואַגאָן, און איך בין מחויב אויסהערן פון זיי בעת־מעשה טויזנט קאָמפּלימענטן, וואָס שלאָגן צו דער גאַל... מעגלעך, אַז איך בין אַן אויסגעוועבטער פון דער אַלטער וועלט און הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, אַז עס קומט מיר אַרויס אַ קעגן אַפן וואָקזאַל אַ יונגערמאַן, אַן אַדעסיט, וואָס איך ווייס, אַז ער האָט אַ שם פון אַ שאַרלאַטאַן, און שטעלט זיך אַוועק מיך אויספרעגן ווער איך בין און וואָס איך בין, טאָר איך אים נישט זאָגן: „ווער זײַט איר, יונגערמאַן, און וואָס זײַט איר?״ ניין. חס־ושלום. אַדרבה, איך דאַרף אים מאַכן טאַקע באַלד אַפן אָרט פאַר אַ קאַוואַליער און אויפזעצן זיך מיט אים אַף איין פור און העצקען זיך מיט אים פונעם וואָקזאַל ביזן שטאָט אַרײַן, אַזוי, אַז נישט נאָר די יאַמאַטשיכע, וואָס באַשטייט אַליין פאַר אַ גאַנצע וועלט, נאָר טאַקע די גאַנצע וועלט זאָל זען, ווי שלמה קורלענדערס ווײַבל פון די נאַלעווקיס פאָרט אין מאַריענבאַד מיט אַן אַדעסער שאַרלאַטאַן פראַנק און פרײַ, און שטעלט אַרויס דער וועלט אַ גרויסע פײַג. דאָס אַליין איז אָבער נאָך ווינציק. אַז מאַירל שאַרלאַטאַן איז אַזוי פרײַנטלעך און איז זיך מטריח און קומט אַרויס מיך אָפּנעמען פון דער באַן, און העלפט מיר באַבגעפּעק, און זעצט זיך אויף מיט מיר אַף איין פור, טאָר איך נישט פאַרפאָרן אַהין וווּ איך וויל, חס ושלום! נאָר איך מוז, מע גויט מיך פון קהל, איך זאָל מיך אָפּשטעלן דווקא אינעם אייגענעם האָטעל, וווּ דער אַדעסיט, דווקא מיט אים גיין אָנקוקן מאַריענבאַד, און דווקא פון אים לאָזן זיך פירן אין אַ רעסטאָראַן אַרײַן, און מסתמא מיט אים בײַ איין טיש זיך אוועקזעצן עסן, אַזוי, אַז לאָז די יאַמאַיטשיכע, מיט דער טשאַפּניק, מיט דער לויפערמאַן, מיט דער ברויכשטול, מיט דער שערענציס, מיט דער פּעקעלים, — דאָס הייסט, אַלע נאַלעווקים, פון איין עק ביזן אַנדערן עק, — לאָזן זען, מיט וועמען שלמה קורלעדנערס ווײַב בעלצע עסט אַ דײַטשן וואַרעמעס! און פאַרקערט, אַז עס קומט דעם מאַנס אַ גוטער

פריינט און וויל מיר איבערגעבן א גרוס פון מאן, דארף איך אים זען וואס גיכער משלח זיין, ווארעם דעם מאנס גוטער פריינט איז דאך נישט קיין קאוואליער, און יענער איז א קאוואליער, און אן אדעסיט, און א דזשענדעלמאן, און גלאט א יונגערמאן א תכשיט, וואס אבי מע האט אים אפגעגעבן דאס נדן, היינט וואס גייט אים אן א ווייב, אז ס'איז פאראן אין מאריענבאד שענערע ווייבלעך, עלנטע, וואס מוזן נעבעך אויסשטייגן איינע אליין אין א פרעמדער שטאט, זיך אויסזעצן אליין אף א פורל און פארפארן אליין אין א האטעל, און גיין אליין אין א רעסטאראן מיטאג עסן אן א שום קאוואליער — געשיקט זיך עס? אי, טאמער איז יענער אן אויסוווּרף פון דער נאטור, וואס גאנץ ווארשע האט מיט אים צו טאן — וואס גייט עס מיך אן?

נאר למאי זאל איך ריידן, בעלצע היקרה, אף א מענטשן לשון־הרע גלאט אזוי אין דער וועלט אריין? אמער, נא, אט האסטו דיר דא די בריוו פון מיין פריינט, חיים סאראקער, און זע, וואס ער, אן אייגענער שוואגער, שרייבט אף דיין שיינעם קאוואליער און אף דיין דזשענטעלמאן, וואס האט נישט קיין אנדער נאמען בא אונדז אף די נאלעווקים, אויסער מאירל שארלאטאן.

איך בין זיכער, בעלצע היקרה, אז דו וועסט דורכלייענען סאראקערס בריוולעך, וועסטו אליין זען, אז עס וואלט פאר דיר פיל געזינטער געווען, ווען דו פאלגסט מיך און האלטסט זיך בעסער בא מיינע גוטע פריינט, נישט בא די אדעסער שארלאטאנעס, וואס ווארפן אוועק זייערע ווייבער און פליען ארום איבער מאריענבאד און קוקן ארויס, טאמער דארף קומען צו פארן א שיין ווייבל, זאלן זיי זיך אננעמען איר קריוודע. און וואס די יאמאיטשיכע וועט דיר דערציילן מעשיות אף מיין פריינט חיים סאראקער, אז ער שפילט טאג ווי נאכט אין זעקס־און־זעכציק מיט דיין קרובה חוהלע משאפניק, זאג איך דיר, בעלצע היקרה, אז, ערשטנס, איז דאס א ליגן. און צווייטנס, טאמער אפילו איז דאס אן אמת, איז שולדיק אין דעם דיין קרובה, נישט ער. א סימן — נא זע, וואס חיים סאראקער שרייבט מיר טאקע וועגן דעם. זיי מאכן א מאל א זעקס־און־זעכציק, ווייל ס'איז אים סקוטשנע, נישטא מיט וועמען צו שפילן, שפילט ער מיט איר. נאר ער וויל אזוי שפילן מיט איר, ווי איך וויל טאנצן, ווארעם, אז זי פארשפילט, צאלט זי נישט. לייען איבער גוט חיים סאראקערס

בריוולעך, וועסטו זען, וואס ער שרײַבט מיר פון אַלצדינגג, ער לאָזט ניט דורך קיין ברעקל. און אַז דו וועסט איבערלייענען די בריוולעך, זאָלסטו זײַ מיר אָפּשיקן צוריק, ווײַל איך האָב אים געגעבן מײַן ערן־וואָרט, אַז קיין פויגל זאָל נישט וויסן, וואס ער שרײַבט מיר.

איך מיין, אַז דו פאַרשטייסט אַליין, אַז ער איז גערעכט, וואס ער שרײַבט מיר, וואָרעם ער איז מיר אַ גוטער פרײַנט באמת און איז שוין נישט קיין „אויסגעוועבטער". ער איז שוין יאָ אַ קלוגער מענטש און אַ פּראַקטישער. ער פאַרשטייט שוין דווקא יאָ, ווו אײַן און ווו אויס. על־כן בעט איך דיך, בעלצע היקרה, זאָלסט, למען השם, ווי נאָר דו וועסט דער־האַלטן דעם דאָזיקן בריוו, באַלד זען זיך מיט מײַן פרײַנט חיים סאָראָקער, אים גישט דערציילן, וואס און ווען, ער זאָל גאָר אַפילו ניט איבערקלערן, אַז דו ווייסט פון זײַנע בריוולעך צו מיר. זאָלסט אים נאָר לאָזן גריסן פון מיר גאָר פרײַנטלעך, און זאָלסט נעמען געלט בײַ אים אויף מײַן רעכענונג, וויפל דו באַדאַרפסט. זאָלסט זיך נישט קווענקלען אין דער סומע, נאָר אַ פינף־און־צוואַנציקער און נאָך אַ פופציקער. ממה־נפשך — עס קאָסט שוין אַזוי פיל!... זאָלסט נאָר געדענקען איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איך זשאַלעווע דיר, חלילה, נישט דעם גראָשן דאָרט, ווו עס גייט אין דײַן געזונט, וואָרעם סוף־כל־סוף איז מיר דײַן געזונט טײַערער פון אַלץ אויף דער וועלט.

גם זײַ וויסן, בעלצע היקרה, אַז עס איז געווען בײַ מיר אַ גאַסט, דײַן פעטער משה פון ראָדעם, און האָט מיך אָפּגענודעט אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט. ער וויל, איך זאָל אים געבן אַ שטעלע בײַ מיר אין דעם נײַעם הויז. האָב איך אים געגעבן אַ פײַנע נדבה. האָט ער קיין נדבה ניט געוואָלט נעמען. ער איז נישט קיין מקבל, זאָגט ער, און, חלילה, ניט קיין מחזיר על הפתחים. ער וויל, זאָגט ער, כ ש ר פאַרדינען זײַן שטיקל ברויט. ווייס איך נישט, וואס ער מיינט „כשר", און וואס מע טוט מיט אים. און פון דײַן פעטער נחמן פון קוטנע האָב איך געהאַט אַ בריוו, שרײַבט ער, אַז ער איז אָפּגעברענט געוואָרן אין דער גרויסער שרפה, אַרויס מיט ווײַב און קינדער ווי די מאַמע האָט זײ געהאַט, און בעט הילף. האָב איך אים אַרויסגעשיקט וויפל איך האָב געקאָנט, כאָטש, דעם אמת זאָגנדיק, איך לייען צײַטונגען, איך האָב אין ערגעץ נישט געזען, אַז קוטנע זאָל האָבן געהאַט אָפּגעברענט. הכלל, געלט גייט אַזוי ווי רויך,

און דירה־געלט, ביז מע רייסט־ארוים בא די לאקאטארן, קומט־אן מיט ווערעם. און דאס נייע הויז האט מיך שוין אריינגעשלעפט אזוי ווייט, אז איך פיל, גלייך ווי איך טרינק מיך. נאר זאלסט נישט איבערטראכטן, אז איך שרייב דיר התנצלות, בכדי ס'זאל בא דיר ווינציקער אוועקגיין. חס וחלילה! זאלסט דיר נישט אפזאגן פון קיין זאך. רק זאלסט זיך היטן פון שלעכטע מענטשן, פון לײדיקגייערס, פון שארלאטאנעס, וואס האבן נישט אין זינען זייערע אייגענע ווייבער און קוקן אף שענערע. און זאלסט דיך אנהאלטן בעסער אן מיינע אמתע גוטע פריינט, און זאלסט אפהיטן די קור, און זאלסט מיר זיין געזונט, און קומען געזונטערהייט, אם ירצה השם, אחיים, ווי עס ווינטשט דיר באמת

בעלך שלמה קורלענדער.

.20

(אסתר סאראקער פון די נאלעווקיס אין ווארשע צו איר מאן חיים סאראקער אין מאריענבאד.)

ליבער חיים!

עס וואונדערט מיך, וואס איך האב שוין לאנג פון דיר קיין שום ידיעה. פון יענעם בריוו אן, ווו דו באקלאגסט זיך אף דעם „וויסטן" מאריענבאד, אז ס'איז דארט נישטא וואס צו טאן, ביסטו מיטאמאל אנטשוויגן געווארן, ווערנד צו אגדערע, האב איך געהערט זאגן, שרייבסטו זייער אפט און זייער א סך... איך ווער געוואר דורך פרעמדע, אז דו ביסט דארט, מיט גאטס הילף, א קאוואליער אין דעם מאריענבאד, וואס פאר־כאגט, ווי איך האב געהערט זאגן, אזוי ווינציק מאנצפארשוינען און אזוי פיל פרויענצימערס! איך דענק, חיים, אז עס דארף צו זיין גאנץ אנגע־נעם זיך פילן, ווי מע זאגט בא אונדז, „איין זכר אין מאסקווע"... אמת, מע דארף זיין דערצו זייער געשיקט און מע מוז באזיצן געוויסע פעי־קייטן צו קאנען יוצא זיין פאר אזוי פיל דאמען, קיין עין־הרע... נאר ניט פון דעם רייד איך. דו ווייסט, חיים, אז איך בין נישט אזוי דום, איך זאל זיין אייפערזיכטיק, ווי אנדערע פרויען, ווי מיין שוועסטער חנצע, למשל,

אַז אַך און ווי איז צו איר מזל, זי האָט אויך גוטע גרוסן פֿון מאַריענ־באַד. גוטע פֿרײַנט שלאָפֿן נישט, גיבן זיך מי צושטעלן איר אַלע מאָל נײַע סיורפּריזן פֿון איר תּכשיטים, ברילעכע און ליבע־צעטעלעך צו אַלער־לײ „דושינקעס" און „ליובינקעס". אַ נחת צו האָבן אַזאַ שוואָגער, ווי אונדזער מאַרק, און אַ תּענוג איז דאָס אַ גרויסער, אַז מע האָט די זכיה אים פֿאַר אַ מאַן צו האָבן. ווען דו זאָלסט זײַן אין דער היים, וואָלטן מיר אינאיינעם פֿאָרט געזען עפּעס אַן עצה, וואָס טוט מען מיט דעם פֿאַר־פֿאַלק, אַ ביטערער רחמנות אויף מײַן שוועסטער! אפֿשר וואָלטן מיר דאָס פּאַרל אַפּגענט, טראָץ דעם, וואָס חנצע איז אין אים צו די צרות פֿאַר־ליבט, זאָגט, אַז זי קאָן אָן אים נישט לעבן. פֿאַרפֿינצטערט איז זי גע־וואָרן! האָב קיין פּאַראיבל נישט, חיים, וואָס איך דול דיר אַ קאָפּ. ווי טאָר איך פֿון דיר פֿאַרלאַנגען, אַז דו זאָלסט אין זינען האָבן פֿאַמיליען־זאַכן, אַז דו האָסט אויף זיך דאָרטן אַזוי פֿיל פֿליכטן?... נאָר איך קער מיך אום צו דײַן בריוו.

דו באַקלאָגסט זיך פֿאַר מיר, חיים, און באַדויערסט, וואָס דו ביסט נישט קיין שרײַבער. ווען דו זאָלסט זײַן אַ שרײַבער, זאָגסטו, וואָלסטו געהאַט פֿון מאַריענבאַד צו שרײַבן און צו שרײַבן. וואָלטן וואָלסטו אי־בערגעקערט! איך מיין, אַז דו זאָגסט עס גלאַט אַזוי, ווײַל דו ביסט זייער באַשיידן. אומגעקערט, איך דאַרף דיר מאַכן אַ קאָמפּלימענט, אַז איך האָב מיר קיינמאָל נישט פֿאַרגעשטעלט, אַז מײַן מאַן זאָל האָבן אַזאַ טאַ־לאַנט צום שרײַבן. דײַנע בריוו, חיים, זײַנען, אָן אַ טראָפּן חניפֿה, גע־רעדט, אַ מוסטער פֿון אַ בריוונשטעלער. אויסערדעם, וואָס זיי זײַנען אַזוי שיין געשריבן, זײַנען זיי נאָך דערצו פֿאַרשיידנאַרטיק, יעדער בריוו מיט אַן אַנדער טאָן און מיט אַן אַנדער אינהאַלט, טראָץ דעם, וואָס זיי זײַנען אַלע כּמעט אין איין און דער זעלבער צײַט געשריבן.

צום בײַשפּיל, דײַנע בריוו, וואָס דו שרײַבסט צו דײַן פֿרוי, זײַנען נישט אַזעלכע, ווי די, וואָס דו שרײַבסט צו דײַנע גוטע פֿרײַנט. אין די בריוו, וואָס דו שרײַבסט צו דײַן פֿרוי, באַקלאָגסטו דיך אויף דעם „וויסטן" מאַריענבאַד, אַז דו טוסט נישט קיין זאַך, אויסער דעם, וואָס די דאָק־טוירים הייסן דיך. נישט דו עסט, זאָגסטו, נישט דו זיצסט אויף איין אָרט, נישט דו רירסט דיך צו, חס ושלום, צו אַ קאָרט, — מיט איינעם וואָרט, דו „קורירסט" זיך און קומסט נעבעך אָפּ אויף דער וועלט און לײַדסט

גלות מאַריענבאַד. ווערנד דיינע בריוו, וואָס דו שרייבסט צו אַנדערע, זיי־נען אַ סך לעבעדיקער, אַ סך פרייליכער, און לייענען זיך, ווי אַ פעליע־טאָן. פון דיינע בריוולעך, וואָס דו שרייבסט צו אַנדערע, איז צו זען, ערשטנס, אַז דו שטעלסט די דאָקטוירים אַ פייג, און אַז דו עסט, קיין עין־הרע, דווקא מיט אַ רעכטן אַפּעטיט, און שפּילסט, דאַנקען גאָט, גאַנצע טעג אָדער אין דרייען פּרעפּעראַנס אָדער, פּאַר נויט, אין צווייען אין זעקס־און־זעכציק. לאַנג לעבן זאָל די מאַדאַם טשאַפּניק, וואָרעם וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען זי זאָל, חס ושלום, אויך נישט זיין אין דעם „וויסטן" מאַריענבאַד? מיט וועמען וואָלסטו געשפּילט אין זעקס־און־זעכציק?... און, צווייטנס, איז צו זען פון דיינע בריוו, וואָס דו שרייבסט צו פרעמדע, ווי געטריי דו האָסט גענומען אויף זיך די אויפזיכט אויף יענע אומגליקלעכע ווייבלעך נעבעך, וואָס פאָרן ארום דאָס ערשטע מאָל אויף דער גרויסער וועלט, און ווי גאָענט דו נעמסט זיך צום הארצן, וואָס די דאָזיקע עלנטע ווייבלעך שפּאַצירן אַרום איבער מאַריענבאַד נישט מיט דעם, וואָס מע דאַרף, און גייען אין רעסטאָראַן עסן נישט מיט דעם, וואָס עס פּאַסט פאַר זיי, און שטייען נישט אין דעם געוווּנטשטן האָטעל. באשר בכן, דאַרפסטו אַוועקלייגן דאָס געזונט, איבערפּעקלען די פאַרבלאָנזשעטע נשמות אין אַן אַנדער האָטעל און למען השם געבן צו וויסן זייערע מאַ־נען, אַז זיי זאָלן נעבעך האָבן עגמת־נפש און אויסגיין מיט אַלע כחות?... ניין, חיים, מפקיר זיין זיך שוין טאָקע גאָר אינגאַנצן פון יענעמס וועגן איז אויך נישט כדאי. דו טאָרסט נישט פאַרגעסן, אַז דו ביסט אויף דער „קור", דאַרפסט זיך אַזוי נישט אָפּעסן דאָס הארץ, חיים. גלייב מיר, די עלנטע ווייבלעך וועלן, מיט גאָטס הילף, קומען בשלום אהיים, צו זייערע מאַנען, וואָס האָבן קיין צייט נישט געהאַט און האָבן זיך געאיילט חתונה האָבן באַלד נאָך שלשים, און איצט ציטערט אויף זיי דאָס לייב, זייערע ווייבלעך זאָלן, חלילה, נישט געשטרויכלט ווערן... נאַרישע מענער! זיי זאָלן מיך פרעגן, וואָלטן זיי באַדאַרפט די דאָזיקע ווייבער לאָזן לויפן. האַלטן צוגעבונדן אויפן שטריק קאָן מען גאָר אַ קו, און דאָך טרעפט זיך אַ מאָל, אַז זי גייט אין שאָדן...

נאָר מיין נישט, חיים, אַז דאָס, וואָס איך שרייב דיר דאָ אין אַזאַ טאָן, איז, ווייל עס פאַרדריסט מיך. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין נישט גלייך צו מיין שוועסטער חנצע, וואָס וויינט און קלאָגט אויף אירע

יאָר און טעג און פאַרשילט זיך דאָס געביין. איך וויל דיר נאָר באַמערקן איין זאַך, אַז די „קור" אין מאַריענבאַד קאָן נישט גיין גוט, אַז מע פאָלגט נישט דעם דאָקטער און אַז מע שפּילט גאַנצע טעג אין קאָרטן און מע עסט זיך אָפּ דאָס האַרץ פאַר פרעמדע ווייבלעך, וואָס מע דאַרף אף זיי השגחה געבן, זיי זאָלן, חלילה, נישט גיין אין שאָדן...

ליעבענדיק, חיים, דײַנע שיינע גרויסע בריוו, וואָס דו שרײַבסט צו דײַנע „גוטע פרײַנט", האָב איך מיך דערמאָנט אין די אַמאָליקע גליקלעכע צײַטן, וואָס ווען זיך שוין ליידער קיינמאָל נישט אומקערן... אַמאָל, געדענק איך, פלעגסטו מיר אויך שרײַבן גרויסע ליבע האַרציקע בריוו; הײַנט שרײַבסטו אַזעלכע בריוו צו אַנדערע, און מיך פּטרסטו אָפּ מיט עטלעכע שורות, אָדער עס גייען־אַוועק וואָכן און דו שרײַבסט גאָרנישט. נאָר שאַ. איך האָב גאָר פאַרגעסן אַז דו האָסט קיין צײַט נישט. האָסט נעבעך אף זיך אַזוי פיל זאָרגן אין דעם „וויסטן" מאַריענבאַד, דער אייבערשטער זאָל טאַקע שומר ומציל זײַן אַלע ייִדן!....

זײַ געזונט, חיים, און פאַרגעס נישט פונדעסטוועגן מיר אויך אַמאָל אַרײַנוואַרפן אַ בריוול כאָטש פון יוצא וועגן. לאָז זיך דיר דאַכטן, עלעהיי איך בין אויך פון די „גוטע פרײַנט" דײַנע, וואָס דו שרײַבסט צו זיי אָפּט און אַ סך, אמת םםוד סודות ... און איך ווינטש דיר דערפאָלג אין זעקס־און־זעכציק און אין פרעפעראַנס, אַזוי ווי אין אַלע דײַנע איבעריקע מאַריענבאַדער געשעפטן און אונטערנעמונגען...

אסתר.

.21

(די יאַמאַיטשיבע פון מאַריענבאַד צו איר מאַן וועלוול יאַמאַיקער אף די נאַלעווקיס אין וואַרשע.)

וועלוול! וואָס פרעסטו די נשמה און זעצסט מיט בריוו, איך זאָל דיר שרײַבן און שרײַבן? איך שרײַב דאָך דיר, דאַכט מיר, אַלע וואָך, אַז ס'איז דערווײַל נישטאָ גאָרנישט וואָס צו שרײַבן, וואָרעם מיר זײַנען אין מאַריענבאַד, נישט אין קאַרלסבאַד. און איך שרײַב דיר, וועלוול, אַז עס

בלאזט דערויף, אז מיר זאלן שוין דא בלייבן וויגטערן אין מאריענבאד, און לאזן אונדזערע שונאים שוין אזוי לעבן, ווי איך וועל דא עפעס מאכן. און אליץ איבער וועמען? איבער דיר מיט דיין עקשנות און מיט דיין שכל הישר, וואס וועט אונדז פארפירן אלעמען, הלוואי איך זאל ליגן זאגן, דער שווארץ יאר ווייס וואהין, ווארעם אז טאמער וואלט איך שוין געווען פארטיק כאטש מיט איינעם, איך מיין מיטן ביאליסטאקער, איז ביז איך האב זיך א קער געגעבן, איז דערווייל אונטערגעשפרונגען באזעל. א היץ אין באזעל, א קאנגרעס פון ציוניסטן. האט דאס אים אוועקגעטראגן קיין באזעל מיט נאך עטלעכע יונגע לייט און בחורים, וואס זיינען צום מייניסטן אף מיין פינצטער מזל אלע ציוניסטן. א גליק כאטש, וואס דער קעשעניעווער פון קעשעניעוו איז נישט קיין ציוניסט. ער לאכט פון די ציוניסטן. ער זאגט, אז ס'איז נאר אן אנשטעל. פונקט ווי די, וואס פארן זיך קורירן. דער גאנצער מיין, זאגט ער, איז חתנים און כלות. ווי באלד אזוי, טוט מיר טאקע באנג, פאר וואס בין איך געפארן קיין מאריענבאד און נישט קיין באזעל. ווען איך ווייס פריער פון א קאנגרעס און פון א באזעל, וואלט איך בעסער געפארן קיין באזעל, ווארעם די גאנצע וועלט, זאגט מען, וועט זיין אין באזעל. און איך שרייב דיר, וועלוול, אז איך ווייס פריער, וואס דו וועסט מיר דערויף שרייבן. דו וועסט מיר שרייבן, איך זאל דיר נישט שרייבן פון באזעל, ווארעם נאך דיין שכל הישר קומט דאך אויס תמיד קאפויר, מיטן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף. דערפאר וויל איך דיר גארנישט שרייבן פון באזעל, ווארעם איידער דיך איבערשפארן איז שוין גרינגער איבערטראגן מאריענבאד אף די נאלעווקיס, אדער די נאלעווקיס קיין מאריענבאד. און איך שרייב דיר, וועלוול, אז דו וועסט זיין ערגער פון ערגער, אז דו וועסט זיך נישט זען דארטן מיט די איטשע־מייערס, איך מיין הירש ליפערמאנען, קלמן ברויכשטול, יצחק־מאיר שערענצים און יצחק־מאיר פעקעלים, און דער עיקר מיט שלמה קורלענדער, און פרעגן בא זיי, וואס איז די גדולה, וואס זיי האבן אוועקגעשיקט זייערע ווייבער אף הפקר און אליין זיינען זיי געבליבן אין דער היים? פאר וואס זאלן זיי בעסער נישט קומען אהער צו פארן כאטש קלייבן נחת, זען, ווי זייערע ווייבער פארנעמען זיך דערמיט, וואס זיי כאפן איבער פרעמדע חתנים, ריידן־אפ יונגע לייט, אז זיי זאלן נישט חתונה האבן. מע איז זיך אביסל אנגעפארן אהער! קלאמ־

פֿערשט אַף דער „קור"! ווער מיר קור? אַז טאָג ווי נאַכט נאָר מע זוכט קאַוואַליערן. אַ בחור איז אַ בחור, אַן אַלמן איז אַן אַלמן, אַ גרוש איז אַ גרוש, אַ באַווײַבטער איז אויך גוט, אַבי אַ זכר. זינט איך לעב, זינט איך שטיין אַף מײַנע פֿיס — נאַ דיר אַ באָד. ביז מע דערלעבט צו זען אַ שטיקל מאַנצפֿאַרשוין, באַפֿאַלן אים אונדזערע נאַלעווקער ווײַבלעך, אַזוי ווי די פֿליגן, און מע הייבט־אָן פֿרײַער מיט די פּיסקעלעך און מיט די צינגעלעך זיסע ריידעלעך: העטי — פּעטי — מעטי — וועטי, און דווקא אַף דײַטש, אַנדערש לוינט זיך נישט, און נאָכדעם גייט מען אַלע אינאיינעם פֿאַרלעכוווײַז, קלאָמפּערשט טרינקען קאַווע, נאָר דער עיקרשט איז העטי — פּעטי — מעטי — וועטי. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מע מאַכט אַ פֿאַר־אַרויס ערגעץ העט הינטער דער שטאָט אַרויס, און דאָרטן אָדער מע גייט אין וואַלד, אָדער מע שיפּט זיך אַף שיפֿלעך, אָדער דער שוואַרץ־יאָר ווייסט זיי, וואָס זיי טוען דאָרטן! און איך שרײַב דיר, וועלוול, אַז דו שרײַבסט מיר, איך זאָל דיר שרײַבן פֿונעם קעשעניעווער שידוך, וואָס פֿון קעשעניעוו, — שרײַב איך דיר, אַז איך האָב דיר שוין געשריבן. וויפֿל מאָל דאַרף מען דיר שרײַבן? הייסן הייסט ער זײַדענער, און אַליין איז ער אַ ציין־דאָקטער, און אַפּן פּנים איז ער אַ שיינער, אַ פֿאַרשוין קאָן מען זאָגן, און טוט זיך אָן שיין, אַז ס'איז אַ פֿאַרגעניגן צו קוקן, אַלצדינג גוט אַרום און אַרום. און איך שרײַב דיר, וועלוול, אַז דער שדכן האָט אָוועקגעשריבן שוין צוויי בריוו קיין קעשעניעוו, מע זאָל אים שרײַבן, ווער און וואָס דער זײַדענער איז, שרײַבט מען אים פֿון דאָרטן, אַז ער איז טאַקע אַ ציין־דאָקטער און אַ גוטער ציין־דאָקטער, שרײַבט מען, און האָט זייער אַ שיינעם קאַבינעט, און איז זייער אָנגענומען, און פֿאַרדינט זייער שיין געלט, שרײַבט מען. און מע זעט טאַקע, אַז געלט איז באַ אים בלאָטע, און ער רעדט אַפֿילו גאָרנישט פֿון קיין געלט, ווי אַנדערע, למשל, דער ביאַליסטאָקער, וואָס דינגט זיך מיט מיר שוין פֿון צוויי וואָכן, ווי איבער אַן אָקס. דאָס הייסט, נישט ער דינגט זיך, נאָר דער שדכן דינגט זיך. און אַליין שטייט ער בלומרשט באַ דער זײַט, ער מישט זיך נישט, הייסט עס, אין אַזעלכע זאַכן... און איך שרײַב דיר, וועלוול, אַז דער קעשעניעווער דאַנטיסט געפֿעלט מיר זייער. איך רעכן אָוועקגעבן אים נאָך דער חתונה אונדזער יענקלען, טאָמער וועט ער אים מאַכן פֿאַר אַ שטיקל מענטש. און איך שרײַב דיר, וועלוול, אַז דו חאָסט נישט וואָס צו

זעצן מיט בריוו, אז איך זאל דיר שרייבן, ווארעם איך האב דערווייל גאר־נישט וואס צו שרייבן. אז ס'וועט זיין וואס צו שרייבן, וועל איך דיר אליין שרייבן, אדער קלאפן א דעפעש, זאלסט קומען אפן גרייט!. און איך שרייב דיר, וועלוול, אז איך האב צוגעשלעפט צום קעשעניעווער שידוך אונדזער טשאפניטשקע. לעבן לעבט זי גרוים און קיין געלט האט זי נישט, האב איך איר צוגעשארט א פארדינסטל. למאי זאל דער סוויר־סקי, דער וועלט־שדכן, וואס איך האב דיר געשריבן, צונעמען די גאנצע פוטער? וואס וועט מיך ארן, אז די טשאפניטשקע וועט אויך עפעס נאשן? הלוואי זאל זיך עם נאר אויסקיטלען, אם ירצה השם, אין א גוטער שעה, איך זאל דיר קאנען שרייבן נייס. און איך שרייב דיר, וועלוול, זאלסט זיך מאכן צייט און למען־השם זיך זען דארטן מיט לוי־פערמאנען און מיט ברויכשטולן, און דער עיקר מיט דעם קורלענדער אקס, און אים אויפעפענען דעם מוח אף זיין בעלצען, אז ס'איז גלייבער, ער זאל בעסער אכטונג געבן אף זיין ווייב איידער אף זיינע הייזער. די הייזער וועט דער דוח נישט נעמען, און זיין בעלצע מאכט דא הנדלען מיט פרעמדע חתנים און מיט פרעמדע מאנען, וועלכע שלאגן זיך גאר פאר איר, ווי פאר עפעס רעכטס. ס'איז חולשי חלשות, א בזיון מיט א הארצווייטיק אינאיינעם. ווארעם ווען נישט אט די נאלעווקער ווייבלעך, וואלט אט דער קעשעניעווער שידוך שוין לאנג געווען א שידוך. און איך שרייב דיר, וועלוול, אז איך קאן דיר גאר אזוי פיל נישט ארויס־שרייבן, און זיי געזונט, און גרים די קינדער, יענקלען און מענדלען, גאר פריינטלעך.

פון מיר דיין פרוי פ ע ר ל י א מ א י ק ע ר.

.22

(חיים סאראקער פון מאריענבאד צו זיין פריינט שלמה קורלענדער אף די נאלעווקים אין ווארשע.)

ידידי!

איך וואלט דיר באדארפט אפשפילן א פרימארגן גאר אף אן אנדער אופן. אדער נאך בעסער וואלט געווען, איך זאל דיר גארנישט שרייבן,

וואָרעם דו ביסט דאָס נישט ווערט. אַף אַזאַ פּרא־אָדם, ווי דו, אַן ביידע זאַכן: אָן שׂכל און אָן יושר, איז אָסור לרחם! אַז די וועלט זאָגט, אַז די קורלענדער זײַנען חכמים בלילה, איז דאָס, אַפּנים, נישט אומזיסט. אַ וועלט איז נישט משוגע.

איך פֿרעג דיך אַליין, ביסטו נישט קיין פּערד, באַטש דו ביסט שוין אַ ייִד קרוב צו ששים: באַרעכן דיך, אויב דו האָסט נאָך אַ שטיקל קלעפּ־קע אין קאָפּ, וואָס האָסטו געטאָן? דו גייסט און שרײַבסט מיר אַרײַן אַ בריוו אַזוי און אַזוי, און בעטסט מיך רחמים, עס האָט דיך געטראָפֿן אַ צרה, דײַן בעלצע פּאַרט קיין מאַריענבאַד דאָס ערשטע מאָל אַף איר לעבן און קען נישט די שפּראַך און ווייס נישט, ווער עס האָט זי גע־שלייערט, על־כּן זאָל איך זי מקרב זײַן, אַף איר השגחה געבן, אויסלײַען איר געלט און נאָך אַזעלכע זאַכן. און דו אַליין לייגסט מיר נאָך אַרײַן אַ פֿינגער אין מויל אַרײַן איך זאָל זען, אַז זי זאָל זײַן ווײַט אָפּגעשיידט פֿון איר קרובה, חוהלע טשאַפּניק, און בדומה אַזעלכע זאַכן. און בעטסט מיך נאָך אַליין, ס'זאָל זײַן בסוד. און איך בין אַזאַ שוטה, און גלייב דיר, וואָס דו שרײַבסט מיר, און האָב אַף דיר רחמנות, און שרײַב דיר אַוועק אַ בריוו און נאָך אַ בריוו, און גיב דיר איבער אַלצדינג מיט אַלע פּישטשעווקעס, און זאָג דיר אָן צען מאָל, אַזוי ווי דו שרײַבסט מיר בסוד, אַזוי אויך דאָס, וואָס איך שרײַב צו דיר, באַדאַרף זײַן אַ הייליקער סוד, וואָס נאָר צווישן אונדז ביידן זאָל עס בלײַבן, און קיין פֿויגל זאָל נישט וויסן אַפֿילו, אַז דו שרײַבסט צו מיר און אַז איך שרײַב צו דיר. לסוף וואָס טוט אַזאַ חכם, ווי דו? גייסטו, קורלענדער אינדיק וואָס דו ביסט, און טראָגסט אַוועק מײַנע בריוו גלײַך צו מײַן אסתרן, — ביסטו נישט ווערט, אַז מע זאָל דיך אַנידערלייגן אין מיטן די נאַלעווקיס און אָפּצימב־לען דיך, ווי עס געהער צו זײַן, אָדער שנײַדן פֿון דיר פּאַסן? איך פֿרעג דיך, משוגענער לעקיש, ווער טוט עס? דאָס טוט דאָך נישט דער ערגס־טער הולטײַ שבהולטײַעס! נישט אומזיסט זאָגט די וועלט אַ ווערטל, אַז אַ נאַר איז טויזנט מאָל ערגער פֿון אַ הולטײַ. ניין, איך פֿרעג דיך אַן אַנדער קשיא: וועלכער רוח האָט דיך געטראָגן, אַז דו זאָלסט זיך צו מיר אָנשלאָגן מיט דײַן בעלצען? און וואָס גייט מיך אָן, צי דײַן בעלצע פּאַרט דאָס ערשטע מאָל קיין מאַריענבאַד, צי דאָס לעצטע מאָל? ווער האָט גע־בענקט נאָך איר אָט דאָ אין מאַריענבאַד און ווער האָט אַרויסגעקוקט אַף

איר, אַ חוץ מײַן שוואָגעריק, דער שאַרלאַטאַן? ווייס־זשע, דו קורלענדער בהמה, אַז דײַן בעלצע איז דאָ, חליקה, נישט קיין עלנטע; אַ חוץ מײַן שוואָגעריק, דעם אַדעסער תכשיט, טאַנצן אַרום איר נאָך שאַרלאַטאַנעס, און מער פון אַלעמען איינער אַ קעשעניעווער פּראַנט מיט ווײַסע הויזן, אַ דאַנטיסט, וואָס האָט באַדאַרפט די טעג חתן ווערן. די מאַדאַם טשאַפּניק איז געווען די גאַנצע שדכנטע און געזאָלט כאַפּן דערבײַ אַ גראָבס, נאָר ס'איז צו־נישט געוואָרן, מע ווייס נישט איבער וואָס, מע האַלט דאָס בסוד. נאָר דײַן בעלצע ווייס פונעם סוד, וואָרעם קיינער איז מיט אים אַזוי נישט נאָענט, ווי דײַן בעלצע... זיי שפּאַצירן אַרום שטענדיק אינאײנעם, טרינקען און איין צײַט דאָס וואַסער באַם ברונען, און עסן אין רעסטאָראַן בײַ איין טיש.. האָט דאָס מסתמא רעכט פאַרדראָסן מײַן שוואָגעריק דעם אַדעסיט, האָט ער זיך זאַטשעפּעט מיטן קעשעניעווער דאַנטיסט, האָט אים דער דאַנטיסט געשיקט זאָגן, אַז ער רופט אים אַרויס אויף אַ דועל, און עס וויגט זיך מאַריענבאַד, און די וועלט גייט כאַדאַראָם! מיטן איין וואָרט, ס'איז אַ גאַנצער ראָמאַן, און דײַן בעלצע איז פון אים די העלדין, און דו זיצסט אויף די נאַלעווקיס און היטסט די הײַזער. היט־היט, קורלענדער לעמעשקע, זיי זאָלן נישט אַנטלויפן! פאַר דײַן בעלצען זאָלסטו זיך נישט זאָרגן. זי וועט נישט פאַרפאַלן ווערן. איך האָב גע־הערט זאָגן, אַז זי פאָרט אַריבער פון דאַנען אין אַן אַנדער באָד. וווּהין — ווייס איך נישט. איך האָב געהערט, אַז קיין אָסטענדע. און זי טוט זייער גלײַך. משנה מקום, משנה מזל... יעדנפאַלס, דאַרפסטו קיין יסורים נישט האָבן. זי פאָרט נישט אַליין. זי פאָרט אין צווייען... נאָר וואָס גייט עס מיך אָן? פון מײַנעטוועגן מעגן זיי פאָרן אפילו אין דרײַען. וואָרעם, אַז דו האָסט געקאָנט האָבן אין זיך אַזאַ יושר און גיין ווײַזן מײַן אסתרן די בריוו, וואָס איך שרײַב צו דיר בחדר"ג, ביסטו אַ פּעטאַך און אַן אַל־טער בעזעם און אַ שמינדער בגעץ און אַ גאָרנישט מיט אַ נישט, און ביסט נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט דיך, און איך וויל מיט דיר מער קיין מגע־ומשא נישט האָבן!

איך וואָלט דיר, אייגנטלעך, געקאָנט שרײַבן איצטער נײַס און נײַס, טאַקע פון בעלצען מיט דעם דאָזיקן קעשעניעווער פויגל... נאָר איך וויל מיך שוין מער נישט אַרײַנמישן אין אַזעלכע עסקים און וויל אפילו אין דײַנע ד' אמות נישט שטיין! גענוג. איך האָב מיך שוין אָפּגעבריט מיט

דיר איין מאָל — מעגסט שוין איבערגיין אַף אַנדערע הענט. מיך זאָלסטו מער נישט פרעגן גאָרנישט, און נישט שרײַבן צו מיר, וואָרעם איך וועל דיר נישט ענטפערן. איך בין שוין מער נישט דײַן בעל־יועץ מיט דײַן בעל־סוד. און דו! מיר נישט קיין קאָפּ און דריי מיר נישט קיין ספּאָדיק. איך וויל דיך נישט קענען, אַזוי ווי איך האָב דיך נישט געקענט.

דאָס געלט, וואָס איך האָב דאָ געגעבן דײַן בעלצען אַף דײַן רעכע־נונג, קאָנסטו מיר אָפּשיקן אַהער, אויב דו ווילסט, און אַז נישט, וועסטו מיר באַצאָלן אין וואַרשע, אחת ואחת. נישקשה, ביסט בא מיר א בטוח. און אפשר וועסטו מיר נישט וועלן צאָלן פאַר דײַן בעלצען? אדרבה, לאָז דיר גאָט געבן אַזאַ מחשבה. איך האָב דײַן בריוו, ווו דו שרײַבסט מיר בפירוש, איך זאָל אַרויסגעבן דײַן ווײַב געלט אַף דײַן רעכענונג, ווען נאָר זי וועט באַדאַרפֿן און וויפֿל זי וועט פאָדערן. און לאָ־מיר זען, דו זאָלסט אָפּלייקענען, וועסטו נאָך האָבן בזיונות אויך, וואָ־רעם איך וועל דײַן בריוו געבן איבערזעצן אַף רוסיש, — ער איז בא מיר אַ דאָקומענט...

און האָרך אויס, חכם מײַנער, אַזוי ווי דו ביסט, ווי איך זע, אַ מענטש, וואָס דו קאָנסט נישט האַלטן קיין סוד אין זיך, וועסטו דאָך אַוודאי וועלן אָפּטראָגן מײַן ווײַב, וואָס איך שרײַב צו דיר אַצינד, זאָג איך דיר, אַז דו קאָנסט דאָס טאָן מיטן גרעסטן כבוד. נאָר איידער איך געזעגן מיך אָפּ מיט דיר, דאַרף איך דיר נאָך אַ מאָל זאָגן אָפּנטלעך, אַז דו ביסט אַ קורלענדער לעמעשקע, און אַן אָפּגעריסענער נאַר, און אַ שמענדריק, און אַ בהמה בצורת פערד, און אַ דאָס, וואָס מע טאָר נישט אויסזאָגן...

פון מיר דײַן געוועזענער גוטער פרײַנט, וואָס דו ביסט נישט ווערט זײַן פאַדמעטקע.

חיים סאָראָקער.

## .23

(שלמה קורלענדער פון די נאַלעווקעס אין ווארשע צו זײַן פרײַנט חיים סאראקער אין מאַריענבאַד.)

לכבוד ידידי היקר מוהר"ר חיים נ"י.

ווי בוימל אויפֿן פײַער און ווי זאַלץ אויף אַ וווּנד, אַזוי איז געווען דײַן בריוו צו מיר, וואָס האָט מיר צוגעלייגט צו מײַנע צרות נאָך אַ צרה און צו מײַן עגמת־נפש, וואָס איך האָב, נאָך מער עגמת־נפש, אַז ממש איך גיי אַרום אָן אַ קאָפּ, און ווייס שוין גאָרנישט, וואָס איך זאָל טאָן. לאָ־די, וואָס איך האָב אַזעלכע גוטע ידיעות פון מאַריענבאַד, באַדאַרף איך נאָך האָבן חרפות־בושות פון דײַן אסתרן, און עס דאַרף מיר פלאַמען דאָס פּנים פאַר אַ בערל טשאַפּניק, וואָס איך היט זיך פאַר אים, ווי פאַר פײַער. איך זאָל נעמען אויסדערציילן דיר מײַן געשוואָלן האַרץ, מיט די צרות און געבראָטענע לייד, וואָס איך שטיי־אויס פון זינט מײַן בעלצע איז אין מאַריענבאַד, וואָלט איך געהאַט דיר צו שרײַבן און צו שרײַבן. נאָר דו האָסט נישט פאַרדינט בא מיר, חיים, איך זאָל דיר אַפילו ענטפערן אויף דײַנע זידלערײַען און זלזולים. ווי מיר האָבן היינט יום גימל אויף דער גאַנצער וועלט, אַז דו ביסט קענגן מיר אומגערעכט אַרום און אַרום, און אַז דו וועסט איבערלייענען מײַן בריוו, וועסטו אַליין זאָגן, אַז דו האָסט געהאַנדלט אַקעגן מיר ניט ווי אַ גוטער פרײַנט און אַן אָרנטלעכער מאַן, נאָר ווי אַ שונא און ווי אַ נידערטרעכטיקער מענטש מיט אַ פאַרדאָרבענעם כאַראַקטער. נאָר לאָמיר גיין בהדרגה און לאָמיר דיר אָפּענטפערן פריִער אויף דײַן בריוו, על ראשון ועל אחרון אחרון.

מילא, וואָס דו זידלסט מיך, ווי אַ יאַטקע־יידענע, און רופסט מיך אָן מיט אַזעלכע נעמען, וואָס מע האָט נאָך נישט געהערט צווישן סעדיכעס אויף דער זשעליאַזנע בראַמע, — דאָס בין איך דיר מוחל. איך געפין אויף דיר אַ זכות — מסתמא האָסטו באַקומען אַ רעכטע פּאַרציע פון דײַן אסתרן, וואָס ס'איז איר נעבעך ווייסט אויפן האַרצן, ביסטו געגאַנגען און האָסט אויסגעלאָזט דעם גאַנצן צאָרן אויף מיר, כאָטש גאָט איז יודע דעם אמת, אַז איך בין ריין, איך זאָל אַזוי ריין זײַן פון

שלעכטס. און לאָם איך אַזוי דערלעבן זען מײַן בעלצען בקרוב צוריק אין וואַרשע, — ס'איז באַ מיר אַ גוטע שבועה, — ווי איך האָב נישט מזכיר געווען פאַר דײַן אסתרן קיין חצי־דבור פון דײַנע בריוולעך צו מיר אָדער פון מײַנע בריוולעך צו דיר. אָסור, אויב איך הייב אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי קומען זיי צו דײַן אסתרן? אדרבה, איך האָב שוין לאַנג חושד געווען דיך, אַז דו האָסט דײַן אסתרן מײַנע בריוו צו דיר יאָ באַוויזן, וואָרעם פון וואַנען דען וויים דײַן אסתר, אַז איך האָב דיר פאַרטרויט מײַן בעלצען אין מאַריענבאַד, אַז דו זאָלסט אַף איר השגחה געבן, אויסלײַען געלט און נאָך אַזעלכע זאַכן? איך קום צו גיין איינמאָל צו דיר אַהיים זען, וואָס מאַכט דײַן אסתר, און איבערגעבן איר אַ גרוס פון מײַן בעלצען, רופט זיך אָן צו מיר דײַן אסתר: „איר האָט ניט געהאַט, זאָגט זי, אין מאַריענבאַד קיין גענטערן גוטן פרײַנט, זאָגט זי, איר זאָלט אים מאַכן פאַר אַן אַפּעקון, זאָגט זי, אַף אײַער בעלצען, אַ חוץ מײַן היימען?“... איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, וואוהין דער ווינט בלאָזט, נאָר איך האָב מיך אָנגענומען מיט הארץ און האָב איר אָפּגעענטפערט: „זאָלט איר מיר געזונט זײַן, זאָג איך, געבן אײַער מאַן אַן אָנווײַזונג אַף געלט, זאָג איך, ווערט שוין אָנגערופן באַ אײַך, זאָג איך, אַפּעקון?“ הערט זי מיך אויס און מאַכט צו מיר: „ווייסט איר וואָס, רב שלמה? לאָמיר, זאָגט זי, דערפון נישט ריידן מער“...

נאָך אַזעלכע רייד דאַרף מען זײַן, דאַכט מיר, אַ ליימענער גולם, אַז מע זאָל נישט פאַרשטיין, אַז אָדער דו האָסט איר איבערגעשיקט מײַנע בריוו, וואָס איך האָב צו דיר געשריבן, אָדער דו האָסט איר גלאַט אַזוי איבערגעגעבן אַלצדינג וואָס איך האָב דיר געשריבן וועגן מײַן בעלצען, כאָטש איך פאַרשטיי נישט, צו וואָסער אַ צוועק? נאָך אַ סימן האָב איך געהאַט, אַז דײַן אסתר וויים פון מײַנע בריוו צו דיר: אַז איך האָב געהאַלטן שוין באַ אַוועקצוגיין, רופט זיך אָן צו מיר דײַן אסתר: „לאָזט גריסן אײַער בעלצען, און שרײַבט איר, אַז זי וועט פאָרן צוריק פון מאַריענבאַד, זאָגט זי, איבער בערלין און וועט זײַן באַ ווערטהיימערן, זאָל זי מיר אויך, זאָגט זי, אין זינען האָבן“... פון וואַנען וויים דײַן אסתר, אַז מײַן בעלצע איז געווען באַ ווערטהיימערן? אַ נביאטע איז זי, צי אַ פייגעלע האָט עס איר געבראַכט צו טראָגן פון מאַריענבאַד? נאָר דאָס אַליין וואָלט געווען אַ האַלבע צרה. האָסט מיר געוואָלט

פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פאַר דײַן אסתרן. ביסטו מיר געגאַנגען און האָסט איבערגעגעבן אַזעלכעס, וואָס דו האָסט נישט געטאָרט איר איבערגעבן בשום אופן. נאָר גאָרנישט. אָפּגעטאָן, איז פאַרפאַלן. וואָס האָסטו אָבער געהאַט צו מיר, זאָלסט מיר אָנשיקן אַף מײַן קאָפּ אַ נײַעם אומגליק? איך רייד פון בערל טשאַפּניק. פון וואַנען ווייס עס אָט דער אַפּעריסט, וואָס איך האָב געשריבן צו דיר וועגן אים און וועגן זײַן מאַדאַם, אַז זיי וווינען שוין צוואַנציק יאָר אין וואַרשע און קיין בן־אָדם ווייס נישט, ווער איז טשאַפּניק, איז פון וואַנען לעבט אָט דער טשאַפּניק, און נאָך אַזעלכע זאַכן? אַף אַזאַ מין אָנשיקעניש האָב איך זיך קיינמאָל נישט געקאָנט ריכטן. ווי אין אַן אויג אַ שטאָך, אַזוי היט איך מיך מיט אַ וואָרט קעגן דעם דאָזיקן ייִדן, און איך קאָן גיין שווערן אין טלית און אין קיטל, אַז אויסער דיר האָב איך וועגן אים קיינעם קיין שלעכט וואָרט פון מײַן מויל נישט אַרויסגעזאָגט. ער ווייס נישט, זאָגט ער, וואָס איך האָב צו אים? דאַכט זיך, מיר האָבן קיינמאָל, זאָגט ער, זיך נישט געקריגט. און טאָמער איז געווען צווישן אונדז אַ שטיקל רעכענונג (דו הערסט? אַ שטיקל רעכענונג!) וועגן דירה־געלט, זײַנען מיר, זאָגט ער, לעבעדיקע מענטשן, ער האָפט, זאָגט ער, גאָר אין גיכן, מיטן אייבערשטנס הילף, זיך צערעכענען מיט אַלעמען, און מיט מיר צום אַלעם ערשטן, ווײַל ער האַלט מיך, ערשטנס, פאַר אַ פײַנעם און אַן אָרנטלעכן און אַ גוטן מענטשן מיט אַ ווייכן כאַראַקטער (דו הערסט, צי ניין?), און והשנית, זאָגט ער, זײַנען מיר דאָך איצטער עפּעס שטיקלעך קרובים...

„קרובים?" — דאָ בין איך שוין געוואָרן אָנגעצונדן. מילא, אַ ווייכן כאַראַקטער אַז איך האָב און נאָך אַזעלכע זאַכן קאָן מען נאָך ווי עס איז אַריבערטראָגן, נאָר אַז בערל טשאַפּניק האַלט שוין בײַ אויסרעכענען זיך מיט זײַן קרובהשאַפט — שמעקט דאָס שוין געוויס מיט אַ גמילות־חסד. צום סוף לאָזט זיך אויסעט, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט. דאָס הייסט, מיט אַ גמילות־חסד האָט זיך עס טאַקע געענדיקט, נאָר דער עיקרשט פון זײַן אַרײַנקומען, זאָגט ער, איז נאָר איין זאַך: „פאַר וואָס זאָלט איר מיך האַלטן, זאָגט ער, שטענדיק אין מויל, זאָגט ער, און מיך באַריידן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַזוי, אַז גאַנץ מאַריענבאַד זאָל, זאָגט ער, וויסן, אַז איך זיץ, זאָגט ער, צוואַנציק יאָר אין

װאַרשע און װעל נישט קיין דירה־געלט, און אַז איך װעל נישט דעם קצב פאַר פלײש, זאָגט ער, און אַפילו העקסעלמאַנען פאַר דער װעטשערע, זאָגט ער, האָב איך אױך נישט באַצאָלט?"...

װי אַזױ מיר איז געװען אױפן האַרצן נאָך אַזעלכע רײד — באַדאַרף איך דיר נישט דערצײלן, חיים. דו ביסט דאָך שױן נישט קיין קורלענדער, װעסטו שױן אַלײן װי עס איז פאַרשטײן מיט דײַן אײגענעם שכל. נאָר װאָס דען? איך פרעג דיך, איז דאָס אַ יושר, נעמען מײַנע בריװ, װאָס איך שרײַב צו דיר בסוד סודות, און באַװײַזן זײ דער מאַדאַם טשאַפּניק, זי זאָל זען, װאָס איך שרײַב צו דיר אױף איר מאַן? און נאָך אַזאַ מעשה נוראָ גײסטו און טראַכסט אױס אױף מיר אַ בלבול, אַז איך האָב באַװיזן דײַן אַסתרן די בריװ, װאָס דו שרײַבסט צו מיר, און פאַלסט אָן אױף מיר מיט זידלערײַען און באַלײדיקסט מיך, װי דעם לעצטן שבלעצטן ! ! נײן, חיים, איך װעל דיך נישט זידלען, אַזױ װי דו זידלסט מיך. איך בין נישט דו. נאָר זאָגן װעל איך דיר, אַז דו ביסט אַ נידעריקער מענטש מיט אַ געמײנעם פאַרדאַרבענעם כאַראַקטער, און דערצו נאָך אַ שטיק משוגענער, אַ כהן, צװישן כהנים אַ כהן! און מער איז נישטאָ מיט דיר װאָס צו רײדן. „אַן אָקס, זאָגט מען, האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר נישט בלאָזן"...

ידידך שלמה קורלענדער.

## 24.

חנצע מאַריאַמטשיק פון די נאַלעװקיס אין װאַרשע צו איר מאַן מאיר מאַריאַמטשיק אין מאַריענבאַד.

טײַערער מאַרק!

אומזיסט איז דײַן טרחה, און דײַנע זיסע בריװלעך צו מיר, װוּ דו דערקלערסט זיך מיר אין ליבע, זײַנען אַרױסגעװאָרפן. איך װײס שױן, צוליב װאָס דו ביסט געפאָרן אין אױסלאַנד. איך װײס שױן, צוליב װעמען דו האָסט זיך אַזױ געריסן קיין מאַריענבאַד. צו שפּעט האָב איך דאָס דערפאַרן, אַז װײ און װײ איז מיר. איך זאָל נישט

זײַן קײן גאַר, װאָלט איך עס באַדאַרפֿט אַרױסזען אַ סך פֿריִער, נישט גלײבן אַזאַ אַפֿעריסט, װי דו ביסט, אַז דער דאָקטער הײסט דיר פֿאָרן קײן מאַריענבאַד. איך שיק דיר דאָ, מאַרק, אַ מתנה — בריװ, װאָס שלמה קורלענדער שרײַבט צו אונדזער חײמען, און אַ בריװ, װאָס אונדזער חײם שרײַבט צו זײַן פֿרײַנט שלמה קורלענדער. פֿון די דאָזיקע בריװלעך װעסטו שױן פֿאַרשטײן, פֿון װאַנען איך װײס אַלצדינג, װאָס קומט פֿאָר בײַ אײַך אין מאַריענבאַד. עס שטײט מיר פֿאַר די אױגן די דאָזיקע הולטײַסקע, װאָס שלמה קורלענדער האָט געבראַכט צו פֿירן די דריטע װאָך נאָך זײַן װײַבס טױט, געגומען זי, אַ מכה אים, װי זי שטײט און גײט פֿאַר איר שײן פּענעצל. אַצינד איז שױן רעכט. אַצינד פֿאַרשטײ איך שױן אַלץ. און זײַ זיכער, מאַרק, אַז איך װעל שױן לאַנג דיר נישט שטערן. גיך־גיך װעל איך דיר אױפֿבינדן די הענט. גיך־גיך װעל איך דיך באַפֿרײַען. עס איז געװען בײַ מיר הײַנט צװײ מאָל דער דאָקטער. ער זאָגט, אַז איך בין רעכט קראַנק, אַז ס׳איז בײַ מיר געריִרט די לעבער, און אַז איך באַדאַרף האָבן קאַרלסבאַד, װי מע באַדאַרף לעבן. נאָר איך װעל קײן קאַרלסבאַד נישט פֿאָרן. דו הערסט, מאַרק? אין דער ערד אַרײַן װעל איך דיר ליבער פֿאָרן, נײַט קײן קאַרלסבאַד, איך זאָל זען דאָרט, װי דו ביסט די כּפּרה נאָך אױסגעלאַכענע װײַבלעך, װי דו פֿליסט זײ אַפּנעמען פֿון דער באַן און װי דו ברענגסט זײ צו פֿירן צו זיך אױף דער סטאַנציע, און װי דו שפּאַצירסט מיט זײ איבער מאַריענבאַד, און װי דו פֿירסט זײ אין קינעמאַטאָגראַפֿס און אין טעאַטערס און אין רעסטאָראַנען. װײ, צו װאָס איך האָב מיך דערלעבט! טאַטע־מאַמע זאָלן איצט אױפֿשטײן פֿון קבר און אַ קוק טאָן אױף זײער מיזיניקע חנצע, װאָס פֿון איר איז געװאָרן! פֿאַר װאָס בין איך נישט אױסגערונען בײַ דער מאַמע אין בױך, אײדער איך האָב דיך דערקענט! אַ בײזער טױט װאָלט געמעגט קומען אױף דײַנע קרובֿים װעלװל יאַמאַיקער מיט זײַן יאַמאַיטשיכע, װאָס האָבן דיך אױסגעשריבן אַהער פֿון אָדעס! פֿאַרשאָלטן װאָלט געמעגט װערן דער טאָג, װאָס איך האָב מיך מיט דיר געטראָפֿן! נישט אומזיסט האָט מיר מײַן אסתּר װיפֿל מאָל געגעבן אָנצוהערעניש, איך זאָל דיר גאָרקוקן, װוּהין דו גײסט און מיט װעמען דו באַגעגנסט זיך אין װאַרשע. איך האָב געװוּסט, אַז דו זוכסט פֿײגעלעך; נאָר גײ טרעף, אַז שלמה

קורלענדערס ווייבעלע וועט זיך מיט אים אויפריידן, מע זאל פארן אינ־
איינעם קיין מאירענבאד! ווו זיינען געוועזן מיינע אויגן? ווו איז גע־
ווען מיין שכל? און וואס טראכסטו דיר, מארק? איך ווייס דיין פלאן
— גלייב מיר, איך ווייס. איך קאן דיך אויסגעבונדן. דו רעכנסט, אז אט
דער קורלענדער שוטה וועט געוואר ווערן פון דיין ראמאן, וועט ער
מסתמא כאפן זיך גטן מיט בעלצען, און דו וועסט זיך גטן מיט מיר
און איר וועט זיך חתונה האבן ביידע אין א מזלדיקער שעה? א מכה!
נישט שלמה וועט גטן זיין ווייבל, נישט איך וועל נעמען בא דיר גט.
גיכער וועל איך דיר שטארבן פון דער לעבער, איידער איך זאל דיך מיט
מיין גוטן ווילן באפרייען, זאלסט קאנען כאסלירע האבן מיט דער פאס־
קודסטווע, וואס האט זיך פארקויפט פאר געלט צו אן אלטן שקראב,
ויעלכער האט עלטערע טעכטער פון איר! איך שטעל מיר פאר דיין טרוי־
ער, ווען איך נעם און שטארב אוועק, חלילה, דיין וויינען, וואס דו
וועסט זיך אנוויינען נאך מיר! איך ווייס גארנישט, אויב דו וועסט עס
אויסהאלטן אפילו... פונדעסטוועגן, מארק, זיי נאר נישט אזוי פריילעך,
ווארעם נישט אזוי גיך שטארב איך דיר. איך וועל דיך נאך פריער
אביסל אנמוטשן גוט. וועסט בא מיר פריער צוקרענקען. גרוי און אלט
וועסטו בא מיר ווערן. סיידן דו וועסט זיך מיט איר אויפהייבן, מיט אט
דער כל־בוניצע, און אנטלויפן ווו דער שווארצער פעפער וואקסט, ער־
געץ קיין אמעריקע. האט איר אבער קדחת מיט וואס צו פארן. נישט זי,
נישט דו. איר שיקט דער מאן געלט דורך אונדזער חיימען אלע שעה
אן עס־לעפל, ווי דו זעסט פון די בריוולעך, וואס איך שיק דיר דא. און
דו? דו רעדסט מיך צו, איך זאל איבערטרעטן מיין חלק ירושה צו חיי־
מען און נעמען געלט, בכדי דו זאלסט האבן מיט וואס צו שארלאטא־
נעווען. נישט דערהארן וועסטו דאס! איך האב בעסער ארויסגערופן
אהער דיין פאפאשא פון אדעס. היינט־מארגן קומט ער צו פארן. לאז ער
זען, וואס פאר א זון ער האט, און לאז ער אנקוקן, וואס דו האסט פון
מיר געמאכט אין אזא קורצער צייט. אפנים, איך קאן דען באווייזן
זיך אף דער גאס פון בזיון? בערל טשאפניק פון איין זייט און וועלוול
יאמאיקער פון דער אנדערער זייט גייען ארום און קלאפן מיט די ציינ־
גער, גיבן־אפ גרוסן פון דיר און פון מיין שוואגער חיים און פון אונד־
זערע נאלעווקער ווייבלעך, וואס האבן זיך פארקליבן מיט אייך קיין מא־

ריענבאַד און לעבן דאָרט אַ גוטן טאָג. און טאָמער איז קאַרג די בזיו־נות, וואָס איך האָב פֿון דיר, מיטן האַרצווייטיק, האָסטו מיר נאָך באַ־דאַרפֿט פֿאַרשוואַרצן דאָס פּנים פֿאַר פֿרעמדע מענטשן מיט דייַן „פֿאַרריסענער כּלה“, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט. און איך, שטיאַ, פּאָלג אים און נעם די „פֿאַרריסענע כּלה“ און טראָג זי אָפּ אין דער רע־דאַקציע, — האָט מען געמאַכט פֿון מיר אַ בער. מע האָט זיך געקאַ־טשעט פֿאַר געלעכטער און אָפּגעגעבן מיר צוריק. „די מעשה, זאָגן זיי, האָט שוין אַ באָרד“... וואָס זיי מיינען דערמיט — ווייס איך נישט, נאָר איך האָב קוים געטראָפֿן צו דער טיר. אַ רעשטל צו די צרות! איצט זיץ איך און קוק־אַרויס אויף דייַן פּאַפּאַשאַ, ער זאָל שוין קומען צו פֿאָרן, וועט ער דיך אַרויסרופֿן פֿון מאַריענבאַד. גענוג דיר שוין צו זיצן דאָרטן אין אויסלאַנד אויף דער קור, דו האָסט דיך שוין אויסגע־קורירט. קום שוין בעסער, מאַרק, צו פֿאָרן אַהיים צו דייַן קראַנקן ווייַב, אפֿשר וועסטו זי שוין טרעפֿן אויפֿן טויטן בעט...

חנצע.

.25

(דוד מאַריאַמטשיק פֿון אָדעס צו זייַן זון מאיר מאַריאַמטשיק אין מאַריענבאַד)

מייַן טייַערער זון מאַרק!

נאָר־וואָס האָב איך באַקומען צוויי בריוולעך פֿון וואַרשע, איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין מייַנע אויגן, און איך רוף אויף זיך דעם טויט. איך ווייס נישט, וואָס דו האָסט צו מיר, וואָס דו פֿאַראומערסט מיר מייַן לעבן? גוטע צוויי בריוולעך! זיי קאָנען ביידע אַרייַנטרייַבן אין קבֿר אַרייַן. איין בריוול איז פֿון עפּעס איינעם אַ וואַרשעווער מיטן נאָמען טשאַפּניק. שרייַבט ער מיר אַ גאַנצע מגילה, אַז ער האָט אויף דיר אַ בייַטש, אַ פּעקל מיט בריוולעך דייַנע, וואָס דו שרייַבסט אין מאַריענבאַד צו צוויי יונגע ווייַבלעך פֿון די נאַלעווקיס. ער האָט געוואָלט, שרייַבט ער, ווייַזן די בריוולעך דייַן חנצען, האָט ער רחמנות אויף איר, זי זאָל, חלילה, נישט באַקומען דעם שלאָג אויפֿן אָרט. זי איז אַזוי אויך, שרייַבט ער, אַ קראַנקע נעבעך. אַלזאָ, שרייַבט ער מיר, איך זאָל קומען צו פֿאָרן קיין וואַרשע.

וועט ער מיר די בריוולעך באַוויַיזן און וועט מיר געבן אַן עצה, שריַיבט ער, וואָס צו טאָן... איך ווייס נישט, ווער דער טשאַפּניק איז. ער שיַינט מיר אַן אַפּעריסט צו זיַין; איך ווייס נישט, ווער די נאַלעווקער וויַיבלעך זיַינען, און איך ווייס נישט, וואָס האָסטו דאָס מיט זיי פאַר געשעפטן אין מאַריענבאַד. איך ווייס נאָר, אַז דו ביסט מיר מקצר ימים זינט דו ביסט געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט. לערנען האָסטו ניט געוואָלט, און צום געשעפט טויגסטו נישט; קאָנסט נאָר אויסבערענגען געלט און שיין אָנטאָן זיך און שפּילן ביליאַרד, און ווייטער קאָנסטו גאָרנישט. האָב איך געמיינט: איך וועל דיך חתונה מאַכן, וועסטו זיך אויסמענטשלען. נישט געזשאַלעוועט דיר קיין נדן, אַריַינגעגעבן אין אַ לייטיש הויז, צווישן פיַינע רייַכע לייַט. צום סוף זע איך, אַז דו ביסט דער זעלבער פּרא־אדם, וואָס בחורוויַיז אין אָדעס. איך ווייס גאָרנישט, וואָס דו טראַכסט זיך!

דאָס אַנדערע בריוול איז פון דיַין חנצע. זי רופט מיך קיין וואַרשע. איך זאָל, למען השם, שריַיבט זי, קומען קיין וואַרשע וואָס פריִער. זי האָט, שריַיבט זי מיר, אַ באַוויַיז אויף דיר, אַז דו האָסט זיך אויפגעפירט אין וואַרשע מיט עפּעס אַ וויַיבל פון אַן אַלטן מאַן און ביסט מיט איר, שריַיבט זי, אַנטלאָפן קיין מאַריענבאַד, און עס האַלט שוין, שריַיבט זי, באַ אַ גט. דער אַלטער מאַן, הייסט עס, וויל אָפּגטן זיַין וויַיבל, און דאָס וויַיבל, שריַיבט זי, צווינגט דיך, אַז דו זאָלסט אָפּגטן חנצען און חתונה האָבן מיטן וויַיבל — דער רוח ווייס, וואָס פאַר זאַכן מע שריַיבט מיר אויף דיר! און איך האָב עס דערלעבט אַ נחת אויף דער עלטער צו הערן אַזעלכע גוטע בשורות פון דיר. קאָנסטו פאַרשטיין מיַין עגמת־נפש מיט מיַינע יסורים, אַז ממש איך ווייס נישט, וואָס צו טראַכטן. וואָלט כאָטש די מאַמע דיַינע געלעבט אַצינד, וואָלט איך זי אַוועקגעשיקט קיין וואַרשע, אָדער איך וואָלט אַליין זיך דורכגעפאָרן זען, וואָס טוט זיך דאָרט באַ אַיַיך. ווי קאָן איך אָבער אַוועקוואַרפן די געשעפטן, מפקיר זיַין די קינדער סאַמע איצט פאַר זייער אַריַינטרעטן אין גימנאַזיע? איך ווייס נישט וואָס פריִער: צי איך זאָל גיין אויף דער בערזע מאַכן געשעפטן, צי איך זאָל זען אַ חתן פאַר פאַנין, זי איז שוין אַ מיידל צו לייַטן, צי איך זאָל אַ שפּיַי טאָן אויף אַלץ און פאָרן קיין וואַרשע היילן די צרות, וואָס דו האָסט דאָרטן אָנגעמאַכט? באַרעכן דיך,

מארק, וואָס וועט זיין פון דיר? שוין צייט, זאָלסט ווערן א שטיקל מענטש. שוין צייט, זאָלסט אויפהערן טרייבן אין דער ערד אריין דיין פאָטער.

דוויד מאריאמטשיק.

.26

(דאָקטער זיידענער פון מאריענבאד צו זיין קאָלעגא אין קישעניעוו.)

טייערער קאָלעגא!

וועלכער רוח זיצסטו אין קעשעניעוו? מע דאַרף זיין א רוצח, א קוילער, מע זאָל זיצן אין קעשעניעוו, אז ס'איז דאָ א מאריענבאד אף דער וועלט! פאָלג מיך, קום בעסער צו פאָרן אהער קיין מאריענבאד, וועסטו ווּיסן פון א וועלט צו זאָגן. וועסט זיך אביסל אויסרוען, אָפּטרייסלען פון זיך דעם קעשעניעווער שטויב, אָנקוקן א וועלט און זיך פילן גאָר אַן אַנדער מענטש. איך אליין בין אהער געקומען אויך גאַנץ אומגעריכט. איך האָב גאָר געוואָלט פאָרן קיין עמס אָדער קיין וויסבאַדען. באַדאַרף זיך טרעפן, אז איך פאָר פון ווין אינאיינעם מיט א קאָמפּאַניע קאָמיוואָיאַזשערן פון לאָדז. דאָס הייסט, איינער איז א קאָמיוואָיאַזשער, דער אַנדערער איז אַן אַפּטייקער, דאַכט זיך, אין לאָמזשע. האָבן מיר דעם גאַנצן וועג געהאַקט אין „פינף-הונדערט-איינס". זיי שפּילן ביידע „פינף-הונדערט-איינס" אזוי קונציק, אז ס'איז געפערלעך, איך האָב מורא, אויב זיי זיינען נישט קיין שולערס. מיר איז באַלד נים געפעלן זייער איבערקוקן זיך און זייער שפּראַך. בעת זיי דינגען זיך, רעדן זיי אף א מאָדנער שפּראַך. פרעג איך זיי: „וואָס פאַר א שפּראַך איז דאָס, קינדער?" זאָגן זיי: „לשון-קודש". און האַקן ווייטער: „ששים ושש"... „מאה וחמישים"... „שלי — שלי"... רוף איך מיך אָן צו זיי: „קינדערלעך, ווילט איר, מיר זאָלן, זאָג איך, שפּילן אין „פינף-הונדערט-איינס", זאָלט איר ריידן אף וואָס פאַר א שפּראַך איר ווילט, זאָג איך, נאָר נישט קיין לשון-קודש, וואָרעם איך בין, זאָג איך, נישט קיין ציוניסט". לאָכן זיי און הערן אויף צו ריידן לשון-קודש, נאָר וואַרפן

זיך איבער גלאַט מיט מאָדנע ווערטער. צום בײַשפּיל, אַז איינער פֿון זיי הייבט אויף די דרײַ צוגעדעקטע קאָרטן, טוט ער אַ זאָג: „דאַנקען און לויבן יאָסקע דעם טויבן, איך האָב שוין אײַנגעהאַנדלט גוטע דרײַ קאָרטן — זאָדיק לאַקריץ בנימין". אָדער: „מזל־טוב! איטשעמייער האָט אַ שידוך געטאָן מיט זײַן בעמעלען פֿאַר דער לודמערער מויד"... איצט ווייס איך שוין דעם פּשט פֿון די סיגנאַלן, אַז זאָדיק איז צענטל רויט, לאַקריץ — נײַנטל טרעף, בנימין — וואַלעט פּיק, די לודמערער מויד — דאָס איז מלכּה שערל, אי טאַק דאַלי... דער חסרון איז, וואָס איך בין עס געוואָר געוואָרן ערשט העט־העט, אַז חבֿרה האָבן מיך שוין געהאַט גוט אָפּגערייניקט. פֿונדעסטוועגן זײַנען מיר זיך צעגאַנגען דווקא ווי די בעסטע גוטע פֿרײַנט, וואָרעם איך האָב שוין לאַנג אַזעלכע וואָרעמע יינגלעך און פֿאַרשלעפּטע קרענק נישט באַגעגנט. איינער דערציילט אַנעקדאָטן, און דער אַנדערער זינגט לידלעך — קאָן מען שטאַרבן. שוין אַז מיר האָבן געהאַלטן באַ צעפּאָרן זיך, איז געוואָרן אַ רייד: „וווּהין פֿאָר איך און פֿון וואַנען?" זאָג איך: „פֿון קעשעניעוו קיין עמס". זאָגן זיי: „נאַראָנים פֿאָרן קיין עמס". זאָג איך: „איך פֿאָר נישט קיין עמס, איך פֿאָר קיין וויסבאַדען". זאָגן זיי: „משוגעים פֿאָרן קיין וויסבאַדען". זאָג איך: „און קלוגע מענטשן וווּהין פֿאָרן?" זאָגן זיי: „קלוגע מענטשן פֿאָרן קיין מאַריענבאַד". זאָג איך: „וואָס איז אין מאַריענבאַד?" זאָגן זיי: „וואַרשעווער ווײַבלעך". זאָג איך: „מיט וואָס עסט מען דאָס?" זאָגן זיי: „פֿאָרט, וועט איר זען". קורץ, פֿון זייערע רייד און פֿון זייערע אויגן האָב איך אַרויסגעזען, אַז מע דאַרף פֿאָרן קיין מאַריענבאַד. האָב איך גענומען אַ קאַרטל און האָב אָװעקגעשריבן צו מײַן ווײַבעלע: אַזוי און אַזוי, זאָלסט מיר נישט שרײַבן קיין עמס, זאָלסט מיר שרײַבן קיין מאַריענבאַד, וואָרעם פֿאָרנדיק אין וועג האָב איך מיך באַקענט מיט צוויי באַרימטע דאָקטוירים, איינער פֿון זיי איז אַ פּראָפֿעסאָר, האָבן זיי מיך אויסגעהערט און געזאָגט, אַז די קעשעניעווער דאָקטוירים זײַנען שוסטערס. עמס, זאָגן זיי, איז פֿאַר מיר אַ סם און וויסבאַדען אַ טויט. איך באַדאַרף האָבן, זאָגן זיי, מאַריענבאַד, אַזוי ווי מע באַדאַרף לעבן אויף דער וועלט, און וואָס פֿריִער איז בעסער, אי טאַק דאַלי...

און אָט אַזוי, ווי דו זעסט, בין איך אויסגעוואַקסן אין מאַריענבאַד און בין אַרײַן גלײַך אין גן־עדן אַרײַן. ווילסטו דאָך מסתּמא, איך זאָל

דיר באַשרײַבן דעם גן־עדן? אַ מכּה! ביסט נישט קראַנק קומען צו פֿאָרן אַהער. וואָס וועסטו אויסזיצן אין קעשעניעוו? זאָלסט אָנקוקן ווײַבלעך! נישט קיין ווײַבלעך, זאָג איך דיר, נאָר פֿערשקעס, ארץ־ישראל־עפּלעך. און דווקא אין פֿאַבריקלעך, טוען זיך אָן אַ סך שענער, ווי אין אָדעס. און אַליין זײַנען זיי שיין, איינע שענער פֿון דער אַנדערער. פֿאַראַן דאָ איינע אַן אתרוגל. בעלצע רופֿט מען זי. זאָלסט אַ קוק טאָן אויף דעם באָמבאָנטשיקל, וואָלסטו זיכער אײַנגענומען אַ מיתה משונה. איך וועל זי דיר אָפּמאָלן: אויגעלעך — שוואַרצע קאַרשן, בעקעלעך — רויטע פֿלוימען, ציינדעלעך — ווײַסע פּערעלעך, אַ נעזל — אויסגעטאָקט, אַ העלדזל — עלפֿנביין, און אָנגעטאָן גייט דאָס — דער רוח זאָל מיך נעמען! באַדאַרף אַזאַ בוטאָנטשיק אײַנשטיין, מסתמא, בײַ אַן אַלטן שטורמאַק. אַלע זײַנען דאָ נאָך איר די כּפּרה. און מער פֿון אַלעמען טאַנצט אַרום איר איינער אַן אָדעסיט, טאַקע אַ וואַרשעווער אײדעם, מאַריאַמטשיק רופֿט מען אים, אַ באַרימער, אַ ליגנער, וואָס אין דער קאָרט, און זעט אויס, ווי אַ קאַדעט. איך האָב געהאַט מיט אים אַ שטיקל אינצידענט. שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען אַ דועל. איבער אַ נאַרישקייט, נאָר ס'איז כּדאַי צו דערציילן.

אין מאַריענבאַד איז דאָ איינע אַ וואַרשעווערן, יאַמאַיטשיכע רופֿט מען זי. האָט זי דרײַ טעכטער, שוין אַ ביסל איבערגעוואַקסענע. האָבן זיי פֿאַררישענע נעזלעך און זוכן חתנים. און אַזוי ווי בײַ מיר אויף דער נאַז שטייט נישט אויפֿגעשריבן, אַז איך בין אַ באַווײַבטער, האָבן זיי מיך אָנגענומען פֿאַר אַ חתן, און די מאַמע מיט די דרײַ טעכטער קעכלען מיך, ווי אַ בן יחיד. און דער שדכן דולט מיר אַ ספּאָדיק, און אַלע באַקאַנטע האַלטן מיך פֿאַר אַ חתן און גיבן מיר אונטער קוראַזש. מער פֿון אַלע רעדט מיך צו איינע, אויך פֿון די וואַרשעווער ווײַבלעך, אַ רעכטע אַוואַנטוריסטקע. רויכערט פּאַפּיראָסלעך און שפּילט מיט מאַנצבילן אין פּרעפֿעראַנס, מאַדאַם טשאַפּניק רופֿט מען זי. די דאָזיקע טשאַפּניק דערגייט מיר די יאָרן. זי זאָגט, אַז די יאַמאַיטשיכע איז רײַך, אַזוי ווי קורח, האָט אייגענע מויערן אין וואַרשע מיט קלייטן מיט מאַיאָנטקעס, אי טאַק דאַלי. קורץ, מע רעדט מיר אַ שידוך. מאַך איך מיך געפֿנרט. אַ שידוך איז אַ שידוך. וואָס אַרט עס מיך? טרעפֿט זיך אַ מעשׂה, אַז אָט דער אַדרעסיט, וואָס איך שרײַב דיר, איז זיך מיישב און לאָזט־אַרויס אויף די יאַמאַי־

טשיכעס טעכטער א לידל אַף זשאַרגאָן, א פּרעמדס, און גיט עס אַרויס פאַר זײַנס. איך האָב זיך אײַנגעשטעלט פאַר זיי און ס'איז געקומען צו א דועל. זײַן גליק, וואָס ער האָט מיר איבערגעבעטן און מודה געווען פאַר אַלעמען, אַז דאָס ליד איז נישט זײַנס, אַז ער האָט דאָס גע־לקחנט, איבערגעניצעוועט, אי טאַק דאַלי. קורץ, איך לעב דאָ א גוטן טאָג און האָב געווים קיין חרטה נישט, וואָס איך בין אין מאַריענבאַד, נישט אין עמס. פאָלג מיך און קום צו פאָרן. און זאָג סעריאָזשען, ער זאָל אויך קומען אָהער קיין מאַריענבאַד. וואָס וועט איר אויסזיצן אין דעם שטויביקן קעשעניעוו? מע שרײַבט מיר, אַז איר פאַרנעמט זיך דאָרטן מיט פּוסטע זאַכן. איר פאָרט, זאָגט מען, קיין פּעטערבורג מיט א דעפּוטאַציע וועגן די פּאַטיעשנע". צו וואָס? עס וואָלט אוודאי געווען א יושר, מע זאָל דערלאָזן ייִדישע קינדער אין די „פּאַטיעשנע פּאָלקן". עס איז אָבער אַרויסגעוואָרפן. אונדזער וואָ־לאָדקע (פּורישקעוויטש) וועט נישט שלאָפן. שרײַב מיר, וואָס הערט זיך אין קלוב? וועמען גייט דאָס בלאַט און ווער ווערט באַגראָבן? איך שפּיל דאָ זעלטן אין קאָרטן. דאָ שפּיל איך מער אין פלירט, און עס גייט מיר — הלוואי ווײַטער. שרײַב מיר אָפטע בריוולעך. נאָר בעסער וואָלט גע־ווען, זאָלסט אַליין קומען צו פאָרן. און נישט אַליין, נאָר מיט סע־ריאָזשען.

איך קוש דיך.

דײַן פרײַנט אַלפרעד זײַדענער.

## .27

(בעלצע קורלענדער פון מאַריענבאַד צו איר מאַן שלמה קורלענדער אַף די נאַלעווקיס אין וואַרשע.)

לבעלי היקר מוהר"ר נ"י.

איך קום דיר צו מעלדן, אַז עס גייט מיר דאָ זייער נישט גוט. היינו, איך פיל מיך נאָך מער נערוועז, ווי איך בין געווען אין וואַרשע. איך האָב מורא, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפן מײַן גאַנצע קוראַציע מיטן

גאַנצן מאַריענבאַד. און ווער איז שולדיק, אַז נישט דו? וואָרעם ווײַבאַלד איך בין אין מאַריענבאַד אַרומגערינגלט מיט שפּיאָנען, בין איך דאָך ניט זיכער מיטן לעבן. איך האָב גאָרנישט געוווּסט, שלמה, אַז איידער איך בין נאָך געקומען קיין מאַריענבאַד, האָסטו דיך שוין באַוואָרנט מיט שומרים, וואָס זאָלן מיר היטן די טריט, ווו איך שטיי און ווו איך גיי, וואָס איך עס, ווען איך טרינק און מיט וועמען איך רייד. ס'איז טאַקע זייער שיין פון דײַן זײַט, כ'לעבן, אַז דו באַקלאָגסט זיך פאַר דײַן גוטן פרײַנט אַף דײַן ווײַב, וואָס זי איז אַן אויסברענגערן, און בעטסט אים, אַז ער זאָל מיך אויפקלערן, אַז דײַנע געשעפטן גייען דיר נישט גוט... און ער, דײַן „גוטער פרײַנט", איז טאַקע אַזוי שיין און פײַן און איידל און נעמט דײַנע קלוגע בריוולעך, וואָס דו שרײַבסט צו אים בסוד־סודות, און שיקסט זיי איבער צו זײַן אסתרן, און זײַן אסתר נעמט און גיט זיי איבער צו איר שוועסטער חנצע, און חנצע נעמט און שיקט זיי איבער אַהער קיין מאַריענבאַד צו איר מאַן מאַירל מאַריאַמטשיק, אָדער, ווי דו רופסט אים אָן, דער „אָדעסער שאַרלאַטאַן". און דער „אָדעסער שאַרלאַטאַן" איז, אויב דו ווילסט וויסן, אַ סך פײַנער פון דײַן „גוטן פרײַנט", כאָטש ער איז אַ שאַרלאַטאַן. וואָרעם ווען נישט ער, וואָלט איך נישט געוווּסט, אַז דו האָסט דאָ שפּיאָנען אין מאַריענבאַד מיט „גוטע פרײַנט", וואָס היטן מיר די טריט. אַ גליק, וואָס דײַנע בריוולעך זײַנען כאָטש נישט אַרײַנגעפאַלן צו דער יאַמאַיטשיכע אין די הענט אַרײַן. די גאַנצע וואַרשעווער נאַלעווקיס וואָלטן שוין געוווּסט דײַנע סודות, וואָס די פאַרטרויסט צו דײַנע „גוטע פרײַנט", וואָס זײַנען גרייט דיך צו קויפן און צו פאַרקויפן, און דו ביסט אין זיי פאַרגליבט, ווי אין גאָט. אַז ס'איז יאָ אַזוי, באַדאַרף איך דיר עפענען די אויגן, שלמה, זאָלסט וויסן, וועמען מע מעג פאַרטרויען און וועמען נישט. איך שיק דיר דאָ אַ פּאָר בריוולעך פון דײַן „גוטן פרײַנט", וואָס זײַנען געווען געשריבן צו מיר באַלד נאָך מײַן אָנקומען אַהער קיין מאַריענבאַד. לייען אָקאָרשט איבער אָט די צעטעלעך — וועסטו הנאה האָבן. איך פאַרהאָף, אַז נאָך אַזאַ מעשה וועסטו צו אים מער קיין בריוולעך נישט שרײַבן, קיין סודות נישט פאַרטרויען, און מיך וועסטו אויפהערן עסן, למאַי איך קען זיך מיט אָדעסער שאַרלאַטאַנעס, מיט קעשעניעווער שלים־מזלען, מיט לאָדזער פּאַצעטלעך און נאָך אַזעלכע זאַכן. וואָרעם דײַן בעל־סוד, חיים סאָראָ־

קער, איז, אויב דו ווילסט ווייסן, טויזנט מאָל ערגער פון זיין שוואָגער מאַריאַמטשיק, כאָטש ער איז אַ שאַרלאַטאַן און האָט זיך מיר צוגעגעסן מיט זיינע בריוולעך אַזוי ווייט, אַז איך האָב אים געמוזט בעטן, ער זאָל זיך נישט דערוועגן מער מיר שרייבן אַזעלכע בריוולעך, וואָרעם איך וועל זיי איבערשיקן צו זיין חותנען. איך שיק זיי דאָ דיר אײנאײנעם מיט חיים סאָראָקערס בריוולעך, כּדי זאָלסט זען, אַז דער רוח האָט זיי ביידע נישט גענומען, אַז דו באַדאַרפסט נישט האָבן דאָ קיין אַפּיטרופּסים, קיין שפּיאָנען און קיין שיצערס. איך קאָן מיט גאָטס הילף מיין שטעטל אַליין באַשטיין. למשל, נעם אָט די צוויי שלים־מזלען, וואָס זיינען געפאָרן מיט מיר פון בערלין און אָפּגעזעגנט זיך אין מאַריענבאַד אָפן באַנהויף. דו מיינסט אפשר, אַז איך האָב מיך נישט באַגעגנט מיט זיי נאָכדעם דאָ אין מאַריענבאַד? אַזאַ מכּה זיי. איצטער זיינען זיי שוין נישטאָ. נאָר די ערשטע צייט האָבן זיי זיך מיר געפּלאָנטעט פאַר די אויגן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מיך אָפּגעקערט פון זיי, געמאַכט ווי איך האָב זיי נישט דערקענט... מיינסטו דאָך, אַז זיי זיינען בדלות? האָב קיין יסורים נישט, זיי האָבן זיך נישט אַרומגעדרייט דאָ אַליין. פאַראַן דאָ געניג דאַמען מיט געניג ווייבלעך. ס'איז פאַראַן אַ בראָניע לויפערמאַן מיט אַ לאָהצי ברויכשטול, מיט אַ שערענצים מיט אַ פּעקעלים, און נאָך אַזעלכע צנועות, וואָס קלייבן נישט איבער, אַבי אַ יונגערמאַן, וואָס טראָגט אַ קאַפּעלוש, איז שוין באַ זיי אַ קאַוואַליער. ובפרט אַזעלכע קאַוואַליערן, ווי אָט די צוויי שלים־מזלען, פאַרשלעפּטע קרענק, וואָס מע קריגט זיי נישט. איינער פון זיי, דער, וואָס האָט מיך אַ קוש געגעבן און געכאַפּט פון מיר אַ פּאַטש, דערציילט אַנעקדאָטן, אַז מע קאָן שטאַרבן אונטער זיינע הענט, און דער אַנדערער זינגט לידלעך — אַ כּפּרה אונדזער עליזעאום־טעאַטער! קאָנסט פאַרשטיין, אַז אַפילו יאַמאַיטשיכע האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט זיי געמאַכט חנדלעך באַם ברונען און האָט זיי דאָרט באַקענט געמאַכט מיט אירע טעכטער. ערשט שפּעטער איז זי געוואָר געוואָרן פונעם שדכן, אַז די שלים־מזלען האָבן ווייבער, האָט זי זיי געגעבן דעם וועג. אַי, וועסטו פרעגן, פאַר וואָס האָבן זיי באַלד נישט געזאָגט, אַז זיי זיינען באַווייבטע? למאַי מאַריאַמטשיק? און למאַי דיין בעל־סוד חיים סאָראָקער? ער איז דאָך שוין אוודאי אַ באַווייבטער, און האָט שוין גאָר קינדער כּמעט אַזעלכע, ווי איך,

— ווי קומט דאָס צו אים, ער זאָל שרייבן אַזעלכע ליבע־צעטעלעך, און צו וועמען? צו זיין גוטן פריינטס ווייב, וואָס איז אים אָנגעטרויט געוואָרן, ער זאָל אָפּ איר אַכטונג געבן?!... גלייב מיר, שלמה, וואָס איך האָב אויסגעוויינט נעכטיקן טאָג, מעגן די טרערן פאַלן אין ים אַריין. אַז איך דערמאָן מיך, צו וואָס האָב איך באַדאַרפט נעמען אַ מאַן אַ גביר? וואָלט דען נישט גלייכער געווען, איך זאָל געווען נעמען מיין גלייכן? אַי, איך וואָלט אַצינד נישט געווען אפשר אין מאַריענבאַד? אַ שיינע ריינע כפּרה! בסך הכּל האָט מיר דאָס מאַריענבאַד, אויב דו ווילסט וויסן, ניט געגעבן גאָרנישט. אַדרבה, זינט איך בין דאָ, האָב איך נאָך פאַרלוירן העכער צוויי פונט. איך האָב געפרעגט דעם דאָקטער, וואָס טוט מען דערצו, זאָגט ער: „מער עסן, ווייניקער שפּאַצירן, און דער עיקר — ניט אָפּעסן זיך דאָס האַרץ, נישט האָבן קיין יסורים". אַ חכם אַ דאָקטער! דאָס ווייס מען דאָך אָן אים. איך פרעג אים: אפשר וואָלט פאַר מיר גלייכער געווען, איך זאָל פאָרן קיין פראַנצענסבאַד? זאָגט ער, אַז ער האָט קעגן דעם גאָרנישט. וויבאַלד אַזוי, פאַר וואָס זאָל איך מיך נישט דורכפאָרן קיין פראַנצענסבאַד? מע זאָגט, אַז פראַנצענסבאַד איז פון דאַנען אַ גאָלעכטער. פראַנצענסבאַד איז אַ באָד פון סאַמע פּרויענצימער. און עס קאָסט דאָרט, זאָגט מען, אַלצדינג וואָלוול, בזיל הזול. בראָניע לויפערמאַן קלייבט זיך שוין לאַנג קיין פראַנצענסבאַד, און לאַהצי ברוויכשטול — אויך אַהין. און די שערענצים מיט דער פּעקעלים וועלן, מסתמא, אויך נאָכשלעפּן זיך. זיי טוען מיר נאָך. ווּהין איך גיי, גייען זיי אויך, און וואָס איך טו־אָן, געפעלט זיי. זייערע מאַנען, די איטשעמאיערס, זאָלן זען, ווי זייערע ווייבלעך פירן זיך אויף דאָ אין מאַריענבאַד, וואָלטן זיי זיך מחיה געווען. נאָר איך וויל מיך נישט מישן אין פרעמדע געשעפטן. איך האָב מיינע אייגענע צרות מיט מיינע אייגענע שלעק. איך זאָל געווען וויסן, אַז איך וועל האָבן אַזאַ קור אין מאַריענבאַד, וואָלט איך אַהער נישט געפאָרן פאַר קיין געלט. איך וואָלט נישט צוגעהערט זיך צו מיין קרובה און וואָלט בעסער געפאָרן קיין וויסבאַדען אָדער קיין אָסטענדע. דאָרט איז כאָטש פאַראַן אַ ים און מע קאָן זיך באָדן. און דאָ וואָס? מע ווערט פאַרברענט פון די היצן און באַרעדט פון נאַלעווקער ווייבער, און איבער וועמען? איבער דיר מיט דיינע „גוטע פריינט", וואָס דו ביסט אין זיי פאַרגלויבט, ווי אין אַ

רבין. נאָכדעם ווי דו וועסט האָבן דורכגעלייענט זײַנע „ליבע־צעטע־לעך” צו מיר, וועסטו, האָפנטלעך, אַרויסזען, ווער חיים סאַראַקער איז, און וועסט אים אויפֿהערן שרײַבן בריוולעך און האַלטן אים פֿאַר אַ בעל־כּוד. און אַז דו וועסט מיר ווײַזן שיקן געלט, איז דאָ אַ פּאָסט. און וואָס דו שרײַבסט מיר וועגן מײַנע פּעטערס, זאָל דיך גאָט היטן זיי געבן שטעלעס, וואָרעם טאָמער מאַכט זיך נאָכדעם עפּעס נישט אַזוי, וועסטו האָבן וואָס מיר אויפֿצוּוואַרפֿן, אַז איך און מײַן משפּחה צוטראָגן דיר די ביינער. גיב זיי בעסער צושטײַער אויף דער הוצאה, לאָזן זיי אָוועקפֿאָרן קיין אַמעריקע, וועסטו ווײַזן, אַז דו ביסט פּטור געוואָרן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל — און אַן עק. און איך בעט דיך, זאָלסט מיר נישט שיקן מער קיין אָנווײַזונגען צו דײַנע „גוטע פֿרײַנט” און „בעלי־סודות”. און, למען השם, גיב אַכטונג אין שטוב און זאָג שבע־רחלען, זי זאָל זיך נישט באָדן שטעלן אוגערקעס אויפֿן ווינטער אַצינד אין די היצן, ווען אוגער־קעס זײַנען מיט גאָלד גלײַך. און שרײַב מיר, אויב ס'איז אין וואַרשע אויך אַזוי היים, ווי דאָ, וואָס מע קאָן זיך אַפֿילו נישט אָנטאָן אַרויס־צוגיין, ווי עס געהער צו זײַן. איך זאָל שוין דערלעבן אָוועקצופֿאָרן פֿון דאַנען געזונטערהייט ערגעץ אין אַן אַנדער קוראָרט. דאָס מאַריענבאַד מיט די נאַלעווקער קאַוואַליערן מיט זייערע ליבע־צעטעלעך האָבן זיך מיר שוין אַזוי צוגעגעסן, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד, אַז איך קאָן שוין אויף זיי נישט קוקן.

פֿון מיר דײַן פֿרוי בעלצע קורלענדער.

## 28.

(חיים סאַראַקער פֿון מאַריענבאַד צו בעלצע קורלענדער אין מאַריענבאַד)

זייער געערטע מאַדאַם!

איך בין נישט גאָטס סטראַפּטשע, איך זאָל אַכטונג געבן אויף פֿרעמ־דע ווײַבלעך און אויסזעצן יענעמס פֿעלערן. דאָך קאָן איך מיך נישט אײַנהאַלטן, נאָך אײַער נעכטיקן קאַלטן אויפֿנעמען מיך, און מוז אײַך אויפֿקלערן, ווער דער פֿאַרשוין איז, מיט וועלכן איך האָב אײַך נעכטן

געטראָפֿן. אפשר ווייסט איר נישט, ווער ער איז, עס איז מיר אפֿילו זייער נישט אַנגענעם צו באַריידן אַן אייגענעם — ער איז מײַנער אַ שוואָגער, — נאָר ווײַל ער איז מיר אַ שוואָגער, דעריבער קען איך אים אַזוי גוט. עס איז איינפֿאַך אַ שאַנדע מיט אים זיך צו באַגעגענען, און ווער שמועסט נאָך שפּאַצירן אױף דער גאַס. אַ חוץ, וואָס ער האָט אַ מי־אוסן נאָמען נאָך פֿון אַדעס, איז ער דערצו נאָך אַ ווילדער באַרימער און אַ מסובענער סקאַנדאַליסט. איך שרײַב אײַך די דאָזיקע ווערטער נאָר אום צו באַהיטן אײַער ערע און דעם כבוד פֿון אײַער מאַן, וואָס איז מיר נאָענט, ווי מײַן אייגענער כבוד. איך האָב געטאָן מײַן חוב נאָר אוים פּערזענלעכע סימפּאַטיע צו אײַך. איר קומט פֿון בערלין, קערט איר אוודאי דאָרטן געלט? איך און מײַן קאַסע זײַנען תמיד אָנגעבריים פֿאַר אײַך.

אַ פֿרײַנט פֿון אײַער מאַן ח. ס.

.29

(מאירל מאריאמטשיק פֿון מאריענבאַד צו בעלצע קורלענדער אין מאריענבאַד)

מײַן ליבע מאַדאַם קורלענדער!

איך זע, אַז איר איזבעגאיעט מיך, דעריבער מוז איך מיך אָב־ראַשטשאַיען צו אײַך דורך דער פּאָסט. איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס סטעסניאיעט איר זיך אַזוי? אויב עס איז אײַך נישט לאָווקאָ צו וסטרעטשאַיען זיך מיט מיר אינעם יידישן רעסטאָראַן, אָדער אין קאַ־פֿע „עגערלענדער", קומט בעסער אין „קאַפֿע פֿראַנסע", דאָרט, ווו איר זײַט געווען נאָ דניאָך מיט אײַער ראָדסטווענניצע מאַדאַם טשאַפּניק. בע־סער וואָלט געווען, איר זאָלט הײַנט קומען אַהין אַליין. איך האָב אײַך צו סאָאָבשטשאַיען אַ פֿײַנע זאַך פֿון מײַן שוואָגער חיים סאָראָקער... קסטאַטי, וואָס פֿאַר אַ סעקרעט האָט ער דאָס מיט אײַך הײַנט גערעדט באַם ברונען? ניעאָוזשעלי וועט איר דאָפּוסקאַיען, אַז אַזאַ ראַסטאָוו־שטשיק, ווי מײַן שוואָגער, זאָל נאָך אײַך אוכאַזשעוועז? פֿון וואָס וועט ער מיט אײַך ריידן? פֿון דער „אַקע", וואָס ער שפּילט דאָ גאַנצע טעג

און גאַנצע נעכט? אָדער פון די וועקסעלעך מיט די געשעפטלעך אַף די נאַלעווקיס?... איך אַזשידאַיע אײַך צווישן פיר און פינף.

דאַ פּריאַטנאַוואַ סווידאַניאַ.
מ. מ.

.30

(חיים סאָראָקער פון מאַריענבאַד צו בעלצע קורלענדער אין מאַריענבאַד.)

געערטע מאַדאַם!

איך פאַרשטיי נישט, וואָס האָט איר געדאַרפט שיקן צו מיר אַ שליח? אַז איר באַדאַרפט געלט, האָט איר דאָך געקאָנט זאָגן מיר אַליין נעכטן אין רעסטאָראַן. איך האָב אײַך געזאָגט, נאָך באַלד ווי איר זײַט אָנגעקומען קיין מאַריענבאַד, אַז מײַן קאַסע איז פאַר אײַך אָפן שטענדיק און צו יעדער צײַט. נאָר אויב ס'איז אײַך נישט אײַנגענעמען קומען צו מיר, קאָן איך קומען צו אײַך. איך וועל פון אײַערטוועגן מײַן טרחה נישט זשאַלעווען, ערשטנס, צוליב אײַער מאַן, און צווייטנס, טאַקע צוליב אײַך אַליין... איך וואָלט אײַך געשיקט טאַקע באַלד דורך אײַער שליח. איז, ערשטנס, דאַרף איך זײַן אין באַנק וועקסלען רוסישע קערבלעך. און, צווייטנס, ווילט זיך מיר אײַך געבן אין האַנט אַרײַן, איך וויל אײַך דינען מיט וואָס נאָר מעגלעך... וואָס קומט מיר דערפאַר?... פונקט עלף אַזייגער וועל איך זײַן באַם ברונען, און אַז נישט, איז האַלב צוועלף אין „מיראַמאַנט”. בעסער וואָלט געווען אין „מיראַמאַנט”. דאָרט וואָלטן מיר געקענט ריידן אונטער פיר אויגן. איך האָב אײַך איבערצוגעבן וועגן אײַער מאַן זייער אַן אינטערעסאַנטע זאַך... און איך וויל אײַך פאַרלייגן אַן אַנדער סטאַנציע, טאַקע פון א ײַ ע ר ט ו ב ה וועגן ... מיר געפעלט נישט אײַער סטאַנציע. איך זאָל האָבן די ברכות, וואָס אין מײַן האָטעל וועט אײַך זײַן בעסער און קאָסטן ביליקער, און פרייליכער אויך. מיר זײַנען דאָ אַ קאָמפּאַניע פון אייגענע מענטשן. מיר פאַרברענגען די צײַט זייער געמיטלעך, און אַז ס'איז

נישטאָ וואָס צו טאָן, מאַכן מיר א קערטל. צום מיינסטן, אָן „אָקע”. אײַער מאַן האָט דאָס אויך נישט פֿײַנט. נו, און איר?

אַלזאָ, פֿון עלף ביז האַלב צוועלף.

מיט פֿרײַנטלעכן גרוס
חיים ס.

.31

מאַירל מאַריאַמטשיק פֿון מאַריענבאַד צו בעלצע קורלענדער אין מאַריענבאַד.)

קאַק וואָס נע סטידנאָ? איך בין אָפּגעזעסן צוויי שעה אין „קאַפּע פּראַנסע” און אַרויסגעקוקט אױף אײַך, טאָמער קומט איר. צום סוף — גאָפּראַסנאָ! ווי איז מען דאָס אַזוי זשעסטאָקע? איר האָט פֿאַרגעסן, אַז גאָך דער ווסטרעטשאַ, וואָס איך האָב אײַך ווסטרעטשאַיעט אָפּן וואָקזאַל, האָט איר מיר אַליין געזאָגט, אַז איר ווייסט נישט, מיט וואָס איר קאָנט מיר אָטבלאַגאָדאַרען? איצט, אַז איך בעט פֿון אײַך אַזאַ פֿוסטיאַק, אָטקאַזעוועט איר מיר! איך גיב אײַך טשעסטנאָיע סלאָווא, אַז איך וועל אײַך זען גיין מיט מײַן שוואָגער סאַראָקער, וועל איך זיך מאַכן, אַז איך זע ניט. כאָטש ס'איז מיר זייער באָלנע. ער איז דאָך מײַנער א בליזקי ראָדסטווענניק. נאָר איר וואָלט וויסן דאָס, וואָס איך ווייס — וואָלט איר זיך מיט אים מער נישט ווסטרעטשאַיעט און אַפֿילו נישט געענטפֿערט אױף זײַן פּאָקלאָן. איר מיינט, איך רייד אױף אים מחמת רעוונאָסט? אוווערײַו וואָס, אַז ניין. נאָר איסקליוטשיטעלנאָ, ווײַל איך האָב באַ זיך אין האַנט דאָקאַזאַטעלסטוועס, אַז ער האָט אײַך אָביזשאַיעט און אָקליעוועטאַיעט, אײַך און אײַער מאַן, ביז דער לעצטער סטעפּעני... איך זאַטיעוואַיע נאָך שבתדיקע וואָך א פּראָגולקע קיין עגער. דאָרט איז פֿאַראַן וואָס צו זען. אויב איר וועט זיך פּריסאָיעדיניען צו אונדזער אָבשטשעסטווע, וועל איך אײַך איבערגעבן די דאָקאַזאַטעלסטוועס, וואָס איך זאָג אײַך. א פּאָקאַ, פֿאַרבלײַב איך אײַער בעסטער פֿרײַנט.

מ. ד. מ.

.32

(חיים סאראקער פון מאריענבאד צו בעלצע קורלענדער אין מאריענבאד.)

אן אומגליק מיט די נאלעווקער ווײַבלעך. אין דער היים זעט מען זיי מער נישט אז שבת באטאג אין זאקסישן גארטן. און קומען זיי אהער קיין אויסלאנד, ווייסן זיי אליין נישט, ווּהין זיי זאלן זיךווארפן. איך זאג אײַך נישט קיין מוסר און האלט אײַך נישט פאר. עס וואונדערט מיך נאר, פאר וואס, אז איך האב אײַך געבעטן זײַן אין „מיראמאנט", — איך האב אײַך געוואלט זאגן א נייטיקע זאך — זײַנט איר נישט געקומען, און מיט דער קאמפאניע זשוליקעס קיין עגער זײַנט איר יא געפארן. מסתמא איז אײַך מיט זיי מער אנגענעם די צײַט צו פארברענגען — זאל אײַך גאט העלפן... אפשר באדארפט איר נאך געלט? היינט פארנאכט האף איך אײַך צו באגעגענען אף דער פראמענאדע.

אײַער בעסטער פרײַנט ח י י ם ס א ר א ק ע ר.

.33

(מאירל מאריאמטשיק פון מאריענבאד צו בעלצע קורלענדער אין מאריענבאד.)

טײַערע בעלצע!

איזוויניטיע, וואס איך פאזוואליע מיר אזא פאמיליארנאסט, כאטיא מיר זײַנען נאך נישט אזוי בליזקע. בא מיר איז אזא פריוויטשקע: דעם, וואס איך אוּוואזשאיע, מוז איך אנרופן באם נאמען, ובפרט אײַך, וואס איר האט מיך אזוי אטשאראוועט פון דער ערשטער ווסטרעטשע!! זאגט מיר, דושינקע, ניעאוזשעלי איז דאס אמת, וואס אײַער ראד־סטווענניצע טשאפניק האט מיר דערציילט אף אײַך, אז איר בענטשט בודטא־בי ליכט אלע פרײַטיק אף דער נאכט? אף דער מאדאם שערענצים און אף דער מאדאם פעקעלים וואלט איך עס געגלויבט, ווארעם זיי זײַנען זייער נישט אבראזאוועט און טאקע גלופאוואטע אויך. כאטיא

איך ווייס א פאקט, און נישט איין פאקט, נאר עטלעכע פאקטן, אז די שערענצים מיט דער פעקעלים זיינען אויך נישט אזוי רעליגיאזנע, ווי זיי זיינען אין ווארשע אף די נאלעווקים. דארט פאר די איטשע־מייערס פאסט זיי בענטשן ליכט פרייטיק פאר נאכט. און דא וועל איך אייך ווייזן א דאקאזאטעלסטווע, אז איך וועל זיך מיט זיי קאטאיען אום שבת אף א לאדקע — אנישט, זאל מיין נאמען נישט הייסן מארק דאווידאוויטש! זאגט מיר, דושינקע, אטקראוונע: נאך די בריוו, וואס איך האב באוויזן, האט איר אייך שוין אובעזשאיעט, ווער מיין שוואגער איז? עס איז זייער פריסקארבנע, וואס איך מוז מיך פערעפיסעווען מיט אייך דורך צעטעלעך, נאר וואס זאל מען טאן, אז מע לאזט אונדז נישט נאיעדיניע אפילו אף איין סעקונדע! ווי געפעלט אייך מיין באסניע וואס איך האב כאטשיניאיעט אף די יאמאיטשיכעס טעכטער? שרייבט מיר א פאר ווערטער כאטש נא פאמיאט. ניעאוזשעלי האט איר מורא, אדער איר דאוועריאיעט מיר נישט איצט אויך, פאסלע טאווא, וואס איך האב אייך געגעבן אזעלכע דאקאזאטעלסטוועס?

אייער מ א ר ק.

.34

(חיים סאראקער פון מאריענבאד צו בעלצע קורלענדער אין מאריענבאד.)

איר פאדערט פון מיר דורכויס, אז איך זאל אייך זאגן דאס ווארט, זאג איך עס אייך: עס איז מיר אנגענעם מיט אייך זיך צו באגעגענען א סך משר, ווי מיט אלע אונדזערע נאלעווקער ווייבלעך צוזאמען גענומען. זייט איר שוין צופרידן? צי איר ווילט, איך זאל אייך נאך זאגן דאס, וואס איך האב אייך שוין כמעט ווי געזאגט און אפן איבעריקן האט איר אייך אליין געשטויסן?... אצינד פארשטיי איך שוין, וואס אייער מאן ציטערט אזוי איבער אייך. אז מע האט אזא שאץ, קאן מען רויק נישט שלאפן... איר ווייסט, אז איך בין נישט קיין מענטש פון קאמפלימענטן. נאר פון דעם אמת קאן מען נישט אוועקגיין. צו אייער פנים ווען איר האט נאך א ביסל א ווייכער הארץ, נעמט איר דאך איין די גאנצע וועלט... ווען זעען מיר אונדז? וויפל דארפט איר נאך

חאבן געלט? איך וועל אייך אפּוואַרטן אין יידישן רעסטאַראַן באַם טישל, ווו איך זיץ תמיד.

אייער ח יי ם.

## 35.

(מאירל מאַריאַמטשיק פון מאַריענבאַד צו בעלצע קורלענדער אין מאַריענבאַד)

דושינקע! ליובעניו!

ספּאַסיבאַ, וואָס איר האָט אַזוי ריעזקאַ אָנגעהאַקט די פליגלען מיַין שוואָגער חיים. ער וועט שוין וויסן דאָס אַנדערע מאָל, ווי אַזוי צו פּרעסילעדעווען אייַך. וואָס זאָגט איר אויף דעם אומגליק? קאַרג אוכאַזשאַרן באַ אייַך, האָט דער רוח אָנגעטראָגן אַ דאַנטיסט פון קעשעניעוו. איך פּאַרשטיי נישט, ווי אַזוי מע פּרעזיראַיעט נישט אַזאַ ניטשטאָזשעסטווע! מע פּרעדלאַגאַיעט אים איינע פון די דרייַ יאַמאַיטשיכעס טעכטער — טודאַ יעמו אי דאַראָגאַ! וואָס האָט ער צו אוכאַזשעווען נאָך אונדזערע וואַרשעווער ווייַבלעך? מע האָט מיר פּערעדאַיעט, אַז ער איז שטאַרק וואָזמושטשאָן פון מיַין באַסניע וואָס אַלע טראָגן זיך איצט מיט איר אַרום. ער גייט אַרום איבער מאַריענבאַד און ראַספּראָסטראַניאַעט לאָזשנע סלוכן, אַז די באַסניע איז נישט מיַינע, און וויל מיך אַרויסרופן פונדעסטוועגן אויף אַ דועל. אַט אַ טשודאַק! ממה־נפשך, איז זי נישט מיַינע, פּריטשאָם איז דאָ אַ דועל? וואָאָבשטשע, עס ווילט זיך מיר נישט מאַראַיען, ווייַטער וואָלט איך אויף אים אַליין סאָטשיניאַיעט אַ באַסניע וואָלט זי דאָסטיגאַיען פון דאַנען ביז קעשעניעוו. באַ מיר סאָטשיניאַען אַ באַסניע איז גרינגער, ווי אויסרייכערן אַ פּאַפּיראָס. אַז איך בין געווען נאָך אין אָדעס, פלעג איך סאָטשיניאַיען אַלע טאָג ניע מעניעיע פון צוויי טריַץ באַסניעס. און נישט נאָר באַסניעס אַליין, — איך פלעג שרייַבן פעליעטאָנען, ראָמאַנען, קאָמעדיעס. „קאָמעדיע בראַקאַ" האָט איר געזען אַמאָל? איז דאָס מיַין סאָטשיניעניע. פאַראַן באַ יושקעוויטשן אויך אַ „קאָמעדיע בראַנקאַ", טויג זי אויף טישטשע חלשות! וואָאָבשטשע, איך וויל זיך פאַר אייַך נישט ריסעווען, נאָר איר קאָנט מיך נאָך גאָר ווינציק.

איך נאָדעיע זיך, אַז איר וועט מיך אונזאַיען נענטער, וועט איר איזמעניאַ־יען איינגאַנצן אייער ווזגליאַד מיט אייערע אָטנאָשעניעס צו מיר.

אייער מ א ר ק.

### 36.

(שלמה קורלענדער פון די גאַלעוועס אין וואַרשע צו זיין ווייב בעלצע קורלענדער אין מאַריענבאַד.)

לזוגתי היקרה מרת בעלצע שתחי'.

איך האָב דיין בריוו מקבל געווען און דאָס שיינע פּעקל מיט די זיסע ליבע־צעטעלעך פון ביידע שוואָגערס האָב איך דורכגעלייענט. מה נאמר ומה נדבר — וואָס זאָל איך דיר זאָגן, בעלצע היקרה? ס'איז עק וועלט! וויבאַלד, אַז באַוויבטע ייִדן, טאַטעס פון קינדער, קאָנען היינ־טיקע צייטן אין זינען האָבן אַזעלכע פּוסטע זאַכן, נאָכלויפן נאָך פרעמ־דע ווייבלעך, — איז מען טאַקע, ווי דו זאָגסט, נישט זיכער מיטן לעבן. גוואַלד, וויי־געשריען! ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויס־געטראַכט אָט דאָס אויסלאַנד? וואָלט נישט גלייכער געווען, עס זאָל געוועזן איינגעזונקען ווערן, אַזוי ווי קורח, אָדער פאַרברענט ווערן, ווי סדום, נאָך איידער איך האָב גאָר געהערט דעם נאָמען אויסלאַנד אפילו? איך זע אַרויס, בעלצע היקרה, אַז דאָס מאַריענבאַד האָט זיך אָפּ מיר גענומען נישט אָפּ קאַטאָוועסן און וויל מאַכן פון מיר אַ תל. איך זאָל נישט שטיין איצט אין רעכטן בויען, — מע האָלט שוין באָם דעקן — וואָלט איך נישט געקוקט אָפּ קיין זאַך, איך וואָלט מפקיר געווען אַלצ־דינג, לאָז דאָס גיין אין דער ערד אַריין, און וואָלט מיך דורכגעפאָרן צו דיר קיין מאַריענבאַד, זען, וואָס איז דאָרטן פאַר אַן אומגליק אָפּ מיר, וואָס ווי ערגעץ אַ שלאַק, ווי ערגעץ אַ צרה — דיך אויסמיידן קאָן עס נישט. וואָס איז עפּעס געפאַלן דער גורל אָפּ דיר? פאַר וואָס טרעפן זיך מיט מיר נישט אַזעלכע נסים? פאַר וואָס שרייבט מען נישט צו מיר אַזעלכע חניפה־בריוועלעך, ווי צו דיר? און פאַר וואָס האָסטו אים באַלד נישט אָפּגעענטפערט אָפּן אָרט, איך מיין טאַקע אָט דעם גראָבן פּעמ־

פּיק, חיים סאָראָקער? וואָס האָסטו באַדאַרפֿט וואַרטן ביז דער בעסאַראַביער הינערפֿרעסער וועט מיר שרײַבן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל? און וואָס איז דאָס גלאַט פֿאַר אַ השגה באַ אײַך דאָרטן געבן צו לייזן דער פּאָסט, שרײַבן בריוולעך, אַז מע זיצט אין איין שטאָט? ממה־נפשך, זעסטו אים אין גאַס, קאָנסטו דאָך אים אָפּשטעלן און אַ זאָג טאָן: „רב חיים! אָדער פּאַניע סאָראָקער! זאָגט, וואָס ווילט איר? איר לערנט זיך שרײַבן בריוולעך אַף דער עלטער, אָדער איר האָט נישט וואָס צו טאָן? איז דאָ אַן עצה — מע שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט"... מאָל דיר, בעלצע היקרה, די דאָזיקע חניפֿה־בריוועלעך וועלן אים אויספֿאַלן באָקאָם. כאָטש ער זאָגט, אַז די קורלענדער זײַנען נישט דער־זאָלצן און כאָטש דו שרײַבסט מיר, אַז איך בין אויסגעוועבט, וועל איך דיר ווײַזן, אַז די בעסאַראַביער פֿאַרמאָגן נישט אין קאָפּ, וואָס אַ קורלענדער האָט אין דער פּיאַטע. איך בין געפֿאַלן אַף אַן אויבער־סברה און אָפּגעאַרבעט אַ שטיקל מלאכה, זאָג איך דיר, אַז ס'איז ווערט אַ דרײַערל. די גאַנצע נאַלעוואָקיס מיט גאַנץ וואַרשע וועלן לעקן די פֿינגער! מילא, אָט דעם שאָלטיק מאַריאַמטשיקס בריוולעך — די האָב איך גלײַך אַוועקגעטראָגן צו זײַן חנצען — לאָז זי זיך קוויקן. האָט זי געחלשט דרײַ מאָל. מע האָט זי קוים אָפּגעמינטערט. אַראָפּגעבראַכט דעם דאָקטער... און מיט חיים סאָראָקערס בריוולעך האָב איך אָפּגעטאָן אַזאַ מין שפּיצל. אָט וועסטו הערן אַ שיינס: אַזוי ווי אַף זײַנע בריוולעך צו דיר איז נישט דערמאָנט נישט דײַן נאָמען, נישט מײַן נאָמען, און אָרט איז אַף זיי פֿאַראַן געווען, בין איך געגאַנגען און האָב אויסגעשטעלט די ערשטע צוויי בריוולעך אַף די נעמען פֿון בראָניע לויפֿערמאַן און לאַהצי ברויכשטול, און די אַנדערע צוויי אַף דער שערענצים מיט דער פּעקעלים, און איבערגעגעבן די בריוולעך צו זייערע מאַנען, איטלעכן באַזונדער זײַנס, און לאָזן זיי זיך קראַצן. וואָרעם ווו שטייט עס, אַז נאָר איך באַדאַרף האָבן צרות? לאָזן זיי אויך נישט שלאָפֿן קיין נעכט, אַזוי ווי איך. לאָזן זיי אויך אָפּקומען חבוט־הקבר, אַזוי ווי איך, און פֿילן דעם טעם גיהנום, וואָס הייסט מאַריענבאַד... און פֿאַר דעם סאָראָקער פּעמפּיק וועט דאָס זײַן אָפּגעגעבן ברויט, עין תחת עין — אַ פּאַטש פֿאַר אַ פּאַטש, אָדער, ווי זאָגט אַ גוי אַ שפּריכוואָרט: כטאָ יאַמע קאָפּאַיע, טאָ סאַם אופּאַ־

דאַיע״... ווי געפעלט דאָס דיר? איאָ, אַן אײַנפאַל? און דווקא אַ קור־לענדער!

אצינד, בעלצע היקרה, וועלן מיר אוועקלייגן די דאַזיקע כּלבים מיט זייערע ליבע־צעטעלעך און מיר וועלן אביסל שמועסן פון דיר, פון דײַן קור און פון דײַנע נײַע באַקאַנטע אין מאַריענבאַד. טאָמער איז ווינציק היים סאַראַקער מיט מאַירל שאַרלאַטאַן, האָט זיך פּרילענטשיט צו דיר אַ נײַער שלים־מזל. איך מיין טאַקע ווידער אַ מאָל דעם קעשעניעווער דאַנ־טיסט. גלייב מיר, איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז ס׳איז בלאָטע שבבלאָטע. ער וועט דיר נישט אָפּבײַסן, ווי דו זאָגסט. ער וועט האָבן פון דיר דאָס אייגענע, וואָס חיים סאַראַקער און וואָס מאַירל שאַרלאַטאַן האָבן פון דיר געהאַט. דאָס הייסט, ער וועט דיר מסתמא אַרײַנשרײַבן אַ פּאָר ליבע־בריוולעך מיט חניפה־צעטעלעך — און דערמיט וועט זיך אויס־לאָזן. נאָר וואָס דען? איך פרעג דיך, צו וואָס דאַרף איך דאָס? צו וואָס נוצט עס מיר, אַז גאַנץ מאַריענבאַד און גאַנץ וואַרשע זאָלן וויסן, אַז ס׳איז דאָ אין קעשעניעוו אַ דאַנטיסט, וואָס רײַסט זיך מיט מאַירל מאַ־ריאַמטשיק פאַר די נעז איבער שלמה קורלענדערס ווײַבל? קיין סודות, זאָג איך דיר, איז נישטאָ. זאָלסט וויסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז אַלצ־דינג, וואָס מע רעדט אין מאַריענבאַד, הערט מען אין וואַרשע, און לאָז עמעצער געבן באַ אײַך אין מאַריענבאַד אַ ניס, וועט מען אים פון די נאַלעווקיס ענטפערן: „צו געזונט״. די וועלט זאָגט אַ שפּריכוואָרט: „וואָס דער מענטש זוכט — דאָס געפינט ער, און וואָס פאַר אַ גוט־שבת — אַזאַ גוט־יאָר״... פאַרט מען אין אויסלאַנד זיך קורירן, דאַרף מען אין זינען האָבן די קור. דיר געפעלט נישט, זאָגסטו, מאַריענבאַד און ווילסט משנה מקום זײַן? — הערסטו, מיר איז דאָס מאַריענבאַד פון אָנהייב־אָן נישט געפעלן, און איך וואָלט זייער צופרידן געווען, ווען די פאָרסט אַריבער אַף אַן אַנדער קור־אָרט. נאָר וואָס דען? איך פאַרשטיי דיך נישט, בעלציע־היקרה. דו אַליין שרײַבסט מיר, אַז פון מאַריענבאַד קיין פראַנצענסבאַד איז אַ שפּרונג, נעמט מען און מע שפּרינגט אַרי־בער. צו וואָס באַדאַרף מען קלאָגן און וויינען? איך שיק דיר דאָ געלט און איך בעט דיך: טו מיר נישט אָן קיין בזיונות, און פאָר אַריבער באַלד קיין פראַנצענסבאַד, נאָר אָן באַגלייטערס, אָן שטיגוטערס און אָן אונטערפירערס... איך וועל דיר געבן אַן עצה, וואָס דו זאָלסט טאָן:

הייב דיך אויף גאנץ פרי, ווען גאט אליין שלאפט נאך, זעץ דיך אויף און פאר אריבער, און נעם דיך צו דער קור צוריק פונעם אלף־בית. און פארגעס, אז ס׳איז פאראן א מאריענבאד אף דער וועלט מיט קוואליערן, אדעסיטן, דאנטיסטן און נאך אזעלכע שארלאטאנעם. טו מיר צוליב כאטש איין מאל, ווען זעסטו אליין זען, אז איך בין דיר מער גוטער פרײַנט פון זיי אלע. איך זאג עס דיר נישט, חלילה, ווײַל איך טראכט איבער אף דיר, אדער ווײַל איך האב עפעס צו זיי, ווארעם וואס האבן זיי מיר געטאן און וואס ארט עס מיך, אז זיי דרייען זיך דארט ארום דיר? לאזן זיי זיך דרייען ארום דעם מלאך־המות. נישט מער, איך וויל דיך פארהיטן פון יידישע מײַלער. איך וויל נישט, אז יאמאיטשיכע זאל האבן וואס צו ריידן, און מאירל שארלאטאן זאל האבן וואס צו פאטשקען מיט דער פען, און אפילו אזא בעסאראביער מאמעליגע, ווי חיים סאראקער, זאל זיך נישט דערוועגן מער שרײַבן ליבע־צעטעלעך צו פרעמדע ווײַבער... אף אים וואלט איך מיך געריכט גיכער א פגירה, איידער אזא זאך. הײַנט גיי טרעף, ווער ס׳איז א גוטער פרײַנט און ווער ס׳איז א שונא. בערל טשאפניק איז דאך עפעס גאר א גאלד אקעגן אים. און איך בין געווען אזא שוטה און בין געגאנגען און האב זיך אים פארטרויט און אנגערעדט אף טשאפניקן, וואס אין דער קארט, איז ער ניט פויל געווען אף דער פען און האט, אפנים, אלצדינג באוויזן דער טשאפניטשקע — איצט איז אף מיר א פײַער, זאל גאט היטן! בערל טשאפניק איז געקומען צו מיר צו לויפן מיט א צעיושעטן קאפ און האט אויסגעמאנטאטשעט בא מיר א גמילות־חסד אף צו פארפאלן. מאל דיר, דער סאראקער הזיר האט זיך פון מיר אויך נישט גענארט. איך האב אים ארײַנגעהאקט א בריוו די טעג און אנגעריבן א מארדע, אז ער וועט שוין פארזאגן קינדס־קינדער! און האב קיין מורא נישט — וועגן זײַנע בריוולעך צו דיר האב איך אים אפילו נישט מזכיר געווען. און איך בעט דיך, בעלצע היקרה, זאלסט מיר שרײַבן, וויפל האסטו אנגענומען בא אים דורך דער צײַט אף מײַן חשבון, און צי האסטו אים געחתמעט קוויטלעך, צי ער האט דיר געגעבן נאר אזוי, אפן ווארט? עס וואלט געווען א מצווה גדולה אנצולערנען אזא כלב שבכלבים, ער זאל נישט בילן. און פאלג מיך, בעלצע היקרה, פאר אוועק פון דעם פארשאלטענעם מאריענבאד, פארשאלטן זאל דאס ווערן. נאר פאר נישט מיט קיינעם, פאר

אליין, און שרײַב מיר, וויפל רעכנסטו נאָך צו פארברענגען אין אויס־לאַנד און ווען רעכנסטו צו קומען, אם ירצה השם, אהיים געזונטערהייט? און וואוהין רעכנסטו צו פאָרן? — דו שרײַבסט מיר, אז קיין פראַנצענס־באַד, און ווערליק איך האָב געהערט (נישטאָ קיין פאַרבאָרגענע זאַך אויף דער וועלט), קלייבסטו דיך גאָר קיין אָסטענדע! שרײַב מיר, וווּ ליגט עס ערגעץ, דאָס אָסטענדע? און שרײַב מיר, מיט וועמען פאָרסטו קיין אָסטענדע? אוודאי מיט אַ באַקאַנטער מאדאם? און זײַ מיר געזונט, און גאָט זאָל מיר העלפן, איך זאָל שוין דערלעבן דיך זען געזונטער־הייט צוריק פון דער קור, בין איך מנדר דײַנע ביידע פעטערס צושטײַער אויף הוצאות, זיי זאָלן אריבערפאָרן אין אמעריקא, וואָרעם עס איז נים אויסצושטיין פון זיי, מע רײַסט פון אלע זײַטן. די היצן זײַנען גרויס, און דער יקרות איז נאָך גרעסער, און קבצנים זײַנען דאָ אזוי פיל, אז ס׳איז גאָרנישט אויסצובאַהאַלטן זיך פון זיי... שרײַב מיר באַלד אַ קבלה אויפן געלט און, למען השם, ווינציקער געשפּאַצירט און מער געקורירט, וואָרעם דײַן געזונט — דאָס איז בײַ מיר דער עיקר.

בעלך שלמה קורלענדער.

.37

(הערש ליפערמאן פון די נאַלעווקיס אין ווארשע צו חיים סאַראַקער אין מאַריענבאַד.)

להנגיד המפורסם מוהר״ר נ״י.

עס וועט אײַך אוודאי זאַן אַ חידוש נפלא, ווי קים עך פליצום צינאָך מיט אַ בריעף, אז אינז האָבען מיר קיינמאָל נים געהאַט קיין שום געשעפטן צווישען זעך, און אויב איר ווילט, זענען מיר אפילו גאָרנים אזוי נאָהינט בעקענט, אויסערדעם וואָס אינז דאַווענען מיר ימים נוראים אין איין שטיבל. נאָר אויב ס׳איז אָך אַ װוּנדער, איז מיר אַ סך מער ווינדערליך, ווי קימט אַ איד, אַ בעל־הבית, אַ סאָלידער סוחר און אַ טאַטע פין קינדער, זעך דערלויבן אזוי צי האַנדלען מיט יענעמס וואַב, איר שראַבן ליבעצעטעלעך גאָר און אפירלעגן געלט? ווער דאַרף אָך

מיט אײַער געלט? נישט שוין־זשע ווייסט איר נישט, אַז ערשטנס בין עך אפשר אַזוי ראַך אין מזומן געלט, ווי איר? און אויב איר ווילט, בין עך, האָט קאָן פּאַראיבל נישט, אפשר נאָך ראַבער פון אַך. וואָרעם אַז אינז זאָלן מיר זעך וועלן גיט אויסרעכענען, ליגט איר צעשטעקט מיט אײַער פאַרמעגן בא לאַטען און ווער ווייסט, וואָס קאָן זאַן אין אַ יאָר אַרים, חלילה, בא אַ קריזיס? עך בין מיט גאָטס הילף אַ מזומנער עושר, וואָרום די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז עך האָב גאָט זיי דאַנק אויס־גענימען אין דער וואַרשעווער לאָטעריע מזומנע קערבלעך, און עך קאָן מיר, ברוך השם, דערלויבן אויסהאַלטן מאַן וואַב נישט נאָר אין מאַ־ריענבאַד, נאָר אפילו אין פּאַריז. אין צווייטנס, איז מאַן וואַב, חלילה, נישט גלאַך צי אַנדערע וואַבער, ווי, למשל, די מאַדאַם טשאַפּניק, אָדער ווי קורלענדערס וואַבעלע, וואָס אײַער שוואָגער, דער אָדעסער פּאַצעטל מאַריאַמטשיק, מאַכט דאָרטן מיט איר, ווי ס לאָזט זיך הערן, שײנע משא־ומתנ׳ס... איר דערלויבט אַך צי שראַבן צי מאַן וואַב, האָט מיר קאָן פּאַראיבל נישט, אַזעלכע נאַרישקייטן אין אַזעלכע נידערטרעכטיקע אַנציהערענישן, וואָס אַ לאַטישן מענטשן וועט עס קיינמאָל גאָר אויף די געדאַנקען נישט קימען. דערבײַ זענט איר זעך פאַר איר מודה, אַז איר זענט נישט גאָטס סטראַפּטשע, אין דאָך האַלט איר זי פיר, לאַמאי זי באַ־געגנט זיך מיט אַזעלכע נישט ווירדיגע פאַרשווינדלאַך, ווי אײַער שוואָ־גערל. אין נאָך דעם אַלעם פּערגינט איר אַך צי זאָגען מאַן וואַב, אַז איר אין אײַער קאַסע זענט אָנגעבריינט!... דאָס איז שוין פון אײַער זאַט, האָט מיר קאָן פּאַראיבל נישט, אַזאַ שווייַנעריי, וואָס דאָ אפן אָרט קריגט מען פאַר אַזאַ זאַך געבראָכן די באַינער... אין איר האָט נאָך אַזעלכע פּער־שטאָכענע אויגן בערימען זעך פאַר מאַן וואַב, אַז מיר זענען מיט אַך נאָהינטע שמעלקעס אין איר האָט אַ העזה זעך אינטערצישרייבן „אײַער מאָנס פראַנד”. כ׳בייט אַך, זאָלט איר מיר געזינד זאַן, פון ווען אָן זענט איר עם מאָנער אַ פראַנד געוואָרן? ווי זענט איר געוועזן אין יענע צאַטען, ווען עך בין, נישט פאַר איצט געדאַכט, געלעגן איר דער ערד און גע־באַקן באַיגעל? מיר שאַנט, אַז עך האָב געהאַט אַ זכיה, אַז איר האָט מיר געענטפערט אויף מאַן גיט־שבת מיט מאַן גיט יום־טוב. און עך בייט אַך, ווער בעדאַרף עס אַזוי נויטיג אײַער גוט־פראַנדשאַפט? קאָן קרעדיט האָב עך בא אַך קאָנמאָל נישט געהאַט אין נישט געזוכט, אין איצט, מיט

דער הילף פון קודשא־בריך־הוא, דאַרף עך אייער קרעדיט אודאי נישט. ווייסט איר, וואָס עך וועל אך זאָגן? אזעלכע בריוולעך, ווי איר שראַבט, זענען, האָט מיר קאַן פאַראיבל נישט, אָנגעמאָסטן גאָר פאַר אזעלכע פּאָנע ברייהס, ווי די מאַדאַם טשאַפּניק אין נאָך אזעלכע הפקר־וואַבלאַך, אָבער נישט פאַר אָנשטענדיגע פרויען פון אָנשטענדיגע לאַט.

דאָס איז אַלעס, וואָס עך האָב געפינען פאַר נויטיג אַך צי זאָגען אויף דער הייסער שעה. דאָס איבעריגע וועל עך אַך אויסלומר'ען, אם ירצה השם, אַז איר וועט קימען געזינטערהייד אַהאַים אין אינז וועלן מיר זעך זען פּנים אל פּנים. דערוואַל זאָטס מיר אין האָטס מיר.

ממני צבי הירש לויפּערמאַן.

### 38.

הירש לויפּערמאַן פון די נאַלעווקיס אין וואַרשע צו זיין ווייב בראָניע לויפּערמאַן אין מאַריענבאַד.)

בראָנישע!

וואָס איז די מעשה, וואָס די שראַבסט מיר די גאַנצע צאַט, עך זאָל דיר שיקן געלד און געלד, און אַז דו האָסט דאָרט אין מאַריענבאַד בעקימען, קיין בייז אויג, אַזאַ קרעדיט — פין דעם שראַבסט די מיר גאָרנישט. אַ גליק, וואָס עך האָב בעקימען זאַן בריוועלע צי דיר, אַנישט וואָלט עך גאָרנישט געוויסט, ווי אַזוי די פאַרברענגסט דאָרט די צאַט, אין וואָס פאַר אַ גיטע פראַנד די האָסט דאָרט געפינען, וואָס זיי אַליין אין זייער קאַסע זענען אָנגעברייט פאַר דיר! מילא, אַז ער איז דיר אַ גיטער פראַנד — דאָס זעט מען פין זאַן בריוועלע צי דיר. אָבער פין ווען אָן בין עך געוואָרן זאַנער אַ גיטער פראַנד, וואָס ער וויל פערהיטען מאַן כבוד? פאַר וואָס האָב עך נישט געהערט פין זאַן גיטפראַנדשאַפט דעמאָלט, ווען עך בין, נישט פאַר איצט געזאָגט, אויסגעריסן געוואָרן אין ארימגעלאָפן איבער וואַרשאַ מיט איין ארויסגעשטעלטער צינג זיכען אַ דראַערל? איצט זענען זיי שוין אַלע געוואָרן מאַנע גיטע פראַנד. פין בערעל טשאַפּניק שמועסט מען נישט. דער איז באַלד נאָכן געווינס

געקימען צו לויפען מיט א גדולה אין אויפגעדעקט מיר א סוד, אז ער האט מעך תמיד געהאלטען פאר א פעהיגען מענשען, אין אויסגעלאזט האט זעך עם מיט א גמילות־חסדל. נאר אפילע אזא איד, ווי רב וועלוול יאמאיקער מיטן שענעם בארד, טראגט מיר האנט דעם „גיט־מארגן" אקעגן. עך בין מיט א מאל אויסגעוואקסן, געווארן א גאנצער יש, א העלד אין מיטן דרינען; דאכט זעך, דער אייגענער הערש לויפערמאן וואס פריער, אין דאך נישט דער. אפילו די צאטינגען האבען געהאט צו טין די ערשטע צאט מיטן נייעם גביר פין די נאלעווקים. נאר לאמיר דאס אוועקלעגן אויף א זאט. זאג מיר, בראנישע, ווי דערלאזט די עס גאר, מע זאל צו דיר שראבען אזעלכע בריוועלאך? למאי האסט די אליין נישט אפגעשיקט צו מיר זאן בריוועלע? אין וואס האסט די אים אפ־געענטפערט אויף זאן בריוועלע? אין שראב מיר, אויב ס'איז אמת, אז די קענסט זיך דארטען מיט זאן שוואגער דעם שארלאטאן? אין אויב ס'איז אמת, אז די גייסט מיט אים שפאצירן אויף דער גאס? אין ווי קימט עס, וואס פאדליג ער שראבט, האסט די אים געגעבן א קאלטן אויפנאם, לסוף לעגט ער דיר פאר, אזוי ווי די פארסט פין בערלין, קערסט די דארפן געלד, על־כן, שרייבט ער דיר, אז ער אין זאן קאסע זענען תמיד אנגעברייט פאר דיר!? אזא חוצפה איז נאך נישט געהערט געווארן אין דער וועלט. אויסערדעם, וואס עך שראב צו אים אליין א רעכט בריוול, וואס עם וועט אים פינסטער ווערן אין די אויגן, וועל עך נאך זאן מיט זאן בריוועלע צו דיר בא זאן וואב — לאז זי זען אין לאז זי אויך וויסן, ווי אזוי איר מאן האלט די „קור" אין מאריענבאד!

עך בייט דעך, בראנישע, זלאסט מיר באלד שראבען וועגן אים וואס אין ווען, ווארים עך וועל אזא זאך נישט פארשוואגען! אין פין דאן גע־זינד זאלסט די מיר שראבען אין פין אלסדינג זאלסט די מיר שראבען.

פון מיר־דאן געטרייער מאן הערש לויפערמאן.

.39

(קלמן ברויכשטול פון די נאַלעווקים אין וואַרשע צו חיים סאַראַקער
אין מאַריענבאַד.)

לכבוד הגביר המפורסם מוהר"ר חיים סאַראָקער נ"י.

דער צוועק פון דיזן בריוו איז אָנצופרעגן זיך באַ אײַך, איר זאָלט זײַן אַזוי גוט מיר ענטפערן גאַנץ אויפריכטיק און קלאָר, נישט גע־דרייט זיך און אָן קונצן: וואָס פאַר געשעפטן האָט איר דאָס מיט מײַן פרוי, וואָס איר שרײַבט צו איר שלום־לאהובי־בריוועלעך? איר רופט זי ארויס צום ברונען און אין „מיראַמאָנט" אַרײַן צו שמועסן מיט איר א ו נ ט ע ר פ י ר א ו י ג ן ?! איר לייגט איר פאַר געלט, און איר פאָדערט פון איר, זי זאָל אַריבערפאָרן צו אײַך אין אײַער האָטעל פ ו ן א י ר ט ו ב ה ו ו ע ג ן ?!... און דער עיקר, וואָס פאַר אַ סודות האָט איר עס צו דערציילן אױף מיר ???!... אין אײַער בריוועלע צו מײַן פרוי ווינקט איר אָן, אַז איך האָב נישט פײַנט קיין קערטל און אַז איך שפּיל אין „אָקע". אויב דאָס איז אײַער סוד, וואָס איר האָט אויסצוזעצן אױף מיר, האָט איר נישט געטראָפן די כטאַנציע. גאַנץ וואַרשע ווייס, אַז איך אין „אָקע" שפּיל נישט. איך שפּיל אַמאָל אַ באַנטשאַק אָדער אַן אַנדער שפּיל, און לעב נישט פון קיין קאָרטן. איך בין נישט בערל טשאַפּניק, איך האָב אַנדערע געשעפטן. אַלזאָ, וואָס קאָנט איר אױף מיר דערציילן פאַר מײַן פרוי? און וואָס פאַר אַ אינטערעס קאָנט איר האָבן דערבײַ? אַ מאַן, וואָס שרײַבט אַזעלכע בריוועלעך צו אַ פרעמדער פרוי, מוז האָבן וויכטיקע אורזאַכן און אַן ערנסטן צוועק. אַז איר זײַנט איצט נישט שוה בשוה מיט אײַער פרוי — דאָס ווייס איך שוין לאַנג, מע רעדט באַ אונדז אױף די נאַלעווקים דערפון גאַנץ געשמאַק. וועלוול יאַמאַיקער האָט מיר דערציילט אױף אײַך גאַנץ שיינע זאַכן, אױף אײַך און אױף אײַער שוואָגער מאַריאַמטשיק. מע שמועסט, אַז איר ביידע האַלט באַ גטן זיך מיט אײַערע ווײַבער. אויב אַזוי, ווינטש איך אײַך, ס'זאָל זײַן אין אַ גוטער שעה. איצט בלײַבט איבער נאָר איין זאַך: וואָס האָט איר קיין צײַט נישט געהאַט שוין אַזוי גיך זיך באַוואָרענען מיט אַ צווייטער פרוי, ווערנד יענע האָט נאָך אַ

מאָן ביז הונדערט צוואָנציק יאָר? אָדער אפשר ווייסט איר פֿון דעם סוד, אַז עס האָט בײַ אונדז אויך געהאַלטן אַמאָל אַף אַ גט? איז, ערשטנס, געהערט זיך עס אָן נאָר מיט מיר און מיט מײַן פֿרוי, און צווייטנס, האָט איר באַדאַרפֿט ווײַניקסטנס אָנפֿרעגן זיך בײַ מיר דורך אַ בריוו, נישט גיין מיט אַזעלכע וועגן, ווי איר גייט... אגב, אַז עס האַלט שוין דערבײַ, באַדאַרף איך אײַך זאָגן גאַנץ אויפֿריכטיק, אַז אויב איך וועל מיך אַנטשליסן צו שיידן זיך מיט מײַן פֿרוי, וועל איך עס אַנדערש נישט טאָן, נאָר מיט אַ תּנאַי, וואָס באַשטייט אין צוויי פּונקטן: 1) איך וועל איר די קינדער נישט אַוועקגעבן פֿאַר כּל הון דעלמאַ. 2) די קינדער מוזן מיר זײַן באַוואָרנט מיט אַ געוויסער סומע אַף זייער נאָמען, אַרײַנגעטראָגן אין גאָסודאַרסטווענע באַנק. איר זײַט אַ ייִד אַ כּוחר און אַ בר־דעת, און איר האָט, אַפּנים, דאָס זעלבע פּעקל, וואָס איך — אַ ווײַב אַ צרה, — באַדאַרפֿט איר אָבער פֿאַרשטיין, אַז צווישן אײַך און מיר איז אַ גרויסער אונטערשייד. איר זײַט אַ ייִד אַ קאַפּיטאַליסט, און אײַערע קינדער זײַנען געזיכערט, און איך בין נישט איר. איך גיב אײַך מײַן ערן־וואָרט, אַז איך וועל דאָס צווייטע מאָל נישט הײַראַטן. איין מאָל אָפּגעבריט זיך — גענוג.

אַלזאָ, ידידי, אויב איר האָט אַן ערנסטן קוק, זאָלט איר מיר תּיכּף ומיד ענטפֿערן, וואָס און ווען און ווי אַזוי. און אויב עס איז בײַ אײַך מער נישט ווי אַזאַ מין ספּאָרט, ווי בײַ אײַער שוואָגער דעם שאַרלאַטאַן, וואָס ווערדליק מע שרײַבט אונדז פֿון מאַריענבאַד, האַלט ער אין איין נאָכלויפֿן נאָך פֿרעמדע ווײַבלעך און שרײַבן זיי ליבע־בריוולעך, פֿאַרשטיי איך נישט, ווי דערלויבט זיך עס אַזאַ זאַך אַ ייִד אַ סוחר, אַ טאַטע פֿון קינדער, ער מעג זיך זײַן אַפּילו אַ גביר און אַפּילו אַ מיליאָנער? זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז איך וועל אַזאַ זאַך נישט פֿאַרשווײַגן, און עס קאָן אַרויס דערפֿון אַ גרויסער סקאַנדאַל. איך דערוואַרט פֿון אײַך יעדנפֿאַלס אַן ענטפֿער, אָבער קלאָר און דײַטלעך, אָן המצאות און אויבערקעפּלעך... איך האָב נאָרוואָס אַוועקגעשריבן אַ בריוול אויך צו מײַן פֿרוי קיין מאַריענבאַד, זי זאָל מיר שרײַבן, אויב ס'איז אמת, אַז זי האָט געשיקט צו אײַך אַ שליח נאָך געלט? און פֿאַר־וואָס האָט זי זיך נישט אָנגעפֿרעגט פֿריִער בײַ מיר? און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מיראַמאָנט, וואָס איר רופֿט זי אַהין אַרויס? און וואָס פֿאַר אַ סודות

האָט איר אנטדעקט אף מיר? און ערשט דעמאָלט, ווען איך וועל האָבן באַקומען איר ענטפער, וועל איך וויסן, וואָס איך האָב צו טאָן. דער־ווייל זעט מיר אויס דער גאנצער חלום א רעטעניש.

איך פאַרהאָף, אז אויב איר האָט אין זיך כאָטש א ברעקל אָנ־שטענדיקייט, באַדאַרפט איר באַלד און שוין געבן א קלאָרע תשובה אף דעם אַלעם און זאָגן מיר דייטלעך און אויסדריקלעך, וואָס האָט איר געמיינט מיט אייער פאַרשטעלטן בריוו צו מיין פרוי? וואָס איז אייער כוונה און אייער מיין? און דער עיקר, וואָס פאַר א סודות האָט איר אויסצוזעצן אף מיר, אף אייער אומבאַקאַנטן

קלמן ברויכשטול.

.40

(קלמן ברויכשטול פון די נאַלעווקיס אין וואַרשע צו זיין ווייב לאה ברויכשטול אין מאַריענבאַד.)

צו מיין ליבער פרוי לאהצע לעב וואָל!

עס איז נישט גלייך, לאהצע, וואָס איך האָב באַדאַרפט געוואָר ווערן פון אזא וויכטיקער זאַך און פון אזא ערנסטן שריט דורך דער דריטער האַנט. מיר שיינט, ס'וואָלט געווען פיל געזינטער פאַר אונדז ביידן, ווען איך דערפאַר עס דירעקט פון דיר. איך האָב אפילו באַמערקט שוין לאַנג, אז דו האָסט עפּעס אף דער נשמה, נאָר דו פאַרבאַרגסט עס פון מיר אַזוי ווייט ווי מעגלעך. דיין פלוצעמדיק אָפּרייזן קיין אויסלאַנד, דיין אויסוויילן מאַריענבאַד — וואָס עפּעס גראָד מאַריענבאַד? פאַר וואָס נישט אָן אַנדער באָד? — און דיינע זעלטענע און קורצע בריוולעך צו מיר די לעצטע צייט — דאָס אַלץ האָט באַדאַרפט זיין אויפפאַלנד אין מיינע אויגן. נאָר ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: „דער מאַן ווערט געוואָר אַלע מאָל צום לעצטן"... איך וואָלט דאָס קיינמאָל אף דיר נישט גע־גלויבט, — און גלייב אויך איצט נישט — אַז דו זאָלסט אַזוי נידעריק פאַלן און דערלויבן זיך צו שיקן לייען געלט אָן מיין וויסן בא אזא מאַן, וואָס גראָבט זיך אונטער מיר און זוכט אף מיר בלבולים, אום צו דער־

גרייכן זײַנע נידעריקע צוועקן. לאָז שוין זײַן אַפילו, ווי דו האָסט מיר נישט איין מאָל געזאָגט, אַז איך האָב דיר פאַרפינצטערט דײַן וועלט (אָבוואָל ס׳איז נישט אַזוי די מעשה: מײַן וועלט איז פאַרפינצטערט גע־וואָרן דורך דיר), נאָר יעדנפאַלס וואָלט געווען אַ סך ערלעכער פון דיר, ווען דו זאָלסט מיר שרײַבן: „אַזוי און אַזוי, קלמן־לעב, איך וויל זײַן פרײַ, ווײַל ס׳איז מיר נמאס געוואָרן צו לעבן אין שטענדיקן געלט־מאַנגל און דאַסגלײַכן"... וואָלט איך דיר אָפּגעענטפערט דאָס זעלבע, וואָס איך האָב דיר געזאָגט שוין לאַנג, נאָך בײַ אונדזער ערשטן צעפּאַרן זיך, — געדענקסטו? — אַז ס׳איז פאַראַן אַ רוסיש וואָרט: „נאַסילו מיל ניע בודעש"... אויך איצט זאָג איך דיר, לאַהצע, ווי אַן אמתער גוטער פרײַנט און ווי אַ פאָטער צו זײַנע קינדער, אַז אַלע וועגן זײַנען פאַר דיר אָפן. איך וועל דיר געבן פולע פרײַהייט, נאָר מיט איין תנאי: אַזוי ווי דו ווייסט, ווי טײַער עס זײַנען בײַ מיר די קינדער, אַז איך וועל זיך מיט זיי נישט שיידן פאַר קיין געלט אין דער וועלט, און אַזוי ווי ער איז אַ ייִד אַן עושר, חוץ זײַן שאָדן אַף מיר געזאָגט געוואָרן כאָטש האַלב, על־כן זאָל ער באַוואָרענען פריִער דיך, דערנאָך אונדזערע קינדער. פון זיך רייד איך נישט. מיך וועט גאָט אויספירן אָן אים. דו ווייסט, אַז קיין גרויסער איבערקלײַבער בין איך קיינמאָל נישט געווען, און איצט אוודאי נישט. אַבי איך זאָל וויסן, אַז דיר וועט זײַן גוט, און אַז אונדזערע קינדער וועלן, חלילה, נישט דאַרפן אָנקומען צו אַ שטיפטאַטן. דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב דיר צו זאָגן. אַן אַנדער מאַן אַף מײַן אָרט וואָלט דיר געמאַכט אַן אַוואַנטורע מיט אַ סקאַנדאַל. איך בין נישט קיין מענטש פון קיין אַוואַנטורעס און פון קיין סקאַנדאַלן. דעריבער שרײַב איך דיר געלאַסן און אויפריכטיק. און אויך צו אים האָב איך הײַנט אַוועקגעשריבן אַ בריוו, און איך פאַרלאָז מיך אַף זײַן אָנשטענדיקייט, אַז ער וועט מיר געבן אַ קלאָרע תשובה, און די זאַך וועט רעגולירט ווערן אַפן אָנשטענדיקן אָרט, און עס וועט נישט קומען, חלילה, צו לײַטיש געלעכטער און צו סקאַנדאַלן, ווי עס ווינטשט דיר

דײַן באמת געטרײַער מאַן, וואָס איז יעדנפאַלס דײַן בעסטער פרײַנט,

קלמן ברויכשטול.

## 41.

### איטשע־מאיר שערענצים און איטשע־מאיר פּעקעלים פון די נאַלעווקעס אין וואַרשע צו חיים סאַראַקער אין מאַריענבאַד

(איבערזעצט פון העברעיִש)

פריד צום פילגעלערנטן געהויבענעם און געאַכפּערטן הער, דעם געלערנטן און אויפגעקלערטן רב חיים סאַראַקער — פריד אָן אַן עק.

נאָכדעם, ווי מיר באַגריסן דעם געערטן הער, ווי דער מנהג איז, טוען מיר זיך נעמען צום אַלעם ערשטן דערלויבונג צו ווינטשן אים אַ גיכע היילונג און אַ רפואה שלמה, הן אין זײַן קערפּער והן אין זײַן געלט, און דער אַלמעכטיקער זאָל אים ברענגען אין פרידן אַהיים צו דער רוונג און צו דער ערבשאַפט אין גיכע צײַטן, און ער זאָל נישט וויסן מער פון קיין שום קרענק און פון קיין שום שמערצן מיטן כלל ישראל פון הײַנט און ביז אייביק — אָמן.

אַצינד טוען מיר מאַכן פאַלן אונדזער געבעט פאַר די הויכקייט פון אונדזער הער, ער זאָל אַראָפּנייגן זײַן אויער און צוהערן צו אונדזער קול, צום קול פונעם בלוט פון דײַן ברודער, וואָס טוט שרײַען פון אַ ווײַט לאַנד אויף דעם אומרעכט, וואָס ווערט אונדז געטאָן אַן אַ שום עוולה אין אונדזערע הענט. מיר האָבן געזאָגט, לאָמיר דערציילן כאָטש אַ טויזנט־חלק פון אונדזערע יסורים און האַרצווייטיק — איז אָבער מיד יעדע צונג צו ריידן, יעדע פעדער צו שרײַבן, און ס'איז קורץ די דעק אויף צו פאַרשפּרייטן. און נאָר אין קורצע ווערטער וועלן מיר זיך פּרוּוון געבן אַ ווידער־קול פון אונדזער אויסגעשריי, וואָס רײַסט זיך אַרויס מיט אַ גוואַלד פון די ווענט פון אונדזער האַרץ. הערט אונדז אויס, וועט אײַך אויסהערן גאָט.

מיר, די אונטערגעשריבענע אויף דעם דאָזיקן בריוו, זײַנען וואַרשעווער יונגע־לײַט, וואָס זײַנען נישט לאַנג אַראָפּ פונעם טיש פון זייער פאָטער און האָבן געשיקט אין האַנדל זייערע הענט, און גאָט האָט געבענטשט דאָס טועכץ, וואָס זיי האָבן געטאָן, און זייער אַרבעט האָט געמאַכט וואַקסן פּירות, און זייער נאָמען האָט זיך געשטאַרקט אויף דער

וועלט, און ווי דער מנהג איז פון אונדזערע ברידער, די קינדער פון ישראל: ווי באַלד נאָר די זון פון הצלחה טוט אַ לייכט צו זיי מיט איר פּנים, אַזוי הייבן זיי אָן צו פֿאַרשווענדן דאָס, וואָס זיי האָבן אָנגעזאַמלט מיט די מידקייט פון זייערע הענט, און געלט איז ווי גאָרנישט בײַ זיי אין די אויגן, און מער פון אַלץ ברענגען זיי זיך אויס אויף די ווײַבער פון זייער יוגנט, און זייערע ווײַבער הייבן אָן פילן מיט אַ מאָל אַלערליי ווייטיקן אין זייערע אַלע איברים און זיי הייבן אָן פאָרשטן צו די אָפּגעעטער פון דער מעדיצין, וועלכע צעשיקן די דאָזיקע קראַנקע אין אַלע עקן פון דער וועלט צו זוכן אַ תרופה צו זייער וווּנד, און מער ווי אומעטום ווערן זיי געשיקט אין יענעם מאָדנעם קוראָרט, וואָס איז באַוווּסט מיטן נאָמען מאַריענבאַד.

עס פֿאַרשטייט זיך פון זיך זעלבסט, אַז מיר האָבן מקיים געווען דעם דין פון מאַריענבאַד מיט אַלע פּונקטן און פּישטשעווקעס און מיט אַלע זעקס הונדערט און דרײַצן מצוות, וואָס הענגען אָפּ אין דעם. נישט געשווינט האָט אונדזער אוויג אָפּ קיין געלט, און אַלץ וואָס דער דאָקטער האָט געזאָגט: טו — דאָס האָבן מיר געטאָן. און מיר האָבן אַרויסבאַגלייט אונדזערע געליבטע ווײַבער קיין מאַריענבאַד, און געלט האָבן מיר געטאָן אין זייערע כּלים, און מיר האָבן צו זיי געזאָגט: „גייט־אויף אין אַ גוטער שעה און אין אַ גליקלעכער אין יענעם פֿרוכטבאַרן לאַנד, וואָס טוט רינען מילך און האָניק, און געפֿינט דאָרט אײַער היילונג, נײַערט איר זאָלט אונדז נישט פֿאַרגעסן און זאָלט פון צײַט צו צײַט מאַכן פֿליִען צו אונדז אײַערע צייכנס און אײַערע נאַכריכטן פון אײַער פֿרידן און פון אײַער וווּיל־זײַן, ביז עס וועט קומען דער גליקלעכער טאָג פון אײַער צוריקקערן אין אײַער נעסט אַרײַן צו אײַערע מאַנען, די הערן פון אײַער יוגנט”.

אַזוי האָבן מיר געזאָגט צו אונדזערע געליבטע ווײַבער און זיך אָפּגעזעגנט מיט זיי, און זיי האָבן פֿאַרלאָזט מיט פֿרידן דאָס לאַנד פון זייער געבורט און זײַנען געקומען אין דעם לאַנד, וואָס זיי האָבן אויסדערוויילט, דאָס הייסט קיין מאַריענבאַד, און האָבן אונדז צוגעזאָגט צו שיקן נאַכריכטן פון צײַט צו צײַט, און האָבן געהאַלטן וואָרט, געשריבן אונדז בריוו פון דעם שטאַנד פון זייער געזונט, און פון די וואַסערן, וואָס זיי מוען דאָרט שעפּן פון די קוואַלן פון הילף. נאָר פּלוצעם איז פֿאַרשטאָפּט

געוואָרן יעדע זעונג פון זיי. די פּאָסט האָט פּערמיטן צו ברענגען אונדז זייערע נאָכריכטן. פּאַראַרעמט און אויסגעטריקנט זײַנען געוואָרן אַלע קוואַלן פון זייערע שרײַבעכצן, וואָס זיי פלעגן צו אונדז שרײַבן, ביז מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער קאָפּ און מיר זײַנען געוואָרן אין אונדזערע אויגן גלײַך, ווי מיר חלומען. און פּלוצעם האָט מען אונדז אויפגעעפנט אונדזערע אויגן און ס'איז אונדז פאַרענטפערט געוואָרן אַלע קשיות. מע האָט אונדז באַוויזן שוואַרץ אויף ווײַס, ווער ס'איז דאָ דער שולדיקער און ווער ס'איז דאָ דער בייזער שליח. אין לעבן וואָלטן מיר נישט געגלויבט, ווען מיר זאָלן נישט זען מיט אונדזערע אויגן און נישט דערקענען אײַער האַנד־שריפט און די האַנדשריפט פון אײַער געערטן שוואָגער, געקריצט אויף פּאַ־פּיר. זייער געערטער און געהויבענער הער! מיט די גלאַטקייט פון אײַערע צינגער און מיט די זיסקייט פון אײַערע רייד האָט איר ביידע זיי געטאָן פאַנגען אין אײַער נעץ. פולע הויפנס ליבשאַפט האָט איר געטאָן אויסגיסן אין זייער שוים אַרײַן און איר האָט געמיינט, ווײַזט אויס, אַז קיין מענטש וועט נישט ווויסן, קיין באַשעפעניש וועט נישט זען. אוי־ווויי געשריען! ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז דאָרט אין דעם ווײַטן מאַ־ריענבאַד וועט זײַן אָנגעגרייט נאָך פון נעכטן דער גיהנום? ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז אונדזערע ריינע פרומע ווײַבער, וואָס אין דער היים אין וואַרשע וואָלטן זיי אויסגעלעבט זייערע יאָרן און וואָלטן נישט געוווּסט פון קיין זינד, זאָלן אַזוי געשטרויכלט ווערן? ווער וואָלט דאָס געגלויבט, אַז אין אַזאַ צײַט, וואָס איז אַ צרה פאַר יעקבן, און ישׂראל איז אַוועקגעגעבן געוואָרן צו רויבער, אין אַזאַ צײַט, ווען יידיש בלוט גיסט זיך, ווי וואַסער, אין הויפט פון אַלע גאַסן, ווען שונאים פרייען זיך און טאַנצן אויף אונדזער חרפּה, ווען די פײַלן ווערן געשאַרפט אויף אונדז פון אַלע זײַטן און שווערע וואָלקנס רוקן זיך אָן אויף אונדזער הימל — אין אַזאַ צײַט זאָלן יידן, באַווײַבטע יידן, טאַ־טעס פון קינדער, אין זיינען האָבן טאָן אַזעלכע אומווירדיקייטן, פאַר־נאַרן פרעמדע ווײַבלעך ערגעץ אין אויסלאַנד, און אונטערן דעקטוך פון היילונג און לעבעדיקע וואַסער טרינקען זיך נעמען אַראָפּפירן זיי פונעם גלײַכן וועג און פאַרפירן זיי אין אַן אָרט, וואָס פון דאָרטן וועלן זיי זיך שוין נישט אומקערן — אָ! שטוינט איר הימלען! מיר האָבן געמיינט, אַז נאָר אײַער געערטער שוואָגער, דער מאַן פון אײַער ווײַבס

שוועסטער, וואָס האָט אַ שם אין דער וועלט פאַר אַן אויסגעלאַסענעם מענטש, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון דרך־ארץ און אָנשטענדיקייט, איז פעיִק צו טאָן אַזעלכע מיאוסע זאַכן — שרײַבן בריוולעך צו פרעמדע ווײַבלעך. זײַנע בריוולעך, וואָס ער האָט געטאָן לויפן צו אונדזערע ווײַבער, איז אונדז געראָטן אָפּצוהאַנדלען פאַר רעכט געלט בײַ אײַנעם אַ פאַרשוין, וואָס מיר זײַנען נישט מחויב צו פאַרע־פנטלעכן זײַן נאָמען. מיר האָבן געמיינט, אַז דערמיט האָט זיך געענ־דיקט די דאָזיקע הימלשרײַענדיקע טראַגעדיע. צום סוף האָבן מיר דער־זען, אַז מיר זײַנען געווען בלאָנדזענדיקע אין אַ מדבר, אַז דער אמתער פײַנט לאָקערט נאָך פון זײַן באַהעלטעניש — און דער דאָזיקער פײַנט דאָס זײַנט איר, געערטער און געאַכפּערטער הער, איר און נישט קיין אַנדערער. וואָרעם אויב אײַער געערטער שוואָגער, דער מאַן פון אײַער ווײַבס שוועסטער, האָט געטאָן שרײַבן צו אונדזערע ווײַבער פיל נאַ־רישקייטן און פוסטע רייד פון חנופה מיט אַ גרינגן קאָפּ, האָט איר, זייער געערטער הער, געהאַט אַן עזות צו זאָגן אונדזערע ווײַבער, אַז איר וועט טאָן מאַכן רינגען געלט פון אײַער בײַטל פון זייער טובה וועגן. אַ! פאַרשאָלטן וואָלט געמעגט ווערן די האַנט, וואָס האָט אַזעלכעס גע־קאָנט צייכענען! פאַרשאָלטן וואָלט געמעגט ווערן די צונג, וואָס אירע גלאַטע רייד זײַנען גיפט און די זיסקייט פון אירע ווערטער איז דער גיהנם.

דאָס אַלץ האָבן מיר, די אונטערגעשריבענע, געפונען פאַר נייטיק, זייער געערטער הער, אויסצוגיסן אין אײַער שוים און צו בעטן פון אײַך מיט אַלע מינים געבעט — איר זאָלט רחמנות האָבן הן אויף אונדזער כבוד, הן אויפן כבוד פון אונדזערע ווײַבער, והן אויף אײַער איי־גענעם כבוד, און איר זאָלט אויפהערן צו טאָן אײַערע אומווירדיקע זאַכן. מיר זײַנען אײַך מוסר מודעה, זייער געערטער הער, אַז באַם איר וועט נישט צוהערן צו אונדזער קול און וועט נישט פאַרמײַדן ווײַטער צו טאָן אײַערע אומווירדיקייטן אין דער פאַרבאָרגעניש, דאַן וועט ביי־טער זײַן אײַער סוף און איר וועט באַקומען אײַער לוין און אײַער צאָלעכטס בכפל כפלים, וואָרעם ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און ס'איז נאָך פאַראַן אַ געזעץ און אַ ריכטער אין ישראל!

מיר בעטן בײַ אײַך, איר זאָלט קיין פאַריבל נישט האָבן, וואָס

מיר פארלענגערן נישט אונדזערע רייד, ווייל מיר האבן זייער קיין צייט נישט! און האפנדיק, אז איר וועט טאן א געהעריק אויער צו אונדזערע ווערטער, וואס טריפן פון א ריכטיקן קוואל און פון א הארץ פול בלוט, און איר וועט נישט דערלאזן צו גרעסערע בזיונות, פארקירצן מיר אונדזערע רייד און צייכענען מיט פיל כבוד און מיט א בענטשונג פון גוטע פריינט, וואס ווינטשן אייך פיל גליק און רייכקייט ביז אן א שיעור.

די רייד פון: יצחק מאיר שערענציס.
און די רייד פון: יצחק מאיר פעקעלים.

## 42.

(אלעקסאנדער סווירסקי פון באזעל צו דער יאמאימשיכע אין מאריענבאד)

גנעדיקע פרוי!

איך האבע די עהרע איהנען מיטצוטיילען, דאסס איך אין באזעל אויף דעם צעהנטען ציוניסטען־קאנגרעס גליקליך אנגעקאממען בין, און ווי מיר די זאכע בעאבערעדעט האבען, האבע איך מיך צו מיינע געשעפטען מיט פליים גענאממען, די פאססיגע פארטיען פאר איהרע ווערטהע טעכטער נאכצוזעהן, און מוז בעהויפטען, דאסס צו מיינען גרעסטען בעדויערן האבע איך דאס געוואונשטע פיר זיע לײדער ניכט געפונדען, ווייל דער גרעסטער טייל געסטע צום צעהנטען ציוניסטען־קאנגרעס בעשטייט פון מענער, וועלכע לײדער שוין לאנג פערהייראטעט זינד. דען אונפערהייראטעטע גיעבט עס לײדער ניכט אונטער דען ציוניסטען. די אורזאכע וואהרשיינליך די, דאסס די ציוניסטען לײדער פריה הייראטען, אונד פיעלייכט זינד דא נאך אורזאכען, אבער דער טאהט איזט פעסטגעשטעלט, דאסס מיין רייזע נאך באזעל וואר גאנץ אומזאנסט, אונד עס טהוט מיר ווירקליך לייד די שפעיזען, וואס זי מיר גענעבען האבען. אבער איך קאן מיך רעכטפערטיגען, דאסס איהרע שפעיזען זענען דאך ניכט גאנץ אומזאנסט הערויסגעשמיסען, דען איך האבע מיך היער אין באזעל אינפארמירט וועגען איהר קישיניעווער פארטיע אונד

איך האבע צו מיין גרעסטער ערשטוינונג ערפאהרען, דאסס דער העדר זיידענער איזט ווירקליך איין זעהר טיכטיגער דאנטיסט, וועלכער אין קישיניעוו די גרעסטע פראקטים האט, אבער ער איזט ליידער שוין לאנג פערהייראטעט אונד האט צו הויזע איינע זעהר נעטטע פרוי אונד קינדער, אונד עס וואונדערט מיך וואהרהאפטיג, ווי האבען וויר דאס געקאנט זיך זא ביטערליך ענטוישען, דאסס די זאכע זא וויט געגאנגען איזט, דאסס ער אין איהרע אלע דריי ווערטהע טעכטער זיך פערליעבט האט, אונד אויך איהרע ווערטהע טעכטער איהם זא וויט סימפאטיזירען, דאסס גאנץ מאריענבאד שוין אלס ריכטיגע פארטיע זי בעטראכט האט! אונד וואס מיר בעזאנדערס פערדרוס מאכט איזט דער פאקט, דאסס דיעזער העדר זיידענער שיינט מיר איין געמיינער בעטריגער צו זיין, דען דיעזער שורקע האט ביי מיר איינינע טויזענד קראנען אויף איינע קורצע צייט אלס גמילות־חסד גענאמען, אונד אלס איך אים צוויי מאל טעלעגראפיש געמעלדעט האבע, דאסס ער מיר דיעזע פאאר טויזענד קראנען זאפארט טעלעגראפיש נאך באזעל איבערווייזען זאל, בלייבע איך גאנץ אהנע אנטווארט, אונד האבע איך הייטע צו מיינע גרעסטע ערשטוינונג איינע נאכריכט בעקאמען, דאסס דער הערר זיידענער נאך אסטענדע צוזאמען מיט פרוי קורלענדער אבגערייזט האט, אונד דאסס דער הערר מאריאמטשיק איזט צוזאמען מיט פרוי שערענצים אונד פרוי פעקעלים אויך נאך אסטענדע אבגערייזט, אונד אויך דיעזער לייכטזיניגער הערר מאריאמטשיק איזט מיר איין פאאר הונדערט קראנען שולדיג געבליבען נאכדעם, ווי וויר צוזאמען איינינע מאל אין אקע געשפילט האבען. אבער דיעזע פאאר הונדערט קראנען פאן הערדן מאריאמטשיק זינד מיר ניכט זא פיינלעך וויע יענע דריי טויזענד קראנען פאן הערדן זיידענער, דען דאס איזט בלויז קארטענשולד, אונד דאס איזט ליידער בארעם געלד, מיט בלוט אונד שוויים פערהארעוועט, — אויסקרענקען זאל ער דאס, אזא איין אויסוואורף! א ממזר! אזעלכע בלוטיגע קראנען, ווי שדכנות־געלד ביי א שדכן, איידער מע זעצט דורך ביי אידען א שידוך קומט אן מיט גרינע ווערעם, קומט צו געהן א דאנטיסט, א שווארץ יאהר פון קעשעניעוו, וועלכער איינע פרוי אונד צוויי קינדער האט, אונד זיך אלס אונפערהייראטעטער קאוואליער מעלדעט — איזט דאס טהאטזעכליך צו שטוינען אונד צו בעדויערן, דאסס

אין אזא צייט זאָל זאָ עטוואס פאָרקומען קענען אין צוואנציגסטען יאָר־הונדערט ביי אלגעמיינער ציוויליזאציאָן פון באהנען, טעלעגראַף, טעלעפאָן, עלעקטריע, פאָנאָגראַף עט צעטערא, עט צעטערא! אונד דא איך פאָן היער דירעקט נאך אָסטענדע אברייזע, אום דיעזען ניעדערטרעכטיגן בעטריגער צו פּאקען אונד גלייכצייטיק פיר איהרע ווערטהע טעכטער אנשטענדיגע פּארטיען נאכצוזוכען, פּערבלייבע איך מיט פּאָרציגליכער האָכאכטונג אונד מיט די בעסטע גרוסען צו איהרע ווערטהע טעכטער.

**אלעקסאנדער סווירסקי.**

## .43

(בראַניע לויפערמאַן פון מאריענבאד צו איר מאַן הירש לויפערמאַן אַף די נאַלעווקיס אין ווארשע.)

לבעלי מוהר"ר הערש נ"י.

וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט די נאכט און יענע נאכט און א גאַנץ יאָר זאָל אויסגיין צו מײַנע שונאימס קעפּ און צו זייערע הענט און פּים און לײַב און לעבן! די יאמאיטשיכע זאָל אזוי וויסן פון איר חיות און די טשאַפּניטשקע פון איר געזונט, ווי איך הייב אָן צו פארשטיין אפילו, וואָס דו שרײַבסט און פון וועמען דו שרײַבסט און צו וועמען דו שרײַבסט?! דאָס האָט אוודאי די יאמאיטשיכע דורך איר וועלוול יאמאיקער אָנגעפירט א רכילות?! אָדער די טשאַפּניטשקע דורך איר בערל טשאַפּניק, וואָס וויל בא דיר אויסנארן א גמילות־חסד? ער באדאַרף טאקע נעבעך זייער נייטיק האָבן, וואָרעם זײַן מאדאם האָט זיך דאָ פארשפּילט אין „אָקע", געפּטרט וויפל זי האָט געהאַט, און איצט לויפט זי ארום צווישן אונדזערע ווארשעווער זוכן א נאר, וואָס זאָל איר אויסלײַען אַף א קורצע צײַט. איז אָבער נישטאָ קיין נאראָנים אין מאריענבאד. א סך זײַנען צעפאָרן, ווער קיין פראנצענסבאד, און ווער קיין אָסטענדע. שלמה קורלענדערס ווײַבל איז שוין אין אָסטענדע נישט אליין; דער קעשעניעווער, וואָס איך האָב דיר געהאַט געשריבן, איז אויך דאָרטן. ווו זי, דאָרט איז ער. אפּנים, א כישוף?...

נאָר איך קער מיך אום צוריק צו דײַן בריוו. איך לייען אים און לייען און ווער שיער נישט משוגע! וואָרעם איך הייב דען אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס דו מיינסט? ווער איז דער „ער״, וואָס דו שרײַבסט מיר, אַז ער איז מיר אַ גוטער פֿרײַנט און אַז איך האָב באַ אים קרעדיט? וואָסער קרעדיט? איך האָב דאָ נישט קיין קרעדיט אין ערגעץ אַף קיין צען הע־לער אַפֿילו! גייט אַוועק די וואָך, אַזוי ווערט צוגעשטעלט אַ רעכענונג, און מע מוז צאָלן. דאָס איז מיט דער סטאַנציע. און פֿאַרן עסן אין בשרן רעסטאָראַן ווערט געצאָלט באַ יעדן מאָלצײַט. הײַנט וואָס וואָרפֿ־סטו מיר אוים קרעדיט? און וואָס דערציילסטו מיר, אַז דו האָסט געזען זײַנע בריוולעך צו מיר? ווועמענס בריוולעך? אַ חוץ דײַנע קלוגע בריוו־לעך און אַ חוץ די בריוולעך פֿון מײַן מאַמע, האָב איך פֿון קיינעם קיין וואָרט נישט דערהאַלטן. און ווועמען האָב איך דאָ געגעבן אַ קאַלטע אויפֿנאַם? און ווועמענס קאַסע, זאָגסטו, איז פֿאַר מיר אָפֿן? כּלעבן, הערש, דו רעדסט, ווי אַ דולער, אָדער ווי אַ שיכּורער. דו מישט צענויף קאַשע מיט באָרשטש און דערמאָנסט זיך מעשׂיות פֿון אַמאָל, נישט הײַנט געדאַכט, און פֿרעגסט מיך, אויב ס׳איז אמת, אַז איך גיי מיט אים שפּאַצירן אַף דער גאַס? אויב דו מיינסט דאָס דעם אָדעסער שאַר־לאַטאַן, מאַירל מאַריאַמטשיק, איז ווען נישט לאהצי ברוכשטול, וואָלט איך אים שוין לאַנג אָנגעשפּיגן אַ פֿולן פּנים. זי שטעלט זיך אײַן פֿאַר אים. זי זאָגט, ס׳איז אַזוי אויך אַף אים אַ גאָטס רחמנות. ער האָט זיך פֿאַרליאַפּעט אין שלמה קורלענדערס ווײַבל, שוין געווען מיט איר אַף אַ דרך, איז אונטערגעשפּרונגען אָט דער קעשעניעווער דאַנטיסט, וואָס איז אַנטלאָפֿן מיט איר קיין אָסטענדע, אַפּנים, זיך באַהאַלטן פֿאַר אונדז, וואָרעם מיר זײַנען פֿאַר זיי אַ שעטנז... מיר רעכענען אָבער, איך און לאהצע ברוכשטול, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, נאָך שבתדיקע וואָך אויך אַ פּאָר טאָג קיין אָסטענדע, וואָרעם דאָ איז שוין באַלד אוים סעזאָן, און דאָרטן הייבט זיך ערשט אָן סעזאָן. איך וואַרט נאָר אָפּן געלט, וואָס דו האָסט מיר אַרויסגעשיקט. און איך בעט דיך, הערש, זאָלסט מיר באַלד אַרויסשרײַבן דײַטלעך און קלאָר, נישט ווי אַ משוגענער, וואָס און ווועמען דו האָסט געמיינט טרעפֿן מיט דײַן בריוו, וואָרעם ס׳זאָל נישט שטיין אַף אים מײַן נאָמען, וואָלט איך געמיינט: אָדער ער איז נישט צו מיר געשריבן, אָדער דו ביסט חלילה, אַראָפּ פֿון זינען? און איך מוז דיר

זאָגן דעם אמת, אַז זינט עס האָט דיר באַגליקט און ס׳איז אַרויס דאָס געווינס, ביסטו טאַקע געוואָרן אַן אַנדער מענטש... גייסט אַרום טאָג ווי נאַכט און רעדסט פון דײַן געווינס, און עס דאַכט זיך דיר אויס, אַז די גאַנצע וועלט איז דיר מקנא, און אַלע זײַנען דיר שונאים, און קיינער פאַרגינט דיר נישט, און אַפילו דײַן אייגן ווײַב גלייבסטו שוין אויך ניט און שרײַבסט אַזעלכע זאַכן, וואָס מע קאָן משוגע ווערן! אַז איך וועל דערהאַלטן דאָס געלט און איבערפאָרן קיין אָסטענדע, וועל איך דיר געבן צו וויסן מײַן אַדרעס דורך אַ דעפּעש. דערווײַל פאַרבלײַב געזונט און גליקלעך און זײַ נאָר נישט אַזוי צעטראָגן, ווי עס ווינטשט דיר דײַן פרוי

ב ר אָ נ י ע  ל ו י פ ע ר מ אַ ן

## .44

(לאַהצע ברויכשטול פון מאַריענבאַד צו איר מאַן קלמן ברויכשטול אַף די נאַלעווקיס אין וואַרשע.)

געערטער הער ברויכשטול!

פאַרצײַהע, — נאָך אַזאַ בריוו, ווי דו האָסט מיר געשריבן, קאָן איך דיך מיט קיין אַנדער נאָמען נישט אָנרופן, נאָר „געערטער הער“. איך בין נישט גלײַך צו דיר. דאָס קאָנסטו נאָר, שרײַבנדיק מיר אַזאַ בריוו, אָנרופן מיך „מײַן ליבע פרוי לאַהצע“. ווי קאָן איך דיר זײַן אַ „ליבע פרוי“, אַז איך טו־אָפּ אַזעלכע זאַכן, ווי דו שרײַבסט מיר? איך וואָלט נאָר וועלן וויסן, ווער איז דען מאַן, וואָס זוכט אַף דיר בלבולים און וואָס איך שיק צו אים לײַען געלט? אויב דו מיינסט דאָס מײַן פעטער יונה פון פעטריקאָוו, איז, ערשטנס, מעג איך, דאַכט זיך, צו מײַנעם אַ פעטער שרײַבן, וואָס איך וויל, און, צווייטנס, האָב איך אים פון קיין געלט אַפילו נישט דערמאָנט, וואָרעם איך ווייס, ס׳איז אומזיסט. אַרויסגעוואָרפן אַ מאַרקע. דער פעטער יונה האָט שוין געגנוג יוצא געווען, געגנוג געגעבן, דו אַליין קאָנסט דאָס אויך נישט אָפּלייקענען. עס וועט זײַן געגנוג, אַז ער וועט מיך אין זינען האָבן פאַרן טויט בײַ דער צוואה;

גלייב איך אויך נישט: די קינדער וועלן אים מסתמא נישט דערלאָזן... פאַרשטײ איך נישט אַלזאָ, ווער איז דען מאַן, וואָס דו מיינסט? נאָר אפשר מיינסטו דאָס שלמה קורלענדער? האָב איך צו אים קיינמאָל ניט געשריבן וועגן געלט לײַען און וועל נישט שרײַבן. איך געדענק דען ניט, אַז דו ביסט בא אים געווען פאַר מײַן אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד, און ער האָט דיר אָפּגעזאָגט? זעסטו, זײַן בעלצען האָב איך דאָ יאָ איינמאָל אָנגעמוט מיט אַ גמילות־חסד, האָב איך אויך חרטה. דאָס איז אַ סחורה! — זי מעג שוין זײַן די כּפּרה פאַר איר מאַן אויך. ער איז טאַקע אַ קור־לענדער חכם, אָבער אַן ערלעכער, און זי פּירט דאָ אויף אַזעלכע שטיק, אַז ס'איז פּשוט אַ בזיון פאַר לײַטן! נאָר כאַפּט זי דער וואַטנמאַכער, כאַטש איך וויים, איך שטוים מיך אָן, אַז דאָס וואַקסט פון איר. דאָס האָט זי מסתמא אָנגעפירט בא דיר אַ רכילות, אָדער אַליין, אָדער דורך איר מאַן דעם חכם, און דו האָסט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם, ווי אָן עפּעס רעכטס, אַבי אַן אויסרייד אַף גטן זיך... פאַרשטײ איך נישט, וואָס עפּעס איצטער אין מיטן דרינען? און וואָס ביסטו אַזעלכעס געוואָר גע־וואָרן אַף מיר, וואָס דו זאָגסט, אַז „דער מאַן דערוויסט זיך אַלע מאָל צום לעצט"?... דו שרײַבסט מיר, אַז דו באַפרײַסט מיך מיט דײַן גוטן ווילן, דאַנק איך דיר זייער פאַר דײַן גוטסקייט. הײַנט שרײַבסטו מיר, אַז דו ווילסט, מע זאָל באַוואָרענען פריִער מיך, דערנאָך די קינדער. איז דאָס אוודאי זייער שיין פון דײַן זײַט. די פראַגע איז נאָר: ו ו ע ר זאָל עס באַוואָרענען? און ווער איז דען „ער", וואָס דו שרײַבסט, אַז ער איז אַן עושר? אַלץ דער פעטער יונה? וואָס געהער זיך עס אָן מיט דיר? וועט ער וועלן, וועט ער באַוואָרענען, וועט ער נישט וועלן, וועט ער נישט באַוואָרענען — וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו גטן זיך?... דו שרײַבסט, אַז אַן אַנדערער וואָלט מיר געמאַכט אַן אַוואַנטורע מיט אַ סקאַנדאַל! מיר דאַכט, אַז קיין גרעסערער סקאַנדאַל פון דײַן איצטיקן בריוו קאָן שוין גאָר נישט זײַן, וואָרעם ווײַבאַלד, אַז איך האָב שוין קיין רעכט נישט צו שרײַבן אַ בריוו צו אַן אייגענעם פעטער, לאָזן זיך שוין אויס אַלע זאַכן!

ווי באַלד אַזוי, האָב איך דאָ נישט וואָס צו טאָן און דאַרף מיך ניט קורירן מער. איך האָב געהאַט גערעכנט פאָרן פון דאַנען מיט בראָניע לויפערמאַן קיין אַסטענדע. איצט אָבער טו איך אַ שפּײַ אַף אַלץ און פאָר

אוועק צו מײַן פעטער יונה קיין פעטריקאָוו, און וויל דיך מער נישט קענען! דו האָסט מיר אויפגעדעקט מײַן אַלטע וווּנד — מסתמא ווילסטו דאָך עס... בײַ דיר איז עס נישט דאָס ערשטע מאָל... זײַ געזונט. אַז דו וועסט האַלטן בײַ שרײַבן מיר בריוו, קאָנסטו מיר שרײַבן קיין פעטריקאָוו.

פון מיר דײַן געוועזענער פרײַנט, וואָס האָט נישט פאַרדינט אַזעלכע בריוו,

ל א ה.

## 45.

(דיים סאַראַקער פון מאַריענבאַד צו הירש ליפּערמאַן אין די נאַלעווקיס אין וואַרשע)

להגביר החדש מוהר"ר צבי הירש ליפּערמאַן!

אײַער בריוו האָב איך דערהאַלטן. עס טוט מיר זייער לייד, נאָר איך מוז אײַך זאָגן, איך באַדויער אײַך מיט אײַער געווינס, וואָרעם דאָס געווינס האָט אײַך, ווי עס שײַנט, אַראָפּגעפירט פונעם דרך הישר, דאָס הייסט, איר זײַנט נעבעך געוואָרן געבירט פונעם זינען. איר שרײַבט מיר, אַז איר זײַנט רײַכער פון מיר. עס קאָן זייער מעגלעך זײַן. איך האַלט גאָרנישט דערבײַ, איך זאָל מיך וועלן אויסרעכענען מיט אײַך אין פאַרמעגן, און איך גלייב אײַך, אַז איר קאָנט אויסהאַלטן אײַער ווײַב, ווי איר זאָגט, אפילו אין פּאַריז. לאָז אײַך גאָט העלפן, ווי איר ווינטשט אײַך אַליין. נאָר איך בעט אײַך, וואָס געהער זיך עס אָן מיט מיר? ווען האָב איך געשריבן צו אײַער ווײַב בריוולעך, אַז איך קען מיך גאָר אפילו נישט מיט איר? נישט זי האָט בײַ מיר געלט פאַרלאַנגט, נישט איך האָב איר געלט פאַרגעלייגט, און איך האָב מיך קיינמאָל נישט באַרימט מיט אײַער באַקאַנטשאַפט, און פאַר אײַערן אַ פרײַנט האָב איך מיך קיינמאָל נישט אַרויסגעשטעלט. דאָ האָט געמוזט אַרויס אַ מיאוסער טעות. איר האָט נישט געטראָפן צו דער טיר. איר האָט אוודאי געמוזט וועלן אויסזידלען מײַן שוואָגער מאַריאַמטשיק? ער איז יאָ אַ נאָענטער שמעלקע מיט אײַער ווײַב. ער איז איצט מיט איר, ווי איך האָב געהערט זאָגן, אין אָסטענדע. אַהינצו קאָנט איר צו זיי שרײַבן בריוולעך און זיך באַ־

רימען מיט אײַער רײַכקייט, און מיך לאָזט צורו, וואָרעם אַזוי ווי איך בין געווען, אַזוי בין איך געבליבן אײַער אומבאַקאַנטער פֿרײַנט, וואָס ווינטשט אײַך, איר זאָלט ווערן געזונט...

ח י י ם ס אָ ר אָ ק ע ר.

46.

(חיים סאראקער פון מאריענבאד צו קלמן ברויכשטול אַף די נאלעווקים אין ווארשע)

מײַן אומבאַקאַנטער פֿרײַנט.

איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל אײַך ענטפֿערן אַף אײַער בריוו. איך קאָן אײַך נאָר געבן אַ ראָט, איר זאָלט זיך מטריח זײַן צום דאָקטער, ער זאָל אויסהערן אײַער גײַסטיקן צושטאַנד, נאָר בכדי עס זאָל אײַך נישט זײַן לאַנגווײַליק, זאָלט איר זיך זען פֿריִער מיט הירש לויפֿערמאַן, דער, וואָס האָט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס און איז דורך דעם קראַנק געוואָרן אַף דעם זעלבן חולאת, וואָס איר... וואָרעם וואָס דען קאָן איך אַף אײַך אַנדערש איבערטראַכטן נאָך דעם, אַז איר שרײַבט מיר, אַז איך וויל אַריבערנאַרן אײַער ווײַב אין מײַן האָטעל פֿ ו ן א י ר ט ו ב ה וו ע ג ן, און אַז איך האָב איר דערציילט אַף אײַך, אַז איר שפּילט אין „אָקע״?... אויב איר שפּילט אין „אָקע״, אָדער גאָר אין „באַנטשאָק״, ווי איר זאָגט, — דאָס ווייס איך נישט, נאָר אַז איר זײַנט ניט באַם גאַנצן פֿאַרשטאַנד — דאָס זעט מען אַרויס פֿון אײַער בריוו. איר שרײַבט, אַז איר ווייסט שוין לאַנג, אַז איך בין מיט מײַן ווײַב נישט שווה בשווה, און איר שטעלט מיר פֿאַר אַן עדות רב וועלוול יאַמאַיקער. עס קאָן זײַן, אַז רב וועלוול יאַמאַיקער ווייס בעסער, ווי אַזוי איך בין מיט מײַן ווײַב אַלס איך אַליין, נאָר דאָס, וואָס איר זאָגט, אַז איך ווייס פֿון דעם, אַז איר האָלט באַ גטן זיך מיט אײַער ווײַב — דאָס רעדט איר שוין, זײַט מיר מוחל, ווי אַן אמתער משוגענער. נישט נאָר איך ווייס נישט פֿון אַזעלכע סודות, וואָס צווישן אײַך און אײַער ווײַב, איך קען אפֿילו נישט אײַער ווײַב און נישט אײַך, און איר ביידע אינטערעסירט מיך אַזוי ווינציק, אַז איר האָט אײַך געמעגט גטן נאָך איי־

דער איר האָט אײַך דערקענט. אין אײנעם בין איך יאָ מיט אײַך אײַנ־פֿאַרשטאַנען: איר זאָלט דאָס צווייטע מאָל, ווי איר שרײַבט, נישט הייראַטן. אַזאַ מענטש, ווי איר, האָט נישט געטאָרט הייראַטן דאָס ער־שטע מאָל אויך, וואָרעם ס'אַ רחמנות אַף אײַער ווײַב, כאָטש איך קען זי נישט...

איר בעט מיך, איך זאָל אײַך שרײַבן אויפֿריכטיק, וואָס איז מײַן קוק און צוליב וואָס רוף איך אַרוים אײַער ווײַב אין „מיראַמאָנט" — שרײַב איך אײַך קלאָר און דײַטלעך און אָן „המצאות" און „איבער־קעפּלעך", ווי איר פֿאַרלאַנגט, אַז אָדער אײַער ווײַב איז, זאָל מיר מוחל זײַן, אַ ספּלעטניצע און אַ ליגנערן, אָדער, ווי איך האָב אײַך געזאָגט אין אָנהייב פֿון מײַן בריוו, איר זײַנט נישט באַ אַלע געדאַנקען. דאָס צווייטע איז, רעכן איך, מער וואַרשײַנלעך...

ווי איר זעט, האָב איך אײַך געגעבן אַ קלאָרע תשובה אַף אַלץ. עס בלײַבט מיר איבער נאָר איין זאַך — ווינטשן אײַך אַ רפואה שלמה...

חיים סאָראָקער.

## 47.

(בערל טשאַפּניק פֿון די נאַלעווקיס אין וואַרשע צו זײַן פֿרוי חוהלע טשאַפּניק אין מאַריענבאַד)

טײַערע עווא!

דו מוזט מיר פֿאַרצײַען, וואָס מיט די לעצטע געלט־זענדונגען קומט־אָן אַביסל שווערלעך.

די לעצטע צײַט איז אין וואַרשע געוואָרן שווער צו באַקומען אַ הונ־דערטער אָדער אַ פֿופֿציקער אײנפֿאַך בקריעת ים־סוף. איך האָב געמוזט זיך דורכפֿאָרן קיין לאָדז און דאָרט איז מיר געראָטן דורכצוזעצן מאַנכע געשעפֿטלעך, אפֿילו מיט גרויסער שוועריקייט, און דאַדורך האָט עס זיך אַזוי פֿאַרצײַגערט, און דאָס איז אויך די אורזאַכע, וואָס איך האָב דיר אַזוי שנעל נישט געענטוואָרטעט. מיט די צוויי „איטשעמייערס", וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט די „ליבע־בריוולעך" צו זייערע ווײַבלעך, האָב איך

לײדער גאָרנישט געקאָנט מאַכן. אײנער פֿון זײ, שערענציס, דער װאָלט נאָך געװען נישקשה. ער פֿירכטעט פֿאַר אַ סקאַנדאַל; ער האָט מורא, עס זאָל אים נישט שאַדטן צו קרעדיט. דאַפֿיר איז אָבער דער ייִנגערער, אָט דער פּעקעלים, אײנפֿאַך אַ פּרא־אָדם. ער אַלײן האָט דאָס בעשמירט איבער די נאַלעװוקיס, דערצײלט איטלעכן באַזונדער אין געהײם, אַזוי, אַז ביז איך בין געקומען צו דער פֿרוי סאָראָקער מיט די בריװלעך, לאָזט זיך אויס, אַז זי און איר שװעסטער חנצע זײַנען שױן קלאָר אין מאַריאַמ־טשיק בריװלעך אַף אױסנװײניק. אײנפֿאַך נישט כּדאַי געװען מיט זײ אָנ־צופֿאַנגען. און דאַצו האָב איך נאָך אָנגעטראָפֿן אין אַ צײַט, װאָס באַ פֿרוי סאָראָקער האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ גאַנצע טראַגעדיע, אין װעלכער עס איז פֿאַרמישט איר חײם, און שלמה קורלענדער, און לױפֿערמאַן, און ברױכשטול — די גאַנצע נאַלעװוקיס. עס איז מיר אײנפֿאַך אַ װוּנדער, אַז דו זאָלסט דאָס נישט װיסן. די געשיכטע איז אַן אײנפֿאַכע געשיכטע. חײם סאָראָקער האָט זיך דאָרט אין מאַריענבאַד, נישט האָבנדיק װאָס צו טאָן, אײנפֿאַך מתקנא געװען אין זײַן שװאָגער און האָט זיך אױך גע־נומען שרײַבן ליבע־בריװלעך צו די נאַלעװוקער װײַבלעך: צו בעלצע קור־לענדער, צו בראָניע לױפֿערמאַן, צו לאַהצע ברױכשטול און צו דער שע־רענציס מיט דער פּעקעלים, — נישט דורכגעלאָזט קײנעם. מע װײסט ניט גענױ װי אַרום, נאָר די אַלע בריװלעך, װאָס איך האָב דיר אױסגערעכנט, זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן צו די מאַנען אין די הענט אַרײַן, און ס'איז געװאָרן אַ חתונה, אײנפֿאַך עס קאָכט װאַרשע! און דאָ איז אָנגעקומען אַ דעפּעש פֿון דער יאַמאַיטשיכע פֿון מאַריענבאַד, אַז אונדזערע נאַלעװוקער װײַבלעך זײַנען אַלע מיט אַ מאָל פֿאַרשװוּנדן געװאָרן, אָפּגערײַזט קײן אָסטענדע, און מיט זײ חײם סאָראָקער און מאַירל מאַריאַמטשיק. אײנפֿאַך אַ ראָמאַן! און װען קומט־אָן אַזאַ דעפּעש? פּונקט אַף מאָרגן, נאָכדעם, װי די יאַ־מאַיטשיכע האָט שױן גראַטולירט די פֿאַמיליע מיט אַ מזל־טוב און אױפֿ־געפֿאָדערט דעם הער יאַמאַיקער, ער זאָל קומען נאָך מאַריענבאַד. װעלװל יאַמאַיקער איז שױן אַף דער רײַזע; דאָס איז אָבער נישט װיכטיק. די הױפּט־זאַך איז, װאָס די פֿרוי סאָראָקער איז פֿאַר צרות קראַנק געװאָרן צו בעט, מע זאָגט, זאָגאַר, געפֿערלעך. און לױפֿערמאַן לױפֿט אַרום, װי אַ משוגענער, שװערט, אַז לאָז נאָר חײם סאָראָקער קומען אַהײם, מוז ער אים אָנפּאַטשן אין מיטן די נאַלעװוקיס, דאָס הײסט, נישט אין די נאַלעװו־

קים, נאָר אין די באַקן! און ברױכשטול האָט איצט אַן אױסרײד אַף צו שיידן זיך מיט זײַן מאַדאַם, אָדער שלעפּן געלט בא איר רײַכן אָנקל פון פּעטריקאָוו. קורץ און גוט, בא אונדז אַף די נאַלעווקים איז לעבעדיק, פרייי־לעך, איינפאַך ליהודים! און שרײַב מיר, ווען רעכנסטו צו קומען אהיים, און אויב עס איז דיר געניגנד דאָס געלט, וואָס איך שיק דיר? אַנישט, וועל איך זען דיר שיקן נאָך, אַז איך וועל נאָר האָבן. וואַרשײַנלעך, וועט גאָט העלפן. זײַ געגריסט גאַנץ ליבלעך.

פון מיר דײַן איבערגעגעבנסטער ב ע ר נ א ר ד.

## 48.

(חיים סאַראַקער פון מאַריענבאַד צו איטשע־מאיר שערענציס און איטשע־מאיר פּעקעלים אַף די נאַלעווקים אין וואַרשע)

מײַנע ליבע פרײַנט שערענצים און פּעקעלים!

שאַדע, וואָס איך באַזיץ נישט די לשון־קודשדיקע שפּראַך, אַזוי ווי איר, און קאָן אײַך נישט אָפּענטפערן אַף אײַער מליצה־בריוו מיט אַזאַ שײנער מליצה, ווי איר שרײַבט צו מיר. און ווײַל איך בין געצוווּנגען צו ריידן מיט אײַך מאַמע־לשון, וועל איך מיר שוין דערלויבן צו ריידן מיט אײַך פּשוטע דבורים און זאָגן אײַך, אַז איר זײַנט, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַ פּאָר „איטשעמײַערס", נאַלעווקער פּלאָכטן, און מע דאַרף אײַך ביידן געבן קײַען שטרוי. אַז גאָט האָט אײַך יאָ באַוויליקט מיט אַזאַ מתנה, אַזעלכע שיינע ווײַבלעך, און איר ציטערט איבער זיי, איז אָדער איר באַדאַרפט זיי נאָכפרעגן פון הינטן, אַזוי ווי איר גייט זיי נאָך שבת באַטאָג, בעת זיי לאָזן זיך אין זאַקסישן גאָרטן אַפן שפּאַציר, אָדער האַלטן זיי פאַרשפּאַרט בא זיך אַף די נאַלעווקים, ווי מע האַלט עופות פאַר אַ יום־טוב, געבן זיי עסן און טרינקען און אַזוי ווײַטער. וועלכער גוטער יאָר האָט אײַך געהייסן, איר זאָלט זיי אַרויסלאָזן אַף גאָטס וועלט, אַזש אין מאַריענבאַד? אָדער איר מיינט, אַז ס'איז דאָ פאַראַן ווינציק אַן זיי? צי איר מיינט טאַקע באמת, אַז איך האָב מער נישט וואָס צו טאָן, נאָר שרײַבן „ליבע־צעטעלעך מיט חניפה־בריוולעך", ווי איר זאָגט, צו אײַערע

ווײַבלעך? זײַט־זשע וויסן, מײַנע ליבע איטשעמײַערם, אַז בסך־הכל האָב איך מיט אײַערע ווײַבלעך קיין האַלב וואָרט נישט אויסגערעדט זינט איך בין דאָ און זינט איך לעב! בסך־הכל האָב איך זיי געזען אפשר צוויי־דרײַ מאָל באַם ברונען מיט נאָך אַ סך אַזעלכע ווי זיי, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום אַזוי פֿיל, אַז עס ווערט נמאס, האָט קיין פֿאַריבל נישט, צו קוקן אַף זיי. וואָרעם איך קען זיי. איך מיין נישט דווקא אײַערע ווײַבלעך, איך מיין אַלע נאַלעווקער ווײַבלעך, וואָס אַז זיי פֿאָרן אַוועק פֿון זייערע איטשעמײַ־ערס פֿון וואַרשע קיין אויסלאַנד, וואָלטן זיי וועלן געניסן אַלע פֿאַרגעניגנס פֿון דער וועלט, נאָר בתנאַי, אַז קיינער זאָל נישט זען און קיינער זאָל נישט וויסן, אפֿילו זיי אַליין אויך נישט... ריידן מיט אַ פֿרעמדן מאַנצ־פּאַרשוין, אָדער כאָטש קוקן אַף אים, איז בײַ זיי שוין אַ גאַנצער עסק. בײַ אײַך אַף די נאַלעווקים האָבן זיי דאָס אויך נישט. איך קאָן אײַך זאָגן בהן שלי, אַז איך זע, ווי ווײַט מעגלעך, אויסצומײַדן אַזעלכע באַגעגענישן, וואָס ברענגען גאָרנישט אײַן, אויסער מיאוסע רייד און רכילות. איך אַנטלויף פֿון אַזעלכע ווײַבלעך, וואָס אין דער היים בענטשן זיי ליכט, און דאָ וואַרפֿן זיי אַראָפּ די פּאַריקלעך. זיי זײַנען אַ סחורה פֿאַר מײַן שוואָגער מאַריאַמטשיק, נישט פֿאַר מיר, און איך ווייס נישט, ווער עס האָט געהאַט אַן עזות אײַך אָנצוווײַזן אַף מיר, אַז דאָס בין איך, וואָס שרײַב צו זיי „חניפֿה־בריוולעך מיט ליבע־צעטעלעך”? איך פֿאַרנעם זיך נים מיט אַזעלכע נאַרישקייטן. נאָך ווינציקער קאָנט איר אַף מיר רעכע־נען, אַז איך זאָל האָבן צוגעזאָגט אײַערע ווײַבלעך, ווי איר דריקט זיך אויס, „מאַכן רינען גאָלד פֿון מײַן בײַטל פֿאַר זייער טובה ווענן”. איך בין נישט פֿון די צעוואָרפֿענע מענטשן, און האָב אין זינען אײַך מיט אײַערע ווײַבלעך אין דער לינקער פּיאַטע. און אויב עמעצער האָט אײַך אָנגעוויזן אַף מײַן שוואָגער, „דעם מאַן פֿון מײַן ווײַבס שוועסטער”, האָט איר גע־קאָנט טרעפֿן צו אים, אָדער צו מײַן ווײַבס שוועסטער, נישט צו מיר, וואָס געהער זיך מיט זיי גאָרנישט אָן. מע קאָן זיך טאַקע זײַן גאַנץ אָנ־שטענדיקע יונגע לײַט און אומשולדיקע איטשעמײַערס, ווי איר זײַנט, נאָר קיין פֿרא־אָדמס זײַנט איר דאָך נישט מחויב צו זײַן, און דאַרפֿט נישט דראָען מיט קיין געזעץ און מיט קיין שטראָף, נישט אַף דער וועלט און נישט אַף יענער וועלט.

אײַער אומבאַקאַנטער פֿרײַנט, וואָס ראַט אײַך זײַן פֿאָרזיכטיק מיט מליצות,

חיים סאָדאָקער.

## .49

(חוולע טשאַפּניק פֿון אַסטענדע צו איר מאַן בערל טשאַפּניק אַף די נאַלעווקיס אין וואַרשע)

מײַן טײַערער בערנאַרד!

סע איז מיר צוואַר זייער נישט אָנגענעמען, נאָר איך מוז דיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל שרײַבן, זאָלסט מיר קריגן געלט אַף אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען, וואָרעם פֿון אַלע גליקן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך, און נאָך מיט אַ גרויסן סקאַנדאַל, אַז דו וועסט הערן, וועסטו שטוינען! שטעל דיר פֿאָר אַ קאָמעדיע — וואָס זאָג איך אַ קאָמעדיע? אַ טראַגעדיע, אַ בלוטיקע טראַגעדיע. נאָר לאָמיר דיר דערציילן אַקוראַט פֿון אָנהייב ביזן סוף. ס'איז אַ מעשה פֿון טויזנט־איין־נאַכט.

ווי דו ווייסט, האָט מיך די יאַמאַיטשיכע געבעטן, איך זאָל איר מיטהעלפֿן מיטן קעשעניעווער שידוך, און צוגעזאָגט דערבײַ, אויסער וואָס איך וועל פֿאַרדינען, עקסטראַ אַ שיינע מתנה פֿון איר אַליין. האָב איך זי געפֿאָלגט, און האָב מיך אַרײַנגעלייגט אינעם דאָזיקן שידוך און געאַרבעט, ווי ווײַט איך האָב געקאָנט, און עס איז מיר געראָטן. דער עסק איז געגאַנגען אַף אַ גאַנג, דאָס הייסט, נישט אַזוי גיך טוט זיך עס, ווי עס רעדט זיך. איך בין גענוג אויסגעריסן געוואָרן איבער בעלצען, ווי איך האָב דיר שוין געשריבן פֿריִער, וואָרעם דער חתן, מײַן קעשעניעווער דאַנטיסט הייסט עס, האָט זיך נישט אַף קאַטאָוועסן פֿאַרקאָכט אין אונדזער שלמה קורלענדערס ווײַבעלע, שיער נישט געפּאַטשט זיך איבער איר מיט מאירל מאַיאַמטשיק אין מיטן מאַריענבאַד. קורץ, מיט צרות, מיט לײַד, מיט אינטריגעס — איך האָב קוים געפּועלט בײַ מײַן קעשעניעווער דאַנטיסט, ער זאָל זיך דערקלערן פֿאַר יאַמאַיטשיכעס עלטערע טאָכטער, אַז ער ליבט זי, און די יאַמאַיטשיכע האָט מיך אַזש אַרומגעכאַפּט קושן, און

האט שוין אוועקגעקלאפט א דעפעש צו וועלוול יאמאיקער, ער זאל קורמען אהער אף קנס־מאל, און מיר דאס נאך גערא̇טן ארום און ארום: דער וועלט־שדכן, סווירסקי, דער גאנצער מאכער פונעם שידוך, איז אפגעפארן קיין באזעל, בין איך דא געבליבן איינע אפן יריד... איז דאך פארא̇ן א בעלצע אף דער וועלט. פארגלוסט זיך אונדזערם קורלענדערם ווייבעלע אוועקפארן פלוצעם פון דאנען קיין אסטענדע. אפילו נישט געזעגנט זיך מיט קיינעם, פארגעסן דעם זיי־געזונט, מילא, אוועקגעפארן, איז אוועקגעפארן. קיין יינגערער, ווי זאגט מען, זאל נישט שטארבן. איז זיך אבער מיישב מיין חתן, דער קעשעניעווער דאנטיסט, און הייבט זיך אויף און פארט אוועק אויך קיין אסטענדע. פון וואנען וויים איך דאס? פון מאירל מאריאמטשיקן. איך קום ארוים צום ברונען, באגעגנט מיך מאריאמטשיק, א צעטראגענער סכנות, און געזעגנט זיך מיט מיר: „זייט געזונט". — „פארט געזונט. וווהין איז?" — „קיין אסטענדע". — „וואס עפעס פלוצעם קיין אסטענדע?" זאגט ער: „אלע פארן קיין אסטענדע". זאג איך: „ווער איז דאס די אלע?" זאגט ער: „ערשטנס, די מאדאם קורלענדער, צווייטנס, די מאדאם לויפערמאן, דריטנס, אייער חתן, דער קעשעניעווער דאנטיסט"... ווי ער האט דאס מיר ארויסגערעדט, האב איך שוין גארנישט געוואלט הערן, און בין אוועק גלייך צו דער יאמאיטשיכע. לאזט זיך אוים, אז זי וויים נאך נישט פון וואס צו זאגן! זיינען מיר אוועק ביידע מיט איר זיך נאכפרעגן אין האטעל אפן קעשעניעווער חתן, זאגט מען אונדז, אז אוועקגעפארן איז ער, נאר וווהין וויים מען נישט. פאלט מיר די יאמאיטשיכע אפן האלדז: נשמהניו, הארצעניו, ליובעניו! איך זאל פארן גלייך אהינצו, קיין אסטענדע, זי וועט מיר געבן צושטייער אף הוצאות, זי וועט מיר אזוי און אזוי! און נעמט ארוים הונדערט קרוין: „נאט אייך און פארט און קלאפט א דעפעש, און אז מע וועט דארפן נאך, וועל איך אייך שיקן נאך"... וואס טוט מען? א רחמנות אף דער יידענע! איך האב דאס געלט גענומען, און ביז איך האב מיך ארומגעקוקט אהין — אהער, איז שוין פון דעם קיין סימן נישט געבליבן. אז איך בין שולדיק — די האר זיינען נישט מיינע! וואס וועט זיין ווייטער? וואלט נאך דאס אליין געווען א האלבע צרה, ס'זאל זיך ניט טרעפן א גרעסערער אומגליק. אט וועסטו הערן א שיינס:

זיץ איך מיר אזוי בא זיך אין האטעל, האב מורא באוויזן זיך

פאר דער יאמאיטשיכע, און טראכט מיר: ווו נעמט מען געלט? פאלט מיר איין א געדאנק: חיים סאראקער! ער איז טאקע, צווישן אונדז ריידנדיק, א ייד א חזיר, נאר איך האב צו אים אן עצה. איך וועל אים זאגן, אז איך פאר אהיים קיין ווארשע און וועל זיין בא זיין אסתרן אפגעבן איר א גרוס פון מאריענבאד, וועט ער זיך שטויסן, וואס פאר א מין „גרוס" דאס וועט זיין. איך האב אים שוין לאנג געגעבן אנצוהערעניש, אז איך וויים, אז ער איז די כפרה נאך בעלצען און אז ער לייט איר כלומרשט גמילות־חסדים אף איר מאנס רעכענונג, און נאך אזעלכע זאכן — איך שעם זיך נישט פאר אים... קורץ, איך הייס אנקלינגען אין טעלעפאן און ארויסרופן מיר דעם הער סאראקער, זאגט מען מיר, אז דער הער סאראקער איז „היינטע מארגענס אבגערייזט נאך אסטענדע!"... רבונו של עולם! וואס טוט זיך דא? איך כאפ אף זיך די מאנטיליע און וויל שוין לויפן, איך וויים אליין נישט וווהין, זאגט מען מיר: א דאמע פרעגט זיך נאך אף מיר... וויי איז מיר, א דאמע? מסתמא יאמאיטשיכע, פארפינצטערט בין איך געווארן! הייב איך מיך אן צו פרעגן: וואס פאר א דאמע? זאגט מען מיר: א יונגע דאמע... א יונגע דאמע? רופט זי אריין! און עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין א דאמע — א בילד! א יונגעטשקע — בלוט און מילך! און אנגעטאן — א קיי־זערן! עס שעמערירט און סע פינקלט! „איר זיינט, זאגט זי, די מאדאם טשאפניק פון ווארשע?" „איך בין, זאג איך, די מאדאם טשאפניק פון ווארשע; און ווער זיינט איר?" „איך בין, זאגט זי, די מאדאם זיידענער פון קעשעניעוו". „עס פרייט מיך זייער, זאג איך. זיצט, זאג איך, מאדאם זיידענער פון קעשעניעוו, וואס גוטס וועט איר זאגן גוטס?" טוט זי א זיפץ און מאכט צו מיר: „מע האט מיר געזאגט, אז איר זיינט באקאנט מיט מיין מאן"... „איך בין, זאג איך, באקאנט, זאג איך, מיט אייער מאן? ווער איז אייער מאן?" ווערט זי רויט און מאכט צו מיר: „מיין מאן איז זיידענער פון קעשעניעוו"... „אט דער דאנטיסט?!"... „יא, ער איז א דאנטיסט"...

וואס ווייטער איז געווען — דארף איך דיר נישט דערציילן. עס האט מיך געווארפן, ווי אין א פיבער. דאס רחמנות, וואס אף דעם ווייבל, לאזט זיך דען באשרייבן? מיר זיינען געווארן אין איין האלבע שעה צוגעקלעפט איינע צו דער אנדערער, ווי שוועסטער, נענטער ווי שוועסטער,

און נישט לאַנג געטראַכט, האָב איך מיך צענויפגעפּאַקט — אַף צעצאָלן זיך האָט מיר אויסגעלייזן די מאַדאַם זײַדענער — און מיר האָבן זיך אָוועקגעלאָזט ביידע קיין אָסטענדע. געקומען קיין אָסטענדע און אָפּגע־שטעלט זיך אין אַ האָטעל, אײַנגעוואַשן זיך און אָנגעטאָן פֿײַן, שיין, גע־מען מיר אַ פּיאַקער און הייבן אָן אַרומפֿאָרן פֿון איין האָטעל צום אַנ־דערן נאָכפֿרעגן זיך אַף איינעם אַ הער מיטן נאָמען זײַדענער, און אַף אַ דאַמע מיטן נאָמען קורלענדער — ווער? וואָס? ווּעמען? נישטאָ אין ער־געץ, נישט זײַדענער, נישט קורלענדער. מיר טוען זיך אַ נעם צו דער קורליסטע — נישט אַ סימן אַפילו פֿון אַ זײַדענער און פֿון אַ קורלענדער! וואָס טוט מען ווײַטער? ווי אַזוי איך האָב איבערגעלעבט די נאַכט — בין איך שטאַרקער פֿון אײַזן. דאָס ווײַבל איז נעבעך שיער פֿון זינען אַראָפּ. איך האָב זי געראַטעוועט, אַראָפּגעבראַכט דעם דאָקטער — זי איז פֿאַרביי, אָט־אָט עקט זי זיך. קוים געפֿאַלן אַף אַן עצה, זי זאָל געבן אַ דע־פּעש אַהיים קיין קעשעניעוו, געבן צו וויסן, אַז זי איז קראַנק, טאָמער וועט עמעצער קומען צו פֿאָרן פֿון דאָרטן. צו וואָס דאַרף איך האָבן אַף זיך אַזאַ פּעקל?... קומט נישט אָן פֿון דאָרטן אַ דעפּעש, און נאָך אַ סראָטשנע דערצו? און דווקא פֿון איר מאַן, פֿון זײַדענערן אַליין, אַז ער איז אין קעשעניעוו און בעט זי, אַז זי זאָל קומען אַהיים!... באַקומען אַזאַ מין דעפּעש, האָבן מיר ביידע נישט געוווּסט, וואָס מיר זאָלן טאָן: צי מיר זאָלן לאַכן, צי מיר זאָלן וויינען? און ס'איז געבליבן, אַז מיר זאָלן נאָכ־אַמאָל טעלעגראַפֿירן קיין קעשעניעוו, אויב ס'איז אמת, אַז ער, דער דאַנ־טיסט זײַדענער, איז אין קעשעניעוו? און ווען איז ער געקומען? און צי איז ער געקומען אַליין, צי נאָך מיט עמעצן?... ענטפֿערט ער אונדז, אַז ס'איז אמת, אַז ער איז אין קעשענעוו, אַז ער איז געקומען ערשט נעכטן פֿון מאַריענבאַד איינער אַליין און אַז ער פֿאַרשטייט נישט, מיט וועמען זאָל ער קומען און וואָ־אַרום קומט זײַן ווײַב אין אָסטענדע?

ערשט דעמאָלט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מיך דער אָדעסיט מאַריאַמטשיק, דער שאַרלאַטאַן, אַראָפּגעפֿירט פֿונעם וועג, אויס־געטראַכט אַזעלכעס, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן. איצט בלײַבט אָבער נאָר איין זאַך: ווי באַלד, אַז די מעשה מיט אָסטענדע איז אַן אויס־געטראַכטע זאַך, און ווי באַלד דער דאַנטיסט זײַדענער איז אין קעשע־ניעוו, טאָ וואָס איז מיט בעלצען און ווו איז זי אַהינגעקומען? אָט דערי־

בער האָב איך דיר טעלעגראַפירט: „וווּ איז בעלצע, און וווּ זײַנען די איבעריקע וואַרשעווער ווײַבלעך?“ האָסטו מיך, אַפּנים, נישט פאַרשטאַנען און האָסט מיר אָפּגעענטפערט: „צו וואָס דאַרף איך בעלצען? און וואָס טו איך אין אָסטענדע?“ האָב איך דיר דערויף געענטפערט נאָר געציילטע ווערטער: זאָלסט מיר אַרויסשיקן געלט. ווייסטו פאַרוואָס? וואָרעם אַף אַ סך ווערטער האָב איך קיין געלט נישט געהאַט און האָב איצט אויך ניט. מײַן מאַדאַם זײַדענער, אַז זי האָט נאָר באַקומען די גוטע ידיעה, אַז איר שאַדן האָט זיך אָפּגעזוכט, האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים, צוגעזאָגט מיר שרײַבן פונעם וועג און פון דער היים — און ווער? וואָס? אַ נעכטיקער טאָג! דערווײַל בין איך געבליבן דאָ איינע אַליין אָן אַ קאָפּיקע געלט. אַ גליק, וואָס איך בין דאָ אין דעם האָטעל אַף פולן פּאַנסיאָן און מע מאָנט מיך נישט. נאָר מסתּמא וועט מען מיך באַלד מאָנען. און איך ווייס גאָר נישט, וואָס איך וועל טאָן? איך האָב שוין געשריבן צו דער יאַמאַיטשיכע קיין מאַריענבאַד, געטעלעגראַפירט אויך, — ענטפערט די וואַנט? איך האָב שוין געפּרוווט שרײַבן צו חיים סאָראָקער קיין מאַריענבאַד, איז מיר אָנגעקומען צוריק מײַן בריוו מיט אַ באַמערקונג פון דער פּאָסט, אַז דער אַדרעסאַט איז אָפּגעפאָרן קיין אָסטענדע. ווידער אַ מאָל אָסטענדע? איך וועל שיער נישט משוגע. איך נעם זיך צו דער קורליסטע ווידער אַמאָל, איך זוך דעם נאָמען סאָראָקער, איך טו אַ קוק — אין איין האָטעל שטייט פאַרשריבן „סאָלאָמאָן קורלענדער, קויפמאַן אויס וואַרשע“, און אין צווייטן האָטעל — „אַלעקסאַנדער סווירסקי אויס מאַריענבאַד“! וואָס איז דאָס פאַר אַ סורפּריז? איך לויף אַוועק אין איין האָטעל, אינעם צווייטן האָטעל, ערשט איך ווער געוואָר, אַז עס זײַנען דאָ געווען און אָפּגעזעסן אַ פּאָר טאָג שלמה קורלענדער און, אַפּנים, דער לאַנד־שדכן, סווירסקי. ווער דען זאָל דאָס זײַן? בין איך שוין גאָר צעדרייט און ווייס נישט, וווּ איך בין אין דער וועלט.

האָב איך דיר באַשריבן, ליבער בערנאַרד, אַלצדינג, אַ גאַנצע מעשה פון טויזנט־איין־נאַכט. אַצינד זײַ אַזוי גוט און שרײַב מיר, ערשטנס, וואָס איז מיט בעלצען און מיט די איבעריקע נאַלעווקער ווײַבלעך? און וואָס האָט דאָ געטאָן שלמה קורלענדער? און וואָס איז מיט חיים סאָראָקער און מיט מאַריאַמטשיקן? וווּ זײַנען זיי אַצינד און וווּ איז יאַמאַיטשיכע מיט אירע טעכטער? און צי איז נישטאָ דאָרט אין וואַרשע מיט זיי דער

לאַנד־שדכן סווירסקי? איך דאַרף עס וויסן, וואָרעם אַט דער סווירסקי האָט מיט מיר אָפּגערעדט און געגעבן זײַן ערנוואָרט, אַז וואָס פאַר אַ שידוך ס'זאָל זיך נישט מאַכן באַ יאַמאַיטשיכען, האָב איך אַ חלק. און דער עיקר זאָלסטו קריגן געלט און מיר למען־השם אַרויסשיקן וואָס גיכער, איך זאָל דאָ נישט פאַרבלײַבן, חלילה, אַף יום־טוב. עס גייט צו ימים נוראים, וועל איך קיין טרפהס נישט עסן. איך וועל אָפּזוכן אַ כשרן רעסטאָראַן, און אין אַ כשרן רעסטאָראַן קאָן מען אַף קרעדיט נישט עסן. און אין אַ שול וועל איך אויך וועלן גיין, און פאַר אַן אָרט הייסן די דײַטשן זיך באַצאָלן פריִער. און אַ ווײַסע הון אַף שלאָגן כפּרות וועל איך מסתמא אויך הייסן צוגרייטן — און איך האָב נישט אַ גראָשן באַ דער נשמה! וואָס איך האָב געקאָנט פאַרזעצן, האָב איך פאַרזעצט. איך האָב דיר נישט געוואָלט אָנטאָן קיין יסורים. איך וואָלט דיר איצט אויך נישט געשריבן, ווען ס'זאָל זיך נישט געווען צענויפקומען עטלעכע אומגליקן מיט אַמאָל.

זײַ געזונט, מײַן טײַערער בערנאַרד. גאָט זאָל אָנצייכענען אונדז אַ גוט קוויטל. און אַזאַ יאָר מיט אַזאַ אויסלאַנד, ווי איך האָב געהאַט אַצינד, זאָל זיך גאָר נישט אומקערן, רבונו של עולם!

דײַן געטרײַע פרוי חוה.

## טעלעגראַפיש.

### 50.

פרוי זײַדענער, אַסטענדע, צו הער זײַדענער, קישיניעוו.

נעכטן אָנגעקומען מאַריענבאַד אַסטענדע. אַלפרעדן דאָ אויך נישט געטראָפן. קראַנק געוואָרן. דראַטעט בעלוויו. — רעוועקאַ זײַדענער.

### 51.

חוהלע טשאַפּניק, אַסטענדע צו פערל יאַמאַיטשיכע, מאַריענבאַד.

זײַדענער אַסטענדע נישט געטראָפן. דראַטעט. — עווא טשאַפּניק.

### .52

הער זיידענער, קישיניעוו, צו פרוי זיידענער, אסטענדע.

(דרינגענד)

גליקלעך געקומען קישיניעוו. איבעראשט. נישט געטראָפן רעוועקאן אין דערהיים. קום זאָפאָרט. דראטע. — אלפרעד זיידענער.

### .53

חווה טשאַפּניק, אסטענדע, צו יאַמאַיטשיכע, מאַריענבאַד.

זיידענער — קישיניעוו. בריוו פאָלגט. — טשאַפּניק.

### .54

שלמה קורלענדער, ווארשע, צו בעלצע קורלענדער, מאַריענבאַד.

לאַנג קיין בריוו. וואָהין שרייבן: מאַריענבאַד? פראַנצענסבאַד? אָסטענדע? אומרויק. דראַטע. — סאָלאָמאָן.

### .55

חוהלע טשאַפּניק, אסטענדע צו פערל יאַמאַיטשיכע, מאַריענבאַד.

דראַטעט אָסטענדע בעלוויו. ווו בעלצע סאָראָקער מאַריאַמטשיק לויפערמאַן שערענצים פּעקעלים? אָסטענדע נישטאָ. — עווא טשאַפּניק.

### .56

פרוי זיידענער, אסטענדע, צו הער זיידענער, קישיניעוו.

דראַטעט אויב אמת אלפרעד קישיניעוו ווען געקומען? אויב אליין געקומען אָדער מיט עמעצן? — רעוועקא.

### .57

הער זיידענער, קישיניעוו, צו פרוי זיידענער, אסטענדע.

נעכטן געקומען אליין. פארשטיי נישט מיט וועמען? צו וואָס געפּאָרן אָסטענדע? בעט באַלד ארויספאָרן. וואַרט אומגעדולדיק. דראַטע דרינגלעך. — אלפרעד.

### 58.

אסתר סאַראַקער וואַרשע, צו חיים סאַראַקער, מאַריענבאַד.

לאַנג קיין בריוו פון דיר. אומרויק. דראַטע. — אסתר.

### 59.

שלמה קורלענדער, וואַרשע, צו בעלצע קורלענדער, אָסטענדע.

יאַמאַיטשיכע דראַטעט ביסט אָסטענדע. דראַטע אַדרעס אַף געלט שיקן. אומרויק. — סאָלאָמאָן.

### 60.

חנצע מאַריאַמטשיק, וואַרשע, צו דוויד מאַריאַמטשיק, אַדעס.

מאַריענבאַד דראַטעט, מאַרק אָפּגעפאָרן מיט נאַלעווקער ווײַבלעך אָסטענדע. זאָפאָרט קומט צו פאָרן וואַרשע. דראַטעט. — אננא.

### 61.

אסתר סאַראַקער, וואַרשע, צו דוויד מאַריאַמטשיק, אַדעס.

חנצע געפערלעך קראַנק. קומט זאָפאָרט וואַרשע. דראַטעט. — אסתר.

### 62.

פרוי זײַדענער, אָסטענדע, צו הער זײַדענער, קישיניעוו.

פאָר שנעלצוג קישיניעוו. איך קוש. — רעוועקאַ.

### 63.

מאַדאַם טשאַפּניק, אָסטענדע צו בערל טשאַפּניק, וואַרשע.

דראַטע אָסטענדע בעלוויו. ווו בעלצע סאַראַקער מאַיאַרמטשיק אי־בעריקע נאַלעווקער ווײַבלעך? — עווא.

### 64.

וועלוול יאַמאַיקער, וואַרשע, צו פערל יאַמאַיטשיכע, מאַריענבאַד.

בריוו דערהאַלטן. — שידוך קעשעניעוו געפעלן. גערדראַטעט מזל־טוב. איך פאָר קוריערצוג מאַריענבאַד. — וואָלף.

.65

דוויד מאַריאַמטשיק, אדעס, צו חנצע מאַריאַמטשיק, וואַרשע.

כ׳פֿאָר מיטן קוריער וואַרשע. דראַטע ברעסט געזונטהייט. — דאַוויד.

.66

אַלעקסאַנדער סווירסקי, אַסטענדע, צו פּערל יאַמאַיטשיכע, מאַריענבאַד.

געקומען אַסטענדע. זײַדענער קורלענדער נישט געטראָפֿן. פֿילײַכט מאַריענבאַד? דראַטעט פּאָסטרעסטאַנט. — סווירסקי.

.67

פּערל יאַמאַיטשיכע מאַריענבאַד, צו אַלעקסאַנדער סווירסקי, אַסטענדע.

זײַדענער קעשעניעוו. קורלענדער פֿאַרשווונדן. דראַטעט. — פּערל יאַמאַיקער.

.68

בערל טשאַפּניק, וואַרשע, צו חוה טשאַפּניק, אַסטענדע.

צו וואָס בעלצע? נאַלעווקער ווײַבלעך? וואָס טוסטו אַסטענדע? דראַטע. — בערנאַרד.

.69

מאַדאַם טשאַפּניק, אַסטענדע, צו בערל טשאַפּניק, וואַרשע.

זאָפֿאָרט שיקן געלט. בריוו פֿאָלגט. גרעסטע פֿאַרלעגנהייט. דראַטע. — עווא.

.70

פּערל יאַמאַטשיכע, מאַריענבאַד, צו וועלוול יאַמאַיקער, וואַרשע.

שידוך בוידעם. קעשעניעוו באַווײַבט. נישט קום מאַריענבאַד. בעלצע בראָניע סאָראָקער מאַריאַמטשיק פֿאַרשווונדן. רעכן פֿאָרן וואַרשע. דראַטע. — פּערל.

.71

חיים סאראקער, מאריענבאַד צו אסתר סאראקער, ווארשע.

קור געענדיקט. איך פאָר בערלין ווארשע. דראטע בערלין סאוואָי גע־זונט. איך קוש. — ח יי ם .

.72

שלמה קורלענדער, ווארשע, צו חיים סאראקער, מאריענבאַד.

אנטוואָרט באצאָלט. האָט רחמנות. דראַטעט ווו בעלצע? מאַריענ־באַד אָדער אָסטענדע? — ס אָ ל אָ מ אָ ן ק ו ר ל ע נ ד ע ר .

.73

שלמה קורלענדער, ווארשע, צו פערל יאַמאַיטשיכע, מאריענבאַד.

אנטוואָרט באצאָלט. דראַטעט אויב אמת בעלצע סאַראַקער מאַ־ריאַמטשיק פארשווונדן? זייער אדרעס? האָט רחמנות. גרייט פאָרן מאַ־ריענבאַד אָסטענדע. — ס אָ ל אָ מ אָ ן ק ו ר ל ע נ ד ע ר .

.74

בעלצע קורלענדער, אַלעקסאַנדראָווא, צו שלמה קורלענדער, ווארשע.

געפאָרן פון מאריענבאַד בערלין ווארשע. געטראָפן אן אומגליק. זאכן פארהאַלטן גרענעץ. פאָר־צו מיט געלט, אָדער שיק ארוים אַלעק־סאַנדראָוואָ דריי הונדערט. דראַטע — ב ע ל צ ע .

.75

אסתר סאַראַקער ווארשע, צו חיים סאראקער, בערלין.

צו וואָס אַיילן ווארשע? בעלצע בראַניע נאָך נישטאָ. שערענצים פּע־קעלים אויך נישט. לאָהצע ברויכשטול פּעטריקאָוו. מחותן מאַריאַמטשיק געקומען גטן חנצען. קאָנסט דאָס זעלבע. גרויסער אויסוואַל. — א ס ת ר .

.76

בעלצע קורלענדער, אלעקסאַנדראָווא, צו שלמה קורלענדער, ווארשע.

נעבכטן געדראַטעט קומען אַלעקסאַנדראָוואָ אָדער שיקן דריי הונ־דערט. פאַר וואָס קיין ענטפער? דראַטע. — ב ע ל צ ע .

77.

פערל יאַמאַיטשיכע, מאַריענבאַד, צו וועלוול יאַמאַיקער, וואַרשע.

נעכטן געדראַטעט נישט קומען מאַריענבאַד. שידוך בווידעם. בעלצע בראַניע סאַראַקער מאַריאַמטשיק אַסטענדע נישטאָ. איך קינדער פאָרן בערלין וואַרשע. דראַטע. — פ ע ר ל.

78.

יצחק-מאיר שערענציס און יצחק-מאיר פּעקעליס, וואַרשע, צו יאַמאַיטשיכע, מאַריענבאַד.

אַנטוואָרט איינגעצאַלט. טשאַפּניק געדראַטעט ווו שערענציס פּעקעליס. דראַטעט אויב שיינצע קריינצע נישטאָ מאַריענבאַד. פאָרן אָסטענדע? אומרויִק! — ש ע ר ע נ צ י ס פ ע ק ע ל י ס.

79.

בעלצע קורלענדער, אַלעקסאַנדראָווא צו שלמה קורלענדער, וואַרשע.

פאַר וואָס קומסט נישט אַלעקסאַנדראָווע? שיקסט נישט דריי הונדערט? פאַרפאַלן אַלע זאַכן. גרויסער היזק! אומרויִק. דראַטע. — ב ע ל צ ע.

80.

מאַדאַם שערענציס און מאַדאַם פּעקעליס מאַריענבאַד, צו שערענציס און פּעקעליס, וואַרשע.

פאָרן וואַרשע. אויסשטייגן בערלין ווערטהיים. גריסן. — ש יי נ צ ע ק ר יי נ צ ע.

81.

אַלעקסאַנדער סווירסקי, קישיניעוו, צו פּערל יאַמאַיטשיכע, מאַריענבאַד.

געלט פאַרפאַלן. אומזאָנסטע שפּייזן. אבער גראָסער שקאַנדאַל. פּראָפּאָניער בריעפליך דריי פּאַרטיען איהרע דריי טעכטער. דראַטעט קאָממען מאַריענבאַד אָדער ראַנדעוואו וויען האָטעל נאַציאָנאַל? וואָרע ערשטער זאָרט. איין אַרצט צוויי יוריסטען. בעסטע רעפערענצען. — ס ו י ר ס ק י.

### .82

קלמן ברויכשטול, וואַרשע, צו לאהצע ברויכשטול, פּעטריקאָוו.

דערגאַנגען קורלענדער געפּעלשט סאַראָקערס בריוו בעלצען. סאַראָקער קלאָגט קורלענדער גערינכט. מיך עדות. קורלענדער אַסטענדע. זוכט בעלצען. בעט פאַרציַיונג. קום וואַרשע. איך קוש. — ק ל מ ן.

### .83

בראַניע ליפּערמאַן, בערלין צו הירש ליפּערמאַן, וואַרשע.

טעלעגראַם מאַריענבאַד דערהאַלטן דאָ. דריטן טאָג בערלין. מאָרגן וואַרשע. זיי אַלעקסאַנדראָווע. דראַטע למאַי לאהצע פּעטריקאָוו? ווו בעלצע? איך קוש. — ב ר אָ נ י ע.

### .84

בערל טשאַפּניק, וואַרשע, צו חווה טשאַפּניק, אַסטענדע.

בריוו דערהאַלטן. אַלץ קלאָר. געלט אַרויסגעשיקט. בעלצע געקומען. דריי טעג אַלעקסאַנדראָווע גרענעץ סקאַנדאַל. קורלענדער אויסלאַנד. זוכט בעלצען. סאַראָקער געקומען געטראָפן אסתר פאַרביי. וויל איינגעבן קורלענדער פעלשונג בריוו. ליפּערמאַן ברויכשטול אויך איינגעגעבן קורלענדער. שערענצים פּעקעלים עדות. בעלצע אויסער זיך. געבעטן מאַכן שלום. איך פאַרלאַנג דריי טויזנט וועל צערייבן. מאַריאַמטשיק גטן. לאהצע פּעטריקאָוו רייכן פּעטער. יאַמאַיקער מאַריענבאַד קנס־מאָל. יאַמאַיטשיבע טעכטער וואַרשע. מאַריאַמטשיק פּאַטשן יאַמאַיטשיבע. סווירסקי נישטאָ. קום וואַרשע. דראַטע. איך קוש. — ב ע ר נ אַ ר ד.

### .85

שלמה קורלענדער, מאַריענבאַד, צו אסתר סאַראָקער, וואַרשע.

מאַריענבאַד נישט געטראָפן קיינעם. פאָר אַסטענדע. דראַטעט פּאָסט־רעסטאַנט. — ק ו ר ל ע נ ד ע ר.

### .86

הירש ליפּערמאַן, וואַרשע, צו פּערל יאַמאַיטשיבע, מאַריענבאַד.

איר דראַטעט פרוי פאַרשווונדן? פרוי דראַטעט בערלין קומט וואַרשע. שאַנטאַזש. קלאָגן גערינכט. — ל י פּ ע ר מ אַ ן.

.87

וועלוול יאַמאַיקער מאַריענבאַד, צו וועלוול יאַמאַיקער, וואַרשע.

געקומען מאַריענבאַד קנס־מאָל. קיינעם געטראָפן. געזאָגט אָפּגעפּאָרן וואַרשע. דראַטעט ווו פּערל? קינדער? ווו חתן קעשעניעוו? אומרויִק. — וו אַ ל ף .

.88

פּערל יאַמאַיטשיכע, וואַרשע, צו וועלוול יאַמאַיקער, מאַריענבאַד.

למאי געפאָרן מאַריענבאַד? גערדאַטעט נישט פאָרן. חתן קעשעניעוו ווייַב צוויי קינדער. צוריק וואַרשע. דראַטע. — פּ ע ר ל .

.89

שלמה קורלענדער, אַסטענדע, צו אסתר סאַראַקער, אַרשע.

אָסטענדע אויך נישטאָ קיינער. רעכן פאָרן צוריק מאַריענבאַד. פון דאָרטן קעשעניעוו. דראַטעט. — ק ו ר ל ע נ ד ע ר .

.90

וועלוול יאַמאַיקער, מאַריענבאַד, צו פּערל יאַמאַיטשיכע, וואַרשע.

דעפּעש דערהאַלטן. נישט פאַרשטאַנען. למאי חתן קעשעניעוו? למאי צוויי קינדער? ווו דריטע? ווער צוריק וואַרשע? דראַטע. — וו אַ ל ף .

.91

פּערל יאַמאַיטשיכע, וואַרשע צו וועלוול יאַמאַיקער, מאַריענבאַד.

גערדאַטעט אויס שידוך. חתן קעשעניעוו באַווייַבט. נישט פאָרן מאַריענבאַד. געפאָרן מאַריענבאַד. נישט גערדאַטעט. אומזיסטע שפּעיזן. גערדאַטעט פאָרן צוריק וואַרשע. איך קינדער וואַרשע. דראַטע. — פּ ע ר ל .

.92

וועלוול יאַמאַיקער, מאַריענבאַד, צו פּערל יאַמאַיטשיכע, וואַרשע.

דראַטעסט נישט גערדאַטעט? צוויי מאָל גערדאַטעט: גערדאַטעט מזל־טוב. גערדאַטעט אַרויספאָר. פאַרוואָס נישט גערדאַטעט באַלד חתן קעשעניעוו באַווייַבט? פאַרוואָס נישט געוואַרט מאַריענבאַד? ווו שדכן? ווו טשאַפּניק? וואָס בעלצע? דראַטע. — וו אַ ל ף .

### 93.

פערל יאמאיטשיכע, וואַרשע, צו וועלוול יאמאיקער, מאַריענבאַד.

ביז וואַנען דראַטען? געדראַטעט בעלצע געקומען. קורלענדער מאַריענבאַד — אַסטענדע, זוכט בעלצען. מאַריאַמטשיק אַפּגעגט. לויפּערמאַן מיר סקאַנדאַל, וויל פּאַטשן קורלענדער. אסתר פּאַרבײַ. סאַראַקער געריכט קורלענדער פּאַדלאַג. ברויכשטול, שערענצים, פּעקעלים עדות. טשאַפּניק שלום. סווירסקי דראַטעט קעשעניעוו דרײַ שדוכים. גענוג דראַטען. פּאָר זאַפּאָרט אַהיים. דרטע. — פּ ע ר ל.

### 94.

שלמה קורלענדער, מאַריענבאַד, צו שלמה קורלענדער, וואַרשע.

יאַמאַיטשיכע געדראַטעט פּלוצעם פּאַרשווּנדן בעלצע. געווען מאַריענבאַד, געווען אַסטענדע. געקומען צוריק מאַריענבאַד. געזוכט בעלצע. אַלעמען געדראַטעט. קיינער דראַטעט נישט. ווער אין שטוב? דראַטעט וווּ בעלצע? זאָל איך פאָרן קעשעניעוו? דראַטעט דרינגלעך. — ס אַ ל אָ מ אָ ן ק ו ר ל ע נ ד ע ר.

### 95.

בעלצע קורלענדער וואַרשע, צו שלמה קורלענדער, מאַריענבאַד.

יאַמאַיטשיכע אויסגעטראַכט ליגן. געפאָרן מאַריענבאַד — בערלין — וואַרשע. געווען פּאַרהאַלטן גרענעץ אַלעקסאַנדראָווע. דרײַ מאָל געדראַטעט שיקן געלט. אַלע זאַכן פּאַרפאַלן. איצט געקומען. וואָס האָסטו געטאָן? איבער דיר ברויכשטול גטן. מאַריאַמטשיק שוין געגט. אסתר געפערלעך קראַנק. סאַראַקער סטראַשעט קרימינאַל שאַנטאַזש פּאָדלאָג. לויפּערמאַן, ברויכשטול, שערענצים, פּעקעלים עדות. טשאַפּניק גאַראַנטירט צערײַבן. וויל 3000. דראַטע. — ב ע ל צ ע.

### 96.

שלמה קורלענדער, מאַריענבאַד, צו בעלצע קורלענדער, וואַרשע.

טויזנט דאַנק. גוטע נאַכריכט! כ׳האָרך סאַראַקער קאַטער. כ׳גיב לױפּערמאַן פּײַג. טשאַפּניק 3000 מכות. כ׳פאָר שנעל־צוג בערלין — וואַרשע. כ׳קוש. — ס אַ ל אָ מ אָ ן.

געשריבן אין יאָר 1911.

# מעשיות און פאַנטאַזיעס

# אינהאַלט:


די רויטע יִדלעך — — — — — — — — — — — — 249

משוגעים — — — — — — — — — — — — — 296

מעשיות פון טויזנט איין נאַכט — — — — — — — 347

איינער פון טויזנט — — — — — — — — — — — 426

# די רויטע ייִדלעך

(אַן אויסגעטראַכטע זאַך).

## ערשטער טייל

## דאָס ערשטע קאַפּיטל

(די רויטע ייִדלעך, זייער יחוס, זייערע גענג און זייערע תנועות, זייער לעבן, זייערע פּרנסות, זייער אַרויסגיין שבת „אַפּן שפּאַציר“, זייער אויסזען און זייערע מאכלים).

גאַנץ ווײַט פון אונדזערע מקומות, דאָרטן ערגעץ אונטער די הרי חושך, אַזש אַף יענער זײַט סמבטיון, געפינט זיך אַ פֿאָלק, וואָס מע רופט דאָס די רויטע ייִדלעך.

מחמת די רויטע ייִדלעך ליגן אַזוי ווײַט פאַרוואָרפן, זיי זײַנען אָפּגעריסן פון דער וועלט און קערן זיך במעט מיט קיינעם נישט אָן, לכן זײַנען זיי שטאַרק פאַרגרעבט געוואָרן, און אין פיל זאַכן זײַנען זיי פּשוט ווילד. איבערהויפּט זײַנען זיי ווײַט פון ייִדישקייט, פון דער ייִדישער היסטאָריע און פון דער ייִדישער שפּראַך, אַזוי ווײַט, אַז זעלטן־זעלטן ווער עס פאַרשטייט בײַ זיי אַ לשון־קודש־וואָרט, חוץ די ווערטער „גמילת חסד“, „מעות מזומנים“, „ברוכים היושבים קומט עסן“, „לחיים לשלום“, „ברוך הבא רב קרוב“, „אַ מיתה משונה“, אַ מכה בחברותא“, „משוגע צי חסר דעה“, „כלב שבכלבים“, „שוטה בן פּיקהאָלץ“, „אדרבה“, „ממה נפשך“, „מהכתיתי“, „אַוודאַי“, „בקיצור“, וכדומה אַזעלכע ווערטער לרוב, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין זייער וואָכעדיקער שפּראַך, וואָס מע רופט זי דאָרט מיט אַ משונה מאָדנעם נאָמען „זשאַרגאָן“.

פונדעסטוועגן, רעדט מיט זיי, זײַנען זיי די גרעסטע חכמים אין

דער וועלט. אַלצדינג ווייסן זיי, יעדע זאַך פאַרשטייען זיי, איטלעכן האָבן זיי ליב אויסלאַכן, אָפּשפּעטן, פון אַלעמען חוזק מאַכן. אַ סך פון זיי האַלטן זיך פאַר גאָר שאַרפע מבינים, פאַר גרויסע הקרנים, קריטיקער און גריבלער און האָבן אין זיך ניט מאָס רייד, און צו די אַלע שיינע מעלות זײַנען זיי נאָך מוראדיקע עקשנים, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! מיט זיי האָבן אַ וויכוח באַדאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען, און זיי איבער־שפּאַרן איז אוממעגלעך אין דער וועלט. הײַנט דאָס גרויסקייט זייערס, דאָס בלאָזן פון זיך איז גאָר נישט צו באַשרײַבן. איטלעכער האַלט זיך פאַרן גרעסטן און פאַרן שענסטן, און יענעם — פאַרן קלענסטן שבקלענסטן. אַז עס קומט בא זיי אַ שדוך טאָן מיט אַ קינד, איז אַ ריינער אומגליק: מע קאָן זיך נישט צוקלײַבן, עס זאָל זײַן צום האַרצן, מע קאָן זיך נישט אויס־גלײַכן מיטן יחוס. דערפאַר טאַקע זײַנען זיי זיך דאָס רוב משדך פון פרעמ־דע שטעט, איטלעכער זוכט זיך זײַן גלײַכן אין דער פרעמד; יענער מעג זײַן אַ בעדער, אַבי נישט פון הי. פאַר שדכנים איז דאָס דווקא נישט קיין שלעכט געשעפט; זיי פאַרנעמען זיך גאַנץ געשמאַק מיט דעם מסחר פון לעבעדיקער סחורה, וועלכער גייט דאָרטן קיין עין־הרע זייער נישקשהדיק, און ייִדן האָבן דערפון פּרנסה בכבוד...

דאָס לעבן פון די רוויטע ייִדלעך איז אַפילו נישט אַזוי זיס און פריי־לעך, ווי עס ווײַזט אויס אַפן ערשטן קוק. פאַראַן צווישן זיי געציילטע נגידים, וואָס איטלעכער פון זיי האָט זיך זײַן פּריץ, דאָס הייסט, איטלע־כער פּריץ האָט זיך זײַן ייִדל, וואָס ציט פון אים די חיונה. די נגידים פאַר־נעמען זיך דאָס רוב מיט האַנדלען, דאָס הייסט, זיי דרייען די גרעסטע געשעפטן פון דער וועלט. זיי דרייען און דרייען אַזוי לאַנג, ביז זיי פאַר־דרייען גאַנץ אָפּט אי זיך, אי יענעם, און שטאַרבן נישט אוועק ביז זיי זעצן נישט אָן כאָטש איין מאָל אַף זייער לעבן. אַז זיי באַקומען געלט, קנאַקן זיי און טראַסקען, ביז עס קומט צום שטאַרבן, באַהאַלט מען זיי אין פרעמדע תכריכים. די וואָס האָבן פײַנט „שווינדל", גיבן זיך אָפּ מיט „גמילות חסדים", דאָס הייסט, זיי פאַרלײַען איינס דאָס אַנדערע געלט און נעמען פּראָצענט „על־פּי־היתר־עסקא", כתקון מהר"ם ז"ל, נאָר מחמת די אָנזעצן, וואָס זײַנען דאָרטן זייער שכיח, איז טרעפט זיך זייער זעלטן, אַז אַ בעל־הלוואה זאָל זיך זען צוריק מיט זײַן געלט; ער איז גערן, אַז ער נעמט כאָטש פּראָצענט; דאָס קרן איז געווים פאַרפאַלן... בעסער פון זיי

מאַכן די „וואָכערניקעס": דאָס זײַנען יונגע לײַטלעך, איידעמלעך, וואָס זיצן נאָך אַף קעסט, און אַזעלכע וואָס זײַנען שוין אַראָפּ פון קעסט. זיי דרייען זיך אַרום אין גאַס מיט שבתדיקע קאַפּאָטקעלעך אינדערוואָכן, שמעקן און נישטערן, וועמען מע מעג און וועמען מע טאָר נישט. דאָס זײַנען קליינע פּיאַווקעלעך, וואָס אַז זיי נעמען זיך אָן, איז זיי שווער אָפּצורײַסן ביז זיי זייגן זיך אָן פולע בײַכלעך... נישט שלעכט לעבן זיך אָפּ דאָרטן די „כלי קודש": די רבנים, דיינים, שוחטים, חזנים, שמשים, שתדלנים, שיינע ייִדן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פּושקעס און מיט צדקה און מיט די איבעריקע קהלשע זאַכן. און יענע ייִדן, וואָס טויגן נישט צו קיין זאַך און האָבן נישט קיין אַנדערע פּרנסות, גיבן זיך אָפּ מיט לערערײַ, דאָס הייסט, זיי פאַרשטעלן זיך פאַר מלמדים, האָרעווען נעבעך מיטן ביטערן שוויס, זיי „קנעלן" מיט זייערע תלמידים, דאָס הייסט, זיי זיצן אין ענגע, פינצטערע, פאַרעיפּושטע חדרים און שרײַען פון פרי ביז נאַכט, שלאָגן, קאַטעווען, קאַליעטשען ייִדישע קינדער... אַ גרויסער טייל פון די רויטע ייִדלעך זײַנען אָרעמע בעלי מלאכות, וואָס אַרבעטן זייער גאַנץ לעבן איבער אַ שטיקל טרוקן ברויט; און די איבעריקע האָבן נישט וואָס צו טאָן, שלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט, פאַרנעמען זיך כלומרשט מיט מעקלערײַ, דרייען זיך אום מיטן שטעקל אין מאַרק און טראַכטן: „ווי נעמט מען אַף שבת?"... נאָר קומט שבת, איז זיי נישט צו דערקענען: זיי טוען זיך אָן ווי די שררות, און זייערע ווײַבער און טעכטער צירן זיך אוים ווי די פּריצות, אין זײַד און אין סאַמעט, מיט היטעלעך, הענטשקעלעך, זאָנטיקלעך, הענגען אָן אַף זיך דער רוח ווייס וואָס — און מע גייט „אָפּן שפּאַציר". דעמאָלט ווערט די גאַס פאַרפלייצט מיט אַלערליי פאַרביקע קליידער און מיט רויטע־געלע־טונקל־גרינע־פּאָפּעליאַטע פעדערן. אַ קוק טאָן אַף די דאָזיקע מיתה־משונה־קאָלירנדיקע „דאַמען" און מאַמזעלן" שבת באַטאָג אָפּן שפּאַציר, קאָן מען אַ טעות האָבן און זיכער מיינען, אַז דאָס זײַנען לויטער גרעפישע קינדער, וואָס ווייסן נישט פון קיין לאָקשנטעפּלעך, טשאָלנט־ברעטלעך, קאָלאָדאַטשמעסערס, ריבאײַזנס און באָקדייזשעס. איר וועט זיכער מיינען, אַז זיי האָבן קיין מאָל נישט געזען אַפילו, ווי אַזוי מע רעשטשינעט חלה, מע שיילט קאַרטאָפלעס, מע זאַלצט פלייש און שטעלט אוגערקעס... ווי אַ מאַסקאַראַדנבאַל זעט אוים דעמאָלט די גאַס שבת נאָכן קוגל, ווי אַ צירק מיט איבערגעטאָנענע קאָמעדיאַנטן, וואָס אַלע ווייסן

גאַנץ גוט, אַז אַט ענדיקט זיך די שפּיל און די קאָמעדיאַנטן וועלן אָפּ־משעפּען פון זיך די צאַצקעס מיט די גלעקלעך, אַראָפּוואַרפן פון זיך די יום־טובדיקע לײַבקאָלירענע מלבושים און וועלן אַרײַנקריכן צוריק אין זייערע אַלטע, וואָכעדיקע, געלאַטעטע, פאַרשלומפּערטע קליידלעך...

קיין פליש עסן זיי כמעט קיין מאָל נישט, — נישט מחמת זיי זײַנען „וועגעטעריאַנער", דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס עסן נישט קיין דבר מן החי. ניין! זיי עסן נישט קיין פליש דערפאַר, ווײַל מען האָט בײַ זיי אַרויפגעוואָרפן אַ טאַקסע אַף אַלצדינג, וואָס ס'איז כשר, איז דאָס נישט פאַר זייער בײַטל. פונדעסטוועגן זײַנען זייערע מאכלים זייער פאַר־שידן, מע קאָן פון זיי מאַכן אַ בוך. אָט האָט איר אַ צעטל פון זייערע פּאַטראַוועס: אַ קרופּניק, אַ וואָלכישער באָרטש, טייגלעך מיט פּאַסאָלעס, אַ מאַהינע, אַ מאַמעליגע, אַ טייגעכץ, אַ קאַשע מיט האָניק, וואַרניטש־קעס מיט שמאַלץ, פּאַמפּעשקעס מיט קנאָבל, קאָרזש מיט קעז, שקצים מיט מאָן, בערעטשקעס מיט פלוימען; און נאָך אַזעלכע מאכלים, וואָס מע פאַרשפּאָרט צו זיי פליש. פון שבתדיקע מאכלים רעדט מען נישט; איר קאָנט פאַרשטיין, אַז קוגלען אַליין איז בײַ זיי פאַראַן אפשר מער ווי אַ צענדליק: אַ לאָקשנקוגל, אַ געבלעטערטער קוגל, אַ קוגל אַ געקנעטע־נער, אַ קוגל פון רײַז, אַ קוגל מיט ראָזשינקעס, אַ קרעפּלקוגל, אַ שטרו־דלקוגל, אַ מאַנדלקוגל, אַ קוגל מיט העלדזלעך, אַ קוגל מיט קישקע און נאָך מינים קוגלען. אויך צימעסן איז בײַ זיי פאַראַן אַלערליי: אַ פלוימען־צימעס, אַ מערן־צימעס, אַ פּאַסטערנאַק־צימעס, אַ צימעס פון באַרלעך, אַן עפּל־צימעס, אַ צימעס פון ראָזשינקעס, אַ צימעס פון שאַפּטאַלן, אַ צימעס פון געווירצן מיט לאָרבערבלעטער... נאָר מער פון אַלץ האָבן זיי ליב מרור, ביטערע קרײַטעכצער, דהיינו: פעפער זאָל זײַן אַ סך, גוטן האַרבן כריין, רעטעך דווקא שוואַרצן, און ציבעלעס אין פאַר־שיידענע אופנים: אַ ציבלקע מיט שמאַלץ, אַ ציבלקע מיט רעטעך, אַ ציבלקע מיט אייער, אַ ציבלקע מיט הערינג, אַ ציבלקע מיט לעבערלעך, אַ ציבלקע מיט גריוון, און גלאַט ציבעלעס... דערפאַר טאַקע האָבן זיי אַזאַ שיין פּנים. קרענקען־צו גאַנץ אָפט, האָבן צו טאָן מיט די מאָגנס און האַלטן אין איין קורירן זיך. אונדזערע דאָקטוירים זאָלן מיך וועלן פאָלגן, וואָלטן זיי זיך באַזעצט אַף יענער זײַט טײַך סמבטיון. בלעבן, זיי וואָלטן דאָרט געהאַט פּרנסה מיטן פולן מויל — אַ סך בעסער,

דאַכט זיך, ווי שטופּן זיך אַלע קיין יעהופּעץ און קיין כתרילעווקע, זיצן אַלע אינאײנעם צענויפגעקוועטשט, שלאָגן זיך איבער אַ חולה, רײַסן זיך און בײַסן זיך, ווי די קעץ...

## דאָס צווייטע קאַפּיטל

(די הויפּטשטאָט פון די רויטע ייִדלעך, זייער לשון זייער ריידן פאַרשטעלט, זייערע גוזמות, זייערע קללות און זייערע שבועות, זייערע נעמען און זייער ליטעראַטור).

די רויטע ייִדלעך זײַנען, אייגנטלעך, צעוואָרפן אין אַ סך שטעט און שטעטלעך, נאָר די הויפּטשטאָט זייערע רעכנט זיך די רויטע שטאָט. פאַר וואָס עפּעס רופט מען זי „די רויטע שטאָט"? — ווייס איך נישט. אדרבה, מיר דאַכט זיך, אַז ווערליק די בלאָטעס, וואָס שטייען דאָרטן אַ גאַנץ קײַלעכיק יאָר און טריקענען אויס ערשט אַרום תמוז, וואָלט זי גיכער געמעגט הייסן „די שוואַרצע שטאָט". נאָר די רויטע ייִדלעך האָבן אַ טבע ריידן פאַרשטעלט, בלשון „סגי־נהור", אָנרופן איטלעכע זאַך קאַפּויר. אַף יעדן אײנציקן האָבן זיי אײַך אַ צונעמעניש, אַזוי אַז פונעם צונעמעניש באַדאַרפט איר לערנען פונקט דעם היפּך, למשל: אַז איר וועט דאָרט באַגעגענען אַ מענטשן, וואָס מע רופט אים דער „חכם", מעגט איר שוין זיכער זײַן, אַז ער איז טפּש, כאָטש בראָק אים אין קרויט אַרײַן; אַ „וואָרטסמאַן" איז מסתמא אַ ליגנער, אַ „בעל־תשובה" איז אַ טריפּניאַק, אַ „סטאַטיק" איז אַ שייגעץ, אַ „פילאָזאָף" איז אַן עם־האָרץ, אַ „בטוח" איז אַן אָנזעצער, אַ „בעל־לשון" איז אַ זאַיִקע נעבעך, אַ „נשרף" איז אַ צינדער, וואָס ברענט אַלע חודש ווי אַ שטרויענער דאַך, און אַזוי ווײַטער. הײַנט האָבן זיי ליב מגזם צו זײַן יעדע זאַך צען מאָל אַזוי פיל, צום בײַשפּיל: אַז זיי ווילן זאָגן אַף עמעצן, אַז ער איז אַ גוטער מענטש, פאַרגלאָצן זיי די אויגן און זאָגן: „אַ מזג־טוב! אַ דימענט, אַ בריליאַנט! אַ מענטש אָן אַ גאַל! זאַ־מע־טשאַטעלנע!"... און פאַרקערט, אַף נישט אַזאַ גוטן זאָגן זיי: „אַ רשע מרושע! אַ המן! אַ רוצח, ימח שמו וזכרו!"... אַ שיין מיידל איז בײַ זיי: „אַ זעלטענע יפת־תואר! ס'איז נישט אין פּנים איר אַרײַנצוקוקן! טשטאָ ניבוד אַסאָבע־

נע!"... און חלילה נישט אזא שײנע איז: „פע, א בײזע מיאוסקײט, א װיסטע חלשות אױף צו שטאַרבן!"... א נגיד איז בא זײ: „פּס! איר שפּילט זיך מיט אים? אָנגעשטאָפּט! חוץ זײַן שאַדן אױף מיר געזאָגט גע־װאָרן כּאָטש א טויזנט חלק!"... און א געמײנער מאַן — איז „א קבצן, א דלפון, א כתריאל, אַן עני ואביון, װאָס שטאַרבט זיבן און זיבע־ציק מאָל אין טאָג פאַר הונגער, א חוץ װעטשערע!"... נאָר דער גאַנצער אַנטיק איז, װאָס זײ פאַרשטײען זיך אײנס דאָס אַנדערע אױפן װוּנק, פון אײן װאָרט שטױסן זײ זיך אָן אױף די איבעריקע צען, זײ באַדאַרפן צװישן זיך לאַנג נישט רײדן. אַן אונדזעריקער, אַז ער שטײט בא דער זײַט, בשעת צװײ רויטע ייִדלעך רײדן צװישן זיך, פאַרשטײט ער נישט מאי דקאמרי רביצין.

* * *

הײַנט זײער שילטן זיך — די תוכחה איז א קאָמפּלימענט, א כּקאַצל־קומט קעגן זײערע קללות: „א שטעכעניש, א ברעכעניש, א בײַסעניש, א רײַסעניש, א דרײעניש, א פאַרדרײעניש, א דאַרעניש, א קװאַרעניש, א טריקעניש, א פאַרטריקעניש, אַן אײַנטריקעניש, אַן אײַנ־שרומפּעניש..." און דאָס שװערן זיך בא זײ איז ניט װי געװײנלעך. איר קאָנט דאָרט הערן אַזעלכע שבועות, װאָס איר האָט אױף אײַער לעבן נישט געהערט, צום בײַשפּיל: „אויב איך זאָג אײַך א ליגן אױף אָט אַזױ פיל, זאָל אױף מיר קומען אַן אויסכאַפּעניש, עס זאָל מיך פירן און פירן, ארױספירן און אַרײַנפירן, ביז ס'זאָל מיך פאַרפירן, עס זאָל פון מיר װערן א באַרג, א שטײן, א בײן, א בעזעם, א שײַט־האָלץ, א פּיפּערנאָ־טער, א לדור־ודור!"... ס'איז כדאי, כלעבן, אַז אונדזערע געלערנטע, װאָס גיבן זיך אָפּ מיט שפּראַך, זאָלן זיך פאַרנעמען אויך מיטן לשון פון די רויטע ייִדלעך. נישקשה, װעדליק אונדזערע חקרנים האָבן זיך ביז אַהער אויסגעפּײַנט מיט זײער בריהשאַפט, מעג זײ אָנשטײן; עלי ועל צװארי — עס װעט זײ חלילה גאָר נישט שאַטן...

אויך די נעמען זײערע זײַנען משונה מאָדנע, אומגעלומפּערטע נעמען. מחמת די רויטע ייִדלעך, די אויפגעקלערטע, האָבן ליב נאָכ־טאַנצן די פרעמדע פעלקער, זײ געפעלט אַלצדינג װאָס בא יענעם, לכן האָבן זײ איבערגעמאַכט אויך די נעמען זײערע: פון אברהם אױף „איב־

ראהים", פון בערל — „בענעדיקטוס", פון יוסל — „יוליוס", פון פייטל — „פעטראָניוס"; און נאָכדעם איז שוין במילא אויסגעקומען פון משה — „אחרימאָן", פון מענדל — „טריפאָן", פון חיים — „עפּיפאַנוס", פון הערשל — „חרבונא" און פון וועלוול — „ויזתא"... איר קאָנט אָנטרעפן צווישן זייערע אריסטאָקראַטן אַזעלכע נעמען, ווי „כאַפּלאַפּוס", „פּאַרכענטי", „סמאַרקאַנדוס" — אבי נישט קיין ייִדישער נאָמען, איז שוין גוט... אויך די ווײַבער זייערע, די הײַנטוועלטיקע געוויינלעך, מאַכן זיך איבער זייערע נעמען פון חנא אויף אַגריפּינאַ, פון דבורה אויף גלאַפּירא, פון רבקה אויף קלעאָפּאַטרא, פון שרה אויף פּראַנציסקאַ, פון לאה אויף איזאַבעלאַ, פון יענטל — דולצינאַ, פון אסתר — פּוטיפּרע, און אַזוי ווײַטער. דאָס נאָכמאַכן יענעם, הן אין די נעמען, הן אין די מלבושים והן אין די מנהגים, איז בײַ די רויטע ייִדלעך אַזוי שטאַרק אַרײַן אין דער מאָדע, אַז לאָז אַ פרעמדער, צום בײַשפּיל, זיך פּרוּוון אָפּשנײַדן די נאָז, אַזוי נעמען די רויטע ייִדלעך און שנײַדן אַ רענדל אַ נאָז!...

אַ פּאָר ווערטער בין איך מחויב צו זאָגן וועגן דער „ליטעראַטור", וואָס בײַ די רויטע ייִדלעך, וועגן זייערע שרײַבער, זייערע „מחברים", זייערע ספרים, זייערע ביכער און זייערע גאַזעטן.

בלעטער, גאַזעטן זײַנען דאָרטן פאַראַן לרוב און פאַרנעמען פאַרנעמען זיי זיך, צום מײנסטן, מיט פּאָלעמיקעס, אָדער, ווי זיי רופן דאָס, מיט „קריטיק". איין בלאַט קריטיקירט דאָס צווייטע. איין מחבר פּאָלעמיזירט מיטן אַנדערן. זייער קריטיק איז זייער וויכטיק. זי באַשטייט פון דעם, וואָס איין בלאַט קוקט אַרויס וואָס דאָס אַנדערע בלאַט וועט זאָגן, בכדי עס זאָל קאָנען זאָגן נאָכדעם פּונקט קאַפּויר. למשל, פאַראַן צוויי בלעטלעך: איינס הייסט „די רויז", דאָס אַנדערע הייסט „דער דאָרן". אויף וויפל די „רויז" איז קאָנסערוואַטיוו, אויף אַזוי פיל איז „דער דאָרן" ראַדיקאַל. אַז „די רויז" שרײַבט וועגן נעכטיקן טאָג, אַז עס איז געווען שיין און וואַרעם, ליכטיק און פריילעך, די זון האָט געשײַנט און די פייגעלעך האָבן געסוויטשערט, שרײַבט „דער דאָרן" פּונקט דעם היפּך: עס איז נעכטן געווען דער אָבשײַליכסטער טאָג זינט די וועלט שטייט. קאַלט און פינצטער, נאַס און שמוציק, גליטשיק און וחלקלקות... אַלע זונטיק גייט אַרויס די קאָנסערוואַטיווע „רויז" מיט אַ באַשרײַבונג פו־

נעם נגידם שבתדיקן קוגל, וואָס איז געווען אַ זעלטענער דערפּאָלג, צע־גיסט זיך ווי אַ סאָלאָווײ, און זינגט אַ לידל: מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים! „דער דאָרן", וועלכער וויים פון דעם פריער, גייט ארוים מיט אַ לייט־אַרטיקל וועגן קוגלען בכלל און נגידישע קוגלען בפרט, און צעלאָזט זיך מיט אַ פייער, אַז ס'איז שוין צייט, מע זאָל אויסראָטן דעם דאָזיקן אָבשײַלעכן מאכל, וואָס גויים האָבן מיט אים צו טאָן: „קוגעל!... שבת... ווי איז מיר!"... דאָס איז די „קריטיק". די פּאָלעמיק, וואָס זיי פירן צווישן זיך, איז חלילה נישט אָנצורירן יענעמס כבוד, אָן פערזענלעכקייטן. צום בײַשפּיל:

„די רויז" שרײַבט בײַ זיך אין בלאַט:

„נעכטן איז „דער דאָרן" ארוים מיט אַן אַרטיקל קעגן אונדז מיט שמוץ און מיט מיסט, ווי זײַן שטייגער איז. מיר וועלן אים דערויף נישט ענטפערן קיין וואָרט. מיר וועלן אים נאָר פרעגן: „דו שמוציקער, נידער־טרעכטיקער, אָרעמער, נאַקעטער דאָרן! ביז ווי לאַנג נאָך וועסטו גע־וועלטיקן?"... דערויף ענטפערט איר „דער דאָרן": „שוין לאַנג, אַז די נידעריקע, מה־יפיתניצע, היפּאָקריטישע פאַרקויפטע נשמה, וואָס רופט זיך „רויז", איז נישט ארוים מיט אַזאַ עזות, חוצפּה און פרעכהייט קעגן אונדז. מיר איגנאָרירן זי און זאָגן נאָר צוויי ווערטער: „חצופה, באַהאַלט דײַנע בלעטלעך און ווער אַנשטומט אַף אייביק!"...

ליטעראַטן בכלל קאָנען זיך נישט אויסגלײַכן מיט זייערע דעות, ובפרט נאָך בײַ די רויטע ייִדלעך, וואָס קאָנען זיך קיינמאָל בשום אופן ואופן נישט אויסגלײַכן, דערפאַר שרײַבט דאָרט איינער אפן אַנדערן אַ „קריטיקע"; אַלצדינג, וואָס איינער זאָגט, קומט דער אַנדערער און זאָגט פּונקט קאַפּויר! נאָכדעם קומט יענער און „קריטיקירט" אים צו־ריק, מאַכט אים אָפּטמאָל מיט דער בלאָטע; קומט דער און רעכנט אוים אָפּטמאָל אַ מלחמה צווישן די שרײַבערס, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן — עס גיסן זיך טײַכן טינט!

# דאָס דריטע קאַפּיטל

(די בלאָטע פון דער טרוקענער גאַס, איר געשיכטע, אירע מויערן. — דער חוש הריח
באַ די רויטע יידלעך און די ראָמאַנען פון זייערע בחורים מיט מיידלעך).

די גאַסן פון דער רויטער שטאָט באַ די רויטע יידלעך זיינען צום מיינסטן בלאָטיקע, קויטיקע, פאַרברודיקטע גאַסן. די בלאָטעס זיינען דאָרטן אַזוי גרויס, אַז אַמאָל, שוין לאַנג, — אַזוי דערציילן „אַלטע בעלי־בתים", און מע מוז זיי גלויבן אַף נאמנות — איז דאָרטן אין מיטן מאַרק דערטרונקען געוואָרן אום ערב־פּסח אַ וואָגן מיט מצות מיטן פערדל און מיטן בעל־עגלה אינאיינעם. ערשט העט־שפּעטער, אַרום נאָך שבועות, אַז די בלאָטע איז אַביסל אויסגעטריקנט געוואָרן, האָט מען זיי געפונען אַלע דריי, דאָס הייסט, דעם וואָגן מיט מצות, דאָס פערדל מיטן בעל־עגלה... נאָר ווערליק די רויטע יידלעך האָבן ליב אַביסל צו פיל מגזם זיין, מיין איך, אַז... ס'איז אַ ליגן. בקצור, מיר קערן זיך אום צוריק צו די גאַסן פון דער רויטער שטאָט.

איין גאַס איז דאָרט פאַראַן אַזעלכע, וואָס מע רופט זי „די טרוקענע". זי איז דער שפּיגל, דער בולוואַר פון דער שטאָט. פאַר וואָס עפּעס רופט מען די דאָזיקע גאַס „די טרוקענע", אַז אַלע ווייסן, אַז בשעת בלאָטע איז דאָרט די אייגענע בלאָטע, וואָס אומעטום? איך האָב געזוכט אין אַלטע ביכער, גערעדט מיט מענטשן, געטראַכט, צי שטעקט נישט דרינען עפּעס אַ המצאהלע פון די רויטע יידלעך, און איך בין געוואָר געוואָרן אַזאַ מעשה. אַמאָל, פאַרצייטנס נאָך, איז אַרויס אַן אָר־קאַז, מען זאָל די דאָזיקע גאַס אויספלאַסטערן מיט שטיינער. געוויינט־לעך, איז געווען „טאַרגעס"; פּאָדריאַטשיקעס האָבן זיך געשניטן איינס דאָס אַנדערע אַף וואָס די וועלט שטייט, נאָכדעם האָט מען „געשלאָגן בלאַט", געמאַכט יד־אחת, גענומען „לאַ־יחריץ־געלט"... וואָס איז געווען נאָכדעם — ווייס איך נישט. „אַלטע בעלי־בתים" זאָגן, אַז אַמאָל איז דאָס געווען נישט קיין גאַס, נאָר אַ צאַצקעלע. „גלאַט — זאָגן זיי — איז זי געווען, ווי אַ לאָקשנברעט, טרוקן ווי פעפער, ריין ווי אַ טעלערל, באַטש נעם שפּיגל זיך!"... אַזוי דערציילן „אַלטע בעלי־בתים". נאָר איך מיט מיין שכל קאָן דאָס נישט פאַרשטיין. איך פרעג נאָר איין קשיה:

זאָל זײַן, אַז דאָס איז אַמאָל געווען געפּלאַסטערט מיט שטיינער, ווי אַזוי, פרעג איך אײַך, וואָלט זיך נישט פּאַרוואַלגערט אין דער בלאָטע כאָטש איין שטיינדעלע, ווי מע זאָגט, אַף אַ רפואה? וואָס־זשע דען? מוזן מיר דאָך לערנען דעם פּשט, אַז די „טרוקענע" איז זינט זי איז אַ גאַס קיינ־מאָל נישט געווען געפּלאַסטערט מיט קיין שטיינער. אי, וואָס טוט מען מיט די „אַלטע בעלי־בתים"? איז משמעות, אַפּנים, אַז די גאַנצע מעשה מיטן אוקאַז, מיט די טאַרגעס, מיט די פּאַדריאַטשיקעס, מיטן „לאָ־יחרץ־געלט" איז שקר וכזב?... בקיצור, וואָס נוצט אונדז פּלפּול, פילאָ־זאָפיע? אַז מע רופט זי אַזוי, לאָז זײַן אַזוי. איך בעט אײַך, ווער איז דאָס טאַקע מחויב זיך שטעלן קריגן מיט אַ גאַנצער שטאָט מענטשן און גיין איבערשפּאַרן אַזעלכע עקשנים, ווי די רויטע יִידלעך?

על כל פּנים איז זי, די „טרוקענע" הייסט דאָס, די שענסטע גאַס פון דער רויטער שטאָט. דאָרט זיצן די רײַכסטע נגידים, די פײַנסטע בעלי־בתים און די שענסטע פון די רויטע יִידלעך. דאָרט, אַף דער גאַס, געפינט איר שוין מויערן צווייגאָרנדיקע, מיט בלעך געדעקט, מיט שיינע געשניצטע גאַנקעס און מיט באַלקאָנעס און מיט רויטע, געלע, גרינע לאָדן. נאָר די אַרכיטעקטור פון די הײַזער איז אַ משונה־מאָדנע אַרכיטעקטור. די מויערן דאָרטן זײַנען, ווי אַף־צו־להכעיס — דער אַרײַן, דער אַרויס, איינער אַ הויכער, איינער אַ קורצער, און אַלע שטאַרק צע־נויפגעקוועטשט, גלײַך ווי זיי וואָלטן וועלן אָפּשטופּן איינס דאָס אַנ־דערע, אַרויסבאַווײַזן זיך אַף צו־פרײַער, ווי איינער רעדט: „שאַ, לאָז מיך!"... די פענצטער מיט די באַלקאָנעס קוקן אַלע גלײַך אין דער בלאָ־טע אַרײַן, נאָר עס מאַכט נישט אויס; עס האָט באַ זיי דווקא דעם זי־בעטן חן. אי, דער ריח? דער ריח איז זיך אַ ריח, וואָס זאָל מען טאָן? די רויטע יִידלעך זײַנען נישט חלילה פון די געבאַלעוועטע, וואָס גייען אויס נאָך לופט; „וואָזדוך־שמאָזדוך", זאָגן זיי... דער חוש הריח באַ זיי איז במילא שטאַרק געשלאָגן, און מחמת די נעזער זײַנען דאָס רוב באַ זיי, נישט פאַר אײַך גערעדט, שטענדיק פאַרלייגט, איז זיי שווער אויס־צורײדן די צוויי אותיות: אַ מ"ם און אַ נו"ן. די מ"ם פאַרבײַט זיך באַ זיי אָפט אַף אַ בי"ת און די נו"ן אַף אַ דל"ת. אַזוי אַז נחמיה קומט באַ זיי אויס דחביה, נחמה — דחבה און אַ נאָדל־פּאָדעם קומט באַ זיי אויס

— דאָדל־פּאָדעב. צום בײַשפּיל, אַט האָט איר אַ געשפּרעך צווישן מאַן און ווײַב:

— דחבה! איך האָב דיך וויפל באָל געבעטעד, זאָלסט דעבעט אַ דאָדעל־פּאָדעב אוד פּאַרדייעד ביר די קעשעדי. *

— דחביה! וואָס דולסטו ביר אַ בח? איך האָב טאָקע בער דיט וואָס צו טוד? לאָז זייד דאָבדעב, איך וועל אויסבעלקעד די בהבה אוד צו־שטעלעד דעב ווארעבעם, וועל איך דעבעד אַ דאָדל ביט אַ פּאָדעב אוד וועל דיר פּאַרדייעד די קעשעדי. **

אַ גאַנצע וואָך איז אַף דער גאַס שטיל, מחיה נפשות. זומער־לעבן זײַנען די פֿענצטער צוגעמאַכט, עס זאָל זיך נישט אַרײַנכאַפּן קיין פֿליגן, און די לאָדן זײַנען צוגעשפּאַרט, עס זאָל נישט אַרײַנשײַנען, חלילה, אַ שטראַל פֿון דער זון... מע באַהאַלט זיך אינעווייניק אין די הײַזער. מאַרק־מענטשן זײַנען אַ גאַנצן טאָג אין קלייט און קוקן אַרויס אַף אַ קונה. מע זעט נישט אַף דער „טרוקענער" קיין לעבעדיקן נפש. נאָר קומט שבת באַטאָג נאָכן קוגל, איז די גאַס נישט צו דערקענען. עס דרייען זיך אַרום אַף דעם דאָזיקן בולוואַר רויטע בחורים און מיידלעך, נאָר נישט ווי באַ אונדז, אויסגעמישט קאַשע מיט באָרשט, זכרים מיט נקבות, אַלע אינאיי־נעם; פֿע! דאָרט, באַ די רויטע ייִדלעך, גייט עס נישט. דאָרט שפּאַצירן די בחורים באַזונדער און די מיידלעך באַזונדער, איינס אַקעגן אַנדערן, פּונקט אַזוי ווי מע טאַנצט „אַ שער". און אַז מע באַגעגנט זיך, „וואַרפֿט מען מיט אויגן", מע טוט זיך, כּלומרשט אומגערן, פֿאַרבײַגייענדיק, אַ שמיר מיט דער קאַפּאָטע, אַ רײַב מיטן עלנבויגן, מע ווערט דערבײַ רויטלעך אַפּן פּנים און מע כיכיקעט שטילערהייט.

אָט אַזוי ווערן דאָרט אָפּטמאָל געשלאָסן שטילע ראָמאַנען, וואָס הייבן זיך אָן מיט אַ קוק אַ שטאַרקן, אַ שמיר מיט דער קאַפּאָטע, אַ רײַב מיטן עלנבויגן, אַ מאָל אויך מיט אַ זיפֿץ אַ טיפֿן, און לאָזן זיך

---

* נחמה! איך האָב דיך וויפֿל מאָל געבעטן, זאָלסט נעמען אַ נאָדל־פּאָדעם און פֿאַרנייען מיר די קעשענע. — ** נחמיה! וואָס דולסטו מיר אַ מוח? איך האָב טאַקע מער נישט וואָס צו טאָן? לאָז זײַן נאָכדעם, וועל איך נעמען אַ נאָדל מיט אַ פּאָ־דעם און וועל דיר פֿאַרנייען די קעשענע.

אוים, נישט ווי בא אונדז אין יעהופּעץ אָדער אין כתּרילעווקע — ניין! זיי לאָזן זיך אוים מייסטנטייל מיט... גאָרנישט.

## דאָס פערטע קאַפּיטל

(דאָס ערשטע באַגעגעניש פון די רויטע ייִדלעך מיט איינעם פון אונדזעריקע, די גוטע בשורה וואָס ער האָט זיי אָנגעזאָגט, און ווי אַזוי מע האָט אים אויפגעהויבן אויף אַ „הוררא״!)

איינמאָל אין אַ שבת פון די הייסע זומערדיקע שבתים, בשעת די רויטע בחורים און מיידלעך האָבן געשפּאַצירט פאַרלעכווייז איבער דער „טרוקענער״, האָט זיך פאַרלאָפן אַ מעשה, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ קאָ־כעניש, אַ גערודער, אַ טומל צווישן די רויטע ייִדלעך, פריִער אויף דער „טרוקענער״ און נאָכדעם אין דער גאַנצער שטאָט. וואָס איז די מעשה? מע האָט דערזען אַ מענטשן, עפּעס אַ משונה מאָדנע פאַרשוין, גאָר נישט קיין רויטן... מע האָט אַזעלכעם דאָרטן נאָך קיין מאָל נישט געזען. מע האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן אפילו, אַז עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז אַ ייִד זאָל האָבן נישט קיין רויטע האָר — אַ פאַרזעעניש! אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַטראַכטן גאָטס וווּנדער, מע האָט געטײַטלט מיט די פינגער, געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע און געפרעגט איינער דעם אַנ־דערן:

— ווער איז דאָס? וואָס איז דאָס? פון וואַנען איז דאָס? און וואָס טוט עס דאָ? אַ „פאַרזעעניש״, כי־כי־כי...

דאָס „פאַרזעעניש״ איז געווען דווקא אַ שיינער מאַן, שוין אין די יאָרן, מיט אַ הויכן ברייטן שטערן, מיט לאַנגע האָר און מיט אַ לאַנג בערדל, מיט אַ קלאָר ליכטיק שמייכלענדיק פּנים און מיט גוטע, תּמיד שמייכלענדיקע אויגן. עס ווײַזט אויס, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי עס קאָכט מיט אים די גאַס; ער איז זיך געגאַנגען, ווי אַ שטאָט־בעל־הבית, די הענט פאַרלייגט אַרונטער, דעם קאָפּ פאַרריסן אַרויף, באַ־טראַכט די „טרוקענע״ מיט אירע געפאַרבטע מויערן און געזונגען זיך שטילערהייט אונטער דער נאָז אַ לידל, גלײַך ווי נישט אים מיינט מען.

און די גאַס האָט אַלע מאָל, וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער, געקאָכט און געזשומעט.

— זשזשזשזשזשזשזש... הו־האַ!... ווער איז דאָס? וואָס איז דאָס? פון וואַנען איז דאָס? און וואָס טוט עס דאָ?... אַ מאָדנער נפש, כי־כי־כי...

בקצור, עס איז געבליבן, אַז מע זאָל צוגיין צום דאָזיקן נפש און באַ אים אַליין געוואָר ווערן, ווער ער איז, וואָס ער איז, און פון וואַנען ער איז און וואָס ער טוט דאָ? נאָר אַזוי ווי קיינער האָט נישט געוואָלט זײַן דער ערשטער, האָט איינער געשיקט דעם אַנדערן, איטלעכער איז אַ בעלן געווען אַף יענעם.

— גיי מאַך מיט אים אַ שמועס...

— וואָס עפּעס איך? גיי דו...

— פאָלג מיך, טו אים נאָר אַ פרעג...

— פרעג דו, וואָס עפּעס איך?

— ניין, דו גיי נאָר צו, און ריידן וועל איך...

— אָמער גיי דו צו, און איך וועל שוין נאָכדעם ריידן...

חברה איז געשטאַנען און האָט זיך אַזוי אָוועקגעדונגען אַ היפּשע צײַט, ביז מע האָט דעם פרעמדן פאַרשוין אַרומגערינגלט פון אַלע זײַטן. ער האָט דערזען, אַז ווײַטער לאָזט מען אים ניט גיין, און צוריק אויך נישט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אָנגערופן צום גאַנצן עולם אַף אַ קול, און די אויגן בשעת מעשה האָבן זיך אים אָנגעצונדן, געברענט ווי צוויי קויל־פײַער.

— גוט שבת אײַך, מײַנע ליבע ברידער און שוועסטער; איך זע, איר חדושט זיך אַף מיר, איר גאַרט צו וויסן, ווער בין איך, וואָס בין איך, פון וואַנען בין איך און וואָס טו איך דאָ? מוז איך מיך אַליין פאָרשטעלן פאַר אײַך: איך בין אײַער ברודער, אײַערער אַ לײַבלעכער, אַן אייגענער ברודער, איינער פון אײַערע צען מיליאָן ברידער, וואָס געפינען זיך אַף יענער זײַט טײַך סמבטיון און וואָס עס קאָן זײַן, אַז איר ווייסט אַפילו ניט פון זיי קיין צענט־חלק. וואָס מיר וויסן פון אײַך. איך שעץ מיך פאַר איינעם אַ גליקלעכן, וואָס אַף מיר איז געפאַלן דער גורל, איך זאָל אײַך אָנזאָגן די גוטע בשורה, אַז מע טראַכט פון אײַך דאָרטן באַ אונדז זייער געשמאַק, מע טוט פון אײַערט־

וועגן, מע וויל אײַך, פֿאַרשטייט איר מיך, אַרויסציִען אַלע רויטע ייִדלעך פֿונעם דאָזיקן פֿרעמדן לאַנד, וואָס מע האָט אײַך אַהערצו פֿאַרטריבן צוריק מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר, און מע וויל אײַך באַזעצן אין אייגן לאַנד...

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! אַוודאי ארץ־ישראל! — האָבן אויסגעשאָסן עטלעכע הונדערט פֿאַרשווין אַ געלעכטער, ווי פֿון צען האַרמאַטן. — ער רעדט עפּעס מאָדנע ווערטער; ער איז אַריבער דעם ס מ ב ט י ו ן... ער וויל אונדז פֿירן קיין ארץ־ישראל... ארץ־ישראל־ייִד... הוררא, ארץ־ישראל־ייִד!

— הוררררראַ! — האָבן אונטערגעכאַפּט נאָך עטלעכע הונדערט פֿאַרשווין, און די גאַס איז גיך פֿאַרפּלייצט געוואָרן מיט מענטשן. אַלע האָבן געלאַכט, זיך געהאַלטן באַ די זײַטן און געשריגן אין איין אָטעם: „הוררררא, ארץ־ישראל־ייִד!!"...

דער פֿרעמדער פֿאַרשווין, וואָס האָט פֿאַר זײַן גוטער בשורה געכאַפּט אַזאַ שיינעם ברוך־הבא פֿון די רויטע ייִדלעך, איז געבליבן שטיין נעבעך אַ פֿריטשמעליעטער, נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך; ער האָט אָפּגעלאָזט הענט און פּיס און האָט זיך געלאָזט גיין צוריק, און די גאַנצע חברה בחורים און מיידלעך — נאָך אים מיט אַ געלעכטער, מיט אַ פּײַפערײַ און מיט אַ הורראַ. איינער האָט גערופֿן דעם אַנדערן, מע זאָל גיכער גיין זען חדושים:

גיכער, אָט גייט ער, דער ארץ־ישראל־ייִד! גיכער, איר וועט אים חלילה פֿאַרשפּעטיקן!...

קוים מיט צרות, מיט לײַד, האָט זיך אונדזער פֿאַרשווין אַרײַנגעכאַפּט אין דער רויטער אכסניה, וווּ ער האָט געהאַלטן סטאַנציע, און האָט פֿאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר. און די רויטע ייִדלעך האָבן נישט אויפֿגעהערט צו קלײַבן זיך אַרום דער אכסניה, ליאַרעמען און פּילדערן, לאַכן און קאַטשען זיך פֿאַר געלעכטער און שרײַען: „הורררררראַ, ארץ־ישראל־ייִד! אַ גליק, וואָס ס'איז געווען שבת, ווען ניט, וואָלטן זיי צעטראָגן די שטוב אויף פּיצפּיצלעך. קיינער האָט נישט געוואָלט זיך רירן פֿונעם אָרט און גיין אַהיים, ביז דער בעל־אכסניה, אַ געזונטער ייִד אַ רויטער, האָט נישט אַרויסגעשטעקט דעם רויטן קאָפּ דורך אַ פֿענצטער און האָט אויסגעשריגן אויף אַ קול:

— רויטע שקצים! געשלייערטע שיקסעס! איר לײדיקגייערס, פּוס־טעפּסאַניקעס! וואָס האָט איר דאָ נישט געזען, וועלכן רוח? אַן אורח איז געקומען, אַ מענטש גלײַך מיט אַלע, נאָר ניט קיין רויטער, פאַרוואָס קומט אים, מע זאָל אים פאַרטיוקען? איך זאָג אײַך, איר זאָלט זיך די מינוט, די רגע צעגיין, ווי זאַלץ אין וואַסער, אַניט וועט אַ רוח אין אײַער ט... ט... אַרײַן!!

ערשט דעמאָלט האָט זיך דער עולם צעגאַנגען, אַוועק איטלעכער אין זײַן רו אַרײַן.

די רויטע ייִדלעך האָבן ליב, אַז מע זאָגט זיי אַ זאַך, זאָל דאָס זײַן מיט אַ טעם...

## דאָס פינפטע קאַפּיטל

(אַן אַסיפה באַ די רויטע ייִדלעך. — דער פרעמדער פאַרשוין האַלט אַ רעדע. — די רויטע ייִדלעך האָבן קיין צײַט נישט, שלאָגן אים איבער).

שבת צו־נאַכטס, תיכף נאָך הבדלה, האָט דער אורח געשיקט רופן צו זיך אַף דער אַכסניה די פאָרשטייערס פון דער שטאָט, אַלע פאָר־געמסטע לײַט, די רבנים, די לומדים, די נגידים, די משכילים, די גע־לערנטע, און אויך אייניקע פון די בעלי־מלאכות, פון פראָסטע מענטשן. ער האָט באַפוילן, אַז ער האָט מיט זיי צו ריידן וועגן עפּעס זייער אַ וויכטיקן ענין, וואָס געהער זיך אָן מיטן כלל, ער האָט זיי צו זאָגן זייער אַ נייטיקע זאַך, וואָס איז זיי נוגע אין לעבן אַרײַן.

אין שטאָט איז געוואָרן אַ רעש, אַ גערודער: „עפּעס אַ מענטש, אַן אורח, איינער פון די ש וו אַ ר צ ע ייִ ד ן , איז געקומען צופאָרן, פון יענער זײַט טײַך ס מ ב ט י ו ן ; ער גיט זיך אויס פאַר אַן ארץ־ישראל־ייִד און וויל עפּעס דערציילן נײַס. מע באַדאַרף גיין האָרכן וואָס וועט ער זאָגן"... די רויטע ייִדלעך האָבן זיך דווקא נישט געלאָזט לאַנג בעטן און מען איז געקומען אַף דער אַסיפה, יונג און אַלט, פון אַלער־ליי קלאַסן מענטשן, נישט אַזוי צוליב דער זאַך אַליין, ווי צוליב דעם,

וואָס יעדער איז אַ בעלן געווען אָנקוקן אַ פרעמדן מענטשן, אַן ארץ־ישׂראל־ייִדן, האָרכן ווי ער רעדט...

גיך איז די רויטע אכסניה געוואָרן פול אָנגעשטופּט מיט רויטע ייִדלעך. עס איז געווען אַ מוראדיקע ענגשאַפט, אַ שפּאַרעניש, אַ דערשטיקעניש, סכנות נפשות. אַלע האָבן געוואָלט וואָס נענטער צום אויבנאָן, פאַרנעמען דעם בעסטן אָרט. די ווענט האָבן געשוויצט, מען איז געשטאַנען קאָפּ אױף קאָפּ, און דער עולם האָט אַלץ נישט אויפגעהערט צו גיין און גיין, ביז דער רויטער בעל־אכסניה איז געפאַלן אויף אַן עצה — ער האָט פאַרשלאָסן טיר און טויער, גוט אויסגעשאָלטן פריִער דעם דרויסנדיקן עולם אַן ט... ט... אַרײַן, ווי זײַן שטייגער איז. ערשט דערמאָלט איז דער אורח אויפגעשטאַנען, און צווישן עולם איז געוואָרן אַ פּאַטשערײַ מיט אַ שאַקערײַ, מע האָט געקאָנט טויב ווערן.

— שאַ, שטיל זאָל זײַן! ששאַ, שששאַ, ששששששאַאַאַ!!! שאַט, שאַט! — האָבן געשריגן אַלע רויטע ייִדלעך אין איין קול. נאָכדעם איז געוואָרן אַ סמאַקערײַ מיט אַ שנײַצערײַ פון נעזער, גלײַך ווי מע וואָלט שוין אַ יאָר דרײַ אָדער פיר די נאָז נישט געשנײַצט. שפּעטער, אַז אַלע האָבן שוין אויסגעשנײַצט די נעזער, האָט איינער געגעבן אַ הוסט, נאָכדעם דער אַנדערער, נאָכדעם דריטער און אַזוי ווײַטער — עס איז אויף זיי אָנגעפאַלן פּלוצעם אַ הוסטעניש, עפּעס אַן עפּידעמיע, טאַקע נאָר ווי אויף צו־להכעיס!

— וואָס איז דאָס פאַר אַ הוסטערײַ אין מיטן דרינען? — האָבן זיך די נגידים צעשריגן. — נאַ דיר גאָר הוסטן! קראַנק געווען אין דער היים זיך אויסהוסטן דאָרטן? געקומען אהער הוסטן! אַ הוסטעניש אויף זיי! אַ העזה פון קבצנים, הוסטן גאָר?!...

און ס׳איז די מינוט געוואָרן שאַ־שטיל. פאַר אַ נגיד האָבן די רויטע ייִדלעך דאָס נײַניאָריקע קדחת! דאָרט אַז אַ נגיד זאָגט „נישט הוסטן" — הוסט מען נישט...

— הערט צו, רבותי! הערט מיך אויס, מײַנע ליבע, טײַערע ברידער! — אַזוי האָט דער אורח אָנגעהויבן זײַן שיינע דרשה און אין די אויגן בשעת מעשה האָט זיך אים אָנגעצונדן אַ פײַערל. — אײַערע היגע ברידער, די רויטע ייִדלעך, האָבן מיך אפילו אויפגענומען הײַנט עפּעס נישט אַזוי פרײַנטלעך, עפּעס נישט ווי זייער אַ ליבלעכן גאַסט;

זיי האָבן מיך אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם און האָבן מיר געמאַכט אַ הוררא, זיי האָבן מיך נישט פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב זיי געזאָגט. מיינט נישט, חס־ושלום, אַז איך האָב פאַריבל, אַז איך פאַל באַ זיך דערמיט אַראָפּ; חס־וחלילה! עס טוט מיר נאָר ווי דאָס האַרץ אױף אײַך, ברידער, וואָרעם איז זע דערפון אַרויס, ווי ווײַט מען איז נאָך דאָ באַ אײַך פאַרגרעבט און ווי נידעריק עס שטייט נאָך באַ אײַך דאָס פאָלק! נאָר אַזוי ווי איר זײַט דאָ אַצינד, ווי עס ווײַזט אויס, פאָרשטייערס, דער תפארת פון דער שטאָט; איך זע דאָ צווישן אײַך, זאָלן געזונט זײַן, רבנים, לומדים, נגידים, משכילים, געלערנטע און אַזוי פײַנע, איידעלע מענטשן, רעכן איך, אַז א י ר וועט מיך פאַרשטיין. איר דאַרפט וויסן, ברידער, אַז מיט גרויס מי, מיט מסירות־נפש האָב איך מיך צו אײַך דערשלאָגן אַהער, מײַנע ליבע רויטע ייִדלעך, וואָרעם איר ליגט פאַרשטעקט, זאָלט איר מיר מוחל זײַן, דער שוואַרץ־יאָר ווייס וווּ... צוקומען צו אײַך באַדאַרף מען דורכגיין אַ סך מדבריות און וויסטעניש, דורך בערג און דורך טאָל, וואַלד־אײַן, וואַלד־אויס... הײַנט איבערשפּאַנען אַזאַ ס מ ב ט י ו ן — אַ ווערטעלע אויסצורײדן! דעם ס מ ב ט י ו ן ! ! ! . . . איך האָב געוווּסט גאַנץ גוט, אַז די נסיעה איז אַ שווערע, אַ שווערע נסיעה, איך האָב געוווּסט, אַז איך פאַרליר איבער איר אַ סך צײַט, אַ סך געזונט און אַ סך געלט און אַ סך כבוד, וואָרעם ווען איך זאָג מיך אָפּ פון דער דאָזיקער נסיעה צו אײַך, מײַנע ברידער, וואָלט מיר געווען דאָרטן אַ סך, אַ סך בעסער, ווי ס'איז מיר אַצינד; מיר וואָלט זײַן בעסער און מײַנע קינדער אוודאי... נאָר דאָס האַרץ האָט מיך געצויגן צו אײַך, צו אײַך, מײַנע ברידער, האָב איך מיך אָפּגעזאָגט פון כבוד, האָב מיך אָפּגעזעגנט מיט מײַן עולם הזה און האָב מיך געלאָזט אױף קדוש־השם. איך האָב געוואָלט זיך זען מיט אײַך, מײַנע ליבע רויטע ייִדלעך, אײַך אָפּגעבן אַ פּרײַנט־לעכן גרוס פון אײַערע צען מיליאָן ברידער, וואָס אױף יענער זײַט טײַך ס מ ב ט י ו ן , אײַערע לײַבלעכע ברידער, וואָס דינען מיט אײַך איין גאָט און וואָס קומען אַרויס מיט אײַך פון איין שורש, פון אברהם יצחק ויעקב. מיר האָט זיך זייער געוואָלט זען וואָס טוט זיך דאָ באַ אײַך, און אַליין אָנזאָגן אײַך די גוטע בשורה, אַז מיר האָבן אײַך אין זינען,

מיר זאָרגן זיך פאַר אײַך. מיר טוען פון אײַערטוועגן אַזעלכעס, וואָס איר וועט, אם־ירצה־השם, זײַן צופרידן...

— דהיינו, וואָס? לאָמיר האָרכן וואָס? וואָס ציִט ער די נשמה?

— שרײַען מיט אַמאָל עטלעכע רויטע ייִדלעך, וואָס האָבן שוין קיין ציִט נישט.

— מע וויל אײַך, פאַרשטייט איר מיך, ברידער, אַרויסשלעפּן פון דאַנען. געווען אײַך שוין צו פּאַליאַסקען זיך דאָ אין דער בלאָטע, זײַן צו שאַנד און צו שפּאָט בײַ אַלעמען אין די אויגן! צײַט אויפשטיין, זיך אײַנצוואַשן, אויסצוואָגן זיך, ווערן לײַטן גלײַך!... מע וויל אײַך אַרויסציִען פון דאַנען, אַזוי ווי מע האָט אַמאָל אַרויסגעצויגן אײַערע עלטערן פון מצרים, און באַזעצן אײַך אין אײַער לאַנד, אינעם לאַנד פון אײַערע אבות, אינעם לאַנד, וואָס גאָט האָט געשוואָרן צו אברהם יצחק ויעקב, אינעם לאַנד, וווּ מיר האָבן אַמאָל געהאַט אונדזער בית־המקדש, אונדזערע כהנים און לוויים, אונדזער מלך, אונדזערע נביאים — א ר ץ ־ י ש ר א ל הייסט דאָס לאַנד, ארץ־ישׂראל, דאָס הייליקע לאַנד, וואָס אײַערע עלטערן האָבן פאַרגאָסן דערויף אַזוי פיל בלוט, וואָס פון דאָרטן איז אַרויסגעגאַנגען אַ געטלעכע ליכטיקייט — אונדזער תורה, און האָט באַלײַכט די גאַנצע וועלט, געעפנט אַלעמען די אויגן, געגעבן אַלע פעלקער געטלעכע ליכטיקייט, פרײַהייט, וויסנשאַפט... יאָ, מיר האָבן אַלעמען געגעבן ליכטיקייט און וויסנשאַפט, און אַליין זײַנען מיר פאַרקראָכן אין אלף השישי... אַלעמען געגעבן פרײַהייט, און אַליין האָבן מיר זיך פאַרשטעלט פאַר קנעכט, משרתים, לאַקייען... וואָס קוקט איר מיך אָן? וואָס שווײַגט איר? צו אײַך רוף איך, צו אײַך, פרומע רויטע ייִדלעך, רבנים, לומדים, חסידים, ייִדן מיט טליתים־קטנים, מיט לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט בערד און פּאות! איר ווייס דאָך יאָ וואָס ארץ־ישׂראל איז — א־ר־ץ י־ש־ר־א־ל! י־ר־ו־ש־ל־י־ם!! איר זאָגט דאָך יאָ באַם בענטשן: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב... בשובך לציון ברחמים... המחזיר שכינתו לציון... ועל ירושלים עירך ועל ציון משכן כבודך... וזכרון ירושלים עיר קדשך... ובנה ירושלים.“ און דעם געוויסן „לשנה הבאה בירושלים“...

—מילא, וואָס מע דאַוונט — רופן זיך אָן עטלעכע פרומע רויטע ייִדלעך — דערויף זײַנען מיר ייִדן, מיר זאָלן דאַוונען, גאָט דינען.

— דאַוונען און גאָט דינען? — שרײַט דער אורח — אָט דאָס איז טאַקע די מעשה, וואָס איר דאַוונט און ווייסט נישט וו אָ ס איר דאַ־וונט. איר רעדט און ווייסט ניט וו אָ ס איר רעדט. איר זײַט קראַנק און ווייסט נישט וואָס אײַך פעלט. איר גייט אַרום אין דער בלענדעניש, איר ליגט אין אַ הינערפּלעט, אַ בייזער שלאָף אָף אײַך...

— בקיצור! בקיצור! — שרײַען די רויטע ייִדלעך, וואָס האָבן קיין צײַט נישט. — גענוג מוסר! בקיצור!

— בקיצור ווילט איר? איר האָט פֿײַנט, אַז מע זאָגט אײַך דעם אמת?... ס'איז זאָג איך, אַ בייזער שלאָף אָף אײַך, בכן בין איך גע־קומען אײַך וועקן, אויפרײַסן פונעם שלאָף און שרײַען אײַך אין אויער אַרײַן: שטייט אויף, ברידער, שטייט אויף! שוין צײַט, שוין צוויי טויזנט יאָר, אַז איר ליגט דאָ אין דער בלאָטע און פילט גאָר נישט, ווי ווײַט אומ־גליקלעך איר זײַט, ווי דער וואָרעם וואָס ליגט אין כריין און מיינט, אַז ס'איז קיין זיסערס נישטאָ... שטייט אויף, קוקט אײַך אַרום, באַטראַכט אײַער לאַגע, זי איז געפערלעך! איר שטייט, זאָג איך אײַך, אין אַ סכנה, אין אַ מוראדיקער סכנה! איר ווערט וואָס אַ טאָג שוואַכער און שוואַכער. איר זינקט אין דער בלאָטע טיפער און טיפער. איר פאַלט אין דעם פינצ־טערניש נידעריקער און נידעריקער. איר ווערט וואָס ווײַטער אַלץ מער פאַרגרעבט, איר ווערט דערשטיקט אין דער ענגשאַפט, איר פרעסט איינס דאָס אַנדערע לעבעדיקערהייט...

— דעם שפּיץ! דעם שפּיץ! — שרײַען די רויטע ייִדלעך, וואָס האָבן קיין צײַט נישט, — זאָגט אונדז דעם שפּיץ!

— דעם שפּיץ ווילט איר וויסן? איר האָט קיין צײַט נישט? פּונקט דאָס אייגענע וואָס באַ אונדז. די אייגענע מענטשן מיט דעם זעלבן כאַראַקטער... דאָס אייגענע איז געוועזן אויך מיט אונדז, אײַערע צען מיליאָן ברידער, וואָס אָף יענער זײַט טײַך ס מ ב ט י ו ן, פּונקט דאָס זעלבע... נאָר מיר האָבן זיך באַצײַטנס ארומגעקוקט, אַז מיר שטייען שמאָל, מע וויל אונדז אײַנשלינגען, אָדער מע וויל אונדז לאָזן, מיר זאָלן זיך אַליין איינס דאָס אַנדערע אײַנשלינגען... מע האָט אונדז געגעבן אָנ־צוהערעניש, דאָס הייסט, קלעפּ מיט סטוסאַקעס גוטע; מיר האָבן פאַר־שטאַנען, אַז די וועלט איז אַ ים און די מענטשן זײַנען פיש... מיר זײַנען געקומען צום שכל, אַז די אַלע זיסע לידלעך, וואָס אונדזערע נביאים און

משורדים אין אַלע צײַטן האָבן אונדז געזונגען, זײַנען אוודאי זייער שיינע לידער, אָבער טאַקע ניט מער ווי לידער, וואָס זײַנען געזאָגט געוואָרן אַף אַמאָל, אַף „לעתיד לבא", אַז משיח וועט קומען... מיר האָבן דערפילט, אַז אונדזער הילף איז נאָר בײַ אונדז אין די הענט. אַז מיר לאַיין וועלן זיך ניט העלפן, וועט אונדז קיינער נישט העלפן. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אויב מיר ווילן לעבן, מוזן מיר זײַן לײַטנגלײַך, אַזוי ווי מיר זײַנען געווען אַמאָל, אַמאָל... מיר האָבן זיך באַקענט מיט אונדזער אייגענער שיינער היסטאָריע, מיט אונדזער אייגענער שיינער שפּראַך, און מיר האָבן דערזען, אַז מיר האָבן זיך אומזיסט געשעמט מיט דעם נאָמען ייִד, אַז מיר זײַנען אַ פֿאָלק גלײַך מיט אַלע פֿעלקער, אונדז פֿעלט נאָר אַ לאַנד, אַן אייגן לאַנד. האָבן מיר געמאַכט אַ גוואַלד פֿאַר דער גאַנצער וועלט: „לאַנד! לאַנד! גיט אונדז לאַנד!" מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפֿפֿאָרן אַלע אין איין אָרט, צענויפשמועסן זיך אַלע וועגן איין זאַך, און ס'איז געבליבן, מיר זאָלן זיך קודם כל אויסצוואָגן, אַרומוואַשן זיך אַליין און אויסצוואָגן און אַרומוואַשן אונדזערע קינדער. זיך אויסבילדן, ווערן מענטשן, צוגרייטן זיך אַליין און דאָס גאַנצע פֿאָלק צו דער גרויסער אַרבעט, וואָס שטייט פֿאָר. מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן אסיפות, קאָנגרעסן, זאַמלען געלט, גרינדן אַ פֿאָנד, לערנען אונדזערע קינדער, עפענען חדרים, מאַכן שקאָלעס...

— שקאָלעס? שקאָלעס נע זשעלאַיעם! זנאַט נע זנאַיעם! שקאָלעס נע זשעלאַיעם! — האָבן אויסגעשריגן מיט אַמאָל עטלעכע הונדערט רוי־טע ייִדלעך, און דער גאַנצער עולם האָט אָנגעהויבן צו ריידן, ליאַרע־מען און פֿילדערן אַף אַלערליי קולות. דער האָט געשריִען: „נע זשעלאַ־יעם!" און דער האָט געשריִען: „זשעלאַיעם! דווקא זשעלאַיעם!" און אינאיינעם איז דאָס אויסגעקומען אַ מיש־מאַש, אַ ווילדער קאָנצערט: „זשעלאַיעם... נע זשעלאַיעם... זנאַיעם, זנאַיעם... שקאָלעס נע זשעלאַיעם... דווקא זשעלאַיעם... אַף־צו־להכעיס נע זשעלאַיעם!"...

# דאָס זעקסטע קאַפּיטל

(דער פרעמדער פאַרשוין שטייט אויף פונעם טיש און די רויטע ייִדלעך ריידן אַלע אינאיינעם. — זיי שפּאַרן זיך, אַמפּערן זיך, שרײַען איבער איינס דאָס אַנדערע און צעגייען זיך בשלום אַהיים.)

די רויטע ייִדלעך כל־זמן זיי שווײַגן — שווײַגן זיי, נאָר אַז זיי הייבן אָן צו ריידן, ריידן זיי פון פײַער און פון וואַסער, און מיט הענט, און דווקא אַלע אינאיינעם; זיי שרײַען, זיי ליאַרעמען, זיי גראַגערן, ווי די סאָראָקעס אין וואַלד, עס מאַכט זיך זיי נישט צו דאָס מויל; דער כח פון אַ מענטשן איז דעמאָלט גאָר נישט אימשטאַנד זיי אָפּצושטעלן. וויפל דער אורח האָט זיי נישט געבעטן, מע זאָל אים לאָזן ריידן, אויסלאָזן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן וויפל דער עולם האָט נישט געפּאַטשט מיט די הענט אין טיש און געשריען: „שששששאַ! שששששששאַאַט! שטילער! שטיל זאָל זײַן!" — עס האָט נישט געהאָלפן קיין שמע־ישראל, כאָטש טו זיך אָן אַ מעשה! אפילו די נגידים האָט מען אויך געהאָרכט, ווי המן דעם גראַגער. אונדזער אורח האָט נעבעך געמוזט איבעררײַסן זײַן דרשה אין מיטן און מיט בזיונות אָפּטרעטן פונעם טיש און הערן, ווי די רויטע ייִדלעך פאַרטײַטשן, צעקײַען זײַנע ווערטער, איטלעכער נאָך זײַן השגה און נאָך זײַן פאַרשטאַנד.

— ער וויל שקאָלעס... שקאָלעס נע זשעלאַיעם... פון יענער זײַט טײַך... וואָסערע לאָקשן... עפּעס דערציילט ער אַרץ־ישראל... מע באַדאַרף חברות... חברות נע זשאַלאַיעם... וואָס זאָגט איר אַף זײַן פּיסק?... כ'וואָלט אַ בעלן געווען זײַן דאָרטן... שאַ, לאָז זײַן שטיל... וואָס ביסטו פאַר אַ מאַכער... אַרץ־ישראל לאָזט מיך... אַז מע זאָגט משוגע, זאָל מען גלייבן... איר זײַט מחילה אַ בהמה... פאַרך, אָט כאַפּסטו אַ פּאַטש... חברות, חברות באַדאַרף מען... ס'אַ משל, נו און געלט?... געלט?...

— איר הערט? עס האַלט שוין בײַ געלט! — אַזוי מאַכן די נגידים און כאַפּן זיך בײַ די קעשענעס. — דאָס מיינט מען אונדז, אַ פּנים? קומט, לאָמיר גיין אַהיים.

— אַן „אָקעלע" וועט זײַן בײַ אײַך הײַנט? — רופן זיך אָן די חברה „שנויץ מיט ברויט" צו איינעם פון די נגידים.

— אוודאי, ווי דען איז אנדערש? ווו זײַט איר נעכטן געווען?

— נעכטן זײַנען מיר געווען „איף“ באַם „חכם“ ביזן ערשטן מנין.

— אזוי? ווער איז באַגראָבן געוואָרן? ווער האָט געטאַפּט דעם טאָ־טער? דערציילט, דערציילט...

— אוי, פרעגט נישט, ס'איז געווען אַ רעכטע שרפה! פריִער האָט דער „סטאַטיק“ געזונגען אַ „תכנת־שבתל“, ווי געוויינטלעך, און דער „נשרף“ האָט געשוויצט; נאָכדעם האָט אים דער „בעל־תכלית“ געפּאַקט מיט פיר מלכים קעגן דרײַ טײַז, גוט אָפּגעשמיסן, געצויגן פון אים די עצמות, אַ דרײַערל בלינד, אַ פינפערל אַף צוויי, צוויי פינפערלעך אַף דרײַ, און דרײַ אַף מײַנע דרײַ, — ביז ס'איז אויסגעגאַנגען פּאַדעם, האָט ער אים געעפנט דאָס בלעטל, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. נאָר בעסער פון אַלע האָט געמאַכט דער „פּראָפעסאָר“: ער האָט געקלאַפּט מיט די ווײַבער אין „סטוקעלקע“ — ט י אָ מ נ ע ! האָט צוגענומען בא זיי ווו זיי האָבן געהאַט אַ פירער, און אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע... קומט, לאָמיר גיין, וועלן מיר עפּעס מתקן זײַן! אַן עבירה די צײַט, די נאַכט שטייט נישט...

— אַפּיקורסים! הולטײַעס! — שרײַען די רבנים און די איבעריקע כלי־קודש, וואָס האָבן זיך צונויפגעשלאָגן באַזונדער אין אַ ווינקעלע. — טריפניאַקעס נאָר ווילן אונדז פירן קיין ארץ־ישראל! „גלוחים“ ווילן אַראָפּברענגען משיחן! ייִדן, וואָס שווײַגט איר?!... גוואַלד! גוואַלד! שמע ישראל!!!...

נאָר מער פון אַלע האָבן זיך געשטעלט אַקעגן די געלערנטע פון די רויטע ייִדלעך, די חקרנים, די גריבלער, די פילאָזאָפן און פּאָליטיקער. זיי האָבן געפאָדערט, מע זאָל זיי געבן צו פאַרשטיין „על פּי חקירה“, „על פּי שכל“, „על פּי היסטאָריע“, „על פּי פּאָליטיקע“ און „על פּי מענטשלעכ־קייט“, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך און ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, מע זאָל נעמען אַ פּאָלק פון רויטע ייִדלעך, וואָס זיצן זיך רויִק שוין צוויי טויזנט יאָר אַף ד ע ר זײַט סמבטיון, וואָס מישן זיך נישט צו קיינעם, יאַטשעפּען נישט קיין פליג אַף דער וואַנט, — זאָל מען זיי פּלוצעם אין מיטן דרינען זאָגן: „נעמט אײַך, רויטע ייִדלעך, צענויף, פּאַקט אײַך אײַן און פּאָרט אריבער דעם טײַך סמבטיון און באַזעצט אײַך דאָרטן ערגעץ דאָרטן אין אַ וויסט לאַנד, צווישן ווילדע טערקן“... וואָס וועלן זאָגן די

אַלע איבעריקע פעלקער, און טאַקע דער טערק אַליין?... ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ מעשה, פרעגן מיר אײַך, אדרבה, באַווײַזט אונדז פון דער היסטאָריע, צי האָט זיך געטראָפן ווען אַזאַ געשיכטע? דאָס איז איין מאָל אוועק; און צווייטנס, איז דאָך אַ פּאַטש אין פּנים פאַר דער ציוויליזאַציע, אַ חרפה אַ בושה פאַר לײַטן! די גאַנצע וועלט קוקט אַרויס, אַז אָט־אָט טוט אַ שײַן די זון, און עס ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך, אַלע לענדער וועלן ווערן איין לאַנד, אַלע פעלקער וועלן ווערן איין פאָלק, אַלע שפּראַכן וועלן ווערן איין שפּראַך, אַלע מענטשן וועלן ווערן איין מענטש...

— גוט מאָרגן, מזל טוב דיר! גוט פאַרקראָכן! וואָס הייסט אַלע מענטשן וועלן ווערן איין מענטש? — שפּרינגט אַרויס איינער אַ יונגער מיט ברילן, ווײַזט אויס, אויך אַ געלערנטער. — מילא, אַז פון אַלע פעלקער וועט ווערן איין פאָלק — דאָס פאַרשטיי איך נאָך...

— כאַפּט זיך נישט! — שלאָגט אים איבער נאָך איינער אַ געלערנטער מיט אַ גרויסער ליסינע אויפן קאָפּ. — לאָמיר אַקאָרשט באַטראַכטן על פּי הקירה טאַקע נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע ווידער צוריק: וואָס ווערט אָנגערופן אַ פאָלק? וואָס איז דער פּשט פונעם וואָרט „פאָלק"? פון וואַנען נעמט זיך דאָס?

— אַ פאָלק ווערט אָנגערופן נאַציאָן, — גיט אים צו פאַרשטיין יענער מיט די ברילן, — דאָס וואָרט נאַציאָן שרײַבט זיך מיט אַ „טע", נישט מיט קיין „צע", און לייענען לייענט זיך דאָס דווקא אַ „צע", אָט אַזוי: NATION הײַנט פאַרשטייט איר שוין?

— ס'איז זייער נייטיק — רופט זיך אָן נאָך איינער אַ געלערנטער מיט גרויסע ברעמען — ס'איז זייער נייטיק, מע זאָל וועגן דעם אָנשרײַבן אַ באַזונדער בוך...

— אַ „רעפעראַט", — רופט זיך אָן נאָך איינער אַ יונגער געלערנטער און איז צופרידן, וואָס אים איז געראָטן אַרײַנצושטעלן אַזאַ הויך וואָרט.

— וואָס איז אײַך עפּעס געפעלן אַ רעפעראַט? — רופט זיך אָן יענער, וואָס מיט די ברילן, וואָס איז אים מקנא אויפן וואָרט „רעפעראַט". — אַ בוך איז עפּעס אַנדערש, און אַ רעפעראַט איז ווידער עפּעס אַנדערש. אַ בוך איז אַ טראַקטאַט, און אַ רעפעראַט איז אַ רעפעראַט.

— אַלץ איינס! — שרײַט יענער געלערנטער שוין מיט כעס — קיין שום חלוק נישט!

— ווי פון טאָג צו נאַכט! — שרײַט דער אַנדערער.

— האָט קיין פּאַריבל נישט, — שרײַט דער ערשטער — ס׳איז קיין שום חלוק נישט!

— האָט קיין פּאַריבל נישט, — שרײַט דער אַנדערער שוין אױף דײַטש — פאָן דיזען ביז דאַזען איז אַ גרויסער „חולאק״!...

— אָבער לאָז שוין זײַן גענוג! — מישט זיך אַרײַן איינער פון די משכילים. — האָסטו געהערט אַן אַקציע, געלערטע מענטשן זאָלן זיך קיין מאָל נישט קאָנען אויסגלײַכן! אַז דער זאָגט טאָג, זאָגט דער נאַכט! איר לייגט זיך בעסער אַרײַן, עס זאָל ווערן אַ חברה, עס זאָל זײַן אחדות בײַ די רויטע ייִדלעך, מע זאָל עפּעס אָנהייבן טאָן, — דאָס איז אַביסל נייטיקער פון אײַערע חקירות מיט אײַער פילאָזאָפיע, מיט אײַערע טראַקטאַטן און מיט אײַערע רעפעראַטן!...

* * *

עס איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט, און די רויטע ייִדלעך האָבן נאָך אַלץ גערעדט און געפּלוידערט, געליאַרעמט און געגראַגערט, אַלע אינאיינעם און מיט הענט, ווי געוויינטלעך, די רבנים האָבן געשריִען „אַפּיקורסים! שקצים! הולטײַעס! קאָלבאַסניקעס! זיי ווילן אונדז אַראָפּברענגען משיחן!״... די געלערטע, די חקרנים, די פילאָזאָפן האָבן נישט אויפגעהערט צו חקירהן, צו שפּאַרן זיך און אַמפּערן זיך צווישן זיך. זיי האָבן נאָר געוואָלט, מע זאָל זיי באַווײַזן טאַקע באַלד, אָט־אָ־דאָ אױפן אָרט, ווי אַזוי וועט דאָס זײַן, ווי אַזוי וועט מען דאָס נעמען אַ פאָלק און מע וועט דאָס אַריבערפירן דעם ס מ ב ט י ו ן און באַזעצן אין ארץ־ישראל? עפּעס לייגט זיך דאָס נישט אױף דעם מח! אָט לאָמיר נעמען די געשיכטע פון די אַלע איבעריקע פעלקער...

— אַלע איבעריקע פעלקער זײַנען עפּעס אַנדערש — כאַפּט זיך אַרויס נאָך אַ געלערטער — און די רויטע ייִדלעך זײַנען ווידער עפּעס אַנדערש.

— אַלץ איינס! — שרײַט יענער.

—ווי טאָג צו נאַכט! — שרײַט דער אַנדערער.

— האָט קיין פּאַריבל נישט, ס׳איז קיין שום חלוק נישט!

— האָט קיין פאַריבל נישט, פאַן דיזען ביז דאָזען איז אַ גרויסער „חולאַק"!...

— אָבער אַן עק מוז עס דאָך האָבן! — שרײַען די משכּילים. — מע באַדאַרף זען עפּעס טאָן לטובֿת פונעם פאָלק. מיט אײַערע חקירות וועט דאָס פאָלק נישט זאַט זײַן. נו, אדרבה, טראַכט צו עפּעס אַן אַנדער מיטל, אַז עס געפעלט אײַך נישט ארץ־ישׂראל. דאָס פאָלק וואַרט, דאָס פאָלק קוקט אַרויס אויף אײַך, און איר האָט אין זינען חקירה, פילאָזאָפיע, פּאָליטיקע!...

— אַ יושר, כּלעבן, — העלפן אונטער די אָרעמע לײַט — מע זאָל טאַקע עפּעס אָנהייבן אונדז אויך אין זינען האָבן, — עפּעס טאָן פון אונדזערט וועגן און פון אונדזערע קינדערס וועגן...

נאָר קיינער הערט זיי נישט. אַלע ווילן ריידן, קיינער וויל נישט האָרכען. מע רעדט און מע רעדט אַזוי לאַנג, ביז מע הייבט זיך אָן בים־לעכווײַז צעגיין. פריִער פון אַלעמען רוקן זיך אַרויס פּאַוואָלינקע די נגי־דים, נאָך זיי די חבֿרה „שנויץ מיט ברויט", און, גייענדיק אַהיים, שיט מען מיט גלײַכווערטלעך, מע באַרעדט, מע שפּעט אָפּ, מע מאַכט חוזק פו־נעם פרעמדן פּאַרשוין, וואָס איז אַריבער דעם ס מ ב ט י ו ן, און פונעם רויטן בעל־אכסניה, און פון די רבנים, פון די געלערטע, פון די משכּילים און פון דער נײַער חבֿרה „רויטע ארץ־ישׂראל ייִדלעך", פון אַלע רויטע ייִדלעך און פון דער גאַנצער וועלט...

## דאָס זיבעטע קאַפּיטל

(ראש חודש אלול גייט אַוועק, און בעל־הבית בלײַבט בעל־הבית. — דער פרעמדער פּאַר־שוין פאָרט אַוועק, און די רויטע ייִדלעך בלײַבן רויטע ייִדלעך.)

אויף מאָרגן, אַז מען איז אויפגעשטאַנען פונעם שלאָף, איז שוין דער אורח, דער פרעמדער פּאַרשוין נישט געווען אין שטאָט. די רבנים האָבן נישט געקאָנט אַריבערטראָגן אַזאַ אַן אפּיקורסות, אַז די רויטע ייִדלעך, וואָס האָבן ביז אַהער אַרויסגעקוקט אויף משיחן, געזאָגט מיט כּוונה „אני מאמין" און געשריִען אויף אַ קול „לשנה הבאה בירושלים", — זאָלן פּלו־

צעם גאָר אַליין פון זיך אָנהייבן טראַכטן מכח ארץ־ישראל?!... האָבן זיי זיך נישט געפוילט און זײַנען אַוועק גלײַך צו „נאַטשאַלסטווא" און האָבן אײַנגעגעבן אַ פּאַפּיר אַזוי און אַזוי, דאָס איז דאָס: „הנה זײַט וויסן — אַזוי האָבן זיי געשריבן אין פּאַפּיר — אַז עפּעס איינער אַ פּרעמדער, פון אַלדי שוואַרצע יאָר, איז אַראָפּגעפאָרן אַהער צו אונדז אין שטאָט אַרײַן און בונטעוועט דעם עולם... מיר האָבן עדות, די גאַנ־צע שטאָט וועט גיין שווערן, אַז ס'איז אמת.. לכן בעטן מיר, אַזוי ווי פּאַרן לאַנד און פאַר „קאַזנאַ" איז דאָס געווים נישט קיין קליינער היזק — און „קאַזנאַ" איז דאָך בײַ אונדז טייערער פון אַלצדינג, — זאָל מען זיך באַצײַטנס אַרומקוקן, נעמען מיטלען, אַז מע זאָל די רויטע יִדלעך חלילה נישט אַראָפּפירן פונעם דרך הישר... און אַזוי ווי אונדז איז נישט באַ־וווּסט, ווער דער דאָזיקער נפש איז, פון וואַנען ער איז, וואָס ער איז, און וואָס איז זײַן טועכץ, זאָל מען אים באַזוכן און זען, צי האָט ער שוואַרץ אויף ווײַס... וואָרעם ווערדליק עס ווײַזט אויס, באַדאַרף ער זײַן אָדער אַזעלכער, וואָס האַנדלט מיט פאַלשע אַסיגנאַציעס, אָדער אַ בורה, אַן אַנטלאָפענער פון ערגעץ, אָדער איינער פון הײַנטיקע ווײַסע־חברהניקעס, וואָסריידן אָן, פירן אַראָפּ פון וועג און פאַרפירן אין דער שאול־תחתיה אַרײַן... קיין כשרע זאַך איז דאָס געווים נישט"...

כך הווה, דער פרעמדער פּאַרשוין איז נאָך געשלאָפן, בשעת צום רויטן בעל־אכסניה האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ „קנעפּל" מיט אַ בלויער נאָז און האָט זיך אָנגערופן צו אים בזה הלשון:

— הער נאָר אויס, ברודער, מיר האָבן דיך תמיד געהאַלטן פאַר אַ שטילן, אַן ערלעכן ייִדן; איך וואָלט זיך גיכער געריכט אויף דיר אַ פּגירה, איידער דו זאָלסט האַנדלען מיט טרפה סחורה, קאָנטראַבאַנד...

דער רויטער בעל־אכסניה איז געוואָרן אַ געניטער מענטש און אַ חשוב באַ אַלע „קנעפּלעך", האָט ער קודם כל געהייסן, מע זאָל דער־לאַנגען אַ פלעשל מיט צוויי גלעזלעך.

— אָט הער וואָס מע שרײַבט אויף דיר! — מאַכט צו אים דאָס קנעפּל און זאָגט אָן די נאָז אויף צו לייענען דאָס פּאַפּיר. — און ווער, מיינסטו, שרײַבט דאָס? טאַקע אײַערע פאַרשאָלטענע רויטע ייִדלעך! ווען וואָלטן מיר דען געוווּסט וואָס באַ אײַך טוט זיך, ווען אײַערע זאָלן נישט שרײַבן איינס אויף דאָס אַנדערע קיין מסירהלעך?

— אדוני פריץ, וואס איז דײַן באגער? — מאכט צו אים דער בעל־אכסניה און גיסט אָןביידע גלעזלעך. — לאָמיר קודם כל זײַן געזונט און לאָמיר טרינקען לחיים; לחיים, פריצוני! — מאכט ער אף יִדיש. — לאָז גאָט געבן אַלצדינג, וואָס איך ווינטש דיר... אצינד זאָג מיר, וואָס איז דײַן באגער?

—זאָג מיר נאָר, סערדצע, — רופט זיך אָן דאָס „קנעפּל" — ווער האָט זיך דאָס אָפּגעשטעלט בא דיר אף הײַנטיקן שבת עפּעס א מאָדנער פּארשוין? פון וואנען איז ער און וואָס טוט ער הי און וואָס האָט ער דאָ געכטן עפּעס געדרשנט?

—געזונט זאָלסטו מיר זײַן און שטארק אף אלע אברים! — רופט זיך אָן צו אים דער בעל אכסניה. — איך פארשטיי גאָר נישט איין וואָרט, וואָס דו רעדסט צו מיר; ס'איז עפּעס טערקיש! ערשטנס, ווייס איך אליין נישט ווער דאָס איז; צווייטנס, איז ער שוין לאנג אוועקגע־פאָרן; און דריטנס, האָט זיך בא מיר קיין מאָל נישט אָפּגעשטעלט אזא פּארשוין... איך ווייס גאָר נישט פון קיין פותר און פון קיין חלום! לחיים, לחיים, לאָמיר ביידע זײַן געזונט, ס'זאָל דיר אָנגיין, פריץ, כאָטש האלב, וואָס איך ווינטש דיר!...

— אי, ביסטו א מאשעניק! — מאכט צו אים דאָס „קנעפּל" מיט א געלעכטער. — דיך האָט מען, אייגנטלעך, שוין לאנג באדארפט אויפ־הענגען אף א בוים; נאָר דײַן גליק איז, וואָס איך האלט פון דיר, דער ר'וח זאָל דיך וויסן, פאר וואָס. איך ווייס דאָך, אז דו לײַגסט, ווי א הונט! פאָלג מיך, זײַ זיך בעסער מודה, און באווײַז מיר דעם דאָזיקן נפש, איך וויל אים א טאָפּ טאָן באם דופק...

— אָך, מיטן גרעסטן כבוד! פאר דיר איז דען פאראן בא מיר א פארבאָרגענע זאך? — זאָגט אים דער בעל־אכסניה און לויפט ארײַן צום אורח און רײַסט אים אויף פונעם שלאָף.

— יהודה בלא! שטייט אויף, טוט אײַך אָן, פאקט אײַך צענויף, נעמט די פיס אף די פּלייצעס, און מאכט א ויברח, אבער טאקע באלד וואָרעם ס'איז מיט אײַך נישט פריילעך! איך היים אײַנשפּאנען די פור פון אײַערטוועגן. מאכט־זשע נישט קיין שיהות און פאָרט אײַך גע־זונטערהייט בשם אלקי ישראל, איר זאָלט זיך אפילו גאָר נישט ארומ־קוקן צוריק! און אז גאָט וועט אײַך ברענגען בשלום אהיים, זאָלט איר,

למען השם, בענטשן גומל, וואָס איר זײַט אַרויס טרוקן... פרעגט נישט קיין קשיות, לייגט אײַך צעניף און אַנטלויפֿט, איר קענט נישט די רויטע ייִדלעך און איר ווייסט נישט ווער אונדזערע כּלי־קודש זײַנען... פּאַרט געזונטערהייט און לאָזט גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פֿרײַנטלעך!...

* * *

פון דעמאָלט אָן איז באַ די רויטע ייִדלעך, דאַנקען השם־יתברך, שלום ושלוה, שאַ־שטיל, מחיה נפשות! איטלעכער האָט אין יזנען זיך, איטלעכער איז פאַרנומען מיט זײַנעם: דער קרעמער קוקט אַרויס אַף קונים; דער בעל־הלוואה שרײַבט קוויטלעך „על פּי־היתר־עסקא"; די קליינע פּיאַווקעלעך נעמען „וואָכער"; דער בעל־מלאכה האָרעוועט מיטן בלוטיקן שוויים; די שוחטים שעכטן, די חזנים זינגען, די מלמדים קנעלן; די מאַרק־מענטשן גייען אַרום מיט די שטעקעלעך אין גאַס און טראַכטן: ווו נעמט מען אַף שבת?... יונגעלײַט, משכּילים, שרײַבן מאמרים אין די בלעטער; זיי קומען זיך צעניף אַלע שבת־צו־נאַכט, מאַכן אסיפות און מע שמועסט, ווו נעמט מען געלט אַף צו קויפן ערד אין ארץ־ישראל?... די נגידים דערהערן נאָר דאָס וואָרט „געלט", קומט אַף זיי אָן אויסכאַפּעניש. „וויים איך! — זאָגן זיי — קבצנים, שלעפּערס, מלמדים, ייִנגלעך ווילן אָפּקויפן ארץ־ישראל. נישטאָ ווער סע זאָל לאַכן!"... די „פּוסטעקראַטען", אָדער די חברה „שנויץ מיט ברויט", פּאַדטאַקעוועט, באַמקען־צו די נגידים און מאַכן חוזק פון דער נײַער חברה „רויטע ארץ־ישראל־ייִדלעך", האַקן אין „אָקע", קלאַפּן אין „סטוקעלקע", שפּילן אין „דערדע", אין „זעקס און זעכציק", אָדער גאָר אין יענער שכלדיקער שפּיל, וואָס מע רופֿט זי „טערטל־מערטל"... אויך די געלערנטע, די חקרנים, קלײַבן זיך צעניף אַלע נאַכט, הערן נישט אויף צו חקירהן איבער דער פֿראַגע פון ארץ־ישראל, צי קאָן עס חלילה נישט אָנרירן דעם פּראָגרעס, שאַדטן דער ציוויליזאַציע?... איין חקירה ברענגט זיי אַרײַן אין דער אַנדערער חקירה, איטלעכע פּראַגע שלעפּט צו זיך נאָך אַ פּראַגע; מע רעדט, מע שאַרפט זיך די צינגלעך, מע לויפֿטערט די שפּראַך, מע אַמפּערט זיך און מע קריגט זיך — עס לאָזט זיך גאָר נישט אויס באַ זיי קיין מאַטעריאַל. זיי זײַנען שוין פאַרקראָכן אַזוי ווײַט, אַז זיי האַלטן שוין באַ דער חקירה: „וואָס איז פריִער באַשאַפֿן

געוואָרן אַף דער וועלט — צי דאָס איי, וואָס פון דעם פּיקט זיך אויס אַ הינדל, צי די הון, וואָס לייגט אַן איי?"... און „וואָס איז דער שכל, וואָס דאָס ווײַסל מיטן געלכל ליגן שטענדיק אינאײנעם און מישן זיך קיין מאָל נישט צענויף?"... וכדומה אַזעלכע טיפע חקירות. — און די אָרעמע לײַט? גאָר נישט. אָרעמע לײַט זײַנען זיך אָרעמע לײַט, גייען זיך אויס שטילערהייט פון הונגער — ווער קאָן זיי חלילה פאַרווערן? שטאַרבן איז דאָך אַ גאָט־זאַך, מיר וועלן אַלע שטאַרבן... און די קינ־דער זייערע — אויך נישקשה. גייען זיך אַרום פראַנק און פרײַ, נאַקעט און באָרוועס, נישט געצוואָגן, נישט געקעמט, פּאַליאָסקען זיך אין דער בלאָטע מיט אַלע חזירים. און להבדיל, די רבנים? און די איבעריקע זײַ־ערע כלי־קודש? — לאָזט זיי געמאַך: זיי האָבן געגוג אַרבעט באַם ערוב, באַם פּסחדיקן בראָנפן, באַ דער מצה־שמורה און באַ די אַלע אי־בעריקע זאַכן, וואָס זײַנען שײַך צו ייִדישקייט. גענוג פון זייערטוועגן, אַז זיי האָבן אין זינען באַוואָרענען די רויטע ייִדלעך אַף סוכות מיט „קאַרעפּירער" אתרוגים, חלילה נישט פון ארץ־ישראל... הכלל, ס'איז קיין עין הרע שטיל אַף יענער זײַט טײַך ס מ ב ט י ו ן, שטיל און רויק. אַ שטילע, אַ געדיכטע, אַ טונקעלע נאַכט האָט זיך אָנגערוקט אַף די רויטע ייִדלעך, זיי ווילן שלאָפן ששש... ווייסט איר וואָס? לאָמיר זיי נישט שטערן. לאָמיר זיך צעגיין שטילערהייט, אַף די שפּיץ פינגער, און לאָמיר זיי צו־ווינטשן אַ גוטע נאַכט מיט זיסע חלומות. — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ גוטע נאַכט, רויטע ייִדלעך, שלאָפט געזונט! — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

# צווייטער טייל.

## דאָס אכטע קאַפּיטל

(די בעלי־הבתים פון דער מדינה, זייער שנאה צו די רויטע ייִדלעך. — דער קלאַפּ וואָס האָט זיי געטראָפן פּלוצעם, אומגעריכט. — די חדושים וואָס זיי דערציילן זיך אַז וועגן דעם דאָזיקן אומגליק.)

די רויטע ייִדלעך זײַנען נישט די איינציקע, נישט קיין ציטעריקע אַף יענער זײַט סמבטיון. פֿאַראַן אויך אַ הויז זיי דאָרטן אַנדערע פֿעלקער: אַראַבער, פּערסיאַנער, אינדיאַנער, טערקן, טאָטערן וכדומה, וואָס זאָגן, אַז זיי זײַנען גאָר דער רעכטער צימעס, זיי זײַנען די בעלי־בתים פֿונעם לאַנד, און די רויטע ייִדלעך — דאָס זײַנען נישט מער ווי אַן אונטער־שלאַק, אַ רעשטל צו די צרות. און כאָטש די רויטע ייִדלעך טענהן, אַז זיי זײַנען דאָרטן אויך שטיקלעך מחותנים, ברענגען ראיות פֿון דער היסטאָריע, אַז זיי זײַנען דאָרט „תושבים" גלײַך מיט אַלע, וואָס זיצן שוין דאָרטן פֿון כמה וכמה יאָרן, — נאָר מע הערט זיי מיט זייערע טענות און מיט זייערע ראיות ווי דעם פֿאַראַיאָריקן שניי, און זיי רע־כענען זיך דאָרט פֿאַר פֿרעמדע, אָנגעוואָרפֿענע, אײַנגעבעטענע, צענויפֿ־געלאָפֿענע פֿון אַלדי שוואַרצע יאָר... אַ סך הונדערטער יאָרן האָבן די פֿעלקער געלעבט מיט די רויטע ייִדלעך בשלום ושלוה, גאָר פֿײַנטשיק, היינו: מע האָט זיי געלאָזט, זיי זאָלן זיך דאָרט זיצן פֿראַנק און פֿרײַ אין די ערטער, ווו זיי זיצן שוין, און, אדרבה, קוים האָבן זיי זיך ערגעץ באַזעצט, זאָלן זיי שוין זיצן אין געהאַקטע ווונדן... אויך אין די שטעט האָט מען זיי אָפּגעטראָטן באַזונדערע גאַסן פֿון זייער כבוד וועגן, ווו זיי קאָנען זיך טאָן וואָס זיי ווילן: עפּענען קלייטלעך, האַלטן שענקלעך,

פארקויפן בראנפן, אויפקויפן תבואה, סרסורן, מעקלערן, האנדלען, וואנדלען, דרייען, פארלייען געלט, נעמען פראצענט וויפל ס'לאזט זיך... און דערפון טאקע האט זיך גענומען די ערשטע שנאה, וואס מע האט געווארפן אף זיי אן אומחן, ווארעם בשעת מע האט באדארפט צו זיי האבן, איז מען מיט זיי געווען אדרבה ואדרבה, קוצעניו־מוצעניו, ווי געוויינטלעך, און נאכדעם, אז ס'איז געקומען צום זמן, מע באדארף צאלן און ס'איז נישטא מיט וואס, האבן די רויטע יידלעך אנגעהויבן צושטעלן די קוויטלעך, איינגעבן די וועקסלען; איז געווארן א גוואלד: „פיאווקעס! עקספלאטאטארעס! געבראכט אהער זייער טאטנס ירושה! טונעיאדצעס! פאראזיטן! שאכער־מאכערס! מענטשן וואס זייען ניט און שניידן ניט און עסן — עסן זיי! וואס באדארף מען זיי? וואס באדארפן מיר רויטע יידלעך? לאזן זיי זיך גיין אהין, פון וואנען זיי האבן זיך גענומען!"... די רויטע יידלעך האבן דאס אלצדינג אויסגעהערט און האבן זיך געמאכט דערפון: „עט, זיי וועלן אזוי לאנג בילן, ביז זיי וועלן אנשטומט ווערן; אז זיי וועלן באדארפן האבן, וועלן זיי ווידער קומען צו אונדז"... די רויטע יידלעך זיינען געגאנגען מיט דעם גאנג, אז איינגאנצן זייער כח איז די מטבע, אז א ייד באדארף איינזינען האבן פרנסה, א ייד באדארף מאכן געלט, און וואס מער איז בעסער... די רויטע יידלעך, וואס האבן ליב אפשפעטן פון איטלעכן באזונדער, חוזק מאכן פון דער גאנצער וועלט, און אפילו פון זיך אליין, זאגן אף זיך זייער א גראב ווערטל: „אלע מענטשן — זאגן זיי — ווערן איינגעטיילט אין צוויי קאטעגאריעס: פארכעס און פארכעס. האט איר קיין געלט נישט, זייט איר דאך גלאט א פארך; האט איר געלט — זייט איר אוודאי א פארך, ווארעם אז ניט, וואלט איר דאך קיין געלט ניט געהאט... נאר ס'איז גלייכער — זאגן זיי — א פארך מיט געלט, איידער אן געלט, און אז מע עסט חזיר, זאל רינען איבער דער בארד, און דארט ווו געלט, זאגן זיי, דארט איז כבוד, דארט איז יחוס, דארט איז תורה, דארט איז חכמה — מיט איינעםווארט: געלט איז די וועלט. איי, די איבעריקע פעלקער מאכן פון אונדז חוזק, זיי זאגן: „לייבסערדאקעס, שאכער־מאכערס, טונעיאדצעס, פאראזיטן, עקספלאאטאטערעס"? לאזן זיי ריידן, ווער הארכט זיי? מיר ווייסן דאך יא ווער מיר זיינען; מיר זיינען פארט די אויסדערווילטע, די מיוחסים בא גאט; מיר זיינען פארט „אתה בחרתנו מכל

העמים"... וואָס פּאַר אַ פּנים האָבן באַ אונדז אַלע זייערע זאָגעכצן אַקעגן איין „ששי", להבדיל, אין בית־המדרש? וואָס פּאַר אַ ווערט האָט דאָס אַקעגן איין פּסוק פון „אתה הראית"? לאָזן זיי ריידן, לאָזן זיי שרײַבן; מיר האָבן איבערגעלעבט ערגערע המנס, מיר וועלן זיי, אם ירצה השם, אויך איבערלעבן. מיר וועלן זיך ווײַטער פּאָרן צום רבין, כאַפּן שירים, פּראַווען שלש־סעודותן; איין מאָל מאָל פּאַר אַלע מאָל — נישט געזאָרגט, חי געלעבט:

דער רבי האָט געהייסן פריילעך זײַן,
פריילעך זײַן,
און טרינקען ווײַן,
ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן!"...

אַזוי האָבן די רויטע יִדלעך זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, און אַזוי האָט זיך דאָס געצויגן אַ צײַט מיט יאָרן, ביז עס האָט זיך אָט דאָ ניט לאַנג מיט אַמאָל אָנגערוקט אַף זיי אַ געדיכטער, אַ פינצטערער וואָלקן; עס האָט אַ זעץ געטאָן אַ דונער, אַ פײַעריקער בליץ האָט אַף איין אויגנבליק באַלײַכט דאָס שרעקלעכע פינצטערניש, און אַ האָגל, אַ מוראדיקער האָגל פון שטיינער האָט אויסגעבראָכן און איז געפאַלן אַף זייערע קעפּ, געטראָפן די אָרעמע לײַט נעבעך, וואָס זיצן צענויפגעשפּאַרט דאָרטן ערגעץ אונטער דער שטאָט, אַף די „קבצניוקעס"... ווי פון אַ לאַנגן־לאַנגן שלאָף האָבן זיך דעמאָלט אויפגעכאַפּט די רויטע יִדלעך, זיך אויסגעווישט די אויגן און געפרעגט איינער באַם אַנדערן:

— האַ? וואָס? וואָס איז דאָ געשען?...

— וואָס איז דאָ געשען? — רופט זיך אָפּ איינער פון די רויטע יִדלעך. — אָט וועל איך אײַך דערציילן וואָס איז דאָ געשען; ס'איז דאָ געשען אַ שיינע מעשה: יִדישע משרתים פון אַ יִדישער קלייט האָבן זיך צעקריגט מיט די פּערסיאַנער פּריקאַזטשיקעס פון אַ פּערסיאַנישער קלייט איבער אַ קונה אַ פּערסיאַנער. איז זיך מיישב אַ יִדישער משרת, יצחק הייסט ער, און וויל אָפּרופן דעם קונה, איז זיך מיישב דער פּערסיאַנער פּריקאַזטשיק, פרשנדתא הייסט ער, און זאָגט צו אים, צום יִדישן משרת, צו יצחקן הייסט דאָס: „זשידאָן"... איז זיך מיישב דער יִדישער משרת, יצחק הייסט דאָס, און רופט זיך אָן צום פּערסיאַנישן פּריקאַזטשיק: „חאַמראַוק"!... איז זיך מיישב דער פּערסיאַנישער פּריקאַז

טשיק און זאָגט צום ייִדישן משרת, צו יצחקן הייסט דאָס: „איר זײַט אַלע לײַבסערדאַקעס, פּאַנטשאָכעס, קנאַבל־פּרעסער"... איז זיך מיישב דער ייִדישער משרת, יצחק הייסט דאָס, און ענטפערט אים אָפּ: „און איר זײַט אַלע חזירים, שכורים, גראָבע קעפּ..." איז זיך מיישב יענער, דער פּריקאַזטשיק הייסט דאָס...

— אַ מעשה אָן אַן עק! — שלאָגט מען אים איבער אין מיטן. — איז זיך מיישב דער, איז זיך מיישב יענער! ס'איז גאָר ניט דערפּאַר. געקומען האָט זיך דאָס גאָר איבער אַ פּריץ אַ פּאָמעשטשיק, וואָס מע רופט אים „אנג"; ער האָט פּאַרזעצט בײַ אונדזער גביר זײַן מאַיאָנטעק מיטן וואַלד, מיט דער מיל, מיט דער קאַרעטע, מיט די פּערדלעך, און האָט געצאָלט אַזוי לאַנג פּריצענט, ביז אונדזער גביר האָט אים צורעכט געמאַכט, צוגענומען בײַ אים זײַן מאַיאָנטעק, מיטן וואַלד, מיט דער מיל, מיט דער קאַרעטע, מיט די פּערדלעך, אים געשטעלט אַף די פּיס ... האָט דער פּריץ געשוואָרן: ער מוז זיך נוקם זײַן...

— אַ משל! גאָר נישט דאָס! — מישט זיך אַרײַן אַ ייִדענע. — אָט וועל איך אײַך דערציילן. פֿאַראַן אַ פּריצה, זייער אַ רײַכע, ושתי הייסט זי; האָט זי אַ זונדל פֿון אַ יאָר אַכצן, האָט ער אָנגעמאַכט חובות, געחתמעט וועקסלען. אוי, האָט מען אָרום אים אָפּגעלעקט אַ ביינדל!...

— שטראָם־גראָם! — מישט זיך אַרײַן אַן אָרעם ווײַבל און רעדט מיט אַ קוויטש. — דעריבער גייען קאַטשקעס באָרוועס! אַז ושתים זונדל חתמעט וועקסלען, באַדאַרף מען מיר צעשלאָגן מײַן קלייט, צערײַסן דאָס בעטגעוואַנט און נאָך איבערשרעקן מײַנע קינדער אַף טויט! איר פֿאַרשטייט אַ מעשה? געגנוג מע האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט אין קלייט, איז מען נאָך געקומען צו מיר אַהיים און מע האָט...

דאָס אָרעמע ווײַבל צעלאָזט זיך אַף אַ קוויטש און וויל אָנהייבן דערציילן איר אומגליק, ווי ער איז גרויס, דערלאָזט מען זי ניט; די מאַנצבילן שטופּן זי אָפּ.

— צום רב, צום רב גייט קוויטשען! דאָרטן וועט איר טענהן, ניט דאָ...

און דער עולם הערט נישט אויף צו דערציילן די „חדושים", וואָס דאָ האָט זיך געטאָן... אַלע הייצן זיך, מאַכן מיט די הענט, גייען

אַרויס פון די כּלים, גיבן־איבער אַלצדינג, ווי אַזוי ס׳איז געווען, ווי אַזוי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן, כאַפּן אויס איינס בא דאָס אַנדערע די ווערטער פונעם מויל.

— וואָס האָבן זיי געהאַט צו מיר? — באַקלאָגט זיך אַ קאַרנאָסע ייִדענע, וואָס האַנדלט מיט אייער און האַלט־אויס דערמיט אַ בלינדן מאַן מיט זיבן קינדער — וואָס האָבן זיי געהאַט צו מיר און צו מײַנע אייער, אַ פולן קאָשעק מיט אייער, ווײ איז מיר, ווינד איז מיר! וואָס וועל איך איצטער טאָן, צרות מײַנע גרוי—סע!...

— געהאַט איין קליידל אַ שבתדיקס... — זיפּצט אַ יונג ווײַבל און שאַרט דאָס מיסט, צווישן שמאַטעס, שערבלעך, פּעדערן און שטיקלעך גלאָז, טאָמער וועט זי דאָרטן עפּעס געפינען — די קישנס צעריסן, דאָס גאָפּעס צעבראָכן, אפילו דאָס שטשערבאַטע יויך־טעפּל, משטיינס געזאָגט, אָפּ פּיץ־פּיצלעך...

— בדיל־הדל געשטעלט! — דערציילט אַ קרעמער, אַ צעלניקער פון די „קבצניוועקעס", וואָס אין די גוטע יאָרן האָט זײַן קראָם באַטראָפן אַזוי פיל, וויפל איין לײַטישער מענטש קאָן אויסטרינקען אין איין מי־נוט. — אויסגעמישט די סטענגעלעך מיט בוימל, מיט גאַז, מיט סמאָלע און מיט שוועבעלעך, אַ מישמאַש, אָט אַזוי אָ!... (ער באַווײַזט מיט ביידע הענט וואָס פאַר אַ מישמאַש).

— דאָס איז נאָך בלאָטע! — רעדט אים אויס דאָס האַרץ אַ שניט־קרעמער. — נעמען גאַנצע שטיקלעך מאַטעריע און צעשנײַדן אָפּ אָט אַזעלכע פּעדעמלעך — דאָס איז אַ קונץ, דאָס איז אַ בריהשאַפט!...

— איך בעט אײַך, וואָס וועל איך איצטער טאָן, אַשטייגער, כּדומה למשל, אָן אַ וואַרסטעק? — רופט זיך אָן אָרעם שוסטערל מיט אַ געל פּנים, אַזוי ווי וואַקס.

— אם אין קמח אין תּרח! — ענטפערט אים אַ הינקענדיקער שנײַ־דער מיט פּעדערן אין די פּאות. — וואָס טויג דיר אַ וואַרסטעק, אַז סײַ ווי סײַ איז נישטאָ קיין אַרבעט? מע זאָגט, אַז די שטאָט טראַכט פון אונדזערטוועגן עפּעס מאַכן, נאָר עס געפעלט מיר נישט דאָס טראַכטן זייַ־ערס; עפּעס טראַכטן זיי מיר צו לאַנג — מי יודע וואָס זיי קאָנען אויסטראַכטן...

— וואָס האָסטו מורא? ערגער פון ערגער קאָן דאָך שוין ניט זײַן!

— ענטפֿערט אים דאָס שוסטערל און באַווײַזט אים מיט די אויגן אַף אַן אָרעמער ייִדענע, וואָס שטייט אין מיטן גאַס צעגויפֿגעלייגט די הענט, דרייט מיטן קאָפּ און רעדט צו זיך אַליין מיט אַ הייזעריק קול: „אדוני גאָט! אדוני גאָט! אדוני גאָט! גאָט, גאָט, גאָט!...” אין דער בהלה איז בײַ איר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַ קינד, איז זי אַראָפּ פֿונעם זינען... קינדער, ווײַסע־חברה־הניקעס, לויפֿן אונטער אַלע מאָל, קרימען זי איבער, דער טוט זי אַ ריס, דער — אַ צופּ. עלטערע דערזען און גיבן זיי אַ ווייסטן סוף:

— אַוועקט, שקצים, עכברושים, הולטײַעס, ניט געדאַכט זאָלט איר ווערן!

יונגוואַרג טרעטן־אָפּ, צעלויפֿן זיך, ווי די איבערגעשראָקענע סאַראַקעס, און גייען־צו צו דער שול. דאָרט שטייט אַ רעדל רויטע ייִדלעך. איינער אַ יונגערמאַנטשיק דערציילט נסים, ווי אַזוי דער זיידע זײַנער, אַ ייִד פֿון קיין עין הרע עטלעכע און אַכציק יאָר איז נצול געוואָרן פֿונעם אומגליק נאָר דורך זײַן ירא־שמים, דורך זײַן פֿרומקייט. דער יונגערמאַנטשיק רעדט מיט הענט, און דער גאַנצער עולם הערט זיך צו.

— אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן די חתונה, — אַזוי דערציילט דער יונגערמאַן — בין איך בײַלד אַוועקגעלאָפֿן צום זיידן זאָל לעבן. איך קום צעלויפֿן נישט טויט ניט לעבעדיק, איך טו אַ קוק — דער זיידע זאָל לעבן זיצט זיך גאַנץ רויִק איבער אַ ספֿר, אָנגעטאָן אין טלית ותפֿלין, גלײַך ווי גאָרנישט געווען. „זיידעניו, זאָג איך, גאָט איז מיט אײַך, טוט אויס טלית ותפֿלין, קומט גיכער, לאָמיר אַנטלויפֿן כּל זמן זיי זײַנען נאָך נישטאָ!” — „גיי, מאַכט ער צו מיר גאַנץ רויִק, גיי, מײַן קינד, גיי, איך וועל בלײַבן דאָ”. „וואָס רעדט איר, זיידעניו, זאָג איך, גאָט איז מיט אײַך! טאָמער חלילה דערגייט דאָס צו אײַך? קומט, זיידעניו, גיכער, גיכער!” — „פֿון גאָט, מאַכט ער צו מיר, אַנטלויפֿט מען ניט; אויב ס'איז מיר באַשערט שטאַרבן נישט מיט מײַן טויט, וועט מיך דער מלאך־המוות געפֿינען אומעטום; אים נאַרט מען נישט אָפּ... גיי, זאָגט ער, מײַן קינד, גיי געזונטערהייט!”... און שטעלט אײַך פֿאָר, אַזוי ווי איך גיי אַרויס פֿונעם זיידן זאָל לעבן, באַגעגן איך...

פּלוצעם טוען זיך אַ שאָט רויטע ייִדלעך פֿון שול, דאָס רעדל ווערט צעשלאָגן, און דער יונגערמאַנטשיק רײַסט איבער די מעשׂה אין מיטן. אַלע לאָזן זיך גיין אַרויף אַ באַרג, אַהין, אַפֿן בית־עלמין, שטיל, אָן ווער־

טער, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ; אַלטע ייִדן שעפּטשען, זאָגן פּסוקים און וויינען, וויינען שטילערהייט... וואָס זאָל דאָס זײַן? אַ לוויה? אַ בר־מינן? ווער איז געשטאָרבן?... קיינער ניט געשטאָרבן. דאָס טראָגט מען די הייליקע שטיקלעך פּאַרמעט פון די צעריסענע ספרים — „מקבר זײַן“ אױפֿן הייליקן אָרט, ווי דער מנהג איז...

— ראה ה' — זע, גאָטעניו! והביטה — און טו אַ קוק — אַזוי זאָגט דער רב צו זיך אַליין און צוויי טרערן קײַקלען זיך איבער זײַנע געלע באַקן און ווערן פאַרפאַלן אין דער באָרד — זע, גאָטעניו, וו ע ־ מ ע ן האָסטו דאָ, משטיינס געזאָגט, געשטראָפט? פאַר וו ע מ ע ן האָסטו באַוויזן דײַנע גרויסע גבורות?!?...

און פון אויבן האָט אַראָפּגעקוקט דער פײַערדיקער קוגל, די זון, געבאַקט, געברענט, געבראָטן, געשמאַליעט דעם גרויסן פינצטערן פלעק אויף דער ערד, וואָס מע רופט דאָס מיטן נאָמען „די קבצנישוקעס“...

## דאָס נײַנטע קאַפּיטל

(די גרויסע אסיפה אין בית־המדרש. — די נגידים שטעלן זיך צום צעטל. — די יונגע לײַט שמועסן מכח עמיגראַציע. — עס האַלט בײַ מאַכן אַ קאָמיטעט. — „קאָמיטעטן נע זשעלאַיעם!“)

ס'איז אַ חוק ולא יעבור בײַ די רויטע ייִדלעך נאָך פון פאַרצײַטן: בשעת עס קומט אויף זיי אַ צרה, אַ בהלה, אַ גזירה, אַ שרפה, אַ מגפה, באַפאַלן זיי זיך אויף אַלע ווי איין מענטש, קומען זיך צונויף אין שול אַרײַן און האַלטן זיך אַן עצה, זוכן מיטלען, וואָס טוט מען, מע זאָל מבטל זײַן דעם גזר־דין און פטור ווערן פון דער צרה? קודם כל טוען זיי תשובה; זיי רעכענען, אַז פריִער פון אַלעמען זײַנען זיי אַליין שולדיק. אומזיסט שטראָפט נישט גאָט, באַדאַרף מען זיך מיט אים איבערבעטן, דאָס הייסט: דאַוונען, זאָגן תהלים, גוזר תענית זײַן, פאַסטן; און גאָט איז דאָך אַ פאָטער, אַז מע רופט צו אים, ענטפערט ער... די דאָזיקע צרה אָבער, וואָס איז געקומען פּלוצעם אויף די רויטע ייִדלעך, איז געווען אַזוי נײַ און אַזוי אומגעריכט, אַז עס האָט זיי פריטשמעליעט, פאַרטומלט,

אַראָפּגענומען די קעפּ. זיי זײַנען געווען ווי אין דער הינערפּלעט, נישט געוווּסט וואָס טוט מען, וווּהין גייט מען, צו וועמען שרײַט מען? דער אומגליק איז געווען אַזוי גרויס, אַז די „שטאָט" האָט ניט געוואַרט ביז מע וועט שיקן רופן פון קהל; די נגידים האָבן זיך אַליין געשטעלט צום צעטל, בעלי־בתים זײַנען אַרומגעגאַנגען מיט זעק פון שטוב צו שטוב, און איטלעכער האָט געגעבן וואָס ער האָט געקאָנט: אַ ברויט, אַ בולקע, אַ ביסל מעל, זאַלץ, פעפער, ציבעלעס. נאָר אַזוי ווי אַ לעבערדיקן זאַק איז שווער אָנצושטאָפּן, האָבן די רויטע יידלעך פון די „קבצניוקעס" אָפּן דריטן טאָג אָנגעהויבן ביסלעכווײַז אויסגיין פון הונגער. האָבן זיך אַרײַנגעמישט מענטשן און האָבן געמאַכט אַ גוואַלד: וואָס שווײַגט מען!? און ס'איז געבליבן, מע זאָל מאַכן אַ גרויסע אַסיפה אינעם גרויסן בית־המדרש פון אַלע פּאַרנעמסטע בעלי־בתים אין שטאָט, און אָף די אָרעמע רויטע יידלעך איז געוואָרן אַ נײַע הויט; אַ פרישע נשמה האָט מען אין זיי אַרײַנגעזעצט, אַז זיי האָבן דערהערט, אַז די נגידים האָבן געגעבן צו וויסן דעם רב, אַז זיי, די נגידים, וועלן זײַן אָף דער אַסיפה, אם ירצה השם, געווים, אָן אַ שום תירוץ, און זיי, די נגידים, ווילן, אדרבה, מע זאָל טאַקע עפּעס זען צוטראַכטן, עפּעס טאָן פון די אָרעמע לײַטס וועגן. זיי, די נגידים, האָבן געזאָגט בפירוש, אַז זיי זײַנען מוסכם צו מיטהעלפן ווי ווײַט מעגלעך, און אפילו טאָמער באַדאַרף קאָסטן עפּעס געלט, אַרט זיי אויך נישט, אַבי נישט קיין סך, געוויינטלעך, וואָרעם קיין סך, וואָס איז שייך, קאָן מען נישט, אַלצדינג באַדאַרף זײַן באָם גאַנג, מיט אַ מאָס, מיט אַ חשבון, ובפרט געלט, איר פאַרשטייט?...

נאָר ביז די דאָזיקע ווערטער זײַנען אָנגעקומען אָף די „קבצניוו־קעס"', איש מפּי איש, איינער פונעם אַנדערן, האָבן זיי זיך געקײַקלט און געוואַקסן, ווי אַ קויל שניי, וואָס ווײַטער גרעסער און גרעסער, און ס'איז אַרויס אַ קלאַנג צווישן די אָרעמע לײַט, אַז די נגידים האָבן צו־געזאָגט גילדענע בערג, עס מעג זיי קאָסטן מי יודע וויפל, דאָס לעצטע העמד וועלן זיי אָוועקגעבן, זיך לאָזן שנײַדן די פינגער פאַר זייערע אָרעמע ברידער!... און אָף די „קבצניוקעס" איז געוואָרן ששון ושמחה, און עס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אָרעמע לײַט אין שטאָט אַרײַן, יידן און ווײַבער מיט קליינע קינדער אַ סך, און האָבן באַלאַגערט דאָס גרויסע בית־המדרש פון אינעווייניק און פון דרויסן. אין יענעם טאָג האָט זיך

יעדער אָרעמאַן פון די רויטע ייִדלעך געפילט, ווי אַן אבן־טוב, ווי אַ ציי־טעריק קינד, אַ בן־יחידל, וואָס מע פעסטעט דאָס, מע גלעט דאָס, מע קיכלט דאָס, מע טראָגט דאָס אַפן קאָפּ, מע שלאָפט נישט איבער דעם קיין נעכט — אַ קלייניקייט, אַ ווערטעלע אויסצורייִדן: רויטע ייִדלעך, און אָרעמע לײַט דערצו, און נאָך פון די „קבצניווקעס"?! ס'איז, אַפּנים, הײַנט ז י י ע ר ע זיבן יאָרן!... עס האָט געהאַט דעם זיבעטן חן אָנצו־קוקן, ווי אַזוי די אָרעמע לײַט זײַנען געוואָרן בײַ זיך גרויס, נישט צו־צוטרעטן! עפּעס איינער אַ שטאָט־בעל־הבית האָט זיך געפּרוּווט מאַכן מיט זיי אַ שמועס, האָט מען אים אָפּגעשאָטן מיט פֿײַער, ווי איינער רעדט: „דרך ארץ, דו פֿאַרך, ווער ביסטו און ווער זײַנען מ י ר ? דו ביסט אַ פּראָסטער בעל־הבית, און מיר זײַנען אָ ר ע מ ע ל ײַ ט , פ ו ן ד י ק ב צ נ י ו ו ק ע ס !..."

שפּעטער, אַז אַלע פּאַרנעמסטע בעלי־בתּים האָבן זיך צענויפֿגע־זאַמלט אין גרויסן בית־המדרש און עס זײַנען געקומען די נגידים מיט די רבנים, דיינים און די איבעריקע שבעה טובי עיר, איז דער שמש אַרויף אַף דער בימה און האָט אויסגעקלאַפּט דרײַ מאָל: „שאַ, שטילער, ס'זאָל זײַן שטיל, שאַט, שטיל זאָל זײַן!" נאָכדעם איז אויפֿגעשטאַנען איינער פון די רבנים און האָט געהאַלטן זייער אַ לאַנגע דרשה, געבראַכט פּסוקים אַ גוזמא, צענויפֿגעטשעפּעט איין פּסוק מיטן אַנדערן, אויסגעוויזן על פּי מדרש און על פּי קבלה, אַז דאָס איז דער אמתער „קץ", דאָס הייסט, אַז איצט באַדאַרף קומען משיח, ער מוז קומען, אַניט איז פּאַסקודנע, פע, ער מ ו ז , ער מ ו ז קומען!... און אַזוי ווי די רויטע ייִדלעך שטייען איצט אין אַ צרה, און ווער שמועסט די אָרעמע לײַט פון די „קבצניווקעס", וואָס זײַנען געבליבן ווי אַפן וואַסער, — באַדאַרף די שטאָט זען, מע זאָל זיי העלפֿן איטלעכער מיט וואָס ער קאָן, ווער מיט אַן עצה, ווער מיט געלט...

— נו, אדרבה, פּאַרקערט, אדרבה! — רופֿן זיך אָן עטלעכע נגידים מיט אַ מאָל. — אדרבה, פּאַרקערט, אדרבה, מיר אַליין וועלן אויך **מיט־**העלפֿן ווי ווײַט מעגלעך, און אַפילו טאָמער באַדאַרף קאָסטן עפּעס געלט, אַרט אונדז אויך נישט, אַבי נישט קיין סך, געוויינטלעך, וואָרעם קיין סך, וואָס איז שײַך, קאָן מען נישט, אַלצדינג באַדאַרף זײַן באַם גאַנג, מיט אַ מאָס, מיט אַ חשבון, ובפרט געלט, איר פֿאַרשטייט?...

עס איז שווער צו פאַרשטיין, וואָס איז די מעשה, וואָס איצטיקס מאָל זיינען די נגידים געווען אַזוי גוט, אַזוי ווייך, כאָטש לייג זיי צו צו אַ מכה? פון זייער ריידן האָט מען אַרויסגעזען, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך פילן, אַז זיי זיינען אין עפּעס שולדיק, אַז זיי האָבן עפּעס פאַרזינדיקט קעגן די אָרעמע רויטע יידלעך... די נגידים זיינען געווען אַזוי אויפגע־לייגט, האָפּעדיק, אַז זיי האָבן דערלאָזט יונגע לייט, „משכילים", זאָלן זיך אַריינמישן מיט זייערע עצות, וואָס מע שרייבט אָפּ די בלעטער.

— פאַראַן נאָך איין מיטל — זאָגן די משכילים — איין־און־איינציק מיטל אָפּ צו העלפן די אָרעמע לייט: עמיגראַציע...

— וואָס הייסט דאָס „מיגעראַציע"? — פרעגן די נגידים.

— עמיגראַציע — זאָגן די יונגע לייט — הייסט עמיגרירן, פאָרן, אוועקפאָרן, אַרויספאָרן פון דאַנען און באַזעצן זיך אין אַנדערע לענדער!

— וווּהין? — פרעגן די נגידים — אין וואָסערע לענדער?

— וווּהין? — זאָגן די יונגע לייט — קיין הודו, קיין כוש, קיין בבל, און איבערהויפּט קיין מצרים, ווייל ערד איז אין מצרים פאַראַן אַ סך, נאָר מענטשן ווייניק; אַלצדינג איז דאָרטן בזול הזול, העכער האַלב אומזיסט. אַזוי שרייבט מען אין די בלעטער...

אַן אַנדערש מאָל וואָלטן זיך די יונגעלייט פאַר אַזאַ מעשה נישט געגאַרט; זיי וואָלטן געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק פון די נגידים פאַר אַזאַ העזה זיך אַריינצומישן צווישן עלטערע. נאָר דער געדאַנק פון עמיגראַציע איז זיי שטאַרק אַריין אין נאָז אַריין: עס שמעקט מיט פּטור ווערן פון די אָרעמע לייט — עפּעס אַ קלייניקייט?...

— ס'איז טאַקע אפשר אַ שטיקל פּלאַן, כלעבן! — זאָגן די נגידים.

— אדרבה, פאַרקערט, פאַר וואָס זאָל מען טאַקע נישט זען? מצרים איז נישקשה פון אַ לאַנד מצרים...

— וואָס רעדט איר? — פּרוּווט זיך דער רב איבערשפּאַרן — איר האָט פאַרגעסן, אַז מיר זאָגן אַלע יאָר באַם סדר: „עבדים היינו לפרעה במצרים?"

— מילא, וואָס מע זאָגט אין דער הגדה! — ענטפערן אים די נגידים מיט אַזאַ טאָן, אַז מע זאָל שוין מער ניט איבערשפּאַרן. — וואָס גלייבט איר דאָס מצרים צו יענעם מצרים, וואָס אין דער הגדה? ס'איז שוין היינט ארץ־ישראל, ניט מצרים...

די יונגע לײַט זײַנען שטאַרק צופרידן, וואָס די נגידים האַלטן מיט זיי, רוקן זיי זיך צו נענטער און דערציילן, וואָס מע שרײַבט אין די בלעטער וועגן דער דאָזיקער עמיגראַציע און וועגן קאָמיטעטן; מע באַדאַרף זען קודם כל, סע זאָל ווערן אַ קאָמיטעט...

— ברוך הבא, אַ נײַס, אָט האָסטו דיר שוין קאָמיטעטן! — כאַפּט זיך אַרויס אַ רויט ייִדל קעגן די יונגע לײַט — וואָס טויג מיר קאָמיטעטן — שמעטן? איר שמועסט בעסער מכּה אַכצן און דרײַצן: ווו וועט מען נעמען געלט אויף אַריבערפּעקלען, קיין עין הרע, אַזוי פיל אָרעמע לײַט?

— געלט? — זאָגן די נגידים. — געלט איז בלאָטע! מע וועט זיך פאַרשרײַבן חודש־געלט איטלעכער וויפל ער קאָן, נישט קיין סך, געווויינטלעך, וואָרעם קיין סך, וואָס איז שײַך, קאָן מען נישט, אַלצדינג באַדאַרף זײַן באַם גאַנג, מיט אַ מאָס, מיט אַ חשבון, ובפרט געלט, איר פאַרשטייט?...

— עמיגראַציע... מצרים... קאָמיטעטן... חודש־געלט... — אַזוי האָבן געשריִען די רויטע ייִדלעך אַלע אינאיינעם, איינער איבערן אַנדערן, געפּילדערט, געהיצט זיך, געמאַכט מיט די הענט, ווי דער שטייגער איז; און אַז ס'איז אָנגעקומען אינדרויסן אַרויס צו די אָרעמע לײַט, אַז מע שמועסט דאָ מכּה עמיגראַציע קיין מצרים, מכּה מאַכן קאָמיטעטן און מכּה פאַרשרײַבן זיך חודש־געלט, איז געוואָרן צווישן זיי חושך — חושך!

— וואָס איז דאָס? — האָבן זיי געשריִען — דערויף האָט מען אונדז אַהער געבראַכט, מע זאָל מאַכן קאָמיטעטן, וואַרפן גאַלקעס, קינדערשפּיל? וואָס טויג אונדז צערעמאָניעס, „מיגראַציעס", קאָמיטעטן, צוזאַגעכצן, גילדענע פייגעלעך? איר גיט אונדז הײַנט, פאַר מאָרגן לאָז זיך גאָט זאָרגן! שיקט אונדז אָפּ קיין מצרים, קיין גושן, שיקט אונדז אָפּ צום רוח אַליין, אַבי הײַנט, טאַקע באַלד, וואָרעם אַהיים צוריק אויף די „קבצניוקעס" קאָנען מיר נישט קומען; אונדזערע ווײַבער און קינדער וואַלגערן זיך אויף דער הוילער ערד אונטער גאָטס הימל, גייען־אויס פון הונגער, און איר וועט דאָ מאַכן אויף אונדז קאָמיטעטן? אַבער גאָר לאַ! ניע זשעלאַיעם, קאָמיטעטן נע זשעלאַיעם!!...

מיט דעם דאָזיקן געשריי האָבן זיך אַ סך אָרעמע לײַט אַרײַנגע־

כאַפּט אין בית־המדרש אַרײַן, און ס׳איז געוואָרן אַזאַ ליאַרעם, אַזאַ טאַ־רעראַם, אַז מע האָט געקאָנט טויב ווערן. תחילת האָט מען נישט פאַר־שטאַנען, וואָס איז דער געשריי; נאָר אַז מע האָט דערהערט די ווערטער: „נע זשעלאַיעם, קאָמיטעטן נע זשעלאַיעם", זײַנען די נגידים געוואָרן אויפגעטראָגן און האָבן זיך אַרויסגעשטעלט:

— תרבות! דרך־ארץ! אַזעלכע שלעפּערס, ווי איר זייט! די שטאָט איז זיך צענויפגעקומען אַהער צוליב אײַך, מע טראַכט פון אײַערטוועגן, מע ברעכט זיך די מוחות, ווי אַזוי בעסער אײַך צו העלפן, ווי אַזוי גי־כער אײַך אַרויסצושיקן פון דאַנען, — האָט איר נאָך אַן עזות צו ריידן? אַהיים, שלעפּערס! דאָרטן וועט איר זאָגן דעות, דאָרט, אויף די „קבצניוּוקעס"!!!... — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

# דאָס לעצטע קאַפּיטל

(מאַטעריאַלן פאַרן היסטאָריקער צו דער געשיכטע פון די רויטע יידלעך. — אַ בריוול פון אַן עמיגראַנט, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן קיין מצרים. — אַ סוף צו די רויטע יידלעך.)

דער היסטאָריקער, וואָס וועט קומען אַמאָל באַשרײַבן די געשיכטע פון די רויטע יידלעך אין די שפּעטערדיקע דורות, אַז ער וועט האַלטן בײַ דעם קאַפּיטל, וועט ער זיך אָפּשטעלן: ער וועט אַ סך מעשיות נישט וועלן גלייבן, און אַ סך זאַכן וועט ער פאַרשווײַגן. ער וועט זיך שעמען אַרויס־שטעלן אַזעלכע פאַקטן, וואָס קאָנען פאָרקומען סײַדן צווישן ווילדע מענטשן. ער וועט נישט וועלן גלייבן בשום אופן, אַז צווישן יידן, וואָס רופן זיך „רחמנים בני רחמנים", האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיטן אומגליק פונעם פאָלק און פון יענעמס צרות זיך גע־מאַכט אַ פּרנסה, איבערגעפירט אַ סך קהלש געלט, געמאַכט כאַפּ־לאַפּ, אַראָפּגעקוועטשט זיך אין בײַטל אַרײַן, קיין רחמנות נישט געהאַט אויף יידיש בלוט... גוואַלד, וויי געשריען! — וועט זאָגן דעמאָלט דער היס־טאָריקער. — וואָס איז דאָס געווען פאַר מינים יידן דעמאָלט, וואָס האָבן

זיך באַגאַנגען מיט זייערע אָרעמע ברידער אַ סך ערגער, ווי מיט בהמות? וואָס איז דאָס געווען פֿאַר מינים מענטשן, וואָס האָבן געטריבן די אָרעמע עמיגראַנטן, ווי מען טרייבט שאָף אויפֿן יאַריד? וואָס איז דאָס געווען פֿאַר ברואים, וואָס האָבן דערלאָזט אָרעמע קראַנקע ווייבער מיט פּיצלעך קינדער וואַלגערן זיך אויף דער הוילער ערד אונטער גאָטס הימל, אין רעגנס און אין קעלט? וואָס איז דאָס געווען פֿאַר מינים קאָמפּאַניעס אַזעלכע, וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט מודעות אין אַלע בלעטער, אַז זיי נעמען זיך אונטער, כלומרשט פֿאַר אַ קליין געצאָלט, איבערפֿירן גאַנצע משפּחות פֿון די רויטע ייִדלעך איבערן ים, ברענגען זיי און באַזעצן אין נעם *גליקלעכן פרייעם לאַנד* מצרים, און נאָכדעם האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זיי האָבן גאָר אויסגענאַרט די עטלעכע גילדן און איבערגעלאָזט די אָרעמע עמיגראַנטן אין מיטן וועג, אויף גאָטס באַראָט, ערגעץ אין דער מדבר?... וואָס איז דאָס געווען פֿאַר מינים פּראַנטן, וואָס האָבן געשאָטן מיט געלט, פֿאַרנאַרט, אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין אָרעמע מיידלעך, זיי צוגעזאָגט גילדענע בערג, און נאָכדעם זיי פֿאַרקויפֿט צו די „ישמעאלים" מיט גרויסע, גרויסע רווחים?... „אוי, ברידער!

— וועט דער היסטאָריקער זאָגן מיט די ווערטער פֿון *מענדעלע מוכר־ספרים*, וואָס האָט זיך געקויפּט אין אייביקן נאָמען באַ אונדז, אויף *דער* זייט טייך סמבטיון. — אוי, ברידער!... אויף פּעטש פֿון אַנדערע וויין איך און זאָג: נישקשה! גוטע און שלאָפּע ליידן אָפּט אין דער וועלט, מעגלעך אפשר, יענע וועלן נאָך אַ מאָל חרטה האָבן; נאָר אַז געפּאַטשטע פּאַטשן זיך אַליין, אַז צעדראַפּעטע דראַפּען איינער דעם אַנדערן, וויין איך און האָב — אוי־וויי! — גאָר נישט וואָס צו זאָגן... דערמאָן איך מיך אין יענע נעבעך, פֿון אייך אַליין געפּייניקטע, „געפֿאַנגענע", רייסט מיר דאָס האַרץ; עס וויינט און שרייט: אוי, מיין משונה־דערשלאָגן, מיין ווילד־געפֿאַלן פֿאָלק ישראל!!"... דער היסטאָריקער, וואָס וועט קומען אַ מאָל באַשרייבן די געשיכטע פֿון די רויטע ייִדלעך, וועט זיך נישט איין מאָל רייסן באַ די האָר, אַז ער וועט לייענען די קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט אין די בלעטער פֿון יענער צייט, אָדער גלאַט אַזוי בריוולעך, וואָס די רויטע ייִדלעך האָבן געשריבן צו זיך אַהיים פֿונעם „גליקלעכן, פֿרייען" לאַנד מצרים אין יענער צייט. אָט האָט איר איינס פֿון די דאָזיקע בריוולעך:

„מײַנע ליבע אופֿן געטרײַע! איך שרײַב אײַך אַ בריוול, נישט מיט טינט, נאָר מיט בלוטיקע טרערן, פֿון דעם דאָזיקן גליקלעכן לאַנד, ברע־נען זאָל דאָס אפֿן פֿײַער! עס וואָלט געמעגט אײַנגעזונקען ווערן, אַזוי ווי קורח, איידער איך האָב דאָס גאָר דערקענט. הלוואַי וואָלט איך זיך איט־דערהיים אויסגעבראָכן אַ פֿוס, איידער איך האָב מיך גערירט פֿון דעם אָרט, און אַז איך בין שוין יאָ אַרויסגעפֿאָרן, וואָלט איך בעסער אין וועג אײַנגענומען אַ מיתה משונה, איידער איך בין געקומען אַהער, אין דעם ווּיסטן מצרים! איך זאָל אײַך וועלן באַשרײַבן אַלע אונדזערע גרויסע צרות, וואָס מיר האָבן איבערגעטראָגן אין וועג פֿונעם ערשטן טאָג ביז אַצינד, וועט ניט סטײַען ניט קיין פּאַפּיר, ניט קיין פֿענעס פֿון דער גאַנ־צער וועלט! אינעם טײַך סמבטיון איז געווים נישטאָ אַזוי פֿיל וואַסער, וויפֿל טרערן מיר און אונדזערע ווײַבער האָבן פֿאַרגאָסן ביז הײַנטיקן טאָג. די אַגענטן, וואָס האָבן אונדז געבראַכט אַף דער שיף, האָבן צו־גענומען בײַ אונדז די פּעקלעך (דאָרט זײַנען געלעגן אונדזערע טלית־ותפֿלינס), און מער האָבן מיר זיי נישט געזען אין די אויגן. ס'איז גע־ווען ערב שבת, האָבן אונדזערע ווײַבער געוואָלט בענטשן ליכט, איז ניט געווען אַף וואָס, האָבן זיי אונדז געגנוג באַוויינט, זייערע קללות זאָלן נאָר פֿאַלן אַף די קעפּ פֿון די קאָמיטעטן. און נאָכדעם האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שטורעם־ווינט מיט סכנות נפֿשות, עס האָט אונדז געוואָרפֿן העכער הײַזער, איטלעכע כוואַליע איז די גרויס ווי אַ מויער, מיר האָבן זיך שוין אָפּגעזעגנט מיטן לעבן, געמיינט, ס'איז אַן עק! דרײַ וואָכן האָבן מיר זיך אַזוי אָפּגעמוטשעט, ס'איז נישט געקומען קיין געקעכטס אין אונדזער מויל אַרײַן, מיר האָבן געזען פֿאַר זיך נאָר הימל און וואַסער, ביז מיר האָבן זיך קוים־קוים דערשלאָגן צו אַ ברעג, און אַז מיר זײַנען אַראָפּ פֿון דער שיף קראַנקע, צעבראָכענע, אויסגעמוטשעטע, הונגעריקע, האָט מען אונדז אָפּגעהאַלטן אַ טאָג מיט אַ נאַכט אין דרויסן אפֿן רעגן, און פּונקט דעמאָלט האָט זיך מײַן אסתר רייזלען פֿאַרגלוסט גיין צו קינד, זי איז געלעגן געוואָרן און געהאַט אַ ייִנגל; דאָס ייִנגל איז געשטאָרבן, און זי איז געווען, ניט הײַנט געדאַכט, טויט־קראַנק, ס'איז נישט געווען אַפֿילו קיין לעפֿל יויך אָדער אַביסל אײַנגעמאַכטס אַף דערקוויקן די נשמה. ערשט אפֿן אַנדערן טאָג האָט מען זיך אַף אונדז דערבאַרעמט, מענטשן פֿון אַ קאָמיטעט זײַנען געקומען און האָבן אונדז איבערגעשריבן אַלעמען

באַם נאָמען, און מע האָט אונדז אַוועקגעפירט פון דאָרטן, און מע האָט אונדז פאַרטריבן אין אַ שטאַל, און דאָרט האָט מען אונדז געטיילט בולקעס מיט מאַראַנצן, איטלעכן אַ בולקע מיט אַ מאַראַנץ, און פון דאָרטן האָט מען אונדז ווידער אַוועקגעטריבן, איבערגעשריבן איטלעכן באַם נאָמען און אַרויפגעזעצט ווידער אַף אַ שיף, און מע האָט אונדז געפירט אַנדערהאַלבן מעת־לעת, און די זון האָט געבאַקן, געברענט ווי אַ גיהנם, ביז מע האָט אונדז געבראַכט צופירן און אַראָפגעוואָרפן אין אַן אָרט פון גאָלע זאַמד, נישט קיין הײַזער, נישט קיין ביימער, נישט קיין גראָז, נאָר זאַמד און הימל, הימל און זאַמד, און דאָ האָט מען געוואָלט, מיר זאָלן זיך באַזעצן, מע האָט אונדז געגעבן אַרבעט — שלעפן קלעצער פונעם ים און בויען הײַזער, גראָבן ערד און פלאַנצן ביימער, און מע האָט געשטעלט איבער אונדז אַן אויבערהאַר, אַ משוגענעם כעסן, וואָס באַלד עפּעס — פלעגט ער געבן פעטש; האָבן מיר דאָך מסתמא געמאַכט אַ ויצעקו, האָט מען עטלעכע פון אונדז געבונדן, געשלאָגן מכות־רצח... קוים מיטן לעבן זײַנען מיר פון דאָרטן זיך צעלאָפן, דער אַהער, דער אַהין, וווּהין די אויגן האָבן געטראָגן, און מיר האָבן זיך צוגעשלאָגן עטלעכע משפחות אין אַן ערטל אַרײַן, טאַקע דאָ אין מצרים, ווו עס וואָלט אונדז אפשר זײַן נישקשה, וואָרעם מע קאָן דאָ מאַכן אַ לעבן, דהיינו: מע גיט אונדז אַרבעט — שטיין באַ דער מאַשין, דרייען די ראָד פון כאור הבוקר ביז שפּעט אין דער נאַכט, און מע באַקומט דערפאַר אַ זילבערנעם טאָלער, און קינדער אַ האַלבן טאָלער. הכלל, ס'איז גאָר קיין מעשה ניט. איטלעכער הייסט דאָ „מיסטער“, פערד גייען איןברילן און מענטשן טראָגן פּאַפּירענע מאַנישקעס. דער חסרון אָבער, וואָס מע ווייס ניט פון קיין שבת און פון קיין יום־טוב, און וואָס מע פאַרשטייט נישט דאָס לשון זייערס, וואָרעם מע רעדט דאָ זייער שטשיפּעליאַווע, דער רוח ווייס זיי, אַף וואָס פאַר אַ שפּראַך! קיין רחמנות איז באַ זיי נישט פאַראַן, איר מעגט אויסגיין אין גאַס פאַר הונגער, וועט זיך קיינער ניט אָפּשטעלן אפילו, וואָרעם סע איז אַ טאַרעראַם, אַלע לויפן, אַלע אַרבעטן, און ווער סע קאָן ניט אַרבעטן און וויל האַנדלען, קאָן ער האַנדלען מיט וואָס ער וויל, מיט אַלטע מלבושים, אַרומטראָגן שוועבעלעך, שוואַקס אָדער קנעפּ, און קאָן זיך „מאַכן דערפון אַ לעבן“ (אַזוי גייט דאָ די שפּראַך...). נאָר איך מעג זאָגן „גם זו

לטובה", וואָרעם אַנדערע מאַכן דאָ אַ סך ערגער פון מיר. אָט האָב איך נישט לאַנג באַגעגנט יענקל דעם פעטער מרדכים, בין איך נבהל ונשתומם געוואָרן! איך האָב אים כמעט נישט דערקענט — אַזוי שטאַרק האָט ער זיך איבערגעביטן! אָנגעטאָן האָט ער זיך ווי אַ משוגענער קאַטערינקע־שטשיק, אין אַ קורץ ווייטיקל מיט אַ לאַנגן סטאָן און מיט אַ הויכן ספּאָדיק אַפן קאָפּ, ווי אַ לאָקשנטעפּל. „יענקל, זאָג איך, ס'איז דו?" — „ווער דען? — זאָגט ער, — פאַרשטייט זיך, ס'איז איך, כאָטש איך הייס שוין היינט ניט יענקל, איך הייס גאָר מיסטער דזשעק"... „וואָס מאַכסטו עפּעס, זאָג איך, מיסטער דזשעק, ווי גייט דאָס דיר אינעם דאָזיקן לאַנד?" — „נומער ערגער, זאָגט ער; די ערשטע צייט איז געווען זייער נישט פריילעך, נאָר איצט, דאַנקען גאָט, מ א ך א י ך א ל ע ב ן"... „דהיינו, זאָג איך, וואָס איז דיין טועכץ?" — „מיין טועכץ איז, זאָגט ער, איך וואַש גרעט". „וואָס הייסט, זאָג איך, דו וואַשט גרעט?" — „אָט דאָס הייסט, זאָגט ער, איך האָב מיך אויסגעלערנט וואַשן און פּרעסן". „אָט דאָס הייסט בײַ דיר געמאַכט אַ לעבן? אַז אָך און וויי, זאָג איך, איז צו מיר, אַז מיין פעטער מרדכים זון באַדאַרף זיין אַ פּראַטשקע, און נאָך אין מצרים דערצו!"... פון אים בין איך געוואָר געוואָרן וואָס מאַכן די איבעריקע אונדזערע חברה, די רויטע יידלעך, וואָס האָבן זיך צוגעשלאָגן אַהער; אַלע „מאַכן, ברוך השם, אַ לעבן": משה שפּרינצעס האָט זיך אויסגעלערנט פאַרזוימען לעכלעך צו אונטערהויזן, בערל דאָבעס שלאָגט פלעקלעך אין די אָבצאַסן, מענדל מינדעס באַקט בייגל, מאָטל ראַצלט פאַרקויפט בעזעמער, עטלעכע גייען אַרום דערווייל אַזוי אָן אַרבעט, בעטן נדבות; און די איבעריקע ווייס ער אַליין אויך ניט, וווּ זיי זיינען אַהינגעקומען, אפשר זיינען זיי שוין נישטאָ... מיר האָבן זיך ביידע גוט אויסגעוויינט, אויסגערעדט איינער דעם אַנדערן די הערצער, זיך געגעבן די האַנט "תקיעת־כּף", אַז מיר זאָלן זיך זען כאָטש איין מאָל אין וואָך, וועט אונדז זיין אַביסל גרינגער, וואָרעם דאָס בענקען וואָס מיר בענקען אַרויס איז אַזוי גרויס, אַז ממש עס עקט זיך אונדז דאָס היות! מיר דאַכט, איך וואָלט זיי מוחל געווען זייערע אַלע גליקן, איך וואָלט זיי אָװעקגעשענקט אַלע זייערע טאָלערס פאַר איין קוק אַף די קבצניווקעס! אוי, ווו נעם איך פליגל, וואָלט איך באַלד צו אייך אַריבערפליען, מיינע ליבע און געטריע! מיר לאָזן אייך גריסן גאָר פריינטלעך, און מיר בעטן

אײַך, דאָס הייסט, איך און אסתר רייזל זאָל לעבן, איר זאָלט דאָרט לאָזן גריסן איטלעכן באַזונדער גאָר פריינטלעך, און איר זאָלט זיי זאָגן, אַז מיר פאַרגעסן זיי ניט אפילו אויף אַ מינוט, און דעם פעטער יאָסע מיט דער מומע סאָסיע זאָלט איר למען השם לאָזן גריסן, און דעם פעטער שעיה מיט דער מומע חיה, און די קינדער זייערע, איטלעכן באַזונדער גאָר פריינטלעך, און מײַן שוועסטער ביילע און די מומע קיילע זאָלט איר אחוץ לאָזן גריסן פון אונזערטוועגן און פון אונדזערע קינדערס וועגן, איטלעכן באַזונדער גאָר פריינטלעך, און איר זאָלט זיי זאָגן למען השם, זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן רירן פונעם אָרט, וואָרעם זיי וועלן חרטה האָבן און וועלן זיך פאַרשילטן דאָס געביין, אַזוי ווי פעסיע די אלמנה, וואָס האָט געהאַט דעם פסק מיט אירע צוויי מיידלעך נעבעך, און נאָך אַ סך אַזעלכע ווי זי, וואָס האָבן זיך געלאָזט אײַנריידן, אַז מע וועט דאָ גליקלעך מאַכן זייערע טעכטער, מע וועט זיי געבן חתנים מיט אַ סך נדן און מיט שיינע מתנות, און צום סוף האָט מען זיי פאַרפירט צו אַלדי שוואַרצע יאָר, געפּענטעט אין קייטן און פאַרקויפט צו די „ישמעאלים" פאַר קנעכט, מע זאָגט, פאַר זייער אַ סך גאָלד... למען השם ולמען השם, איר זאָלט זיך נישט לאָזן אײַנריידן פון קיינעם, טאָמער קומט צו אײַך עמעצער פון די דאָזיקע „פראַנטן" מיט ווײַסע מאַנישקעס און מיט גילדענע זייגערס און זאָגן אײַך צו הרים וגבעות, ובפרט מיט אײַערע מיידלעך זאָלט איר זײַן געהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג! הלוואי וואָלט איך מיך אויך ניט געלאָזט אײַנריידן קיין נאַרישקייטן, קאָמיטעטן, עמיגראַציעס, וואָלט איך געווען באַוואָרנט כאָטש מיט דעם, וואָס אי־בער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועלן מײַנע ביינער קומען צו קבר־ישראל, צווישן מײַנע ליבע און געטרײַע אויף די קבצניוועקעס... און מיר בעטן אײַך, דאָס הייסט, איך און מײַן אסתר־רייזל זאָל לעבן, נאָכאַמאָל, איר זאָלט נישט פאַרגעסן לאָזן גריסן פון אונדז און פון אונדזערע קינ־דער דעם פעטער יאָסיע און די מומע סאָסיע, דעם פעטער שעיה און די מומע חיה, און מײַן שוועסטער ביילע און מײַן מומע קיילע, און זייערע קינדער, איטלעכן באַזונדער גאָר פריינטלעך, און למען השם ולמען השם, זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן רירן פונעם אָרט"...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזעלכע בריוולעך האָבן די רויטע ייִדלעך באַקומען פון זייערע פאַ־

טער און מוטער, שוועסטער און ברידער, פרײַנט און גוטע פרײַנט — לרוב, און כאָטש די ידיעות זײַנען געווען כמעט אַלע אַזעלכע טרויעריקע, אײנע טרויעריקער **פון דער אַנדערער**, פונדעסטוועגן האָבן זײ אַרויסגע־קוקט אַף בעסערע ידיעות; זײ האָבן נישט פאַרלאָרן זײער בטחון, זײ האָבן געהאַט אַ האָפענונג, אַז זײ וועלן נאָך הערן, אם ירצה השם, פון דאָרטן גוטע בשורות מיט ישועות ונחמות... אויב זײערע האָפענונגען זײַנען מקוים געוואָרן — דאָס וועלן מיר וויסן שפּעטער, אַז גאָט וועט אונדז שענקען דאָס לעבן און מיר וועלן אַמאָל אַף ציקאַוועסט זיך דורכפאָרן אַהינצו, זען וואָס מאַכן דאָרט, אינעם נײַעם גלות מצרים, אונדזערע ברידער, די רויטע ייִדלעך... איין זאַך קען איך אײַך זאָגן פאַר קלאָר, אַז די רויטע ייִדלעך, וואָס זײַנען געבליבן אינדערהיים, זײַנען גאָר ניט די רויטע ייִדלעך וואָס פריִער, וואָרעם ווי באַלד עס איז געשען דער קלאַפּ, איז בא זײ געוואָרן אַן איבערקערעניש; זײ האָבן זיך נאָך די קלעפּ עפּעס ווי אויסגעניכטערט, ווי אויפגעוואַכט פון אַ לאַנגן־לאַנגן שלאָף און האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטײן זײער לאַגע, פאַרשטײן, אַז ווײַטער קאָן דאָס אַזוי ניט זײַן, אַז מע באַדאַרף עפּעס אָנהייבן טראַכטן. און אַז זײ האָבן אָנגעהויבן טראַכטן, האָבן זײ ערשט דעמאָלט צעקײַט די ווערטער פון יענעם פאַרשוין, וואָס איז אַראָפּגעפאָרן צו זײ פון יע־נער זײַט טײַך סמבטיון און האָט זײ דערציילט אַ מעשה מכח אַ לאַנד, אַן אייגן לאַנד, מכח ארץ־ישראל — און דער עולם האָט זיך שטאַרק אַ נעם געטאָן צו דעם דאָזיקן ענין, מיט היץ, מיט פײַער, ווי דער שטײ־גער איז פון די רויטע ייִדלעך... נאָר איר ווילט דאָך וויסן וואָס איז געווען דער פּועל יוצא? וואָס איז דערפון אַרויסגעקומען? צי האָבן די רויטע ייִדלעך טאַקע עפּעס מתקן געווען, טאַקע עפּעס געטאָן אויך? אָדער מען איז אָפּגעקומען נאָר דערמיט, וואָס מע האָט גערעדט און גערעדט און ווי־דער אַמאָל גערעדט?... צי האָט מען זיך שוין אַמאָל אויסגעגלײַכט דאָרט מיט דעות, אָדער איטלעכער איז זיך געבליבן בא זײַנעם? צי האָט מען זיך שוין דערערעדט אַמאָל בא זײ צו אַ סוף? אָדער אַז ס'איז שוין געקו־מען צום שפּיץ, האָט זיך געלאָזט הערן אַ קול: „נע זשעלאַיעם!"?... אָט דאָ לאָזט זיך אַראָפּ דער פאָרהאַנג, און מיר געזעגענען זיך אָפּ מיט די רויטע ייִדלעך אַף אַ היפּשער צײַט.

געשריבן אין יאָר 1900.

# משוגעים

## אַ באַשרײַבונג פון אַ דורכפאָרער

## דאָס ערשטע קאַפּיטל

(אַ דורכפאָרער אַנטדעקט דאָס נײַע לאַנד. — די רויטע ייִדלעך הערן זיך אַז מיט מעשיות און ווערן פאַרקאַכט. — איינער פון זיי לאָזט זיך אַהין אַוועק. — ער קומט צוריק און גיט אַרויס זײַן באַשרײַבונג באַזונדער אין אַ ביכל. — ער רעכנט דערפון גליקלעך ווערן).

אַ צײַט מיט יאָרן האָבן די רויטע ייִדלעך געמיינט, אַז מיט זיי לאָזט זיך אויס די וועלט. פון איין זײַט דער טײַך סמבטיון, פון דער אַנדערער זײַט די הרי חושך און אין מיטן די רויטע ייִדלעך — און אַן עק, וואָס באַדאַרף מען נאָך? גערעדט האָט מען, אַז אַף יענער זײַט סמבטיון איז אַ סברא, אַז סע איז יאָ פאַראַן עפּעס אַ לאַנד, נאָר אַפילו אַז יאָ, איז נאָך אַ ספק, צי עס געפינען זיך דאָרטן ייִדן; כאָטש אַפילו, אַז מע זאָל וועלן שמועסן דאָס אייגענע ווידער צוריק, מוז מען רעכענען, אַז סע איז ג ע וו י ס דאָרטן פאַראַן ייִדן, וואָרעם, ערשטנס, ווי געשיקט זיך דאָס אַ לאַנד אָן ייִדן? און, צווייטנס, וווּ זײַנען אַהינגעקומען די „עשרת השבטים”?... נאָר פּלוצעם עפּעס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז איינער אַ דורכפאָרער, מע ווייסט ניט ווער און פון וואַנען, האָט דערציילט, אַז ער איז דאָרט אַליין געווען אין יענעם לאַנד. אײַ, ווי אַזוי האָט ער געקאָנט אַריבער דעם סמבטיון, וואָס אַלע ווייסן, אַז אַ גאַנצע וואָך וואַרפט ער מיט שטיינער, אַ חוץ שבת? בלײַבט אַ קשיא... דער דורכפאָרער האָט דער־ציילט, אַז ער איז דאָרטן געווען, אַז ער האָט אַליין געזען מיט זײַנע אויגן

די דאָרטיקע ייִדן און האָט מיט זיי גערעדט; ער זאָגט, אַז זיי זײַנען גאָר נישט פּאַכאָזשע אַף אונדזערע ייִדן; ערשטנס, זײַנען זיי אַלע מיט שוואַרצע האָר, און, צווייטנס, זײַנען זיי גאָר אַנדערע מינים ייִדן; זיי פֿײַנען זיך אויס מיט זייערע גוטע מדות און זיי לעבן אַלע דאָרטן גליקלעך, וואָס גליקלעכער קאָן שוין נישט זײַן, דהיינו: זיי האָבן פּרנסה מיטן פֿולן מויל, נישטאָ דאָרטן קיין אָרעמע לײַט, אַלצדינג איז דאָרטן וואָלוול, ביזול־הזול, עס וואַלגערט זיך בא זיי ממש גאָלד אין די גאַסן...

— דו הערסט וואָס ער זאָגט? — רופֿט זיך אָן איינער צום אַנדערן און דערלאַנגט אים אַ שטורך מיטן עלנבויגן.

— עט, מילא, וואָס ער זאָגט, עס רעדט זיך אַזוי — מליצה.

— אַ משל! מע שמועסט, אַז סע וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסן, זאָגט ער גאָר מליצה!

— אַז סע וואַלגערט זיך גאָלד, פֿאַר וואָס זשע הייבט דאָס קיינער נישט אויף?

— ביסט אַ בהמה, פֿאַרשטייסט ניט פֿון דאַנען אַהין: אַז מע זאָל דאָס ווידער אויפֿהייבן, וואָלט זיך עס ניט געוואַלגערט אין גאַס...

די רויטע ייִדלעך, וואָס זײַנען בטבע שטאַרקע בעלי־גוזמא, ווי מיר ווייסן שוין פֿון אונדזער פֿריִערדיקער מעשה,* האָבן מער נישט באַדאַרפֿט; זיי האָבן נאָר דערהערט „גאָלד", האָבן זיי שוין ווײַטער נישט געוואָלט הערן. באַלד איז אויסגעוואַקסן בא זיי אינעם כח־הדמיון גאַנצע בערג מיט גאָלד און זילבער, מיט דימענטן, מיט בריליאַנטן, מיט אַלדאָס גוטס: „אָט אַ לאַנד, ווו מע קאָן זיך גוט אָפּלעבן, אָפּשטורבען דאָס ביסל יאָרן! — אַזוי האָבן זיי געזאָגט איינס דאָס אַנדערע מיט אַ זיפֿץ. — מע פֿאַרשפּאָרט האָרעווען, ווערן אויסגעריסן, זיך ברעכן דעם מוח. נישטאָ אַף שבת, גייסטו אַרויס אין מאַרק און קלײַבסט זיך אויס וואָס דײַן האַרץ גלוסט. ווילסט גאָלד — נעם גאָלד; ווילסט זילבער — נעם זילבער. הכלל, דו האָסט הענט — נעם און געניט!..." עס האָבן זיך אַפֿילו געפֿונען אַזעלכע אַפּיקורסים, וואָס האָבן געוואָלט אָפּלייקענען אינגאַנצן די מעשה, זיך געפּרוּווט איבערשפּאַרן:

* זע די „רויטע ייִדלעך", אַן אויסגעטראַכטע מעשה פֿון שלום־עליכם.

— ווייס איך וואָס? בהמות, נאַראָנים! מע דערציילט זיי פּזמונות, געכטיקע טעג, אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי!

— סטײַטש, מיר האָבן אָבער אַליין געהאָרכט, אַז ס'איז דאָ געווען אַ דורכפאָרער, וואָס האָט אַליין גערעדט מיט די דאָרטיקע ייִדן; אַ סימן, ייִ זײַנען אַלע מיט שוואַרצע האָר...

— אַ סימן, די מומע איז מיט אַ נאָז. שפּײַט אים אָן אַ פולן פּנים, דעם דורכפאָרער! פרעגט אים, ווי אַזוי איז ער אַריבער דעם סמבטיון, אַז אַ גאַנצע וואָך וואַרפט ער מיט שטיינער?

— אָט זעט איר דאָך!...

---

בקיצור, דאָס גאָלד מיטן זילבער, וואָס אויף יענער זײַט סמבטיון, האָבן אָנגעמאַכט צווישן די רויטע ייִדלעך אַ גערודער נישט אויף קאַטאָ־וועס. אַ סך פון זיי האָבן דאָס גוט אַרויסגענומען אויף דער מחשבה, גע־טרוימט וועגן דעם באַטאָג און באַנאַכט, נישט געקאָנט אײַנליגן, זיך געקאַטשעט פון איין זײַט אויף דער אַנדערער, געזיפצט, געקרעכצט און אַלץ געטראַכט: „אוי, רבונו־של־עולם, וואָס איז באַ דיר פאַר אַ קונץ נעמען מיך און אַריבערטראָגן אַהין כאָטש אויף איין טאָג!" די בעלי־בטחון, די פרומע, האָבן דאָס געהאַט אין זינען בשעת דאַוונען: „אבינו מלכנו — טאַטע זיסער, האַרציקער, געטרײַער! צוליב דײַן גרויסן נאָמען און צוליב אונדזערע עלטערן, וואָס האָבן זיך אָן דיר פאַרזיכערט, באַ־ווײַז דײַן גענאָד, טו עפּעס אַ נס מיט אונדז, אַזוי ווי דו קאָנסט!..." וואָס פאַר אַ נס האָבן זיי געוואָלט: צי גאָט זאָל זיי ברענגען אַהין, אין יענעם לאַנד, צי ער זאָל זיי ברענגען דאָס לאַנד אַהער — דאָס האָבן זיי אַליין נישט געוווּסט אַקוראַט; זיי האָבן נאָר חשק געהאַט צום גאָלד מיטן זיל־בער, וואָס דאָרטן. דאַכט זיך, מער יושר, כלעבן, עס זאָל ליגן באַ זיי אין קעשענע, איידער עס זאָל זיך וואַלגערן אין גאַס!... נאָר נעמען אויפהייבן זיך און אַוועקפאָרן אַהין האָט קיינער קיין חשק נישט געהאַט; ערשטנס, וווּהין פאָרט מען? גלאַט נעמען און פליִען העגדום־פּעגדום אין דער וועלט אַרײַן? און צווייטנס, וואָס טוט מען מיטן סמבטיון? ווי אַזוי שווימט מען אַריבער דעם טײַך, וואָס וואַרפט מיט שטיינער? אמת, קיי־נער האָט נישט געזען, נישט דעם סמבטיון, נישט די שטיינער, וואָס

ער וואַרפֿט פֿון זיך; נאָר אַ וועלט איז דאָך ניט משוגע. מסתמא אַז מע זאָגט שטיינער — איז שטיינער...

נאָר פּאָר צוויי יאָרן, אין דער צײַט, האָט זיך געטראָפֿן אַ מעשה. עפּעס איינער פֿון די רויטע יִדלעך, אַ גײַציק יִדל, נישט קיין פּראָסטאַך, מיטן נאָמען משה (כמעט דער איינציקער מענטש, וואָס הייסט מיט זײַן אייגענעם נאָמען, אָן אַ שום צונעמעניש), איז פּלוצעם אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן אַרויסגעגאַנגען מיטן שטעקעלע אין מאַרק אַרײַן און איז שוין מער צוריק נישט געקומען; און אָט אַזוי איז ער נעלם געוואָרן, מע האָט ניט געוווּסט וווּהין. מע האָט אים אויסגעזוכט אין אַלע מײַזנלעכער, ווו ערגעץ אַ בוידעם, ווו ערגעץ אַ קעלער; מע האָט אים געזוכט העט־ווײַט הינטער דער שטאָט, אַף יענער זײַט מילן, מע האָט אים געזוכט נעבן דער באָד, באַם ברעג טײַך — נישטאָ; פֿאַרפֿאַלן, ווי אין וואַסער אַרײַן! אינ־דערהיים האָט ער איבערגעלאָזט נעבעך אַ ווײַב אַ יונגט, אָן אייביקע עגונה מיט קינדער, לעבעדיקע יתומים, אָן אַ שטיקל ברויט. דער עולם האָט שטאַרק רחמנות געהאַט. מע האָט געאַרבעט, מע האָט נישט אויפֿ־געהערט צו ברעכן זיך דעם קאָפּ: ווו האָט ער געקאָנט אַהינקומען? אַ מענטש איז דאָך נישט קיין שפּילקעלע. רבנים האָבן צעשיקט בריוולעך אין אַלע שטעט מיט אַלע זײַנע סימנים: אַז ער הייסט משה און איז אַ רויטער, פֿון מיטלמעסיקער וווּקס. דאָס הייסט, ער איז נישט קיין שטאַרק הויכער, נישט גאָר קיין נידעריקער. און נאָך צוויי וויכטיקע סימנים האָט ער: ער רעדט פֿונעם שלאָף און עסט נישט קיין קעז... די דאָזיקע סימנים האָט מען אַוועקגעשיקט אויך אין אַלע יִדישע בלעטער, מע האָט אָפּגע־דרוקט גרויסע ברייטע מודעות און מע האָט צוגעזאָגט, אַז דער, וואָס וועט אָנווײַזן אַף דעם פֿאַרפֿאַלענעם, וועט דערפֿאַר, אם ירצה השם, געוויס האָבן עולם הבא... דאָס האָט אָבער אויך ניט געהאָלפֿן. ביז די צײַט איז געקומען און דער שאָדן האָט זיך אָפּגעזוכט, דאָס הייסט, דער פֿאַרפֿאַלענער איז אין אַ יאָר אַרום אַליין געקומען צוריק מיטן שטע־קעלע אַהיים. מע קאָן זיך פֿאָרשטעלן די שמחה פֿון זײַן ווײַב און קינ־דער, אַז איין מאָל אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן שטייט מען אויף, מע טוט אַ קוק — ער איז דאָ!...

דעם ערשטן ברוך־הבא האָט ער געהאַט, געוויינטלעך, פֿון זײַן ווײַבל „די עגונה“. זי האָט אים אָפּגעשפּילט אַ וויוואַט, ווי ער איז ווערט געווען;

נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן באַקומען שלום-עליכמס פון קרובים, פון שכנים און פון גלאַט באַקאַנטע.

— ויבוא הפליט — געקומען דער אַנטרונענער! שלום-עליכם, פון וואַנען קומט דאָס אַ ייִד? דערציילט, וואָס האָרכט זיך עפּעס אויף דער וועלט? ווי טייער איז קאָרן?...

— לאַכט, לאַכט! — מאַכט ער צו זיי — ווען איר זאָלט וויסן, ווו איך בין אויסגעוועזן און פון וואַנען איך קום אָן און וואָס איך האָב געזען, וואָלט איר מיט מיר אַנדערש גערעדט.

— דהיינו, לאָמיר האָרכן? אפשר פון יענער זייט סמבטיון?

— גלייך ווי איר זייט געווען דערביי. אוי, איז דאָס אַ לאַנד!

— טאַקע באמת, צי דו טרייבסט קאַטאָוועס?

— איך זאָל אַזוי לעבן מיט אייך אינאיינעם, ווי איך זאָג אייך אמת.

— הערסט, היינט וואָס זשע שווייגסטו?

— וואָס זשע זאָל איך שרייען?

עס האָט נישט געדויערט קיין האַלבע שעה, איז די גאַנצע שטאָט געוואָר געוואָרן, אַז „משה דער פאַרפאַלענער" האָט זיך געפונען; ער קומט אָן פון יענעם גליקלעכן לאַנד, ווו עס וואַלגערט זיך גאָלד און זילבער, און דערציילט זיך אָן אַזעלכע חדושים, אַז מע קאָן משוגע ווערן. מע האָט דערהערט אַזאַ מעשה, האָט מען אַוועקגעוואָרפן האַק און פּאַק, שער און אייזן און מע האָט זיך געלאָזט צו אים, ווי צו אַ גוטן ייִדן; מע האָט אים געשטעקט שלום-עליכמס פון אַלע זייטן, שוין נישט אויף קאַטאָוועס, און דווקא מיט גרויס רעספּעקט, מע האָט אים שטאַרק מקנא געווען אויף זיין נאַטור, געלויבט און געחידושט זיך אויף אים, ווי אַזוי ער האָט קיין מורא נישט געהאַט מאַכן אַזאַ ווייטע נסיעה איינער אַליין. און מע האָט אים געבעטן, ער זאָל כאָטש דערציילן אַלצדינג, ווי אַזוי און וואָס און ווען, און טאַקע באַלד אָט-אָ-דאָ, און צי ס'איז טאַקע אמת, וואָס מע זאָגט גאָלד? דער עולם איז געוואָרן אַלע מינוט גרעסער און גרע־סער, עס זיינען צוגעקומען אַלע מאָל נייע פּאַרשוינען, וואָס האָבן באַ־גערט און געפאָדערט, ער זאָל זיי דערציילן די גאַנצע מעשה, כאָטש נאָך אַ מאָל פונעם אָנהייב ביזן סוף — אַלצדינג, ווי אַזוי און וואָס און ווען. ער האָט אַפילו פּאַרטיק גע־ווען זיי דערציילן אַלצדינג, נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט זיין ווייב.

— טאָמער ווייסטו, וואָס איז מען זיך דאָ צענויפגעקומען, אַף וועמענס בייז ווונדער? מע וויל האָרכן נייַס? איז מען נישט קראַנק צו דאַרן אַביסל, איך האָב מער געוואָרט!...

דאָס איז געווען אַן איידל אָנצוהערעניש, אַז דער עולם זאָל זיך צעגיין. די רויטע ייִדלעך זייַנען טאַקע גרויסע גדלנים, האָנאָירסטע לייַט, נאָר דאָרטן, וווּ מע באַדאַרף, זייַנען זיי באַ זיך נישט אַזוי גדולדיק, קליינע מענטשעלעך, מאַכן זיך תמעוואַטע, גלייַך ווי ניט זיי מיינט מען. זיי זייַנען נישט אָפּגעטראָטן פון אים, געשלעפּט אים פאַר דער צונג, ער זאָל זיי נאָר דערציילן און דערציילן.

אונדזער פאַרשוין האָט פאַרשטאַנען, אַז הייַנט איז ז ײַ נ ע זיבן יאָר, אַז הייַנט איז ע ר דער מיוחס אין שטעטל, האָט ער פון זיי געצויגן די עצמות, געשלעפּט אָדערן.

— וואָס זאָל איך אייַך זאָגן, ברידער, איז דאָס אַן ערטל! איז דאָס ייִדן! זינט גאָט האַנדלט מיט ייִדן האָט ער נאָך אַזוינע ייִדן ניט באַשאַפן. ס'איז, זאָג איך אייַך, הערט איר, מאָדנע מינים באַשעפענישן, וואָס מע זעט זיי גאָר נישט! ס'איז, זאָג איך אייַך, הערט איר...

— אָבער אַן עק זאָל דאָס האָבן! דערצייל אונדז עפּעס, דערצייל ווי אַ מענטש. מיר ווילן וויסן דעם שפּיץ.

— איך ווייס נישט, כלעבן, פון וואָס איך זאָל אייַך אָנהייבן פריִער? איך זאָל וועלן דערציילן אייַך אַלצדינג, וואָלטן מיר באַדאַרפט אָוועקזיצן אָמ־אָ־דאָ כאָטש דרייַ טעג, — וואָס זאָג איך דרייַ טעג? דרייַסיק טעג מיט דרייַסיק נעכט! מע זאָל דאָס וועלן באַשרייַבן, וואָלט מען געקאָנט אָנשרייַבן אָט אַזאַ בוך! (ער באַווייַזט וואָס פאַר אַ מין בוך, פון דער ערד ביז כמעט דער סטעליע). שאַט, קינדער! ווייסט איר וואָס איך וועל אייַך זאָגן? איך בין געפאַלן אַף אַ גלייַכע זאַך. אוי בין איך אַ חכם!

— דאָס ווייסן מיר! אוודאי ביסטו אַ חכם! נאָר לאָמיר שוין האָרכן וואָס, אַבי גיכער!

— איך בין געפאַלן אַף אַזאַ אַן עצה: באַדאַרף איך אייַך דערציילן איטלעכן באַזונדער, אָנהייבן אַלע מאָל פון „מה טובו"? אמער, נעם איך און גיב דאָס אַרויס אַלצדינג אַף פּאַפּיר, דאָס הייסט, איר פאַרשטייט? איך באַשרייַב דאָס אין אַ ביכל, דעמאָלט קאָן זיך דאָס יעדער איינציקער איבערלייענען פון אָנהייב ביזן סוף! וואָרעם דאָס, וואָס מע קאָן אַרויס־

שרייבן מיט דער פּען, וועט איר קיין מאָל נישט אַרויסריידן מיט דער צונג. אָבער איאָ, ס'איז אַ גלייכער איינפאַל? דער עיקר — איר זאָלט מיך נישט קוועטשן, איך זאָל קאָנען זיצן און שרייבן.

— סאַ משל! אַף ווען וועט דאָס אַרויסקומען — אם ירצה השם, אַף חול המועד פּורים?

— חס וחלילה! וויפל, מיינט איר, באַדאַרף דאָס באַ מיר געדויערן, דאָס אָנשרייבן מיטן אָפּדרוקן? — נישט מער ווי אַ חדשים צוויי אָדער דריי.

— אַ חכם פון דער מה נשתנה אַרויס! ביסט משוגע, צי חסר דעה! וואָס רעדסטו? דו ווייסט וואָס דו רעדסט? — האָבן זיך די רויטע ייִד־לעך צעשריען אַף אים, גלייך ווי ער וואָלט געוועזן באַ זיי אַ געדונגע־נער פון קהל. — חדשים? ווער איז דאָס אימשטאַנד צו וואַרטן חדשים? מען איז דאָך נישט מער ווי לעבעדיקע מענטשן! אַ קשיא, טאָמער שטאַרבסטו גאָר ביז דעמאָלט אַוועק?

— בקיצור, ווי איר ווילט אײַך! — האָט זיך שוין זיין ווייבל אַרויס־געשטעלט פאַר אים. — מיין מאַן איז אײַך נישט משה־מחויב; ער האָט זיך ניט אונטערגענומען באַ אײַך פאַר קיין דערציילער. עלעהיי, לאָז זיך אײַך דאַכטן, עס האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון און ער קאָן ניט ריידן!... גייט אײַך געזונטערהייט!

דער עולם האָט אַרויסגעזען, אַז מע וועט דאָ גאָר נישט מאַכן, איז מען זיך צעגאַנגען, און אונדזער חברה־מאַן האָט געהאַלטן וואָרט: ער האָט אײַנגעקויפט פּאַפּיר און טינט און פּענעס אַ גוזמא, און האָט זיך אַוועקגעזעצט באַשרייבן די גאַנצע נסיעה זיינע אין אַ באַזונדער מעשה־ביכל, וועלכעס ער האָט אַ נאָמען געגעבן: „דאָס גליקלעכע לאַנד, אָדער אַן אָרט פון משוגעים". דאָס ביכל איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער דאָס אַוועקגעגעבן אין דרוק אַרײַן, מע זאָל דאָס אָפּדרוקן אַף זיינע אייגענע הוצאות אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן (איך האָב מורא, אויב נישט עטלעכע טויזנט שטיק!). ער האָט זיך געהאַט אַזאַ רעכענונג: דאָ, אין זיין שטאָט אַליין, געפינען זיך, קיין עין הרע, אַ צוואַנציק טויזנט רויטע ייִדלעך; לאָמיר שמועסן, אַשטייגער, אַז נאָר איינער פון צען וועט קויפן אַ ביכל, האָט איר שוין אַ קיימאַ־לן פון צוויי טויזנט ביכלעך; היינט ווו זיינען די איבעריקע שטעט? די

רויטע ייִדלעך זײַנען דאָך פֿאַראַן עטלעכע מיליאָן, קיין עין הרע! אדרבה, עטלעכע טויזנט וועט גאָר קלעקן אַף איין צאָן; מע וועט דאָס מוזן נאָכדעם אָפּדרוקן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, מע וועט דאָס פֿאַרצוקערן, און ער וועט זיך מיט גאָטס הילף צעפּירן די הענט, — מאַכן דערפֿון אַ מאַיאָנטעק...

כך הווה. דאָס ארויסגיין פֿונעם בוך האָט זיך אַביסל פֿאַרצויגן; עס האָט געדויערט אַביסל מער פֿון צוויי חדשים, און מער פֿון דרײַ, און מער פֿון פֿיר, און מער פֿון זעקס. עס האָט זיך געטראָפֿן אַ סיבה: ס׳איז אויסגעגאַנגען פּאַדעס, נישט געסטײַעט קיין אותיות אין דער דרוק! מע האָט געמוזט צו־וואַרטן עטלעכע חדשים, ביז מע וועט אויסגיסן נײַע אותיות... אונדזער מחבר האָט זיך דאָס אַביסל דעמאָלט אָנגעגעסן מיט צרות — אַפֿן פּוד! פֿון איין זײַט דאָס ווײַב פּיקט אין קאָפּ: „וואָס איז דאָס פֿאַר אַן עובֿדה — ביכלעך גאָר אינמיטן דרינען? פֿריש און געזונט און משוגע!״ פֿון דער אַנדערער זײַט די רויטע ייִדלעך רײַסן באַ די פּאָלעס: „גוואַלד, דאָס ביכל! דאָס ביכל!״ און דער דרוקער, וואָס איז צום אָנהייב געווען זיס ווי צוקערלעך, האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן דולן אַ ספּאָדיק: „געלטעניו! געלט! געלט! געלט!״ ער האָט זיך געבעך פֿאַרזעצט און פֿאַרמשכנט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, געוואָרן אַ באַלכויוו ביז איבער די אויערן, און גאָט האָט אַ נס געטאָן — די „משוגעים״ זײַנען אַרויס פֿון דרוק!

„די משוגעים״ זײַנען אַרויס פֿון דרוק, און דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן, ווי נאָך מצה־וואַסער. מע האָט אים באַלגערט די שטוב, איטלעכער האָט געוואָלט וואָס פֿריִער. זײַן ווײַבל האָט דערזען אַזאַ מחיה, האָט זי זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט זיך אַרײַנגעמישט.

— דו האָסט דען שכל אַף אַט אַזוי פֿיל, דו לעקיש אײנער? אַז גאָט האָט אונדז יאָ צוגעשיקט אַזאַ גליק, וואָס טרעפֿט זיך איין מאָל אין הונדערט יאָר, פֿאַר וואָס־זשע זאָלן מיר נישט אָפּלעקן אַ ביינדל, ווי עס געהער צו זײַן? מכּות וואָלט איך זיי פֿאַרקויפֿט אַזוי וואָלוול די סחורה! אַ קניע ערד וואָלטן זיי באַ מיר אויסגעשלאָגן אָט־אַ־דאָ־אַ, אויסציִען וואָלטן זיי זיך פֿאַר מײַנע אויגן!...

עס האָט נישט געדויערט קיין צוויי שעה צײַט און דער עולם האָט אָנגעהויבן ווערן וואָס ווײַטער אַלץ שיטערער און ווינציקער, ביז ס׳איז נישט געבליבן קיין לעבעדיקער מענטש, — די רויטע ייִדלעך זײַנען מיט

א מאָל אָפּגעקילט געוואָרן. וואָס איז די מעשה? די מעשה איז גאָר א פּשוטע מעשה: די שטאָט איז געוואָר געוואָרן דעם אינהאַלט פונעם ביכל איש מפּי איש, און דווקא אָן א טעלעפאָן; איינער האָט איבערגעגעבן דעם אַנדערן די גאַנצע מעשה אין קורצן, — היינט צו וואָס באַדאַרף מען נאָך גיין אויסגעבן געלט, קויפן ביכלעך?... דאָס איז נומער איינס. והשנית, האָט מען א טעות געהאַט אין חשבון:

— ווייס איך! א נעבעכדיקער טאָג! — האָבן זיי געטענהט. — ווער מיר גאָלד? וואָס מיר זילבער? עפּעס משונה מאָדנע ייִדן, משוגעים באַשרייבט ער דאָרטן! אוודאי איז כדאי געווען אַזוי פיל צו וואַרטן אויף אַזא מעשה!

— ס'איז גאָר אינגאַנצן די מעשה א ליגן; דאָס האָט ער אויסגעטראַכט פונעם קאָפּ!

— עס האָט זיך אים, אַפּנים, געחלומט, אַז ער איז אַריבער דעם סמבטיון?

— טפו אויף זיין קאָפּ און אויף זיינע הענט און פיס!...

בקיצור, מע האָט דאָס ביכל מער אין די הענט אַריין נישט געוואָלט נעמען. די עטלעכע, וואָס האָבן יאָ געקויפט, האָבן זיי דאָס געבראַכט צוריק צום מחבר און האָבן געפאָדערט פון אים, ער זאָל זיך נעמען זיין סחורה צוריק, און פונעם געלט, וואָס זיי האָבן באַצאָלט, שענקען זיי אים אוועק די העלפט; דאַכט זיך, ערלעך? מיט יושר?... איינער האָט זיך מיישב געווען און האָט אים אַריינגעוואָרפן דורכן פענצטער צוריק דאָס ביכל אינאיינעם מיט א געפּגרטער קאַץ, און די גאַנצע שטאָט האָט פון דער חכמה אַזוי אָנגעקוועלט, אַזוי געלאַכט, אַז מען איז שיער ניט צעזעצט געוואָרן פאַר געלעכטער.

מע קאָן זיך דען פאָרשטעלן די ביטערע פינצטערע לאַגע פון אונדזער מחבר? די צרות, וואָס ער האָט נעבעך איבערגעטראָגן פון זיין ווייב, וואָס האָט אים שיר נישט אויפגעגעסן לעבעדיקערהייט? די אַנגסטן מיט די יסורים פונעם דרוקער, וואָס איז נעבעך דורך אים ניזוק ונהרג געוואָרן? און זיין האַרצווייטיק מיט די בזיונות, וואָס ער האָט געהאַט פון די רויטע ייִדלעך? ער איז געוואָרן בא זיי אויס „משה דער פאַרפאַלענער״; זיי האָבן אים געקרוינט מיט א נייעם נאָמען: „דער משוגענער ביכל־מאַכער״ — ס'איז געווען בוזי־בזיונות!

איינס פון די דאָזיקע ביכלעך איז על־פּי נס אַרײַנגעפאַלן צו אונדז אין די הענט אַרײַן, און מיר האָבן דאָס דורכגעלייענט פון אלף ביז תיו און האָבן געפונען, אַז ס'איז גאָר נישט אַזוי שלעכט, ווי די רויטע ייִדלעך מיינען. מהאי טעמא דרוקן מיר דאָס איבער דאָ וואָרט בא וואָרט, און מיר בעטן דעם עולם, אַז טאָמער וועט דאָ עמעצער געפינען עפּעס אַ זאַך, וואָס וועט זיי אויסווײַזן פריקרע, ערטערווײַז אביסל צו פיל גוזמאדיק, איבערגעכאַפּט די מאָס, אָדער אַזוי מחילה נאַריש, טפּושעוואַטע, זאָלן זיי צו אונדז קיין טענות ניט האָבן, נאָר צום מחבר אליין. אַף אים, אַפן מחבר הייסט דאָס, מעגן זיי זאָגן וואָס זיי ווילן: אַזוי ווי ער הערט נישט, אַזוי וועט אים נישט שאַדטן...

## דאָס צווייטע קאַפּיטל

(זײַן אָנקומען אין שטאָט אַרײַן. — דאָס ערשטע באַגעגעניש. — די שול. — מע טוט אים אָן אַ קאַפּעלוש. — מע שלאָגט זיך פאַרן אורח, איטלעכער וויל אים צו זיך אַף שבת).

אָנגעקומען אינעם לאַנד פון די משוגעים — אַזוי הייבט ער אָן די באַשרײַבונג פון זײַן נסיעה — בין איך פּונקט אום פרײַטיק פאַרנאַכט, שוין אַרום ליכט־בענטשן, און מחמת איך האָב מיך זייער געאײַלט אַף שבת, האָב איך גאָר קיין צײַט נישט געהאַט זיך צוקוקן צו דער שטאָט און צו אירע שיינע, ריינע, ציכטיקע, אויסגעפלאַסטערטע גאַסן און צו די שיינע, הויכע, ליכטיקע מויערן. איך בין געפלויגן פײַל אויסן בויגן; עס האָט מיר כסדר געבאָמבלט אין קאָפּ: „וווּ וועל איך דאָ מקבל שבת זײַן? וווּהין וועל איך מיך דאָ צושלאָגן, אין אַ פרעמדער מדינה, און צו וועמען וועל איך מיך דאָ קערן און ווענדן אָן אַ שום רעקאָמענדאַציע?"...

די ערשטע מחשבה מײַנע איז געווען: אַ שול. „לאָם איך נאָר צושלאָגן זיך צו אַ שול, — אַזוי האָב איך מיר געטראַכט — וועט שוין אַלץ זײַן רעכט: צווישן ייִדן, נישקשה, ווערט מען נישט פאַרפאַלן"...

דעם ערשטן ייִדן, וואָס איך האָב באַגעגנט, האָב איך אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן:

— ווייסט איר נישט, פעטער, ווו איז דאָ ערגעץ א שול?

דער ייִד...

נאָר איך מוז דאָ פריִער אָפּמאָלן וואָס פאַר א מין ייִד דאָס איז געווען. א הויכער, מיט שווארצע האָר, א שווארצע באָרד, דעם קאָפּ פאַר־ריסן ארויף מיט גדלות, אָנגעטאָן אין שווארצן, מיט א הויכן שווארצן גלאַנצנדיקן ספּאָדיק אפן קאָפּ, כמו א לאָקשנטאָפּ.

—האָט קיין פאריבל נישט, פעטער, — זאָג איך צו אים — אויב איר זייט, איך בעט איבער אייער כבוד, א ייִד, נאט אייך אָפּ שלום־עליכם.

— עליכם־שלום! — מאַכט ער צו מיר און קוועטשט מיך בא דער האַנט זייער פריינטלעך. — עליכם־שלום! מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

— צי ווייסט איר ניט, — זאָג איך — ווו איז דאָ ערגעץ א שול, אָדער א בית־המדרש?

— קומט, — מאַכט ער צו מיר — איך גיי מיט אייך. פון וואַנען איז א ייִד?

— פון וואַנען? פון ווייטן, — זאָג איך. — אזש פון יענער זייט סמבטיון, הינטער די הרי־חושך.

— אָך, אפשר פון די רויטע ייִדלעך? — מאַכט ער צו מיר און נעמט מיך ווידער א מאָל אָן בא דער האַנט. — עס טוט מיר זייער, זייער הנאה, וואָס איך זע מיך מיט אייך. זאָגט־זשע מיר, איך בעט אייך, איר זייט דאָך דאָ, הייסט דאָס, א פרעמדער, אן אורח, קאָן איך אייך אפשר פארבעטן אף שבת?

— מהכתיתי, — זאָג איך — פאַר וואָס ניט? איך האָב גערעכנט זיך צושלאָגן צו א שול און דורכן שמש שוין איינבעטן זיך ערגעץ אף שבת.

— איינבעטן? — מאַכט ער מיט א געלעכטער. — בא אונדז פאַר־שפּאָרט מען זיך איינבעטן; בא אונדז איז מען צופרידן, אז גאָט שיקט צו אן אורח.

— און בא אונדז — זאָג איך — איז אן אנדער מנהג: בא אונדז לאָזט דער שמש ניט ארויס דעם עולם פון שול, ביז מע צענעמט נישט די אָרעמע לייט אף שבת.

— אזוי? — מאַכט ער צו מיר מיט אזא פּנים, גלייך ווי איך וואָלט

אים דערציילט, אַז בּאַ אונדז גייט מען מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פּיס אַרויף.

— האָט קיין פּאַריבל ניט, — רוף איך מיך אָן צו אים — נאָך וועמען האָט איר דאָס יאָרצײַט: נאָך אַ טאַטן, צי נאָך אַ מאַמען?

— וואָס איז דען? — מאַכט ער צו מיר. — וואָס איז אײַך עפּעס אײַנגעפאַלן, אַז איך באַדאַרף הײַנט האָבן יאָרצײַט?

— גלאַט, — זאָג איך — איך שמועס אַקעגן דרינגען, וואָס איר גייט דאַוונען.

— וואָס הייסט? — מאַכט ער צו מיר. — ס'איז דאָך הײַנט פּרײַ־טיק־צונאַכטס, דערפאַר פרעג איך טאַקע, וואָרעם בּאַ אונדז אַזעלכע, איך בעט איבער אײַער כבוד, פראַנטן, ווי איר, גייען זעלטן פרײַטיק־צו־נאַכטס אין שול אַרײַן.

— אַזוי? — מאַכט ער צו מיר. — וואָס־זשע דען טוען זיי שבת?

— איך ווייס — זאָג איך — וואָס זיי טוען? זיי געפינען זיך שוין מסתמא אָן אַרבעט: מע כאַפּט אַ קערטל, אַז קיינער זאָל ניט זען...

— וואָס כאַפּט מען? — מאַכט ער צו מיר.

— אַ קערטל — זאָג איך — כאַפּט מען: אָן „אָקעלע”, אַ „סטוקעל־קע”, אַ „באַנטשאָק”, אָדער גאָר אַ „טערטל־מערטל”?

— וואָס הייסט דאָס — זאָגט ער — „טערטל־מערטל”?

— בלומפּרשט! — זאָג איך. — וואָס מאַכט איר זיך געפּגרט? מע שפּילט דען נישט בּאַ אײַך אין קאָרטן?

— אַך, קאָרטן? — מאַכט ער צו מיר. — בּאַ אונדז שפּילט מען שוין ניט אין קיין קאָרטן; בּאַ אונדז איז פאַראַן אַ סך בעסערע פאַרגעני־גנס דערפון... אָט איז אונדזער שול.

— וווּ — מאַך איך צו אים.

— אָט דאָס איז זי! — זאָגט ער צו מיר און פירט מיך צו צו אַ הויכן מויער, אַ שיינעם, מיט ווײַסע מירמעלשטיינערנע זײַלן, מיט אַ מחיהדיקן גאָרטן אַרום און אַרום, און באַלײַכט, באַגאָסן פון אויבן ביז אַראָפּ מיט אַ מין משונה־מאָדנע ליכטיקייט, אַז מע קאָן בלינד ווערן.

„אָט דאָס הייסט בּאַ זיי אַ שול?” — טראַכט איך מיר און איך דערמאָן מיך אָן אונדזער גרויסן בית־המדרש, וואָס שטייט אָנגעבויגן

„כורעים" שוין פון היפשע עטלעכע יאָר, אונטערגעשפּאַרט מיט סטופּעס, וואָס יינגלעך קונדסים קלעטערן דורך זיי אַפן דאַך; די ווענט זיינען הויל, נאַקעט, אַרומגעגריזעט פון די ציגן, און דער ריח לאָזט זיך הערן פון דער ווייטן...

באַ דער טיר באַגעגנט אונדז איינער אַ הויכער מיט גאָלדענע קנעפּ, עפנט אונדז אויף די טיר און טוט זיך אַ בייג בשעת מעשה, ווי איינער רעדט: „ברוך הבא, אַ ייִד, סקאָצל קומט!"

אַריינגעקומען אינעווייניק, בלייב איך שטיין פאַרגאַפט. די שול איז פון אויבן ביז אַראָפּ איינגעטונקען אין גין־גאָלד, און פון דער ליכטיקייט, וואָס גיסט זיך פון אַלע זייטן, פינקלט, שעמערירט אין די אויגן. איינער מיט אַ שוואַרצן לאַקשענטאָפּ אַפן קאָפּ, מיט אַ לאַנגער זשיפּעצע מיט קנעפּ און מיט אַ מגן־דוד צוגעשפּילעט צו דער זייט, גייט־צו צו מיר שטילערהייט און טוט מיר אַ ווונק, איך זאָל גיין מיט אים.

— מע האָט מיר געזאָגט וועגן אייך, — מאַכט ער צו מיר — זייט זיך מטריח מיט מיר אַף איין מינוט.

— ווער, זאָג איך, זייט איר? קודם־כל נאָט אייך אָפּ שלום־עליכם.

— עליכם שלום! — מאַכט ער צו מיר — איך בין דער שמש פון דער שול.

„דער שמש! אַ שיינער שמש! — טראַכט איך מיר — אַן אויסגע־פּוצטער מיט אַ מגן־דוד, פּונקט ווי, להבדיל, באַ אונדז, פעלט גיט אַ האָר: אַן אַ צעפּיצלטער קאַפּאָטע, אָן אויסגעדרייטע שטיוול, אָן אַ פּלי־סענעם קאַרטוז, אָן אַ נאָז מיט טאַבעקע"...

— וווהין פירט איר מיך? — זאָג איך צו אים — ווייזט מיר בע־סער אָן אָרט, וווּ איך קאָן אַפּלייגן אָט דאָס פּעקל מיינס.

— קומט, קומט, — מאַכט ער צו מיר און נעמט צו באַ מיר דאָס פּעקל און פירט מיך אַריין אין אַ באַזונדער ליכטיק חדרל, צו אַ ווייסן מירמלשטיינערנעם וואַשקאַסטן, דערלאַנגט מיר אַ שטיקל זייף מיט אַ קלאָר־ווייס האַנטיכל און לייגט מיר פאָר, איך זאָל מיך מטריח זיין אביסל איינוואַשן זיך.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגעת? — קלער איך מיר. — וואַשן די הענט — דאָס פאַרשטיי איך; דערויף איז פאַראַן באַ אונדז אויך אַ האַנטפאַס אין שול מיט אַ גרויסער פּאָמעניצע באַ דער טיר. נאָר אין אַ

שול זאָל מען זיך באַדאַרפֿן וואַשן גאָר און זייפֿן — דאָס פֿאַרשטיי איך שוין ניט!"

— ווער האָט אײַך געזאָגט וועגן מיר? — רוף איך מיך אָן צום שמש.

— דער הער שנײַדער.

— וואָסער שנײַדער?

— אָט דער, וואָס איר זײַט מיט אים געגאַנגען.

— אַזוי? — זאָג איך — איז ער סך הכל אַ שנײַדער? אַ „בעל־מלאכה", הייסט דאָס? הײַנט וואָס איז מיט אים אַזוי דער יחוס, וואָס ער גייט אַזוי אויסגעפּוצט און דעם קאָפּ פֿאַרריסן אַרויף, גלײַך ווי, איך בעט איבער אײַער כבוד, עפּעס רעכטס?

— ער איז גבאי בײַ אונדז אין שול — מאַכט צו מיר דער שמש מיט גדלות.

— אַזוי? — זאָג איך — איז דאָס, אַפֿנים, אַ שנײַדערשע שול בײַ אײַך?

— ניין, — מאַכט ער — ס'איז נישט קיין שנײַדערשע, ס'איז אַ י ִי ד י ש ע שול.

— איך ווייס, — זאָג איך — אַז ס'איז אַ יִידישע, ניט קיין גוייִשע. נאָר זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווי קומט צו אײַך אַ שנײַדער אַ גבאי? מע האָט, אַפֿנים, נישט געקאָנט געפֿינען קיין אַנדערן אויף אויסצוקלײַבן? ווי זאָגט מען: במקום שאין איש איז הערינג פֿיש...

— אַ שנײַדער איז דען קיין ייִד נישט? — מאַכט ער צו מיר און עפֿנט אַ שאַפּקעלע און נעמט אַרויס פֿון דאָרטן אַ הויכן שוואַרצן ספּאָדיק און בעט מיך, איך זאָל אויסטאָן מחילה מײַן וועג־מיצל און זאָל אָנטאָן אָט דעם „צעלענדער".

— משוגע, — זאָג איך — צי חסר דעה בין איך? וואָס הייסט, פּלוצעם אין מיטן דערינען וועל איך מיך אָנטאָן, ווי אַ מאַרשאַלאָק? אַ קאָמעדיאַנטשיק?

— איר מוזט אָבער אָנטאָן אַ „צעלענדער" — מאַכט ער צו מיר מיט אַ פֿרײַנטלעך שמייכעלע — בײַ אונדז גייען אַלע אין צעלענדערס; אַנדערש קאָן מען ניט אַרײַנטרעטן צו אונדז אין שול אַרײַן.

— איטלעכע שטאָט האָט זיך איר משוגעגעס, — זאָג איך — און

באַ אײַך זײַנען, אַפּנים, אַלע משוגעים? ס'איז דאָך באַ אײַך סדום, איר זײַט דאָך עפּעס דאָ, ווי איך בין אַ ייִד, ווילדע מענטשן, פּראָים!

— איר מוזט אָבער אָנטאָן דעם „צעלענדער", — מאַכט ער צו מיר נאָך אַמאָל, שוין מיט אַזאַ ניגון, ווי איינער רעדט: „ווילט איר אַזוי — איז גוט, אַלאַ ניט — גייט אײַך געזונטערהייט". און דאָ ווערט שפּעט, שוין שבת, וואָס טוט מען? גיין זוכן ערגעץ אַן אַנדער שול? „טאַ, אויך די אייגענע מעשה, — טראַכט איך מיר, — אַז איך האָב מיך שוין אַרײַנגעכאַפּט צווישן משוגעים, העלפֿט עפּעס חכמות?" איך טו אָן דעם „צעלענדער" און גייענדיק פֿאַרבײַ דער גלעזערנער טיר, כאַפּ איך אַ קוק אויף מײַן געשטאַלט און קוים וואָס איך האַלט מיך אײַן פֿאַר געלעכטער.

— ווי געפֿעלט אײַך — רוף איך מיך אָן צום שמש, גייענדיק — ווי געפֿעלט אײַך אַט דער שמייגער מיטן קוימען?

דער שמש אָבער ענטפֿערט מיר נישט דאָס אַנדערע וואָרט; ער באַזעצט מיך גאַנץ אויבן־אָן און איז מיך מכבד מיט אַ סידורל. איך הייב מיך אָן אַרומצוקוקן, וווּ בין איך אין דער וועלט? שיינע געפּאָלירטע בענק שטייען אַלע מיטן פּנים אַהין. אויף דער ערד ליגן אויסגעבעט שיינע ווייכע קאָווראָן, נישטאָ וווּ אויסצושפּײַען. דער עולם — אויסגעזעצט, ווי די מחותּנים, אָנגעטאָן שבתדיק, אַלע מיט שוואַרצע הויכע „צעלענדערס" אויף די קעפּ, מע זעצט זיך און מע שווײַגט — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּאָלק? איך טו אַ ווונק צום שמש, ער גייט־צו צו מיר אויף די שפּיץ־פֿינגער.

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וווּ איז דאָ ערגעץ באַ אײַך מזרח?

— מזרח? — מאַכט ער צו מיר און טוט מיר אַ ווײַז מיטן האַנט אַרויף, אַז אַהין איז מזרח.

— איך ווייס אַליין, — זאָג איך צו אים — אַז מזרח איז אַהין, קיין מזרח־זײַט, נישט קיין פּצון־זײַט; איך פֿרעג אײַך, וווּ איז דאָ באַ אײַך דער אויבנאָן?

— וואָסער אויבנאָן?

— בראָש פֿאַרשטייען זיי נישט וואָס מע רעדט צו זיי! וווּ זיצן דאָ באַ אײַך די נגידים, דער תּפֿארת פֿון דער שטאָט?

— אַלץ איינס! — מאַכט ער צו מיר.

— וואס הייסט, זאג איך, אלץ איינס? בא אייך איז, אפנים, הפקר ציבעלעס? ווו ווער סע וויל, דארט זעצט ער זיך?

— ווו ווער סע וויל, דארט זעצט ער זיך, — מאכט ער צו מיר מיט מיינע ווערטער.

„משוגעים! — זאג איך צו זיך אליין, און צעלאך מיך. — מע זאל בא אונדז זאגן א נגיד, ער זאל זיך זעצן אין שפיגל באנק, נישט גאנץ אויבן־אן, — איך וויים? די וועלט וואלט געהאט צו טאן! אדער, אשטייגער, א קבצן זאל האבן די העזה ארויפקריכן אין מזרח, וואלט געוועז הימל עפן זיך. פאר־א־יארן האט זיך געטראפן בא אונדז א מעשה, עס האט זיך פארקויפט א מזרח־שטאט אין אלטן בית־המדרש, האט זי ישראלי דער קצב געדונגען, איז געווארן א רעש צווישן די נגידים: „סטייטש, מיר וועלן דערלאזן א קצב זאל זיך רוקן אין מזרח? אבער גאר לא!" די נגידים האבן זיך צונויפגעלייגט און האבן די שטאט אוועקגעקויפט, באדאי זי זאל שטיין ליידיק, אבי דער קצב זאל האבן א מכה, נישט קיין מזרח!..."

פלוצעם דערהער איך, עס טוט א זעץ פון אויבן עפעס א מין געזאנג, א מישמאש פון פארשיידענע קולות, וואס איך האב אף מיין לעבנסטאג אזעלכעס נישט געהערט. עס גיסן זיך אלערליי זיסע שטימען, נידעריקע און נאך נידעריקערע, הויכע און נאך העכערע, און אלע אינאיינעם גיסן זיך צונויף אין איין געזאנג און רינען, אזוי ווי א מין בוימל, ממש עס צעגייט זיך אין יעדן אבר. איך וואלט געמעגט שווערן, אז איך הער א קול פון א פידל, פון א פלייט, פון א טרומייט און פון א באס — א גאנצע קאפעליע כלי־זמר... און עס וואקסט אוים, ווי פון אונטער דער ערד, עפעס א מין שלאק אין א טליתל, מיט א ווייסן ספאדיק אפן קאפ. אפנים, דאס איז זייער חזן? — ער מאכט עפעס מאדנע אנשטעלן, בייגט זיך און בוקט זיך און הייבט אן צו זינגען „מה טובו".

„סא משל! — זאג איך צו זיך אליין. — פרייטיק־צו־נאכטס גאר פון מה טובו! ווו איז דער ערב שבתדיקער „הודו לה' כי טוב?" ווו איז דער „ידיד נפש אב הרחמן?" ווו איז עפעס מנחה? — ווילדע מענטשן!"

תיכף נאכן חזן באווייזן זיך אף דער סצענע נאך א צוויי־דריי נפשות מיט שווארצע קוימענם אף די קעפ; צווישן זיי דערקען איך מיין הויכן שניידער — אפנים, דאס זיינען די גבאים פון דער שול? — און

איינער מיט א שווארצן פירעקעביקן ספּאָדיק און מיט א ווײַסן קאָלנער; זיי זעצן זיך אוים אַלע פיר אויבן־אָן, ווי די טאָקן, איינס אַקעגן דאָס אַנדערע, און דער חזן עפנט אויף א געמבע, פליט איבער פון „מה טובו" גלײַך צו „לכו נרננה" (ווי געפעלט אײַך אזא שפּרונג?). איך דער־הער, אז עס האַלט בײַ „קבלת שבת", טו איך דאָך מסתמא א זאָג דעם „לכו נרננה" אױף א קול מיט א ניגון, ווי איך בין געוווינט געוואָרן. איך מיין, אַז דאָ וועט שוין דער גאַנצער עולם אָנהייבן צו דאַוונען — וועך? וואָס? ווען? א וואָרט וויל קיינער נישט זאָגן! דער חזן הייבט אָן און די זינגערלעך לאָזן אויס, און דער גאַנצער עולם קוקט אין די סדורימלעך, ווי א האָן אין בני־אָדם, שעפּטשעט שטילערהייט. מע האָט מורא, טאָמער וועט מען חלילה דערהערן פון זיי א וואָרט עברי...

אז ס'איז געקומען צו די „לכה־דודים", האָט דער חזן אַליין שוין, אָן משוררים, אַנידערגעלייגט א „מזמור־שיר־ליום־השבת", און דווקא אױפן ייִדישן שטייגער, מיט אונדזער פּראָסטן ייִדישן נוסח — סע זאָל א רוח אין זײַן טאַטן אַרײַן! ער האָט זיך דאָס אַביסל צעלאָזט — א כפּרה דוויד־משה, א כפּרה משה־יוסע א כפּרה אפילו דער גרויסער הערש־בער... שפּעטער, אז ער איז אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום עולם (שטעלט אײַך פאָר א מין חזן: איר זאָלט זאָגן א סימן פון א באָרד, אויסגעפּוצט ווי א מויד, אָן א שום קנאָפּ אין גאָרגל, אָן א שום פּאַטשיילע אפן האַלדז און אָן א טראָפּן שוויים!), דער שמש מיטן מגן־דוד האָט אים אונטערגעטראָגן א גאָלדע־נעם בעכער מיט ווײַן, און דער שיינער חזן האָט געמאַכט קידוש, און דווקא הויך אפן קול. דאָס ערשטע מאָל אױף מײַן לעבן הער איך, אז אין א שול זאָל מען מאַכן קידוש — איך האָב געמיינט, איך וועל פּלאַצן פאַר געלעכטער! נאָכן קידוש האָט מען נאָך עפּעס געזונגען, און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צעגיין שטיל, אָן א „גוט שבת", געקוועטשט זיך איינס דאָס אַנדערע די הענט, געזאָגט איינער דעם אַנדערן: „לשנה הבאה בירושלים" (א משל!) און איבערגעוווּנקען זיך מיט די אויגן גאָר פריינטלעך. געגאַנגען איז מען איינציקווײַז, נישט געכאַפּט זיך, נישט געשטופּט זיך — מאָדנע ייִדן!

נאָכן דאַוונען איז דער שמש צוגעגאַנגען צו יענעם, וואָס מיטן פירעקעביקן ספּאָדיק און מיטן ווײַסן קאָלנער, און האָט אים אײַנגע־

רוימט אַ סוד אַפֿן אויער. נאָכדעם איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און נאָך אים די דרײַ גבאים מיט מײַן הויכן שנײַדער בתוכם.

— דאָס איז אונדזער הער ראַבינער, — מאַכט צו מיר דער שמש שטילערהייט — אונדזער רבֿ.

„נישקשה פֿון אַ רבֿ! — טראַכט איך מיר — אַט דאָס פּסקעט שאלות?"

— שלום עליכם! — מאַכט צו מיר דער רבֿ און קוועטשט מיך בײַ דער האַנט, און נאָך אים געבן מיר אָפּ שלום די איבעריקע צוויי גבאים.

— עליכם שלום אײַך, — זאָג איך — וואָס מאַכט איר גוטס?

— מה שמכם? — מאַכט צו מיר דער רבֿ.

— וואָס עפּעס אויף לשון־קודש? — זאָג איך — איר רעדט אפֿשר נישט קיין דברי־חול אין שבת? מײַן נאָמען איז משה. פֿאַראַן בײַ אונדז דרײַ משהס: איינער אַ הויכער, רופֿט מען אים „משה דער קליינער"; איינער אַ קורצער, רופֿט מען אים „משה דער גרויסער"; און מיך רופֿט מען גלאַט משה.

אַלע דרײַ גבאים מיטן שמש קוקן זיך איבער און שמייכלען איינס צום אַנדערן.

— איך האָב געהערט, — מאַכט צו מיר דער רבֿ — אַז איר קומט אָן פֿון אַ ווײַטער מדינה, פֿון יענעם לאַנד, וווּ עס געפֿינען זיך די רויטע ייִדלעך. וואָס מאַכן עפּעס דאָרטן אונדזערע ברידער נעבעך?

— וואָס זאָלן זיי מאַכן? — זאָג איך. — ווער עס האָט די קליינגערס, דעם איז גוט, ווי זאָגט מען: המבדיל בין קודש לחול, ווער עס האָט געלט, דעם איז ווויל, און ווער עס האָט ניט קיין געלט, דער ליגט נײַן איילן אין דער ערד, איך בעט איבער אײַער כבוד, און באַקט בייגל. און ווער שמועסט די לעצטע צײַט, זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן בײַ אונדז די „בהלות", איז נאָך ערגער: מע לויפֿט וווּהין די אויגן טראָגן, איינער ווייס ניט פֿונעם אַנדערן. אָט בין איך פֿאַרפֿאָרן אַהער, פֿרעגט מיך, ווי אַזוי — ווייס איך אַליין ניט. די ערשטע צײַט איז אַפֿילו געווען בײַ אונדז דאָרטן „קאָמיטעטן", וואָס האָבן באַדאַרפֿט זאָרגן פֿון אונדזערט־וועגן, נאָר עס האָט זיך אויסגעלאָזט פֿון זיי, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַ בוידעם...

איך האָב געערדט און געערדט, זיי דערציילט אַלצדינג, וואָס בּאַ אונדז טוט זיך, און די גבּאים מיטן רב מיטן שמש זײַנען געשטאַנען און האָבן מיך באַטראַכט, ווי עפּעס אַ זעלטענעם פּאַרשוין, וואָס מע זעט דאָס גאָר ניט; בּאַ איטלעכס מאָל, וואָל איך האָב דערמאָנט די רויטע ייִדלעך, ווי אַזוי זיי ווערן נעבעך פּאַרשוואַרצט, האָבן זיי געזיפצט, רחמנות געהאַט; איך האָב געזען, אַז עס עקט זיך זיי דאָס חיות...

— איך מיין, — מאַכט צו מיר דער רב מיט אַ פריינטלעך שמייכעלע — אַז איר באַדאַרפט זײַן רעכט מיד פונעם וועג און הונגעריק?

— גלײַך ווי איר זײַט געווען דערבײַ, — זאָג איך.

— מיר וועלן נאָך צײַט האָבן, מאַכט ער, צו שמועסן; אַצינד קומט, זײַט מוחל, צו מיר, איך פאַרבעט אײַך צו מיר אויף שבת.

— האָט קיין פאַריבל ניש, העער דאָקטאָר, — רופט זיך אָן צו אים דער הויכער שנײַדער — דער ייִד איז מײַנער, איך האָב אים שוין פאַרבעטן צו זיך נאָך גייענדיק מיט אים אהער אין שול אַרײַן.

— שאַדע! מאַכט דער רב דער דאָקטאָר.

— ווען — זאָג איך — זאָרגט זיך אַן אָרעמאַן? אַז ער האָט צוויי חתונות אין איין טאָג.

דער רב דער דאָקטאָר, יענע צוויי גבּאים און דער שמש לאַכן. נאָר איך זע, אַז זיי זײַנען שטאַרק מקנא דעם שנײַדער, וואָס ער האָט מיך פאַרבעטן פריִער, אויסגעכאַפּט די מציאה — אַ גליק האָט אים געטראָפן!...

„משונה־מאָדנע ייִדן! — אַזוי טראַכט איך מיר, גייענדיק מיט מײַן שנײַדער צו אים אויף שבת. — קיין מזרח איז בּאַ זיי ניט פאַראַן... דעם אויבן־אָן טרעטן זיי אויף יענעם... נגידים און קבצנים איז בּאַ זיי גלײַך... אַ דאָקטאָר איז בּאַ זיי אַ רב, אַ שנײַדער איז אַ גבאי און אַ שמש טראָגט אַ הויכן ספּאָדיק... אַן אורח אַן אָרעמאַן איז בּאַ זיי גאָר אַן אבן טוב, אַ ייִד איז בּאַ זיי אַ גאַנצער אַנטיק. מע שלאָגט זיך פאַר אַ ייִדן — ריינע משוגעים!"...

# דאָס דריטע קאַפּיטל

(באַם שנײַדער אין שטוב. — דאָס ווײַב גיט אים אָפּ שלום. — די טעכטער ריידן לשון־קודש. — ער ווערט געוואָר פון משונה־מאָדנע זאַכן. — ער רעדט וועגן ארץ־ישראל.)

אַרײַנגעקומען צום שנײַדער אין שטוב אַרײַן, האָט מיר מיט אַ מאָל אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַרײַן אַ מאָדנע מין ליכטיקייט, אַ פרייל׳עכ־קייט און אַ היימלעכקייט, וואָס לאָזט זיך גאָר ניט באַשרײַבן. באַגעגנט האָט אונדז טאַקע זײַן ווײַב, די שנײַדערן, אָנגעטאָן ווי אַ „מאַדאַם", נישט מיט קיין פּערל, ווי באַ אונדז אַ נגידית, נאָר גלאַט אַזוי אויסגע־פּוצט, שיין און ציכטיק. נעבן דער „מאַדאַם" זײַנען געשטאַנען צוויי מיידלעך, דעם שנײַדערס טעכטער, שיינע, אַזוי ווי גין־גאָלד, מיט שוואַר־צע האָר און מיט שוואַרצע פּײַעריקע אויגן.

— גאָט האָט אונדז צוגעשיקט אַן אורח — רופט זיך אָן צו זיי דער שנײַדער מיט אַ גדולה — איך האָב אײַך געבראַכט אַ ייִדן, איינעם פון אונדזערע ווײַטע־ווײַטע ברידער, וואָס מע רופט זיי מיטן נאָמען „די רויטע ייִדלעך".

— שלום עליכם! — רופן זיך אָן צו מיר אַלע דרײַ ווײַבער און גיבן מיר די האַנט, פּונקט אַף דעם שטייגער, ווי באַ אונדז מאַנצבילן.

— עליכם שלום, — זאָג איך צו זיי — דאָס ערשטע מאָל אַף מײַן לעבן טרעפט זיך מיר, אַז, איך בעט איבער אײַער כבוד, נקבות זאָלן גאָר אָפּגעבן שלום!

דעם שנײַדערס צוויי טעכטער האָבן צווישן זיך עפּעס אָנגעהויבן צו שמועסן אַף אַ מין מאָדנער שפּראַך, וואָס איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז ס'איז אונדזער לשון־קודש; נאָר זיי האָבן גערעדט אַזוי גיך, אַז איך האָב נישט פאַרשטאַנען איין וואָרט אַפילו. דער שנײַדער האָט אַ ווונק געטאָן צו דער שנײַדערן, און די „מאַדאַם" האָט מיך אַרײַנגעבעטן אינעם אַנדערן חדר, וווּ ס'איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט אַ טיש מיט כל טוב, און געבעטן מיך, איך זאָל „פאַרנעמען אַ פּלאַץ".

— האָט קיין פּאַריבל נישט, — זאָג איך — מײַן פּלאַץ וועט מסתמא נישט אַנטלויפן; איך בין אַ ייִד, וואָס קאַטאָרי בין געווױנט געוואָרן

מאַכן קידוש, איך קאָן נישט יוצא זײַן מיט אײַער שײנעם חזן מיטן ספּאָדיק, וואָס האָט אָפּגעמאַכט אין שול קידוש פאַר אַלע ייִדן.

— אָך! — מאַכן זײ צו מיר און טראָגן מיר אונטער אַ שײנעם זילבערנעם בעכער מיט אַ פלאַש ווײַן און שטעלן זיך אַוועק הערן, ווי איך מאַך קידוש.

אָפּגעמאַכט קידוש, רוף איך מיך אָן צום בעל־הבית:

— ווײסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? ס'איז אַ רעכט ביסל משקה אָט דאָס אָ! איך האָב שוין לאַנג אַזאַ גלעזל ווײַן ניט געטרונקען. עס צעגײט זיך אין אַלע אברים!

— דאָס איז טאַקע אונדזער ווײַן, — רופט זיך אָן צו מיר דער שנײַדער מיט גדלות.

— וואָס הײסט, — זאָג איך — איר האַלט אַ ווײַנשענק אויך? אויב אַזוי, איז שוין רעכט: אַפּנים, אַז פון שנײַדערײַ אַלײן קאָן מען אַזוי ניט לעבן?

— נײן, — מאַכן זײ צו מיר מיט אַ פרײַנטלעך שמײכעלע — איר האָט אונדז ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיר האָבן אײַך געזאָגט; אונדזער ווײַן — מײנען מיר ייִדיש ווײַן.

— ס'אַ משל! — זאָג איך — וואָס דען, נסך וועט איר מיר געבן?

— אַך, נײן! ס'איז אונדזער אײגענער ייִדישער ווײַן פון אונדזערע אײגענע ייִדישע ווײַנגערטנער, וואָס בײַ אונדז אין ארץ־ישׂראל.

— בײַ אײַך — זאָג איך — אין ארץ־ישׂראל? ארץ־ישׂראל איז דאָך דערווײַל דעם טערקס!

— ארץ־ישׂראל — רופט זיך אָן צו מיר דער שנײַדער מיט ברענענ־דיקע אויגן — ארץ־ישׂראל איז אונדזערס; ארץ־ישׂראל איז געווען אונדזערס און עס וועט זײַן אונדזערס!

— אָמן הלוואי! — מאַך איך צו אים. — בײַ אונדז זאָגן מיר אויך אַלע מאָל לשנה הבאה בירושלים. נאָר לאָז פריִער קומען משיח, וועלן מיר אַלע, אם ירצה השם, גײן קײן ארץ־ישׂראל. דערווײַל האָט נאָך דאָרטן דער טערק צו שאַפן, און מיר זײַנען נאָך אַלץ די אײגענע שלע־פּערס, דרײען זיך אַרום פון שמוגין צו בונין און זוכן דעם נעכטיקן טאָג...

איך האָב געזען, אַז דער שניידער וויל מיר עפּעס אָפּענטפערן; נאָר די שניידערן האָט אים אָפּגעהאַלטן און האָט אַ זאָג געטאָן צו אים מיט אַ שמייכעלע:

— דעם שמועס לאָז איבער אויף נאָך וועטשערע; לאָז דער אורח זיך גיין וואַשן, ער קער אַוודאי וועלן עסן.

„נישט קיין נאַרישע יידענע, — קלער איך מיר — כאָטש אַ שניידערס אַ ווייב!"

— לאָם איך האָבן אַזאַ יאָר, ווי איר זייט גערעכט! — זאָג איך צו איר. — קיין טאַנץ, זאָגט מען, גייט ניט פאַרן עסן...

גאַנץ פיין געוואַשן זיך, זעצן מיר זיך צום טיש. מיך באַזעצן איז אים אויסגעקומען פונקט נעבן זיין ווייב. שניידער בלייבט שניידער... ס'איז מיר אויסגעקומען אַביסל פּריקרע, איבער דער טבע, נאָר דאָס פריינטשאַפט פון די בעלי־בתים צו מיר איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב מיך אָנגעהויבן צו פילן דאָ גאַנץ היימיש. איין זאַך האָט מיר נאָר אויסגעוויזן אַביסל ווילד — דאָס, וואָס דעם שניידערס טעכטער ריידן צווישן זיך אויף זייער שפּראַך, וואָס איז שטאַרק פּ אַ כ אָ ז ש ע אויף אונדזער לשון־קודש.

— האָט קיין פאַריבל נישט, — רוף איך מיך אָן צו מיינע בעלי־בתים — וואָס איך וועל אייך פרעגן; ווער עס פרעגט, דער בלאָנדזעט ניט: אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך ריידן דאָס אייערע מיידלעך?

— אויף א ו נ ד ז ע ר שפּראַך, אויף העברעיש, — זאָגן זיי צו מיר — איר פאַרשטייט דען נישט קיין לשון־קודש?

— צי איך פאַרשטיי, — זאָג איך — איז קיין חידוש ניט; איך פאַרשטיי אייניקע ווערטער; אַ חדוש איז נאָר, וואָס ז יי פאַרשטייען! ווי קומט דאָס, וואָס מיידלעך ריידן בא אייך אויף לשון־קודש?

— וואָס הייסט, וואָס איז דאָס חדוש? — רופן זיך אָן די מיידלעך. — העברעיש איז דאָך א ו נ ד ז ע ר שפּראַך! מע האָט אונדז געלערנט אין הדר אַלע אַנדערע שפּראַכן און העברעיש פריער פון אַלצדינג.

— וואָס איז שייך, — זאָג איך — מיידלעך לערנען בא אייך אין חדר? עפּעס הער איך פון אייך אַלע מאָל, איך בעט איבער אייער כבוד,

ווילדע זאכן. און וואס איז דאס בא אײַך פאר חדרים אזעלכע, וואס מע לערנט דאָרט שפּראַכן גאָר, לשונות?

— סע רעדט זיך אזוי חדרים! — מאכט דער שנײַדער. — דאס זײַנען, אייגנטלעך, אונדזערע יידישע שקאָלעס, יידישע גימנאזיעס, סעמינאריעס.

— יידישע גימנאזיעס? סעמינאריעס? — זאָג איך. — איר מאכט פון מיר חוזק. גלאט ס'איז א קונץ, איר האט דערטאפּט א יידן און פירט אים אין באָד ארײַן.

— חס ושלום! — מאכן זיי צו מיר. — וואס הייסט, מיר וועלן לאכן פון א פרעמדן מענטשן? אט וועט איר זען, יידישע גימנאזיעס מיט אונדזערע יידישע גערטנער, מיט אונדזערע יידישע גמילות־חסדים־הײַזער, מיט אונדזער יידישער באנק, מיט אונדזער...

— א יידישע באנק? — זאָג איך און שפּרינג אונטער אפן בענקל.

— טאקע א באנק, וואס מע נעמט דאָרטן געלט? איז דאך עס טאקע, אפנים, אן אמת, וואס מע זאָגט, אז עס וואלגערט זיך דאָ בא אײַך גאָלד אין די גאסן?

— אין די גאסן? — זאָגן זיי צו מיר. — ניין! קיין גאָלד וואלגערט זיך נישט בא אונדז אין די גאסן; נאָר געלויבט איז גאָט, מיר האָבן אלצדינג, וואס מיר באדאַרפן...

— האט קיין פאריבל נישט, — זאָג איך — וואס איך שלאָג אײַך איבער אין מיטן די רייד. דער שמש פון דער שול האט מיר געזאָגט, אז איר זײַט א... א.... בעל־מלאכה.

— א שנײַדער, — מאכט ער צו מיר און גלעט זיך בא דער באָרד מיט גרויס גדלות — איך בין א שנײַדער, מײַן פאָטער איז געווען א שנײַדער און אלע מײַנע ברידער זײַנען געווען שנײַדערס. אונדזער ארבעט האט א שם.

— און פּרנסה — זאָג איך — האט איר, ווי איך פארשטיי, דווקא בישקשהדיק?

— גאָט צו דאנקען, — זאָגט ער — חוץ דאס הויז, האָב איך נאָך צוויי הײַזער.

— אייגענע?

— וואס דען, פרעמדע?

— רײנע? נישט קײן פֿאַרזעצטע?

— אַוודאי. ווי דען אַנדערש?

— נו, און איר אַרבעט נאָך הײַנט אויך מיט דער נאָדל?

— אַוודאי. איך האָב געאַרבעט, איך אַרבעט און וועל אַרבעטן.

— אויב אַזוי, — זאָג איך — פֿאַרשטײ איך אײַך ניט, וואָס איר זײַט פֿאַר מענטשן; האָבן הײַזער אײגענע, נישט קײן פֿאַרזעצטע, און זיצן שטשאָבען מיט דער נאָדל, — דאָס קומט שוין אויס בײַ מיר, האָט קײן פֿאַריבל נישט, פּריש און געזונט און משוגע! נאָך אײן זאַך האָב איך אײַך געוואָלט פֿרעגן: ווי קומט דאָס, וואָס איך זע נישט בײַ אײַך קײן דינסט? אין אײַער גראַד, קײן עין הרע, זאָל מען נישט האַלטן כאָטש אײן דינסט אין שטוב?

— אונדזערע דינסטן — רופֿט זיך אָן צו מיר די שנײַדערן — זײַנען שבת און יום־טוב פֿרײַ, אַזוי ווי בײַ אונדז אין דער תּורה שטײט געשריבן...

— אין דער תּורה? — זאָג איך. — ס'איז מיר אַ חידוש, וואָס איר ווײסט די תּורה בעסער ווי איך; איך בין, דאַכט זיך, מעביר די סדרה אַלע פֿרײַטיק, און איך געדענק עפּעס נישט אין דער תּורה, אַז דינסטן זאָל מען גאָר לאָזן אַף שבת פֿרײַ?

— וואָס רעדט איר? — מאַכט צו מיר אײנע פֿון אירע טעכטער און טראָגט מיר צו אַ תּנ״ך און ווײַזט מיר אָן אַף אַ פּסוק אין דער סדרה „ואתחנן“, וווּ עס רעדט זיך וועגן שבת: „...למע ינוח — בבדי עס זאָל רוען, עבדך — דײַן קנעכט, ואמתך — און דײַן דינסט, כמוך — אַזוי ווי דו“...

— סאַ משל! — זאָג איך. — מע זאָל וועלן מקיים זײַן אַלצדינג, וואָס אין דער תּורה שטײט! איך פֿאַרשטײ ניט אײן זאַך: ווײַבאַלד אַז איר לאָזט די דינסטן פֿרײַ, ווער זשע דערלאַנגט אײַך צום טיש?

— די קינדער, — מאַכט צו מיר די שנײַדערן — מײַנע קינדער זײַנען אַזוי דערצויגן, אַז זײ טוען אַלצדינג; זײ קאָנען קאָכן און באַקן און וואַשן און פּרעסן. איר זעט אָט די קוילעטשן? דאָס איז מײַן עלטערער טאָכטערס אַרבעט.

— אַז אײַער טאָכטער — זאָג איך — איז יאָ אַזאַ געראָטענע,

קומט דאָך איר אַ חתן אַ רעכטן; אפשר וואָלט איך איר געראָדט אַ שדוך פון אונדזערע מקומות?

— אָ? — רופט זיך אָן צו מיר דאָס עלטערע מיידל מיט אַ געלעכטער — איך דאַנק אײַך זייער, איך בין שוין אַ כלה.

— האָסטו עפּעס אַ פֿײַנעם חתן? — מאַך איך צו איר.

— אָ! — רופט זי זיך אָן, ווערט רויט ווי פֿײַער און טראָגט מיר צו אַ „מעדאַליאָן" מיט אַ „פּאָטרעט" פון עפּעס אַ פּאַרשוין מיט „פּאַליעטן".

— וואָס איז דאָס — זאָג איך — פֿאַר אַ „ידנעראַל"?

— דאָס איז אַן אינזשעניער פון ארץ־ישראל, — מאַכט צו מיר דער שנײַדער מיט גרויס גדלות, — ער דינט דאָרט בײַ דער באַן, וואָס מיר בויען בײַ אונדז אין ארץ־ישראל.

— וואָס פֿאַר אַ מחותן — זאָג איך — זײַט איר מיט ארץ־ישראל? און ווי קומט איר אַהין?

— מיר פֿאָרן אַהין — זאָגט ער — אַלע זומער. דאָרט איז פֿאַראַן...

— איך ווייס — זאָג איך — וואָס דאָרט איז פֿאַראַן. איך ווייס! דאָרטן איז פֿאַראַן די פּאַרוויינטע וואַנט („כותל מערבי"), דער „מוטער רחלס קבר", די „מערת־המכפּלה"; ציגן, זאָגט מען, עסן דאָרטן באָקסערן און אַלטע ייִדן פֿאָרן אַהינצו שטאַרבן...

— עהע־העו! — רופט זיך אָן דער שנײַדער מיט אַ געלעכטער, און אַלע קוקן אױף מיר און לאַכן. — עס זעט אויס, אַז איר קומט טאַקע צו פֿאָרן פון הינטער די הרי־חושך; איר ווייס גאָר ניט, וואָס אין ארץ־ישראל טוט זיך. דאָס איז אַלץ געווען אַ מ אָ ל, אַ מ אָ ל!...

— וואָס הייסט אַמאָל? — זאָג איך. — נו, און הײַנט?

— הײַנט — זאָגט ער — האָבן מיר שוין דאָרטן, ברוך השם, אונדזערע עטלעכע הונדערט קאָלאָניעס, גאַנצע דערפֿער אייגענע, ווײַנגערטנער און ווײַנקעלערס, אַלערליי געשעפֿטן, פֿאַבריקעס, שיפֿן און באַנען אייגענע...

— טע־טע־טע! — רוף איך מיך אָן צו אים. — איר הייבט שוין אָן, מײַן ליבער שנײַדער, דאַכט מיר, פֿאַרקריכן אין „אלף הששי" אַרײַן; איך האָב מורא, אַז אָט נאָך אַביסל, וואַקסט אויס בײַ אײַך אַ פּאַפּירענע בריק... לאָז מען בעסער געבן אַביסל „מים־אחרונים־וואַסער",

װעלן מיר בענטשן. איך װעל אײַך זאָגן דעם אמת, עס דרייט זיך מיר אַזוי דער קאָפּ פֿון אײַערע מעשיות, אַז איך מוז מיך גיין צולייגן...

נאָכן בענטשן האָט מען מיך אַרײַנגעפֿירט אין אַ באַזונדער ציכטיק חדר, װוּ ס'איז שוין געװען צוגעגרייט פֿון מײַנעטװעגן אַ נאַכטלעגער מיט אַלע שאָלעמויזן.

אַזוי װי איך האָב מיך אַרײַנגעלייגט אין בעטל אַרײַן, אַזוי בין איך אַנטשלאָפֿן געװאָרן, און עס האָט זיך מיר געפּלאָנטעט אַ גאַנצע נאַכט משוגעים, ארץ־ישראל־ייִדן מיט טערקישע שאַלן, מיט מיידלעך, װאָס גייען אין „צעלענדערס" און ריידן לשון־קודש, און איך אַליין בין גאָר אַ מין „ידנעראַל" מיט „פּאַליעטן", און איך פֿיר די רויטע ייִדלעך אויף אַ פּאַפּירענע בריק... איך לויף, און די רויטע ייִדלעך לויפֿן מיר נאָך... פּלוצעם פֿיל איך, װי די בריק ברעכט זיך... אָט־אָט פֿאַלן מיר, חס ושלום, אַלע אַרײַן אין ים אַרײַן... איך שרײַ „שמע ישראל" און... כאַפּ מיך אויף — אַהאַ, גרויסער טאָג, ס'איז שוין צײַט אין שול אַרײַן...

## דאָס פֿערטע קאַפּיטל

(ער כאַפּט זיך אויף פֿונעם שלאָף. — אַ שװאַרצער בחור. — שבתדיקע טיי. — ער רעדט צו דער װאַנט. — זיי גייען אין שול אַרײַן. — אַלע מאָל נײַע חדושים).

— װוּ בין איך?

דאָס איז געװען דאָס ערשטע, װאָס עס איז מיר געקומען אויף דער מחשבה. איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט פֿונעם שלאָף און האָב מיך אָנגעהויבן אַרומקוקן, װוּ בין איך אין דער װעלט? דאָס ליכטיקייט, דאָס ריינקייט, דאָס ציכטיקייט, װאָס באַ זיי איז! איר זאָלט געבן אַ רענדל פֿאַר אַ װאַנץ... װוּ גיסט מען דאָ אָפּ נעגלװאַסער?

איך טו אַ קוק נעבן מײַן בעטל — שטייט אַ װאַש־קאַסטן אַ װײַסער, אַ שפּיגלדיקער, מיט אַ קראַן; איך טו אַ ריר דעם קראַן — ברעגען זאָלן זיי אָפּן פֿײַער! — ס'עט שפּריצט מיט װאַסער פֿון אַלע זײַטן, אַ גאַנצע באָד!... פּלוצעם הער איך, עמעצער קלאַפּט מיר פֿון יענער זײַט טיר.

— ווער איז דאָרטן? ווער קלאַפּט?

— טראַך־טאַרעראַך!

— מיטן קאָפּ אין וואַנט! — זאָג איך און עפן אויף די טיר — עס שטייט עפּעס אַ גרויסער שוואַרצער בחורעץ, אַנגעטאָן שבתדיק, און גיט מיר אָפּ שלום־עליכם און פרעגט מיך:

— ווי אַזוי זײַט איר געשלאָפן?

— וועמענס עסק איז דאָס? — זאָג איך. — ווער זײַט איר?

— איך בין דאָ — זאָגט ער — אַן אַרבעטער באַם הער שנײַדער. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אײַך אויפוואַרטן דאָ ביז איר וועט אויפשטיין פונעם שלאָף און גיין מיט אײַך אין שול אַרײַן, אויב איר האָט חשק גיין דאַווענען.

— אַזוי? — זאָג איך. — ביסטו, הייסט דאָס, אַן אַרבעטער־יונג באַם שנײַדער? זאָג־זשע מיר, איך בעט דיך, וואָס איז מיט דיר אַזוי די גדולה, וואָס דו האָסט זיך אַזוי אויסגעסטראָצלט, אויסגעפּוצט?

— פאַר וואָס נישט? וואָס האָב איך, זאָגט ער, צו זאָרגן? הענט, ברוך השם, האָב איך, מײַן באַדערפעניש פאַרדין איך מיר, קיין ווײַב און קינדער האָב איך נישט, נאָר אַן אַלטן בלינדן טאַטן, וואָס זיצט בײַ מיר...

— סע פאַרשטייט זיך, — זאָג איך — ביסט גערעכט, הוליע קבצן! וויפל נעמסטו אַ וואָך באַם שנײַדער, ניט אום שבת דערמאָנענדיק?

— אַ פּופּציקער, — מאַכט ער — און אַ חוץ האָב איך אַ קליינעם חלק אין געשעפט.

— וואָס? וואָס בעלעבעטשעסטו? — מאַך איך צו אים. — איך פרעג דיך, וויפל נעמסטו אַ וואָך?

— איך זאָג דאָך אײַך אַ פּופּציקער, אַ חוץ פּראָצענט אין געשעפט.

ווער עס האָט נישט געזען אין יענער מינוט אונדז ביידן שטיין איינס אַקעגן אַנדערן, דער האָט קיין שיינס ניט געזען.

— פּופּציק קאַרבן אַ וואָך? — זאָג איך. — וויי איז מיר! בײַ אונדז אַזאַ בחורל ווי דו, אַז גאָט העלפט אים, ער פאַרדינט דרײַ קאַרבן אַ וואָך, הייבט מען אים שוין אָן צו ריידן כלות. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, עס הייבט מיר שוין אָן באַנג טאָן, וואָס מײַן טאַטע האָט מיך נישט געלערנט שנײַדערײַ.

— וואָס דען איז אײַער מלאכה? — מאַכט ער צו מיר.

— מײַן מלאכה? — זאָג איך. — מײַן טאַטע איז נישט געווען קיין בעל־מלאכה, איך בין נישט קיין בעל־מלאכה און מײַנע קינדער וועלן נישט זײַן קיין בעלי־מלאכות, אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף.

— וואָס־זשע דען זײַט איר?

— וואָס־זשע דען בין איך? אַ ייִד בין איך.

— איך מיין — זאָגט ער — וואָס איז אײַער טועכץ? מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך? פון וואָס לעבט איר?

— פון וואָס איך לעב? — זאָג איך. — פון וואָס גאָט גיט, פונעם ווינט לעבט מען.

— וואָס הייסט — זאָגט ער — פונעם ווינט?

— אָט דאָס הייסט! — זאָג איך. — מע דרייט זיך אַרום מיטן שטעקל אין מאַרק, טאָמער וועט גאָט צושיקן דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלעס — גאָט פירט אויס...

— און טאָן, הייסט דאָס, טוט איר גאָר נישט?

— וואָס הייסט — זאָג איך — גאָר נישט? מע טוט אַלצדינג, וואָס מע קאָן.

— וואָס־זשע קאָנט איר?

— אָט וועל איך דיר באַלד — זאָג איך — גיין דערציילן וואָס איך קאָן... זאָג מיר בעסער, נשמה מײַנע, וואָס טוסטו, ניט אום שבת דערמאָנענדיק, מיט אַזוי פיל געלט, וואָס דו פאַרדינסט, און פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה?

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, — מאַכט ער — אַז איך האַלט בײַ זיך אַן אַלטן טאַטן אַ בלינדן...

— מילא איז וואָס? — זאָג איך. — איז שוין עק־וועלט? בכן, טאָר מע ניט חתונה האָבן?

— „כבוד־אָב”! — מאַכט ער צו מיר און שטשירעט די ציין. — „כבוד־אָב” איז נישט קיין קלייניקייט. מײַן אַלטער, זאָל מאַריך ימים זײַן, לעבט זיך אָפּ בײַ מיר אויף דער עלטער, ווי אַ גראַף; גאַנצע טעג ליגט ער בײַ מיר אין גאָרטן און אָרבעט בעסער פון אַ זעענדיקן.

— ווי קומט צו דיר — זאָג איך — אַ גאָרטן?

— איך האָב — זאָגט ער — אַ שטוב מיט אַ גאָרטן. דאָס האָב איך בירושה טאַקע פֿון מײַן אַלטן.

— אויב אַזוי, — זאָג איך — מעגסטו אים טאַקע אָפּגעבן כּבֿוד; ער האָט דאָס בײַ דיר ערלעך פֿאַרדינט. איך וואָלט אַ בעלן געווען בײַ דיר מאָרגן, אם ירצה השם, אָנקוקן דײַן שטוב און זען, ווי דײַן טאַטע באַאַרבעט בלינדערהייט דײַן גאָרטן.

— איך בעט אײַך טאַקע, — מאַכט ער צו מיר — עס וועט זײַן בײַ מיר דער גרעסטער כּבֿוד, און מײַן אַלטער וועט זיך מחיה זײַן.

— וואָס איז ער געווען, דער טאַטע דײַנער? — זאָג איך צו אים — אויך אַ שנײַדער?

— ניין, — מאַכט ער — מײַן אַלטער איז געווען כּל ימיו אַ גערטנער.

— אַ גערטנער?

— אַ גערטנער.

— וואָס איז דאָס — זאָג איך — פֿאַר אַ פּרנסה?

— דאָס איז אַ מלאָכה, — זאָגט ער — ווי אַלע מלאָכות. מײַן אַלטער איז דערויף אַ גרויסער ספּעציאַליסט: זייען, זעצן, פֿלאַנצן ביי־מער — דערויף איז ער אַ בריה. ער האָט אָפּגעהאָרעוועט אַלע זײַנע יאָרן, צענויפֿגעשלאָגן אַ שטיקל קאַפּיטאַל, און אויף דער עלטער האָט ער געקויפֿט אַ שטוב מיט אַ שטיקל ערד און האָט באַאַרבעט און פֿאַרפֿלאַנצט אַ גאָרטן. ער האָט אַזוי ליב די דאָזיקע אַרבעט, אַז אַפֿילו איצט, בלינ־דערהייט, טרעט ער נישט אַרויס פֿונעם גאָרטן. ער איז קלאָר אין יעדן ביימעלע, ער ווייס איטלעכס צווײַגעלע, אים איז באַקאַנט יעדעס גרעז־זעלע — אַ קליייניקייט, אַ מענטש האָט פֿאַרבראַכט דאָס גאַנצע לעבן אַרום גרינוואַרג, צווישן ביימער און צווישן בלומען! ער האָט שטאַרק חשק געהאַט אויף דער עלטער אַוועקפֿאָרן אַהין, קיין ארץ־ישׂראל, איז ער, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, געפֿאַלן אויף די אויגן...

„נאַ דיר אַזאַ מין השגחה! — טראַכט איך מיר. — אַ ייִד זאָל גאָר ליב האָבן גרינוואַרג, ביימער און בלומען!... און אַ פּראָסטער ייִד אַ גערטנער האָט חשק אויף דער עלטער פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל!"...

— וואָס ווילט איר טרינקען, — מאַכט ער צו מיר — פֿרישע טיי, קאַווע אָדער אַ שאָל שאָקאָלאַדע?

— א דאנק, — זאָג איך — איך בין דיר מוחל די פרישע טיי מיט דער קאווע און מיטן שאָקאָלאַד; שבת טרינק איך טיי פונעם אפּן־אויוון, און בא אײַך איז דאָך מסתמא א זודיקער סאמאָוואר לכבוד שבת?

— חס וחלילה! — זאָגט ער. — בא אונדז איז אינדערוואָכן אויך נישטאָ קיין סאמאָוואר.

— ווי־זשע נעמט איר זודיק וואסער?

— פונעם קראַן.

— פון וואָסער קראַן?

פון דער וואנט.

— פון וואָסער וואנט?

— קומט, — זאָגט ער — וועל איך אײַך ווײַזן.

און ער פירט מיך אריַין אין קיך אריַין (ריין, ציכטיק, זויבער, כאָטש שפּיגל זיך!) און מאכט צו מיר:

— זעט איר אָט דעם קראַן? דאָס איז א קראַן פון קאלט וואסער, און דער אנדערער קראַן גיט אונדז הייס וואסער, אלע מאָל וויפל איר ווילט.

— און דער דריטער קראַן — זאָג איך — וואָס איז פאר א קראַן?

— דער דריטער קראַן — זאָגט ער — איז א קראַן פון עלעקטריע.

— וואָס איז דאָס — זאָג איך — פאר א שלאָק?

— דאָס גיט פײַער, ליכטיקייט — מאכט ער צו מיר און וויל א דריי טאָן עפּעס א שרײַפל.

— אום שבת? — זאָג איך. — אום שבת ווילסטו זיך שפּילן מיט פײַער? קום שוין בעסער אין שול אריַין! עס קער שוין זײַן גוט שפּעט.

— אָט וועל איך אײַך באלד זאָגן, ווי מע האלט. — מאכט ער צו מיר און גייט צו צו דער וואַנט און טוט א דריי א רעדל: טררררר! — און טראָגט צו צום אויער עפּעס א טרײַבל און רעדט צו דער וואנט: „נו־מער צוויי און צוואנציק טויזנט אכטהונדערט זעקס און זעכציק!... די שול?... איך בעט דעם שמש אף א מינוט!... דער שמש?... זײַט אזוי גוט, ווי האלט מען בא אײַך?... הא? א דאנק"...

איך שטיי און קוק אים אָן, ווי א משוגענעם.

— שוין באלד אויסנעמעניש, — מאכט ער צו מיר — קומט!

— פון וואַנען ווייסטו? — זאָג איך. — האָסט געהאַט אַ ידיעה פון דער וואַנט?

— איך האָב געפרעגט דעם שמש.

— ווו האָסטו דאָ אַ שמש?

— איך האָב גערעדט מיטן שמש דורכן טעלעפאָן.

— טעלעפאָן? — זאָג איך. — וואָס איז דאָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר?

— טעלעפאָן — מאַכט ער צו מיר — ווייסט איר נישט? טעלעפאָן — דאָס איז דאָך דער טעלעפאָן, וואָס מע רעדט אַף אים!

— וואָס הייסט — זאָג איך — מע רעדט אַף אים? ווי אַזוי רעדט מען דאָס אַף אים?

— ווי אַזוי רעדט מען? — זאָגט ער. — אַט וועל איך אײַך געבן צו פאַרשטיין. איך טו אַ דריי אַט־דאָ מיטן רעדעלע, דערהערט מען דאָרט, גייט יענער און דרייט דאָרטן, דערהער איך דאָ, הייבט מען אָן ריידן; און אַז מיר ריידן אָפּ, טו איך אַ דריי, נאָכדעם טוט ער אַ דריי — און אַן עק.

— טפו זאָלסטו ווערן! — מאַך איך צו אים. — האָסטו געזען אַ שנײַדערוק גיט צו פאַרשטיין! דריי איך, דרייסטו, דרייט יענער... איך וויל וויסן דעם שכל, וואָס דאָ שטעקט!

— דעם שכל — מאַכט ער צו מיר — פונעם טעלעגראַף ווייסט איר?

— סאַ משל! — זאָג איך. — דער טעלעגראַף איז עפּעס אַנדערש! דעם טעלעגראַף פאַרשטייט אַ מינדסט קינד! טעלעגראַף איז פאַראַן אומעטום! אַ טײַערע מציאה!

— פונקט דאָס אייגענע — מאַכט ער — איז דער טעלעפאָן: דאָרט איז מיט אַ דראָט און דאָ איז מיט אַ דראָט. דער חלוק איז נאָר, וואָס דאָרטן קלאַפּט מען און דאָ רעדט מען.

— אַט דאָס איז נאָר? — זאָג איך. — און איך האָב געמיינט מי יודע וואָס! קום, לאָמיר גיין אין שול אַרײַן.

גייענדיק מיט מײַן בחורעץ אין שול אַרײַן, האָב איך ערשט דערזען די שטאָט, ווי שיין זי איז, די געפּלאַסטערטע גאַסן, ווי ריין זיי זײַנען, און די הויכע ווײַסע ליכטיקע מויערן מיט די גרינע ביימער, וואָס

אַרום זיי. איך האָב מיר קיין מאָל גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַזאַ מין ריינקייט, אַזאַ ציכטיקייט. „הלוואַי וואָלט געווען בײַ אונדז אינע־ווייניק כאָטש האַלב, ווי בײַ זיי אינדרויסן!" — אַזוי האָב איך מיר גע־קלערט. — „נאָר ווּ איז דאָ זייער גאָלד און זילבער, וואָס מע זאָגט, אַז עס וואַלגערט זיך דאָ אין די גאַסן?"

— וואָס זוכט איר? — מאַכט צו מיר דער בחור.

— דעם נעכטיקן טאָג, — זאָג איך.

פאַרפאַלן, — מאַכט ער צו מיר — איר וועט אים שוין אייביק נישט געפינען!

— אַ דאַנק דיר — זאָג איך — פאַר דער עצה; איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז דו ביסט נאָך אַ חקרן אויך צו די צרות.

— פון אַ חקרן בין איך — זאָגט ער — נאָך ווײַט, נאָר עפּעס אין די קליינע אותיות פאַרשטיי איך אַביסל.

— האָסט געלערנט — זאָג איך — אין חדר אַמאָל?

— איך לערן הײַנט אויך.

— וואָס הייסט, דו לערנסט הײַנט אויך? ביסט דאָך — זאָג איך — אַן אַרבעטער, ווען האָסטו צײַט לערנען?

— פאַרנאַכט, — מאַכט ער צו מיר — אַלע פאַרנאַכט קלײַבן מיר זיך צונויף, בעלי־מלאכות, בעלי־עגלות, גערטנער, אַלע ייִדישע אַרבעטער אין שול אַרײַן און דאָרטן לערנט מען מיט אונדז לייענען און שרײַבן און רעכענען און גימנאַסטיקע.

— גימנאַסטיקע? — זאָג איך. — וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק?

— גימנאַסטיקע — זאָגט ער — הייסט לויפן, שפּרינגען, טאַנצן, ברעכן זיך, קלעטערן. דאָס לערנט מען בײַ אונדז פון קינדווײַז אויף אין אַלע ייִדישע חדרים.

— פאַרמאַלנע משוגעים! — זאָג איך. — טאַנצן, שפּרינגען, דראַ־פּען זיך אַף די גלײַכע ווענט? איר ווייסט וואָס אײַך פעלט נאָך? — מאַך איך צו אים.

— וואָס? — פרעגט ער מיך.

— גיין — זאָג איך — מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף!...

# דאָס פינפטע קאַפּיטל

(דעם רבס דרשה. — אַקאַדעמיעס אין ארץ ישראל. — מע שמועסט וועגן די רויטע ייִדלעך. — יקום פורקן מיט אַן אָרגל. — אַ ייִדישער מי-שברך. — אַ נײַער משוגענער.)

געקומען אין שול אַרײַן זײַנען מיר שוין נאָך קריאת-התורה. אויבן, אויף דער בימה, איז געשטאַנען דער שיינער רב זייערער מיטן ווײַסן קאָלנער און מיטן פּירעקעכיקן ספּאָדיקל און האָט געהאַלטן אַ דרשה. דער עולם איז געזעסן אויף די ערטער, אַלע מיט הויכע שוואַרצע „צע-לענדערס" אויף די קעפּ און מיט ווײַסע שאַרפּעלעך אויפן האַלדז. פּונקט אַזאַ מין טראָגט מיר אונטער דער שמש מיטן מגן-דוד.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַטשיילע? — פרעג איך אים.

— ס'איז אַ טלית, — מאַכט ער צו מיר גאַנץ ערנסט.

— אַ שיינער טלית! — זאָג איך — עפּעס אויף געלעכטער, אַפּנים, אַ מין קינדערשפּיל!...

„וואָס קאָן ער זיי דאָ דרשענען? - - טראַכט איך מיר. — און וואָס פאַר אַ מוסר קאָן ער זיי דאָ זאָגן? מע זאָל נישט טראָגן אום שבת?... צי מע זאָל ניט קוקן אַרויף, אויף די ווײַבער?"...

איך כאַפּ אַ קוק אַרויף אויף דער ווײַבערשער שול — טאַטעניו! אָנ-געשטויסן מיט ווײַבער! און וואָסערע ווײַבער? פּריצות! היטעלעך און פעדערן, דימענטן און בריליאַנטן!... איך הער מיך אײַן אין דעם „רבינס" דרשה, טאָמער וועל איך קאָנען כאַפּן עפּעס אַ גוט וואָרט, הערן ווי ער טײַטשט אַ פּסוק, ווי ער זאָגט אַ פּשטל אַ שיינס, אָדער אַ משל אַ גוטן, אָדער אַזוי אַ גלײַך וואָרט — ווער? וואָס? ווען? ער שטייט און פּלאַפּלט גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַרײַן, און אָן אַ שום ניגון! ער רעדט פון זײַטיקע ענינים גאָר, וועגן בילדונג, וועגן ייִדישע אַקאַדעמיעס אין ארץ-ישראל. „ס'איז ווינציק, זאָגט ער, איין אַקאַדעמיע; מע באַ-דאַרף האָבן, זאָגט ער, לכל הפּחות, דרײַ אַקאַדעמיעס אין ארץ-ישראל!"...

„אַקאַדעמיעס גאָר אין ארץ-ישראל! — טראַכט איך מיר. — זיי ווייסן שוין גאָרניט וואָס אויסצוטראַכטן! אַ „מושב-זקנים" אין ארץ-ישראל, אַ „הקדש" — דאָס האָב איך געהערט; אָבער אַקאַדעמיעס? — משוגעים!"...

— „אקאַדעמיעס — דרשעט ווײַטער דער רב — זײַנען פאַר אונדז טײַערער פון ברויט (סע פאַרשטייט זיך!). מחמת ברויט, זאָגט ער, איז נאָר אַ מיטל צום לעבן; און די תורה, זאָגט ער, איז דאָס לעבן אַליין". און ער פאַרפּראַווועט דאָס מיט אַ פּסוק: „כי עץ חיים היא — וואָרעם זי איז אָן אָנהאַלט פון ל ע ב ן, למחזיקים בה — צו די וואָס האַלטן זיך אָן איר... תורה! — שרײַט ער. — ליכטיקייט! בילדונג! וויסנשאַפט!"... און לאָזן לאָזט ער אויס אַזוי: „און לאָז מקוים ווערן די ווערטער: כי מציון תצא תורה"...

איך מיין, אַז דאָס איז אָן עק פון זײַן דרשה, טו איך דאָך אַ געשריי: „יקום פורקן מן שמיא"! — אַף אַ קול, ווי איך בין געוווינט געוואָרן בײַ אונדז; איך זע, דער גאַנצער עולם דרייט אויס די קעפּ אין מײַן זײַט און מע קוקט אַף מיר, ווי אַף אַ בער... און דער רב, דער מגיד, דרשעט ווײַטער, אַלץ פון זײַטיקע זאַכן: וועגן דער לאַגע פון ייִדן בכלל און וועגן אונדזערע רויטע ייִדלעך בפרט... און ער הייבט אָן דערציילן אַ מעשה פון „טויזנט איין נאַכט", אַז ס'איז פאַראַן אַף יענער זײַט סמבטיון (דאָס הייסט בײַ אונדז) אַ גוזמא ייִדן, וואָס מע רופט זיי „די רויטע ייִדלעך" (אַניט ווייסט מען ניט!). „זייער צאָל, זאָגט ער, קאָן מען אַקוראַט ניט וויסן; נאָר מע רעכנט פון פינף ביז זיבן מיליאָן, און אפשר טאַקע אַלע אַכט (זאָלן אים אין די אויגן! שטיינער אים אין האַרצן! ער זאָל כאָטש זאָגן: „קיין עין הרע"...) מחמת זיי פּרוכפּערן זיך און מערן זיך זייער געשמאַק (כן ירבו וכן יפרצו!)... נאָר זייער לעבן, זאָגט ער, איז נעבעך קיין לעבן ניט, ס'איז אַ גאָטס רחמנות אַף זיי, זיי גייען אויס פון הונגער, זיי ווערן דערוואָרגן אין ענגשאַפט, זיי גייען צו גרונט!"... ער צעלייגט דאָס אַף טעלער, מאָלט אויס נאָך צען מאָל אַזוי, ווי דאָס איז, און דער גאַנצער עולם קוקט אים גלײַך אין די ציין אַרײַן; אַלע מאָל לאָזט זיך הערן אַ זיפץ און אַ קרעכץ; און פון אויבן, בײַ די ווײַבער, זע איך, מע טראָגט ווײַסע טיכלעך צו די אויגן, מע זאָל מיינען, אַז זיי וויינען...

„וואָס פאַר גוטע מענטשן איר זײַט! — קלער איך מיר. — איר זיפצט און קרעכצט אַף אונדזערע צרות? וואָס טויג מיר אײַער זיפצן מיט אײַער קרעכצן? טרערן? וואָס דאַרפן מיר אײַערע טרערן? אַז איר גייט

שוין יאָ אַרײַן אין אונדזער לאַגע, העלפֿט־זשע אונדז מיט עפּעס אַנדערש! איר נעמט, לייגט זיך צענויף און שיקט אונדז אַרײַן עטלעכע קער..."

דאָ דערמאָן איך מיך, אַז ס'איז שבת, און שבת טאָר מען נישט קלערן פֿון קיין געלט־זאַכן... איך הער מיך צו, וואָס וועט ער דאָ אויספֿירן און מיט וואָס פֿאַר אַ פּסוק וועט ער אויסלאָזן די שיינע דרשה זײַנע?

— „אַף אונדז ליגט אַ חוב, זאָגט ער, אַרויסרײַסן אונדזערע אָרעמע אימגליקלעכע ברידער פֿון יענע אומגליקלעכע לענדער, און באַזעצן זיי אַף דער ערד פֿון אונדזער הייליק לאַנד... (אָ? ווער בעט זיי? וואָס האָבן זיי זיך צוגעטשעפּעט צום הייליקן לאַנד? העלפֿט אונדז בעסער דאָ בײַ אונדז, אַפֿן אָרט! אַ ווײַטע הילף, זאָגט מען, איז אַ נאָענטער טויט... וואַרט אַף פֿרײַטיק, ועסטו עסן אַ קוילעטשל...) שוין צוויי טויזנט יאָר, זאָגט ער, אַז זיי וואַרטן אַף אונדז און בעטן זיך בײַ אונדז (עס הייבט זיך גאָרניט אָן!), אַז מיר זאָלן זיי אויסלייזן פֿונעם לאַנגן, פֿינצטערן ביטערן גלות". (ובזכות זה, זאָג איך, ובא לציון גואל.) „אמן"! — לאָזט אויס דער רב די שיינע דרשה זײַנע, און פֿון אויבן טוט אַ זעץ אַראָפּ אַ געזאַנג פֿון אַ גאַנצער קאַפּעליע זינגערלעך: „אָ־אָ־אָמן!"

איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך הער אַ קול פֿון אַ פֿידל, פֿון אַ פֿלייט און פֿון אַ טרומייט און פֿון אַ קאָנטערבאַס.

— עס שפּילן בײַ אײַך כּלי־זמר אום שבת? — טו איך אַ פֿרעג שטילערהייט דעם שמש.

— ס'איז נישט קיין כּלי־זמר, — זאָגט דער שמש — ס'איז אונדזער אָרגאַן.

— אַן אָרגאַן! — זאָג איך. — וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אינסטרומענט?

— אַן אָרגאַן — זאָגט ער צו מיר — ווייסט איר נישט? אָט דאָס, וואָס די לוויים האָבן געשפּילט דערויף אין בית־המקדש.

— הערסטו, אַן „אָרגעל" — זאָג איך — אַזוי־זשע רעדט!

„עס האָט געקערט זײַן אַמאָל שיין בײַ אונדז! — טראַכט איך. — דער בית־המקדש מיטן כּהן־גדול... דער אָרגעל האָט געשפּילט... די לוויים האָבן געזונגען... און אַפֿן מזבח האָט געברענט אשה — אַ פֿײַער־אָפּפֿער...

און פון די קרבנות האָט זיך געלאָזט הערן ריח־ניחוח — אַ געשמאַקער ריח"...

פּלוצעם ווערן מײַנע געדאַנקען איבערגעריסן אינמיטן: דער שיינער חזן מיט דער געגאָלטער מאָרדע טרעט אַרויס און צעלאָזט זיך מיט אַ „מי שברך", און דווקא אויפן יידישן שטייגער, ווי בײַ אונדז רב הערש־בער, און אַז עס קומט צו די ווערטער: „ופת לאורחים וצדקה לעניים", צעפּעס־טעט ער זיך און צעיאַכמערט זיך, ער נעמט אײַן אַ מיתה משונה! דעם „יין לקדוש ולהבדלה" שלינגט ער אײַן, מאַכט אַוועק מיט דער האַנט, און פונעם „ופת לאורחים וצדקה לעניים" מאַכט ער אַ גאַנצן צימעס. ער פאַרקאַטשעט זיך מיט אַ וואָלעכל, חזרט איבער אַ מאָל דרײַסיק דעם „יפת לאורחים": „לאורחים, לאורחים, לאורחים!" און טאַקע ווידער אַמאָל: „ופת לאורחים וצדקה לעניים! וצדקה! וצדקה! וצדקה לעניים! לעניים! לעניים!"... און אָט בײַ דעם „לעניים" לאָזט ער זיך אַראָפּ מיט דער שטימע גאָר־גאָר נידעריק, און שטיל, שטיל, אַף אַ בײַ־קולכל, קוים־קוים וואָס מע הערט: „ל־ע־נ־יי־ם"... און מיט אַ מאָל עפנט ער גאָר אויף אַ געמבע און טוט אַ געשריי: „וכל מי שעוסקים בצרכי צבור באֶ־מונה!" און קוועטשט דעם „באמונה" און מאַכט בשעת מעשה אַ פרום פּנים, גלײַך ווי דער רוח כאַפּט אים אַוועק.

„מיר ווייסן! — טראַכט איך מיר. — מיר ווייסן גאַנץ גוט וואָס הייסט „עוסקים בצרכי צבור", און נאָך „באמונה" דערצו! בײַ אונדז האָט זיך איינער אַ יענקל, ער הייסט שוין הײַנט רב יענקל, אויסגעבויט אַ שטוב פון „צרכי צבור" און חתונה געמאַכט קינדער דערפון... אַ ווילע פּרנסה אָט דאָס „צרכי צבור", ווי איך בין אַ ייד! דערצו אַז גאָט גיט נאָך אַ שטיקעלע הצלחה!"...

„וישלח ברכה והצלחה!" — לאָזט אויס דער חזן און פאַלט אַרײַן שוין אין זייער משוגענעם נוסח אַרײַן, און די משוררים אויבן זינגען, און דער אָרגעל שפּילט — שיין געדאַוונט מוסף!

„גוואַלד, ווו נעמט מען אַהער אַ פּאָר רויטע יידלעך? — קלער איך מיר. — נעבעך־בי וואָלטן זיי זען אַלצדינג, וואָס איך זע! איך ווייס, איך ווייס, אַז מע וועט מיר אינדערהיים נישט וועלן גלייבן"...

נאָכדעם האָט מען זיך געשטעלט שמונה־עשרה. שיין שטייט מען דאָ שמונה־עשרה, אַזאַ יאָר אַף מײַנע שונאים! מילא פון דאַוונען שמו־

עסט מען נישט; קיינער דאַוונט דאָ ניט אַ וואָרט; מען איז יוצא מיטן חזנס זינגען און מיטן שפּילן פונעם אָרגעל. זיי שטייען אַלע ווי די טאָקן. עמעצער זאָל זיך דאָס געבן אַפילו אַ שאָקל. גאָר נישט! אָבער טאַקע גאָלע גאָר נישט — שאַ!... איך האָב מיר געמאָן מײַנט און געשטאַנען שמונה־עשרה, ווי מע שטייט בײַ אונדז... אויסגעשטאַנען שמונה־עשרה, האָב איך אומגערן אָנגעטראָטן איינעם אַן אויסגעפּוצטן דײַטש, וואָס איז געשטאַנען הינטער מיר, אַף די פּיס; האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרף און האָט אָנגעטראָטן נאָך אַ דײַטש, וואָס הינטער זײַנע פּלייצעס, און האָט אים אַראָפּגעוואָרפן דעם צעלענדער, און יענער דײַטש — נאָך אַ דײַטש, אַזוי אַז ס'איז געוואָרן אַ שטיקל בהלה אין שול, און דער גאַנ־צער עולם האָט געקוקט אַף מיר, גלײַך ווי זיי וואָלטן קיין מאָל קיין מענטשן ניט געזען...

— גוט שבת! — רופט זיך אָן צו מיר, אַרויסגייענדיק פון שול, מײַן בעל־הבית, דער לאַנגער שנײַדער. — עס טוט מיר זייער באַנג, נאָר איך האָב אײַך געמוזט אָפּטרעטן מײַנעם אַ גוטן ברודער אַף הײַנטיקס מאָל.

און מיט די דאַזיקע ווערטער גיט ער מיך איבער צו אַ געפּאַקט ייִדל מיט אַ שיין בײַכל און מיט פוכקע הענט, ווי פּאַמפּעטשקעס.

— שלום עליכם! — מאַכט צו מיר דאָס געפּאַקטע ייִדל און שטופּט מיר אַרײַן אַ פּאַמפּעטשקע אין דער האַנט אַרײַן.

— עליכם־שלום! — זאָג איך אים. — מה שמכם?

— יצחק. — מאַכט ער צו מיר און קוקט מיר אין די אויגן אַרײַן מיט אַזאַ מינע, גלײַך ווי איך וואָלט **אים** נעמען פאַר אַן אורח אַף שבת, ניט ער **מיך**.

— יצחק? — זאָג איך. — יצחק אַליין איז ווינציק; איך וואָלט וועלן וויסן **ווער** זײַט איר, **וואָס** זײַט איר און וואָס איז אײַער **טועכץ**?

— איך בין — זאָגט ער — אַ היגער בעל־הבית. אַ סטאָלער בין איך.

— אַ סטאָלער? — זאָג איך. — אַ בעל־מלאכה, הייסט דאָס?

— אַ בעל־מלאכה! — מאַכט ער מיט אַזאַ מין גרויסקייט, גלײַך ווי ער וואָלט זאָגן, אַז ער איז אַ רב, אַ שוחט, אַ בעל־טאַקסע, אָדער אַ פאַרשריבענער שטאָט־שתדלן.

באַ אײַך — זאָג איך — איז קיין עין־הרע אַ גערעטעניש אױף בעלי־מלאכות, ווי איך זע אַרויס.

— און וואָס — זאָגט ער — איז אײַער מלאכה?

— מײַן מלאכה? — זאָג איך — איך בין נישט קיין סטאָלער.

— וואָס־זשע דען — זאָגט ער — זײַט איר?

— אַ ייִד — זאָג איך — בין איך.

— איך וויים! — זאָגט ער. — איך מיין, וואָס איז אײַער טועכץ? מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך?

— מיט וואָס איך פאַרנעם זיך? — זאָג איך צו אים אױף קאַטאָוועס.

— איך שרײַב ספרים.

— אַזוי? — זאָגט ער און מאַכט מיר אַ „בואי בשלום” און טוט זיך אַ נייג. — זײַט איר, הייסט דאָס, אַ שרײַבער? זייער אַ פֿײַנע מלאָכה! זייער אַן איידעלע אַרבעט! איך האָב אַ באַקאַנטן, טאַקע אַ שטיקל קרוב מײַנער, איז ער אויך אַ שרײַבער.

— וואָסער אַ שרײַבער — זאָג איך — איז ער? אַ מיידלשער שרײַבער, צי אַ שרײַבער, וואָס שרײַבט „פּראָשעניעס”, יאַבעדעס און מסירות?

מײַן סטאָלער בלאָזט אָן די באַקן און צעלאַכט זיך אַזוי, אַז ער ווערט שיער נישט צעשפּרונגען פאַר געלעכטער.

ע! — מאַכט ער צו מיר נאָכדעם, אַז ער האָט זיך גוט אויסגעלאַכט.

— איר זײַט דאָך טאַקע אַ רעכטער לץ!

— איר זײַט אַליין — זאָג איך — אַ גוטער לץ, אַ פאַרשלעפּטע קרענק, אַ מאַרשעלאָק, אַ פּיקהאָלץ, אַ פּיפּערנאָטער!

דערהערט פון מיר די דאָזיקע ווערטער, האָט זיך מײַן סטאָלער אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט באַ די זײַטן. ער האָט אָנגעבלאָזן דאָס פּנים, ווי אַ פּאַביר, איז געוואָרן רויט, און האָט זיך אָנגעהויבן קאַטשען פאַר געלעכטער — איך האָב נאָר געמיינט, אַז ער איז אַראָפּ פונעם זינען.

דערזען, אַז איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און קוק אױף אים, ווי אױף אַ משוגענעם, האָט ער מיטאַמאָל אויפגעהערט לאַכן, אויסגעווישט די אויגן און רופט זיך אָן צו מיר:

— האָט קיין פאַריבל נישט, איך האָב מיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן... באַ מיר איז אַ טבע פון לאַכן... אַז איך הער, מע לייענט מיר

אמאָל אַ לעבעדיקס, וואָס אַף צו לאַכן, לאַך איך אָן אַ שיעור... מײַן פרוי לײענט מיר אָפּט אַזעלכע ביכלעך, וואָס צום לאַכן... מײַן פרוי איז אַ געבילדעטע פרוי... זי וועט זיך מחיה זײַן, אַז זי וועט דערהערן, אַז איר זײַט אַ שרײַבער, אַ מחבר הייסט דאָס... מײַן פרוי האַלט זייער־זייער פון מחברים... ס'איז טאַקע זייער שיין, אַז גאָט גיט אַ טאַלאַנט און מע קאָן זײַן אַ מחבר!...

„וואָס מחברט ער מיר?! — קלער איך מיר. — איך האָב מיך גוט אַרײַנגעכאַפּט אַט־דאָ, ניטאָ וואָס צו ריידן!... מילא יענער, דער שנײַדער איז אַפילו אַ מאָדנער נפש, נאָר פאַרט עפּעס אַ שטיקל מענטש; און ער, אָט דער דאָזיקער סטאָלער, איז עפּעס גאָר אַ חושים; ניין, ער איז טאַקע פּשוט אַ משוגענער, ווי איך בין אַ ייִד, אַ משוגענער!"...

## דאָס זעקסטע קאַפּיטל

(באַם סטאָלער צו דער סעודה. — אַ גדולה — זיי גייען אין סאַלדאַטן. — מע רעדט פון משיחן. — ער צערעדט זיך פון פײַער און פון וואַסער. — ייִדישע גאַזעטן און זשורנאַלן. — עונג שבת).

— דאָס איז מײַן פרוי, און דאָס איז דער אורח פון יענער זײַט כמבטיון; איך האָב זיי קוים אויסגעבעטן באַ ישראל דעם שנײַדער.

אַזוי האָט מיך פאָרגעשטעלט דער משוגענער סטאָלער פאַר זײַן ווײַב, אַ „מאַדאַם" מיט זייער שיינע אויגן און מיט קײַלעכיקע ברעמען. דערהערט די דאָזיקע ווערטער, איז די סטאָלערקע געוואָרן אַזוי פרייעך, גלײַך ווי מע וואָלט איר אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז זי האָט אויסגענומען דאָס גרויסע געווינס. זי האָט גאָרניט געוווסט, וווּ זי זאָל מיך אַנידערזעצן. זי האָט מיך אָפּגעשאָטן מיט ווערטער. זי האָט געוואָלט געוואָר ווערן באַ מיר אַלצדינג אין איין כהרף־עין, איך זאָל איר אויסדערציילן, וואָס באַ אונדז טוט זיך: צי ס'איז אמת, וואָס מע שרײַבט באַ זיי אַף אונדזערע רויטע ייִדלעך, אַז זיי זײַנען נאָך גאָר ווילד?

— ווילד? — זאָג איך. — זיי זײַנען נאָך אַזוי קלוג, ווי אַנדערע ייִדן, און אפשר נאָך אַביסל קליגער. איין חסרון נאָר, וואָס קיין משוגעים זײַנען באַ אונדז נישטאָ.

— וואָס הייסט דאָס? — זאָגט זי. — וואָס מיינט איר דערמיט?... איך האָב געליינט עטלעכע באַשרײַבונגען וועגן אײַערע ברידער, אַז ס'איז בײַ אײַך נאָך גאָר פינצטער...

— אַז מע פאַרלעשט דאָס ליכט, — זאָג איך — איז אומעטום פינצטער...

— נשמה מײַנע! — רופט זיך אָן דער סטאָלער צו זײַן פרוי. — דו ווילסט זיך מיט זיי אויסטענהן? האָסט נישט געטראָפן דעם אָרט. דער ייִד איז אַ שרײַבער, אַ פּאַרפאַסער בײַ די רויטע ייִדלעך...

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָב איך געמיינט, אַז די סטאָלערקע וועט אײַננעמען אַ מיתה משונה. זי האָט אויפגעהויבן אירע ברעמען נאָך העכער, ווי זיי זײַנען, און האָט מיך אָפּגעשאָטן מיט נײַע שאלות: ווער איך בין, און ווי אַזוי איז מײַן אמתער נאָמען, און וואָס פאַר ביכער האָב איך געמאַכט...

„וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר — זאָל אויסגיין צום סטאָלערס קאָפּ! — אַזוי האָב איך מיר געטראַכט. — נאַ דיר גאָר אַזאַ מין קאָמעדיע! וואָס טוט מען? גיי דערצייל איר וואָס פאַר ביכער איך האָב געמאַכט, אַז איך האָב אויף מײַן לעבן ניט געזען אפילו, ווי אַזוי מע מאַכט אַ בוך?"... אַ גליק, וואָס דער סטאָלער האָט זיך אַרײַנגעמישט סאַמע אין מיטן שמועס.

— נשמה מײַנע! אונדזער אורח וויל עסן. די ביכער לאָז איבער אויף נאָכדעם, וועסט נאָך צײַט האָבן זיך אָנריידן מיט זיי פון די דאָזיקע זאַכן...

און מיר זײַנען געגאַנגען צום טיש.

איך האָב שוין אויף מײַן לעבן געזען שמחות, איך בין שוין אויף מײַן לעבן געווען אויף סעודות, אויף חתונות און אויף בריתן — אַזאַ סעודה, ווי בײַם סטאָלער איז געווען שבת בײַ־טאָג, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען. פון מאכלים און פון ווײַנען שמועס איך שוין נים; ס'איז געווען פון כל־טוב, טאַקע כיד המלך, עס וואָלט געגוג געווען פאַר נאָך עטלעכע אורחים. איך שמועס גלאַט פון דער שמחה אליין, פון דער פרייִלעכקייט, וואָס בײַ זיי איז. אַ חוץ דעם סטאָלער מיט דער סטאָלערקע און עטלעכע קליינע קינדער, זײַנען געזעסן אַרום טיש אַ שטיק צען ייִנגלעך, שיינע,

לויטערע, געזונטע „כלאַפּצעס", איינס און איינס, און האָבן מקיים געווען דעם פּסוק „ויאכלו", דאָס הייסט, זיי האָבן געלייגט אין ביידע באַקן...

— ווער זײַנען די דאָזיקע קנאַקערס? — רוף איך מיך אָן צום בעל-הבית תיכּף נאָכן קידוש מאַכן (זייער ארץ־ישראל־ווײַן האָט אין זיך עפּעס אַ מין כוח, אַז לאָז מען אויסטרינקען דאָס ערשטע גלעזל, אַזוי ווערט מען באַלד באַריידעוודיק און מע פילט זיך עפּעס „בגלופין"...).

— דאָס זײַנען מײַנע העלפערס, לערן־ייִנגלעך — מאַכט צו מיר דער סטאָלער מיט גדלות.

— גוטע פּיקערס! — זאָג איך. — עס וואָלט פון זיי געקאָנט זײַן רעכטע סאָלדאַטן.

— זיי וועלן נאָך, אם ירצה השם, זײַן סאָלדאַטן! — רופט זיך אָן דער סטאָלער.

— אַ גדולה אַף דער באָבע! — זאָג איך. — אַ גליק וועט זיי טרעפן!

— איך האָב אָבער מורא, — מאַכט דער סטאָלער גאַנץ ערנסט, — אַז ניִשט אַלע וועלן קאָנען דינען.

— איר האָט מורא? — זאָג איך. — לייענט אָפּ קריאת-שמע.

— מחמת ניִשט אַלע — גיט מיר דער סטאָלער צו פאַרשטיין — וועלן האַלטן די מאָס, וואָס מע דאַרף, און אַ צוויי איז פאַראַן צווישן זיי קורצזיכטיקע, זיי האָבן אַ נידעריקע ראיה, האָב איך מורא, מע וועט זיי ניט נעמען...

— האָט איר — זאָג איך — מורא? אדרבה, מיר דאַכט, אַז איר דאַרפט גיכער מורא האָבן פאַר יענע, וואָס טויגן יאָ!

— פאַר וואָס? — זאָגט דער סטאָלער.

— פאַר וואָס, פרעגט איר? פאַר שבת! איר ווילט מיך — זאָג איך — פריצעווען? צי איר רעדט דאָס טאַקע ערנסט? וואָס פאַר אַ שמחה קאָן זײַן, אַז מע טויג פאַר אַ סאָלדאַט?

— וואָס פאַר אַ שמחה קאָן זײַן, אַז איר טויגט פאַר אַ מענטשן? — רופט זיך אָן צו מיר איינער פון די ייִנגלעך.

— דו שווײַג! — זאָג איך צו אים. — ביסט נאָך צו אַ יונגער צוצעק, זאָלסט זיך אַרײַנמישן, בשעת עלטערע מענטשןריידן צווישן זיך! חברה קוקן איינס אַף דאָס אַנדערע און שמייכלען. דער סטאָלער

ווינקט צו זיי און פאַרבײַסט א ליפּ, ווי איינער רעדט: „איר ווילט, אפּנים, כאַפּן א פּסק?"...

— מאַכט מיר קלאָר, — זאָג איך — וואָס איז די גדולה, אַז גאָט העלפט, מע גייט אוועק פאַר א סאָלדאַט? בא מיר איז צו א קליין קעפּעלע!

— איך וועל אײַך געבן צו פאַרשטיין — רופט זיך אָן די סטאָ־לערקע — ערשטנס, איז די דינסט אַליין אָן אײַנגענעמע זאַך; ס'איז א סימן, אַז מען איז געזונט און שטאַרק אַף אַלע אברים. צווייטנס, איז שיין, אַז מען איז א סאָלדאַט: מען קאָן זיך דערדינען א כבוד. און, דריטנס, באַדאַרפן מיר דאָך האָבן אונדזערע אייגענע סאָלדאַטן, אונד־זער אייגן חיל אין ארץ־ישראל. וואָס פאַר א פּנים האָט א פאָלק, וואָס וויל האָבן א לאַנד און האָט נישט קיין חיל?

— וואָס באַדאַרפט איר — זאָג איך — חיל? איר ווילט דען זיך גיין שלאָגן? מלחמה האַלטן מיט עמעצן?

— שלאָגן זיך, — זאָגט זי — מלחמה האַלטן וועלן מיר נישט באַדאַרפן מיט קיינעם; נאָר די מענטשן זײַנען נאָך נישט געקומען צו דער מדרגה אַז א מלוכה זאָל זיך קאָנען באַגיין אָן מיליטער, אָן סאָל־דאַטן...

— ווו האָט איר — זאָג איך — א מלוכה?

— וואָס הייסט? — זאָגט זי. — נו, און ארץ־ישראל?

— איר רעכנט, אפּנים, — זאָג איך — טאַקע גאַנץ ערנסט, אַז משיח קומט שוין?

— משיח — זאָגן זיי אַלע מיט אַמאָל — איז שוין געקומען.

— מזל־טוב אײַך! — זאָג איך. — ווען איז ער דאָס געקומען צו אײַך?

— פון יענער מינוט אָן, — זאָגן זיי — זינט מיר האָבן אַלע ביז איינעם אָנגענומען דעם רעיון פון ישוב ארץ־ישראל, איז געקומען משיח.

— ווי אַזוי איז ער אָנגעקומען צו אײַך? — זאָג איך. — רײַטנדיק אַף א ווײַסן פערדל? און ווו איז אליהו הנביא? און ווו איז די מלחמה פון גוג ומגוג? און ווו איז דער בלאָז פונעם שופר? און ווו איז דאָס ערדצי־טערניש? און ווו זײַנען די אַלע איבעריקע סימנים, וואָס באַווײַזן אַף משיחן? זעט נאָר, צי פירט מען אײַך נישט אין באָד אַרײַן? קוקט זיך

נאָר צו צו אײַער משיחן, צי איז ער נישט קיין אַפּעריסט? לאָז ער אײַך באַווײַזן אַ געשריפטס, שוואַרץ אויף ווײַס...

איך האָב זיך צערעדט פון פײַער און פון וואַסער. איך ווייס גאָר ניט, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזוי פיל רייד? דער גאַנ־צער עולם איז געזעסן און געשוויגן, געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע און געחידושט זיך, ווי קומט צו אַ רויט יידל אַזוי פיל מאַטעריאַל? זיי האָבן, אַפּנים, אַ טעות געהאַט אין חשבון. זיי האָבן געמיינט אויף מיר, אַז ס'איז זיך גלאַט אַזוי אַ יידל; צום סוף האָבן זיי אַרויסגעזען, אַז דאָס איז „אַ ייִד אַ זעלבער, וואָס קאַטאָרי ווע־לכער"... האָבן זיי געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע, נאָכדעם רופן זיי זיך אָן צו מיר:

— אפשר ווילט איר אביסל צולייגן זיך אָפּרוען נאָכן עסן? זאָגט, שעמט זיך נישט.

— וואָס איז דאָ פאַראַן — זאָג איך — צו שעמען זיך? און איר שלאָפט דען נישט שבת באַטאָג?

— ניין — זאָגן זיי.

— וואָס דען — זאָג איך — טוט איר?

— מיר — זאָגן זיי — וועלן זיך דורכגיין אין אונדזער פאָלקס־ביבליאָטעקע.

— וווּהין?

— אין אונדזער פאָלקס־ביבליאָטעקע.

— וואָס וועט איר דאָרטן טאָן? — פרעג איך זיי. — לערנען משניות, צי זאָגן תהלים?

— מיר וועלן געוואָר ווערן — זאָגן זיי — וואָס טוט זיך נײַס אין דער יידישער וועלט.

— נײַס — זאָג איך — וועט איר דאָך קאָנען הערן אין שול, בא מנחה למעריב.

— אין שול — זאָגן זיי — נײַס? ווער גייט דען אין שול אַרײַן הערן נײַס? אַ שול איז דען אַ קלוב?

— אַ קלייניקייט — אַזעלכע צדיקים, ווי איר זײַט! גאָט אין צי־צית!... זאָגט זשע מיר, איך בעט אײַך, וואָס איך וועל אײַך פרעגן:

הייסט דאָס, קלײַבט איר זיך צענויף אַלע שבת נאָכן טיש אַהינצו־צו, ווי אַזוי רופט מען דאָס בײַ אײַך?

— אין אונדזער פאָלקס־ביבליאָטעקע.

— וואָס זשע טוט איר דאָרטן — זאָג איך — אין יענער ביבליאָ־טעקע? איר קומט זיך צענויף, ווי להבדיל די גוים אין שענק, הייסט דאָס, און רעדט מסתמא דברים בטלים?

— מיר ריידן נישט דאָרטן — זאָגן זיי — קיין דברים בטלים; מיר לייענען יידישע צײַטונגען, ביכער, זשורנאַלן, גאַזעטן.

— יידישע גאַזעטן? — זאָג איך. — אַ סך גאַזעטן? מסתמא איי־נעם אַ גאַזעט?

— פאַר וואָס נישט עטלעכע הונדערט?

— וואָס? עטלעכע הונדערט?!

— עטלעכע הונדערט.

— ווער — זאָג איך — באַדאַרף אַזוי פיל גאַזעטן? ווער לייענט דאָס אַזוי פיל?

— מיר אַלע — זאָגן זיי — לייענען. ווי קאָן מען דען לעבן אָן גאַזעטן און זשורנאַלן?

— סע פאַרשטייט זיך! — זאָג איך. — ווי קאָן זיך באַגיין אַ סטאָ־לער אָן אַ גאַזעט? נו, און די ווײַבער? וואָס לייענען די ווײַבער? מסתמא טײַטש־חומש, צאינה־וראינה?

— דאָס אייגענע, — זאָגן זיי — וואָס מיר. וואָס איז דען די נפקא־מינה? מאַנצבילן, ווײַבער?

— ס'איז שוין גאָר ניטאָ בײַ אײַך — זאָג איך — קיין שום נפקא־מינה צווישן זכרים און נקבות? זײַט איר דאָך, אַפּנים, טאַקע דאָס, וואָס מע טאָר נישט אויסזאָגן?... וועל איך מיך צוליינגן כאַפּן אַ דרעמל לכבוד שבת, און איר גייט אײַך געזונטערהייט אין אײַער ווי אַזוי רופט מען דאָס, צו אײַערע יידישע גאַזעטן...

„נאַ דיר גאָר אַזאַ מין פאַרגעניגן! — טראַכט איך מיר. — די גאַנצע וועלט איז זיך נוהג שבת נאָכן טיש זיך לייגן אַביסל שלאָפן; דאַכט זיך, קיין גרעסערער תענוג דערפון קאָן שוין גאָר ניט זײַן! און זיי נעמען זיך צענויף אַלע אינאיינעם, גאַנץ קעקעליקהל, און מע לייענט גאַזעטן! אַ שיינע עובדה! אַזאַ מין עונג שבת! איבערגעקערטע מוחות! בײַ זיי

איז רעכט גיין אַן אַ היטל און גלייבן אין משיחן... ניט זינגען זמירות און האַלטן פון ארץ־ישראל... זיצן ווי די שררות, פרעסן און זויפן, און ליב האָבן די מלאכה... אַ זכר מיט אַ נקבה איז בא זיי אַלץ איין מטבע... אַ לאַנד פון משוגעים!"...

איך פאַל אַנידער אַף זייער אַ ווייך געלעגער, אַ סאַמעטענע סאָפע מיט „שפּרינזינגעס", און איך כאַפּ אַ דרעמל גאָר אַף אַן אַנדער מין אופן!

## דאָס זיבעטע קאַפּיטל

(אַן אסיפה פון משוגעים. — ווידער אַקאַדעמיעס אין ארץ־ישראל! — עס שיטן זיך מיליאָנען. — אַ בריוו פון רויטשילדן, וואָס וויל זיך איינקויפן אין חברה. — מען איז אים מוחל זיינע מיליאָנען. — דאָס רויטע יידל קאָן זיך נישט איינהאַלטן און שפּרינגט אַרויס.)

שבת־צו־נאַכטס, אָפּגעמאַכט הבדלה און אָפּגעזאָגט די אליהו־הנביאס, רוף איך מיך אָן צו דער סטאָלערקע (נישט קיין נאַרישע ייִדענע, כּלעבן!):

— ווּהין איז דאָס אַוועקגעפלויגן אַזוי פרי אייער מאַן? אַף אַ מלוה־מלכּהלע מסתמא?

— אַף אַן אסיפה, — מאַכט זי צו מיר, — איך גיי אויך אַהין; אויב איר זייט אַ בעלן, קומט מיט מיר.

— נקבות גייען בא אייך — זאָג איך — אויך אַף אסיפות?

— פאַר וואָס ניט? — זאָגט זי. — ווייבער זיינען דען קיין מענטשן נישט?

אוודאי איז דאָס אַ קלאָץ־קשיא — גיי געפין איר דערויף אַ תירוץ!...

— מכּח וואָס — זאָג איך — איז בא אייך אַן אסיפה? מכּח דער טאַקסע? צי מכּח שכירות דעם רבֿ? צי מכּח דעקן דאָס אַלטע בית־המדרש? איך בין קלאָר אין ייִדישע אסיפות!...

— ניין, — זאָגט זי — דאָס איז אַן אסיפה מכּח ארץ־ישראל.

— ווייטער — זאָג איך — ארץ־ישראל? וואָס האָט איר זיך צוגעטשעפּעט צו ארץ־ישראל? אַפּנים, עס גייט אייך מער ניט אָפּ?

— זאָלט איר טאַקע וויסן, — מאַכט זי צו מיר — אונדז גייט טאַקע מער נישט אָפּ. מיר האָבן אַלצדינג: אי געלט, אי געזונט, אי מענטשן, אי וויסנשאַפט; נאָר איין זאַך פעלט אונדז, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען אויסגלײַכן מיט אַלע אַנדערע פעלקער — אַ לאַנד. אַז מיר וועלן האָבן אַ לאַנד, וועלן מיר זײַן אַ פאָלק. ארץ־ישראל — דאָס יִדישע לאַנד, לעם ישראל — צום יִדישן פאָלק...

„הערסטו, — קלער איך מיר — זי פאַרשטייט דאָך גאָר אַף לשון־קודש, ווי איך בין אַ יִיד! עמעצער פון אונדזערע לײַט זאָל שטיין בײַ דער זײַט, זען, ווי איך גיי שבת־צו־נאַכטס איינער אַליין מיט אַן אשת־איש איבער דער גאַס, און רייד מיט איר פון אַזעלכע מאָדנע ענינים, און נאָך אַף לשון־קודש דערצו, וואָלט ער געמיינט, אַז איך בין גאָר משוגע געוואָרן, אָדער ער וואָלט אַליין משוגע געוואָרן"...

— ווּ וועט בײַ אײַך זײַן — זאָג איך — די אסיפה?

— בײַם ראַבינער — זאָגט זי — אין שטוב.

און מיר גייען צו צו אַ גרויסן מויער און קומען אַרײַן אין אַ גרויסער, שיינער, ליכטיקער זאַל. עטלעכע לאַנגע, מיט געוואַנט געדעקטע טישן, אַ סך בענקלעך און מענטשן, יִדן און ווײַבער, בחורים און מיידלעך אָן אַ שיעור. גאַנץ אויבן־אָן זיצט איינער, אַ גרײַז־גרויער מאַן מיט ברילן, און קלינגט מיט אַ גלעקל. אַן אסיפה מיט אַ גלעקל זע איך דאָס ערשטע מאָל אַף מײַן לעבן! הײַנט די שטילקייט וואָס בײַ זיי איז. מע האָט מורא אויסרײדן אַ הויך וואָרט. ריידן רעדט מען בײַ זיי גאָר אײנ־ציקווײַז. בשעת יענער האַלט אין מיטן ריידן, טאָר אים דער אַנדערער נישט מפסיק זײַן חלילה, ווי, להבדיל, בײַ אונדז דעם חזן, בשעת דער הויכער שמונה־עשרה... האָט איינער אָפּגערעדט, שטייט אויף דער אַנ־דערער און רעדט זיך זײַנס... אַלע אינאיינעם זאָלן ריידן, ווי בײַ אונדז, אשטייגער, — דאָס איז נישטאָ! און אפילו דער ראַבינער אַליין (שוין כלומרשט אַ רב!), אַז ער וויל עפּעס זאָגן, פרעגט ער זיך אויך אָן בײַם אַלטן מיט די ברילן, צי מעג ער זאָגן אַ פּאָר ווערטער... וועט בײַ אונדז, אשטייגער, אַ רב אָנפרעגן זיך בײַ עמעצן, צי ער זאָל ריידן? מע וויל ריידן — רעדט מען; צו וואָס באַדאַרף מען די אָנשטעלן? אײַ, יענער פאַלט מיר אַרײַן אין די רייד? פאַל איך אַרײַן צו י ע נ ע ם אין די רייד...

הײַנט די ענינים גופא, וואָס מע האָט דאָ גערעדט — עפּעס ווילדע ענינים! ס'איז שווער צו פֿאַרשטיין, וואָס זיי ווילן...

אײנער שטייט אויף און פֿרעגט אַ קשיא: מה נשתנה — פֿאַר וואָס איז הײַנטיקס יאָר ערגער פֿון אַלע יאָר? אַלע יאָר, זאָגט ער, נעמט מען בײַ אים געלט אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל, און הײַנטיקס יאָר האָט מען בײַ אים אַפֿילו קיין האַלב ניט גענומען! איר הערט אַן אומגליק?

דער אַנדערער שטייט אויף מיט אַן אַנדער טענה: למאי גיט מען אים ניט קיין אַרבעט, ער זאָל עפּעס קאָנען אַרבעטן לטובת הכלל? פֿאַר וואָס קומט דאָס אים, אַז דער און דער זאָל אַרבעטן דאָס און **דאָס, און** יענער זאָל טאָן יענץ און יענץ, און ער, נעבעך, דאַרף זיצן און וואַרטן, מאָמער וועט אים גאָט צושיקן עפּעס עמעצן אַ טובה טאָן?... איר פֿאַרשטייט, ווי מע האָט אים דאָ געקוילעט די קאַפּאָטע?...

דער דריטער הייבט זיך אויף און לייגט אַנידער אַ צעטל פֿון דעם, וואָס מע האָט געטאָן ביז אַהער, און פֿון דעם, וואָס מע וואָלט געקאָנט טאָן, און פֿון דעם, וואָס ס'איז נאָך דאָ וואָס צו טאָן.

— געטאָן — זאָגט דער דאָזיקער חכם — האָבן מיר נאָך גאָרניט געטאָן. טאָמער האָבן מיר ביז אַהער געגרינדעט און אײַנגעלאָדעט אַזעלכע הונדערט קאָלאָניעס אייגענע אין ארץ־ישׂראל, איז דאָס אַ קלייניקייט. מיר וואָלטן שוין געקאָנט האָבן ביז איבער העכער טויזנט... טאָמער — זאָגט ער — האָבן מיר אין אונדזער נאַציאָנאַל־באַנק אַזעלכע צוויי הונדערט מיליאָן פֿונט שטערלינג, וואָלטן מיר, אייגנטלעך, באַדאַרפֿט האָבן אַצינד, צום ווייניקסטן, אַ פּאָר מיליאַרדן. נאָך די גרויסע נדבות מיט די גרויסע ירושות, וואָס אונדזערע גבירים האָבן אָפּגעזאָגט אַף אונדזער פֿאָנד, וואָלט אונדז אָנגעשטאַנען, מיר זאָלן שוין איצטער קאָנען אָפּקויפֿן גאַנץ ארץ־ישׂראל און צערעכענען זיך מיטן טערק ביז דער לעצטער פּרוטה... איך ווייס, זאָגט ער, איר וועט מיר אָפּענטפֿערן, אַז מיר האָבן אַ סך געלט און אַ סך צײַט אויסגעגעבן אַף קולטור. באַדאַרף איך אײַך אָבער דערויף אָפּענטפֿערן צוריק, אַז מיר האָבן דאָ אויך אַ סך ווינציקער, ווי מיר וואָלטן געקאָנט האָבן ביז אַהער... אונדזער העברעאישער איז גאַנץ גערעכט געווען, וואָס ער האָט אונדז הײַנט אין שול אויסגעוואָרפֿן, אַז איין ייִדישע אַקאַדעמיע אין גאַנץ ארץ־ישׂראל איז

קאַרג. אונדז וואָלט אָנגעשטאַנען, מיר זאָלן האָבן דריי אַקאַדעמיעס, פיר אַקאַדעמיעס, פינף אַקאַדעמיעס!...

איך שטיי נאָר פונדערווייטן און באַטראַכט די דאָזיקע מאָדנע מי־נים ייִדן. ווידער אַקאַדעמיעס אין ארץ־ישראל? איין אַקאַדעמיע אַף גאַנץ ארץ־ישראל איז זיי קאַרג; זיי באַדאַרפן האָבן צען אַקאַדעמיעס, הונדערט אַקאַדעמיעס, טויזנט אַקאַדעמיעס, מיליאָנען אַקאַדעמיעס!...

דער חכם זעצט זיך אַנידער, און עס שטייט אויף אַ נייער תנא און באַקלאָגט זיך אַף דער לאַגע פון די ייִדישע גערטנער אין ארץ־ישראל, וואָס זיי האָבן היינטיקס יאָר ניט געקאָנט אַריינטראָגן אין פאָנד אַריין מער פון אַ האַלבן מיליאָן פראַנק... נאָר אויב, זאָגט ער, די לאַגע פון די גערטנער איז נישט אַם בעסטן, איז די לאַגע פון די בעלי־מלאכות אין ארץ־ישראל גאָר טרויעריק: די בעלי־מלאכות אין ארץ־ישראל, זאָגט ער, האָבן תמיד געהאַט זייער אייגענע ביבליאָטעקע, און היינט זיינען זיי נעבעך געבליבן אָן אַ ביבליאָטעקע: זי איז אָפּגעברענט געוואָרן, און זיי מוזן גיין אין פרעמדע ביבליאָטעקעס (אַ גאָטס רחמנות אַף זיי!...). היינט, זאָגט ער, די ייִדישע אַרבעטער פונעם אייזנבאַן אין ארץ־ישראל — די זיינען גאָר אומגליקלעך: ביז אַהער האָבן זיי געהאַט זייער אייגן טעאַטער, און איצט איז דאָס טעאַטער צעפאַלן געוואָרן, וואָרעם די בעסטע שפּילער האָבן חתונה געהאַט און זיינען זיך צעפאָרן, דער אַהער, דער אַהין. און דערווייל זיינען נעבעך די ייִדישע באַן־אַרבעטער געבליבן אָן אַ טעאַטער (אַ שטיין קאָן אויך צעגאָסן ווערן פון געוויין!... אַ קליי־ניקייט — ייִדישע באַן־אַרבעטער זיינען געבליבן אָן אַ זיידן!...).

נאָך דעם תנא שטייט אויף נאָך אַ חברה־מאַן פון די יונגע לייט און רעדט מיט פייער, פאַלט אָן אַף דער חברה „כרמל" און זאָגט, אַז די חברה „כרמל" איז די רייכסטע צווישן אַלע ייִדישע חברות; ס'איז אַ יושר, אַז די חברה „כרמל" זאָל געבן וויין אַף אַלע ייִדישע בקור־הולימס אין ארץ־ישראל אומזיסט. נישקשה, זאָגט ער, טאָמער וועט די חברה „כרמל" פאַרדינען ווינציקער מיט עטלעכע הונדערט טויזנט קערבל־לעך אַ יאָר, איז אויך אָן אַן אומגליק! דער גוטער יאָר וועט זיי נישט נעמען!...

נאָך אים שטייט אויף איינער, אַ יונגערמאַנטשיק, און לייענט פון אַ פּאַפּיר עפּעס אַ גאַנצע מגילה מכח מיליטער, מכח ייִדיש חיל, לייגט פאָר

נייע פּלאַנען, ווי אַזוי און וואָס און ווען, און אַלע הערן אים אויס מיט קאָפּ, פרעגן קשיות, און ער פאַרענטפערט זיי. און אַז ער לאָזט אויס, ווערט אַ פּאַטשעריי „בראַוואָ!" און אַ געשריי: „הידד!" „הידד!" — מע קאָן טויב ווערן!...

צום סוף שטייט אויף דער בעל־הבית אַליין, דאָס הייסט, דער ראַבי־נער, און לייענט איבער אַ בריוו פון ראָטשילדן. פונעם לייענען פאַרשטיי איך, אַז ראָטשילד שמייכלט זיך צו צו דער חברה, ער וויל ווערן אַ חברה־מאַן גלייך מיט אַלע, און זאָגט זיי צו „הרים וגבעות", שיט מיט מי־ליאָנען.

איך שטיי און באַטראַכט זיי און קלער מיר: באַ אונדז, אַז ס'זאָל זיך טרעפן, אַשטייגער, אַזאַ מעשה: אַ גביר זאָל זיך וועלן איינקויפן אין חברה, — איך וויים וואָס עס וואָלט געווען? מע וואָלט געקראָכן אַף אַלע פיר, מע וואָלט פאַר פרייד געגאַנגען אַ טענצל! וואָרעם באַ אונדז אַ גביר אַז ער זאָגט נאָר אַ גוט וואָרט אַליין, אָן געלט, איז מען שוין אויך צופרידן: „דער גביר האָט גערעדט, דער גביר האָט געזאָגט, דער גביר האָט גענומען באַם שמש אַ שמעק טאַבאַקע און האָט אַ ניס גע־טאָן, צו געזונט זאָל אים זיין! צו לאַנגע יאָר!..." איך האָב געמיינט, אַז חברה וועט דאָ צעגאַנגען ווערן פאַר תענוג; צום סוף — ווער? וואָס? ס'איז געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן געפרעגט קשיות: „ווו איז גע־ווען ראָטשילד פריער, דעמאָלט, ווען מע האָט אים באַדאַרפט? דע־מאָלט, ווען מען איז צו אים געקראָכן? דעמאָלט, ווען עס האָבן זיך גע־גאָסן ייִדישע טרערן און ייִדיש בלוט? דעמאָלט האָט ער זיך פאַרשלאָסן בחדרי־חדרים? דעמאָלט האָט ער ניט פאַרשטאַנען קיין ייִדיש?... איצט, אַז גאָט האָט אונדז געהאָלפן, מיר האָבן זיך מיט אונדזער אייגענער הילף אַרויפגעשלאָגן אַף אַ דרך, איצט, אַז גאָט האָט אונדז מזכה געווען, אונדזער פאָלק הייבט אָן ווערן לייטן גלייך, קומען צו אונדז אונדזערע צאַפּעס — (אַ שייגעץ קאָן!) און ווילן זיך איינקויפן מיט זייערע מיליאָנען, בכדי זיי זאָלן קאָנען זאָגן אַ דעה? ניין, באַ אונדז פאַרקויפט זיך נישט קיין כבוד פאַר קיין געלט! כבוד באַדאַרף מען באַ אונדז פ אַ ר־ד י נ ע ן, פ אַ ר ה אָ ר ע וו ע ן! מיר דאַרפן ניט ראָטשילדן! מיר דאַרפן ניט זיינע מיליאָנען!"

דאָ האָב איך זיך שוין מער ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און בין אַרויסגעשפּרונגען.

— רבותים! — האָב איך מיך אָנגערופן צו זיי אַף אַ קול. — האָט קיין פּאַריבל נישט, וואָס איך, אַ ווילד־פרעמדער גאַר, אַן אורח פון יענער זײַט סמבטיון, שפּרינג אַרויס און מיש מיך אַרײַן אין אײַערע ענינים. מע זאָגט בײַ אונדז אַ ווערטל: „אַ גאַסט קומט אַף אַ ווײַל — און זעט אַף אַ מײַל". איך בעט בײַ אײַך נאָך אַמאָל הונדערט מאָל מחילה, איר ווײַזט מיר אויס אין מײַנע אויגן רײַן משוגע! מילא, דעם אומגליק, וואָס די באַן־אַרבעטער אין ארץ־ישראל זײַנען געבליבן, ניט דאָ געדאַכט, ניט פאַר קיין ייִדן געדאַכט, אָן אַ טעאַטער, — דאָס בין איך אײַך מוחל. נאָר דאָס, וואָס דער דאָזיקער עזות־מחוצף־פּנים האָט נאָר וואָס גערעדט קעגן אַזאַ מענטשן, ווי רויטשילד, — אַ קלייניקייט רויטשילד! — דאָס, זאָג איך, איז שוין אַזאַ עוולה, וואָס איך קאָן דאָס שוין ניט איבערטראָגן! בײַ אונדז וואָלט מען אַזאַ חברה־מאַן אַנידערגעלייגט און מע וואָלט אים, איך בעט איבער אײַער כבוד, אַרײַנגעפּידלט אין ווי־הייסט־מען־דאָס אַ שטיקלעך זעכציק, ער זאָל וויסן הלכות דרך־ארץ, ווי אַזוי צו ריידן קעגן אַ גביר! איך זאָל זײַן באַקאַנט מיט רויטשילדן, וואָלט איך אים דער ערשטער איבערגעגעבן וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן! ס'איז אַ מצווה, מע זאָל אַזעלכע שקצים, עזות־פּנימער, צערײַסן, ווי מע צערײַסט אַ הערינג אום ערב יום כפּור! אדרבה, זאָגט אפשר, אַז ניין?...

דערהערט פון מיר אַזעלכע דבורים, האָבן זיי זיך, אַפּנים, שטאַרק פאַרשעמט, מחמת זיי האָבן מיר נישט געענטפערט דאָס אַנדערע וואָרט; זיי האָבן זיך נאָר איבערגעקוקט איינס מיט דאָס אַנדערע, געשמייכלט און געשושקעט זיך שטילערהייט... עס ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער, אַ קשיא אַף אַ מעשה, נעם איך און איך שרײַב מאַקע אַוועק וועגן דעם צו רויטשילדן?...

— מיר וועלן אײַך ביסלעכווײַז קלאָר מאַכן, — רופט זיך אָן צו מיר דער רב — מיר וועלן אײַך...

— איר האָט מיך ניט — זאָג איך — וואָס קלאָר צו מאַכן; איך בין נאָך, ברוך השם, בײַ אַלע געדאַנקען...

דער אַלטער, וואָס מיט די ברילן, טוט אַ קלונג מיטן גלעקל און

זאָגט, אַז די אסיפה איז אויס אסיפה, און דער עולם הייבט זיך אויף און מע זינגט אינאיינעם אַ ליד אַף לשון־קודש, וואָס הייבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס מיט די ווערטער: „עוד לא אבדה תקותנו!” אַלע זינגען: אי די אַלטע לײַט, אי די יונגע, אי די זכרים, אי די נקבות — ניטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן!...

— איר האָט דאָס גוט געזאָגט! — מאַכט צו מיר דער סטאָלער צוריקוועגס און בלאָזט זיך אָן ווי אַ פּאַכיר און ווערט צעפּלאַצט לאַכנדיק.

— איך האָב אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז איר מאַכט פון זיי אַ שפּאַס.

— אַוודאי! — זאָג איך. — איר פאַרשטייט מער פון אַ טויטן! איר פאַרשטייט פונקט אַזוי פיל, וויפל מײַן שטיוול!

דער סטאָלער כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט בײַ די זײַטן און קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער.

— ס׳איז שוין אַף אײַך ווידער — זאָג איך — אָנגעפאַלן דאָס לעבעריקע? שוטה בן פּיקהאָלץ! רב שעיה קאַטער! רב מענדע לאַקש! אַברהמל כיריק! בערל באַס! חיים טראַסק! מאָטל וואַרעניק!...

ער לאַכט נאָך שטאַרקער, ער ווערט שיער נישט צעזעצט פאַר געלעכטער!

איך טו אַ שפּײַ אַף דעם משוגענעם סטאָלער און פאַרטיף מיך אין מחשבות: וואָס זײַנען זיי פאַר ברואים?... פון דעם שבת צו־נאַכטס, מיט די אַלע רעדעס, מיט זייערע מיליאָנען דרייט זיך מיר אַזוי דער קאָפּ, אַז איך ווייס שוין גאָר ניט אַף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. איינס פון די ביידע: אָדער זיי זײַנען משוגעים, אָדער איך בין משוגע?...

איך, זיי זײַנען די אמתע משוגעים!...

ענדע ערשטער טייל.

געשריבן אין יאָר 1900

# מעשיות פון טויזנט איין נאַכט

דערציילט בהרחבה פון אַ קרושניקער ייִדן, וואָס זיצן זיצט ער אין קרושניק נאָר רופן רופט מען אים „יאַנקל יונעוווער“, ווײַל ער איז פון יונעוו, פאָרנדיק אַפן שיף פון קאָפּענהאַגען ביז ניו־יאָרק, און איבערגעגעבן וואָרט אין וואָרט.

.1

## יאַנקל יונעוווער פון קרושניק.

— — — פאָרט איר, הייסט עס, פאַני שלום־עליכם, אויך אַהינ־צוצו, ווי אַלע? — זייער אָנגעלייגט!

נישט מחמת, ווי זאָגט איר, צרת רבים חצי נחמה. חס ושלום! אדרבה, פאַרקערט! למאַי זאָל איך זאָגן? נאָר וואָס דען? גלאַט אַזוי, ס'איז עפּעס היימלעכער אַף דער נשמה צו וויסן, אַז א ו נ ד ז ע ר שלום־עליכם, איר פאַרשטייט צי ניין, פאָרט אויך מיט אונדז, פּשוטע עמיגראַנטן, אַף איין שיף, אַהין, אין יענעם לאַנד אַרײַן, וואָס גאָט האָט באַשאַפן פון ייִדנס וועגן, זיי זאָלן האָבן וווּהין צו אַנטלויפן, אַז עס טרעפט זיך אַ צרה שלא תבוא, אַן אומגליק, אַ פּאָגראָם, אַ מלחמה...

איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת — עס גלייבט זיך עפּעס גאָר ניט, אַז ס'איז נאָך פאַראַן הײַנטיקע צײַטן ערגעץ אַף דער וועלט אַזאַ ניכ־טער ווינקל, ווו מענטשן זײַנען ניט פאַרשכורט פון בלוט און מע קווי־לעט זיך ניט אין די אַלפים, ווי מע קוילעט בײַ אונדז, אַשטייגער, עופות, אַז עס קומט ערב יום־כּפּור צו די כּפּרות, און מע האַקט ניט איינס דאָס אַנדערע, ווי מע האַקט הערינג, און מע בראָקט ניט קיין מענטשן, ווי מע בראָקט קרויט...

ווי מיינט איר, מיר וועלן אמאָל קומען אהין, אין דעם אמעריקאַ, צי וועד־וואָס?

איך ווייס נישט, ווי אזוי איר דאָרטן, אויבן, אין די קאַיוטן פון ערשטער קלאַס — נאָר מיר אָט־דאָ, פּאַסאַזשירן פון דריטן קלאַס, האָבן שוין אַוועקגעגעבן, ווי זאָגט איר, דער מאַמעס מילך, געבן זאָל זיי גאָט אַ בייז קווימל, דערפאַר וואָס זיי האָבן צוגעטראַכט אַלע גוטן זאַכן אַף דורכצוּולעכערן די שטאַרקסטע פעסטונגען און אַף דורכצובערעכן אײַזער־נע מויערן און אַף צו מזיקן, אומברענגען די גאַנצע וועלט!

וואָלט דען נישט גלײַכער געווען, זאָגט שוין איר אַליין, מע זאָל עפּעס צוטראַכטן אַ מיטל אַף צו פאַרגרינגערן די דאָזיקע שווערע אומ־גליקמפּערטע נסיעה אַפן ים?

ניין, אמער האָבן זיי בעסער אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אַף שמד־שטיק, אַף אַ „צוויי־און־פערציקער", מיט אַלערליי באַמבעס: אַזעלכע, וואָס גנבענען זיך אונטער אונטערן וואַסער און דערציילן דעם פּסוק, און אַזעלכע, וואָס שיסן פון אויבן גאָר, אַזש פון יענער זײַט כמארע — צו ברענגען אַ חורבן אַף דער וועלט און צו מאַכן אַ תּל פונעם גאַנצן רעשטל ייִדישקייט... און אַז מע האָט זיך גענומען אַף אונדזער ביסל ייִדן, און אַז די גאַנצע מלחמה איז נאָר צוליב אונדז, איר פאַרשטייט צי ניין — אַ ייִ ד י ש ע מ ל ח מ ה — דאָס איז דאָך אַזוי קלאָר, ווי דער טאָג, וואָרעם אַז ניט — צו וואָס דען האָט דער אייבערשטער געפירט אַזוי, אַז גראָד אָט דאָ, אַף דעם שטיקל אָרט, איז זיי געפעלן צו שלאָגן זיך און הרגענען זיך, צו קוילען זיך און צו יאָשען זיך? וואָס איז? דער דײַטש האָט זיך אײַנגעעשפּאַרט, ער וויל דווקא לאָדזש און דווקא וואַרשאָ! און פאָניע פון זײַן זײַט קריכט אַלץ אַהין — אַף קראָקע מיט לעמבעריג קריכט ער! איז דאָך ממה נפשך: אַז דיר, דײַטש, שמעקט אַזוי אונדזער וואַרשאָ מיט אונדזער לאָדזש, און דיר, פאָניע, איז געפעלן קראָקע מיט לעמבעריג — איז דאָך עס אַ פּשוטע זאַך: נעמט מען און מע מאַכט אַ בײַט — און שוין! צו וואָס איז דאָס שלאָגן זיך? מיטן קוילען זיך? מיטן יאָשען זיך? און ועל כולם — וואָס געהער זיך עס אָן מיט מיר, מיט יאַנקל יונעווער, און מיט מײַנע קינדער, וואָס מיר זאָלן גיין אַוועק־לייגן דעם קאָפּ צוליב דעם, וואָס דײַטש וועט געוועלטיקן אין קוטנע און פאָניע אין פּשעמישל? עס קומט אויס גלײַך, ווי אויסער פּוילן און

אויסער גאַליציע איז שוין גאָר מער קיין וועלט נישטאָ, אָן עק! אײַ, וועט איר מיך פרעגן, למאי בעלגיע? וועל איך אײַך ענטפערן: למאי קרושניק?

איך קוקט מיך אָן, פּאַני שלום־עליכם, וואָס איז דאָס פאַר א קרושניק, וואָס איך האָב א העזה דאָס צו פאַרגלײַכן צו אײַער **בעלגיע,** להבדיל? קרושניק, איר פאַרשטייט צי ניין, איז זיך א קליין שטעטל, ניט גרעסער פון יונעוו, און ביידע שטעטלעך, קרושניק און יונעוו, געפינען זיך אין לובלינער גובערניע איינס נעבן אנדערן **טאַקע.**

אַז אירט א פרעג טאָן, נאָפּשיקלאַד: „ווו איז דאָס ערגעץ קרושניק?" וועט מען אײַך ענטפערן: „קרושניק? — ניט ווײַט פון יונעוו". וווּ־זשע איז יונעוו? — „ניט ווײַט פון קרושניק"... איר פאַרשטייט צי ניין — קרושניק און יונעוו זײַנען כמעט, קאָן מען זאָגן, איין שטאָט. דאָס הייסט, ס'איז ניט איין שטאָט; דאָס זײַנען זיך צוויי באַזונדערע שטעט, און הייסן הייסן זיי, אויב איר ווילט וויסן אַקוראַט, ניט קרושניק און ניט יונעוו, נאָר „קראַסניק" און „יאַנאָוו". נאָר מיר, ייִדישע קינדער, האָבן עס פאַרצויגן: „קרושניק" און „יונעוו". פאַר וואָס? פאַר גאָרניש! ס'איז שענער אַזוי, איר פאַרשטייט צי ניין, ס'איז ייִ ד י ש ל ע כ ע ר... א גוי, להבדיל, אַז ער דאַרף זאָגן „יאַנאָוו", איז א גאַנצער עסק: יאַנאָוו — ווי א פּאַס! און בא אונדז איז דאָס אי גלאַט, אי קורץ: יונעוו — און שוין!

בין איך אליין טאַקע א דאָרטיקער, א יונעוווער הייסט עס, פון יונעוו. נאָר למאי זאָל איך זאָגן א ליגן? זײַן בין איך, אייגנטלעך, א קרושניקער, פון קרושניק, נאָר א געבוירענער בין איך א יונעוווער, פון יונעוו. און דעריבער טאַקע רופט מען מיך בא אונדז אין שטעטל „יאַנקל יונעווער". פאַר וואָס? ערשטנס, ווײַל ס'איז פאַראַן בא אונדז אין קרושניק א סך יאַנקלס. והשנית, רופט מען מיך „יונעווער" דערפאַר, ווײַל איך בין, איר פאַרשטייט צי ניין, א געבוירענער א יונעווער. האָט איר עס צעקײַט?

ווייסט איר שוין, הייסט דאָס, ווער איך בין — איאָ? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן! וואָרעם כדי איר זאָלט וויסן, וו ע ר איך בין, באַדאַרף מען אײַך אויסרעכענען מײַן גאַנצן יחוס, פון וואַנען איך שטאַם — און איך וועל דאָס נישט טאָן! ווייסט איר פאַר וואָס? ווײַל איך האָב פײַנט

בארימען זיך. צו וואס וועל איך אייך גיין דערציילן גרויסקייט, למשל, אז שטאמען שטאם איך, ווי זאגט איר, פון סאמע צימעס, ס'איז גאר א גוואלד! רבנים און חזנים און... און... כמעט גוטע ייִדן! איך האב פיינט בארימעריי, איך האלט נישט דערפון!

זעט איר, ווען איר זייט א בעלן און איר פארט אייך דורך אף ציקאוועסט צו אונדז אין גרויס־פוילן, וועלן מיר זאגן, אין א לובלינער גובערניע, און איר שטעלט אייך אפעט אף א מינוטקעלע אין וואס פאר א שטאט איר ווילט, נאפשיקלאד, אין א מענדרעוויץ, אין א יונעוו, א מאזעלכאזשעץ, אין א ראכאוו, אין בילגעריי, אדער טאקע בא אונדז אין קרושניק אליין, און איר טוט א פרעג א מינדסט קינד אף יאנקל יונעווער — מער נישט ווי די צוויי ווערטער באדארפט איר צו זאגן: „י א נ ק ל" און „י ו נ ע ו ו ע ר" — וועט איר שוין הארכן! נאר וואס קומט ארויס? ווי זאגט איר: גיי שרייַ אני שלמה!...

צי איך זאל אייך גיין, אשטייגער, דערציילן, אז מיין טאטע איז געווען כל ימיו א גביר, און מיין זיידע, און מיין עלטער־זיידע, און אז אליין בין איך אויך געווען ניט לאנג א ייִד א נגיד, ביז ס'איז אנגעקומען דער פינצטערער באיקאט אף אונדז פון די פוילן, און ס'איז אלצדינג אוועק מיטן ווינט און מיטן רויך. נאר צו וואס? וואס וועט עס מיר העלפן? ווי זאגט איר: ג ע ו ו ע ן שיין, ג ע ה א ט געלט, ג ע ק א נ ט זינגען — די אלע זאכן טויגן אף א כפרה! איר זעט פאר זיך א ייִדן אן עמיגראנט, וואס פארט מיט אלע ייִדן קיין אמעריקא — און שוין! דאס ווייב, ברוך השם, פארלוירן. די קינדער פארזארגט אפן בעסטן ארט. דריי קינדער, צוויי זין מיט איין איידעם — האט דער אייבערשטער געטאן א נס, מע האט איין זון ג ע ז א ל ט הענגען, און דעם אנדערן האט מען ג ע ז א ל ט ש י ס ן, און דעם איידעם האט מען, אנדערע זאגן, געהרגעט אונטער לעמבעריג, אנדערע זאגן, מע האט אים גענומען אין געפיינקעניש, מע ווייס ניט, וווּ זיין געביין איז אהינגעקומען. איז די טאכטער אראפ פונעם זינען, האט דאס מיין ווייב ניט אויסגעהאלטן — א בת־יחידה, איין און איינציקע — און איז אוועק פאר דער צייט. און איך אליין, ווי איר קוקט מיך אן, אף די עלטערע יארן באדארף זיין נע־ונד... אזוי, אפן קוק, דאכט זיך, עפעס נישט אזא גבר, ווייט פון א שמשון הגבור, איא? איז אבער דער טויט נעמט מיך

נישט! דער מלאך המות, איר פארשטייט צי ניין, האט צו מיר קיין שליטה נישט. ווארעם וואס איך בין אויסגעשטאנען אין די דריי־פיר חדשים פון דער וועלט־משוגעת, וואס מע רופט דאס מלחמה, וואלט אן אנדערער אף מיין ארט אנגעשפארט אצינד — טע־טע־טע! אט וועט איר הערן א מעשה! דריי־פיר מעשיות, אן א שיעור מעשיות, און אלע זעל־טענע, וואנדערלעכע מעשיות, ממש יציאת מצרים, ווי זאגט איר: מעשיות פון טויזנט איין נאכט! אז איר וועט זיי הארכן, וועט איר אליין זאגן, אז ס'איז הפלא ופלא, גאר נישט קיין מענטשלעכער כח, נאר עפעס טאקע א נס מן השמים, וואס דער אייבער־שטער קאן!

למשל, איך זאל אייך דערציילן א מעשה, ווי אזוי איך און דער רב און דער קאזשאנע רב, דער ראבינער, הייסט עס, און די איבעריקע שבעה טובי עיר פון קרושניק — אז מיר זיינען געקומען מיט זאלץ און ברויט מקבל פנים זיין דעם דייטש, וואס איז אריין צו אונדז אין קרושניק; און אז מיר זיינען פארטיק געווארן מיט אים מכח קאנטרי־בוציע, ווי איר וועט הארכן וויי‏טער אביסל, האט זיך קירע־דייטש נית געשעמט צו געבן אונדז בעזעמער, איר פארשטייט צי ניין, פשוטע בעזע־מער, אין די הענט אריין און באפוילן, מיר זאלן זיך אים אוועקשטעלן אויסקערן די גאסן פון שטאט; ס'איז אים נישט געפעלן, דעם דייטש; מיר זיינען, זאגט ער, שמוציקע קערלען, און אונדזער מלוכה איז, זאגט ער, א שמוציקע מלוכה!...

צי, אשטייגער, אז איך וועל אייך דערציילן נאך א שענערע מעשה, ווי אזוי איך, יאנקל יונעווער, און דער רב אונדזערער און דער קאזשאנע רב, דער ראבינער, הייסט עס, און די איבעריקע שבעה טובי עיר, די פיינסטע בעלי־בתים פון שטאט, זיינען מיר שוין געווען אלע אפן הייליקן ארט אויך, אפן קרושניקער בית־עולם הייסט דאס? באנאכט איז דאס גע־ווען, די לבנה האט געשיינט, און דער שונא האט אונדז ארויפגעבראכט, געגעבן אונדז זאסטופעס אין די הענט אריין און געהייסן, מיר זאלן זיך אליין גראבן קברים, פשוטע קברים, דאס הייסט, יעדער זאל זיך גראבן, איר פארשטייט צי ניין, פאר זיך זיין קבר, זיך אויסגראבן א קבר און אריינלייגן זיך לעבעדיקערהייט!

נאך איצטער, אז איך רייד דערפון, שטעלן מיר זיך טרערן אין די

אויגן... איר ווילט וויסן וואָס איז דאָס געווען: אַ קאַטאָוועס, אָדער אַ משוגעת? זאָל מיך אַזוי וויסן אַ בייז לעבן מיט אײַך אינאײַנעם! איך ווייס נאָר איינס: אַז איך און דער רב און דער קאַזשאָנע רב, נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, קיין דרײַסיק יאָר ניט אַלט, זײַנען מיר אין איין נאַכט אַלע געוואָרן גרוי און אַלט!

איאָ, איר קוקט אויף מיר און טראַכט זיך: אַט דער ייִד איז אַ בריה אויף צו דערציילן בבא־מעשיות!... איר האָט רעכט. איך אויף אײַער אָרט, ווען מע דערציילט מיר אַזאַ זאַך, וואָלט איך אויך געזאָגט: „פעטער, איר רעדט פון היץ, שיקט נאָכן דאָקטער, אָדער גייט לייגט אײַך שלאָפן!"... ווי־זשע איז אָבער, אַז איך וועל אײַך גיין שווערן אַ שבועה דאורייתא, אין טלית און אין קיטל, אַז אַלץ, וואָס איך דערצייל אײַך, איז ווי מיר זיצן דאָ תחת כפת השמים — אונטער אַ הימל פון גאָט? און דאָס אַלעס, דאַרפט איר וויסן, איז נאָך אַ שמינית שבשמינית, איר פאַרשטייט צי ניין, אפילו קיין הונדערט חלק ניט פון דעם, וואָס מיר, ייִדן פון קרושניק און פון יונעוו און פון אַנדערע ייִדישע שטעטלעך, זײַנען אויסגעשטאַנען דערנאָכדעם פון די פּאָליאַקן, און דערנאָך פון פּאַניע, בעת ער האָט ארויסגעיאָגט פון דאָרטן דעם דײַטש און איז אַליין אַרײַן מיט ביידע פיס! און דאָס ווייסט איר דאָך, מן הסתם, אַז פּאַניע האָט שוין אַזאַ גליק, אַז ווו נאָר ער שטעלט אַרײַן אַ פוס, אַזוי מוז זײַן אַ פּאָגראָם!... נישט מחמת ער איז אַזאַ רשע, — חלילה! ער איז בעצם גאָר ניט אַזוי שלעכט, אונדזער פּאַניע, זאָל מאריך ימים ונשים זײַן, נאָר ער האָט שוין אַזאַ מזל, מ'שטיינס געזאָגט...

הכלל, ווי איר זעט, האָב איך אײַך צו דערציילן און צו דערציילן אַזוי פיל, אַז הלוואי מיר זאָלן כאָטש פאַרטיק ווערן ביז ניו־יאָרק!

אײַך, פּאַני שלום - עליכם, וועלן די דאָזיקע מעשיות מסתמא צוניץ־קומען. אַז מע דערציילט אײַך אַ מעשה, נעמט איר דערנאָכדעם און איר צעלייגט עס אויף צען טעלערלעך... ווי באַלד אַזוי, האָט־זשע מיר נאָר אַביסעלע געדולד און לייגט־צו קאָפּ איך וועל זיי אײַך דערציילן איינציק־ווײַז, אַ מעשה נאָך אַ מעשה. און אָנהייבן וועל איך פון מײַן עלטערן זון, פון מײַן יחיאלן, ווי אַזוי פּאַניע האָט אים גענומען אין דער מלחמה און האָט אים אוועקגעשטעלט שיסן, פשוט שיסן, איר פאַרשטייט צי ניין, פון אַ ביקס! האָט אים מײַן יחיאל געגעבן אַ שאָס, אַז ווען אַלע יונים

שיסן אַזוי, וואָלטן די קיסרים מיט אַלע זייערע גענעראַלן און פעלד־מאַרשאַלן געהאַט אַ שיין פּנים... נאָר איך זאָג, אַז איר זייט שוין, דאַכט מיר, מיד און איר האָט חשק אַביסעלע דורכצושפּאַצירן זיך איבערן שיף. שפּאַצירט, עס האָט צייט, ס'איז נאָך נישקשהדיק ווייט ביז צו ניו־יאָרק, מירן זיך נאָך געגוג אָנריידן!...

## .2

## יחיאל שיסט אַרויף.

— — — האָב איך אייך, הייסט עס, צוגעזאָגט, פּאַני שלום־עליכם, צו דערציילן קודם כל פון מיין עלטערן זון, פון מיין יחיאלן, ווי אַזוי פאָניע האָט אים גענומען אין דער מלחמה און האָט אים אוועקגעשטעלט גלייך מיט אַלע יונגים, ער זאָל שיסן. וואָלט איך אייך, אייגנטלעך, באַדאַרפט דערציילן, ווי אַזוי ס'איז נאָר אָנגעקומען צו מיין יחיאלן, אַז בכך הכל האָב איך אים פון פאָניעס הענט, איר פאַרשטייט צי ניין, לאַנג אַרויסגענומען. וויפל דאָס האָט מיך געקאָסט, וואָלט זיך עס איעדער עמי־גראַנט, אַט־אָ־דאָ אויף דעם שיף, געמעגט ווינטשן ער זאָל עס פאַרמאָגן איידער ער קומט קיין אַמעריקאַ, וואָלט אים אפשר אַזוי דער קאָפּ נישט ווי געטאָן, טאָמער האָט ער יסורים באַם אוועקשטעלן אַ פוס אויפן ברעג פונעם גאָלדענעם לאַנד... נאָר וואָס דען? אַזוי ווי איך בין אַ מענטש, איר פאַרשטייט צי ניין, וואָס כ'האָב פיינט מאריך זיין און האָב ליב נאָר צו דער זאַך, לכן גיי איך אַריבער גלייך צום ענין, ווי אַזוי מע האָט מיין יחיאלן גענומען צו דער אַפּאָלצעניע, אַריינגעשטעלט, ווי זאָגט איר, אין געוואַנט אַריין, געגעבן אַ ביקס אין דער האַנט אַריין און געזאָגט: „סטופּאַי, יחיאל!" — גיי, הייסט עס, ראַטעווע ניקאָ־לאַיען נעבעך פון דעם רשע, פונעם דייטש!...

איר הערט אייך נאָר צו מיט קאָפּ, איך בעט אייך, וואָס דאָ טוט זיך: אַז פאָניע נעמט און צעבוצקעט זיך מיט קירען איבער אַ שטיקל ערבישע מדינה, וואָס איז נישט ווערט קיין דריי גילן, און עס צינדט זיך אָן אַ פייער איבער דער גאַנצער וועלט, זאָל דער אייבערשטער שומר

ומציל זײַן, און אַליין קריכט ער אַרײַן אין בלאָטע ביז אַריבער די אויער, באַדאַרף מײַן יחיאל, איר פֿאַרשטייט צי נײן, אים גײן אַרויסשלעפּן פֿון דער בלאָטע — קאָן ניט צעזעצט ווערן די גאַל? נײן, זאָגט שוין איר אַליין, איר זײַט דאָך עפּעס אַ שלום־עליכם!

הײַנט גלאַט, יחיאל מײַנער אַ שיסער — ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן! די גאַנצע זאַך איז, וואָס עס ליגט ניט אין דער טבע בײַ מיר, ווי איך האָב אײַך געזאָגט שוין, באַרימערײַ... נאָר אַז איר זאָלט קומען אין אונדזערע מקומות, וואָס איך האָב אײַך אויסגערעכנט, אין אַ מענדרעוויץ, אַ יונעוו, אַ מאַזעלבאָזשעץ, אַ ראַכאָוו, אַ בילגערײַ, אָדער צו אונדז טאַקע קײן קרושניק אַליין, און אָנכאַפּן אַ מינדסט קינד און אַ פֿרעג טאָן אַף יאַנקל יונעוועדס קינדער, וועט איר שוין הערן וואָס מע וועט אײַך זאָגן! און איבערהויפּט — פֿון מײַן יחיאלן! דאָס איז געווען, ווי זאָגט איר, שוין איין מאָל אַ יחיאל! איר קאָנט פֿאַרשטיין, וואָס דאָס איז געווען פֿאַר אַ פֿאַרשוין, אַז קירע־דײַטש איז אַרײַנגעקומען צו אונדז קײן קרושניק, און מיר זײַנען געקומען אַ גאַנצע דעפּוטאַציע, איך און מײַן יחיאל און דער רב און דער קאַזשאָנע רב, דער ראַבינער הייסט דאָס, און די איבעריקע שבעה טובי עיר צום קאָמענדאַנט, און דער קאָמענדאַנט האָט געגעבן אַ רייד אַרײַן מיט אונדז מכּח קאָנטריבוציע, און מײַן יחיאל איז אַרויס מיט לשון אַף ריין דײַטש: „אדוני קעניג, כך וכך...” — האָט דער דײַטש באַקומען שיער אַ מיתה משונה און האָט אַ זאָג געגעבן: „ייִדיש! שפּרעכן זיי ייִדיש!”...

מיינט איר דאָך, אַז נאָר דײַטש? פֿראַנצויז איז פֿראַנצויז, ענגליש איז ענגליש, — און אַליין, אַלצדינג פֿון זיך אַליין! פּויליש שמועסט מען ניט, אַז דאָס האָט גערעדט פּויליש ווי אַ געבוירענער פּאָליאַק; נאָר אַפֿילו רוסיש האָט דאָס אויך געקענט. פֿון וואַנען? זאָל מיך אַזוי ווײַזן בײַז מיט אײַך אינאיינעם! אַז בסך הכּל רעדט מען גאָר ניט בײַ אונדז אַף יוניש. פֿאַרוואָס? אַזוי: מע האָט פֿײַנט פּאָניען און מע האָט ניט ליב זײַן לשון. מיינט איר, אַז נאָר מיר, קושניקער ייִדן? פּליאַקע מיט די וואָנצעס האָט אים נאָך טויזנט מאָל מער פֿײַנט! דאָס איז נאָר איצטער איז מען געוואָרן „מאָיע קאָכאַנע”, אָדער „קוצעניר־מוצעניו”, ווי מע זאָגט בײַ אונדז, ווײַל דער אדון הגדול האָט זיי צוגעזאָגט הרים וגבעות, גאָלדענע בערג, מיט אווטענאָמיע, מיט אַלע גוטע זאַכן. איז געבן וועט

מען דאָך זיי, אם ירצה השם, א ריינע קדחת מיט א פרישער פּיין אַף צו פאַרבײַסן — פּאָניע וויים וואָס ער האָט צו טאָן...

נאָר איך האָב שיר פאַרגעסן, אַז מיר האַלטן נאָך גאָר פון פאַרנט, בא דער ערשטער מאָבעליזאַציע הייסט עס. גיים זײַט א נביא, אַז פּאָניע וועט שיקן זאָגן צו ווילהעלמען: „זאַטשעם טי מעניע רוגאַל״, און טאַקע מניה וביה געבן א רוף אַלע ראַטניקעס, און מײַן יחיאלן בתוכם, אַז „וודוואַדצעט טשעטירע טשאַסאַ״, איר פאַרשטייט צי ניין!... האָט דאָך מײַנע, תוך כדי דבור, גענומען חלשן און מאַכט צו מיר: „יאַנקל, איך וועל דאָס ניט איבערטראָגן! יאַנקל, איך בין פאַרבײַ! יאַנקל, איך שטאַרב!...״

וואָס־זשע, מיינט איר, האָב איך דערויף געענטפערט? „נאַרעשע, האָב איך איר געזאָגט, דו זינדיקסט, דאָס איז נאָך, זאָג איך, גאָרניט־שבגאָרניש אַקעגן דעם, וואָס קאָן זײַן, וואָרעם בא גאָט, זאָג איך, איז דאָך אַזוי פיל, אַז א מענטשנס מח איז גאָר נישט אימשטאַנד צו כאַפּן עס מיטן שכל״... עפּעס טאַקע נאָר ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז אונדזערע צרות הייבן זיך ערשט אָן... נאָר, ווי זאָגט איר: א ייִדענע בלײַבט א ייִדענע. אַז זי וויל גאָר נישט הערן פון קיין זאַך: סטײַטש און סטײַטש און טאַקע נאָך אַמאָל סטײַטש! — איר יחיאל, איר פאַרשטייט צי ניין!...

און אַז מע וויל שמועסן דאָס אייגענע צוריק, איז זי אפשר גאָרניט אַזוי אומגערעכט געווען אויך, איך מיין מײַן ווײַב, מיין איך. וואָרעם פאַר וועמען, איך בעט אײַך, זאָל טאַקע יאַנקל יונעווערס זון גיין שלאָגן זיך מיט זײַנע אייגענע ברידער פון קראָקע מיט לעמבעריג? פאַר פּאָניען? וואָס מאַכט אַף אים פּאָגראָמען? צי פאַר פּליאַקען, וואָס מאַכט אַף אים באָיקאָטן? איז איין מאָל אַוועק. והשנית, איז דאָך עס ניט אבי ווער. דאָס איז דאָך עפּעס יחיאל! א יונגערמאַן, איר פאַרשטייט צי ניין, מיט מחשבות! א מענטש מיט אייגענע געדאַנקען! א זאַך וואָס אים האָט אויסגעוויזן, אַז ס'איז קרום, האָבן געמעגט קומען כל מלכי מזרח ומעריב און זאָגן ס'איז גלײַך, וואָלט ניט געהאָלפן.

ניט מחמת עקשנות. אַן עקשן — דאָס א חוץ. עקשנים זײַנען מיר אַלע קרושניקער און אַלע יונעווער. מיר האָבן א שם פאַר אײַנגעשפּאַרטע.

און איך אַליין, ווי איר זעט מיך אָן, בין אויך בטבע אַ ייִד, וואָס לאָזט זיך נישט בייגן.

אָט נעמט, למשל, אָט־דאָ אפֿן שיף, זאָגן אַלע ייִדן, אַז מירן קומען קיין ניו־יאָרק, אם ירצה השם, איבער אַכטאָג מאָנטיק, און איך זאָג אײַך, אַז מירן ניט קומען ניט איבעראַכטאָג מאָנטיק, ניט דינסטיק און ניט מיטוואָך; הלוואַי מיר זאָלן קומען איבעראַכטאָג דאָנערשטיק. כאָטש שנײַדט מיך, כאָטש בראָקט מיך — אָט אַזאַ מענטש בין איך! אַ סימן האָט איר: אַ ז מ י ר ו ו ע ל ן ל ע ב ן , ו ו ע ל ן מ י ר ז ע ן.

בקיצור, מע האָט אַ רוף געגעבן מײַן יחיאלן צו דער אַפּאָלצעניע, און אַז פֿאָניע רופֿט, קאָן מען, ווי זאָגט איר, קיין חזיר נישט זײַן און מע מוז גיין — וואָס מיר ווײַב? ווער מיר קינד? (ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ ווײַב מיט דרײַ קינדערלעך). און ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט אונדז, מײַן יחיאל הייסט עס, און מײַנע, בעת מעשה, האָט, ברוך השם, געהלשט דרײַ מאָל, און דרײַ מאָל האָבן מיר זי אָפּגעמינטערט, און וואָס טויג אײַך גרויס, מע האָט מײַן יחיאלן, טאַקע אין קרושניק, געגעבן אַ נעם צו דער אַרבעט. גלײַך מיט אַלע יונגים, גאָרניש אַף קאַטאָוועסן, און מע האָט אים אָנגעהויבן, ראשית חכמה, לערנען שיסן. שיסן פֿון אַ ביקס. פּשוט, ווי מע שיסט, למשל, ווילדע קאַטשקעס: „ראַז, דוואַ, טרי — פּלי!" און שוין.

און מיר זײַנען אַ בעלן געווען, קרושניקער בעלי־בתים, גיין אַרויס דער שטאָט זען, ווי מע לערנט זיי שיסן, די ראַטניקעס הייסט עס, — זאָג איך אײַך, הערט איר, אַז ס'איז חוזק מיט חוזק! און גאָרנישט אַזוי שווער אויך, און שכלדיק אַוודאַי ניט. אויך מיר אַ תורה — שיסן! מע נעמט און מע טוט אַ שאָס, שיסט עס. איז אָבער ניט פֿון דעם ריידן מיר. לאָזן זיי זיך שיסן, לאָזן זיי זיך הענגען, לאָזן זיי זיך טרינקען — וואָס האָט איר צו מײַן יחיאלן, אַז ער זאָל אײַך גיין העלפֿן שיסן? אַז סך־הכל, איר פֿאַרשטייט צי ניין, האָט ער אַף זײַן לעבן, ווי זאָגט איר, קיין פֿליג אַף דער וואַנט ניט אָנגערירט. אַן עוף אַ געקוילעטס פֿונעם שוחט, אַז מע האָט געבראַכט, האָט ער נישט געקאָנט צו־זען. אַ פֿינגער אַז עמעצער האָט זיך צעקאַליעטשעט, האָט ער געקאָנט פֿאַלן חלשות. נעמט מען אַזאַ מענטשן און מע שנעלט אים אַוועק דערנאָכדעם סאָמע

אקעגן פֿײַער און מע הייסט אים, ער זאָל שיסן! און אוועקגעשטעלט האָט מען אים אַקוראַט אויף דער גרענעץ צווישן קרושניק און צווישן יונעוו, דאָרטן וווּ דער דײַטש איז שוין געשטאַנען גרייט אויף אַרײַנצוגיין, און נאָר געוואַרט ביז מײַן יחיאל וועט זיי ווײַזן וואָס ער קאָן... האָט זיך אָבער מיישב געווען מײַן יחיאל, — וועט איר הערן אַ שיינס — אַז ס'איז געקומען צו דער רעכטער אַרבעט: ראַז, דוואַ טרי — פּלי! — האָט ער אויפגעהויבן די ביקס אַרויף און גענומען שיסן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, איר פֿאַרשטייט צי ניין, אין ערגעץ ניט און קיינעם ניט, נאָר גלאַט אַזוי, צו גאָט הייסט עס...

האָט דער זוואָדנע דערזען, אַז אַלע שיסן אַהין וווּ מע דאַרף, נאָר איין יון שיסט אַרויף, איז אים מסתמא געוואָרן די מעשה קשהדיק. לויפֿט ער צו און טוט אַ קוק — ס'איז מײַן יחיאל!

האָט זיך אין אים אָנגעצונדן דער גזלן און ער איז געוואָרן מלא רציחה — עשו. לויפֿט ער צו צו מײַן יחיאלן און צעשרײַט זיך: „קאַק טיעביע!" און „פּשאַ קרעוו!" און „זשידאָווסקע מאָרדע!" און נאָך אַזעלכע שיינע כבודים, ווי פּאַניע קאָן! — „ווּהין שיסטו? אין הימל אַרײַן?..."

שרעקט זיך מײַן יחיאל פֿאַר אים ניט שטאַרק איבער און טוט זיך זײַן זאַך — ער שיסט אַרויף.

ווערט דאָך עשו נאָך מער גזלן און צעשרײַט זיך אויף אים ווידער אַ מאָל מיטן אייגענעם „קאַק טיעביע", און „פּשאַ קרעוו", און „זשידאָווסקע מאָרדע". — „אַהין! אַהין זאָלסטו שיסן, וווּ אַלע שיסן!" — און ער באַווײַזט אים מיט די הענט, ווּהין ער זאָל שיסן. שרעקט זיך מײַן יחיאל ווידער ניט איבער פֿאַר אים און מאַכט צו אים גאַנץ געלאַסן:

— אַהין? דאָרט זײַנען דאָך מענטשן! — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווילט איר דאָך וויסן מסתמא דעם סוף פֿון דער מעשה? אַזאַ סוף אויף אַלע שונאי ישראל!...

תחילת איז ער אַפֿילו געוואָרן, עשו הייסט עס, אַביסל ווי מטושטש און אַפּהענטיק. וואָרעם אַז מע וויל שמועסן דאָס אייגענע על־פּי יושר, דאָס הייסט, אין תוך אַרײַן גערעדט, איז דאָך עס טאַקע אַ שרעקלעכע

זאך: נעמען אויף לעבעדיקע מענטשן און שיסן, ווי מע שיסט אַף פייגלען, אָדער אַף ווילדע חיות. יעדער איינציקער האָט דאָך מסתמא אין דער היים א טאַטן, אָדער א מאַמען, אָדער א ווייַב און קינד, איר פאַרשטייט צי ניין! און גלאַט, וואָס איז דאָס פאַר אַן עובדה — מענטשן זאָלן זיך שיסן איינס דאָס אַנדערע?!... — נאָר צוריק אָבער — מילחמה! דינא דמלכותא! און אַזאַ זאַך ווייסט איר מיט וואָס עס שמעקט? מורד במלכות — איז אחת דתו להמית: קאַרא שמערטש! דערפאַר קומט הענ־גען, שיסן, גנאַטעווען, פערטלען — א קלייניקייט? מורד במלכות!

איז דאָך אָבער פאַראַן, ווי זאָגט איר, א גרויסער גאָט אַף דער וועלט. וואָס טוט גאָט ברוך הוא? וועט איר הערן א שיינס. באַדאַרף זיך טרעפן אַזוי, אַז אַקוראַט יענעם טאָג, אין יענער שעה, אויסגערעכנט פונקט ווי א זייגער, נעמען די דייַטשן און מאַרשירן אַרייַן צו אונדז אין גרויס־פּוילן גאָר פון אַן אַנדער זייַט. האָט פּאָניע נעבעך אוועקגע־וואָרפן הכל־בכל־מכל־פּלעקל, האָט גענומען מאַכן פּיס — על חטא שחטאנו לפניך בריצת רגלים — ווי זאָגט איר, קיין צייַט געהאַט אַרומ־קוקן זיך צוריק אפילו! און דאָס האָט דאָך געטאָן טאַקע אונדזער ייִדי־שער גאָט צוליב מייַן יחיאלן טאַקע! ס'איז אים באַשערט געווען, אַפּנים, דערנאָך אַרייַנצופאַלן צו די דייַטשן אין די הענט אַרייַן... נאָר שאַ! מיר דאַכט, אַז מע בלאָזט שוין א תקיעה גדולה. דאָס גיט מען אונדז צו וויסן, אַז ס'איז צייַט גיין א טראַכט טאָן מכח אכילה.

איך ווייס נישט, ווי אַזוי איר אין אייַערע קאַיוטן — מיר, פּאַסאַ־זשירן פון דריטן קלאַס, זייַנען זיך נוהג, איר פאַרשטייט צי ניין, מיר עסן אַלע טאָג, צוויי מאָל, דרייַ מאָל א טאָג. איך גיי נישט אַרייַן אין הקירות, וואָס מ י ר עסן און וואָס א י ר עסט, און איך פרעג אייַך נישט פון וואָסער א שחיטה איר עסט דאָרטן אין ערשטן קלאַס און צי פאַרזוכט איר ניט אַמאָל פון דעם, וואָס סע קוויטשעט — איך בין נישט גאָטס סטראַפּטשע. מיר, פּאַסאַזשירן פון דריטן קלאַס, באַגנו־גענען זיך מיט א כשרע פּרי, וואָס מע מאַכט אַף איר בורא פּרי אדמה. פון אַמעריקאַ, זאָגט מען, שטאַמט זי, די דאָזיקע פּרי, און הייסט דאָרט מיט א מאָדנעם נאָמען: „פּעטייטעס”. באַדאַרף מען, הייסט עס, גיין, ווי זאָגט איר, איבערכאַפּן דעם הונגער, און דערנאָך וועלן מיר קאָנען זיך אוועקזעצן נאָכאַמאָל אָט־אָ־דאָ, אַפּן צווישנדעק, און דערציילן זיך ווייַ־

טער אונדזערע מעשיות פון טויזנט איין נאכט, נסים ונפלאות, יציאת מצרים, א מעשה נאך א מעשה, און אלצדינג בקיצור, מחמת איך האב פיינט לאנגע מעשיות. א מעשה, וואס זי איז קירצער, איז זי שענער. און דערווייל וועלן מיר אייך ווינטשעווען א גוטן אפעטיט, אדער, ווי מע זאגט בא אונדז אינדערהיים: ברוכים היושבים, קומט עסן, עסט געזונט...

## 3.

# יחיאל א משבון.

— — — האבן מיר, הייסט עס, פאני שלום־עליכם, זיך אביסל, ווי זאגט איר, אונטערגעפיטערט. אצינד זעצט זיך אקארשט אוועק, זייט מוחל, ווידער אמאל אט־א־דא, צווישנדעק, וועלן מיר זיך דערציילן ווייטער אונדזערע מעשיות פון טויזנט איין נאכט, א מעשה נאך א מעשה, און נישט געכאפט, און בקיצור, נאר דעם תמצית פון יעדער מעשה, אזוי ווי איר האט ליב.

איז אף וואס, אייגנטלעך, האבן מיר זיך געהאט אפגעשטעלט? יא, אפן ערשטן שאס, ווי אזוי מיין יחיאל, הייסט עס, האט ניט געוואלט צוליב טאן פאניען און איידער עס זאל שיסן אף מענטשן האט ער בעסער געשאסן ארויף, אין הימל אריין, צו גאט הייסט עס. איז אים דערפאר געקומען קרימינאל, ארבע מיתות בית־דין, א קלייניקייט — מורד במלכות! האבן מיר דאך א שטארקן גאט; וואס טוט דער אייבערשטער? באווייזט ער א נס און עס קומט אריין צו אונדז קיין פוילן אקוראט אין יענעם טאג, איר פארשטייט צי ניין, דער דייטש בכבודו ובעצמו, נאר ווי אזוי, מיינט איר, איז ער אריינגעקומען? בתופים ובמחולות — מיט מוזיק און מיט געזאנג, האט זיך צעלייגט ווי באם טאטן אין ווייגגארטן און געווארן בעל־הבית, גלייך ווי קרושניק און יונעוו און לובלין און גאנץ גרויס־פוילן איז זיין טאטנס ירושה פון קדמונים.

האט דאס אונדז, קרושניקער בעלי־בתים, פון דער לכתחילה א ביסעלע פארדראסן: ממה נפשך, גאט ברוך הוא האט דיר געגעבן א שטי־

קעלע הצלחה, ביסט אַרײַן — מהכתיתי, לאָז זײַן, ווי זאָגט איר, אין אַ גוטער שעה; נעם, זעץ זיך אַנידער און שרײַב אַוועק צו דײַן מלך אַ בריוול: „הנה זיי וויסן, אדוני קיניג, אַזוי און אַזוי — אַז איך בין אַרײַן אין גרויס־פּוילן, און מהיום והלאה איז דאָס קרושניק, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו ניקאָלאַיען, געהער עם הײַנט צו דיר מיטן גאַנצן מאַרק, מיט די געוועלבן, מיטן קאָשטשאָל, מיט, להבדיל, די ייִדישע בתי־מדרשים, און מיטן אַלטן און מיטן נײַעם בית־עולם" — און שוין! צו וואָס נאָך דאָס זינגען מיטן טאַנצן מיטן גאַנצן טאַרעראַם?

נאָר, ווידער צוריק שמועסנדיק, איך זאָל אײַך גיין דערציילן התנצלות, אַז פּאַר אונדז, קרושניקער ייִדן, איז יענער טאָג געווען תשעה באָב — וועט דאָס אויך זײַן ניט קיין אמת. ניין, קרושניק האָט זיך ניט אוועקגעזעצט וויינען, איר פאַרשטייט צי ניין, האָט אפילו קיין קרעכץ נישט געגעבן דערויף, למאַי זאָל איך ליגן זאָגן? וואָרעם וואָס איז דאָ דער געוויין? אַף דעם, וואָס פּאַניע וועט האָבן חלילה ווינציקער מיט אַ שטאָט, צי אפילו מיט אַ גובערניע? ער האָט זיי געגונג! צי איך זאָל אײַך זאָגן, מיר האָבן זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך אַ פּאָגראָם? איז אויך ניט אַזוי די מעשה, וואָרעם אַז מיר וועלן זוכה זײַן באַ גאָט, קאָנען מיר עס האָרכן, ניט דערלעבן זאָל ער עס, פון דער ווײַטן...

בלײַבט איבער נאָר איין זאַך: די שפּראַך, דאָס „רשעות"; מיר וועלן דאַרפן, הייסט עס, צולערנען זיך אַ ביסל דײַטש און חלילה פאַרגעסן דאָס גאַנצע ביסל „רשעות"; איז דאָס אפשר טאַקע אַ שטיקל עוולה, נאָר איך האָב מורא, אַז דאָס דײַטשע לשון איז אַביסל נענטער צו אונדז פון־נעם רוסישן „קאַק טיעביע" און מיטן רוסישן „זשידאָווסקע מאָרדע". און אויב איר ווילט, וועל איך אײַך אײַנרוימען אַ סוד אָפן אויער, וואָס איך האָב עס אַליין געהערט פון מײַן יחיאלן, אַז בסך הכל איז קיין רו־סישע שפּראַך, איר פאַרשטייט צי ניין, גאָרנישט בנמצא. נישטאָ קיין רו־סיש לשון אַף דער וועלט — אויס רשעות, וואָרעם פּאַניע האָט אַלע זײַנע ווערטער במחילה אוועקגעלקחנט באַ פּרעמדע, אַביסל באַ אונדז און אַביסל באַ אַנדערע. און בכדי מע זאָל ניט דערקענען, האָט ער זיי איבערגעאַנדערשט און צוגעפּוצט אַף זײַן שטייגער. למשל: „סאַבאָטע" — דאָס האָט גלײַך אוועקגעגנבעט באַ אונדז פון „שבת", „פּאַסקאַ" — פון „פּסח", „לונאַ" — פון „לבנה", „רובל" — פון „ריבל", „קאָפּייקאַ"

— פֿון „קאַפּיסע“, „גראַשי“ — פֿון „גראַשן“, „סטאַראַזש“ — פֿון „סטרוזש“, „וואָדקאַ“ — פֿון „בראַנפֿן“, און אַזוי ווײַטער...

הקיצור, ער איז אַרײַן, דער דײַטש הייסט עס, אין גרויס־פּוילן — גאָט ליב אײַך מיט אײַער גאַסט! באַדאַרף מען אים אויפֿנעמען, ווי געוויינטלעך, אַ גאַסט, אַ נײַעם מלכות, מיט ברויט און מיט זאַלץ, אַזוי ווי גאָט האָט געגעבן.

די ערשטע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים מיט אַ ברוך הבא, געוויינטלעך, די פּוילן. פּליאַקעס האָט אויסגעגלעט די וואָנצעס, זיך אויסגעצויגן אין דער לענג, און טאַקע תוך כדי דבור אָנגעבויגן זיך נידעריק צו דער ערד: „פּראָשען פּאַנאַ! פּאַדאַם דאָ נאָג! צעלאַיען רענקי!“ — ווי פּליאַקעס קאָן. זאָלן מיר שווײַגן? איז געבליבן, אַז באַלד נאָך זיי, נאָך די פּוילן הייסט עס, זאָלן מיר, קרושניקער ייִדן, אויך אַרויסקומען מיט אַנדזער קבלת פּנים, פֿרעגט זיך: מי ומי החולכים? — ווער זאָל גיין אויפֿנעמען אַזאַ געהויבענעם גאַסט? פֿאַרשטייט זיך, די פּני, די שבעה טובי העיר, די פֿאַרנעמסטע בעלי־בתּים פֿון שטאָט, און איך, יאַנקל יונגעווער, און מײַן זון יחיאל בתוכם.

צו וואָס עפּעס מײַן יחיאל? צוליב דער שפּראַך. טאָמער וועט מען דאַרפֿן, איר פֿאַרשטייט צי ניין, אַרויס מיט לשון, איז נישטאָ קיינער אינדערהיים, אחוץ מײַן יחיאל...

האָבן מיר זיך, הייסט עס, צענויפֿגענומען און אַוועק מיט ברויט און מיט זאַלץ. אָנגעטאָן זײַנען מיר אַלע געווען יום־טובדיק, פֿײַן, מיט צילינדערס, מעשה דעפּוטאַציע, און גוט געציטערט: אַ נײַער מלכות, איר פֿאַרשטייט צי ניין, ווער ווייס, ווי אַזוי ער וועט אונדז אויפֿנעמען?

און כך הווה: ווי נאָר מיר זײַנען צו אים אַרײַנגעקומען, צום קאָמענדאַנט הייסט עס, אַזוי האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ סדרה: קאָנטריבוציע.

דאָס הייסט, למאי זאָל איך זאָגן אַ ליגן, אַז איך קאָן זאָגן אַן אמת? אָנגעהויבן האָט ער, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, ניט פֿון קאָנטריבוציע — קאָנטריבוציע איז געווען נאָכדעם — פֿון קאָזאַקן האָט ער גאָר אָנגעהויבן. מיר זאָלן אים זאָגן, הייסט עס, ווו געפֿינען זיך דאָ ערגעץ די רוסישע קאָזאַקן? און איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל — קאָזאַקן זאָל מען אים געבן, און קאָזאַקן און קאָזאַקן! און קוקן קוקט ער אויף אונדז בעת

מעשה מיט אזעלכע אויגן, גלײַך ווי יעדער פון אונדז האָט בײַ זיך אין קעשענע באַהאַלטן כאָטש אַ האַלב טוץ קאָזאַקן.

שווערן מיר אים מן הסתם מיט כל השבועות, ווי מיר האָבן הײַנט יום גימל אויף דער גאַנצער וועלט, אַז ס'איז נישטאָ בײַ אונדז קיין קאָזאַקן, איר זאָלט זאָגן אַפילו איין קאָזאַק אויף אַ רפואה! דער אייבערשטער, זאָגן מיר, האָט אונדז אויסגעהיט פון אָט דעם אַנטיק, הלוואי ווײַטער...

אַהין — אַהער, ער האָט אַרויסגעזען, דער דײַטש הייסט עס, אַז ער וועט מיט אונדז גאָר נישט מאַכן, רופט ער זיך אָן צו אונדז: „געדענקט־זשע, זאָגט ער, טאָמער געפינט זיך בײַ אײַך ערגעץ באַהאַלטן אַ קאָזאַק, אָדער טאָמער שיסט מען עמעצן פון אַ פענצטער"... „שיסן, זאָגן מיר, פון אַ פענצטער? בײַ אונדז אין קרושניק? ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן, כלעבן! וואָלטן מיר שוין אַזוי ריין געווען, זאָגן מיר, פון מילחמות און פון דײַטשן און פון צרות און פון שלעק!"

הערט ער אונדז אויס, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, און רופט זיך אָן צו אונדז: „געדענקט־זשע, זאָגט ער, די קאָזאַקן וועלן אײַך קאָסטן טײַער! פאַר יעדן קאָזאַק, זאָגט ער, וועט איר מיר באַצאָלן מיט צען ייִדן (איר הערט ווערטער?), און אַצינד, זאָגט ער, קינדערלעך, קאָנטריבוציע!"...

איז אונדז געוואָרן רעכט קאַלעמוטנע אויפן האַרצן! נאָך אַ מאָל: פאַר וואָס זאָלן מיר צאָלן קאָנטריבוציע? קאָנטריבוציע איז שײַך צו אַ מלוכה. אַ מלוכה האָט געפירט אַ מילחמה און האָט פאַרשפּילט די מילחמה, באַדאַרף זי צאָלן קאָנטריבוציע. איז אַז מע וויל אין תוך אַרײַן, איז עס אויך ניט אינגאַנצן על פּי יושר: לאָ די איך האָב פאַרשפּילט, געהאַט אַ מפּלה הייסט עס, באַדאַרף איך נאָך, איר פאַרשטייט צי ניין, צאָלן קאָנטריבוציע! מילא, בין איך אײַך מוחל — איז ניט על־פּי יושר; אָבער וואָס געהער זיך עס אָן מיט אונדז, קרושניקער ייִדן? ניט מיר האָבן געפירט מילחמה, ניט מיר האָבן זי פאַרשפּילט. מיר ווייסן נאָר, אַז מיר זײַנען אויף גרויסע צרות: פּאַניע פון איין זײַט, פליאַקעס פון דער אַנדערער זײַט — וואָס די צוויי ווינטשן זיך איינס דאָס אַנדערע מעג עס זיי ביידן מקוים ווערן... דערווײַל זײַנען מיר אין מיטן, גרייט כאַפּן קלעפּ פון ביידע צדדים — איז קאַרג? דאַרפן מיר נאָך אַ דריטן, אַ דײַטש אויף זיך, וואָס הייסט זיך באַצאָלן מיט קאָנטריבוציע! מי יודע וואָס פאַר אַ

קאָנטריבוציע דער דײַטש קאָן זיך הייסן אָנמעסטן? ווי װעלן מיר עס נעמען?

מאַכן מיר זיך געפּגרט, גלײַך ווי מיר פאַרשטייען גאָר ניט אפילו די טײַטש פונעם וואָרט „קאָנטריבוציע", און מיר ווייסן גאָר ניט מיט וואָס מע עסט עס. פוילט ער זיך ניט, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, און זאָגט אונדז נאָך אַמאָל דאָס אייגענע און באַווײַזט אונדז שוין מיט די פינגער, ווי זאָגט איר, „פּעטי־מעטי" — „געלט, זאָגט ער, געלט מיין איך!" „געלט? — זאָגן מיר. — ווי קומט צו אונדז געלט? אַ שטאָט פון קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים!"... מאַכט ער זיך אויך געפּגרט, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, און רופט זיך אָן תמעוואַטע: „אירט מוחל זײַן, זאָגט ער, צען טויזנט באַרעס, במזומנים הייסט עס; דאָס איז, זאָגט ער, נומער איינס. און ברויט מיט פלייש פאַר די סאָלדאַטן איז צוויי. און דאָס דריטע: היי און האָבער פאַר די פערד, ווי זאָגט איר, מספוא לגמלים, און פינף שעה צײַט גיב איך אײַך, זאָגט ער, אַף צו באַטראַכטן זיך". און ער באַווײַזט אונדז אַף די פינגער: „פינף שטונדן!" און טוט אַ ווונק צו דער טיר, הייסט אונדז גיין.

קאָן מען, ווי זאָגט איר, אַזוי גראָב ניט זײַן און מע מוז גיין. הייבן מיר זיך אויף און ווילן אָנהייבן גיין. מאַכט ער צו אונדז, דער קאָמענדאַנט הייסט עס: „גיין וועט איר גיין, נאָר ניט אַלע, זאָגט ער; דרײַ פון אײַך לאָז איך איבער, זאָגט ער, בא מיר פאַר אַ משכון, בכדי איך זאָל זײַן, זאָגט ער, זיכער מיט אײַער קאָנטריבוציע".

און ער נעמט, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, און לאָזט איבער בא זיך דעם רב און דעם קאַזשאָנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, איז צוויי, און מײַן יחיאלן אַ דריטן, איר פאַרשטייט צי נײן, און מיר גייען שוין אַהיים אָן דעם רב און אָן דעם קאַזשאָנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, און אָן מײַן יחיאלן.

איך גיי און די ערד וויגט זיך אונטער מיר: וואָס פאַר אַ תירוץ וועל איך, אַשטײגער, זאָגן פאַר מײַן ווײַב, אַז זי וועט מיך פרעגן, וווּ איז איר זון? און וואָס וועל איך זאָגן צו מײַן שנור, אַז זי וועט מיך פרעגן, וווּ איז איר מאַן? אַף וועלכע גוטע יאָר האָב איך גאָר אינגאַנצן באַדאַרפט מיטשלעפּן אין דער דעפּוטאַציע מײַן יחיאלן, פאַרוויסט און פאַרפינצטערט בין איך געוואָרן, אַז ער זאָל אַרײַן אין געפענקעניש פאַר

א משכון?! מײַן יחיאל א משכון?!!... און וואָס הייסט, אייגנטלעך, א משכון? איך צעפֿרעג מיך בא מײַנע קרושניקער בעלי־בתים — זײ ווייסן מער פֿון א טויטן! פֿויל איך מיך ניט און טו א לויף אוועק צוריק צום פּריץ, צום קאָמענדאַנט הייסט עס: „אַזוי און אַזוי, אדוני קיניג, וואָס הייסט א משכון? וואָס איז דער פּשט דערפֿון?" צעלאַכט ער זיך, דער דײַטש, און מאַכט צו מיר: „א משכון הייסט, אַז טאָמער ברענגט איר מיר ניט צו דער צײַט די קאָנטריבוציע, ווערן זײ געשאָסן".

איז ווי ער האָט דאָס מיר אויסגערעדט, אַזוי איז מיר געוואָרן, איר פֿאַרשטייט צי ניין, קאַלט אין אַלע אברים און פֿינצטער אין די אויגן, און איך נעם און טו א פֿאַל־צו צו אים צו די פֿיס: „לאָז ארויס, זאָג איך, מײַן זון, און נעם, זאָג איך, בעסער מיך, זאָג איך, פֿאַר א משכון!"... צעלאַכט ער זיך ווידער אַמאָל: „ניין, זאָגט ער, דיך דאַרף איך ניט, איך דאַרף דײַן זון"... איר הערט? ער דאַרף מײַן זון!!... מײַן זון באַדאַרף ער האָבן!!!...

שוין! מע בלאָזט שוין ווידער שופֿר... דאָס רופֿט מען אײַך מסתמא צו א גלעזל טײ, און ס'איז שוין טאָקע צײַט אײַך דורכצושווענקען דעם האַלדז, כאָטש ריידן האָב איך גערעדט די גאַנצע צײַט, ניט איר. גייט־זשע, פּאַני שלום־עליכם, טרינקט אײַך אויס אײַער גלעזל טײ, איר פֿאַרשטייט צי ניין, און קומט באַלד צוריק, וועל איך אײַך דערציילן ווײַטער, ווי אַזוי מיר, קרושניקער ייִדן הייסט עס, האָבן געצאָלט דעם דײַטש קאָנטריבוציע. דאָס איז זיך א גאַנץ באַזונדערע מעשה פֿאַר זיך, מיט א מוסר־השכל, וואָס איז כדאַי איר זאָלט זי אויסהערן מיט קאָפּ. אַף ווידערזען.

## .4

## קאָנטריבוציע.

— — — איז ווו האַלטן מיר, הייסט עס? — בא דער קאָנטריבוציע. צען טויזנט קאָנטריבוציע הייסט ער זיך באַצאָלן, דער דײַטש, קלאַפּ און צייל, במזומנים הייסט עס, און חוץ לזה ברויט מיט פֿלייש פֿאַר די סאָל־

דאטן, און היי און האָבער פאַר די פערד, און פינף שעה צײַט גיט ער אונדז אַף צו באַטראַכטן זיך, און פאַר אַ באַוואָרעניש האָט ער גענומען באַ אונדז אַ משכון — דעם רב און דעם קאַזשאָנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, און מײַן יחיאלן אַ דריטן, דאָס הייסט, איר פאַרשטייט צי ניין, קוים וועט אויסגיין די פינף שעה און מיר וועלן אים נישט צושטעלן אַלצדינג, וואָס ער פאָדערט, איז פאַרפאַלן — ווערן זיי געשאָסן!

קאָנט איר שוין פאַרשטיין, פאַני שלום־עליכם, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן דערנאָך באַ אונדז אין קרושניק? און וואָס באַ מיר אין שטוב איז געוואָרן — וויל איך שוין גאָרניט ריידן! חושך! חושך ואפילה!!... מען איז גלײַך אַוועק צו אַלע ייִדן אין די בתי־מדרשים און מע האָט זיך גענעבן אַ נעם צום תהלים, גוזר תענית געווען אויך, ווי זאָגט איר, אונדזערע אַלטע מיטלען. די געוויינען מיט די געשרייען האָבן דערגרייכט עד לב השמים — ביזן זיבעטן הימל אַרײַן! גוואַלד, ייִדישע קינדער, גיט עפּעס אַן עצה, געפינט עפּעס אַן אויסוועג, וואָס טוט מען? אַזאַ גזירה!... מילא, ברויט און פלייש פאַר די סאָלדאַטן און היי און האָבער פאַר די פערד — וואָס זאָל מען טאָן? עלעהיי, לאָז זיך אונדז דאַכטן, פּאָגיע האָט זיך אַרײַנגעריסן, קאָזאַקן זײַנען באַפאַלן, אָדער גלאַט חלילה אַ פּאָגראָם — וואָלט געוועזן בעסער? נאָר ווּ וועלן מיר נעמען דאָס ביסל מזומנים? די עשרת אלפים? צען טויזנט רובל, איר פאַרשטייט צי ניין! ס'איז אַקוראַט ווי מע זאָל אונדז זאָגן, אַשטייגער, צען טויזנט מיליאָן! נאָר ס'איז עפּעס אַ תירוץ? אַ גזירה! און נאָך מיט אַ משכון אויך! אַזאַ משכון! לעבעדיקע נפשות! צוויי רבנים און מײַן יחיאל אַ דריטער! נו, ווי מיינט איר, וועלן מיר שווײַגן? נאָר וואָס וועט אונדז העלפן, אַז מירן שרײַען? און דערווײַל די צײַט שטייט נישט. אָט־אָט, אָקערשט ווי מע קוקט זיך אַרום, איר פאַרשטייט צי ניין, לויפן איבער די עטלעכע שעה און פאַרפאַלן! וואָס וועט זײַן מיטן משכון? מיט די לע־בעדיקע נפשות??

פאַלט איינער אַף אַן עצה, וועט איר הערן, און דווקא אַ ייִד אַ פײַנער בעל־הבית, חזקאל מנוחהס רופט מען אים. ער איז מנוחהס אַ מאַן און מײַנער אַ מחותן. מאַלט אײַך, ער וואָלט לאַנג געמעגט וואַרטן ביז איך וואָלט מיט אים שליסן מחותנעשאַפט, נאָר ס'איז דרינען אַ גאַנצע מעשה, וואָס איך וועל אײַך דערציילן, אם ירצה השם, אַן אַנדערש מאָל.

איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב פֿײַנט מישן אײן מעשה מיט דער אַנדערער און האָב ליב, ווי זאָגט איר, אַ וואָרט און צוויי און אַראָפּ פֿון מאַרק.

די מנוחה וואָס איך זאָג אײַך, איז אַ שם־דבר, אַ מאַנצבילשער קאָפּ אויף איר, אַ ייִדענע אַ קאָזאַק! איר קאָנט פֿאַרשטיין שוין פֿון דעם אַליין, אַז מע רופֿט דעם מאַן אָפּן ווײַבס נאָמען, איז איינס פֿון די צוויי: אָדער דער מאַן איז אַ גאָרניש שבגאָרניש, אָדער דאָס ווײַב איז אַ גאַנצער יאַ־מעבי־דאַם.

דאָ האָט איר ביידע זאַכן: חוץ וואָס זי איז אַ גאַנצער ספּאָדיק, איז ער אַ כשרע בהמה, אַ זאַק פּאָלאָווע, אַ שיינע באָרד און ווײַטער גאָר־ניש. איצט וועט איר האָרכן אַ שיינס, וואָס אַ ייִד פֿאַרגינט זיך.

דערהערט פֿון דעם גרויסן אומגליק, אַז דער דײַטש הייסט זיך באַ־צאָלן צען טויזנט קאָנטריבוציע, און אַז ער האָט פֿאַרהאַלטן אַ משכּון דעם רב מיטן קאַזשאָנע רב, דעם ראַבינער הייסט דאָס, און מײַן יחיאלן אַ דריטן, איז זיך מיישב אָט דער לעקיש, מײַן מחותן טאַקע, און גיט אָט אַזאַ אַן עצה: לאָז מען, זאָגט ער, נעמען פֿון אַלע בתי־מדרשים, זאָגט ער, פֿאַראַן דאָרטן, זאָגט ער, צו עטלעכע רייניקייטן, ספֿר־תּורהס הייסט עס...

מער האָט ער שוין אָבער אַ וואָרט נישט גערעדט. קיין האַלבן וואָרט אפֿילו. דאָס האָב א י ך אים געמאַכט שווײַגן. איך בין, דאַרפֿט איר וויסן, אַ מענטש אַ היציקער און אַ כהן דערצו. און אַ כהן, זאָגט מען, איז אַ בעל־כעסן, כאָטש אפֿילו כעס, זאָגט מען, איז ניט אַזאַ שיינע מדה, בעס איז, זאָגט מען, עבֿודה זרה. נאָר מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, איר פֿאַרשטייט צי ניין, האָט דאָס מיר געגעבן אַ נעם־אָן באַם האַרצן און עס האָט זיך אין מיר צעפֿלאַקערט אַ פֿײַער, ס'איז מיר, הערט איר, אַזש פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן! און איך האָב אים אָוועקגעגעבן אַ גאָב — וואָס ס'איז מיר געקומען אויף דער צונג, דאָס האָב איך אים אַרײַנגעזאָגט. מײַן גאַנץ ביטער האַרץ האָב איך אויסגעלאָזט צו זײַן קאָפּ: „נאָך דאָס פֿעלט אונדז, האָב איך אים געזאָגט, אַז מיר זאָלן אַליין בידים, זאָג איך, נעמען און אָוועקגעבן דאָס אייניציקע און דאָס הייליקסטע, וואָס מיר פֿאַרמאָגן? צו־ביליק איז געוואָרן, זאָג איך, באַ אונדז די תּורה! ווער ס'זאָל ניט דורכפֿאָרן פֿאַרבײַ, — אַ ביסקאָפּ, אַ גלח, אַ גובערנאַטאָר, אַ ספּראַווניק, אַ שוואַרץ יאָר — טראָגן מיר אים

ארוים די תורה! אַלעמען די תורה! אָ, ניט דערלעבן, זאָג איך, וועלן דאָס נישט אונדזערע שונאים און נישט מיר אַליין, אַז מיר זאָלן זיך צע־שיידן מיט אונדזער איינציקן מאַיאָנטעק, וואָס מיר פֿאַרמאָגן! מיר וועלן זיך גיכער, זאָג איך, פֿאַרקויפֿן פֿאַר קנעכט, מיר מיט אונדזערע ווײַבער און קינדער און קינדס־קינדער, נאָר גאָטס תורה, זאָג איך, — אַזאָס! דאָס, זאָג איך, וועלן מיר נישט אוועקגעבן פֿאַר כל הון דעלמא! לאָז מען אונדז שנײַדן, זאָג איך, לאָז מען אונדז בראָקען, לאָז מען אונדז בראָטן, לאָז מען אונדז ברענען, ווי מע האָט געשניטן און געבראָקט, געברענט און געבראָטן אונדזערע אָבות אבותינו!" גוט־גוט אַרײַנגעזאָגט, און איך האָב מיך אַזש צעוויינט פֿאַר הארצווייטיק.

כאַפּט ער מיך אָן פֿאַר ביידע הענט, דער מחותן מײַנער, און זאָגט צו מיר: „משוגענער כהן, זאָגט ער, וואָס איר זײַט! איך האָב, זאָגט ער, גאָר אַזוי ווײַט ניט געמיינט, זעט נאָר אביסל! איך האָב נאָר געזאָגט, זאָגט ער, אַז מיר זאָלן נעמען, זאָגט ער, די רייניקייטן און קומען צו אים, זאָגט ער, מיט די רייניקייטן און זאָגן, זאָגט ער, אָט דאָס פֿאַרמאָגן מיר און דאָס האָבן מיר, און ווײַטער טו מיט אונדז וואָס דו ווילסט, מיר זײַנען באַ דיר אין די הענט... וועט ער, זאָגט ער, אַף אונדז רחמנות האָבן און וועט פֿאַרגעסן, זאָגט ער, פֿון דער גאַנצער געשיכטע מיט דער קאָנטריבוציע מיט אַלע מיט אַן אַנדער, און מירן דערוויַל, זאָגט ער, אויסגעלייזט ווערן פֿון אַן אומגליק"... געפֿעלט אײַך אַ ייִד אַ חכם?

בקיצור, אויסגעפֿירט מסתמא האָב א י ך, ניט ער; מיר האָבן די כּפּרי־תורהס נישט גערירט פֿון אָרט. גענומען האָבן מיר, איר פֿאַרשטייט צי ניין, די פּרוכתן מיט די העמדעלעך, מיט די גאַרטעלעך, מיט די ידלעך און מיט די עץ־החיימס — אַלצדינג, וואָס איז פֿון ריין זילבער, ווי זאָגט איר, כּסף טהור, און מיר האָבן דאָס געבראַכט אים צו טראָגן, דעם קאָמענדאַנט הייסט עס, און צוגעפֿאַלן צו אים, און אַ גוטן וויין געטאָן דערבײַ, און געזאָגט צו אים: „אדוני קיניג, כך וכך, אָט דאָס פֿאַרמאָגן מיר און דאָס האָבן מיר, און ווײַטער טו מיט אונדז וואָס דו ווילסט, מיר זײַנען באַ דיר אין די הענט"...

איז דאָך אָבער פֿאַראַן אַ גרויסער גאָט אַף דער וועלט, איר פֿאַר־שטייט צי ניין, וואָס טוט דער אייבערשטער? שטייט ער אויף, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, טוט אונדז אַ קוק אין די אויגן אַרײַן, און איך

וואָלט געמעגט שווערן, אַז ער איז געוואָרן עפּעס ווי מטושטש, ווי פֿאַר־שעמט איז ער געווען... דערנאָך גייט ער צו צום טיש, נעמט די אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן אים געבראַכט צו טראָגן, באַטראַכט זיי איינציקווייז, יעדע זאַך באַזונדער, און רופֿט זיך אָן צו אונדז: „מײַנע הערן! איר קאָנט עס, זאָגט ער, נעמען צוריק. איך דאַרף עס נישט. מיר זײַנען נים קיין פֿעלד־גזלנים, זאָגט ער, און נישט קיין קאַזאַקן. ס'איז אײַערע קאָ־זאַקן, זאָגט ער, זײַנען געוווינט געוואָרן צו ראַבירן בתי־מדרשים און הייליקע זאַכן. מיר זײַנען, זאָגט ער, דײַטשן און אונדזער קאַיזער, זאָגט ער, ברויכט נים אײַערע הייליקייטן".

כהאי לישנא, איך בין אײַך נישט מגזם אפֿילו אַ האָר — איך האָב פֿײַנט אַזעלכע זאַכן.

און וואָס מויג אײַך, דער גוי איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער גוי, איר פֿאַרשטייט צי ניין, און אַן אַנדער פּנים, אַנדערע אויגן און אַן אַנדער לשון, — שיער־שיער נים געבעטן אונדז זיצן, און האָט באַלד אַרויס־געגעבן אַ באַפֿעל, מע זאָל אַרויסלאָזן די פֿאַרהאַלטענע, דעם רב און דעם קאַזשאָנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, און אַז ס'איז געקומען צו מײַן יחיאלן, וואָס איך האָב שוין געוואָלט דערלעבן אים זען אין דערהיים, איר פֿאַרשטייט צי ניין, בײַ זײַן ווײַב מיט זײַן קינד, נעמט ער, דער קאָ־מענדאַנט הייסט עס, און לייגט אַרויף די האַנט אויף זײַן פּלייצע און רופֿט זיך אָן צו מיר: „אָט דאָס איז דײַן זון?" רוף איך זיך אָן: „ביז הונ־דערט און צוואַנציק יאָר — וואָס איז דען?" „אים, זאָגט ער, לאָז איך נישט אַרויס. אים לאָז איך, זאָגט ער, איבער בײַ מיר"... נאָר שאַ! מע בלאָזט שוין ווידער אַ תקיעה גדולה. דאָס רופֿט מען אונדז שוין צו דער שיינער וועטשערע אין אַ גוטער שעה. אויב איר'ט וועלן, קאָנט איר אַרויסגיין באַלד נאָך דער וועטשערע, וועלן מיר אײַך דערציילן ווײַטער. און אַז נישט, קאָנען מיר דאָס איבערלאָזן אויף מאָרגן, אם ירצה השם. דער עיקר, איר זאָלט נאָר געדענקען ווו מיר האַלטן אין די יוצרות. און בכדי איר זאָלט נים פֿאַרגעסן, וועל איך אײַך געבן אַן עצה: אַז איר האָרכט פֿון מיר, למשל, אַ מעשה, נעמט מען אַ ביכעלע, מע זעצט זיך אַוועקעט מיט אַ בלײַשטיפֿט אין האַנט, איר פֿאַרשטייט צי ניין, און מע פֿאַרשרײַבט דאָס אַלצדינג וואָרט בײַ וואָרט אויף פּאַפּיר, אַזוי ווי איר קאָנט — און לאָז עס טאַקע בלײַבן פֿאַרשריבן, ווי זאָגט איר, לזכרון — אויף דור דורות.

## 5.

## יחיאל — א „בירגערמייסטער".

— — — זייט איר כאטש גוט געשלאפן, פאני שלום־עליכם? איך ברוך השם, נים. איך ווייס נים פון קיין שלאף, איך זאל שוין אזוי נים ווייסן פון קיין שלעכטס מיט אייך אינאיינעם. ווייסט איר פאר וואס? ווייל מיר שיסט אין די אויערן. עס שיסט נאך פון דעמאלט אן, עס וויל גאר־נים אויפהערן צו שיסן. און פוןביידע זייטן שיסט עס מיר, איר פאר־שטייט צי ניין? — פון איין זייט דער דייטש און פון דער אנדערער זייט פאניע. און ווער איך אנטשלאפן אף א ווײַלע — אזוי קומט מיר אקעגן מיין יחיאל, ווי ער שטייט א צוגעבונדענער צו א בוים, די הענט ארונ־טער, קוקט אף מיר טרויעריק, און מיט ליבשאפט, און מיט טרערן אין די אויגן, גלייך ווי ער וואלט זאגן צו מיר: „זיי געזונט, טאטע, מיר זעען זיך שוין נים מער!"... נאר איך פארכאפ אייך, ווי זאגט איר, די לאקשן פאר די פיש, און איר האט דאך ניט ליב, אז מע כאפט, ווארעם פון איי־לעניש, זאגט איר, קומט קיין גוטס נים ארויס, און צייט האבן מיר דא אפן שיף, געלויבט דער אייבערשטער, גענוג, קאנען מיר זיך דעריבער פארגינען זיצן מער מיט א האלבע שעה. וואס קאן דא זיין? די גרויסע געשעפטן? אדער מע עסט, אדער מע שלאפט, אדער מע נודעט זיך גלאט קוקנדיק אין ים אריין — וואסער און הימל, הימל און וואסער! מענטשן האבן אויסגעטראכט א נסיעה — טפו, גאט זאל נים שטראפן פאר די רייד!

ווו־זשע, הייסט עס, האלטן מיר? בא מיין יחיאלן. ווי אזוי קירע־דייטש האט אים פארהאלטן אינאיינעם מיטן רב און מיטן קאזשאנע רב, דעם ראבינער הייסט עס, א משכון פאר דער קאנטריבוציע, וואס ער האט זיך געהייסן באצאלן, און דערנאכדעם, ווי אזוי ער האט די רבנים ארויסגעלאזט, און מיין יחיאלן האט ער זיך באטראכט, דער דייטש הייסט עס, און האט אים איבערגעלאזט בא זיך — ער וועט אים, זאגט ער, צונוץ קומען.

מיט וואס פאר א הארץ איך בין אהיים געקומען אן מיין זון —

באַדאַרף איך אײַך ניט דערציילן קיין מעשיות. איר זײַט דאָך אַ פאָטער און האָט קינדער, פילט איר שוין דעם טעם. און וואָלט איך אַליין כאָטש נישט געווען דער גאַנצער חייב, וואָרעם ווער האָט אים מיטגעשלעפּט מיט דער דעפּוטאַציע צום קאָמענדאַנט, אַז ניט איך? גוואַלד געשריגן! וואָס וועל איך זאָגן פאַר מײַן ווײַב? וואָס פאַר אַ תירוץ טראַכט מען צו פאַר מײַן שנור, כאָטשבי אויף דער הייסער מינוט? און איך בלײַב שטיין פון יענער זײַט טיר, איר פאַרשטייט צי ניין, ווי אַ פאַרזינדיקטער קונדס, און קאָן גאָר צו זיך אַהיים נישט קומען! און איך שטיי מיר אַזוי און טראַכט, און טראַכט, און נעם און טו אַן עפן־אויף די טיר האַסטיק מיטאַמאָל און טו מיר אַ פרעג גלאַט אַזוי, בדרך אַגב, אין דער וועלט אַרײַן: „ניטאָ נאָך יחיאלן?" זאָגט מען מיר מסתמא: „ניין. ער איז דען באַפרײַט שוין?"... זאָג איך: „נאָך אַ מין באַפרײַט! פרײַ צו פרײַ איז נישט גלײַך! פרײַ, זאָג איך, זײַנען זיי אַלע דרײַ, נאָר אונדזער יחיאל, זאָג איך, איז אַרויס גאָר מיט אַ קנאַק"... — ווערן זיי דאָך מסתמא טויט ווי די וואַנט: „וואָס פאַר אַ קנאַק?" זאָג איך: „מיט אַ דאַנק־בריוו איז ער אַרויס, זאָג איך, און מיט אַן אָרדן און מיט אַ קוועטש די הענט און מיט אַ בראַוואָ! אונדזער יחיאל, זאָג איך, איז איצטער, זאָג איך, באַם דײַטש געהויכט און געקרוינט, אַ גאַנץ קנעפּל", זאָג איך. און אַליין כאַפּ איך אַ קוק אין שפּיגל אַרײַן, איר פאַרשטייט צי ניין, ווי זע איך אויס נאָך אַזוי פיל שקרים וכזבים? פאַרשטייט זיך, אַז מײַנע קוקן מיר אין מויל אַרײַן און גלויבן מיר איטלעכס וואָרט. וואָס ווייסן זיי, ווײַבער משטיינס געזאָגט? פרעגן זיי זיך נאָך באַ מיר: „פאַר וואָס איז ער דאָס באַ זיי אַזוי געהויכט און געקרוינט?" ווער איך כלומרשט אין כעס: „וואָס הייסט, זאָג איך, פאַר וואָס? פאַר שבת! איר האָט פאַרגעסן, זאָג איך, ווער יחיאל איז? איר האָט, זאָג איך, עפּעס אַ סך אַזעלכע יחיאלס באַ אונדז אין קרושניק, אָדער אין יונעוו, אָדער אין מאַזעלבאַזשעץ, אָדער אין בילגערייַ, אָדער אפילו אין דער גובערניע אין לובלין? וואָס שווײַגט איר?" — זאָג איך...

הקיצור, איך באַדאַרף מיך פאַר אײַך ניט באַרימען — באַרימערײַ איז איבערהויפּט אַ מיאוסע זאַך. נאָר איך מוז אײַך זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב פײַנט אַ ליגנער אַקוראַט, ווי אַ כשרער ייִד האָט פײַנט חזיר. אַ ליגנער איז באַ מיר ערגער פון אַ תולטאַי, און אפילו פון אַ משומד!

נאָר וואָס, איך בעט אײַך, וואָס האָב איך געקענט טאָן, זאָגט שוין איר אַליין, אַז איך האָב פֿאַר זיך צוויי שוואַכע באַשעפֿענישן, ווײַבער, איר פֿאַרשטייט צי ניין, וואָס זייער לעבן הענגט אָפּ אין זײַן לעבן — אַ ווערמעלע פּקוח נפֿש! און איך האָב גענומען באַקן ליגן, אַזוי ווי בייגל, אַזוי ווי מצות, איין ליגן נאָכן אַנדערן, און דערציילן אַזעלכע גוזמות, אַז ס'איז מיר פֿאַר זיך אַליין פּשוט געווען אַ בזיון: ווי נעמט דאָס אַ ייִד אַ בעל־הבית, רב יאַנקל יונעוועער, איר פֿאַרשטייט צי ניין, און האַקט אַזעלכע שקרים, און זיי, די ווײַבער, מיינען, אַז ס'איז תּורת משה אמת?... און איך האָב גענומען און איך האָב מיך קוים אַרויסגעמאַכט פֿון ערד היים און בין אַוועק זוכן זכות־אָבות, פּראָטעקציעס, צום קאָמענדאַנט, איר פֿאַרשטייט צי ניין, אולי ירחם? און אַזוי ווי איך לויף אַזוי, קומט מיר ניט אַקעגן מײַן יחיאל? אַ פֿאַרסאָפּעטער, אַ פֿאַרשוויצטער, און עפּעס מאָדנע האָפּערדיק, דאָס פּנים שײַנט, די אויגן לויכטן, און גיין גייט ער גיך, מאַכט מיט די הענט. „וואָס איז, יחיאל?" „טאַטע, זאָגט ער, גיב מיר אָפּ מזל־טוב?" „מזל־טוב דיר, זאָג איך, מײַן זון, פֿאַר וואָס קומט דיר מזל־טוב? דײַן ציג האָט זיך געקעלבט? צי דײַן קו האָט זיך געציגלט?" ווערט ער רויטלעך, מײַן יחיאל הייסט עס, און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכל: „ווייסטו כאָטש, זאָגט ער, טאַטע, מיט וועמען דו רעדסט אַצינדערט?" טו איך אים אַ מעסט־אָפּ מיטן קוק און מאַך צו אים: „מיט יאַנקל יונעוועערס זון". „מיט יאַנקל יונעוועערס זון, זאָגט ער, דאָס אַ חוץ. דערצו בין איך, זאָגט ער, נאָך בורמישטש אין קרושניק". „פֿון ווען אָן, זאָג איך, ביסטו דאָס בורמישטש?" „שוין באַלד אַ שעה, זאָגט ער, אַז איך בין בורמישטש. דאָס האָט מיך דער קאָמענדאַנט, זאָגט ער, געמאַכט פֿאַר אַ בורמישטש, פֿאַר בירגערמייסטער הייסט עס. שטעל דיר פֿאָר, זאָגט ער, אַז אין דער צײַט, וואָס איר זײַט געווען פֿאַרטראָגן מיט דער קאָנטריבוציע, האָט דער קאָמענדאַנט דערווײַלע געשיקט רופֿן צו זיך די קרושניקער אָנגעזעענע גויִים, פֿריִער דעם קאַזנאַטשיי, דערנאָך דעם פּאָטשטמײַסטער, דערנאָך דעם טעלעגראַפֿיסט (די אַלע איבעריקע פּריצים זײַנען זיך צעלאָפֿן), און האָט זיי, זאָגט ער, געוואָלט מאַכן פֿאַר בורמישטש איבער קרושניק, — האָבן זיי זיך, זאָגט ער, אַלע גאַנץ פֿײַן אָפּגעזאָגט. זיי האָבן אויסגעפֿונען, זאָגט ער, אַלע איין תּירוץ, אַז זיי פֿאַרשטייען נישט קיין וואָרט דײַטש. האָט זיך דער קאָמענדאַנט, זאָגט ער,

אַף זיי גוט אויסגעבייזערט און דורכגעטריבן און געשיקט, זאָגט ער, רופן דעם וואָיט פון דער גמינע, פאַן פשעפעצקי. האָט זיך פאַן פשעפעצקי, זאָגט ער, פאַרנייגט ביז צו דער ערד, „פאַדאַם דאָ נאָג" און „צאַלויען רענקי" און „פּראָשען פאַנאַ", און אַז ס'איז געקומען, זאָגט ער, צו עפּעס, האָט זיך פאַן פשעפעצקי זייער העפלעך באַדאַנקט פאַרן גרויסן כבוד, וואָס מע וויל אים, זאָגט ער, צוטיילן, נאָר ער קאָן נישט אָננעמען, זאָגט ער, דאָס שטרײַמל דערפאַר, ווײַל מערסטנטייל קרושניקער אײַנוווינער זײַנען, זאָגט ער, ייִדן, און מיט ייִדן איז, זאָגט ער, שווער דורכצוקומען! און ער האָט גענומען דערווײַל אויסריידן אַף ייִדן המנס מסירות, פעך און שוועבל, אַזוי ווי פּליאַסקע קאָן... דעם אייגענעם תירוץ, זאָגט ער, האָט געזאָגט אויך דער קשיאָנדז: „זשידזשי" און „זשידזשי" און „זשידזשי"!... איז דער קאָמענדאַנט, זאָגט ער, געוואָרן בייז אַף די פּאָליאַקן מיט סכנת נפשות און האָט געשוואָרן, אַז ער וועט מאַכן, זאָגט ער, אַ ייִדן פאַר בורמישטש — זיי, די פּוילן הייסט עס, אַף צו להכעיס! און, ווי זאָגט איר, אומר ואוכל — ר'האָט זיך אַ נעם געגעבן פריִער צום רב, דערנאָך צום קאַזשאָנע רב, צום ראַבינער הייסט עס. האָט זיך דער רב אָפּגעבעטן — ער איז, זאָגט ער, אַ זקן אַ ייִד און אַ שוואַכער מענטש, ער האַלט שוין באַ שטאַרבן, וואָס פאַר אַ בורמישטש איז ער? און דער קאַזשאָנע רב, דער ראַבינער הייסט עס, האָט געציטערט, זאָגט ער, ווי אַ לעמעלע: „סטײַטש, זאָגט ער, ווי קאָן ער עובר זײַן אַף דער שבועה? ער איז דאָך, זאָגט ער, אַ קאַזשאָנע רב, אַ געשוווירענער הייסט עס; הקיצור, ער האָט זיי, די רבנים הייסט עס, אויך דורכגעטריבן און נעמט, זאָגט ער, און רופט אַרײַן אים, יחיאלן הייסט עס, און מאַכט צו אים גאָר אָן שום הקדמות: „הנה זאָלסט וויסן זײַן, זאָגט ער, יאַנקל יונעווערם זון, אַז איך קרוין דיך, זאָגט ער, פאַר בורמישטש אין קרושניק!" האָט ער אים, יחיאל הייסט עס, געוואָלט עפּעס זאָגן, גייט ער, דער דײַטש הייסט עס, און פאַרשמעלט אים דאָס מויל! לאָזט אים, זאָגט ער, ניט אויסריידן אַ וואָרט, און רופט צענויף ווידער אַ מאָל דעם קאַזנאַטשיי מיטן פּאָטשמײַסטער, מיטן טעלעגראַפיסט, מיטן וואָיט פון דער קרושניקער גמינע פאַן פשעפעצקי, מיטן קשיאָנדז, און רופט זיך, זאָגט ער, אָן צו זיי, אַף דײַטש, געוויינטלעך: „מײַנע הערן, זאָגט ער, זײַט וויסן, זאָגט ער, אַז אָט דער יודע איז אײַער בורמישטש! — און טוט, זאָגט ער, אַ ווײַז אָן

אַף אים, אַף יחיאלן הייסט עס. — איר אַלע, זאָגט ער, פֿאַרמאָגט ניט אין קאָפּ, וואָס אָט דער יודע פֿאַרמאָגט, זאָגט ער, אין דער פּיאַטע!"...

אויסגעהערט פֿון יחיאלן די שיינע מעשׂה ביזן סוף, בײַטל איך דאָך אוים אַלע בייזע וויסטע חלומות אַפֿן דײַטשס קאָפּ און אַף זײַנע הענט און פֿיס. „נאָך דאָס, זאָג איך, גייט דיר אָפּ, יחיאל! קאָרג, זאָג איך, וואָס דו ביסט פֿאַר דײַן שיסן אַרויף, זאָג איך, געווען, ניט הײַנט געדאַכט, אַף אַ האָר פֿונעם טויט, באַדאַרפֿסטו נאָך איצטערצא, זאָג איך, גיין שפּילן זיך מיטן מלאך־המות, ריזיקירן מיטן לעבן און ווערן, זאָג איך, אַ בורמישטש פֿון אסתּר־תּענית ביז פּורים!" קוקט ער מיך אָן, יחיאל הייסט עס: „פֿאַר וואָס עפּעס פֿון אסתּר־תּענית ביז פּורים?" „וואָס דען, זאָג איך, אַף לאַנג? נישט מער, זאָג איך, זאָל דער יידישער גלות געדויערן, וויפֿל דו וועסט, זאָג איך, זײַן בורמישטש אין קרושניק! דערווײַל, זאָג איך, האָט נאָך דײַן דײַטש באַ גאָט, זאָג איך, קיין קוויטל נישט אַרויסגענומען, אַז קרושניק איז זײַנס. דו ווייסט, זאָג איך, וואָס דו קאָנסט האָבן דערפֿאַר, זאָג איך, טאָמער פּאַניע איז גובר, און קרושניק מיט יונעוו מיט מאַזעלבאַזשעץ מיט לובלין פֿאַלן אַרײַן, זאָג איך, צוריק צו אים אין די הענט אַרײַן? אָט דער אייגענער וואַיט, פּאַן פּשעפּעצקי, זאָג איך, וועט דעמאָלט אויסקלעטן, זאָג איך, די וואָנצעס און וועט אָוועקגיין גלײַך, זאָג איך, צום נאַטשאַלניק און וועט, זאָג איך, צושטעלן אַ בענקעלע דיר און מיר און אונדז אַלע, הלוואי, זאָג איך, זאָל איך ליגן זאָגן און ס'זאָל זײַן ניט אין אַזאַ שעה, זאָג איך, אַרויסגערעדט!"

און ווי מיינט איר, פּאַני שלום־עליכם, ווער האָט געטראָפֿן? איך באַרים מיך נישט פֿאַר אײַך, חלילה, אַז איך בין דאָ דער גרויסער חכם, און קיין נביאים, ווי זאָגט איר, איז הײַנטיקע צײַטן נישט פֿאַראַנען. נאָר מען איז דאָך עפּעס אַ ייִד אַף דער וועלט מיט אַ חוש הריח, איר פֿאַרשטייט צי ניין, האָב איך אָנגעשמעקט דעמאָלט נאָך, אַז דער דײַטש איז אַרײַן צו אונדז אין קרושניק מיט געזאַנג און מיט טענץ אין מיטן גאַנצן טראַסק, אַז דאָ איז פֿאַראַן אַלצדינג, וואָס איר ווילט — סײַ גבורה, סײַ חכמה, סײַ געלט, נאָר איין זאַך פֿעלט: אריכת ימים... אַ סימן האָט איר — אָט איז פּאַניע דערנאָך אַרײַנגעקומען צו אונדז, האָט מען באַלד געקאָנט אַרויסזען, אַז דער איז אַרײַן על מנת להשתקע, מיט אַלע פֿיר, איר פֿאַרשטייט צי ניין, וואָרעם ראשית כּל דבר האָט ער אָנגעהויבן

פון א פּאָגראָם, פון א יידישן פּאָגראָם מיט אַלע תּגין... נאָר דאָ גיי איך שוין אַרויס פון איין מעשה און פאַל אַריַין אין א נייַער מעשה, און איר האָט דאָך ליב, זאָגט איר, אַז יעדער מעשה זאָל זיך זייַן באַזונדער א מעשה. טו איך אייַך צוליב און מיר רוען זיך אָפּ אביסל, דערנאָך וועלן מיר גיין ווייַטער צו אונדזערע מעשיות פון טויזנט איין נאַכט.

## 6.

## יחיאל געוועלטיקט.

— — — האַלטן מיר, הייסט עס, דערבייַ, ווי אַזוי מייַן יחיאלן האָט דער דייַטש געקרוינט פאַר בירגערמייסטער אין קרושניק. נו, געוויס בין איך געווען גערעכט, אַז כ'האָב אים נבֿיאות געזאָגט, אַז זייַן בירגערמייסטערייַ וועט געדויערן פון אסתּר־תּענית ביז פּורים, נישט מער זאָל דער יידישער גלות געדויערן! דערפאַר אָבער האָט דער דייַטש געהאַט א בירגערמייסטער — מעג שוין אַף אונדז בײַדע זייַן אַזאַ גוט יאָר! ניט חלילה מחמת באַרימערייַ, וואָס יחיאל איז מייַנער א זון, נאָר ווייַל מיר זייַנען יידן, איר פאַרשטייט צי ניין, ווייסן מיר, ווי אַזוי צו פירן דאָס רעדל... הלוואַי, הערט איר, וואָלט מען אונדז טאַקע איבערגעגעבן די גאַנצע ממשלה פון דער גאַנצער וועלט, וואָלט איר געזען, וואָס פאַר א פּנים די וועלט וואָלט געהאַט... א סימן האָט איר — נעמט פּוילן, טאַקע אונדזער מדינה פּוילן. ווי זאָגט איר — שוין איין מאָל א מדינה! האָט איר דאָך געהאָרכט מן הסתם, ווי אַזוי פּליאַקעס האָט זיך אַמאָל צעאַמפּערט, נאָך פאַר סאָביעסקים צייַטן איז דאָס געווען, נישט געקאָנט זיך אויסגלייַכן מיט די כּבֿודים, ווער ס'זאָל געוועלטיקן, זייַן מלך הייסט עס. איז געבליבן, מע זאָל וואַרפן גורל. האָט מען געוואָרפן גורל, איר פאַרשטייט צי ניין, ווער ס'וועט דער ערשטער אַריַין אין שטאָט, דער זאָל זייַן מלך. איז געפאַלן דער גורל אַף א יידן, רב שאול וואהל, ווייַל ער איז דער ערשטער אַריַין אין שטאָט. וואָס זאָל מען טאָן? פאַרפאַלן — איז דער ייד געוואָרן מלך און האָט געוועלטיקט, זאָגט מען, אַזוי לאַנג ווי עס דאַרף געדויערן, למשל, מע זאָל זאָגן „אשרי" און „ובא לציון". דערפאַר

האָט ער אָבער געוועלטיקט אַזוי, אַז די פּוילן קאָנען זיך נאָך עד היום פון אים נישט אָפּלויבן; ס'איז נאָר אַ ווייטיק די רשעים, אַ מכה זיי, וואָס אָט דער מלך איז געווען, איר פאַרשטייט צי ניין, אַ „זשידעק", ווײַטער וואָלטן זיי אים פאַרגעטערט און פאַראייביקט!

דאָס אייגענע איז געווען אויך מיט מײַן יחיאלן. ווייבאַלד מע האָט אים געקרוינט פאַר בירגערמײַסטער אין קרושניק, אַזוי האָט ער פונעם ערשטן טאָג אָן גענומען מאַכן נײַע פאַראָנדקעס. קודם־כל האָט ער זיך גענעבן אַ נעם צו מאַכן שלום צווישן די פעלקער, דאָס הייסט, צווישן די קרושניקער פּאָליאַקן, גוים און להבדיל ייִדן. וואָס־זשע האָט ער געטאָן? ווער איר האָרכן, וואָס יאַנקל יונעווערס זון איז אַ בעלן! ער האָט גענומען און האָט צונויפגערופן אין מאַגיסטראַט דעם רב מיטן קאַ־זשאָנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, און, להבדיל, דעם קשיאָנדז מיטן גלח מיטן וואָיט פּן דער גמינע, פּאַן פּשעפּעצקי, און האָט פאַר זיי גע־האַלטן אַ גאַנץ פײַנע דרשה, און דווקא אין פּויליש לשון, און האָט זיי אויפגעקלערט און באַוויזן מיט אותות ומופתים, אַז ס'איז נישט גוט, וואָס מענטשן קריגן זיך, און אַז ס'איז טויזנט מאָל געזינטער פאַר אַלעמען, אַז מע לעבט בשלום, וואָרעם אַף שלום, איר פאַרשטייט צי ניין, שטייט די וועלט. ער האָט דאָס געבראַכט אַזוי ווײַט, אַז מע האָט זיך געגעבן איינס דאָס אַנדערע דאָס וואָרט (אונדזער וואָיט פון דער גמינע פּאַן פּשעפּעצקי האָט אַזש אַרומגעכאַפּט מײַן יחיאלן: „מאָי קאָכאַנע פּאַן יחיאל!"), און מע האָט זיך געגעבן אַלע תקיעת־כּף, אַז מהיום והלאה איז מען גוטע פרײַנט, שלום ושלווה, אויס פּריץ, אויס גוי, אויס ייִד, להבדיל, קיין שפּור פון קנאה־שנאה, אַן עק, אַ סוף! און די מיאוסע ווערטער מיט די צונעמענישן, ווי למשל: „זשידזשי", אָדער „ביילים", אָדער „פּליאַ־קע", אָדער „חם", אָדער „דבר אחר", זאָלן אויסגעמעקט און פאַרגעסן ווערן! אָנשטאָט „זשידזשי" און „ביילים" זאָל זײַן בעסער „איזראַעליטי". אָנשטאָט „פּליאַקע" — „פּאַני דאָבראָדזיעיע". אָנשטאָט „חם" און „דבר אחר" — „עשום איינעקל"... און וואָס איז שײַך צום באָיקאָט, וואָס די פּוילן באָיקאָטירן די ייִדן, האָט ער אַרויפגעלייגט אַ שטראָף, מײַן יחיאל הייסט עס, פון אַ דרײַערל ביז אַ פינף־און־צוואַנציקער, נישט נאָר פאַר באָיקאָטירן — אַפילו פאַרן וואָרט „באָיקאָט" אַליין, טאָמער רעדט עמע־

צער ארויס, איז חיות ניט זיכער! דאָס וואָרט „באָיקאָט“, איר פאַר־שטייט צי ניין, איז לא יזכר ולא יפקד!

דאָס האָט איר אײַך נומער איינס. והשנית האָט ער אײַנגעפירט, אָפּן פאַרלאַנג פונעם דײַטשן קאָמענדאַנט, אַ וואַך, אַ מין שטאָט־מיליציע, וואָס זאָל שטיין תמיד גרייט און אָפּהיטן די שטאָט, טאָמער ווערט חלילה קרושניק באַפֿאַלן פונעם שונא. און ווי אַזוי, מיינט איר, האָט ער דאָס געמאַכט? פֿײַן, מיט אַ שׂכל און מיט אַ רעכענונג! בײַ יעדער שטוב, האָט ער אײַנגעפירט, זאָלן תמיד שטיין צוויי ערלים, באַוואָפנט מיט שטעקנס, איינער באַטאָג, דער אַנדערער באַנאַכט. און כּדי מע זאָל זײַן באַוואָרנט, אַז די ערלים וואָס שטייען באַנאַכט אויף דער וואַך, וועלן נישט אַנטשלאָפן ווערן, וואָרעם אַן ערל, אַז עס קומט באַנאַכט, פאַלט ער, ער זאָל אויף יעדע צען ערלים זײַן איין ייִד, להבדיל, אַ משגיח, וואָס זאָל השגחה געבן. מחמת אַ ייִד, איר פאַרשטייט צי ניין, איז מער מסוגל אויף אַכטונג צו געבן... הײַנט האָט ער ארויפגעלייגט שטײַער אויף יעדן בעל־הבית, סײַ אַ ייִד, סײַ אַ גוי להבדיל, מוז צושטעלן דעם קאָמענדאַנט אַזוי פיל און אַזוי פיל מעל און אַזוי פיל און אַזוי פיל זאַלץ און אַזוי פיל און אַזוי פיל טיי און צוקער. וואָס דער מענטש איז רײַכער, איר פאַרשטייט צי ניין, באַדאַרף ער אַלץ מער שטײַערן, און ווידער צוריק, דאָס אייגענע פאַרקערט — ווער ס'איז אַן אָרעמאַן, ניט דאָ געדאַכט, און קאָן נישט און האָט נישט און פאַרמאָגט נישט — איז ער פּטור.

דאָ האָב איך מיך אַרײַנגעמישט און האָב אים געזאָגט, זאָג איך: „דאָס, זאָג איך, יחיאל, וואָס דו האָסט געמאַכט שלום צווישן די פעל־קער, סקאַסירט דעם באָיקאָט און אײַנגעפירט אַ וואַך, איך מיין, זאָג איך, די שטאָט־מיליציע, דאָס, זאָג איך, אַרט מיך ניט. פאַרקערט, זאָג איך, זייער גלײַך האָסטו געטאָן, זאָג איך. נאָר בײַ די שטײַערן, זאָג איך, וואָס דו האָסט ארויפגעלייגט, — דאָ, זאָג איך, ביסטו, מײַן זון, מחילה דורכ־געפאַלן. וואָרעם וואָסער שוטה, זאָג איך, וועט דאָס וועלן צאָלן מער, ווי ער קאָן? און ווער, זאָג איך, וועט ניט זײַן אַ בעלן זיך פאַרשרײַבן צווישן די אָרעמע לײַט, בכדי ער זאָל פאַרשפּאָרן צו צאָלן שטײַער? ובפרט, זאָג איך, אַז אין קרושניק, זאָג איך, זײַנען דאָך דאָס רוב, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, אָרעמע לײַט, קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים!“

און כך הוה. ווער איז געווען גערעכט? ווען נישט דער דײַטש, דער

קאמענדאנט הייסט עס, קומט אים צו־הילף, וואלט מען אים, יחיאלן הייסט עס, צעריסן אף שטיקלעך! דער ערשטער איז געווען דער וואיט פון דער נמיגע, פאן פשעפעצקי. ער האט זיך נישט געפוילט און איז אוועק צום קאמענדאנט און האט אים אריינגערוימט א סוד, אז דער זשידעק, וואס ער האט אים געקרוינט פאר בורמישטש, נעמט צונויף דאס גאנצע ביסל גוטס פון קרושניק און באהאלט דאס פארן „מאסקאל", פון פאניעס וועגן און פאר זיינע קאזאקן, אף וועלכע די „ביילים" קוקן ארויס, ווי אף משיחן — א סימן, לאז מען זוכן בא זיי אין די קעלערס און אף די בוידעמער, וועט מען געפינען פון כל טוב... און דאס ווייסט איר דאך מסתמא, אז א מסור האט אין זיך א כח — מע גלייבט אים. און וואס טויג אייך, מע האט זיך א נעם געגעבן צו די קרושניקער יידן און מע האט גענומען מאכן „אביסקעס", זוכן, נישטערן, און אז מען זוכט, ווי זאגט איר, געפינט מען; מע האט געפונען באהאלטן אין די קעלערס און אף די בוידעמער, איר פארשטייט צי ניין, טאקע פון כל טוב. בא וועמען מע האט געפונען באהאלטן אביסל זילבער, בא וועמען דאס פסחיקע געפעס, בא וועמען א פלעשל „ווישניק" און בא וועמען שבתדיקע מלבושים. בא איינעם, בא אבא דעם שוחט, האט מען אויסגעטרייסלט א גאנצן מאיאנטעק — דריי שארפע מעסערס, איינגעוויקלט אין א פאטשיילע, און א זעקעלע מיט א מין זאך, וואס כאפט דעם אנבליק פון פולווער...

אט דא האט זיך אנגעהויבן א חתונה! מע האט זיך א נעם געגעבן צו אבא דעם שוחט: „וואס איז דאס בא אייך, רב ייד, פאר געווער?... דאס האט איר צוגעגרייט פאר די קאזאקן? זייט זיך מודה!"... האט זיך אבא דער שוחט גענומען דרייען אהין און אהער — ס'איז שלעכט, ער קאן זיך נישט ארויסדרייען! מילא, די מעסערס — דאס זיינען, זאגט ער. זיינע כלי־זין, זיינע אינסטרומענטן, איר פארשטייט צי ניין, זיינע הלפים „וואס־זשע האסטו זיי באהאלטן אפן בוידעם?" ער האט, זאגט ער, מורא געהאט פאר דער מאביליזאציע. פאניע, זאגט ער, מאכט מאביליזאציע, קאן זיך עס אויסלאזן בא אים, זאגט ער, מיט א פאגראם... „גוט, וואס־זשע איז אט דאס זעקעלע, וואס כאפט דעם אנבליק פון פולווער? וואס איז דאס פאר א מין?" טענהט נעבעך אבא דער שוחט: ס'איז גארניט, ס'א געלעכטער, זאגט ער, דאס איז מוהל־מעל, וואס מע

באשיט, זאָגט ער, אַ קינד תיכּף נאָך דער מילה. נאָר גיי רייד מיט קידע־דײַטש — מילה הײַנט, מילה מאָרגן, אַז יענער האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ קאַזאַקן! און ס'איז געבליבן, מע זאָל שיקן רופן דעם רב מיטן קאַזשאַנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, און אַלע איבעריקע שבעה טובי עיר, די פֿײַנסטע בעלי־בתים פֿון קרושניק, און מיך מיט מײַן יחיאלן בתוכם — און דאָ איז אָפּגעקומען אַ טרויעריקע געשיכטע, וואָס טרעפֿט זיך איין מאָל אין צענטויזנט יאָר! ס'איז כדאי, די דאָזיקע געשיכטע זאָל דערציילט ווערן גאַנץ באַזונדער און באַשריבן ווערן דורך אײַער פּענדל, לאָזן, אדרבה, יידן לייענען און לאָזן עס אונדזערע קינדער דער־ציילן פֿאַר זייערע קינדער און קינדס־קינדער, אַז ס'איז געווען אַמאָל אַ משוגעת, וואָס מע האָט עס גערופֿן מלחמה, און אַז עס איז געווען אַמאָל אַ מדינה, וואָס מע האָט זי גערופֿן פּוילן, און אַז די מדינה האָט גע־הערט צו פּאָניען, און דער דײַטש האָט געשאַרפֿט אויף איר די ציין, און דערווײַל זײַנען יידן געווען דאָס כּפּרה־הינדל, און ווער ס'האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט זיך אין אונדז נוקם געווען, זיך געבאָדן אין אונדזער בלוט... האָט קיין פֿאַריבל ניט, פּאַני שלום עליכם, אַז איך הייב אָן צו רעדן דערפֿון, נעמט מיך אָן באַם האַרצן, און איך מוז זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע, איבערכאַפּן דעם אָטעם.

7.

## די קרושניקער דעפּוטאַציע.

— — — האַלטן מיר, הייסט עס, בײַ דעם, ווי מײַן יחיאל איז מיט גאָטס זײַנער הילף בורמישטש אין קרושניק און געוועלטיקט, ווי זאָגט איר, ביד חזקה, און די פּאָליאַקן ימח שמם וזכרם גראָבן, זוכן אויף אים בלבולים און ריידן אויס אויף אים און אויף אונדז אַלעמען המנס מסירות, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז די דײַטשן האָבן גענומען מאַכן „אַביסקעס" אין שטאָט, דאָס הייסט, מע האָט גענומען זוכן און ניש־טערן און טרייסלען, און גאָט האָט זיי געהאָלפֿן, זיי האָבן אויסגעטרייסלט בײַ אַבאַ דעם שוחט באַהאַלטענע חלפֿים מיט אַ זעקל מוהל־מעל,

וואָס כאַפּט דעם אָנבליק פֿון פּולווער, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן א התונה — טאַטעניו! ראשית חכמה, האָט מען דעם שלים־מזל, דעם שוחט, הייסט עס, צוגענומען און אַריינגעזעצט אים במחילת כבודו אין קאָטשו־מענט אַריין איינעם אַליין, עס זאָל אים חלילה קיין עין הרע ניט שולט זיין, אַז קיינער זאָל צו אים ניט צוטרעטן, — און אין שטאָט איז גע־וואָרן, וואָס זאָל איך אייך זאָגן, חושך ואפילה, תשעה־באב! און מע האָט זיך א וואָרף געגעבן באַלד צו מיר: „סטיִיטש, זאָגן זיי, יאַנקל, וואָס שווייגט איר? אייער זון, זאָגן זיי, איז בורמישטש און איר זייט, זאָגן זיי, אַזאַ חשוב — איין וואָרט אַ גוטס ווען איר זאָגט, זאָגן זיי אַזוי ווערט דער שלים־מזל, דער שוחט הייסט עס, געהאָלפֿן“... טענה איך צו זיי, צו דער שטאָט הייסט עס: „טשעפּעט זיך אָפּ, זאָג איך, איר האָט, זאָג איך, אַ גרויסן טעות, מיינע ליבע יִדן! ערשטנס, זאָג איך, בין איך גאָרניט אַזאַ גרויסער חשוב, ווי אייך ווייזט זיך אויס; און אַפֿילו לאָמיר, זאָג איך, זאָגן, אַז יאָ, איז אויך נישט אַזאַ גרויסע מעלה, זאָג איך; אַדרבה, אָט ווייל, זאָג איך, מיין יחיאל איז בורמישטש און ווייל, זאָג איך, איך בין אַ חשוב, ווי זאָגט איר, אַ צד אין באָד, קאָן איך, זאָג איך, גיכער קאַליע מאַכן, זאָג איך, איידער פֿאַרריכטן, וואָרעם איר זאָלט קע־נען די דייטשן, זאָג איך, אַזוי ווי איך קען זיי, וואָלט איר דאָס נישט געזאָגט, זאָג איך; איך וועל אייך, זאָג איך, קלאָר מאַכן, וואָס אַ דייטש איז: אַ דייטש, זאָג איך, האָט פֿיינט חניפֿה, ווי אַ כשרער ייִד חזיר, און קאָן נישט ליידן פּוסטע רייד, און פֿון לשון אונטערקויפֿן, זאָג איך, איז ז'אָך אָפּגערעדט; ס'איז ניט פּאָניע, זאָג איך, איר פֿאַרשטייט צי ניין, וואָס קוקט אייך אין יד אַריין, טאָמער וועט איר אים עפּעס נתנען... דייטש, זאָג איך, איז אַן איידעלע מאַטעריע, זאָג איך!“... וואָלט שוין געמעגט זיין גענוג, איאָ? האָט איר דאָך אָבער צו טאָן מיט ייִדן זאָלן געזונט זיין! איר זאָגט זיי דאָס, ענטפֿערן זיי אייך בוידעם! זאָגט איר זיי בוידעם, ענטפֿערט מען אייך פּעטרישקע! און דאָ דעם שוחטס ווייב מיט די קינ־דער שטייען בײַ דער זייט און וויינען, און יאָמערן, און שלאָגן זיך קאָפּ אָן וואַנט. איך ווייס ניט, ווי אַזוי איר, פּאַני שלום־עליכם, איך האָב אַ טבע, אַז איך דערזע טרערן, בלייב איך געפּלעפּט. איך קאָן ניט זען, ווי יענער וויינט. איך קאָן נישט — און שוין! ניט מחמת איך באַרים זיך פֿאַר אייך, אַז איך בין אַ גוטער, נאָר דער כוח פֿון טרערן, איר פֿאַר־

שטייט צי ניין! צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? אַז ס'איז אומזיסט די טירחה, מע פֿאַרשפּאָרט מיך בעטן, מע האָט גאָר פֿון אויבן געשיקט מ י ך רופֿן, און ניט נאָר מיך אַליין, נאָר דעם רב אויך, מיט דעם קאַזשאָנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, און אויך די אַלע איבעריקע פֿײַנסטע בעלי־בתּים פֿון קרושניק. איז אונדז געוואָרן רעכט קאַלעמוטנע אַפֿן האַרצן, איר פֿאַרשטייט צי ניין, נאָר מיר האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט, און גענומען זיך גרייטן אין וועג אַרײַן, דאָס הייסט, מיר האָבן זיך אָנגעטאָן אַלע שבתדיק, מיט צילינדערס, פֿײַן, ווי עס געהער צו זײַן; עס האָט אויסגעזען, אַז נישט מע רופֿט אונדז, נאָר מיר גייען אַליין מעשה דעפּוטאַציע, איר פֿאַרשטייט צי ניין... דערווײַל האָט דערזען מײַנע, אַז איך טו אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע פֿלוצעם אין מיטן מיטוואָך, פֿרעגט זי מיך: „יאָנקל, וואָהין איז?״ זאָג איך איר ניט מסתמא, אַז מע רופֿט מיך פֿון אויבן, וואָרעם צו וואָס באַדאַרף אַ ייִדענע, אַלצדינג ווייסן? נאָר איך דערציילט איר אַ מעשה, אַז דאָס גייען מיר מיט אַ דעפּוטאַציע צום דײַטש, צום קאָמענדאַנט הייסט עס, ראַטעווען אַ ייִדן נעבעך פֿון דער תּליה. פֿאַרברעכט זי די הענט און הייבט אָן צו ליאַרעמען: „יאָנקל, מע דאַרף ניט! און אַ מכּה איז איר! און אַ דונער האָט זי דערשלאָגן! און אָן אומגליק האָט זיך גענומען אַף כּל ישׂראל, הלוואַי זאָל זי ליגן זאָגן!״ ווי געוויינטלעך, אַ ווײַב. וואָס פֿאַרשטייט אַ ייִדענע, משטייגס געזאָגט? כאָטש דעם אמת טאָר מען נישט פֿאַרלייקענען, אַז מײַנע עליה השלום איז געווען ניט אַזאַ נאַרישע ייִדענע, ווי אַנדערע ווײַבער, אָבער גאָרנישט קיין נאַרישע, מע קאָן זאָגן פֿאַרקערט, אַ ייִדענע אַ קלוגע איז זי געווען, אַ גאַנץ קלוגע, און צײַטנווײַז פֿלעגט זי ריידן גאָר ווי אַ חכמה, ווי אַ חכמה נפֿלאָה! נישט מחמת זי איז געווען מײַנע דערפֿאַר זאָג איך עס, און ניט מחמת זי איז שוין אַף דער אמתער וועלט, דערפֿאַר לויב איך זי, ווי זאָגט איר: „אחרי מות קדושים״. ניין. איך בין נישט גלײַך צו אַנדערע מאַנען. אַ סימן — ווען איר זײַט אין קרושניק און טוט אַ פֿרעג אַף מרים מירל יאָנקל יונעוועס, וואָלט איר זיך אָנגעהערט שבחים, מיט שבחים! ערשטנס, אַ ייִדענע אַ צדקנית. ניט חלילה קיין „וצדקתך״, ווי אַנדערע ווײַבער, וואָס קאָנען זיך ניט צעשיידן מיטן קרבן־מנחה, אָדער מיט צאינה־וראינה. דאָס אַחוץ. פֿרום איז זי געווען, זייער פֿרום! נאָר ווער שמועסט דען פֿון פֿרומקייט? מיר ריידן פֿון גוטסקייט ריידן מיר, פֿון לשון כּאַראַק־

מער! דאָס איז געווען אַ ייִדענע! אַ מזג טוב! אַ מענטש אָן אַ גאַל! וואָס איז שייך זאָגן אָן אַ גאַל? יעדער מענטש האָט אַ גאַל, וואָס אַז איר טרעט אים אָן, שיסט ער אויס, וואָרעם אַ מענטש איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, איר פֿאַרשטייט צי נײן? נאָר איך וויל אײַך נישט מישן אײנס אײ־נעם אַנדערן, און באַרימען זיך, ווייסט איר דאָך, אַז כ׳האָב פֿײַנט. דעריי־בער מאַך איך עס בקיצור און גיי בעסער אַריבער גלײַך צום עיקר המעשה, ווי אַזוי מיר זײַנען געגאַנגען, איך און דער רב און דער קאַזשאַנע רב, דער ראַבינער הייסט עס, און די איבעריקע שבעה טובי עיר פֿון קרוש־ניק, צום אדון בפֿקדך, צום קאָמענדאַנט הייסט עס, הערכן וואָס וועט ער זאָגן. און געגאַנגען זײַנען מיר פֿעסט, ווי אַף אַן אײַזערנעם בריק — פּאָרט, ווי זאָגט איר, אַ שטיקל חשוב באַם פּריץ, דער פּאָטער פֿונעם קרושניקער בירגערמײַסטער — מיט דער האַנט אָוועקמאַכן קאָן מען דאָס נישט! און גייענדיק אַזוי, האָבן מיר זיך דערווײַלע צוגערייט, ווי אַזוי און וואָס מיר זאָלן מיט אים ריידן, מיטן קאָמענדאַנט הייסט עס. אָנהייבן האָב איך געזאָלט, אַזוי האָבן מיר אָפּגעשמועסט, מיט די ווער־טער פֿון „ואתחנן”: „א ת ה ה ח י ל ו ת ל ה ר א ו ת א ת ע ב ד ך ” — דו, דײַטש, האָסט אָנגעהויבן צו באַווײַזן צו דײַן קנעכט, א ת ג ד ל ך — דײַן גרויסקייט; דו, הייסט עס, דײַטש, ביסט געווען צו אונדז אַלע מיט גנאָד פֿון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס דו האָסט גע־שטעלט דײַן פֿוס אַף אונדזער לאַנד”... און נאָך כדומה אַזעלכע הויכע ווערטער. צו וואָס זאָלן מיר וואַרטן, איר פֿאַרשטייט צי ניין, ביז ער וועט אונדז אַמאָל עפּעס זאָגן? אַמער, ווען מיר בעסער פֿאַרכאַפּן פֿריִער, און בדרך אגב וועלן מיר אַרײַנוואַרפֿן אַ פּאָר ווערטער וועגן שוחט, אים קלאָר מאַכן, ער זאָל וויסן, ווער דער שלים־מזל איז, דאָס הייסט, אבא דער שוחט, און צו וואָס האָט ער באַהאַלטן זײַנע חלפֿים, און וואָס באַ־דײַט דאָס זעקעלע מוהל־מעל — אַ גאַנצע דרשה. נאָר אַז ס׳איז באַשערט, ווי זאָגט איר, אַן אומגליק, נעמט עס אָפּ דאָס לשון. און אָט־אָ־דאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע מעשה פֿון טויזנט איין נאַכט, וואָס אַז איך דערמאָן זיך, שטעלן זיך מיר נאָך איצט די האָר קאַפּויר.

*
**

בקיצור, געקומען צו גיין צום קאָמענדאַנט, טרעפֿן מיר אין הויף דעם שלים־מזל, טאַקע אַבאַ דעם שוחט הייסט עס, ווי ער שטייט אַ געבונדענער, די הענט אַרונטער, און צוויי זעלנער מיט אָנגעלאָדענע ביקסן פֿון ביידע זײַטן. די זעלנער שטייען גרייט צו דער אַרבעט, און ער, דער שוחט נעבעך, טרייסלט זיך ווי אַ לולב און שעפּטשעט עפּעס שטילערהייט, אַפּנים, ער זאָגט ווידוי, ניט אַנדערש... ווילן מיר דאָך מסתמא אַ שמועס טאָן מיט אים: „רב אַבאַ, גאָט איז מיט אײַך!” טוען די זעלנער אַ ווונק צו אונדז מיט די ביקסן: הזהר והשמר — אַז טאָמער, הייסט עס, ריידן מיר אויס מיט אים אַ וואָרט, מיטן שוחט הייסט עס, אַזוי ווערן מיר געשאָסן! און אַז אַ דײַטש זאָגט, אַז ער וועט שיסן, איז ער אַ בטוח. ובפרט אין אַזאַ צײַט, ווען די גאַנצע וועלט איז, ווי זאָגט איר, משוגע געוואָרן! באַלד עפּעס — שיסט מען! מע קומט־צו צו אײַך, איר פֿאַרשטייט צי ניין, און מע זאָגט אײַך: „פֿעטער! איר האָט אַ שמעק טאַבאַק — איז גוט, אַניט — שיס איך אײַך!”... מע גיט אײַך נישט קיין צײַט אַפֿילו צו באַטראַכטן זיך, פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען! און ווער שמועסט, למשל, איר זאָלט וועלן פֿאַרענטפֿערן זיך, אַז איר זײַט גאָר קיינמאָל ניט געווען קיין טאַבאַק־שמעקער — איז חיות ניט זיכער! אָט אַזאַ וועלט איז דאָס געוואָרן, און גיי מאַך!

בקיצור, ווי אַזוי אונדז, קרושניקער ייִדן, איז געוואָרן אויפֿן האַרצן, אַז מיר האָבן דערזען דעם שוחט אַ געבונדענעם און ער זאָגט ווידוי — באַדאַרף איך אײַך נישט דערציילן; נישקשה, איר קאָנט זיך עס שוין אַליין משער זײַן. איך האָב מיר נאָר געטראַכט: „רבונו דעלמא כולה! גוואַלד געשריִען, וואָס וועט דאָ זײַן, למשל, מיט דעם ייִדן? און וואָס וועט זײַן מיט זײַן ווײַב, די אַלמנה נעבעך, און מיט זײַנע קינדער, די יתומים, טאָמער, חלילה וחס, איר פֿאַרשטייט צי ניין, אל תפתח פּה לשטן?”... און אַזוי ווי מיר שטייען אַזוי און טראַכטן, קומט ניט אַרויס צו אונדז — ניט דער קאָמענדאַנט, נאָר אַן אַנדער שוואַרץ יאָר? אַ רויטער, אַ געפּאַקטער, אַ זאַטער, נאָר - וואָס פֿײַן אָפּגעגעסן און, ווי עס ווײַזט אויס, אַביסל אויסגעטרונקען אויך, אין אַ היטל און מיט אַ ציגאַר אין די ציין, און נעבן אים שטייען נאָך צוויי אָפֿיצירן, אויך אָפּגעגעסענע אַזוי אויך אין היטלען. זיי קוקן אויף אונדז, מיר אויף זיי — מע באַטראַכט זיך, הייסט עס, איינס דאָס אַנדערע דערווײַל אַזוי, אין ווער־

טער. וואָס ווײַטער וועט זײַן — ווייסט מען ניט. וואָלט דאָס געווען ער אַליין, דער קאָמענדאַנט הייסט עס, און וואָלט ער אונדז אויפגענומען ווי מענטשן, אין שטוב, ניט אין דרויסן, וואָלט געווען גאָר אַנדערע דבורים, מיט אַנדערע ווערטער, מיט אַנדערע רייד. און אַזוי וואָס? גאָר־ניט! מע שטייט און מע שווײַגט. מיר, דאָס הייסט, איך און דער רב און דער קאַזשאָנע רב, דער ראַבינער הייסט עס, שטייען סאַמע פֿאָרנט באַם רעכטן פֿײַער, און זיי, די איבעריקע קרושניקער בעלי־בתים חשובים, שטייען הינטער אונדז און שטופּן אונדז פֿון הינטן, מיר זאָלן עפּעס אָנ־הייבן זאָגן. נאָר גייט זאָגט, אַז סע זאָגט זיך ניט! און אַגב וואַרט איך אַפֿן רב — ער איז עלטער, און דער רב וואַרט אַפֿן קאַזשאָנע רב, ער איז אַ געשוווירענער. דערזען, אַז קיינער רעדט נישט, אַ דעפּוטאַציע אָן ווער־טער, אַ שטילע וועטשערע, רופֿט זיך אָן צו אונדז ער, דער גראָבער הייסט עס: „ווער זײַט איר?" כאַפּ איך מיך שוין אַרויס, ווי אַן עזות־פּנים, יעבור עלי מה, און שטעל אים פֿאָר, אַז דער אַלטער, דער זקן הייסט עס, — דאָס איז אונדזער רב, דער ראַבינער הייסט עס, און איך בין, זאָג איך, יאַנקל יונעווער, דער פּאָטער, זאָג איך, פֿונעם קרושניקער בירגערמײַסטער. מיין איך, אַז ער וועט דאָ בטל ווערן; צום סוף — ווער־וואָס? לא קם ולא זע! דערזען, אַז גדלות גייט דאָ ניט, האָב איך אָנגע־הויבן מיט רחמים, ווי זאָגט איר, כי בתחנונים ידבר רש: „אַזוי און אַזוי, זאָג איך, מיר זײַנען געקומען צו דיר, זאָג איך, אַ דעפּוטאַציע, די פּאָרנעמסטע בעלי־בתים פֿון קרושניק, מיט אַ בקשה, זאָג איך, בעטן רחמים פֿאַר אָט דעם ייִדן", — זאָג איך, און באַווײַז אים אָן מיט דער האַנט אַפֿן שלים־מזל, אַף אבא דעם שוחט הייסט עס. הערט ער מיך אויסעט, דער גראָבער דײַטש, הייסט עס, און טוט אַ מאַך צו די זעל־נער, מע זאָל אונדז נעמען. נעמט מען אונדז, איר פֿאַרשטייט צי ניין, און מע פֿירט אונדז אַוועקעט טאַקע תוך כדי דבור און מע זעצט אונדז אַרײַנעט, ווי די אמתע גנבים, איטלעכן באַזונדער אין אַן אַנדער חדר. און געדויערט האָט עס אַ רגע כמימרא, אַ סך ווינציקער, ווי איך דערצייל אײַך! וואָלט מען כאָטש געלאָזט אונדז שיקן אַנזאָגן אַהיים, ווו מיר זײַנען — איטלעכער האָט דאָך אַ ווײַב און קינדער — איז ניין! אַרײַנ־געזעצט, צוגעשלאָסן די טיר — און שוין! פֿרעגן אַ דײַטש, פֿאַר וואָס? איז דאָך נישט שײַך! ערשטנס, וועט ער אײַך ניט ענטפֿערן. איז איינס.

און דאָס אַנדערע — מאַמער וועט חלילה זײַן נאָך ערגער, וואָרעם מלך-חמה-צײַט, איר פאַרשטייט צי ניין, אַז סע שמעקט מיט פּולווער, באַדאַרף מען גלאַט זײַן געהיט מיט אַן איבעריק וואָרט, וואָרום מי יודע, ווער פון די צדדים וועט מנצח זײַן און מיט וואָס דער סכסוך קאָן זיך אויסלאָזן? עס קאָן נאָך זײַן, ווי זאָגט איר, עליונים למטה ותחתונים למעלה, דאָס הייסט, ווער עס דאַרף ליגן אין דער ערד זאָל מנצח זײַן, און ווער עס דאַרף מנצח זײַן — זאָג דער גאָר ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל...

בקיצור, מיר זײַנען געווען גוט, גוט אין דער אַרבעט, כּמעט אַפילו, אַז מע וויל צוריק, וואָס פאַר אַ חטא האָט מען אויף אונדז געקאָנט געפינען, וואָס מיר זאָלן דאָ מורא האָבן? ובפרט, מיר האָבן דאָך צו טאָן, איר פאַרשטייט צי ניין, מיט דײַטשן! נאָר גייט ריכט זיך, אַז דאָס איז אַ צײַט, וואָס דײַטשן גופא זײַנען ניט קיין דײַטשן, פראַנצויזן קיין פראַנצויזן און ענגלענדער קיין ענגלענדער. אַלע האָבן זיך אָנגעטאָן אין פעל און האָבן זיך פאַרשטעלט, איר פאַרשטייט צי ניין, פאַר חיות, ווילדע חיות רעות צו אַלדי שוואַרץ־יאָר! ס'איז געוואָרן ערגער פונעם דור המבול, עק וועלט איז געוואָרן. איר מיינט אַוודאי, מע האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט אַ געלט־שטראָף? אָדער מע האָט אונדז חלילה געמשפּט מיט שמיץ? ניין, דאָס גראָד ניט! נאָר אַז איר זאָלט זײַן מיט אַכצן קעפּ, וועט איר אייך ניט צוטראַכטן! אַט פאָלגט מיך, מוטשעט זיך אַפילו ניט. גיט מיר עטלעכע מינוט צײַט אויף איבערצוכאַפּן דעם אָטעם, וועל איך אײַך עפּעס דערציילן אַ שיינס, און איר וועט זײַן אַזוי גוט און וועט מיר זאָגן, וואָס איז דאָס געווען: אַ שפּאַס? אַן ערנסט? אָדער אַ חלום?

8.

## קדוש-לבנה.

— — — די מעשה, וואָס איך וויל אײַך דערציילן אַצינדערט, איז אַ מעשה פון קדוש־לבנה, דאָס הייסט, ווי אַזוי מיר, קרושניקער יידן, האָבן מחדש געווען די לבנה. נאָר דערצו מוזן מיר געדענקען, אַז מיר האַלטן באַ דער סדרה „וישב", ווי אַזוי מע האָט אונדז גאַנץ פײַן

אַ ר יַי נ ג ע ז ע צ ט  אין חד־גדיא אַריַין, מיך און דעם רב, און דעם קאַזשאַנע רב, דעם ראַבינער הייסט עס, מיט אַלע איבעריקע שבעה טובי העיר ,די גאַנצע גילדענע פּאָן פון קרושניק, דערפאַר, וואָס מיר זיַינען באַגאַנגען אַזאַ פאַרברעכן — מיר האָבן זיך אָנגענומען אבא דעם שוחטס קריוודע, דאָס הייסט, מיר האָבן געבעטן פאַר אים רחמים, געוואָלט ראַטעווען, איר פאַרשטייט צי ניין, אַ ייִדן פון דער תליה.

בקיצור, זיצן מיר זיך אָט אַזוי געזונטערהייט, איטלעכער אין זיַין חדרל, ווי זאָגט איר, ניט על התורה ועל העבודה און ניט אַף צען רובל אַ וואָך זיצן מיר, נאָר מיר זיצן פשוט אין טערמע גליַיך מיט אַלע גנבים און מיט אַלע שכורים, — וואָס זאָל מען טאָן? וישב — מע האָט אונדז באַזעצט, ווי זאָגט איר, זיצט מען. זיצט מען אַ שעה, זיצט מען צוויי, זיצט מען דריַי, עס ווערט שוין באַלד נאַכט, — איך בעט איַיך, וואָס וועלן מיר אויסזיצן? און דאָרט, אינדערהיים, ווייס מען אפילו ניט וווּ מיר זיַינען — דאָס איז נאָך ערגער פון אַלץ! און חוץ לזה, גלאַט — איטלעכע זאַך מוז דאָך האָבן אַן עק! ממה נפשך, אָדער אַהין, אָדער אַהער. דער קאָפּ ווערט, זאָג איך איַיך, שיער ניִשט צעשפּרונגען טראַכטנדיק, און טראַכטן טראַכט זיך לויטער שלעכטס און לויטער ערגערס! עס שטעלט זיך מיר פאָר, ערשטנס, אַז מע משפּט אונדז קרימינאַל; און דערנאָך, ווי אַזוי מע פירט אויס אַף אונדז דעם פּסק־דין לויט דעם גאַנצן שלחן ערוך פונעם פעלד־געריכט. דאָס הייסט, מע האָט אונדז מחילה אויסגעשטעלט אַלעמען, די פיַינסטע קרושניקער בעלי־בתים, מיטן רב און מיטן קאַזשאַנע רב, מיטן ראַבינער הייסט עס, אין איין שורה, און צוועלף זעלנער מיט די אָנגעלאָדענע ביקסן שטייען שוין גרייט אַקעגן אונדז און וואַרטן נאָר אַפן גוטן וואָרט, — קומט צו גיין דער קאָמענדאַנט בכבודו ובעצמו — אַזוי שטעלט זיך מיר פאָר — און ער הייסט אונדז זאָגן ווידוי — פאָרט אַ דיַיטש אַן איידעלמאַן! ווער איך מסתמא אויפגעקאָכט און טראַכט מיר: יעבור עלי מה, שוין סיַי ווי סיַי אַ מינוט פאַרן טויט, לאָס איך מיר כאָטש קילן, ווי זאָגט איר, דאָס האַרץ, און לאָס איך אים כאָטש זאָגן, איר פאַרשטייט צי ניין, אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער! און איך הייב אָן מיטן לשון פון ויגש, און מאַך צו אים אַזוי: „ ב י  אַ ד ו נ י — הער נאָר אויס, דיַיטש, י ד ב ר  נ א  ע ב ד ך  ד ב ר  ב אָ ז נ י  אַ ד ו נ י — לאָז מיך אויסריידן אַ וואָרט פאַר דיר, ו א ל

י ח ר א פ ך ב ע ב ד ך — נאָר זאָלסט מיר קיין פאַריבל נישט האָבן״... און אַזוי ווײַטער, נישט געלייגט קיין כבוד, וואָס ער איז אַ דײַטש, איר פאַרשטייט צי ניין, און אַ קאָמענדאַנט, און וואָס אים איז געראָטן, ער האָט אײַנגענומען קרושניק... און אַזוי ווי איך טענה מיך אויס מיט אים, במחשבה הייסט עס, עפּנט זיך נישט די טיר און עס קומט נים אַרײַן אַ זעלנער מיט אַן אָנגעלאָדענער ביקס? אַרײַנגעקומען, טוט ער צו מיר אַ ווונק, איך זאָל, הייסט עס, זיך מטריח זײַן און גיין מיט אים. העלפט ניט און מע דאַרף זיך מטריח זײַן און גיין מיט אים. איך קום אַרויס אין דרויסן — שוין שטאָק נאַכט; איך קוק מיך אײַן — די איבעריקע זײַנען אויך דאָ, דער גאַנצער שפּיגל פון קרושניק, און דער רב מיטן קאַזשאָנע רב, דער ראַבינער הייסט עס, בתוכם. בײַ יעדן שטייט זיך אַ זעלנער פון הינטן, אָנגעוואָפנט מיט אַן אָנגעלאָדענער ביקס. און — דער עלטסטער פון די זעלנער טוט אַ קאָמענדעווע: „פאָרווערטס!״ — מע זאָל גיין, הייסט עס... גייען מיר שוין אַלע אינאיינעם, די גאַנצע דעפּוטאַציע, שטילערהייט אָן ווערטער, וואָרעם ריידן טאָר מען דאָך נישט, ווי זאָגט איר: אָסור לדבר! נאָר יעדער זיפץ מיט יעדן קרעכץ רײַסט אויס אַ שטיק האַרץ, אַשטייגער, אַזוי ווי, למשל, ראש השנה צו מוסף פאַר די תקיעות, האָט איר זיך צוגעהערט, ווי ייִדן קרעכצן? מער פון אַלץ האָט מיר וויי־געטאָן דאָס האַרץ אָף אונדזער רב, נעבעך אַ ייִד אַ זקן, אַ בן שבעים — וואָס זאָג איך אַ בן שבעים? ער האָט באַדאַרפט דעמאָלט, לויט מײַן חשבון, אַלט זײַן גוטע פינף און זיבעציק, און אפשר, אַז אירט מיך שטאַרק בעטן, טאַקע אַלע אַכציק, וואָרעם איך געדענק אים נאָך אָף מײַן חתונה אין יונעוו, — חתונה האָב איך געהאַט אין יונעוו, איר פאַרשטייט צי ניין, און אים האָט מען אַראָפּגעבראַכט פון קרושניק — איז ער שוין דעמאָלט געווען אַ ייִד אַ זקן, דאָס הייסט, נישט קיין זקן, נאָר גרויע האָר האָט ער שוין געהאַט, און פון מײַן חתונה ביז הײַנט האָבן מיר שוין אַ קיימאַ־לן, אַזוי גרויס ווי — איך זאָל אײַך זאָגן אַקוראַט — געדענק איך ניט, און אגב וויל איך נישט אָפּטרעטן פון דער געשיכטע, וואָס איך דערצייל אײַך, וואָרעם סע שוואַכט אָפּ, איר פאַרשטייט צי ניין, דעם ענין און מע קאָן חלילה פאַרגעסן ווו מע האַלט, כאָטש אַ זכרון האָב איך — הלוואי ווײַטער. אַ סימן האָט איר, אָט וועל איך אײַך זאָגן ווו מיר האַלטן.

מיר האַלטן אַלזאָ באַם רב, ווי ער גייט זיך אַזוי, דער זקן, אַף צו־פֿריִער, און מיר, קרושניקער בעלי בתים, נאָך אים, און מע זיפֿצט און מע קרעכצט און מע טאָר קיין וואָרט נישט אַרויסריידן. און וואָלטן אונדזערע היימישע געוווּסט, ווו מיר זײַנען, און וואָלטן מיר אַליין כאָטש געוווּסט, וווּהין מע פֿירט אונדז — איז גיין! ווי זאָגט איר, **כצאן לטבח יובל** — ווי די שאָף צו דער שלאַכט. אַף אַ גוט אָרט מע זאָל אונדז פֿירן — דאָס זעט מען נישט, וואָרעם ווי וואָלט אונדז דער דײַטש ניט געזאָגט, וווּהין מיר גייען? און אַז מע וואָרט דאָרט אַף אונדז מיט כבודים — דאָס אַוודאַי נישט, וואָרעם ער וואָלט אונדז נישט אַזוי געטריבן, ווי ער טרײַבט אונדז — „פֿאָרווערטס" און „פֿאָרווערטס"! און אײדער מיר קוקן זיך אַרום, זײַנען מיר שוין אַף דער טויטער גאַס, דאָרט, ווו מע גייט צום נײַעם הייליקן אָרט. איך זאָג „צום נײַעם", מחמת אין קרושניק האָבן מיר, ברוך השם, צוויי בית־עלמינס, איינעם אַן אַלטן און איינעם אַ נײַעם, דאָס הייסט, דער נײַער איז שוין אויך גענוג אַלט, און קיין עין־הרע פֿײַן באַזעצט, אַ קבר נעבן אַ קבר, מע וועט שוין באַלד דאַרפֿן אָפּ־נעמען פֿעלד אַף אַ דריטן בית־עלמין, אויב גאָט, הייסט עס, וועט שענ־קען דאָס לעבן, די מלחמה וועט אַמאָל האָבן אַן עק, און קרושניק וועט בלײַבן קרושניק, און יידן וועלן זײַן יידן...

בקיצור, למאַי זאָל איך אײַך לאַנג מאריך זײַן? אַזוי ווי מיר גייען שײַנט אַרויס די לבנה און מיר טוען אַ קוק — מיר זײַנען שוין גאָר ניט ווײַט פֿונעם בית־עולם; אָט איז דער טויער, אָט איז דאָס „אוהל", און אָט זײַנען מיר אַלע דאָ! וואָס זאָל איך קלערן, אַשטייגער? מסתמא איז עמעצער געשטאָרבן אין שטאָט אַן אדם־חשוב, אָדער אפֿשר האָט מען געבראַכט צופֿירן אַהער פֿון ערגעץ אַ בר־מינן, וואָס מע דאַרף אים ברענ־גען צו קבר־ישראל? אײַ, צו וואָס באַדאַרפֿן מיר זײַן דערבײַ? און צו וואָס מיט אַזאַ לוויה פֿון זעלנער? איז דער תירוץ: למאַי וואָס דען האָט מען אונדז געבראַכט צופֿירן אַהער פּלוצעם אין מיטן באַנאַכט אַף קבר־אָבות? דערווײַל, אַזוי ווי מיר טראַכטן דאָ, מיר טוען אַ קוק — ער איז אויך דאָ, דער שלים־מזל, אבא דער שוחט הייסט עס! ער און צוויי זעל־נער מיט אים! וואָס טוט דאָ דער שוחט? גאָר אַ קלייניקייט: ער שטייט מיט אַ גראָבאײַזן אין האַנט און גראָבט אַ קרקע און וויינט, גיסט מיט טרערן... איז אונדז די זאַך באַלד נישט געפֿעלן: ערשטנס, פֿון וועמענס

ויען גראבט ער עס א קרקע? והשנית, וואס איז אבא דער שוחט פאר א גרעבער? און חוץ לזה, וואס איז דאס וויינען, וואס ער וויינט? פון אלע זייטן, איר פארשטייט צי ניין, איז דאס קשה, פלאי פלאים, גארניט צו פארשטיין!

עס האט אבער קיין סך צייט נישט גענומען, אפשר אזוי פיל, ווי איך דערציייל אייך, און אפשר נאך ווינציקער, און עס זיינען פארענטפערט געווארן אלע קשיות. דער עלטסטער פון די זעלנער האט געגעבן א קאַמאנדעווע, און ס'איז באשאפן געווארן, איך ווייס ניט פון וואנען, עטלעכע זאסטופעס מיט עטלעכע גראבאייזנס, און מע האט אונדז גענומען, איר פארשטייט צי ניין, און מע האט אונדז אוועקגעשטעלט, אפגעטרעטן איינס פון דאס אנדערע עטלעכע טריט, געגעבן איטלעכן באזונדער א זאסטופ אין האנט אריין און באפוילן, מיר זאלן מוחל זיין זיך גראבן קברים, יעדער באזונדער פאר זיך א קרקע, מחמת ניט שפּעטער ווי אין א פאר שעה ארום — אזוי האט מען אונדז געגעבן צו פארשטיין — ווערן מיר געשאסן...

איר ווילט וויסן, ווי אזוי מיר האבן געפילט, בעת מע האט אונדז אנגעזאגט די דאזיקע בשורה טובה? איז פאר יענע קאן איך אייך ניט זאגן, דאס איז זייער עסק. נאר פאר זיך בין איך אייך ערב און איך שווער אייך בהן שלי, אז גארניש. אבער טאקע ממש גארניש! דאס הייסט, וואס איז שייך גארניש? א לעבעדיקער מענטש, א געזונטער און א שטארקער, מיט א ווייב מיט קינדער, גיט מען אים פלוצעם א זאסטופ אין האנט אריין און מע הייסט אים, איר פארשטייט צי ניין, ער זאל מוחל זיין זיך אליין אויסגראבן א קרקע, מחמת אט באלד ווערט ער געשאסן! איך בעט אייך, פאני שלום־עליכם, בארעכנט עס נאר אקוראט, מיט קאפ, איר האט עפעס אין דעם א באגריפיע? ניין, דאס באדארף מען אליין איבערלעבן; יענעם געבן צו פארשטיין איז ארויסגעווארפן! נאר וואס דען? מען איז דאך עפעס א מענטש א בר־דעת, מיט א שכל־הישר, טוט מען א טראכט אהין־אהער און מע גיט זיך אליין א רייד אויס דאס הארץ: „מילא, וואס איז דא? אויך די אייגענע מעשה, ווי זאגט איר, אז גאט הייסט שטארבן, קאן מען קיין חכם נישט זיין און מע דארף שטארבן. ביסט דאך נישט איינער, עס שטארבן איצטערט מענטשן אין די אלפים, אלפי אלפים, ווי

פליגן פאַלט מען, ווי שטרוי! עלעהיי, לאָז זיך דיר דאַכטן, יאַנקל יונג־ווער, אַז דו ביסט אויך אַ זעלנער און אַז דו ביסט אויך אין סאַמע פייער. שוטה! ווער טראַכט בעת מלחמה וועגן עפּעס אַנדערש, אַז נישט וועגן טויט? וואָרעם אין תוך אַריין געשמועסט, וואָס איז דען מלחמה, אַז ניט דער מלאך־המות אַליין? היינט וואָס איז שייך צו זאָגן אָפּן מלאך־המות, איר פאַרשטייט צי ניין, אַז ער זאָל מורא האָבן פאַרן טויט?"... טראַכט אייך קאָרשט אַריין אין דעם, רב שלום־עליכם, וועט איר אַרויס־זען, ווי טיף דאָס איז!

בקיצור, צו וואָס פילוסופיא? איר ווילט דאָך וויסן דעם שפּיץ. איז קאָן איך אייך זאָגן ווייט, אַז איך אַליין ווייס בסך הכל גלייך מיט אייך וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. עפּעס אַ מהומה איז געוואָרן פּלוצעם, אַ טומל פון גאָט, אַ באַראַבאַנען פון פּויקן און אַ לויפעניש פון זעלנער און אַ טופּען פון פערד — רבונו דעלמא כולה! וואָס טוט זיך דאָ? אַן איבער־קערעניש? סדום ועמורה? ערדציטערניש? משיחס צייטן? עק וועלט? אין איין כהרף־עין זיינען אונדזערע זעלנער פאַרשוווּנדן געוואָרן, און מיר, קרושניקער ייִדן, זיינען געבליבן איינע אַליין אָפּן נייעם בית־עולם מיט די זאַסטופּעס אין די הענט — און שאַ! מיר האָבן פאַרשטאַנען, דאָס הייסט, פאַרשטיין האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען גאָרנישט ניט, למאי זאָל איך זאָגן אַ ליגן? נאָר דערפילט האָבן מיר מיט אַלע אונדזערע חושים, איר פאַרשטייט צי ניין, אַז דאָ איז עפּעס געשען **אַזעלכעס, וואָס** איז חוץ לדרך הטבע, טאַקע נאָר אַ נס מן השמים, און אַז מיר זיינען ניצול געוואָרן פון אַ סכנה! נאָר פונדעסטוועגן, מיר זאָלן עפּעס קאָנען ריידן, עפּעס זאָגן איינס דאָס אַנדערע — דאָס לאָ! עס האָט אונדז, איר פאַרשטייט צי ניין, אָפּגענומען די צונג — און שוין! און ווי איין מענטש, גלייך ווי מיר וואָלטן זיך אויפגערעדט פון פריִער, האָבן מיר אַוועקגע־לייגט די כלי־זיין, גענומען די פיס אָף די פּלייצעס, און, ווי זאָגט איר, הלך משה מרדכי — זיך געלאָזט גיין, פריִער פּאַוואָלינקע, דערנאָך אַביסל גיכער, און דערנאָך לויפן, אָבער טאַקע לויפן, איר פאַרשטייט צי ניין, ווי מע לויפט פון אַ שרפה! פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אונדז אַזוי פיל מוט? און ועל כולם, דער רב, דער זקן — ווו האָט ער גענומען כח צו לויפן מיט אַזאַ אימפּעט? והראיה, ער איז טאַקע נעבעך גיך צוגע־שטאַנען, נישט געקאָנט לויפן ווייטער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, צו־

האַלטנדיק זיך מיט דער האַנט באַם האַרצן, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם. האָבן מיר שוין צוליב אים אויך אָפּגעשטעלט זיך — ס׳איז ניט קיין דרך־ארץ איבערלאָזן אַ רב אַליין אין מיטן גאַס. און ריידן קאָנען מיר נאָך אַלץ ניט, און וויסן וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען — ווייסן מיר נאָך אַלץ נישט, נאָר מיר הערן ווי מע פֿויקט און ווי מע לויפֿט און ווי מע שיסט, עפּעס טוט זיך, גאָט, אַפּנים, רעכנט זיך פֿאַר אונדז, ווי אין פּסוק שטייט: ה׳ ילחם לכם ואתם תחרישון — יאָ, מיר שווײַגן, קאָנען נישט ריידן! דער ערשטער, וואָס האָט יאָ אַרויסגערעדט אַ וואָרט, איז געווען דער רב דער זקן. „קינדער! — האָט ער זיך אָנגערופֿן צו אונדז, קוקנדיק אַרויף, צו דער שײַנענדיקער לבנה. — ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, זאָגט ער? אַז דער איבערשטער, זאָגט ער, האָט יאָ אַזוי געפֿירט, ער האָט רחמנות געהאַט אויף אונדזערע ווײַב און קינדער, זאָגט ער, און מיר זײַנען אַרויס פֿון אַזאַ סכנה, קומט אים, זאָגט ער, מיר זאָלן אים מחדש זײַן זײַן לבנה, ס׳איז הײַנט די רעכטע צײַט״... און נישט לאַנג געטראַכט, שטעלט ער זיך אָוועקעט אין מיטן שטאָט אַקעגן דער לבנה, דער רב הייסט עס, און מיר אַלע אַרום אים, און דער רב האָט אָנגעהויבן פֿריילעך אויף אַ קול „הללויה״! און מיר אַלע נאָך אים, און וואָס ווײַטער אַלץ לעבעדיקער, און אַז ס׳איז געקומען צום „כשם שאני רוקד״, האָבן מיר אונטערגעשפּרונגען שוין גאָר לעבעדיק, ממש אונטערגע־מאַנצט! — אַזאַ קדוש־לבנה, מעגט איר מיר גלייבן בנאמנות, האָט קרושניק נאָך נישט געהערט, זינט קרושניק איז קרושניק, און וועט שוין נישט הערן, דאַכט מיר, קיין מאָל! דאָס איז געווען, ווי זאָגט איר, שוין איין מאָל אַ קדוש־לבנה! איר קאָנט פֿאַרשטיין, ווי ווײַט מיר זײַנען גע־ווען גאָרנישט כהאי עלמא, אַז ס׳איז געקומען צו די „שלום־עליכמס״, הער איך עפּעס עמעצער זאָגט צו מיר מן הצד גלײַך אין אויער אַרײַן און מיט אַ געוויין: „שלום עליכם?״ ענטפֿער איך אים „עליכם שלום״! און קוק מיך אײַן — ס׳איז ער! דער שלים־מזל! אבא דער שוחט, הייסט עס! ווי קומט ער אַהער? איז ער דען אויך געווען מיט אונדז אויף קבר אבות? טפֿו זאָל דאָס ווערן! איך האָב גאָר פֿאַרגעסן, אַז ער איז דאָ גע־ווען דער ערשטער! אַפּנים, מיר זײַנען אַלע געווען, איר פֿאַרשטייט צי נייַן, רעכט מטושטש! מיר האָט זיך נאָר געוואָלט אַרומכאַפּן דעם דאָ־זיקן שלים־מזל און צעקושן זיך מיט אים, און ועל כולם האָט זיך מיר

געוואָלט צעקושן מיטן רב, זכותו יגן עלינו, ער איז שוין איצט אַף דער אמתער וועלט, און אַ סוף האָט ער געהאַט — הלוואַי אַף אונדזערע שונאים געזאָגט געוואָרן, רבונו של עולם! איר וועט שוין הערן, איך וועל אײַך נישט דורכלאָזן קיין זאַך, האָט קיין מורא ניט. דאָס איז געווען אַ ייִד! ווו זעט מען הײַנט אַזעלכע ייִדן? שטעלט אײַך פֿאָר וואָס אַ רב קאָן: פֿאַרטיק געוואָרן מיט קדוש־לבנה, ווילט זיך אים נאָך זאָגן אַ פּאָר ווערטער, זיך שטעלן אַף אַ פּסוק, און דווקא פֿון שיר־השירים: „קול דודי — האָט ער אָנגעהויבן — הנה זה בא”... דעם חסרון, מוז מען זאָגן, האָט ער געהאַט, זאָל ער מיר מוחל זײַן: ער פֿלעגט ליב האָבן צו זאָגן, דרשנען הייסט עס. האָבן מיר זיך מיישב געווען: ניין! קדוש־לבנה איז עפּעס אַנדערש, נאָר דרשות הערן מיט פּסוקים פֿון שיר השירים באַנאַכט, אין מיטן שטאָט, נאָך אַזעלכע פּחדים און נאָך אַזעלכע נסים מיט גבורות ונפלאות — דאָס, רבי, לאָז שוין זײַן אַף אַן אַנדערש מאָל! און מיר האָבן פֿאַרקאַטשעט די פּאָלעס, איר פֿאַרשטייט צי ניין, און גענומען לויפֿן יעדער צו זיך אַהיים, האָבן מיר געטראָפֿן אַ נײַע חתונה! אָבער אַזאַ חתונה, וואָס אַלע חתונות, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביז אַהער, זײַנען אַ גאָרניש, אַ קינדער־שפּיל! דאָס וועט איר אַליין אויך זאָגן. נאָר איך זע, איר זײַט שוין מיד און ווילט שלאָפֿן. אַ גוטע נאַכט. אם ירצה השם, מאָרגן זעען מיר זיך, וועל איך אײַך דערציילן אַ נײַע מעשה.

9.

## ער הענגט שמונה - עשרה.

— — — ייִדן באַרימען זיך מיט זייער קעשעניוו. קעשעניוו, זאָגן זיי, האָט זיך קונה שם געווען אַף דער וועלט מיט אירע פּאָגראָמען און מיט אירע כוליגאַנעס. כאַ־כאַ! ניִשטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן! אויך מיר אַ שטאָט — קעשעניוו! קעשעניוו איז אַ הונט אַקעגן קרושניק! הערט איר, פֿאַני שלום־עליכם? קעשעניוו באַדאַרף הייצן די הרובע באַ קרושניק! קעשעניוווער כוליגאַנעס, זאָלן מיר מוחל זײַן, מעגן קומען קיין קרושניק זיך לערנען באַ אונדזערע שליאַכטעס און באַ פּאָניעס קאָזאַקן, ווי אַזוי

מע דאַרף זיך רעכענען מיט אַ ייִדן. ערשטנס, ווי פֿאַרמאָגט דען קעשעניוו דאָס געווער מיט די האַרמאַטן? דאָרטן, אַז מען איז געגאַנגען צעשלאָגן אַ שטוב, האָט מען זיך צונויפֿגענומען הונדערט גויִים, און מע האָט באַדאַרפֿט דערצו שטעקנס מיט שטיינער מיט קליינע שטיינדלעך, — און וואָס קאָן מען מאַכן מיט אַזעלכע כּלי־זין, משטיינס געזאָגט? ביז מע צעשלאָגט צוויי־דרײַ הײַזער, ביז עפּעס־וואָס, קילט אָפּ דער כּעס — און אויס! און דאָ, באַ אונדז אין קרושניק, איין צענדליק גוטע ביקסלעך, אָדער איין האַרמאַט אַ רעכטער, אַז ער לאָזט אַרויס אַ פּאָר קוילן, צעשיסט עס אַ גאַנצע גאַס און ווישט אײַך אָפּ דעם מאַרק מיט די קלייטן און מיט די יאַטקעס און מיט אַלע הײַזער אַרום און אַרום! וואָס דאַרפֿט איר אַ סך לומדות? אָט האָט מען באַ אונדז אין איין שמע־ישׂראל אָפּגעווישט גאַנץ קרושניק, אַזוי, אַז ס'איז נישט געבליבן פֿון דער שטאָט קיין שׂריד ופּליט, קיין זכר אַפֿילו! מיטן פֿונדאַמענט האָבן זיי באַ אונדז אויסגעוואָרצלט אַלצדינג, וואָס איז שײַך צו ייִדן, גלײַך ווי זיי וואָלטן אַרײַן ניט צו זיך, נאָר צום שונא אין לאַנד אַרײַן, און גלײַך ווי קרושניק וואָלט געווען מי יודע וואָס פֿאַר אַ באַפֿעסטיקטע שטאָט! אַ מין פּאַריז! צי אַ מין וואַרשאָ! אַז בסך הכּל, דאַרפֿט איר וויסן, איז קרושניק פֿון תּמיד אָן געווען אַ שטאָט, ווי אַזוי זאָל איך אײַך זאָגן? אַ הפקר־שטאָט, אַ שטאָט, איר פֿאַרשטייט צי ניין, וואָס שטייט אינדרויסן. נישט קיין הויפֿן, נישט קיין סעדער, נישט קיין גערטנער, קיין פּאַרקאַנעס, קיין אַרומצוימאַכצן, נאָר שטיבער מיט שטיבלעך, נאַקעטע, הוילע, אָרעמע, ייִדישע הייזלעך — האָט מען זיי צעקלאַפּט, צעלאָמעט, צעשאָסן, צעהאַקט, צעריבן, צעמאָלן און אָפּגעווישט — אויס, נישטאָ קרושניק!

און מיינט איר — נאָר קרושניק? אַזוי איז געווען מיט קרושניק, און אַזוי איז געווען אויך מיט יונעוו, און מיט ראַכעוו, און מיט מאַזעלבאָזשעץ, און מיט בילגעריי, און מיט די אַלע איבעריקע ייִדישע שטעטלעך אַרום און אַרום, ביז לובלין, ווײַל לובלין איז דאָך די הויפּט־שטאָט, איך מיין די גובערניע, און דאָרטן זיצן חוץ ייִדן, אויך פּריצים און פּאָליאַקן, און אײַנגאַנצן די רציחה אַף אונדז האָט זיך גענומען פֿון זיי, פֿון די פּאָליאַקן. ווען ניט די פּאָליאַקן מיט זייער גיסן בוימל אַפֿן פֿײַער, מיט זייער טראָגן אין די אויערן אַרײַן, וואָלט אפשר גאָרניט געווען. דער ערשטער האָט זיך אויסגעפֿײַנט פּאַן פּשעפּעצקי, דער וואָיט פֿון דער גמינע,

וואָס איך האָב אײַך דערציילט וועגן אים אין מײַנע פֿריִערדיקע מעשיות. ער האָט באַלד, נאָך אין יענער נאַכט פֿון קדוש־לבֿנה, אָפּגעטראָגן צום „נאַטשאַלניק" אין אויער אַרײַן, אַז מיר, קרושניקער ייִדן, הייסט עס, זײַנען געווען מיט די דײַטשן איין האַנט. אַ סימן, זאָגט ער, קיינער פֿון זיי האָט נישט געוואָלט, זאָגט ער, אַנטנעמען דאָס שטרײַמל פֿון בורמישטש, נאָר איין יחיאל מײַנער האָט דאָס, זאָגט ער, אָנגענומען... מער האָט פֿאַניע נישט באַדאַרפֿט. עס האָט זיך אָנגעצונדן אין אים אַ פֿײַער אױף אַלע ייִדן, און מער פֿון אַלעמען אױפֿן בירגערמײַסטער אַליין, דאָס הייסט, אױף מײַן יחיאלן, און ס'איז אַרויס אַן „אוקאַז" פֿונעם שטאַב, מע זאָל אים אויפֿזוכן, יחיאלן הייסט עס, און מע זאָל אים ברענגען צו פֿירן אַ לעבע־דיקן אָדער אַ טויטן! און נישט נאָר אים אַליין — אונדז אַלעמען, די גאַנצע גילדענע פּאַן פֿון קרושניק, מיטן רבֿ און מיטן קאַזשאָנע רבֿ, דעם ראַבינער הייסט עס, זאָל מען נעמען, איר פֿאַרשטייט צי ניין, און מע זאָל אונדז ברענגען צו פֿירן — ער וויל אונדז זען, פֿאַניע הייסט עס. און טאָמער מיינט איר, אַז איך האָב עס ניט געוווּסט פֿריִער, אַז ס'וועט אַזוי זײַן? געוווּסט! ווי איר זעט מיך אַ ייִדן! אַ סימן האָט איר — איך האָב זיי באַלד געזאָגט: „ייִדן, זאָג איך, ווי גאָט איז אײַך ליב, לאָמיר זיך, זאָג איך, אָפּטראָגן!" באַצײַטנס נאָך האָב איך זיי דאָס געזאָגט, ווײַבאַלד מיר האָבן נאָר דערהערט, אין יענער נאַכט, אַז דער דײַטש ל ו י פ ט און אַז פֿאַניע ג יי ט , וואָרעם דאָרט, וווּ פֿאַניע שטעלט אַוועק אַ פֿוס, האָב איך געוווּסט, וועט קיין גראָז נישט וואַקסן. איך האָב זיי געזאָגט, זאָג איך: „לאָמיר לויפֿן אין דער וועלט אַרײַן, וווּ, זאָג איך, די אויגן וועלן טראָגן, אַבי, זאָג איך, ניט זײַן דאָ!" האָב איך אַפֿילו באַ זיי אַלעמען כּמעט ווי געפּועלט. האָט זיך אָבער איינער אַוועקגעשטעלט — דאָס איז געווען דער רבֿ, דער זקן. ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט — איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, ער וויל נישט, ער וויל ניט, זאָגט ער, לויפֿן סתם אין דער וועלט אַרײַן פֿאַר כּל הון דעלמא, זאָגט ער; אַז דער שומר ישׂראל, זאָגט ער, וועט אונדז וועלן אויסהיטן, וועט ער אונדז, זאָגט ער, אויס־היטן, ווי ער האָט אונדז אויסגעהיט ביז אַהער, און טאָמער חלילה נישט, איז אַ סימן, זאָגט ער, אַז ס'איז אונדז אַזוי באַשערט. און אויב אַזוי, זאָגט ער, לאָז כאָטש זײַן, ווי אין פּסוק שטייט: ו ש כ ב ת י ע ם א ב ו ת י — דאָס הייסט, אים האָט זיך געוואָלט פּשוט קומען צו קבֿר

ישראל און ליגן דווקא באַ זיך אין קרושניק אפֿן הייליקן אָרט — פֿאַראַן אַלערליי יצר־הרעס אַף דער וועלט... נאָר אַפֿילו אַזאַ פֿאַרגעניגן קאָן זיך אויך אַ ייִד נישט פֿאַרגינען. ווי זאָגט איר, אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. ער האָט זיך נישט גערעכט, אונדזער רבֿ, הייסט עס, אַז ער וועט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון צוויי־פֿיסיקע חיות, וואָס זײַנען ניט אויסן קיין זאַך, נאָר מענטשלעך בלוט, און איבערהויפּט — ייִדיש בלוט!...

אָנגעהויבן האָט זיך די חתונה נאָך פֿון באַנאַכט, ווי איך האָב אײַך שוין דערציילט. פֿאָניע האָט זיך אַ לאָז געגעבן איבער די הײַזער זוכן און נישטערן, טאָמער האָט זיך פֿאַרוואַלגערט ערגעץ מכלומרשט אַ דײַטש, און, זוכנדיק, האָט מען דערוויַיל געטאָן דאָס, וואָס פֿאָניע דאַרף טאָן, דאָס, למשל, וואָס פֿאָניע האָט געטאָן אין קעשעניוו, אין ביאַלים־טאָק, אין באַלטע, אין קאַטערינעסלאַוו און אין אַנדערע ייִדישע שטעט, — מיט דעם אונטערשייד, וואָס דאָרטן איז מען באַפֿאַלן און מע האָט געשלאָגן און געראַבעוועט, און דאָ האָט מען מיט ישובֿ־הדעת פֿריִער אויסגעטרייסלט אַלע קעשענעס און נאָכגעפֿרעגט זיך באַ יעדן „טשאַסיקי, טשאַסיקי" — זייגערלעך, זייגערלעך! און געמיינט האָט מען נישט דווקא זייגערלעך נאָר אויך קייטלעך, פֿינגערלעך, אויערינגלעך, און בײַטעלעך מיט געלט איז אויך נישקשה. און דערנאָך שוין, אַז מע האָט אַלצדינג צוגענומען, מקיים געווען, ווי זאָגט איר, דעם פּסוק „וינצלו את מצרים", האָט מען שוין אַ נעם געגעבן זיך אויך צו די נפֿשות: געבונדן, געשלאָגן, געשטאָכן, געשאָסן, געהאַנגען — און איבערהויפּט געהאַנגען! געהאַנגען האָט מען באַ אונדז אַזוי פֿיל, אַז ס'איז נישט געווען שוין קיין ביימער און קיין סלופּעס. האָט מען איבערגעלייגט קלעצער אַף אַ דאַך, און דאָרטן, אַף די קלעצער, האָט מען אויפֿגעהאַנגען אונדזערע אחינו בני ישראל פֿון קרושניק אײַנציקווײַז... אײַנציקווײַז...

דעם ערשטן פּעטשאַטעק האָט געמאַכט דער רבֿ, דער זקן, זכר צדיק לברכה. צו אים האָבן די קאָזאַקן זיך אַרײַנגעריסן גאַנץ פֿרי, כּמעט פֿאַר טאָג נאָך; ער האָט נאָר־וואָס געהאַט אָנגעטאָן טלית ותפֿלין און גע־שטעלט זיך דאַווענען, זײַנען זיי אַרײַן, ווי אַ וואַסער, און האָבן זיך געגעבן אַ לאָז צו אים: „וואָדקאַ!" — ער זאָל זיי געבן בראָנפֿן, הייסט עס. וואָס עפּעס בראָנפֿן? פּשוט, אַפֿן ניכטערן האַרצן, איר פֿאַרשטייט

צי גיין, מענטשן זײַנען אויסגעהונגערט און מיד, ווילט זיך נעבעך אַ טרונק בראָנפֿן. נאָר ווי קומט צו אַ רב אַ זקן דער ביטערער טראָפּן? און נאָך אין אַזאַ צײַט, וואָס דאָס ביסל משקה איז בײַ פּאַניען אין חרם? באַווײַזט ער זיי מיט די הענט, ווײַל נישט מפסיק זײַן, אַז קיין בראָנפֿן האָט ער נישט אין זײַן גבול אַפֿילו. קריגט ער אַ פּאַטש מסתמא מיט אַ רעכטן מי־שברך אינאיינעם, גליטשט זיך אַראָפּ בײַ אים דער של־ראש פֿון קאָפּ, בייגט ער זיך אָן און וויל אים אויפֿהייבן, כאַפּט ער אַ קלאַפּ פֿון הינטן איבערן קאָפּ און פֿאַלט חלשות. נעמען די קאָזאַקן און וויקלען אים אײַן גאַנץ פֿײַן אין טלית ותפֿלין, בינדן אים צו צו אַן עק פֿון אַ פֿערד, מחילה, און שלעפּן אים אַוועק אַ האַלב־מײַל איבער דער גאַנצער שטאָט אין מאַרק אַרײַן און הענגען אים אויף אַף אַ בוים, און שטעלן אַוועק אַ יון און זאָגן אים אָן, אַז אָט אַזוי זאָל ער הענגען דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט, קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן אים אַראָפּנעמען.

און אָט אַזוי איז געבליבן הענגען דער רב, דער זקן, אַ צעהרגעטער, אַ צעבלוטיקטער, אין מיטן מאַרק, אין טלית ותפֿלין, געשאָקלט פֿונעם ווינט אַהין און אַהער, אויסגעזען גלײַך ווי ער דאַוונט, גלײַך ווי ער שטייט שמונה עשרה. און ווער עס גייט דורך, שטעלט זיך אָפּ, קוקט אָן און לויפֿט אַוועק אַ פֿאַרציטערטער און זאָגט אָן דעם צווייטן, דער צווייטער — אַ דריטן, דער דריטער — אַ פֿערטן, איינער דעם אַנדערן: „גייט זעט!"... און דער עולם לויפֿט! וואָס לויפֿט איר? בהמות! פֿערד! וואָס האָט איר דאָ נישט געזען? איר האָט קיינמאָל קיין געהאַנגענעם ניט אָנגעקוקט? צי װעלכע גוטע יאָר?... נאָר צוריק געשמועסט, נעמט מיך אַליין טאַקע, אַזאַ אַלטער נאַר ווי איך בין, — וואָס בין איך געלאָפֿן אָנקוקן? וויפֿל געזונט האָט עס מיך דערנאָכדעם געקאָסט? וויפֿל נעכט בין איך נישט געשלאָפֿן?... און עד היום נאָך, לאָמיך זיך נאָר פֿאַרטראַכטן, אָדער צומאַכן די אויגן, שטייט ער דען ניט מיר אַקעגן, דער רב דער זקן, ווי ער הענגט אויפֿן בוים, אַ צעבלוטיקטער, אַ בלויער, אַ פֿאַרגליווערטער, אײַנגעוויקלט אין טלית ותפֿלין, שאָקלט זיך אַהין און אַהער, גלײַך ווי ער דאַוונט, גלײַך ווי ער שטייט שמונה־עשרה — וואָס זאָג איך? ניט ער שטייט, נאָר ער *הענגט*! איר פֿאַרשטייט צי ניין? ער *הענגט שמונה־עשרה*!

נאָר ווייסט איר וואָס איך וועל אײַך זאָגן? פּתח שין איז שאַ! לאָ־

מיר דערפון היינט נישט ריידן מער! לאָמיר בעסער ריידן, ווי זאָגט איר, פון פריילעכערע זאַכן — באַ אײַך איז ניט געווען קיין פּאָגראָם? באַ אײַך האָט מען קיין ייִדן נישט געהאַנגען? פון וואָסער אַ לאַנד, אײַגנטלעך, לויפט איר, פּאַני שלום־עליכם?

## .10

## פּאַניע וויל יחיאל זאָל גיין הויך...

— — — איך בעט אײַך, פּאַני שלום־עליכם, מאַכט מיך קלאָר, וואָס איז דער מער מיט דער עקדה, וואָס אַלע תּפילות און דער גאַנצער סדור זײַנען פול מיט איר? נעמט, למשל, ימים נוראים, איז אויף יעדן שריט און טריט דערמאָנען מיר דעם רבונו־של־עולם: ז כ ו ר ל נ ו ע ק ד ת י צ ח ק — זאָלסט אונדז דערמאָנען די עקדה פון יצחק! זאָלסט אונדז נישט פאַרגעסן, הייסט עס, די טובה, וואָס מיר האָבן דיר געטאָן דורך אונדזער עלטער־עלטער־זיידן, דורך אברהם אבינו!... און אין מחזור, אַז עס קומט צום ו ב ב ן ה נ ע ק ד, צעלאָזט זיך עס אַביסל דער חזן, צעגיסט זיך ווי אַ סאָלאָוויי — וואָס איז? באשר אברהם אָבינו האָט געפאָלגט דעם רבונו־של־עולם און האָט געזאָלט אויפברענגען זײַן זון יצחקן פאַר אַ קרבן. זעט נאָר, וואָס דאָ טוט זיך אַ ביסל! הערט נאָר, ווי מע גוואַלדעוועט! שוין אַזוי פיל צײַט אַוועקגעגאַנגען, טויזנטער יאָרן, און מע קאָן זיך גאָרניט אויסצאָלן! מיינט איר דאָך אוודאי, אַז איך מאַך דאָס חוזק חלילה פון גאָט און פון זײַנע תּפילות? פאַרשטייט איר אַליין, אַז איך בין ניט דער ייִד. מיר פאָרן דאָך מיט אײַך אויף איין שיף, ברוך השם, שוין העכער אַ וואָך, האָט איר מיך באַדאַרפט דערקענען, אַז איך בין ווײַט פון אַן אפּיקורס און פון אַן אָפּשפּעטער. נאָר וואָס דען? איך זאָג עס אָקעגן דעם, וואָס דאָרט האָט גאָט אַליין געוואָלט אויספּרוּוון אברהם אָבינון, ווי געטרײַ ער איז צו אים, נאָר אַ פּרוּוו טאָן; און דאָ באַ מיר האָט פּאַניע, באַלף אַלפי הבדלות, מיך געוואָלט צ ו י נ ג ע ן, אַז איך אַליין, איר פאַרשטייט צי ניין, זאָל מיט מײַנע אייגענע הענט נע־מען און באַשטראָפן מײַן זון!... מאָלט אײַך, אַזוי לאַנג קרענקט דער,

וואָס מיר בײדע ווײסן, ווי לאַנג ער האָט דאָס בײַ מיר אויסגעפּירט! און אַז איך זאָל וויסן, אַז דער טויט וועט מיר זײַן, ממש דער טויט, — נו, וואָלט ער עס בײַ מיר אויסגעפּירט? והראיה? — נאָר איך האָב פֿאַרגעסן, אַז איר האָט ליב אַ מעשה זאָל מען אײַך דערציילן בהדרגה, און פּאַוואָלינקע, נישט פֿאַרכאַפּט, ווי זאָגט איר, די מוספֿדיקע שמונה־עשרה פֿאַר דער שחריתדיקער. איך אַלײן, ווי איר האָט מיך באַדאַרפֿט דערקענען, בין איך אַזאַ מענטש ווי איר. ובפֿרט, אַז מיר בײדע האָבן דאָ גענוג צײַט אויפֿן שיף.

הקיצור המעשה, האַלטן מיר, אַפּנים, דערבײַ, ווי אַזוי די פּאָליאַקן, הייסט עס, האָבן אונדז פֿאַרמסרט פֿאַר פּאָניען, אַז מיר, קרושניקער ייִדן, זײַנען געווען יד־אחת מיטן דײַטש — אַ סימן, אָט איז מײַן יחיאל געווען בורמישטש, געקרוינט, הייסט עס, פֿון די דײַטשן פֿאַר בירגערמײַסטער, באַדאַרף מען נאָך האָבן אַ בעסערן באַווײַז? אײ, ס׳איז געווען, ווי זאָגט איר, באין ברירה? מע כאַפּט אײַך אָן פֿאַרן גאָרגל און מע זאָגט אײַך: זײַ בורמישטש, אָדער דו ווערסט געשאָסן? — דאָס גייט זיי ניט אָן. ביסטו אַ רוסישער, דאַרפֿסטו אונדז זײַן איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן, ווי זאָגט איר: יהרג ואל יעבור — געהרגעט ווערן, הייסט עס, און בלײַבן געטרײַ! איז במה דברים אמורים — ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? אַז ס׳איז מײַן לאַנד, און מײַן גוטס ווערט געהיט, און מײַן גוף איז געשיצט, און פֿאַר מײַן ווײַב און קינדער בין איך זיכער. ווי־זשע איז אָבער דער דין, אַז דאָס לאַנד, זאָגט מען מיר אַלע טאָג, איז ניט מײַנס, איך בין גאָר, זאָגן זיי, אַ פ ר ע מ ד ע ר , אַן אײַנגעבעטענער, און מע טרײַבט מיך דעריבער און מע יאָגט מיך, ווי אַ הונט; און מײַן גוטס, זאָגן זיי, איז גאָר ניט מײַנס, ס׳איז הפקר; און מײַן גוף געהערט צו זיי; און מײַן ווײַב קאָנען זיי הרגענען; און מײַנע טעכטער מעגן זיי שענדן; און קיינער קען זיך פֿאַר מיר ניט אָננעמען, וואָרעם דאָס הייסט אַרײַנגעמישט זיך, איר פֿאַרשטייט צי ניין, אין יענעמס געשעפֿטן; — ווי באַלד אַזוי, פֿרעג איך אײַך, פֿון וואַנען זאָל זיך נעמען בײַ מיר דער „יהרג ואל יעבור“?

בקיצור — צו וואָס לאַנגע טענות? מע האָט אונדז געשיקט רופֿן, אַלע פּאָרנעמסטע בעלי בתים פֿון קרושניק, צום אָדון הגדול, דאָס הייסט, צום סאַמע גענעראַל פֿונעם רוסישן שטאַב, מיר זאָלן אים אָפּגעבן דינ־

וחשבון, וואָס מיר האָבן געהאַט צו טאָן מיטן דײַטש, און איבערהויפּט — מײַן יחיאלן, ווי אַזוי ער איז געוואָרן בורמישטש? און עס האָט נישט געהאָלפן קיין חכמות, אַז פּאָניע רופט מע זאָל קומען — קומט מען, און אַגב האָט ער געשיקט אַ פּאָר יונים אויך, טאַקע קאָזאַקן ממש, מע זאָל אונדז נעמען און ברענגען צו פירן; און מע האָט אונדז גענומען און געבראַכט צו פירן אין שטאָב אַרײַן אַלעמען, חוץ איין רב, — דער רב דער זקן איז מיט אונדז ניט מיטגעגאַנגען, פּשוט, ווײַל ער איז שוין דעמאָלט, ווי איך האָב אײַך פריִער דערציילט, ג ע ה א נ ג ע ן ש מ ו נ ה ע ש ר ה אין מיטן מאַרק אויף אַ בוים, און זײַן נשמה איז שוין זיכער געווען אין אויסגעלײַטערטע אין גן־עדן, כאָטש באַ אונדז אין שטאָט האָט מען געהאַט געזאָגט, אַז מע האָט אים געזען, דעם רב הייסט עס, שוין נאָכן הענגען, אַרומגיין איבער קרושניק אין אײַנגעבויגענעם, ווי אַלע מאָל, מיט זײַן יאַמשאָוועז שטעקן אין האַנט. עס האָט געהייסן, אַז ער איז אַרומגעגאַנגען, איר פאַרשטייט צי נײן, אין עולם־התוהו — און דאָס איז גאַנץ מעגלעך נאָך אַזאַ מיתה, ווי ער האָט געהאַט, אַז ער האָט אפילו נישט געקאָנט קומען צו קבר ישראל, משטיינס געזאָגט... איך זע אָבער אַרויס, רב שלום־עליכם, נאָך אײַערע אויגן, אַז איר זײַנט אַ ווינציקער מאַמין אין די זאַכן. איז ווי איר ווילט אײַך. נייטן קאָן איך אײַך ניט, איר זאָלט מיר גלייבן אויף נאמנות. ווילט איר — גלייבט, ווילט איר ניט — גלייבט ניט. אוודאי, ווען איר זאָלט זײַן אין אונדזעריקער, דאָס הייסט, ווען איר זײַנט באַ אונדז אין קרושניק אין דער צײַט פון מלחמה און איר לעבט דורך דאָס, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, וואָלט איר זיך אָנגע־הערט און אָנגעזען אַזוי פיל זאַכן, אַז איר וואָלט נישט ווילנדיק אָנגע־הויבן צו גלייבן אין אַלע נאַרישקייטן. פאַר וואָס רוף איך עס נאַריש־קייטן? וואָרעם ס'איז דאָך סוף־כל־סוף פאָרט נישט מעגלעך, אַז אַ גע־האַנגענער זאָל נאָכן טויט נעמען אַ שטעקן אין האַנט און מאַכן אַ שפּאַ־ציר, ווי זאָגט איר, איבער דער שטאָט. און ווײַבאַלד מיר וועלן גלייבן אין דער מעשה מיטן רבס אַרומגיין אין עולם־התוהו, וועלן מיר שוין מוזן גלייבן אויך אין יענער מעשה מיטן האַלב־יאַריקן קינד, טאַקע מײַן טאָכ־טערס קינד, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אויפגעזעצט זיך אין וויגעלע און גענומען זאָגן נביאות, וואָס וועט זײַן מיט דער מלחמה. גאַנץ קרושניק האָט דערמיט געהאַט צו טאָן. און שולדיק אין דעם איז ניט אַזוי

מיין טאכטער, ווי מיין מחותן דער שוטה, יחזקאל מנוחהס. נאר איך מיש אייך שוין ווידער איין מעשה מיט דער אנדערער, און איר ווייסט דאך, אז איך האב עס פיינט. נאר וואס זאל מען טאן? דער קאפ איז אזוי דער־שלאגן, הערט איר, און דער ים זשומעט, ער האט זיך עס צעשפילט אבי־סל, גלייך ווי מע ווערט פון אים גליקלעך, זעט נאר!

הקיצור המעשה, האט מען אונדז, מיך מיט מיין יחיאלן און מיט אלע איבעריקע פארנעמסטע בעלי־בתים פון קרושניק, געשיקט רופן, אז מיר זאלן זיך מטריח זיין צום נאטשאלניק. גייען מיר, הייסט עס, צום נא־טשאלניק מיטן גאנצן פאראד, ארומגערינגלט מיט קאזאקן פון אלע זייטן, — געהאט א לוויה, קיין עין־הרע, זייער א שיינע, כמעט אלע פאליאקן פון שטאט האבן זיך צענויפגעזאמלט אונדז באגלייטן און האבן אונדז מכבד געווען מיט אלערליי אויסגעשרייען: „זשידזשי!”... „ביילים!”... „דורא, ביילים!”... און די געלעכטערן זיינען געגאנגען ביזן הימל אריין! און פאר גרויס גדולה, אפנים, האבן זיך די פאליאקן דערוויילע מתחתן געווען מיט די קאזאקן, באפאלן די יידישע הייזער, מקיים געווען אינאייגעם די מצווה פון א יידישן פאגראם, ווי זאגט איר, מיט אלע פלימערלעך. די פוילן אליין האבן, הייסט עס, נישט געפאגראמעוועט. חס וחלילה, — למאי זאל איך אויסטראכטן אזא בלבול? — פליאקע האט נאר אנגעוויזן, וווּ סע זיצט א ייד, דאס הייסט, זיי האבן נאר געוואַ־יעוואדיוועט, און די קאזאקן האבן שוין געטאן זייער ארבעט, אפגעריכט דעם סדר פון פאגראם ככל משפטו וחוקתו, מיט אויפטרענען דאס בעט־געוואנט, מיט צעשפרייטן די פעדערן, מיט ראבעווען דאס יידישע האב־און־גוטס און לייגן אף די פורן, און מיט בינדן פרומע יידן פאר די פאות, און מיט פייניקן די ווייבער פאר די אויגן פון זייערע מאנען, און מיט מאנס זיין די טעכטער פאר די אויגן פון זייערע מאמעס... און די פאליאקן זיינען זיך געשטאנען און האבן געקוועלט, און דער נאמען „ביילים” איז נישט אראפ פון זייערע ליפן...

איך וואלט א בעלן געווען צו וויסן, הערט איר, וואס פאר א נקמה איז פאראן אף דער וועלט, וואס מיר זאלן זיך ווינטשן צו דערלעבן אין אונדזערע אומזיסטיקע שונאים, די פאליאקן? וואס פאר א שטראף איז פאראן בא גאט, וואס די דאזיקע איידעלע רוצחים האבן נישט פאר־דינט בא אונדז? איך מיין, אז ס'איז פאראן נאר איין נקמה, נאר איין

שטראָף פאַר זיי — און דאָס וועלן מיר, דאַכט זיך, דערלעבן אין גיכן, אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף, אַז פון אַלע גליקן, מיט אַלע זיסע צוזאָג־געכצן, וואָס מע זאָגט זיי צו פוןביידע זײַטן, וואָס שלאָגן זיך פאַר זיי, וועלן זיי, די פּאַליאַקן הייסט עס, קריגן געבראָכן די ביינער און גוט אויס־געריסן ווערן פון די פּאַראַנדקעס, וואָס יעדער פון די צוויי וועט זיך נע־מען באַ זיי אײַנפירן, פּאַניע אַף זײַן שטייגער און דער דײַטש אַף זײַן שטייגער, און דערנאָך ערשט וועלן זיי באַקומען פון פּאַניען אַ מכה און אַ פײַג פונעם דײַטש... עס וועט זיך אויסלאָזן, ווי יענע מעשה מיט די צוויי ווײַבער, וואָס ווערט דערציילט באַ אונדז אין די ספרים. אַ מענטש האָט געהאַט צוויי ווײַבער, איינע אַ יונגע, די אַנדערע אַן אַלטע, און ביידע האָבן זיי אים ליב געהאַט. פלעגט די יונגע אים אויסרײַסן אַלע טאָג אַ גרויע האָר, ער זאָל נישט אויסזעען אַלט. און די אַלטע פלעגט אים אויס־רײַסן אַלע טאָג אַ שוואַרצע האָר, ער זאָל נישט אויסזעען יונג. דער סוף איז געווען, אַז ער איז געבליבן קרח מכאן און קרח מכאן; אַף אונדזער לשון וועט עס הייסן פשוט, איר פאַרשטייט צי ניין, פּליכעוואַטע... אָדער ס'איז פאַראַן אַ מדרש באַ אונדז פון אַ פּאַסטוך מיט אַ וואָלף, וואָס האָבן מלחמה געהאַלטן פאַר אַ שעפּעלע; דער האָט געשלעפּט צו זיך און דער צו זיך; אַזוי לאַנג, ביז דאָס שעפּעלע איז צעריסן געוואָרן... איך וואָלט אײַך גע־קאָנט ברענגען נאָך משלים אַ סך, נאָר איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב פײַנט מאריך זײַן. עס בלײַבט איבער נאָר איין זאַך, טאָמער וועט איר פרעגן אַ קשיא: סטײַטש, ווי טאָר עס אַ ייִד זײַן אַזאַ מין אכזר און וועלן דערלעבן אַף יענעם אַזוי פיל שלעכטס, יענער מעג זיך זײַן אפילו אַ שונא, אין דער צײַט, וואָס אונדזערע חכמים זאָגן בפירוש, אַז ד אָ ס וואָס פאַר דיר איז נישט גוט זאָלסטו יע־נעם נישט ווינטשן? זײַט איר אפשר אויך גערעכט. נאָר איך וואָלט אַ בעלן געווען, אַז עמעצער אַנדערש זאָל זײַן אַף מײַן אָרט און אויסשטיין דאָס, וואָס איך בין אויסגעשטאַנען. מילא, פון די קלעפּ מיט די סטוסאַקעס, וואָס מיר האָבן געכאַפּט פון די קאָזאַקן ביז מיר זײַנען געקומען אַפן אָרט — דאָס בין איך אײַך מוחל, און אַז מיר זײַנען געקומען אַפן אָרט, אין רוסישן שטאַב אַרײַן הייסט עס, האָט מען אונדז אַרײַנגעזעצט ווי די גענדז, נאָר יעדן אין אַ באַזונדער קעמערל, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג און אַן אויספרעגעניש

וועגן די דײַטשן, ווי האָבן מיר גענומען אַזוי פיל גאָלד און אַזוי פיל ברויט און אַזוי פיל אַמוניציע פאַר די דײַטשן? כאָטש לעבן זאָלן זיי אַזוי ביידע, די פּאָליאַקן מיט די קאָזאַקן, ווי מיר ווייסן פון וואָס צו זאָגן! דערנאָך רופט זיך אָן דער גענעראַל, אַ וואָיענער מיט אַ רויט פּנים און מיט פּאַליעטן, — אפשר איז ער גאָר ניט קיין גענעראַל, אפשר איז ער נאָר אַ פּאָלקאָווניק, אָדער גאָר אַ קאַפּיטאַן, איך זאָל אַזוי ווייסן פון אים: „ווער, זאָגט ער, פון אײַך, יידן, איז דאָ דער זשיד יאַנקל?"... זאָג איך: „יאַנקל — דאָס בין איך". רופט זיך אָן צו מיר דער גענעראַל, אָדער דער פּאָלקאָווניק, ווייס אים דער רוח: „דאָס איז דײַן זון יחיאל, וואָס איז אַזוי דערהייבט געוואָרן בײַ די דײַטשן?" זאָג איך: „יאָ, יחיאל — דאָס איז מײַנער אַ זון, און אים האָבן, זאָג איך, די דײַטשן געצוווּנגען, זאָג איך, ער זאָל זײַן בורמישטש אויף אַ קורצער צײַט, ביז דו וועסט, זאָג איך, אַרײַנקומען צוריק קיין קרושניק"... „אַזוי, — זאָגט צו מיר ווידער דער גענעראַל, אָדער דער פּאָלקאָווניק, — אָט וועל איך דיר, זאָגט ער, באַווײַזן, אַז דײַן זון איז בײַ מיר, זאָגט ער, נאָך העכער געקרוינט. אָט וועל איך דיר ווײַזן, זאָגט ער, ווי הויך ער וועט בײַ מיר באַלד זײַן"... און מיט די ווערטער נעמט ער מיך אונטער דער האַנט, דער גענעראַל הייסט עס, אָדער דער פּאָלקאָווניק, נעמען זאָל אים באַם האַרצן און בײַ דער לעבער, און פירט מיך אַרויס אין הויף אַרויס, צו באַווײַזן מיר, ווי הויך מײַן זון וועט בײַ אים זײַן... און גייענדיק מיט מיר, מאַכט ער צו מיר אַזוי: „בײַ דיר איז דאָך מסתמא, זאָגט ער, דײַן זון טײַער? וויל איך, זאָגט ער, אַז דו אַליין מיט דײַנע אייגענע הענט זאָלסט אים באַערן, זאָגט ער, מיט אַן אָרדען אויפן האַלדז..." טראַכט איך מיר: רבונו של־עולם, וואָס טוט זיך דאָ? ניט שוין־זשע האָט מײַן יחיאל נושא חן געווען באַם רוסישן גענעראַל, אָדער פּאָלקאָווניק, פּונקט אַזוי ווי באַם דײַטשן קאָמענדאַנט? ניט שוין־זשע ווערט ער באַשענקט פון פּאַניען מיט אַן אָרדען? פאַר וואָסערע מעשים טובים? אַי וואָלט דאָס געווען, טראַכט איך מיר, אַ מפּלה פאַר די פּאָליאַקן! אײַ־אײַ־אײַ! פּליאַקע וואָלט אײַנגענומען אַ מיתה משונה!... נקמה! דאָס געפיל פון נקמה, איר פאַרשטייט צי ניין!... נאָר צוריק שמועסנדיק, ווי באַלד אַז אַן אָרדען, טראַכט איך מיר, צו וואָס קאָזאַקן? צו וואָס נאַגאַיקעס? צו וואָס קלעפּ? צו וואָס אײַנשפּאַרן ווי די גענדז, און יעדן אין באַזונדערע קעמערלעך?... און

דאָס האַרץ איז מיר, ווי זאָל איך אײַך זאָגן? דרײַסיק פּוד! פּופּציק פּוד!... נאָר צוריק טו איך מיר אַ לייג־איבער: אַ קשיא אַף פּאַניען — אפשר איז באַ אים אַזוי דער אײַנפיר? מירן עלטער ווערן מיט אַ מינוט, וועלן מיר וויסן... און כך הווה — מיר זײַנען עלטער געוואָרן מיט אַ מינוט — כאָטש די מינוט האָט זיך געצויגן אַ יאָר! און אַז מיר זײַנען געקומען מיטן גענעראַל, אָדער מיטן פּאָלקאָווניק, ס'זאָל אַף אים קומען אַ מפּלה, אין הויף, אַז מיר זײַנען געקומען צום גוטן אָרט, איז מיר פּאַרענטפּערט געוואָרן אַלצדינג... און אַז איך האָב דערזען מײַן יחיאלן שטיין אַ געבונ־דענעם באַ אַ בוים, און צוויי קאָזאַקן מלאכי־חבלה באַ די זײַטן, און דאָס פּנים — אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד אַרײַן, — האָב איך שוין פּאַרשטאַנען, אַז אָך און וויי איז צו מיר, ווי אַזוי מײַן יחיאל וועט ווערן דערהייכט, און מיט וואָס פּאַר אַן אָרדען פּאַניע וויל אים באַשענקען... נאָר האָט צײַט אַ ביסל — דאָס איז נאָך גאָלד! די רעכטע מעשה מיט דער עקדה הייבט זיך ערשט אָן. איך האָב נאָך געהאַט אַף זיך אַ גענעראַל, אַ פּאָלקאָווניק, האָבן זאָל ער אײַך ס'מאַיאָווע קדחת אַ גאַנץ קײַלעכיק יאָר. המן איז געווען אַ גאָלד! פּרעה — אַ שנעק! טיטוס — אַ הונט!... אויב איר וועט מיר צוזאָגן, אַז אירט האַלטן קאָפּ, וועל איך אײַך בעטן, מיך לאָזן איבערכאַפּן דעם אָטעם אַף אַ ווײַלינקע. און אַגב וועט איר זיך אַליין אויך אַביסל אויס־רוען, וואָרעם איך האָב אײַך שוין, דאַכט מיר, אָנגעדולט אַ קאָפּ אַזוי פיל, אַז איר וועט מיר האָבן צו געדענקען! טאָמער האָט אײַך גאָט אויסגע־היט, הייסט עס, פון רשעים־פּאַליאַקן און פון שכורים־קאָזאַקן, האָט ער אָנגעשיקט אַף אײַך אַ פּוילישן ייִדן, כאַ־כאַ, וואָס זיצט זיצט ער אין קרושניק און רופן רופט מען אים יאַנקל יונעוועער, ווײַל ער איז אַ יונע־וועער, פון יונעוו, איר פּאַרשטייט צי ניין...

## .11

## יחיאל צו דער עקדה

— — — פרעגט מיך, אַשטייגער, איצטער, וואָס האָב איך דעמאָלט געפילט און וואָס האָב איך דעמאָלט געטראַכט, אַז דער רוסישער גענע־

ראַל, אָדער פּאָלקאָווניק, ווייס איך אין דער שוואַרצער יאָר, האָט מיך אַרויסגעפירט אין הויף און האָט מיר באַוויזן מײַן יחיאלן שטיין אַ געבונדענער, אַ פּאַרטיקן צו דער תליה, און רופט זיך אָן צו מיר כהאי לישנא:

„זעסטו, זאָגט ער, אָט די תליה? דאָס האָב איך, זאָגט ער, אויסגעפונען אַ פאַרהעכערונג פאַר דײַן זון דעם בירגערמײַסטער, פאַר זײַן געטרײַישאַפט, זאָגט ער, און פאַר זײַן איבערגעגעבנקייט צו אונדזער פײַנט. געקומען איז אים אייגנטלעך, זאָגט ער, שיסן. איז אָבער שיסן פאַר אײַך צופיל כבוד, און אגב, זאָגט ער, איז אַ שאָד קוילן און פּולווער. מלחמה־צײַט, פאַראַן בילכער פון אים... איצטער זײַ אַזוי גוט, זאָגט ער, אָט האָסטו די שטריק, נעם טו אים אָן, דעם זון דײַנעם, אַפּן האַלדז —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נו, וואָס זאָלט איר קלערן, אַז מע דערלעבט אַזאַ כבוד פון פּאָניעץ, ימח שמו וזכרו? אין איין מינוט זײַנען מיר דורכגעפלויגן אין קאָפּ אפשר טויזנט מחשבות און געדאַנקען. וואָס זאָל איך טאָן, למשל? זאָל איך אים פאַלן צו די פיס, קושן די הענט, בעטן בײַ אים רחמים פאַר מײַן קינד? זאָל איך אים זאָגן מיט בייזן, אַז ניין, ער וועט דאָס נישט דערלעבן, ניט ער און ניט אַ גרעסערער פון אים, אַז איך, יאַנקל יונעווער, זאָל אויפהייבן מײַן האַנט אויף מײַן זון? אָדער זאָל איך אים זאָגן: „הענג בעסער מיך! הענג אויף אונדז ביידן אויף איין שטריק, דו המן, דו טיטוס, דו אַזוינער און אַזוינער!”?... דערנאָך האָב איך מיך באַטראַכט — ניין, מע דאַרף נישט. עס טויג ניט אַזוי. לאָם איך אים בעסער זאָגן, איר פאַרשטייט צי ניין, אַ פּאָר ווערטער, גלאַט אַזוי מיט גוטן, הייסט עס. ממה נפשך, וועט ער מיך אויסהערן, איז דאָך אוודאי גוט. אלא וואָס דען? ער וועט נישט וועלן הערן — איז דאָס סײַ וסײַ פאַרפאַלן. מײַן לעבן איז דאָך סײַ וסײַ, ווי זאָגט איר, ניט ווערט אַ פּרוטה. וואָרעם ס'איז דאָך גאַריש, איך וועל דאָך אים ניט פאָלגן און וועל מײַן זון מיט מײַנע אייגענע הענט צו דער תליה ניט ברענגען, וועט ער דאָך מיך סײַ וסײַ הרגענען, הײַנט וואָס האָב איך דאָ אָנצוווערן?...

הקיצור, איך האָב מיך אָנגענומען מיט הארץ, יעבור עלי מה, און רוף מיך אָן צו אים, צום גענעראַל הייסט עס, אָדער צום פּאָלקאָווניק ימח שמו, און מאַך צו אים אַזוי: „הער־זשע אויס, זאָג איך, וואַשע ווּיסאָקאָ־

יע, וואָס איך וועל דיר זאָגן, זאָג איך. די מעשה דערפון איז אַזוי. אַ מענטש, זאָג איך, אַן אָפּגעמשפּטער צום טויט מעג, זאָג איך, זאָגן פאַרן טויט וואָס ער וויל. נישט קיין סך, זאָג איך, נאָר עטלעכע ווערטער — דאָס, זאָג איך, וועסטו אַליין זאָגן, אַז איך מעג. וויל איך דיר, זאָג איך, זאָגן אָט וואָס, פון אונדזער חומש, „ביבליע" הייסט עס בא אײַך, געדענקסטו, זאָג איך, מן הסתם, מיט וואָס פאַר אַ גרינג הארץ אברהם אָבינו, זאָג איך, האָט געפירט זײַן איין־איינציקן זון יצחקן צו דער עקדה, זאָג איך. ער, אברהם אָבינו הייסט עס, האָט, ווי דו ווייסט, אַפילו די צונג נישט איבערגעקערט. ווייסטו, זאָג איך, פאַר וואָס? דערפאַר, וואָס גאָט, אָט יענער גאָט, זאָג איך, וואָס זיצט אָט דאָרט אויבן אין הימל, האָט אים אַזוי געהייסן. און אַז גאָט הייסט, זאָג איך, איז דאָס אָ מצווה און אַ פאַרגעניגן און אַ כבוד, אַ שמחה, זאָג איך. וואָרעם אַ קלייניקייט — אַזאַ זכיה, זאָג איך, אַז גאָט אַליין, דער מלך מלכי המלכים, האָט אויסגעקליבן, זאָג איך, מײַן זון פאַר אַ קרבן! קאָן דען זײַן אַ גרעסערער כבוד? דו ביסט דאָך אָבער, זאָג איך, וואַשע וויסאָקאָיע, ווי איך זע גרויס, אַ מאַן אַן אויפּריכטיקער, וועסטו דאָך, זאָג איך, מיר נישט זאָגן, אַז גאָט האָט דיר געהייסן, זאָג איך, אַז דו זאָלסט מיר הייסן, איך אַליין זאָל אים אויסברענגען מײַן זון פאַר אַ קרבן. הײַנט ווי קאָן איך, זאָג איך, אויספילן דײַן געבאָט? וועסטו מיר, זאָג איך, זאָגן, אַז דײַן מלך האָט דיר אַזוי געהייסן און דו ביסט, זאָג איך, מקיים זײַן געבאָט. איז אַזוי ווי, זאָג איך, איך וועל דײַן באַפעל ניט מקיים זײַן, ווײַל דו ביסט געשיקט געוואָרן, זאָג איך, ניט פון גאָט, נאָר פון אַ מלך בשר ודם, וועסטו מוזן, זאָג איך, דעם באַפעל פון דײַן מלך אַליין מקיים זײַן, און מיך, זאָג איך, וועסטו פאַר מײַן ניט פאָלגן דיך מסתמא אויך ניט שאַנעווען און וועסט מיך מסתמא אויך, זאָג איך, טויטן. אויב אַזוי, זאָג איך, האָב איך צו דיר אַ קליינע בקשה — און אַ בקשה פון אַ מענטשן פאַרן טויט מוז מען אויספאָלגן! — מײַן בקשה, זאָג איך, איז, אַ ז ד ו ז אָ ל ס ט מ י ך ה ע נ ג ע ן א ו י פ צ ו פ ר י ע ר, פאַר מײַן זון, וואָרעם איך בין זײַן פאָטער. און די טבע פון דער וועלט איז, אַזוי, זאָג איך, האָט זי גאָט באַשאַפן, אַז אַ קינד זאָל זען זײַן פאָטער אַ טויטן, נישט אַ פאָטער זײַן קינד... אַז איך וועל שטאַרבן, זאָג איך, פריִער פון מײַן

קינד כאָטש מיט עטלעכע מינוט, וועט מײַן זון, זאָג איך, קאָנען זאָגן נאָך מיר קדיש"...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָט מיט די ווערטער און מיט דעם לשון האָב איך צו אים גזאָגט, צום גענעראַל הייסט דאָס, אָדער צום פּאָלקאָווניק, ווײַס דער רוח די בײ־נער זײַנע.

אז איר וועט מיך פרעגן, פון וואַנען האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ שטאַרקייט מיט אַזאַ כח הדבור? ווייס איך אַליין ניט פון וואַנען. מיר דאַכט זיך אויס, הערט איר, אַז נישט נאָר אַ גענעראַל, אָדער אַ פּאָלקאָוו־ניק, — דער קייסער אַליין זאָל געווען זײַן דערבײַ, וואָלט איך אים גע־זאָגט דאָס אייגענע. אַ מענטש, אַז ער זעט פאַר זיך דעם מלאך־המות, איר פאַרשטייט צי ניין, און פילט, אַז ער איז מיט איין פוס שוין אויף יענ־נער וועלט, איז בײַ אים דעמאָלט אַ פּאָלקאָווניק און אַ גענעראַל און אַ קייסער — בלאָטע! אין אַזאַ מינוט אַז אַ מענטש רעדט, רעדט ער נאָר אַנדערש, ווי זאָגט איר: ד ב ר י ם ה י ו צ א י ם מ ן ה ל ב . . . והראיה? מײַנע ווערטער זײַנען אים, אַפּנים, אַרײַן גוט אין די ביינער, דעם גענעראַל אָדער דעם פּאָלקאָווניק, וואָרעם ער איז באַלד גאָר אַנדערש געוואָרן און רופט זיך אָן צו מיר: „פון וואַנען נעמט זיך, זאָגט ער, צו אַזאַ ייִדן ווי דו אַזאַ שטאַרקייט, גלײַך, זאָגט ער, ווי דו וואָלסט גאָר קיין מורא ניט געהאַט פאַרן טויט?"...

דערזען, אַז דער אָדון לאָזט זיך ריידן, מאַך איך צו אים: „אויב זאָג איך, וואַשע וויסאָקאָיע וועט מיר שענקען נאָך אַ צוויי מינוט, וועל איך דיר, זאָג איך, זאָגן פון וואַנען עס נעמט זיך צו מיר אַזאַ שטאַרקייט מיט אַזאַ כח אויף ניט מורא צו האָבן פאַרן טויט. פאַראַן, זאָג איך, בײַ אונדז אַ גמרא, בײַ אײַך ווערט עס אָנגערופן „תלמוד", זאָג איך. דערציילט זיך, זאָג איך, די גמרא אַ מעשה פון די עשרה הרוגי מלכות, וואָס זײַנען אָפּ־געמשפּט געוואָרן צום טויט. איז איינער פון זיי, זאָג איך, אַרויף אַ לע־בעדיקער אויפן הימל און האָט זיך גענומען נאָכפרעגן, וואָס איז די מעשׂה מיט די עשרה הרוגי מלכות, וואָס מע האָט זיי אָפּגעמשפּט צום טויט? האָט מען אים, זאָג איך, געענטפערט, אַז עס איז אַזאַ גזירה פון א י ב, פון גאָט אַליין הייסט עס, און ס'איז אַ פאַרפאַלענע זאַך. פרעגט ער, פאַר וואָסערע זינד? ענטפערט מען אים: פאַר מכירת יוסף, דערפאַר.

הייסט עס, וואָס די עשרת השבטים האָבן פאַרקויפט זייער יונגערן ברו־דער יוסף, און פאַר אַזאַ זאַך, זאָגט מען אים, קומט מיתה. סע שטייט בפירוש אין דער תורה. פרעגט ער: סטייטש, אַזוי פיל צייט אוועקגעגאַנ־גען, האָט מען נישט געקאָנט זיך אָפּרעכענען, זאָגט ער, מיט זיי פאַר מכירת־יוסף און געוואַרט אויף אונדז, אויף די עשרה הרוגי מלכות? ענט־פערט מען אים דאָרטן: פון זינט מע האָט פאַרקויפט יוספן ביז היינטיקן טאָג איז נאָך ניט געווען **אַזאַ דאָר, וואָס זיינע קינדער זאָלן זיין מ ע ר ע ר ר י י ן א ו ן א ו מ ש ו ל ד י ק , ווי די דאָזיקע עשרה** הרוגי מלכות... דו פאַרשטייסט, זאָג איך צו אים, צום גענעראַל אָדער צום פּאָלקאָווניק, מיט וואָס פאַר אַ גדלות, זאָג איך, און מיט וואָס פאַר אַ פרייד איך און מיין זון און אונדזערע אַלע איבעריקע קרושניקער ייִדן גייען צו דער תליה, אַז מיר ווייסן, אַז ר יי נ ע ר א ו ן א ו מ־ ש ו ל ד י ק ע ר פון אונדז איז נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט?!"...

און מער האָב איך שוין, איר פאַרשטייט צו ניין, קיין איינציק וואָרט נישט געקאָנט אַרויסריידן, ווייל איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי איך הענג און ווי אַזוי מיין יחיאל זאָגט נאָך מיר קדיש, און ווי אַזוי מיין ווייב און קינדער וויינען נאָך מיר, און עס איז מיר געוואָרן מאָדנע ענג אין האַלדז און פינצטער אין די אויגן, און טרערן האָב איך דער־פילט, געזאַלצענע טרערן קייקלען זיך מיר איבער דער באָרד, און גלייך אין מויל אַריין...

---

איר ווילט וויסן, פּאַני שלום־עליכם, דעם היוצא לנו מזה? דעם פועל־יוצא, הייסט עס, פון מיין רייִדן? האָט קיין יסורים ניט — ס'איז ניט געווען אַרויסגעוואָרפן. איך האָב מיט מיינע רייד מציל געווען פון דער תליה זיך אַליין און מיין יחיאלן, דאָס הייסט, מיך האָט מען אַרויס־געלאָזט און די איבעריקע אַלע האָט מען געהאַנגען, נאָר מיין יחיאלן האָט מען די תליה פאַרביטן אויף אַן אַנדער שטראָף. מע האָט אים אוועק־געשיקט צו דער מלחמה, צום סאַמע פייער, און ער איז דאָרטן דעם ער־שטן טאָג געהרגעט געוואָרן און נישט געקומען צו קבר ישראל. פון וואַנען ווייס איך דאָס? ווייל זיין נאָמען, איר פאַרשטייט צו ניין, איז אַריין אינעם צעטל פון די „געפאַלענע", און איך קאָן נאָר זאָגן: „תחי נשמתו צרורה בצרור החיים", און אַ גוטער מליץ זאָל ער זיין. וואָרעם וואָס נאָך

בלײַבט מיר איבער צו זאָגן? פֿאַרגעסט נישט, אַז אַף אַ סך אַן ערגערן אויפֿן איז פֿאַרלוירן געגאַנגען מײַן צווייטער זון, מײַן שמואל־משה. איך האָב אײַך פֿון אים, ווענן מײַן שמואל־משהן הייסט עס, דאַכט מיר, נאָך גאָר נישט דערציילט? מײַן שמואל־משה — דאָס איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער מין חברה־מאַן, נישט יחיאל — ווי קומט ער צו יחיאלן? ס'איז גאָר לא זו הדרך! דאָס הייסט, ער איז אויך געווען נישט פֿון די, וואָס גייען אַרויס לתרבות רעה, און איז אויך געווען אַ יונג אַ געראָטע־נער, אַ וווילער, אָבער גאָר אַ וווילער; נישט מחמת איך באַרים זיך; איר זעט דאָך, אַז איך דערצייל אײַך אַלצדינג, סײַ גוטס, סײַ שלעכטס, איך פֿאַרלייקן נישט פֿון אײַך קיין זאַך, ווײַל איך זע, איר זײַט אַ מענטש, וואָס ניט אײַך נאַרט מען. נאָר וואָס דען? איך האָב מורא, אַז איר ווילט שלאָפֿן, און ס'איז שוין טאַקע צײַט אויך. לאָז איך עס איבער אַף מאָרגן און זאָג אײַך: אַ גוטע נאַכט און שלאָפֿט געזונט.

12.

## שמואל־משה אַ חברה־מאַן

— — — זאָגט דעם אמת, פֿאַני שלום־עליכם, ס'איז אײַך גאָרנישט קשה די גאַנצע צײַט: וואָס פֿאַרט דאָס אַזאַ ייִד, ווי יאַנקל יונעווער פֿון קרושניק, קיין אַמעריקע, אַף דער עלטער, איין מענטש אַליין, אַז ער האָט דאָרטן ניט, ווי זאָגט איר, קיין קינד און קיין רינד, קיין גואל און קיין קרוב? דער תירוץ איז אָבער: ווי אַזוי וואָלט יעקב אָבינו אָנגעשפּאַרט קיין מצרים, ווען זײַנע קינדער זאָלן נישט געווען פֿאַרקויפֿן אַהינצוצו זייער ברודער יוסף? טאָמער איז דער משל ניט אַזוי גלײַך צום נמשל — בין איך נישט שולדיק. איך האָב אײַך נאָר געוואָלט זאָגן, אַז יעדער וו אַ ר ו ם האָט, ווי זאָגט איר, זײַן ד אַ ר ו ם. מסתמא איז דאָ דערינען אַ מעשה. און די מעשה איז די, וואָס ס'איז אַ גרויסע סברה, אַז מײַן צווייטער זון שמואל־משה, אָט דער חברה־מאַן, וואָס האָט געזאָלט געשאָסן ווערן באַ פּאָניעץ אין פֿיר און צוואַנציק שעה און איז נצול גע־וואָרן בדרך נס, ווי איר וועט אָט באַלד הערכן, איז געזונט און שטאַרק

און געפינט זיך איצט אין יענעם לאַנד, וווהין מיר בײדע, איך און איר, פֿאָרן אַצינדערט. הגם, איך מוז אײַך זאָגן דעם רײנעם אמת, אַז איך בין אין דעם נישט אַזאַ גרויסער מאמין, נישט מחמת איך בין, חס ושלום, אַזאַ גרויסער אַפּיקורס, וואָס גלייבט נישט אין ניסים — דאָס נישט. אדרבה! ע ר, אַז ער וויל, קאָן ע ר ! ע ר האָט שוין באַוויזן, ווי זאָגט איר, גרעסערע קונצן! נאָר וואָס־זשע דען? דאָס וואָלט געווען, איר פֿאַרשטייט צי נײן, שוין צופֿיל פֿאַר אַזאַ שלים־מזל, ווי איך, צו גוט פֿאַר יאַנקל יונעוועער פֿון קרושניק. והראיה? אָט האָט איר אַ סימן. אָט בין איך געווען גלײַך מיט אײַך און גלײַך מיט אַלע ייִדן אין דער דאָזיקער שטאָט — ווי אַזוי הייסט זי? — קאָפּענהאַק. טויזנטער און טויזנטער מענטשן האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט גלײַך מיט מיר, אויסגעריסן גע־וואָרן, געזוכט און גענישטערט און סוף־כל־סוף פֿאָרט אויסגעזוכט איינס דאָס אַנדערע. עס איז געווען אַ תענוג צו זען, ווי אַזוי מאַנען האָבן גע־פֿונען זייערע ווײַבער, ווײַבער — זייערע מאַנען, ברידער — זייערע שוועסטער, קינדער — זייערע מאַמעס. פֿאַר וואָס האָב איך נישט געהאַט דאָס גליק באַ גאָט צו געפֿינען דאָרט מײַן שמואל־משהן? אלא וואָס דען? איר וועט זאָגן, אפשר איז ער אָפּגעפֿאָרן פֿון דעם קאָפּענהאַק איידער איך בין אַהינצוצו געקומען? אָדער אפשר איז ער געפֿאָרן קיין אַמעריקאַ גאָר דורך אַן אַנדער וועג, ניט דורך קאָפּענהאַק? זאָגן מיר אָבער די ייִדן, וואָס פֿאָרן מיט מיר אונטן אין דריטן קלאַס, אַז קיין אַמעריקאַ איז נישטאָ קיין אַנדער וועג, אויסער קאָפּענהאַק, — גלייב איך זיי ניט. פֿאַר וואָס? פּשוט. ווײַל ייִדן זײַנען בהמות. ייִדן ווייסן ניט דעם חילוק פֿון ים ביז יבשה. אַף דער יבשה איז פֿאַראַן וועגן, פֿאַראַן רעלסן, פֿאַראַן אײַזנבאַנען, אָבער אַפֿן ים — וואָס איז שײַך אַף אַ ים וועגן? אי וואָס? — אירט מיר זאָגן, ס'שטייט דען ניט בפירוש געשריבן „ה נ ו ת ן ב י ם ד ר ך ” ? — ע! וואָס גלײַכט איר דאָס צו דעם? דאָס האָט גאָר אַן אַנדער טײַטש מיט אַן אַנדער פּשט! מע באַדאַרף וויסן, ווי זאָגט איר, ווו דער „חמור” שטייט...

הקיצור המעשה — דערווײַל האָט איר מיך אָביסל אָראָפּגעשלאָגן פֿונעם וועג, און מיר האַלטן נאָך גאָר פֿון פּאַרנט, באַ מײַן שמואל־משהן, וואָס איר קענט אים נאָך גאָר ניט און ווייסט נישט וואָס פֿאַר אַ חברה־מאַן דאָס איז. אַ רעכטער חברה־מאַן! איר ווילט וויסן, וועלכעס ווערט

אנגערופן בא מיר א „חברה־מאַן”? א חברה־מאַן ווערט אנגערופן בא מיר יעדער איינציקער, וואָס וויל זיך אויספּײַנען, יוצא זײַן פאַר דער וועלט, זײַן בעסער, ווי גאָט האָט אים באַשאַפן, איר פאַרשטייט צי ניין — אַלץ איינס: א ציוניסט, א סאָציאַליסט, אָדער גלאַט א קאַכלעפל — בא מיר האָבן זיי אַלע איין ווערט און הייסן בא מיר מיט איין נאָמען — „חברה־לײַט”. אי, וועט איר פרעגן בא מיר א קשיא, טאָקע אף מיר אליין: סטײַטש, אָט בין איך געווען כל ימי א קהלס־מאַן און א קאַכלעפל אין קרושניק און איבערגעקריגט זיך מיט דער גאַנצער שטאָט? — אביסל א גלײַכעניש! בין איך דאָך עפּעס געווען א ייד א בעל־הבית, מיט א שטוב און מיט א נאָמען, עפּעס א גאַנצער יש, געווען בא וואָס אָנצונעמען, איר פאַרשטייט צי ניין — און דער וואָס? א גאַרניש, א ייִנגל, א צוציק, נאָך דער מאַמעס מילך, ווי זאָגט איר, נישט אויסגעטריקנט, קיין צוואַנציק יאָר נישט אַלט אַפילו! אמת, אַז אירט אַף אים א קוק טאָן, וועט איר זאָגן, אַז דער בחור איז אַלט אַריבער צוואַנציק, און פאַרשטיין פאַרשטייט דאָס דווקא אַזוי פיל, ווי א מענטש, וואָס איז לכל הפּחות דרײַסיק יאָר, און קענען קען עס דווקא אַלצדינג, אי ריידן, אי שרײַבן, אי לעיינען, אי חשבונען, — נישט חלילה מחמת באַרימערײַ זאָג איך עס; איר ווייסט דאָך, אַז איך האַלט נישט דערפון. נאָר אַז אירט זיך באַגעגנען מיט עמעצן פון אונדזערע מקומות, טאָמער וועט זיך אײַך מאַכן, און איר וועט א פרעג טאָן א מינדסט קינד אף יאַנקל יונגוווערס זונדל, וועט מען אײַך זאָגן: „וואָסער זונדל? דאָס בחורל? — א פײַער, א ברען, א שייגעץ, אַן עזות־מחוצף־פּנים, אַן אויסוווּרף פון דער נאַטור!”... כאָטש ס'אַליגן! ס'איז שקר וכזב! ער איז נישט קיין אויסוווּרף און ניט קיין עזות־מחוצף־פּנים... דאָס הייסט, א שטיקל עזות־פּנים א י ז ער; ער וועט אײַך ניט פאַרשווײַגן קיינעם, עס מעג זיך זײַן, ווער עס וויל זיך, אַפילו דער גובערנאַטאָר אַליין, וועט ער אים מאַכן מיט דער בלאָטע גלײַך! דאָס הייסט, ער וועט זיך אײַך ניט זידלען,, חלילה וחס! נאָר ער וועט אײַך אַזוי אָפּענטפערן, אַז ס'וועט אײַך ווערן פינצטער אין די אויגן, און אירט זײַן צופרידן, אַז ער'ט אײַך לאָזן צורו... פון וואַנען האָט זיך גענומען צו מיר אַזא זון? פונקט דער היפּוך פון יחיאלן — אף וויפל יענער, עליו השלום, איז געווען א פאַליטיטשנע, א שטילער און א בנעימותדיקער, אף אַזויפיל איז דער א קלעק — אים צו לענגערע

יאָר, אויב ס'איז אמת, אַז ער לעבט... דער, אַז ער טשעפּעט זיך אָן אין אַ זאַך, איז אים ניט אַפּצורייסן! און האָט עס אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט פונעם מויל, למשל, אַף נאַכט טאָג און אַף טאָג נאַכט, — איז פאַרפאַלן, מעגן קומען כל מלכי מזרח ומערב! סיידן ער וועט זיך אַליין אַרומקוקן. זאָגן אים מוסר — זאָל אייך גאָט היטן! נאָך ערגער! דעמאָלט וועט ער אייך ערשט טאָן קאַפּויר! איך געדענק נישט אַקוראַט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אייך שוין איין מאָל באַמערקט, אַז עקשנים זיי־נען מיר אַלע אין קרושניק, מיר האָבן אַ שם אַף דער וועלט פאַר עקשנים, און צווישן די קרושניקער זיינען מיר די גרעסטע עקשנים. היינט שטעלט אייך פאָר, וואָס דאָס איז פאַר אַ פויגל, אָט דער שמואל־משה הייסט עס, אַז בא אונדז אין דער משפחה האָט ער קיין אַנדער נאָמען, נאָר „דער עקשן"...

הקיצור, איז זיך מיישב איין מאָל אָט דער עקשן, דאָס איז געווען גאָר צום אָנהייב פון דער מלחמה, נאָך איידער מע האָט אַ רוף געגעבן מיין יחיאלן צו דער אָפּאָלצעניע, און קומט אַהיים און בעט זיך בא דער מאַמען, זי זאָל אים איינפּאַקן די זאַכן און מיטגעבן גרעט — ער פאָרט, זאָגט ער, אין דער גובערניע, קיין לובלין הייסט עס. „וואָס וועסטו טאָן אין דער גובערניע?" — גאָרניש, ער וועט זיך, זאָגט ער, איינגעבן צו פאָ־ניען אין דער דינסט. „ביסט משוגע? צי חסר דעה? צי מטורף?" — אָט אַזוי וויל ער — און שוין! די „פּאַטרעטיזמע" האָט זיך אין אים צעבערענט. אַלע געבן זיך איין, זאָגט ער, פריי, וויל ער אויך זיך איינ־געבן פריי. „מירן זיי וויזן, זאָגט ער, אַז מיר זיינען זיי נישט ווייניקער געטריי ווי די פּוילן, אויב ניט מער נאָך!" און ער ברענגט מיר אַ ראיה פון פאַן פשעפּעצקים זונדל, סטאַש. „נאַ, זע, זאָגט ער, אַ גימנאַזיסטל, זאָגט ער, פון זעקסטן קלאַס און האָט זיך שוין פאַרשריבן אין פּאָלק!" ביטל איך מסתמא אוים אַלע בייזע חלומות: „בהמה, זאָג איך, בצורת אדם וואָס דו ביסט! וואָס גלייכסטו זיך, זאָג איך, צו סטאַשען? סטאַש זאָג איך, איז אַ גוי און קאָן זיך דערדינען, זאָג איך, צו אַן אָפיציר, און צו אַ פּאָלקאָווניק, און צו אַ גענעראַל, און אפשר נאָך העכער אויך, און דו, זאָג איך, וואָס? האָסט פאַרגעסן, זאָג איך, אַז דו קומסט אַרויס זאָג איך, פון צו אַ גרויסן יחוס, זאָג איך, פון אברהם, יצחק ויעקב?" איז דאָך עס אָבער שמואל־משה עקשן, און אַ חברה־מאַן דערצו, מאַכט

ער צו מיר: „אַט ווײַל איך קום אַרויס, זאָגט ער, פון אַזאַ הויכן יחוס, באַדאַרף איך זײַ, זאָגט ער, באַווײַזן, ערשטנס, אַז ס'אַליגן, וואָס מע זאָגט אויף אונדז, אַז מיר ציטערן פאַר אַ ביקס און שרעקן זיך איבער פאַר אַ שאָס, און, צווייטנס, לאָזן זיי, זאָגט ער, זען, אַז מיר זײַנען גלײַך צו אַלע און אַז מיר פ א ר ד י נ ע ן זאָגט ער, צו זײַן גלײַך מיט אַלע"... איר פאַרשטייט, וווּהין דאָס צילט?... ווײַל איך דאַרף אים מסתמא אָפּענטפערן, ווי זאָגט איר, על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון, לאָזט ער זיך ניט, דער חברה־מאַן, און מאַכט צו מיר: „טאַטע, עס וועט דיר גאָרניש העלפן, זאָגט ער, איך בין, זאָגט ער, אַ זעלנער און גיי אין דער מלחמה, און זײַט געזונט. איך וועל אײַך, זאָגט ער, שרײַבן בריוו־לעך"... כהאי לישנא — מיט די ווערטער.

פאַרשטייט זיך, אַז מײַנע, ווי באַלד נאָר זי האָט דערהערט אַזאַ לשון מיט אַזעלכע דבורים, — אַז זי האָט גענומען צו חלשן — חלשט זי נאָך. סטײַטש, זי וועט דאָס ניט אויסהאַלטן! זי וועט זיך נאָר אַ מעשה אָנטאָן!" טענה איך צו איר: „שאַ, זאָג איך, מרים, מירל, פאָלג מיך, לאָז זײַן שטיל, וועסטו בעסער מאַכן. דאָס משוגעת, זאָג איך, וועט אים איבערגיין, וועט ער אַליין חרטה האָבן". והראיה, ווער איז גערעכט גע־ווען? הלוואַי וואָלט ער מיך געפאָלגט דאָס מאָל און אַלע מאָל. איז עס דאָך אָבער שמואל־משה עקשן, האָט ע ר אויסגעפירט, ניט מיר, און איז אַוועק אין דער גובערניע אַרײַן, און גלײַך אַהין, וווּ מע דאַרף, און האָט געגעבן אַ ליינג־אַוועק אַ שמועס, און דווקא בעל־פּה, די צונג באַדאַרף מען אים, ווי זאָגט איר, ניט פּיקען, און ער האָט זיי געזאָגט כך וכך, אַז ער אַליין, הייסט עס, איז אַ ייִד. און אַז ער איז יאַנקל יונגע־ווערס אַ זון פון קרושניק, און זײַן נאָמען איז שמואל־משה, און ער בעט, מע זאָל אים צונעמען פרײַ אין דער דינסט אַרײַן... האָט מען אים דווקא אויסגעהערט, באַטראַכט דעם נפש און רעכט אויסגעלאַכט, אָפּגעלעצעוועט, געמאַכט חוזק, ווי פאָניע קאָן. איינער אַ גענעראַל האָט אים אַ פרעג געגעבן — אַזוי שרײַבט מיר שמואל־משה אין זײַן ערשטן בריוו: — „צו וואָס ווילסטו זיך אײַנגעבן אין דער דינסט?" ענטפערט אים מסתמא מײַן שמואל־משה: „איך וויל גיין אין דער מילחמה". פרעגט אים ווידער דער קאָמאַנדיר: „מיט וואָס ווילסטו האַנדלען אין דער מילחמה? מיט ייִדישע פיש, צי מיט רוסישער וואָדקאַ?" האָט אים אַפילו

שמואל געוואָלט אָפּענטפּערן, ווי ער קאָן, ס'זאָל אים ווערן גרין און געל, נאָר ער האָט זיך מיישב געווען, ווי זאָגט איר, לאָז איין מאָל זײַנס איבערגיין, און רופט זיך אָן צו אים, צום קאָמאַנדיר הייסט עס: „איך וויל, זאָגט ער, וואָשע וויסאָקע, גיין אין דער מילחמה איבער צוויי זאַכן: ערשטנס, זאָגט ער, איז דאָס מײַן חוב, איך בין מחויב צו גיין שלאָגן זיך פֿאַר מײַן פֿאָטערלאַנד; והשנית, זאָגט ער, ווילט זיך מיר באַווײַזן, אַז אַ ייִד קאָן אויך, זאָגט ער, עפּעס אויפֿטאָן אין דער מילחמה, אַז אַ ייִד, זאָגט ער, קאָן נישט נאָר האַנדלען מיט ייִדישע פֿיש אָדער מיט רוסי־שער יואָדקע, נאָר אַז ער קאָן, זאָגט ער, שיסן אויך". צעלאַכט זיך דער קאָמאַנדיר נאָך שטאַרקער: „ווי קומט צו אַ ייִדן שיסן?" זאָגט צו אים מײַן שמואל־משה: „קאָנסט מיך פּאַרהערן" — אַ יונגאַטש קאָן! אוודאי האָט מען אים פֿאַרהערט שיסן — וואָס מיינט איר, שפּילעכלעך? באַ פּאָניען גייט דאָס נישט אָן! און נישט נאָר שיסן אַליין, מע האָט אים אין איינוועגס, אַזוי שרײַבט מיר שמואל־משה, פֿאַרהערט אַלצדינג — אי שרײַבן, אי לייענען, אי חשבונען, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, זאָגט ער, אַז ער איז אומעטום אינדערהיים. וואָס דען, איך בעט אײַך? אַז פּשעפּעצקים זונדל סטאַש האָט געקאָנט אָפּגעבן עקזאַמענט אויף זעקס קלאַסן גימנאַזיע, וואָלט מײַן שמואל־משה געקאָנט אָפּגעבן אויף צוועלף קלאַסן. גלאָט — אים האָט מען קיין מאָל נישט צוגעלאָזט, דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך...

הקיצור, איר ווילט דאָך וויסן מסתמא דעם שפּיץ — צי מע האָט אים אַרײַנגענומען, צי ניט, נאָך אַ מין אַרײַננעמען! פֿאַר וואָס זאָל מען אים ניט אַהיימנעמען, איך בעט אײַך, אַ שיינער יונג, אַ הויכער, אַ ברייטער — אַ חיות אויף אים אַ קוק צו טאָן, ווי זאָגט איר, בלוט און מילך! און אויגן — אש־להבה! אַ היציקער פֿאַרשווין נאָך פֿון קלייגווײַז אויף, אַלע מאָל געריסן זיך אין פֿײַער אַרײַן. למשל, איך האָב מיך דערמאָנט אַ קלייניקייט: אַז ער איז נאָך געווען גאָר אַ שנעק, ווי זאָגט איר, אַ קליי־נער וועוועריק, האָט זיך געטראָפֿן אַ מעשה, אַז ערל האָט זיך געגעבן אַ שמועס־אוים וועגן ייִדן עפּעס ניט אַזוי פֿויגלדיק, אָנגערופֿן אונדז מיטן נאָמען „זשיד". ווי דער שטייגער איז, — אַז מײַן חברה־מאַן טוט ניט אַ שפּרונג־אויף און לאָזט אים נישט אַראָפּ קיין צוויי פּעטש, איר פֿאַר־שטייט צי ניין, אַז פֿונקען זײַנען געפֿלויגן! אָדער, אַשטייגער, נאָט אײַך

נאָך אַ מעשה: אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן בא אונדז די שיינע געשיכטע מיטן פּוילישן באַיקאָט אַף די ייִדן, און ס'איז אַרום איין מאָל אַ קלאַנג, אַז פּליאַקעס וועט מאַכן אַף אונדז אַ פּאָגראָם, האָט איר באַדאַרפט זען, ווי דער חברה־מאַן האָט זיך מיט אַביסל אָנגעצונדן, פאַרקאַטשעט די אַרבל און שוין גרייט געווען איינער אַליין אַוועקצולייגן אין איין שמע־ישראל אַ מאָה גויִים און נאָך מער, אַז מע וועט באַדאַרפן! אַ שטיקל גליק, וואָס פּליאַקעס האָט ליב נאָר צו ריידן מיט דער צונג און דערביַי בלײַבט עס... אַז איך זאָג אײַך אַ חברה־מאַן, איז אַ חברה־מאַן!

בקיצור, מײַן חברה־מאַן איז אַרײַן, און ווי נאָר ער איז אַרײַן, מײַן שמואל־משה הייסט עס, אַזוי האָט מען אים תוך כדי דבור אַוועק־געשיקט מיט זײַן פּאָלק אין דער מילחמה אַרײַן, און אַוועקגעשטעלט אים גלײַך אין פײַער אַרײַן אַקעגן דײַטש, איר פאַרשטייט צי ניין, און אַף דער דריטער וואָך שוין האָט מען אים באַשענקט מיט אַ מעדאַל, אַ „גע־אָרגי" רופט מען דאָס, ס'איז אַ גרויסע זכיה, שרײַבט ער, צו באַקומען אַ געאָרגי! און שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן האָט מען אים געשענקט נאָך אַ „געאָרגי". און אין אַנדערהאַלבן חדשים אַרום ווידער אַמאָל אַ „גע־אָרגי"! נאָר צו וואָס באַרימערײַ, פּוסטע דבורים? איך האָב עס פּײַנט! — איר ווילט וויסן, ווי אַזוי און פאַרוואָס ער האָט באַקומען אַזוי פיל מעדאַלן, זײַט זיך מטריח, רוקט זיך צו אַביסל נענטער, אָט האָט איר אײַך אַ פּעקל בריוולעך, פון אים טאַקע, פון מײַן שמואל־משהן הייסט עס, וואָס ער שרײַבט צו מיר פון דער מילחמה, פונעם סאַמע פײַער. איך וועל אײַך נישט לייענען אַלע פון אלף ביז תיו, שרעקט זיך נישט! איך וועל אײַך נאָר אַרויסלייענען פון זיי דאָס נייטיקסטע, אָדער, ווי זאָגט איר, דעם סאַמע תמצית, וועט איר זען גבורות ונפלאות, און איר וועט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ חברה־מאַן דאָס איז! דערווײַלע וועלן מיר פריִער גיין עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, אויב מע קאָן עס נאָר נ ע מ ע ן אין מויל אַרײַן, ווײַל ניט אַלץ, וואָס מע גיט דאָ אַפּן שיף, מעג מען עסן, און ניט אַלץ, וואָס מע מעג, ווי זאָגט איר, קאָן מען עסן...

אַף ווידערזען.

.13

## די גבורות ונפלאות פון שמואל־משהן

— — — איר זאָגט, ס'איז נישט פאַראַן קיין צוויי גלײַכע מענטשן אויף דער וועלט. וואָס דאַרפט איר צוויי גלײַכע מענטשן, נאָט אײַך צוויי ברידער, פון איינע טאַטע־מאַמע, איך מיין דאָס טאַקע מײַן יחיאלן, עליו השלום, מיט מײַן שמואל־משה, להבדיל בין החיים למתים, אויב, הייסט עס, איך האָב אַ זכיה באַ גאָט און ס'איז אמת, אַז שמואל־משה לעבט און איז אין אַמעריקע... אָט האָט איר אײַך דעם בעסטן בײַשפּיל: צוויי קינדער, איין מאַמע האָט זיי געהאַט, אין איין שטוב געוואַקסן, באַ איין רבין געלערנט, — איז איינער געווען, איר פאַרשטייט צי ניין, אַ ירא ושלם, מורא געהאַט אַ הויך וואָרט אויסצוריידן, ווי זאָגט איר, אַ פליג נישט זאַטשעפּעט אויף דער וואַנט. דער „לא תרצח" איז באַ אים געווען אַ גוואַלד! — אַ קלייניקייט לא תרצח? און דער? — אַ חברה־מאַן, און נאָך וואָס פאַר אַ חברה־מאַן! צווישן חברה־לײַט אַ חברה־מאַן! איך האָב דאָך אײַך שוין דערציילט, וואָס דאָס איז פאַר אַ צאַצקע! איז דאָס אָבער נאָך אַ שמינית שבשמינית. נאָר צו וואָס פּוסטע רייד? יעדער פאָטער האָט ליב צו דערציילן גרויסקייט פון זײַנע קינדער. דאָס איז שוין זינט די וועלט שטייט. כאָטש אויף וויפל איר האָט מיך דערקענט אָט דאָ אויפן שיף, וועט איר אַליין זאָגן, אַז איך בין נישט פון די פאָטערס, וואָס זײַנען בלינד און זעען נישט, אָדער זיי מאַכן זיך ניט זעענדיק. איך האָב עס פײַנט. באַ מיר איז אַלץ אויבנאויף, ווי אויף אַ טעלער, ווי זאָגט איר, אָן אָפענער זעקס און זעכציק. אָט האָט איר אײַך אַ גאַנץ בינטל בריוו פון מײַן שמואל־משהן, וואָס ער שרײַבט מיר פון דער מילחמה. נאָט לייענט, וועט איר אַליין זען, וואָס פאַר אַ פויגל דאָס איז. קוקט נישט, פאַני שלום־עליכם, אָפן כתב, וואָס איז נישט אַזוי ריין, און נישט אַזוי שיין, ווי זאָגט איר, קאַטשערעס מיט לאָפּעטעס. ער, מײַן שמואל־משה הייסט עס, האָט אַ האַנט דווקא אַ שיינע; מע קאָן זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ „כתבא רבה". אַלע מײַנע קינדער אַזוי. אַז מײַנע קינדער האָבן נאָך געלערנט אין חדר, פלעגט מען זיך אַרומטראָגן מיט זייערע כתבים

פון שטוב צו שטוב און פון האַנט צו האַנט. דאָס איז בא זיי בירושה. איך אַליין, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב אויך געהאַט אַמאָל זייער אַ שיינע „פּאָטשערקע". די גאַנצע משפּחה אונדזערע פֿייגען זיך אויס מיט זייער „פּאָטשערקע". נאָר וואָס דען? איר דאַרפט דאָך אַליין פֿאַרשטיין, ווי אַזוי און אין וואָס פאַר אַן אופן די דאָזיקע בריוו זייַנען געשריבן געוואָרן. אין טראַנשייעס, משטיינס געזאָגט! און לויפנדיק אונטער אַ האָגל פון פֿייַער! צווישן האַרמאַטן און לופט־מאַשינען! אַט נאַט, זעט, זעט אַליין, אָדער ווייסט איר וואָס? איך וועל אייַך לייענען שטיקלעכווייַז, ווייַל ס'איז שוין אַ סך ערטער פאַראַן, וואָס האָבן אָפּגעריבן זיך, אַ סך בלעטלעך פעלן, און ס'איז טאַקע שווער צו לייענען אַלצדינג אַף איין מאָל. איך לייען אייַך, פּאַני שלום־עליכם, דעריבער נאָר דעם רעכטן עיקר לייען איך אייַך. אַט האָט איר, למשל, אַ בריוו, הייבט זיך אָן בא אים אַזוי:

„שלום, זאָגט ער, לאהובי אָבי הנגיד היקר הנכבד המרומם המופלג המפורסם..." מילא בקיצור, נו — מיר גייען ווייַטער... „חכם ונבון חביב ונחמד כבוד שמו תפארתו מוהר"ר יעקב נ"י! ראשית קום איך דיר צו מעלדן, זאָגט ער, פון מייַן געפינען זיך, אַז איך געפין זיך אין דעם צוויי און צוואַנציקסטן בעסאַראַביער פּאָלק..." נו, דאָס איז נישט וויכטיק פאַר אייַך, מיר גייען ווייַטער: „און אַז מייַן נאַטשאַלסטווע איז פון מיר זייער צופרידן"... אויך נישט אַזוי וויכטיק... „און מיר האָבן געהאַט, זאָגט ער ווייַטער, אַ געפעכט אונטער אַ דאָרף, צווישן גרויסע בערג, דריי טעג מיט דרייַ נעכט אונטערן פֿייַער קעגן פֿייַנט, דרייַ מאָל אַזוי שטאַרק ווי מיר. נאָר אונדזערע האָבן זיך געוואָרפן אין פֿייַער אַרייַן, אָפּגעשלאָגן אַלע אַטאַקעס און באַקומען אַלע מאָל נייַע אונטערגעפרישטע פּאָלקן, וואָס זייַנען געפאַלן איינס נאָך דאָס אַנדערע, איינס נאָך דאָס אַנדערע, אַזוי ווי שטרוי. בלוט האָט גערונען, אַזוי ווי וואַסער. און מיר האָבן געשפּאַנט איבער טויטע. וואָרעם ס'איז נישט געווען קיין צייַט אויפֿראַמען די געהרגעטע און איבערבינדן אונדזערע געראַנעטע, איבער די דייַטשע שראַפּנעלן, וואָס גיסן ווי אַ רעגן, און איבער זייערע מוראדיקע באָמבעס פון די צוויי און פערציקער האַרמאַטן, וואָס דערלאַנגען ווייַט, און אונדזערע קאָנען נישט אַזוי ווייַט דערלאַנגען. ווען נישט דאָס, וואָלטן מיר געמאַכט פון זיי אַ תל! וואָרעם אונדזערע, אַז ס'איז געקומען צום

סוף, האָבן מיר זיך אַ וואָרף געטאָן אָפּן פֿײַנט מיט באַיאָנעטן, מיר זײַנען שוין געווען די לעצטע, האָט דער קאָמאַנדיר נאָר אַ זאָג געגעבן איין וואָרט: „בראַטצי!״ — ברידערלעך, הייסט עס, — האָבן מיר פֿאַרגעסן, אַז מיר זײַנען שוין סך־הכּל אַ הײַפֿל, און די דײַטשן זײַנען נאָך אַ גאַנצער ים, און מיר האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף זיי מיט אַ הוראַ, און האַנט בײַ האַנט געשלאָגן זיך מיט זיי, ביז ס׳איז געוואָרן נאַכט, און דערווײַל זײַנען אונטערגעקומען צו אונדז פֿון הינטן נאָך און נאָך חיל, צוגעפֿרישטע הייסט עס, וואָס זײַנען געפֿאַלן אויף טויט און אַ סך געפֿאַנגען, נאָר איך בין געווען גרינג געראַנעט פֿון אַ שראַפּנעל, סאַמע אין דער קני פֿון דעם לינקן פֿוס. נאָר איך האָב זיך געהאַלטן שטאַרק, ווײַל איך האָב געהאַט די פֿאָן אין די הענט. איך האָב זי אָוועקגענומען בײַ אַ געפֿאַלענעם פֿון די הענט אַרויס, און איך האָב מיר געזאָגט: דער טויט זאָל מיר זײַן, נאָר כּל זמן איך שטיי אויף די פֿיס, לאָז איך די פֿאָן נישט אַרויס! דאָס האָט געזען דער קאָמאַנדיר אַליין, און אַז מיר האָבן אָפּגעטראָטן און מע האָט מיך גענומען אין האָספּיטאַל, האָט מיך דערפֿאַר דער קאָמאַנדיר צוגעשטעלט צו אַ „געאָרגי״, וואָס איך דאַרף די טעג באַקומען, און טאַקע די טעג שרײַב איך מיך אויס פֿון האָספּיטאַל צוריק אין פֿאָלק אַרײַן. און איך צייל שוין די טעג, די מינוטן, ווען איך וועל ווידער זיך קאָנען נעמען צו דער ביקס, וואָרעם עס קאָכט אין מיר דאָס בלוט מיט סכּנת נפֿשות, עס ברענט אין מיר אַ פֿײַער אָפּן פֿײַנט, וואָס האָט אָוועקגעלייגט די בעסטע כּוחות אונדזערע, אויסגעקוילעט אונדזערע ברידער, אַזוי ווי די אָקסן, אַזוי ווי שאָף, און אונדזערע בעסטע אָפֿיצירן האָט ער גענומען אין פֿלען אײנאַיינעם מיט אונדזערע האַרמאַטן און מאַשינעס, מיט אונדזער גאַנצער שווערער אַרטילעריע, אָן אַ שיעור אַמוניציע, פֿערד און גאַנצע וואַגאָנעס מיט ברויט — אויסקרענקען זאָל ער דאָס, ער איז שטאַרק, דער דײַטש, אוי איז ער שטאַרק! מיר זײַנען אָבער אויך געגנוג שטאַרק! מירן אים באַווײַזן!...״

נו, פֿאָני שלום־עליכם? וואָסט איר זאָגן אויף יאַנקל יונעווערס זון און אויף יחיאלס ברודער? אָדער נאָט, אָט האָט איר נאָך אַ בריוול: „לכּבֿוד, זאָגט ער, אהובֿי אָבֿי יקירי הרבני הנגיד המרומם...״ בקיצור... „החכם המפֿואר הנחמד והחבֿיבֿ בש״ת מוהר״ר יעקבֿ נ״י! איך האָב דײַן ליבן בריוו, אָבֿי יקירי, מקבל געווען, און דאַנק דיר זייער פֿאַר דײַנע

ליבע זיסע קלוגע רייד, וואָס זײַנען געזאָגט געוואָרן מיט גרויס חכמה און מיט פּיל קלוגשאַפט"... מילא בקיצור, מוחל, מוחל! בעסער געווען פריִער פאָלגן דעם טאַטן, איידער איצט מודה זײַן, אַז ער פאַרשטייט אַן עסק... און ווײַטער, לאָמיר לייענען וואָס שרײַבט ער ווײַטער? ווײַטער שרײַבט ער אַזוי: „און וואָס די מאַמע באַוויינט אַזוי יחיאלן און לייגט אײַן די וועלט, וואָס ער דאַרף גיין אין דער דינסט, פאַרשטיי איך ניט, מיט וואָס איז יחיאל מער מיוחס פון מיר? דאַכט זיך, מיר שטאַמען ביידע פון איין יחוס..." וואָס זאָגט איר אַף אַזאַ חברה־מאַן, ווי ער ווערטלט זיך? עס ליגט אים נאָך אין זינען ווערטלעך אין אַזאַ צײַט! נאָר לאָמיר גיין ווײַטער: „און דו קאָנסט מיר זאָגן, אָבי היקר, מזל טוב מיט אַ צווייטן אָרדן, אויך אַ „געאָרגי", פאַר דערפאַר, וואָס איך האָב אַף מײַנע פּלייצעס, אַנטלויפנדיק פונעם פײַנט, אַרויסגעטראָגן אַ געראַנעטן אָפיציר פון סאַמע פײַער. ער האָט זיך געבעטן נאָר, מע זאָל אים אויפהייבן פון דער ערד, זיך געהאַלטן באַם בויך, נישט געקאָנט אַליין, האָט קיינער נישט געוואָלט זיך אָפּשטעלן, וואָרעם מע האָט אונדז זייער געיאָגט, געהאָגלט אַף אונדז מיט פײַער פון אַלע זײַטן, פון רעכטס און פון לינקס, פון פאָרנט און פון הינטן, און פון אויבן די לופט־מאַשינען, אַזוי ווי די ווילדע פויגלען, ווער האָט געקאָנט הערן, אַז מע לויפט, ווי די צעווילדעװעטע חיות? און ווער האָט זיך געקאָנט דאָס אָפּשטעלן כאָטש אַף אַ ווײַלע, באַ אַזאַ העליש פײַער? נאָר דער דאָזיקער געפאַלענער אָפיציר האָט אַף מיר אַזאַ מאָדנעם קוק געגעבן מיט זײַנע שיינע, בלויע, גוטע אויגן, אַז ער האָט מיך דורכגענומען דורך און דורך, און איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, מיט ביידע עלנבויגנס זיך געמאַכט אַ וועג צווישן די לויפנדיקע, זיך אָנגעבויגן צום אָפיציר, געוואָלט אים אויפשטעלן פון דער ערד — ווער? וואָס? ער קאָן זיך נישט האַלטן אַף די פיס, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים. וואָס טוט מען? זאָל איך אים איבערלאָזן אַליין? — ווערט ער צעטראָטן. אַן אָפיציר! שלעפּן זיך מיט אים? — וועט מען אונדז ביידן אַוועקלייגן. זעץ איך מיך צו און זאָג צו אים: קריך, וואַשע בלאַהאַראָדיע, אַף מיר! און איך האָב אים אַ נעם געגעבן צו זיך אַף די פּלייצעס און בין דורכגעלאָפן מיט אים אַ שיין ביסל מײַל, אונטער אַ האָגל פון קוילן, ביז מיר זײַנען קוים געקומען צו אַ פונקט, וווּ אונדזערע האָבן געוואַרט אַף אונדז. דאָרט האָט מען דעם אָפיציר

אוועקגעלייגט אין האָספּיטאַל און מיך אויך, ווייל איך בין אויך געווען געראַנעט פון דער גרינג, אַ שראַפּנעל האָט מיר אָפּגעסמאַליעט אַן אויער, און ערשט דאָרטן ווער איך געוווירן, אַז דער אָפיציר איז אַ גאַנצע שישקע, אַ פירשט, אַ קניאַזש, פון די, וואָס זיינען נאָענט צום הויף!... ער האָט מיך צוויי מאָל געזען, געשיקט מיך רופן, אויסגעפרעגט זיך, ווי אַזוי איך הייס און ווער איך בין, שטאַרק געלויבט מיך און געזאָגט, אַז ער וועט מיך קיין מאָל נישט פאַרגעסן — און מע האָט מיך צוגעשטעלט צו אַ „געאָרגי" דעם צווייטן מאָל..."

וואָס זאָגט איר אַף דער גדולה — צוויי געאָרגיס! פרעגט אים, וואָסט ער טאָן מיט זיי? אַנו, לאָז ער פּרוּוון קומען מיט זיי למשל, קיין פּייטערבאַרג אָדער מאָסקווע — צי וועט מען אים נישט אַרויסוואַרפן מיט די געאָרגיס? צי לאָז ער, אַשטייגער, קומען צוריק קיין קרושניק, וועט זיך פּליאַקע מסתמא איבערשרעקן און וועט נישט מאַכן אַף אים מער קיין באַיקאָט, ווי קלערט איר? נאָר מיינט נים, אַז איר זייט שוין פאַרטיק. מיר האָבן, איר פאַרשטייט צי ניין, נאָך אַ דריטן „געאָרגי". וואָס מיינט איר, מיר זיינען עפּעס פון די קליינע? דעם דריטן מענדאַל האָבן מיר באַקומען... נאָר אָט וועל איך אייך בעסער לייענען, וואָס ער אליין שרייבט מיר, מיין שמואל־משה הייסט עס. ס'איז כדאי נאָר צוליבן לשון אליין. ער האָט אַ שיינעם לשון. מליצה — דאָס ליגט שוין בא אונדז אין דער טבע. דאָס איז בא אונדז אַ משפחה־זאַך. ער שרייבט צו מיר ווייטער, שרייבט ער אַזוי:

„...איצטיקס מאָל קאָן איך מיך זאָגאָר באַרימען, אָבי יקירה, אַז איך האָב כמעט אָפּגעראַטעוועט אַ גאַנצע אַרמיע, וואָס האָט געקאָנט אַרומגערינגלט ווערן פון אַלע זייטן און גענומען ווערן פונעם פיינט אין פּלען, העכער זיבעציק טויזנט מאַן מיט אונדזער גאַנצער שווערער אַרטילעריע, וואָרעם דער שׂני, וואָס איז אויסגעפאַלן, האָט צעלאָזט, די ערד איז געוואָרן ווייך, אַזוי ווי דריליס, און די פערד האָבן געזונקען, די רעדער האָבן נישט געקאָנט אַרויס..."

הקיצור, פּאַני שלום־עליכם, ווי זאָגט איר — פּאַניעס גליקן מיט פּאַניעס תירוצים. איך וויל גאָרנישט לייענען ווייטער. אין צוויי ווערטער וועל איך אייך נאָר איבערגעבן די מעשה: אַז מע האָט באַדאַרפט אויסגעפינען, ווו געפינט זיך דער שונא, האָט מען אויסגערופן, ווער וויל זיך

מוסר נפש זײַן קריכן בארג אראָפּ אפן בויך צום װאלד, צו אויסקוקן, איר פּארשטייט צי ניין, דעם דײַטש? האָבן זיך אָפּגערופן ניט קיין סך, און צווישן זיי איז דער ערשטער געווען ער, שמואל־משה הייסט עס. אָט דאָס איז די גאנצע מעשה; נאָר ער צעלייגט עס, ווי זאָגט איר, אַף טע־לערלעך. דער שפּיץ איז — זיי האָבן אויסגעשמעקט דעם דײַטש, און מײַן שמואל־משה איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעזאָגט די דאָ־זיקע גוטע בשורה און מע האָט צײַט געהאַט דעריבער מאכן פּליטה — אַניט וואָלט געווען שלעכט! דאָס הייסט, ס'איז אַזוי אויך געווען אַזאַ יאָר אַף די שונאי ישראל, מע האָט אים געבראָכן אַ ביין, פּאָניען הייסט עס, געיאָגט ווי מיט הינט, נאָר פאַרנעמען אַ גאַנצע אַרמיע איז דעם דײַטש נישט געראָטן — און דאָ האָט אויך מײַן שמואל־משה געהאַט אַ חלק, און דערפאַר באקומען אַ נײַע מתנה — ווידער אַ „געאָרגי", שוין צום דריטן מאָל. און דערמיט ווערט אָפּגעהאַקט די געשיכטע פון זײַנע גבורות ונפלאות, און עס הייבט זיך אָן אַ נײַע געשיכטע פון אַן אומגליק, וואָס האָט זיך מיט אים געטראָפן איבער אַ דײַטשן אָפיציר, וואָס ער האָט גענומען אין פּלען און וואָס מע האָט אים דעריבער געמשפּט, טאַקע מײַן שמואל־משהן הייסט עס, פעלדגעריכט, און עס איז אים געקומען אַ קליי־ניקייט — נאָר שיסן אין פיר און צוואַנציק שעה!...

וואָס מיט אים איז ווײַטער געוואָרן — דאָס וויס נאָר גאָט און גוטע מענטשן, וואָס זאָגן, אַז ער איז איצט אין אַמעריקע. הלוואי פון אײַער מויל, ווי זאָגט איר, אין גאָטס אויערן. נאָר אַזוי ווי מיר האָבן זיך שוין ביידע גוט אָנגעלייענט, לאָזן מיר די דאָזיקע געשיכטע איבער אַף שפּעטער אביסל.

.14

## שמע ישראל!

— — — איך האָב מורא, אַז די געשיכטע וואָס איך גיב אײַך איבער אַצינד, פּאַני שלום־עליכם, איז דאָס די לעצטע מעשה פון טויזנט איין נאַכט, וואָרעם די ייִדן, וואָס פאָרן מיט מיר אין דריטער קלאַס, זאָגן, אַז מיר זײַנען שוין באַלד אין אַמעריקע. הלוואי, פון זייער מויל אין

גאָטס אויערן. כאָטש איך דאַרף אײַך זאָגן דעם אמת, איך בין אין דעם נישט אַזאַ גרויסער מאמין. מיר שלעפּן זיך שוין אַזוי לאַנג, אַז איך האָב שוין אָנגעהויבן צו פֿאַרלירן דעם בטחון מיט דער אמונה, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ לאַנד, וואָס הייסט אַמעריקע. נאָר אויב ס'איז אָן אמת, אַז מיר דערנענטערן זיך, ווי זיי זאָגן, צום גאָלדענעם לאַנד, באַדאַרף מען זען אָפּכאַפּן די דאָזיקע געשיכטע, וואָרעם איך קאָן חלילה בלײַבן אין מיטן — ווו וועל איך אײַך גיין זוכן אין ניו־יאָרק?

הקיצור — ווי אַזוי ווילט איר? צי זאָל איך אײַך לייענען ווײַטער מײַן זונס בריוו, ווי ער שרײַבט צו מיר פֿון דער מילחמה? אָדער ס'איז גענוג, איך זאָל אײַך איבערגעבן נאָר דעם תמצית אין קורצן, אַזוי ווי מיר ביידע האָבן ליב? דער תמצית אין קורצן קאָן איבערגעגעבן ווערן, ווי זאָגט איר, בשלשה דברים — אין צוויי ווערטער: עשו, אַ שלאַק זאָל אין זײַנע ביינער אַרײַן, דעם אמת מוז מען אָף אים זאָגן אונטער די אויגן, ער איז גענוג שטאַרק און גענוג מעכטיק, און גענוג קרעפּטיק און גענוג תקיף, מוראַדיק תקיף, — אָבער נאָר בײַ זיך אינדערהיים. פֿירן אַ היימישע מילחמה, למשל, אײַנשטעלן אויפֿגעשטאַנענע פּאָליאַקן, שמײַסן צעבונטעוועטע מוזשיקעס, דערשטיקן אַ רעוואָלוציע, מאַכן, איר פֿאַרשטייט צי ניין, אַ ייִדישן פּאָגראָם — דערויף איז ער אַ מזיק! קומט אים אָבער אויס פֿירן אַ מילחמה אין דרויסן, אַ תחום־שבת ווײַטער פֿון זײַן לאַנד אַרויס — אהאַ! איז שוין שלים־שלים־מזל. ווי זאָגט איר, מיט דער פּוטער אַראָפּ. אָף אים איז געזאָגט געוואָרן דאָס אייגענע, וואָס דער מדרש זאָגט אָף אונדז ייִדן, להבדיל. „פֿאַר וואָס, פֿרעגט דער מדרש, איז ישׂראל געגליכן צו אַן איילבערט? ווײַל אַזוי ווי אַן איילבערט גיט נישט אַרויס זײַן בוימל נאָר דורך שטויסן, דורך קלאַפּן און דורך קוועטשן, אַזוי איז אויך ער; ער ווערט נישט בעסער ביז ער כאַפּט ניט קיין קלעפּ"... ווי געפֿעלט אײַך דער מדרש? פֿונדעסטוועגן, איינס צום אַנדערן געהער זיך ניט אָן. וואָס אמת איז אמת. עס מאַכט זיך אַ צײַט, ווען ער איז גובר, ווען ער איז, ווי זאָגט איר, ידו על העליונה. אמת, דאָס טרעפֿט זיך זעלטן, נאָר עס טרעפֿט, הלוואַי זאָל זיך אַזוי נישט טרעפֿן. אָט האָט זיך געטראָפֿן אַ נס — איך פֿאַרשטיי ניט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, נאָר ער איז אַרײַן דעם דײַטש, אַזוי שרײַבט מיר מײַן שמואל־משה, דורך צוויי פֿליגלען איז ער אַרײַן, און האָט אים אַרויסגעיאָגט פֿון

די טראַנשייעס, האָט אים אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן און האָט פֿאַר־גומען באַ אים אַ גוזמא חיל אין גופֿענקעניש, מיט קאַנאַנען מיט אַמו־ניציע, מיט הכל בכל מכל פֿלעקל, און דער ערשטער פֿון אַלע האָט זיך אויסגעפּײַנט, פֿאַרשטייט זיך, ער, מײַן שמואל־משה, דערמיט, וואָס ער האָט געפֿאַנגען דעם ערשטן אָפֿיציר, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבן מיט אַ גאַנצן באַטאַליאָן. נאָר אָט אַזוי גרינג, מיינט איר, גיט זיך קירה־דײַטש אונטער? האָט צײַט, וואַרט אַ ביסל, וועט איר הערן, ווי אַזוי דער חברה־מאַן, מײַן שמואל־משה הייסט עס, באַשרײַבט דאָס מיר אין זײַן בריוו. די מעשה, איר פֿאַרשטייט צי ניין, איז אַזוי געווען. פֿריִער האָט מען זיך געשלאָגן און געשלאָגן און געשלאָגן, ווי געוויינטלעך אין אַ מילחמה — מע שטעלט אַוועק האַרמאַטן איינס אַקעגן דאָס אַנדערע און מע צילעוועט זיך: דו שיסט אַף מײַן רבין, איך שיס אַף דײַן רבין. דערנאָך הייבט מען אָן מיט קאַנאָנען און מיט ביקסן, אַלע מאָל נענטער און נענטער, און מענטשן פֿאַלן פֿון ביידע צדדים, אַזוי ווי שטרוי, אַ שורה נאָך אַ שורה, אַזוי לאַנג, ביז עס עסט זיך צו — ווי זאָגט איר, קרעפּלעך עסן ווערט אויך נמאס, — און מע טוט זיך אַ וואָרף איינס אַף דאָס אַנדערע מיט באַיאָנעטן, און מע הייבט אָן צו אַרבעטן מיט די הענט און מיט די פֿיס און מיט די ציין, — שעמט זיך נישט, פּשוט מיט די ציין, וואָרעם וואָס איז דאָס חדוש, אַז אויסגעמוטשעט איז מען, און מיד און שלעפֿעריק אויך, און הונגעריק אויך, און פֿאַרדראָס אין האַרצן טראָגט מען, און דאָס לעבן איז במילא נישט ווערט אַ שוה פּרוטה, — עלעהיי, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אויסגעהונגערטע וועלף, צעווילדעוועטע חיות... וואָס זאָג איך, צעווילדעוועטע חיות? אַ סך ערגער פֿון חיות! וואָרעם אַ חיה, אַז זי איז הונגעריק, פֿאַלט זי אָן און פֿאַרצוקט אײַך, און אַז זי האָט זיך אָנגעזעטיקט, שווײַגט זי שטיל; און אַ מענטש, אַז ער צעווילדעוועט זיך, ווייס ער ניט קיין אויפֿהער. אדרבה, וואָס מער בלוט ער זעט, מער גלוסט זיך אים בלוט פֿאַרגיסן, און מע וואַרפֿט זיך איינס אַף דאָס אַנ־דערע, און מע שנײַדט קרויט, און מע שטעכט מענטשן, אַזוי ווי מע שטעכט, להבדיל, חזירים, און בלוט גיסט זיך, אַזוי ווי וואַסער. ווער האָט דאָס צײַט אַ קלער צו טאָן: וואָס טו איך? פֿון וועמענס וועגן און צוליב וואָס? ווער האָט צײַט איבערצוטראַכטן: טאָמער גיי איך אַף מײַן אייגע־נעם ברודער? והראיה — אָט וועט איר האָרכן ווײַטער. אַזוי ווי מע האָט

זיך א לאָז געגעבן איינס אַף דאָס אַנדערע, אַזוי שרײַבט מיר מײַן חברה־מאַן, מיט בלויזע שווערדן און מיט שאַרפֿע פּיקעס, ער טוט א קוק — גלײַך אַף אים טראָגט זיך א דײַטשער אָפֿיציר, די אויגן ברענען, דאָס פּנים פֿלאַקערט; אָט נאָך א מינוט, נאָך א רגע — איז ער אים דורס, האַקט אים אַראָפּ דעם קאָפּ! מײַן שמואל־משה אָבער שלאָפֿט אויך נישט. אַזוי ווי ער האָט דערזען דעם בלוטדורשטיקן אָפֿיציר, אַזוי האָט ער זיך געגעבן א נעם צו דער פּיקע, און גלײַך אָפּן אָפֿיציר, גרייט געווען אים דורכלעכערן דורך און דורך, ווי א מצה! יענער, דער אָפֿיציר הייסט עס, האָט דאָס באַמערקט און איז דווקא נישט אָפּגעשפּרונגען צוריק, און דווקא גלײַך אַף מײַן חברה־מאַן, און, ווי א מענטש, וואָס ווייס, וואָס פֿילט, אַז ער גייט אַף א זיכערן טויט, האָט ער מיט אַלע כחות אַרויסגע־שריִען די ווערטער: שמע ישראל! ה׳ אלהינו! ה׳ אחד!"... האָבן זיך באַ מײַן שמואל־משהן, אַזוי שרײַבט ער מיר, אָפּגעלאָזט הענט און פֿיס, און ער געדענקט נישט, זאָגט ער, וואָס מיט אים איז געוואָרן. מײַן חברה־מאַן איז קיינמאָל נישט געווען קיין מסוכנער דאַוו־נער, נאָר עס האָט זיך אַרויסגעריסן ניט ווילנדיק באַ אים פֿון מויל: „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד!"... און ווי נאָר ער האָט אויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, אַז יענער טוט נישט א וואָרף אַוועק פֿון זיך די כלי־זין און פֿאַלט נישט מײַן חברה־מאַן אָפּן האַלדז און מע הייבט זיך נישט אָן צו קושן זיך?... איז מען דאָך אָבער א ייִד, און א ייִד האָט שונאים, איז זיך מיישב איינער א פּראָסטער קאַפּראַל און פֿאַרמסרט מײַן שמואל־משהן, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי מײַן שמואל־משה האָט זיך געקושט מיטן דײַטשן אָפֿיציר, מיטן שונא הייסט עס, און ביידע, מײַן זון און דער אָפֿיציר, האָבן בעת מעשה עפּעס געשמועסט צווישן זיך פּאָ זשידאָווסקאָמו, — אַף ייִדיש הייסט עס; און וואָס טויג אײַך, ס׳איז געוואָרן א „דיעלאָ". מילחמה־צײַט איז נישט קיין שפּילעכל: איינס־צוויי־דרײַ — און פֿאַרטיק! נישטאָ קיין פֿאַרענטפֿערן זיך, נישטאָ קיין עדות, אין פֿיר און צוואַנציק שעה זײַט איר אָן אָפּגעמשפּטער און א געשאָסענער און א באַגראָבענער — און, ווי זאָגט איר, א גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע! נישט נאָר קיין קדיש, אַפֿילו קיין האָן וועט נאָך אײַך ניט קרייען! — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַט דאָ מוז אָבער די מעשה איבערגעהאַקט ווערן, ניִשט מחמת איך בין אַזאַ שלעכטער מענטש און פאַרגין אײַך ניִשט צו וויסן וואָס ווײַ־טער איז געווען, נאָר איבער אַן אַנדער זאַך — דאָס איז דער לעצטער בריוו זײַנער, מער קיין בריוו האָב איך שוין פון מײַן חברה־מאַן ניִשט באַקומען עד היום הזה, גלײַך ווי אין וואַסער ארײַן! אַלץ, וואָס איך ווייס פון אים. איז נאָר דאָס, וואָס מענטשן זאָגן, מענטשן וואָס ווייסן. און מענטשן וואָס ווייסן גיבן איבער די מעשה אַף צווייערליי אופנים. צוויי גירסות הייסט עס: פאַראַן אַ יש אומרים, וואָס ווייס פון אים אַ גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעדרייט פונעם תליונס הענט דורך אַן המציאה, וואָס נאָר יאַנקל יונעווערס זון קאָן אַזעלכעס אײַנפאַלן. דהיינו? אַז מע האָט אים ארײַנגעפירט, דעם חברה־מאַן, אַזוי דער־ציילט מען, און געגעבן אַ נעם אַפן צימבל: „זאָג נאָר, דו פײַנער בחור, דו שמואל־משה ב״ר יעקב, איז דאָס אמת, אַז דו מיטן דײַטשן אָפיציר, וואָס דו האָסט גענומען אין פלען, זײַט איר געפאַלן אײנס דאָס אַנדערע אַפן האַלדז און געקושט זיך און געשמועסט פאַ זשידאָווסקאָמו?״... טראַכט זיך מײַן שמואל־משה אַזוי: זאָל ער פאַרלייקענען און זאָגן, אַז זיי האָבן גאָרניט געשמועסט, האָט ער מורא, טאָמער וועט זיך ארויס־באַווײַזן, אַז זיי האָבן יאָ געשמועסט, קאָן ער דאָ מיאוס אָפּשנײַדן... זאָל ער, ווידער צוריק, זאָגן דעם אמת, קאָנען זיי דאָך ביידע כאַפּן אַ ביטע־רע מפּלה... וואָס טוט מען? איז ער געפאַלן אַף אַ המצאה, איר פאַר־שטייט צי ניין, אַז זאָגן זאָל ער זיי טאַקע דעם גאַנצן אמת, נאָר פאַר־טײַטשן וועט ער זיי די ווערטער אַזוי, אַז ס׳זאָל אויסקומען, ווי זאָגט איר, אָגיל ואשמח, דאָס הייסט, טאַקע געזאָגט אַקוראַט, נאָר אַ מכה זאָלן זיי וויסן וועך עס האָט זיי געשלייערט... און ער רופט זיך אָן צו זיי, מײַן שמואל־משה הייסט עס: „איך וועל אײַך זאָגן, זאָגט ער, וואָס דער דײַטש האָט מיר געזאָגט. ער האָט צו מיר געזאָגט, זאָגט ער, אַף ייִדיש: „ש מ ע י ש ר א ל ה׳ א ל ה י נ ו ״ — דאָס הייסט: „איך גיב זיך אונטער צו דיר מיט מײַן גאַנצן רעגימענט״... האָב איך אים, זאָגט ער, דערויף אָפּגעענטפערט אויך אַף ייִדיש: „ב ר ו ך ש ם כ ב ו ד מ ל כ ו ת ו — הלוואַי וואָלטן אַלע אײַערע רעגימענטן געפאַלן אַף אַזאַ שׂכל״... האָט מען אים אויסגעהערט און מע האָט צו אים אַזוי געזאָגט: „הער־זשע אויס, גוטער ברודער, די מעשה דערפון איז אַזוי. אַן אַנדע־

רער אַף דײַן אָרט װאָלט פֿאַר אַזאַ זאַך געװיס געשאָסן געװאָרן אין פֿיר און צװאַנציק שעה, װאָרעם װער איז דאָס מחויב צו פֿאַרשטײן אײַער זשידאָװסקי לשון, װאָס איר רעדט דאָרטן צװישן זיך? נאָר אַזױ װי דו ביסט אַ קאַװאַליער פֿון דרײַ געאָרגיס, גליבן מיר דיר"... און מע האָט אים אַרױסגעלאָזט, האָט ער זיך אױפֿגעהױבן און איז אַװעק קײן אַמע־ריקע. אַזױ זאָגן מענטשן, װאָס װײסן... איז אָבער פֿאַראַן אַ יש אומרים, װאָס גיבן איבער די אײגענע מעשה, נאָר אַביסל אַנדערש. דהיינו: מע האָט אים אױסגעהערט טאַקע אַלצדינג פֿײַן. נאָר װאָס דען? אַז ער האָט געענדיקט, האָט מען צו אים אַזױ געזאָגט: „הער־זשע אױס, גוטער ברו־דער, די מעשה דערפֿון איז אַזױ. אַן אַנדערער אַף דײַן אָרט װאָלט פֿאַר אַזאַ זאַך געװיס געשאָסן געװאָרן אין פֿיר און צװאַנציק שעה; נאָר אַזױ װי דו ביסט אַ קאַװאַליער פֿון דרײַ געאָרגיס, װילן מיר דיר אָפּגעבן כּבֿוד, דיר און דײַן פֿרײַנט דעם דײַטשן אָפֿיציר, און מיר װעלן מאַכן אַזױ, אַז איר זאָלט שױן תּמיד זײַן אינאײנעם און זאָלט זיך קײנמאָל ניט צעשײדן..." — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

װאָס דאָס האָט געמײנט — באַדאַרף איך אײַך נישט דערקלערן. ס'איז מלחמה־צײַט, און אין מלחמה־צײַט איז אַלצדינג מעגלעך. נאָר איך װיל עס ניט ברענגען פֿאַרן מױל און נישט אַפֿילו אַף די געדאַנקען װאָרעם אױב דאָס איז חלילה אמת, פֿרעגט זיך, צו װאָס איז מײַן נסיעה קײן אַמעריקע? און צו װאָס לעב איך? און פֿאַרװאָס זאָל איך מיך ניט אַראָפּלאָזן, אַזױ װי איך זיץ דאָ מיט אײַך און רײד, אין װאַסער אַרײַן? נישט מער, בלאָטע — איך װעל עס ניט טאָן. פֿאַר װאָס? װאָרעם איך הײס יאַנקל יונגעװער... — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זעט נאָר, װי דער עולם האָט זיך דאָס אַביסל אַ שפּאַר געגעבן אַפֿן דעק, און אַלע קוקן זײ אַהין אין אײן פּינטל אַרײַן! ניט שױן־זשע זײַ־גען מיר נאָענט צו אַמעריקע? געלױבט ביסטו גאָט! אױב אַזױ, גיט מיר אײַער האַנט, רב שלום־עליכם, זײַט געזונט און זאָגט מיר צו, אַז איר װעט פֿאַרגעסן אַלצדינג, װאָס איר האָט דאָ געהערט פֿון מיר, פֿאַרגעסן אַף אײביק. איך האָב מיך אָנגעהערט, הערט איר, אַזױ פֿיל צרות פֿון די ייִדן,

וואָס פאָרן מיט מיר אין דריטן קלאַס, אַז איך האָב אַרויסגעזען, איר פאַר־שטייט צי ניין, אַז איך בין ניט קיין בן יחיד באַם רבונו־של־עולם, אָדער, ווי זאָגט איר, ניט איין זכר אין מאָסקווע. זייט־זשע געזונט און בלייבט געזונט און האָט קיין פאַריבל ניט!

געשריבן אין יאָר 1915

# איינער פון טויזנט

איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס איז ער...

אינגאַנצן ער מיט די ביינער! אַ ביסל אַן אויסגעבויגענע נאָז, קאַרע, גוטע, תמיד לאַכנדיקע אויגן, איין צאָן בּאַ אים אַ ביסל אַ קרומער, אַן איבערגעוואַקסענער; אַז ער הייבט אָן לאַכן, באַווייזט זיך ארויס דער קרומער צאָן.

נאָר די האָר — אַמאָל זיינען זיי געווען געלבלעכע, גילדענע האָר; היינט זיינען זיי פאַרזילבערט געוואָרן און גלאַנצן אַקעגן דער זון און גיסן זיך אויס אין צוויי פאַרבן: גאָלד און זילבער.

שוין ניט קיין יונגערמאַן, אַפּנים, כאָטש ער דאַרף זיין אין מיינע יאָרן.

נאָר די משמעות, אַז איך בין שוין אויך ניט קיין יונגערמאַן, אַריבער פערציק...

זאָל איך צוגיין צו אים? עפּעס איז ער מיר זייער עלעגאַנט געקליידט. אַ ווייסע קאַמזויל אָפן בּייכל מיט אַ מאַסיווע גאָלדענע קייט, אַ שניפּס אַ גרויסאַרטיקער, און ווערליק איך האָב געהערט פון אים, איז ער היינט גאָר „בגלופין", אין די פעדערן, זאָגט מען, קנאַקט און טראַסקעט, פאַרט אין קאַרעטעס, קערט וועלטן!

האָב איך מורא, טאָמער מיינט ער, אַז איך מיין עפּעס.

און איך בין, דאַרפט איר וויסן, בּאַ זיך פון תמיד אַן גדולדיק, אַ ביסל אַ גדלן.

נישט קיין בעל־גאווה, הייסט דאָס, נאָר אַ גדלן.

אַ גדלן האָט אָבער פיינט די וועלט, דאָס הייסט, ניט ער האָט פיינט

די וועלט, נאָר די וועלט — אים, ובפרט, אַז ער איז דערצו נאָך אַן אָרעמאַן...

און איך בין זיך מודה — אָרעם, זאָגט מען, איז ניט קיין שאַנדע — איך בין, לאַ־עליכם, נישט קיין גביר, ווײַט, גאַנץ ווײַט פון אַ נגיד! איך בין, פאַרשטייט איר מיך, פון יענע רײַכע פאַרשטעלטע באַפּוצטע אָרעמע לײַט, וואָס פאַרשטעלן דעם דלות אין שטוב מיט אַ שפּיגל און אַ פּאַרטעפּיאַן, און אין גאַס — מיט אַן אויסגעפּוצטן ראָק און מיט אַ נײַעם קאַפּעלוש; נאָר אַז מע קוקט זיך גוט צו, זעט מען, ווי דער דלות פּײַפט אין אַלע ווינקעלעך און אין קעשענע איז ערבֿ־פּסחדיק...

מיט איינעם וואָרט, ס'איז מיר נישט אין בעסטן; פון אַ צײַט, אַז עס האָט מיר אויפגעהערט צו פידלען. איך האָב שוין איבערגעמאַכט כל עבֿודת־פּרך, איבערגעדינט אַלע עבֿודה־זרהס — עס גייט מיר נישט, באַמש צערײַס זיך. עס גייט מיר ניט אַזוי שטאַרק, אַז איך בין זיך שוין אַליין נמאס געוואָרן; יענעם — שמועסט מען ניט!

עס קאָן זײַן, אַז יענער קלערט גאָר ניט וועגן מיר, האָט מיך אין זי־נען אין דער לינקער פּאה, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז איטלעכער, וועד עס דערזעט מיך, טראַכט זיך: „אָט אַ שלים־מזל! ער קער אַוודאי וועלן בעטן אַ גמילות־חסד? איך וועל אים ניט געבן!"

און איך וועל שוין בײַ אים נישט בעטן, איך זאָל וויסן, דער טויט זאָל מיר זײַן. און מאָמער האָב איך אפילו יאָ אין זינען געהאַט ריידן מיט אים מכח אַ גמילות־חסד, וועל איך אים שוין מכוח זאָגן אַ וואָרט!

— וואָס מאַכט איר? — פרעגט ער מיך און קוקט מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן.

— וואָס זאָל איך מאַכן? — זאָג איך און קוק אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן.

— אָבער ווי גייטס? נישקשה?

— נישקשה.

— נו, דאַנקען גאָט, — זאָגט ער און קוועטשט מיר די האַנט.

— אַף אײַך געזאָגט געוואָרן! — טראַכט איך מיר און קוועטש אים די האַנט.

און אַזוי צעגייען מיר זיך.

נישט אַזוי האָט געקוקט אַף מיר ער, דער, וואָס איך דערצייל אײַך

פון אים, בשעת מיר האָבן זיך באַגעגנט אין אַדעם אפֿן בולוואַר. זײַן קוקן איז געווען גאָר אַן אַנדער מין קוקן, איך האָב אים געלייענט אין זײַנע גוטע, קאַרע, שמייכלענדיקע אויגן.

ער האָט מיך צוגעצויגן צו זיך מיט זײַנע גוטע, קאַרע, שמייכלענדיקע אויגן, און איך האָב מיך אויפגעהויבן און לאָז מיך גלײַך צו אים.

ער ציט מיר אויס די האַנט פון ווײַטן, עפנט אויף דאָס מויל אַף צו לאַכן — און עס זעט זיך אַרויס זײַן קרומער איבערגעוואַקסענער צאָן.

— אַ!?...

— אַ!?...

מיר שטייען איינס אַקעגן אַנדערן און האַלטן זיך בא די הענט — און איך בין זיך מודה: פון זינט עס גייט מיר נישט גוט, האָב איך פײַנט אַ נגיד; איך האָב פײַנט פעטע, געזונטע, פרייליכע פּיסקעס; איך קאָן נישט אָנקוקן אַ פּנים, וואָס איז צופרידן מיט זיך אַליין און מיט דער גאַנצער וועלט! נאָר דער דאָזיקער חברה־מאַן בייגט זיך צו צו מיר עפּעס זייער פרײַנטלעך, און מיר צעקושן זיך.

איך ווייס ניט, ווי אַזוי זאָל איך מיך צו אים ווענדן? זאָגן אים „דו"? — וואַרפט זיך דורך זילבער אין זײַנע גילדענע האָר; זאָגן אים „איר"? — האָבן מיר געלערנט אין איין חדר אַזוי פיל יאָר אינאיינעם!

דאָס אייגענע, אַפּנים, איז פאָרגעקומען בא אים אויך, וואָרעם אַז מיר האָבן זיך צערעדט, האָבן מיר גענומען ריידן „בלשון נסתר", דאָס הייסט, אין דער גאַנצער צײַט האָבן מיר זיך אַזוי געקליגט, אַז מיר האָבן זיך באַגאַנגען אָן „דו" און אָן „איר".

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? אָט וועט איר הערן.

ער: איך שטיי און קוק און קוק, דאַכט זיך יאָ, און דאַכט זיך ניין? וואָס־זשע מאַכט מען?

איך: און איך שטיי און טראַכט די גאַנצע צײַט: אָט דאָס זאָל זײַן טאַקע ער? דאַכט זיך ער, און דאַכט זיך ניט ער. וואָס־זשע הערט זיך? פון וואַנען קומט מען אָן?

ער: פון וואַנען? איך בין דאָך אַ היגער מאַקע, אַן אַדעסער שוין פון וויפל יאָר!

א י ד : און איך בין ערשט ניט לאַנג אַ היגער. געקומען אַהער צו פאָרן זוכן אַ געשעפט.

ע ר : אַ געשעפט? אַ געשעפט דאַרף מען זוכן? בײַ מיר איז פאַרקערט: בײַ מיר איז שוין צו פיל געשעפטן; הלוואי וואָלט איך געהאַט אַזוי פיל מענטשן. שלעכט אָן מענטשן, שלעכט! וואָס מיך קאָסט אָפּ אַ יאָר מענטשן! (אַ באַרימער! — טראַכט איך מיר.) איך האָב נישט קיין גליק צו מענטשן! וויפיל מאָל איך טראַכט מיר: ווען איך האָב כאָטש איין געטרײַען מענטשן, וואָס מע קאָן זיך אָפּ אים פאַרלאָזן, וואָלט איך געלעבט, דאַכט מיר, מער מיט צען יאָר. וואָס זאָג איך מיט צען? מיט צוואַנציק יאָר! איך האָב שוין געפּרוּווט האַלטן אַלערלײ מענטשן — אי ביליקע, אי טײַערע — אַלץ אײנס, נישטאָ קיין געטרײַע מענטשן! (אָט דאָ, טראַכט איך מיר, וועט ער זיך מטמא צעלאָזן, ווי אַזוי ער מאַכט גליקלעך מענטשן און ווי אַזוי זיי עקספּלואַטירן אים — איך קען זיי שוין, די דאָזיקע פילאַנטראָפּן! נאָר איך שלאָג אים נישט איבער און לאָז אים ריידן ווײַטער). איך האָב געהאַט אַמאָל אַזוי פיל חברים, ווען אײנער קומט צו מיר צו גיין און וויל מיר זײַן צו הילף, וואָלט איך אים דאָך אָפּגילטן פון קאָפּ ביז פיס (אַ רעכטער ליגנער! — טראַכט איך מיר — און ווי אָפּ צו להכעיס, באַגעגן איך ניט קײנעם פון מײַנע לײַט. איך קאָן זאָגן, אַז דאָס איז מײַן ערשט באַגעגעניש פון זינט איך בין אַ היגער. דאַכט זיך, מיר זײַנען געווען אַמאָל גאַנץ נאָענטע חברים, האַ?

א י ד : חברים? אַלץ הייסט חברים! אינאײנעם געלערנט, אינאײנעם קעסט געגעסן בײַ איין רבין, בײַם רבין זרח, אָפּן אויוון, ווינטער אין די גרויסע פרעסט.

א י ד : און זומער אין דרויסן, אָפּ דער הוילער ערד.

ע ר : ווי די חזירים אין בלאָטע, מיט אַלע זשאַבעס.

א י ד : און צום שכן טביה אין די פענצטער ווער האָט געוואָרפן שטײנדלעך און איבערגעשראָקן די גאַנצע שטוב מענטשן אָפּ טויט?

ע ר : און בײַ דער פּיראָגדיטשקע די עפּל פונעם קאָשיק ווער האָט געלקחנט מיט אַ שטעקל, אונטן אַ צוויאָק צוגעשלאָגן?

א י ד : און די קאַוועגע הושענא־רבה פונעם וואָגן בײַ גדליה דעם אַלטן?

און אזוי ווײַטער.

צערעדט זיך פון אמאָליקע גליקלעכע, נארישע, נאָר גליקלעכע קינ־דער־יאָרן, קאָנען מיר שוין אזוי גיך ניט אויפהערן; עס שיט זיך בא אונדז ווי פון א זאק; עס גיסט זיך בא אונדז ווי פון א פאס; עס לאָזט זיך גאָרנישט אוים קיין שטאָף — ביז מיר קומען ארויף צו ביסלעך אף אונדזער איצטיקן מעמד, און מיר ווערן געוואָר איינס פונעם אנ־דערן א סך גוטס און א סך שלעכטס, א סך פריילעכס און א סך טרויע־ריקס. איינעם פון אונדז גייט דאָס גוט, מיט הצלחה, דעם אנדערן גייט עס שלעכט, שלים־שלים־מזל; איינער פון אונדז איז א גביר, אן אדיר, דער אנדערער א רעכטער כתריאל. איינער האָלט קינדער אין בעסטער דערציִונג, די עלטערע טאָכטער אויסגעגעבן גליקלעך, די זין אלע אין גימנאזיע; דער אנדערער מוטשעט זיך מיט זײַנע קינדער, ווי אפן טויט, די עלטערע טאָכטער זוכט שטונדן און קאָן ניט געפינען, און דעם זון אין גימנאזיע קאָן ער נישט אײַנגעבן, מע דאַרף האָבן פּראָטעקציעס, עס דאַרף קאָסטן געלט... איינער האָט זיך זײַן אייגן הויז אין אדעס, און נאָך וואָס פאר א הויז — מיט א גאָרטן אן איינגענעם, מיט אלע אנטיקן, א גן־עדן! דער אנדערער איז שוין פון היפשע עטלעכע יאָר נע־ונד, פון איין דירה אין דער אנדערער. ערשט ניט לאַנג האָט מען אים „אָפּגע־שריבן" פון קאָפּ ביז פיס, פארקויפט די בעבעכעס און ארויסגעוואָרפן מיט בזיונות אף דער גאָס. און ס'איז בא אים געבליבן, וואָס ס'וועט זײַן, וועט זײַן — ארויסוואַרפן, אריבערפאָרן אין אן אנדער שטאָט. מע זאָגט, ס'איז א סגולה: משנה מקום משנה מזל.

איך האָב נאָך פאר קיינעם אזוי אָפנטלעך נישט ארויסגערעדט זיך דאָס הארץ, ווי אצינד פאר מײַן חבר, און קיינער האָט מיך נאָך קיינמאָל אזוי נישט אויסגעהערט געשמאַק ביזן סוף מיט אזא גוט־פרײַנטשאַפט. איך האָב דערפילט, ווי א שטיין פון הארצן, צען פּוד משא איז פון מיר אראָפּ. און איך האָב דערזען, ווי זײַנע גוטע, קארע, שמייכלענ־דיקע אויגן זײַנען ווי באנעצט, דאָס פּנים ערנסט. ער לייגט ארויף אף מיר די האַנט און מאַכט צו מיר:

— נו, אַן עק! פון הײַנט אָן און ווײַטער וועט דאָס בעסער גיין. אמת, אמת. משנה מקום משנה מזל. איך ווייס עס פון זיך זעלבער;

ס׳איז מיר אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, אויך געווען נישט גוט! אַצינד וועלן מיר שוין זיצן אינאיינעם.

— וואָס הייסט, זאָג איך, אינאיינעם?

— אינאיינעם וואָס הייסט? — זאָגט ער צו מיר מיט אַ ניגון, און זיינע גוטע, קאַרע אויגן לאַכן — אינאיינעם הייסט, אַז איינער האָט געשעפטן, און דאַרף האָבן אַ הילף ווי אין לעבן אַריין, און זוכט אַ מענטשן אַן אָרנטלעכן, אַ געטרייען, וואָס וויפֿל ער זאָל נישט קאָסטן, איז ער ווערט צוויי מאָל אַזויפֿיל, און גאָט העלפֿט אים — ער באַגעגנט זיך מיט זיינעם אַ חבר, וואָס האָט זיך מיט אים אַזאַ צייט נישט געזען, און ווערט געוואָר, אַז דעם חבר איז נעבעך נישט גוט די צייט און ער זוכט אַ געשעפֿט, הייסט דאָך עס, אַז זיי דאַרפֿן האָבן איינס דאָס אַנ־דערע, — היינט וואָס קאָן נאָך זיין גלייכער דערפֿון?

און בכדי עס זאָל מיר, אַפֿנים, ניט זיין קשה, וואָס ער לייגט מיר פֿאָר אַזאַ גליק, כאַפּט ער אַרויס דעם טייסטער, עפֿנט אים אויף און וויל מיר ווייזן אַ דעפּעש, וואָס מע רופֿט אים אַרויס אַף עטלעכע טעג און ער קאָן ניט פֿאָרן בשום אופֿן נים! נאָר מיינע אויגן קוקן נישט אַף דער דעפּעש, מיינע אויגן פֿאַלן אַפֿן פּעקל אַסיגנאַציעס וואָס אין טייסטער. אַ היבש פּעקל אַסיגנאַציעס — גרויע הונדערטערס און פֿיל־פֿאַרביקע פֿינפֿהונדערטערס; און מיינע אויגן, אַפֿנים, ברענען, און זיינע אויגן באַגעגענען זיך מיט מיינע אויגן, און ער שטויסט זיך, אַפֿנים, וואָס איך קוק, און ער רופֿט זיך אָן אַלץ מיט דעם זעלבן ניגון:

— דאָס געשעפֿט, דאַנקען גאָט, קאָן טראָגן אַף אַלץ און אַ נייער מענטש, אַז ער קומט אָן אין געשעפֿט אַריין, באַדאַרף ער מסתמא האָבן אַ ביסל געלט, און געלט איז דאָך, ברוך השם, פֿאַראַן גענוג, פֿאַרוואָס־זשע זאָל ער ניט נעמען, וויפֿל ער דאַרף? וואָס איז דאָ פֿאַראַן צו שעמען זיך? מע פֿאַרשטייט גאַנץ גוט, וואָס הייסט אַריבערטראָגן זיך אין אַ ניי אָרט מיט קיין עין־הרע קינדער... איך ווייס עס פֿון זיך זעל־בער. איך בין אַליין אויך געווען אַמאָל ניט אין קיין בעסערער לאַגע; איך האָב אַמאָל אַליין אויך געשמייכלט צו־נ־אַ דרייערל, אויך גענוג אויסגעריסן געוואָרן, פֿאַרשוואַרצט געוואָרן — אוי, פֿאַרשוואַרצט געוואָרן!

און מיין חבר זעצט זיך אַנידער מיט מיר באַזונדער אַף אַ באַנק

און דערציילט מיר אויס אינגאַנצן די ביאָגראַפיע זײַנע אין קורצן. א מערקווירדיקע ביאָגראַפיע, עפּעס טאַקע גאָר חדושים ונפלאות, מעשיות פֿון טויזנט איין נאַכט! איך מיט מײַן לעבנס־גע־שיכטע, מיט מײַן איצטערדיקער ביטערער לאַגע בין גאָר א גראַף, א מאַגנאַט אַקעגן אים! איך זיץ נאָר און קוק אױף אים און טראַכט מיר: „וואָס א מענטש קאָן איבערטראָגן אױף זיך!... און אַז גאָט האָט אים גע־קאָנט העלפֿן נאָך אַזעלכע גרויסע צרות מיט אומגליקן, וואָס דער האָט אױף זיך איבערגעטראָגן, איז פֿאַראַן א שטיקל האָפֿנונג, אַז מיר זאָל נאָך אויך אַמאָל זײַן גוט”...

און מײַן חבר נעמט ווידער אַרויס דעם טײַסטער און טראָגט מיר אים אונטער גלײַך אין פּנים אַרײַן.

— וואָס דאַרף מען זיך דאָ שעמען? — מאַכט ער צו מיר — מע נעמט דערווײַל, וויפֿל מע באַדאַרף...

איך פֿרעג מיך אַליין, צי ס'איז ניט קיין חלום, און קוק אין טײַס־טער אַרײַן, און דער טײַסטער איז אָפֿן, און די גרויע הונדערטערס מיט די פּילפּאַרביקע פֿינפֿהונדערטערס שמייכלען צו מיר גלײַך מיט מײַן חברס שיינע, גוטע, קאַרע אויגן, און איך ציִ אויס די האַנט און זאָג:

— נענוג וועט זײַן דערווײַלע צוויי.

איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל זאָגן: צוויי הונדערטערס, צי צוויי פֿינפֿהונדערטערס? און בכדי מיר זאָל, אפֿנים, זײַן גרינגער, רופֿט ער זיך אָן פֿאַר מיר:

— צוויי טויזנט, מײַן איך, וועט זײַן ווינציקלעך.

און ער ציילט מיר אױף זעקס פּילפּאַרביקע פֿינפֿהונדערטערס און מאַכט צו מיר:

— גענוג דרײַ טויזנט אױף דער ערשטער צײַט?

— אָ!... — מער קאָן איך נישט זאָגן גאָרנישט, און לייג צעגויף די האַרטע אַסיגנאַציעס און שטופּ זיי אין בוזעם־קעשענע און פֿיל א מאָדנע וואַרעמקייט פֿון זיי, א גלאַטקייט...

און בכדי ס'זאָל מיר, אפֿנים, ניט זײַן שווער די טובה, רופֿט ער זיך אָן צו מיר ווײַטער:

— און איך וואָלט נאָך א בעלן געווען אָנקוקן, קיין עין־הרע, די דאָזיקע קאָמאַנדע, מײַן חברס קינדער.

און איך ענטפער אים נישט באלד. מיינע געדאנקען זיינען דארט, אין בוזעם־קעשענע, בא די פילפארביקע פינפהונדערטערס, וואס ווארע־מען מיך און גלעטן מיך און קריכן נישט ארויס פון קאפ; און מיינע מחשבות כאפן מיך און טראגן מיך אוועק אהיים, צו ווייב און קינדער, און איך שטעל מיר פאר די שמחה, וואס וועט זיין, אז מע וועט דער־זען פלוצעם אזוי פיל געלט און דערהערן פלוצעם אזא גליק!... און ער זאגט צו מיר נאך א מאל, אז ער וואלט וועלן זען מיין ווייב און קינדער.

— אך! — זאג איך — קאנען מיר דאך גיין גלייך צו מיר. איך זיץ נישט ווייט אט דא. די קינדער זיינען סאמע אין דער היים. גייען מיר?

— פאר וואס נישט? — מאכט ער צו מיר, און איך דערקען אין זיינע אויגן, אז ער ווייס, אז מיינע געדאנקען זיינען דארט, באם געלט, וואס ליגט אין בוזעם־קעשענע, ווארעם איך טו מיך אלע מאל נישט ווי־לנדיק א טאפ צו דעם און לאז ארויס א טיפן זיפץ, און ער, דער הונט, פארשטייט דאס גוט, און טראגט אריבער באלד דעם שמועס ווידער צו־ריק אהין, אין יענע אמאליקע, נארישע, נאר גליקלעכע קינדער־יארן, דערמאנט מיר בילדער שוין לאנג־געשטארבענע, און אזוי קומען מיר צו מיר אהיים.

און דא דערמאן איך מיך אן מיין שטוב, מיין מעבל... און עס ווערט מיר א ביסל א בזיון פאר מיין רייכן חבר, און איך הייב מיך אן פארענטפערן פאר אים.

— א נייע דירה... נישט לאנג אריבערגעקליבן זיך.. .זומער... א שטיקל מישמאש..

ער פארשטייט, אפנים, וואס איך מיין, פארכאפט ער פריער און זאגט צו מיר:

— א־ווא! א גרויסער אומגליק!... אומעטום אזוי! בא מיר אויך ניט בעסער... קומט דער זומער, הייבט זיך אן רעמאנט... א חתונה!

און בשעת־מעשה דערמאן איך מיך, אז אין בוזעם ליגט בא מיר דאס געלט, און עס טוט מיך א ברי, א ברען, א פמאליע, און עס פלים מיר דורך א מחשבה, וואס זאל איך פריער טאן, און גיך־גיך לויפט דורך א חשבון בא מיר אין קאפ: דירה־געלט... דעם קצב... דאס קינד אין גימנאזיע... דעם ווייב שיך א פאר... די טעכטער היטעלעך... זיך א

סורדוס.. א ביסל מעבל... היינט חובות... די אלטע חובות! חובות! חו־בות! חובות!

און עס לויפן דורך בא מיר אין דער מחשבה אלע הארבסטע חובות. מע מוז, מע מוז זיי צאָלן באלד! און איך זע גאָר ניט, אז ס'איז שוין אָפן די טיר, און איינס פון מיינע קינדער גייט מיר אקעגן מיט א בלאס פינצטער פנים. די קינדער נעבעך ווייסן אלע צרות אונדזערע; ווייסן שוין פון דחקות, ווייסן שוין, וואס הייסט פאר מילך, פאר פלייש, אין מארק אריין, דער דוואָרניק דירה־געלט קומט מאָנען, די יידענע פאר טיי, דער ייִד פון האָלץ, א בייזער יונגערמאן מיט א געל בערדל: „פון ווינטער נאָך, טענהט ער, פאר האָלץ האָט איר געקאָנט ביז אהער דריי מאָל שוין באצאָלן!"...

— ווו איז די מאמע? — פרעג איך.

— אין קיך. — ענטפערט מיר דאס קינד.

— קיין דינסט אצינד נישטאָ, ערשט נעכטן אוועקגעגאנגען די דינסט! — פארענטפער איך זיך פאר מיין רייכן חבר און ווער שיר פארברענט פאר חרפה, און דערמאָן זיך, ווי אזוי מיין ווייב וועט אריינ־קומען חלילה מיט פארשמירטע הענט און גאָט ווייס מיט וואס פאר א קליידל...

— בא מיר — זאָגט ער — אויך דאס אייגענע; אלע וואָך, אלע וואָך א נייע דינסט. אן אומגליק מיט די היגע דינסטן!

איך ווייס נישט, וואס צו טאָן: צי זאָל איך לאָזן דאָ מיין חבר זיצן און אליין גיין אין קיך אריין אָנזאָגן מיין ווייב די גוטע בשורה, ווי אזוי גאָט האָט דאָ מיט מיר געפירט? צי זאָל איך בעסער בלייבן זיצן מיט מיין חבר דאָ אין זאַל?

איך זאָג: „אין זאל", עס רעדט זיך אזוי א זאל! א גרויס חדר טאקע, נאָר ליידיק; נישט ליידיק — א פאָר טישלעך שטייען, טעפּ פון קווייטן, א פאָרטעפּיאַן אן אלטער און א שפּיגל, א לאַנגער עדות פון אמאָליקע גוטע יאָרן און פון איצטיקן דלות. א לאָמפּ, אַגי א לאָמפּ א מאָדנע, און א בעטל פונקט אינמיטן זאל. אזוי שפּעט זאָל שטיין א בעט אין זאל און ניט פארבעט נאָך! א הונדערטער וואָלט איך באַ־צאָלט אין דער מינוט, עמעצער זאָל צונעמען פון דאַנען דאס בעטל. עס ברענט מיר דאס פנים פאר בזיון!

מײַן חבר, אַפּנים, שטויסט זיך אָן, וואָס איך בין אַזוי צעמישט, און רופט זיך אָן צו מיר:

— אַ ווילע דירה, אַ פרײַע, אַ „פּראַסטאַרנע"! און דווקא קלוג, וואָס מע שלאָפט אין זאַל. בײַ מיר שלאָפן אויך די קינדער זומער אין זאַל. ס'איז הײס אין אַלע אַלקערס!

— אָט דאָס איז מײַן בן־יחיד, — שטעל איך אים פאָר מײַן זון, וואָס גראָד אַצינד איז אים געפעלן אַראָפּוואַרפן די שטיוול און אַרומ־גיין באָרוועס. מײַן חבר זעט, אַז די מעשה קרענקט מיך, טראַכט ער אוים אַ ליגן:

— זומער גייען בײַ מיר אַלע קינדער באָרוועס...

און דאָ קומט אַרײַן אַ טאָכטער מײַנע, די צווייטע פון דער עלטע־רער. איך שטעל זי פאָר פאַר מײַן אַלטן חבר. זי ווערט רויט ווי פײַער, ניט מחמת זי איז אַזאַ שעמעוודיקע, נאָר מחמת זי גייט זייער אָרדינער, פּראָסט געקליידעט, און דער עיקר זײַנען די שיך — געמיינע שיך מיט לאַטעס, אָן אָבצאַסן, און אויסגעדרייט, צעריסן...

און ווי אַף צו־להכעיס, זעצט זי זיך אַוועק אַזוי, אַז ער דערזעט די שיך, און זי דערזעט, וואָהין ער קוקט, און איך דערזע, ווי זיי קוקן ביידע אַף אירע שיך, און איך ווער צעמישט. ס'זאָל זײַן אַ גרוב, וואָלט איך אַרײַן אַ לעבעדיקער אין גרוב.

— אַ שיין קינד, — מאַכט ער צו מיר אין אויער אַרײַן; — שיין ווי גאָלד!

איך וויל אים עפּעס ענטפערן, קומט אַרײַן די עלטערע טאָכטער מײַנע, שוין אַ היפּשע. גיין גייט זי אַפילו אין גאַנצע שיך, נאָר אַ קאַפּטל האָט זי אָנגעטאָן פון קיסיי, אַ דינס, אָן אַן עלנבויגן. זי ווייס ניט, אַפּנים, אַז סע פעלט בײַ איר אַן עלנבויגן, און זעצט זיך פונקט אַזוי אַנידער, אַז זי קומט אויס מיטן עלנבויגן גלײַך צו אים. ער קוקט אַפן עלנבויגן, איך אַף אים, און בין אויסער זיך פאַר צרות! איך ווינק צו איר, זי פאַרשטייט ניט וואָס, ווערט זי רויט ווי פײַער, הייבט זיך אויף און דרייט זיך אוים צוריק — אוי־ווײ, אַ צרה, אַ שלאַק! דאָס גאַנצע קאַפּטל איז צעפּיצלט!

— איינע שענער פון דער אַנדערער — מאַכט צו מיר מײַן חבר

אפֿן אויער — צו אַזעלכע שיינע קינדער פֿאַרשפּאָרט מען שוין אפילו נדן!

און איך דערמאָן זיך אינעם שדוך פֿון מײַן טאָכטער, וואָס ס'איז שיער געוואָרן, נאָך פֿון פֿאַראיאָרן, אַ גלײַכער שידוך, אַ ווױלער יונג, אַ דאָקטער, און איבער נדן איז זיך עס צעגאַנגען, — און עס טוט מיר ווײ דאָס האַרץ אַף איר, און איך טראַכט מיר:

— אוי, מיט איין יאָר פֿריִער ווען איך באַגעגן זיך מיט מײַן גוטן־גוטן חבר!...

---

— לאָז גיין אין דער ערד אַרײַן דער בעל־הבית מיט דער פּליטע, מיט דער שטוב, מיטן הויף, מיט אַלע הויפֿן, און לאָזן זיי זיך אָנצינדן און ברענען אַפֿן פֿײַער מיט גאַנץ אַדעס אינאיינעם!

איר דאַרפֿט זיך שוין שטויסן, ווער דאָס רעדט; דאָס רעדט אַ ווײַב, בשעת זי קומט אַרײַן פֿון קיך אַ פֿאַרשוויצטע, אַ פֿאַרחושכטע, אַ פֿאַר־יאָמערטע און אַ צעבראָכענע, נעבעך אָן אַ דינסט, דאַרף אַליין קאָכן, וואָס זי איז בפירוש נישט געוווינט געוואָרן; די פּליטע רויכערט, דער קצב וויל שוין נישט געבן אָן געלט, די גויע פֿאַר מילך מאָנט, טרעט נישט אָפּ פֿון קיך, אין מאַרק איז אַף אַלץ אַ יקרות, און די קינדער דער־קוטשען שטאַרק, ווילן אָנבײַסן, דווקא יונגע קאַרטאָפֿעלעך, און דווקא מיט פּוטער!

איך וויל זיך אויפֿהייבן, לויפֿן איר אַקעגן, זי איבערקרופּן, אָנזאָגן איר, ערשטנס, די גליקלעכע בשורה און, צווייטנס, בעטן, זי זאָל זיך איבערטאָן — לאָזט ער מיך ניט, דער חבר מײַנער; ער נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט און מאַכט אַזוי:

— איך וועל מיך בעסער אַליין פֿאָרשטעלן פֿאַר איר.

און ער גייט־צו צו איר און ער שטעלט זיך פּאָר פֿאַר איר, און צווישן זיי פֿאַרבינדט זיך אַזאַ מין שמועס:

ע ר : איך געדענק אײַער מאַן, מאַדאַם, אַ סך פֿריִער פֿון אײַך!

ז י : אַ גליק האָט אײַך געטראָפֿן!

ע ר : מיר זײַנען חברים פֿון קינדווײַז אויף.

ז י : זאָג מיר, ווער זײַנען דײַנע חברים, וועל איך דיר זאָגן, ווער ד ו ביסט...

ע ר : אינאיינעם געלערנט, אינאיינעם געגעסן, אינאיינעם גע־שלאָפן, אינאיינעם אפילו געגנבעט עפּל פון איין קאַשיס.

ז י : אַ שיינע רעקאָמענדאַציע פאַר אײַך ביידן...

ע ר : ניט נאָר עפּל אַליין, קאַװוּנעס אויך.

ז י : גענוג, איך פאַרשטיי שוין װער איר זײַט...

די לעצטע װערטער רעדט אַרויס מײַן װײַב מיט אַזוי פיל סם־המות, אַז מײַן חבר בלײַבט אָן לשון. איך װינק צו איר, מאַך איר מיט די אויגן, זי זאָל אויפהערן ריידן אַזעלכע שאַרפע שטעכעדיקע װערטער, און טראַכט מיר: װען זי װייס, למשל, װ ע ר דאָס איז און װ אָ ס ער איז פאַר אונדז? פילט זי זיך ניט און ענטפערט מיר:

— װאָס װינקסטו צו מיר? איך פאַרשטיי שוין, װאָס דאָס איז פאַר אַ מין פראַנט, אַז ער איז דײַנער אַ חבר.

— מאַדאַם! — רופט זיך אָן צו איר מײַן חבר שוין מיט אַ טאָן פון אַ מענטש, װאָס געפינט זיך אַ ביסל באַליידיקט: — מאַדאַם, װעד־ליק איך זע, זײַט איר נישט זייער קיין געהויבענע מיינונג װעגן אײַער מאַן, דאַרף איך אײַך זאָגן, אַז איך קען אים בעסער פון אײַך.

— דאַרף איך אײַך זאָגן, — ענטפערט זי מיטן אייגענעם נוסח װאָס ער, — דאַרף איך אײַך זאָגן, אַז קיינער בעט אײַך נישט, איר זאָלט זײַן פאַר אים אַ מליץ יושר. ער קאָן זיך זײַן שטעטל, נישקשה, אַליין באַשטיין.

איך זע, מײַן חבר האָט שוין גאָר אַן אַנדער פּנים: די באַקן ברע־נען אים שוין גאָר מיט אַ מאָדנע פײַער; די גוטע, קאַרע, תמיד שמייכ־לענדיקע אויגן האָבן אויפגעהערט צו לאַכן, און ער שוויצט, שוויצט מיט סכנת־נפשות!... װאָס זאָל איך דאָ טאָן? איך בין אויס מענטש! איך עס זיך! עס האָט מיר פאַרשטערט, פאַרסמט די גאַנצע שמחה מײַנע! איך האָב פאַרגעסן אָנעם געלט, װאָס ליגט בײַ מיר אינעם בוזעם־קע־שענע; איך האָב פאַרגעסן אָן אַלצדינג; איין געדאַנק ליגט מיר איצט אין מח, איין מחשבה: „װי אַזוי נאַרט מען אַרויס מײַן װײַב פון דאַנען? װי אַזוי גיט מען איר צו װיסן, װ ע ר מײַן חבר איז און װ אָ ס ער האָט פאַר אונדז געטאָן?” און איך קוק אַף איר מיט געבעט, װי אַ אײַ־נער רעדט: „האָב רחמנות, מאַך צו דאָס מויל, הער אויף צו ריידן!” גאָר, װי אַף צו־להכעיס, האָט זי זיך צערעדט:

— איך ווייס, זאָגט זי, די גוטע ברידער זײַנע מיט די שיינע חברים פונעם חדר! עפּעס רעכטס וועט צו אים נישט אָנשלאָגן... אָדער אַ שלים־מזל אַ קבצן, אָדער אַ באַרימער, וואָס קומט דערציילן גליקן... אָט איז ערשט יענע וואָך געקומען צו אים זײַנער אַ בן־עיר, מיט אים אַ גאַנצער רב שמעלקע, פֿון ווײַט איז ער געקומען, אַזש פֿון אַלדי שווארצע יאָר, אים אָנדערציילט אַזעלכע גוזמאות פֿון זיך, אַז דער קאָפּ האָט זיך גע־דרייט: אַ גאַנצער מיליאָנער, און אַ נדבן, אַ גוטער מענטש, אַ בעל־טובה אין דער וועלט! און אַז ס'איז געקומען צו דעם, אַז מײַן מאַן... — וואָס שעמסטו זיך? עס איז דאָך דײַנער אַ חבר, זאָגסטו, וואָס איר האָט אינאיינעם אַמאָל געגנבעט עפּל פֿון איין מולטערל... און אַז ס'איז געקו־מען דערצו, אַז מײַן מאַן האָט אים געזאָגט, אַז...

איך קאָן מיך מער שוין נישט אײַנהאַלטן. איך גיי אַרויס פֿון די כּלים. קוים, וואָס איך שטיי אויף די פֿיס. איך פֿיל, אַז אָט־אָט פּלאַצט אין מיר דאָס האַרץ. איך מוז מאַכן אַ סוף צום דאָזיקן שמועס! און איך טו אַ געשריי צו מײַן פּלונית נישט מיט מײַן קול:

— אָבער גע־נוג!!! — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— וואָס איז? וואָס שרײַסטו? גאָט איז מיט דיר! שטיי אויף! — מאַכט צו מיר מײַן ווײַב, אַן איבערגעשראָקענע אויף טויט, און וועקט מיך אויף פֿונעם שלאָף.

*
**

איך זעץ מיך אויף, וויש־אויס די אויגן, קוק מיך אַרום אויף אַלע זײַטן.

— ווו איז ער ערגעץ?

— ווער? וועמען זוכסטו?

— דער קרוב מײַנער... דער חבר, מײַן איך...

— וואָסער קרוב? וואָסער חבר? עס האָט זיך דיר געחלומט אַ חלום... שפּײַ אויס דרײַ מאָל... האָסט זיך שפּעט געלייגט שלאָפֿן... איך האָב דיר וויפֿל מאָל געזאָגט, שפּעט באַנאַכט זאָלסטו נישט שרײַבן...

און איך טאַפּ מיך אין דער זײַט באַם בוזעם. איך זוך די בוזעם־

קעשענע. איך פֿיל, אַז געוואַלד! אַט־אַ־דאָ־אָ, אַף דעם אָרט, איז געלעגן נאַר־וואָס אַ פּעקל מיט האַרטע פּילפּאַרביקע פֿינפֿהונדערטער! איך הער נאָך דאָס קנאַקן זייערס, איך פֿיל נאָך די גלאַטקייט פֿון זיי אין די הענט מיט דער וואַרעמקייט אַף דער נשמה!...

און איך דערמאָן מיך, אַז מאָרגן צען אַזייגער אינדערפֿרי קומט צו מיר דער סודעבני פּריסטאַוו איבערשרײַבן און אויספּאַרקויפֿן די בעגק־לעך מײַנע, און דער בעל־הבית וואַרפֿט מיך אַרויס פֿון דער דירה, און דער קצב מאָנט פֿאַר פֿלייש, און די גויע פֿאַר מילך, און די ייִדענע פֿור־נעם קלייטל האָט מיר צוגעזאָגט מאָרגן, אם ירצה השם, גאַנץ פֿרי זײַן בא מיר נאָך אַ מאָל, און דער ייִד פֿון האָלץ וועט אויך נישט שווײַגן; ער קומט אַלע מאָל צו גיין און פֿרעגט מיך נאָר: „היתכן?"... און דאָס ייִנגל מײַנס זאָגט מיר אָן אַ בשורה, אַז ער איז שוין פֿאַרטיק צום עקס־זאַמען! מאָרגן איז דער עקזאַמען — מזל־טוב דיר, מײַן קינד, זאָלסט דערלעבן אָנזאָגן בעסערע בשורות!... עס באַשלאָגט מיך אַ שווייס און עס ווערט מיר קאַלט אין אַלע אברים.

געשריבן אין יאָר 1903

Este libro se terminó de imprimir
el día 10 de diciembre de 1956
en los Tall. Gráficos "Optimus"
S.R.L. - Valentín Gómez 2715-19
Buenos Aires